קובץ
שלשלת האור

| | |
|---|---|
| היכל<br>תשיעי | שער<br>שלישי |

# לקוטי שיחות

## — א —

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל שליט"א
## שניאורסאהן

**מליובאוויטש**

ספר ראשון — כרך ראשון

**בראשית, שמות, ויקרא**

— הוצאה חדשה ומתוקנת עם הוספות —

**הוצאה ששית**

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות חמשים ואחת לבריאה
הי' תהא שנת אראנו נפלאות
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

# מפתח כללי

הקדמת המו"ל ........................ III
לוח המפתחות ........................ V

## לקוטי שיחות

בראשית ........................ 1
שמות ........................ 111
ויקרא ........................ 205

---

# LIKKUTEI SICHOS

## Vol. 1

**BEREISHIS, SHEMOS, VAYIKRO**

Ninth Printing: 5759 ◆ 1999

*Published and Copyrighted by*

**VAAD L'HAFOTZAS SICHOS**

788 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213

(718) 774-7200

*Printed in Eretz Yisroel*

**Library of Congress Cataloging-in-Publication Data**

Schneersohn, Menaḥem Mendel, 1902—
LIḲUṬE SIḤOT
'al parshiyot ha-shavu'a, ḥagim u-mo'adim
(vol. 1) Bereishis, Shemos, Vayikro.

(Sifriy. Otsar ha-ḥasidim, Lyubayiṭsh) (Ḳovets shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3)

In Hebrew and Yiddish.

Title on verso fo t.p.: Likkutei Sichos (vol. 1)

1. Hasidism--Sermons. 2. Bible. O.T. Pentateuch--Sermons. 3. Jewish Sermons--United States. 4. Sermons, Hebrew--United States. 5. Sermons. Yiddish--United States. 6. Habad–Addresses, essays, lecture. 7. Festival-day sermons. Jewish. I. Title. II. title: Likutei Sichois. III. Series: Sifriyat Otsar ha-Ḥasidim, Lyubayiṭsh. IV. Series: Ḳovets Shalshelet ha-or; hekhal 9, sha'ar 3.

BM198.S3355s 1989 Hebr
ISBN 0-8266-5718-4 (set)
ISBN 0-8266-5719-2 (vol. 1)
Library of Congress Catalog Card #61-57983

נדפס בדפוס
שמחה ובנו גרשון גלוקאָוו

ב"ה.

# הקדמה

## — צו דער ערשטער אויפלאַגע —

אָנהויבס יאָר תשי"ט — אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דרייסיק־יאָריקן חתונה יובל פון כ"ק אדמו"ר שליט"א — איז די הנהלה פון צעירי אגודת חב"ד צוגעטראָטן צו די פאַרבאַרייטונגען אַרויסצוגעבן אין דרוק אַ זאַמלונג פון שמועסן — שיחות קודש — וואָס כ"ק אדמו"ר שליט"א האָט געזאָגט ביי פאַרשידענע התוועדות'ן — שבת מברכים, יום טוב און אַנדערע חסידישע צוזאַמענקונפטן — אין פאַרלויף פון די יאָרן תש"י ביז תשי"ט.

אויף אַ התוועדות חברים פון צעירי אגודת חב"ד, צו דער דאָזיקער חתונה־יובל־געלעגנהייט, איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן אָפּצודרוקן די אויבנדער־מאָנטע שיחות־זאַמלונג אויף אייגענע קאָסטן דורך גלייכער ביישטייערונג פון יעדן מיט־באַטייליקטן חבר. דער דאָזיקער באַשלוס — צוזאַמען מיט אַ בקשה עס אָנצונעמען ווי אַ מתנה פון צעירי אגודת חב"ד — איז שריפטלעך איבער־געגעבן געוואָרן צו כ"ק אדמו"ר שליט"א אין יום היובל — י"ד כסלו תשי"ט, וועלכע איז צו אונזער פרייד אָנגענומען געוואָרן לרצון, און מיר האָבן באַקומען הסכמתו וברכתו הקדושה.

די דאָזיקע שיחות זיינען פריער דערשינען — מימיאָגראַפירט — אין פאַרלויף פון חג השבועות תשי"ח ביז חג השבועות תשי"ט — אין איינצלנע וועכנטלעכע קונטרסים, לויט די סדרה פון יעדע וואָך. אין דעם זעלבן סיסטעם זיינען די שיחות אויך אויסגעשטעלט געוואָרן אין דרוק.

די אַלע שיחות דערשיינען דאָ לויט די פאַרצייכענונגען — „הנחות" — פון פאַרלעסלעכע צוהערער — „חוזרים" — ווי זיי האָבן עס געהערט פון רבי'ן שליט"א. הגם דער אינהאַלט פון די שיחות קודש איז דאָ ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן, איז עס אָבער מערסטנס, ניט קיין ווערטערלעכע פאַרצייכענונג. דאָס מאַכט פאַרשטענדלעך וואָס אין געוויסע פלעצער אַנטשפּרעכן ניט די שיחות דעם פיין־געבויטן שפּראַך־סגנון און ניט דעם טיף־קלאָרן צוזאַמענבונד פון ענינים, מיט וועלכע די רייד פון כ"ק אדמו"ר שליט"א צייכענען זיך אויס מינדלעך און שריפטלעך.

* * *

צוליב פאַרשידענע אורזאַכן האָבן זיך די הכנות צום דרוק היפּש פאַרצויגן. אָבער בע"ה איז אונז ענדלעך געלונגען צו באַוועלטיקן אַלערליי שוועריקייטן, און מיט טיפער אינערלעכער פרייד פאַרצייכענען מיר די דער־

שיינונג פון דאָזיקן ערשטן שיחות־באַנד — וואָס אַנטהאַלט די שיחות אויף די חומשים בראשית, שמות און ויקרא.

דער ערשטער ספר השיחות ערשיינט צום יום הבהיר י״א ניסן, דער זעכציקסטער יום הולדת פון כ״ק אדמו״ר שליט״א ד׳ יאריך ימיו ושנותיו בטובה ומתיקות וינהיג את כל ישראל בכלל ואת אנ״ש בפרט בהצלחה מרובה עד בוא משיח צדקנו בב״א.

אונזער שטאַרקסטע האָפענונג להשם יתברך אַז אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן דערשיינען אויך די איבעריקע טיילן פון ספר השיחות.

* * *

פאַר דעם נוצן פון די לערנער־לייענער זיינען אויך צוגעגעבן געוואָרן אונטערן טעקסט די מראי מקומות צו די פאַרשידענע געבראַכטע ציטאַטן און אויך קורצע דערקלערונגס־באַמערקונגען.

**צעירי אגודת חב״ד המרכזית**

י״א ניסן ה׳תשכ״ב, ברוקלין, נ. י.

## להוצאה רביעית

אין צוזאמענהאנג מיט דעם יובל החמישים פון דער חתונה פון כ״ק אדמו״ר שליט״א (י״ד כסלו תרפ״ט).

דרוקן מיר איבער די ערשטע פיר בענדער פון „לקוטי שיחות״ וואס שוין א משך זמן זיינען זיי ניטא צו באקומען.

**ועד להפצת שיחות**

ר״ח כסלו, חודש הגאולה, ה׳תשל״ט, ברוקלין, נ.י.

ב"ה.

# להוצאה החמישית

באשר ההוצאה הקודמת של ספר לקוטי שיחות חלק א' אזלה מן השוק,

הננו מוציאים לאור בזה הוצאה חדשה, ונתתקנו בה כמה מטעויות הדפוס שנפלו בהוצאה הקודמת.

**ועד להפצת שיחות**

עשק"מ אדר ה'תשמ"ה.
ברוקלין, נ.י.

ב"ה

# להוצאה ששית

באשר הוצאה הקודמת של לקוטי שיחות חלק א' אזלה מן השוק, ולקראת יום הבהיר ה' טבת, הבעל"ט, הננו מוציאים לאור בזה הוצאה חדשה.

ועד להפצת שיחות

ימי חנוכה, ה'תנש"א (הי' תהא שנת אראנו נפלאות)
ארבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א
ברוקלין, נ.י.

ב"ה

## להוצאה החדשה

באשר הוצאה הקודמת של ספר לקוטי שיחות חלק א על ספר בראשית - ויקרא אזלה מן השוק,

הננו מוציאים לאור בזה הוצאה חדשה, ונתקנו בה כמה מטעויות הדפוס שנפלו בהוצאות הקודמות.

**ועד להפצת שיחות**

ג' סיון, תשנ"ה, שנת הקהל,

ברוקלין, נ.י.

# מפתח


**בראשית** ........................................ 1

השפעת שבת בראשית על הנהגת השנה כולה .......... ס״א

מנהג מכירת „מצוות״ בשבת בראשית – בעבודת האדם .......... ס״ה

שבת מברכים מ״ח, „מר״ לשון גשם, ירידת גשמים .......... ס״ז

**נח** ........................................ 4

המבול פעל טהרה בעולם כ„מקוה״; טרדות הפרנסה „מים רבים״ .... ס״א

ב׳ ענינים במבול: „תהום רבה״ ו„ארובות השמים״; ושניהם ב„דאגות הפרנסה״ .......... ס״ד

ההצלה ממי המבול – ע״י „בא אל התיבה״, תיבות התורה ותפלה .. ס״ה

„בא אל התיבה אתה ואשתך וגו׳״: חיוב ההשפעה על המשפחה וחינוך בני הבית .......... ס״ו

ב׳ דרגות בטהרה: „לפני מי אתם מטהרים״, „מי מטהר אתכם״; תשובה על חטאים ותשובה דוהרות תשוב גו׳ .......... ס״י

**לך לך** ........................................ 15

טעם שהנסיון הראשון דאברהם הנזכר בפירוש בתורה הוא „לך לך מארצך גו׳״ .......... ס״א

בפ׳ לך לך מסופר ע״ד לידת ישמעאל וההבטחה על לידת יצחק – ההוראה מזה .......... ס״ו

פתיחת הצנור דמס״נ ע״י אברהם .......... סט״ו

**וירא** ........................................ 23

סיפור עם אדמו״ר (הרש״ב) נ״ע שבכה בקטנותו למה לא נגלה אליו ה׳ ומענה הצ״צ ע״ז .......... ס״א

לידת יצחק אחרי מילת אברהם – הוראה מעבודת יצחק .......... ס״ח

**חיי שרה** ........................................ 31

אברהם ושרה – נשמה וגוף; מעלת הגוף – „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה״ .......... ס״א

טעם קפיצת הדרך דאליעזר בשידוך יצחק ורבקה .......... ס״ה

„יפה שיחתן כו׳ מתורתן של בנים״: מעלת ענין הנישואין ושצ״ל מיוסד על תומ״צ .......... ס״ח

שבועת אליעזר לאברהם – בנקיטת חפץ .......... סי״ב

פ׳ ח״ש – התחלת הגאולה, קנין חלק בארץ ע״י אברהם .......... ס״כ

**תולדות** ........................................ 45

אברהם הוליד את יצחק, ועשה משתה גדול ביום הגמלו .......... ס״א

לע״ל יאמרו ליצחק אתה אבינו, מעלתו – פחד; הי׳ בג״ע ג׳ שנים ... ס״ח

הוראה מהנ״ל – שמירה לפני החתונה וקבלת סמיכה לפני החתונה סי״ג

טעם שברכות יצחק ליעקב היו ע״י מרמה דוקא .......... סכ״א

במדרש על „ויתן לך״: עשר ברכות כנגד עשרה מאמרות .......... סכ״ה

**ויצא** ........................ 60
ירידת יעקב לחרן לפני בנין בית ישראל ............ ס״א
מסירת נפשו של יעקב בבית לבן – הוראה בזמן הזה בענין החינוך ... ס״ז
ההכנות הראשונות לחתונה בתורה – ביעקב; דין שבע ברכות, אין מערבין שמחה בשמחה; בעבודת האדם ........ ס״ט

**וישלח (י״ט כסלו)** ........................ 68
הקשר בין הפירוש הפשוט ב„עם לבן גרתי״ עם הדרש „ותרי״ג מצוות שמרתי״; מצד יעקב היה עשו מוכן אל הגאולה; הוראה בעבודה והקשר עם י״ט כסלו ........ ס״א
במדרש – „וחמור זה מלך המשיח״; ביאור השייכות דמשיח לענין „עני ורוכב על החמור״; חמור דאברהם דמשה ודמשיח, בירור החומריות ........ ס״ז
פירוש אדה״ז בפסוק „ויאמר לו איכה״ שאמר להשר בהיותו במאסרו וההוראה מזה ........ ס״ג
כסלו חודש השלישי – זמן גילוי פנימיות התורה כחודש סיון זמן מ״ת. סט״ז

**וישב** ........................ 76
פירוש הה״מ במ״ש „וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען״ וההוראה בעבודת האדם ........ ס״א
ההוראה מהא דיוסף הי׳ „יפה תואר ויפה מראה״ ומעשה אשת פוטיפר: יוסף ענינו „יוסף ה׳ לי בן אחר״, לעשות בע״ת, וצריך להיות „קשוט עצמך תחילה״; אשת פוטיפר לש״ש נתכוונה (רש״י וישב לט, א) – יש ענינים שבחיצוניות הם העלם והסתר ובפנימיות סיוע לקדושה ........ ס״ה

**חנוכה** ........................ 81
אף ש„חנוכה״ לשון חינוך מ״מ הי׳ נס בפך השמן מחמת **חיבתן** של ישראל באופן דהידור מצוה – כי שלימות החינוך צ״ל בלי פשרות ........ ס״ט

**מקץ** ........................ 85
ביאור ענין החלומות בעבודת האדם; העבודה בזמן הגלות למע׳ ממדידה והגבלה ........ ס״א
„כי הפרני אלקים בארץ עניי״ ........ ס״ח

**חנוכה** ........................ 89
החידוש דנרות חנוכה על נרות המקדש וההוראה בעבודת האדם ... סי״א
בחנוכה ב׳ חידושים: א) לא רק הידור מצוה אלא „מהדרין מן המהדרין״. ב) זהו מנהג פשוט בכל ישראל ........ סט״ו

**ויגש** ........................ 94
הגשת יהודה ליוסף „למלחמה״, „כי עבדך ערב את הנער״ – הוראה להורים על אחריותם בנוגע לילדיהם ........ ס״א
„ואת יהודה שלח לפניו גו׳״ – „לתקן לו בית תלמוד״: הכרח יסוד ישיבות בחושך הגלות, וגם אופן הלימוד בישיבות צ״ל בלי מחשבות ע״ד תכלית וכו׳ ........ ס״ג
בכתהאריז״ל, שע״י שהכריח יוסף מדעת עצמו את המצרים למול נוספה חיות ב„קליפות״ – הביאור בעבודת האדם ........ ס״ט

**ויחי** .................................................. 102
ביאור ברכת אשר „שמנה לחמו" ובאופן ד„טובל בשמן **רגלו**"; מעלת הרגל .................................................. ס"א
המשך – הקשר למחנה דן (ששבט אשר הי' במחנהו) – „מאסף לכל המחנות" .................................................. ס"ג
המשך – „ההוא דאמר דונו דיני . . שמע מינה מדן קאתי" (פסחים ד, א). ס"ה
המשך – ברכת נפתלי (ג"כ ממחנה דן) „ים ודרום ירשה" .......... ס"ח
המשך – שייכות שבט אשר למצות שמיטה .................. סי"א
„מאשר שמנה לחמו" – „שהוא מעמיד בגדי שמונה", „יהי רצוי אחיו" – „שהיו בנותיו נאות כו' נשואות לכהנים גדולים" .................. סט"ו

**שמות** .................................................. 111
„וכל הבת תחיון" – שיקבלו ה„חיות" ממצרים, ובעבודה בזמננו ...... ס"א
„ואת עמלנו אלו הבנים שנאמר כל הבן גו'" – חינוך הבנים באופן דעמל דוקא .................................................. ס"ו
מעלת תשב"ר ותקנת יהושע בן גמלא .................................. ס"ט
המענה על הטענה „למה הרעות" – „וידעתם כי אני ה'"; דוקא ע"י עבודת פרך בגלות מגיעים לגילוי שם הוי' וכן ע"י הגלות עתה לגילוי דלעתיד; אבל מכיון שטענת „למה הרעות" יש לה מקום, לכן אפשר להחליף השיעבוד ביגיעה בתורה, וכן טרדות הפרנסה על טרדות הלימוד, היינו לימוד שלא לפי הטבע .................................................. סי"א

**וארא** .................................................. 119
ההוראה מהמכות „דם צפרדע" וסרדן .................................. ס"א
מזה שהלשון החמישית של גאולה שכנגד הגאולה העתידה נאמרה כבר ביצי"מ מוכח שכבר ישנה במציאות, וע"ד מ"ד „אשו משום חציו" שבשעת ההדלקה כבר מתחייב .................................................. סי"ד

**בא (ויו"ד שבט)** .................................................. 127
תוקף המס"נ דבנ"י בזמן יצי"מ, ששחטו הע"ז של מצרים......... ס"א
ענין אכילת מצה בעבודה; ביטול .................................. ס"ה
חידושו של אדמו"ר ריי"צ בתור נשיא – פועל ממש ובהתפשטות ... סי"ב
הקשר דיו"ד שבט ומס"נ דנחשון בן עמינדב.................. סי"ח
סיפור בכייתו של הריי"צ בשעת הברית ופתגם אדמו"ר מהר"ש .... סכ"ו
סיפור הנשיקה חסידית שנשקו אדמו"ר (הרש"ב) נ"ע .............. סכ"ז
רצונו של אדמו"ר (הרש"ב) נ"ע לנסוע לא"י ולהשאיר את החסידים בידי הריי"צ כשהי' בן י"ז.................................................. סכ"ח

**בשלח** .................................................. 139
מעלת שירת הנשים (מרים) על האנשים, ובעבודה .................. ס"א
ההפרש בין מלחמת פרעה ומלחמת עמלק .................................. ס"ט

**טו בשבט** ........ 146
מחלוקת ב״ש וב״ה בר״ה לאילנות – כח ופועל ........ סט״ו
ענין ר״ה לאילנות בעבודה ........ סי״ח

**יתרו** ........ 148
וידבר גו׳ לאמר – עשרת הדברות ועשרה מאמרות; אור התורה צריך להאיר בעניני העולם ........ ס״א
בשעת מ״ת – נסתר בגלוי ונגלה בהעלם ........ ס״ד
תשובה לב׳ טענות המנגדים לחסידות: א) מה יום מיומיים. ב) ביטול המציאות – ברוגמא מרפואות הגוף שנתחדשו לאחרונה ........ ס״ה
סיפור ע״ד הרבנית רבקה שאמר לה הצ״צ „מוטב לאכול בשביל התפלה כו׳״ ........ 152

**משפטים** ........ 155
ביאור הצ״צ בפסוק „על כל דבר פשע על שור על חמור על שה גו׳״ ע״פ חסידות בפקדון הנשמה כו׳ ........ ס״א
„אם כסף תלוה״ – בעבודת האדם ........ ס״ט
„מלוה ה׳ חונן דל״ ........ סט״ו

**תרומה** ........ 162
הטעם שתרומת המזבח ותרומת האדנים בכל ישראל בשוה משא״כ תרומת המשכן; ובעבודה ........ ס״א
הקרשים מעצי שטים, הפיכת שטות דלעו״ז ע״י שטות דקדושה (ופרצת); ההוראה בפועל ........ סי״ב
ביאור העבודה ד„ופרצת״ ........ 169

**תצוה** ........ 170
מעלת שמן (שבתורה) על יין ומים ........ ס״א
טעם שהציווי על מזבח הזהב הוא בפ׳ תצוה ........ ס״ה
נתקשה משה במעשה המנורה – ברוחניות, ובעבודת האדם ........ ס״ו

**פורים קטן** ........ 175
„וטוב לב משתה תמיד״ – שדעתו רחבה ושמח בחלקו, בעבודת האדם ........ סי״ד

**תשא** ........ 178
„כמין מטבע של אש הוציא הקב״ה מתחת כסא כבודו והראהו למשה״ – ברוחניות ובעבודה ........ ס״א
בהפטרה – „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים״ ........ סי״א

**ויקהל** ........ 187
„ויקהל גו׳ אלה הדברים גו׳ ששת ימים תעשה מלאכה גו׳ שבת שבתון״ למחרת יום הכיפורים – הקשר בין כל ענינים אלה; עסק הפרנסה בחיצוניות ........ ס״א
קשר ל״ט מלאכות שבחול עם מלאכת המשכן ........ ס״ט

**אדר** ........ 194
„כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה כך משנכנס אדר מרבין בשמחה״ סי״א

**פקודי** ........................ 195
טעם חזרת הענינים שבפרשיות תרומה־תצוה בפרשיות ויקהל־פקודי: שם נאמרו כפי שהם (א) מהקב״ה (ב) למשה (ג) בסיני, וכאן נעשו (א) ע״י ישראל (ב) למטה (ג) בדברים גשמיים; מעלת ה„פועל" על ה„כח". וזהו „המשכן משכן העדות" – ב׳ משכנות ........ ס״א
הקשר די״ח ברכות בשמו״ע „בנגד י״ח ציוון שבמשכן שני" (ירוש׳ ברכות פ״ד ה״ג) היינו משכן שבפ׳ ויק״פ; ביאור ענין התפילה ........ ס״ח
קשר דסוף פקודי ותחילת ויקרא – מהעלם אל הגילוי ........ סי״ג

**ויקרא** ........................ 205
„אדם כי יקריב **מכם** גו׳" הקרבת האדם עצמו, ובהקדמת בדיקה ממומין, תשובה ........ ס״א

**זכור** ........................ 208
ד׳ זמנים ושלבים במלחמת עמלק; בעבודה ........ ס״ו

**פורים** ........................ 213
הוראה כללית מנס פורים – בנ״י אינם תחת גדרי הטבע אלא תלויים בהקב״ה ובתומ״צ ........ ס״א

**צו** ........................ 217
„אש תמיד תוקד על המזבח" – „תמיד אפילו בשבת, תמיד אפילו בטומאה"; באש שבמזבח שבלב כל אחד מישראל ........ ס״ז
פי׳ הרב המגיד (ממעזריטש): „לא תכבה" – „לכבות" את ה„לא", זכירת מעשה עמלק ........ ס״ח
אש שלמטה הכנה לאש שלמעלה ........ ס״ט
סדר ד׳ הפרשיות וההוראה בעבודה ........ סי״ב

**שמיני** ........................ 222
ב׳ דעות ב„סימנים" דבהמות טהורות אם הם סיבה או סימן בעלמא .. ס״א
ביאור ענין „מפרסת פרסה ומעלה גרה" בעבודת האדם ........ ס״ד
ביאור סימני טהרה דעוף ........ ס״ט
ביאור הסדר בפ׳ שמיני: שמיני למילואים, מיתת בני אהרן, בהמות טהורות כו׳ ואכילת שקצים ורמשים ........ ס״י
ההפטרה – „המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה׳", וההוראה ........ סי״א

**תזריע** ........................ 231
בזמן הזה „איש מזריע תחילה יולדת נקבה אשה מזרעת תחלה יולדת זכר" ולע״ל גם כשאיש מזריע תחלה תלד זכר – בעבודה ........ ס״א
בזמן הזה – מעלת אתערל״ת, ולע״ל להוי כדין וכדין ........ ס״ז
המשכה והעלאה – ניסן ותשרי, וביאור המחלוקת מתי עתידין להגאל . ס״ט
פירוש אור החיים הקדוש על „אשה כי תזריע וילדה זכר" שמרמז לכנס״י המולידה את הגאולה העתידה ע״י המצוות ........ סט״ו

**מצורע (שבת הגדול)** ........ 239
הקשר דפ׳ טהרה עם יצי״מ שנגאלו בזכות האמונה, היינו ההכרה בנסים אף שבשביל הבחירה נעשים באופן דהרוצה לטעות יטעה ........ ס״א
בהמשך לזה – ביאור מרז״ל „רוח צפונית אינה מסובבת״ ........ ס״ז

**שבת הגדול** ........ 243
חידוש המנהג שהרב וכל בעל השפעה ישלח „מצות־שמורות״ לליל הסדר לכל „בעלי־הבתים״ ........ ס״י

**פסח** ........ 244
מה נשתנה: ביאור סדר השאלות בנוסח חב״ד ........ ס״א
הרי אני כבן שבעים שנה כו׳ ........ ס״ה
כנגד ד׳ בנים כו׳ ........ ס״ט

**אחרי** ........ 253
„עשו משמרת למשמרתי״, מעלת גדרים וסייגים

**קדושים** ........ 254
הקשר בין „קדושים תהיו״, „איש אמו ואביו תראו״ ו„את שבתותי תשמורו״ וסדרם ........ ס״א
העבודה ד„קדש עצמך במותר לך״ והקשר לגילוי דלעתיד ........ ס״ו
ביאור פירוש רלוי״צ נ״ע מבארדיטשוב במשנה „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה״ ד„מלאכה״ היא אהבת ישראל ........ סי״ד
ביאור המשנה „כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב״ ........ ס״כ

**אמור** ........ 263
מעלת חודש אייר: כל החודש ספה״ע, ר״ת אברהם יצחק יעקב רחל . ס״א
הטעם שנאמר גבי ספה״ע „ממחרת **השבת**״, ע״פ הביאור הפנימי דספה״ע ענינה בירור נה״ב והכח לזה הוא מ„גבוה ביותר״, ענין השבת ........ ס״ה
ספה״ע מצוה בפ״ע בכל יום, אבל מיוסדת על ספירת הימים שעברו, ולפי״ז הפרש בין עבד שנשתחרר לקטן שנתגדל, וכן נפק״מ אם יבוא משיח באמצע ימי הספירה ........ סי״ז

**בהר** ........ 273
הטעם שממצות שמיטה דוקא נלמד שכל המצוות נאמרו (כללותיהן ופרטותיהן) בסיני, כי ענינה מס״נ, והכח לזה מהר סיני, ביטול ותוקף, ועי״י משה רבינו דוקא ........ ס״א
„אמר ר׳ יוסף לא ;תיתני ענוה דאיכא אנא״, ביטול ותוקף ........ סט״ז
נתינת התורה על הר סיני שאין בו מעלות (של הרים אחרים) – רמז לענין „אילו נצטוינו לחטוב עצים״ ........ סי״ח

**בחוקותי (ל״ג בעומר)** ........ 281
„אם בחוקותי״ בקשה והבטחה כמו „ואהבת״, שרש כל המצות ........ ס״א
„אם בחוקותי״ לשון חוקים, קבלת עול ........ ס״ג
„ונתתי גשמיכם״ – תורתו של משיח וגם גשמיות בפשטות ........ ס״ד
פסוקי התוכחה הם ברכות נעלות שנאמרו בלשון נעלמה בפירוש הרשב״י במעשה עם בנו (מו״ק ט, א) ........ ס״ה
המשך – הקשר **לרשב״י**, מרא דפנימיות התורה ........ ס״ו
בג׳ מקומות בתניא (ח״א פכ״ו, אגה״ק סכ״ב, שם סי״א) נת׳ העצה איך לקבל יסורים, החידוש שבכ״א ........ ס״ח

**ל״ג בעומר** ........................................... 285
בשבת שאחרי ל״ג בעומר עולים כל עניניו .................. ס״ט
ענין הסתלקות רשב״י וביאור מ״ש במדרש ע״פ „לא יראני האדם וחי״ ס״י
מעלתו של רשב״י והילולא שלו ........................... סי״ג
סיפור הבקעה שנתמלאה דינרי זהב ........................ סט״ו

# פרשת בראשית

א. עס איז באַוואוסט דער וואָרט וואָס די רביים — נשיאי חב"ד — האָבן געזאָגט [1], אַז שבת בראשית איז נוגע צום גאַנצן יאָר, און אַזוי ווי מען שטעלט זיך אַוועק שבת בראשית, אַזוי פירט זיך אַ גאַנץ יאָר.

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: פאַרוואָס עפּעס שבת בראשית דוקא? וואָס איז מיטן זמן פון מתן תורה, און וואָס איז בכלל מיט די אַלע סדרות, וואָס די מצוות און ענינים וועלכע ווערן אין זיי דערמאָנט חזר'ן זיך ניט איבער אין דער תורה אַ צווייטן מאָל, זיינען דאָך די סדרות אויך נוגע צום גאַנצן יאָר, איז וואָס איז דער אויסנאָם, וואָס שבת בראשית דוקא איז נוגע צו דער הנהגה פון אַ גאַנץ יאָר?

ב. דער ענין פון בראשית ברא אל־קים את השמים ואת הארץ — אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט מאַין ואפס המוחלט [2] — איז מכריח צו זאָגן [3] אַז דער ענין הבריאה גייט אָן שטענדיק, יעדע מינוט און יעדע רגע.

ד. ה. אַז די נייעס וואָס האָט זיך אויפגעטאָן אין די ששת ימי בראשית, וואָס פריער איז געווען אַין ואפס המוחלט, און עס איז געוואָרן אַ מציאות יש, וואָס דאָס איז דאָך אַ געוואַלדיקע נייעס, איז אָט דער אויפטו גייט אויך אָן יעדע מינוט, שטענדיק איז פאַראַן אַ נייע התהוות.

אַזוי דערקלערט ער אויך באריכות אין תניא [4] אין דעם פירוש פון פסוק לעולם ד' דברך נצב בשמים [5], אַז באמת איז יעדער נברא מצד עצמו אויך איצט אַין ואפס, און זיין גאַנצע פאַראַנענקייט איז נאָר צוליב דעם וויל דער אויבערשטער איז אים שטענדיק מהווה, איז במילא זיין גאַנצע מציאות — ג־טלעכקייט.

ג. דערמיט וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס שבת בראשית איז נוגע צו אַ גאַנץ יאָר, וויל געדענקען דעם „בראשית ברא" איז דער יסוד פון דער עבודה פון אַ גאַנץ יאָר.

בעת עס האַנדלט זיך ביי אַ אידן וועגן מאַכן אויך זיין מאַטעריעלע באַשעפטיקונג פאַר אַ כלי צו אלקות, און אים דוכט זיך, אַז צוליב דער וועלטלעכער נאַטירלעכער אָרדענונג איז דאָס אים שווער, אָדער גאָר אוממעגלעך, — איז בשעת ער דערמאָנט זיך אַז „לעולם ה' דברך נצב בשמים" — אַז באמת איז אינגאַנצן ניטאָ קיין וועלט, און דאָס וואָס זי איז פאַראַן, איז נאָר וויל „ויאמר אלקים יהי אור", — דערפאַר איז „ויהי אור", און אַזוי אויך אין די איבעריקע עשרה מאמרות איז „קודשא בריך הוא אסתכל באורייתא וברא עלמא" [6] — דער אויבערשטער האָט אַריינגעקוקט אין תורה (אין די עשרה מאמרות) און דערמיט באַשאַפן די וועלט — איז מצד דעם אַפּלייג אַז די גאַנצע עקזיסטענץ און „פאַראַן" פון וועלט איז נאָר פון די עשרה מאמרות שב־

1) ספר המאמרים ה'תשי"א דף 59 (בה־תורה של הבעש"ט).

2) דלשון בריאה מורה על יש מאין. רמב"ן על התורה, ע"פ בראשית ברא.

3) זע תניא ח"ב פ"ב.

4) ח"ב פ"ג.

5) תהלים קיט, פט.

6) זח"ב קסא, א.

תורה [7]), ווייסט ער במילא, אז די מציאות פון וועלט קען ניט זיין קיין שטער צו מצוות, ווארום אין דער זעלבער תורה שטייט דאך „אנכי ד' אלקיך" [8]) מיט אלע תרי"ג מצוות.

בשעת עס ווערט ביי אים אפ־געלייגט אז די מציאות פון וועלט איז תורה, איז אפילו ווען ער גייט אין גאס און ער איז אין מיטן פון זיינע געשעפטן, וועט ער זאגן א מאמר רז"ל, א קאפיטל תהלים, א פרק משניות אדער א פרק תניא. און מיט יעדער גוטער פעולה וואס ער טוט, וועגט ער אריבער די גאנצע וועלט לכף זכות [9]). ד. ה. אז זיין הכרה און פארטיפונג אין אינערלעכן זין פון „בראשית ברא אלקים" — טוט אויף, אז דאס איז נוגע דעם גאנצן „השמים והארץ וכל צבאם", ד. ה. דער גאנצער בריאה.

ד. די כוונה פון דעם ווארט אז שבת בראשית איז נוגע צו כל השנה [10]), מיינט, אז דאס איז נוגע צו אלע ענינים, סיי אין רוחניות און סיי אין גשמיות.

דער וויסן און אנערקענען, אז לעו־לם ד' דברך נצב בשמים, איז נוגע ניט נאר אין עבודה רוחנית, נאר אויך אז מען זאל ניט האבן קיין דאגות פון גשמית'דיקע זאכן. ווייל דאס וואס א מענטש דאגה'ט אויף דעם וואס עס פעלט אים אין בני, חיי ומזוני — קינדער, לעבן און פרנסה — איז דאס דערפאר ווייל ער פאר־געסט אויף א ווילע אז אלץ קומט פון אויבערשטן. ווי ער זאגט אין תניא [11]).

בשעת אבער ער וועט געדענקען שטענדיק אז אלץ קומט פון אויי־בערשטן — וועט ער ניט דאגה'נען, ווייל ער ווייסט דאך אז „מאתו לא תצא הרעות" [12]) (פון אים ית' קומט ניט קיין שלעכטס) נאר בלויז טוב. איז בשעת דאס וועט זיך ביי אים אפלייגן, וועט ער זען אויך בעיני בשר ווי דאס איז גוט אויך בטוב הנראה והנגלה.

* * *

ה. עס איז א מנהג ביי אידן, אז שבת בראשית פארקויפט מען „מצוות" — עליות — אויף א גאנץ יאר.

דער ענין פון עליה לתורה איז ווי דער רבי — כ"ק מו"ח אדמו"ר — האט געזאגט, אז בשעת מען איז עולה לתורה, איז מען עולה (מען שטייגט ארויף) אין „תחתיים שניים ושלישים" און נאך העכער. דער טייטש דערפון איז, אז דאס איז אן עליה אין נפש רוח ונשמה חיה ויחידה [13]), ביז אז סוף כל סוף פאר־בינדט זיך דער עצם הנשמה מיט עצמות אין סוף ב"ה (מיט דעם אויי־בערשטן כביכול אליין).

און דאס איז אויך דער טעם, וואס הגם ביים לערנען תורה שבעל פה טאר מען ניט מאכן קיין ברכה אויב מען פארשטייט ניט [14]) — אבער בעת עלי' לתורה, מאכט א ברכה אפילו אן עם הארץ דלא ידע מאי קאמר

7) תניא ח"ב ספ"א.
8) שמות כ, ב. (דברים ה, ו).
9) קידושין מ, ב.
10) שנה מל' שינוי — ענדערונג — כל השנה, אלע ענדערונגען.

11) אגה"ק סי' י"א.
12) מפי עליון לא תצא הרעות (איכה ג, לח).
13) ב"ר פי"ד ט.
14) מג"א סו"ס נ.

(וואָס ווייסט ניט וואָס ער זאָגט) וואָרום אַפילו אויב דאָ למטה פאַרשטייט ער ניט, איז אָבער אין דער עליה פון זיין נפש רוח נשמה חי׳ יחידה למעלה פאַרשטייט ער דאָך יאָ — איז פון למעלה ווערט עס נמשך למטה: „מקרא — תורה שבכתב — קורא וממשיך" [15]).

און אַזוי ווי וועלט איז פאַרבונדן מיט תורה, ווי עס שטייט קודשא בריך הוא אסתכל באורייתא וברא עלמא, דער אויבערשטער כביכול האָט אַריינגעקוקט אין תורה און באַשאַפן די וועלט, אַזוי אויך ווערט די תורה אָנגערופן „דפתראות ופנקסאות" [16]) (די פּלענער — בלו־פּרינטס — לויט וועלכע דער בוי־מייסטער בויט די געבײדע) — איז מצד דעם וואָס אַ איד איז עולה לתורה, ווערט עס נמשך אויך אין גשמיות.

ו. אַזוי ווי דאָס איז בנוגע די עליות וואָס מען איז עולה לתורה שבת, מאָנטיק און דאָנערשטיק, וואָס די התחלה אויף דעם איז בשבת בראשית, אַזוי איז אויך בנוגע צו קביעות לימוד התורה: שבת בראשית קען מען אַריינכאַפּן, נעמען אויף זיך אַ הוספה אין לערנען סיי אין נגלה און סיי אין חסידות. דאָס הייסט, אַז אויסער דעם וואָס יעדער איד האָט אויף זיך גענומען במשך דעם חודש תשרי אַ קביעות צו לערנען אויף אַ גאַנץ יאָר, זאָל מען שבת בראשית נעמען אויף זיך נאָך אַ הוספה דערצו, אין אַ קביעות אויף יעדן טאָג, סיי אין לערנען נגלה, סיי אין לערנען חסידות. אין דעם לימוד החסידות דאַרף אויך אַריינגיין אַ טייל פון דער סדרה פון דער וואָך — אין „תורה אור" און „לקוטי תורה" [17]).

דער אויבערשטער זאָל געבן, אַז יעדער איינער זאָל מקבל זיין אויף זיך לויט זיין אמת׳ער יכולת, וויפל ער קען טאַקע באמת, און לויט דעם שורש פון זיין נשמה.

און די קבלה פון שבת בראשית וואָס ער נעמט אויף זיך אַ הוספה אין לערנען תורה גיט אַ כוח אויף דורכצופירן דאָס בפועל במשך דעם יאָר, אַז שפּעטער פאַרשפּאָרט מען אַ סך טרחה, און דורך דעם ווערט נמשך אויך אין גשמיות בבני חיי ומזוני רויחי.

מען האָט גערעדט די מעלה פון קיצורים, איז דער קיצור פון דאָס אויבנגעזאָגטע:

יעדער איינער זאָל נעמען אויף זיך אַ שיעור נוסף, סיי אין לימוד הנגלה סיי אין לימוד החסידות.

* * *

ז. היינט איז שבת מברכים מרחשון. דער טעם פאַרוואָס מען רופט דעם חודש מר־חשון — ווייל דאָס איז עונת גשמים (די צייט פון רעגן) *[17]). אין חסידות ווערט דערקלערט דער חילוק צווישן טל (טוי) און מטר (רעגן) [18]), אַז מטר ווענדט זיך אין דער עבודה פון די נבראים, מען דאַרף מתפלל זיין אויף רעגן, אָבער טל איז אַן „אתערותא דלעילא" (דערוועקונג פון אויבן), און טל לא מיע־

---

15) זע לקו״ת ויקרא ה, סע״ב.

16) ב״ר פ״א, א.

17) תורה אור, לקוטי תורה — דרושי חסידות פון אַלטן רבין בעל התניא ושו״ע, אויף די סדרות פון וואָך.

*17) עיין ערוך, ערך מרחשון.

18) זע לקו״ת ד״ה האזינו השמים (עג, א. ואילך).

צר [19]) (טל ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט), איז וויבאַלד אַז רעגן ווענדט זיך אין דער עבודה פון די נבראים איז עס דעריבער שווערער.

דאָס איז דער חילוק צווישן זומער און ווינטער. זומער איז טל — אתערותא דלעילא — און ווינטער איז מטר — אתערותא דלתתא — דערפאַר איז ווינטער שווערער.

נאָך אַן אונטערשייד צווישן די זומערדיקע און די ווינטערדיקע טעג: זומער לייכט שטאַרק, ברוחניות, דער „שמש ומגן הוי׳ אלקים" [20]), דערפאַר שיינט אויך אין גשמיות די זון — דערהויפּט אין תקופת תמוז — אָבער ווינטער איז ניט אַזוי. דעמאָלט איז אַ זמן פון עבודה דורך אתערותא דלתתא.

דער רבי — כ"ק מו"ח אדמו"ר — האָט אַמאָל געזאָגט אַז זומער איז די עבודה — עבודת ה׳ — גרינגער ווי ווינטער.

דער שבת מברכים מרחשון גיט כוח אויף דעם חודש פון רעגן. דער שבת מברכים מרחשון איז דאָך נאָך אין חודש תשרי — וועלכער איז „חודש השביעי המושבע בכל" [21]) (דער זיבעטער חודש — רעכענענדיק פון ניסן — וועלכער איז אָנגעזעטיקט מיט אַלץ) — דערפאַר ווערט פון דאָרטן געגעבן אַ כוח אויף דער עבודה פון ווינטער, אַז כאָטש דאָס איז דאָך „אתערותא דלתתא" איז אָבער פאַראַן דערויף אַ „נתינת כוח".

און בשעת מען פירט דורך די עבודה ווינטער, דעמאָלט ווערט נמשך פון שבת מברכים מרחשון אויף אַ גאַנץ יאָר בגשמיות וברוחניות גם יחד.

(משיחת ש"פ בראשית תשט"ז)

# פרשת נח

א. אין תורה אור פ׳ נח ווערט דערקלערט, אַז דער מבול איז געווען ניט נאָר אַ שטראָף, נאָר אויך אַן ענין פון טהרה (רייניקונג), — דער מבול האָט מטהר געווען די וועלט, וועלכע איז פאַרן מבול געווען אַן אומריינע. און דערפאַר איז דער מבול געווען 40 טעג — אַנטקעגן די 40 סאָה פון מקוה. דערפאַר ווערט דער מבול אָנגערופן „מי נח" [1]) — נייחא דרוחא (נחת רוח) [2]).

דאָס זעלבע — ווערט דאָרט אין תורה אור אויספירלעך דערקלערט — איז אויך בנוגע דאָגות און טרדות פון פרנסה, וועלכע ווערן אָנגערופן „מים רבים" (פיל וואַסערן), שווענקען זיי אַראָפּ ביים מענטשן די ענינים וועלכע דאַרפן ניט זיין, און פועל׳ן דערמיט אויך אַ „נייחא דרוחא".

ב. די דערקלערונג וועגן דער שייכות צווישן דאגות פרנסה, מבול און מקוה — איז אַזוי:

דער פנימיות׳דיקער ענין פון מקוה

19) תענית ג, א.
20) תהלים פד, יב.
21) ויק"ר כט, ח.
1) ישעי׳ נד, ט.
2) תורה אור פ׳ נח ד"ה מים רבים.

איז „ביטול", אַזוי ווי דער רמב"ם[3] שרייבט „שיטבול במי הדעת הטהור" (ער זאָל זיך טובל זיין אין די וואַסערן פון ריינעם דעת). דעריבער דאַרף אַ מקוה האַלטן פּערציק סאה, וואָס דאָס איז די מאָס „שכל גופו עולה בהן"[4], ד. ה. וואָס זיי נעמען אַרום דעם גאַנצן מענטשלעכן קערפּער, און „טבילה" איז די זעלבע אותיות ווי „הביטל"[5], ד. ה. אַז דער ביטול וואָס ער גייט אַרויס פון זיין איך פּועל'ט אין אים אַן עליי' (דערהויבונג), אַז ער ווערט אַ כלי צו קדושה.

דאָס איז אויך די אמת'ע כוונה וואָס מען גיט דעם מענטשן דאגות הפרנסה. כאָטש עס שטערט און צעמישט אים צייטווייליק, ווערט ער אָבער דורך דעם צעבראָכן ביי זיך און גייט אַרויס פון זיין אייגענעם איך — און דורך דעם ווערט ער אַ כלי צו קדושה.

ג. איז וויבאַלד אַז די אמת'ע כוונה איז ניט אים צו באַשטראָפן ח"ו, נאָר בכדי אַראָפּצושווענקען און אָפּרייניקן פון אים די ניט־גוטע זאַכן — במילא פאַרשטייט זיך, אַז דאָס קען אָפּגעטאָן ווערן אויך אין איין מינוט — אויב אין איין רגע וועט ער אַרויסנעמען די כוונה פּנימית דערפון, און פּועל'ן ביי זיך דאָס וואָס דער ענין דאַרף אויפטאָן — איז ער שוין דערמיט אַליין יוצא, און עס קען שוין ביי אים ווערן דער „נייחא" סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות.

(משיחות ש"פ בראשית תשי"ג)

* * *

ד. די „מים הזדונים" (בייזע וואַסערן) פון מבול ווערן איינגעטיילט אין צוויי טיילן: א. תהום רבה, ב. אַרובות השמים. אַזוי אויך ווערן די מענטשלעכע טירדות און שטערונגען איינגעטיילט אויף די זעלבע צוויי טיילן:

„תהום רבה" (אַ גרויסער אָפּגרונט) מיינט די טרדות פון גשמיות'דיקע, נידעריקע ענינים, טרדות הפרנסה א. א. וו. „אַרובות השמים" מיינט טרדות וועלכע קומען פון רוחניות'דיקע, הויכע ענינים, אַזוי ווי עסקנות ציבורית וכדומה, וועלכע שטערן אָבער דעם מענטשן צו לערנען און מקיים זיין מצוות.

אמת טאַקע, מען דאַרף טאָן אין עסקנות ציבורית, אָבער דאָס דאַרף ניט שטערן צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות. וואָרום דער ענין פון מצוות איז, אַז דורך זיי ווערט „ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כולכם היום"[6] — זיי פאַרבינדן דעם מענטשן וועלכער איז מקיים די מצוה מיט דעם אויבערשטן[7], און דורך דעם ווערט נמשך צו אים ג־טלעכע חיות. אָבער אויב עס פעלט אין דעם — איז וואָס איז דער אויפטו פון זיין פאַרנעמען זיך אין די אַלע זאַכן, בשעת ער טוט ניט דאָס וואָס עס שטייט אין שולחן ערוך.

דאָס וואָס ער טענה'ט, אַז ער איז פאַרנומען מיט „אַרובות השמים" — מיט רוחניות'דיקע ענינים — איז אַ טעות. די דאָזיקע טענה קומט ניט

---

3) הלכות מקוואות פרק יא הלכה יב (בשינוי לשון קצת).

4) חגיגה יא, א.

5) סידור סוף כוונת המקוה.

6) דברים ד, ד.

7) תניא פרק כג, זע דאָרט פרק מו. לקוטי תורה בחוקותי מה, ג ובביאור. מכתב כ"ק אדמו"ר (מוהריי"צ) נ"ע – געדרוקט אין התמים חוברת א ע' כה (אג"ק ח"י ע' שסט ואילך). וראה לקו"ש ח"ז ע' 30 ואילך.

פון נפש האלקית נאָר פון נפש הבה־מית. די בעסטע ראי׳ אויף דעם איז, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ שטער צו לימוד התורה און קיום המצוות לויטן דין פון שולחן ערוך — איז דאָס זיכער אַן ענין וואָס איז היפך פון קדושה.

און וויבאַלד אַז עס איז היפך פון קדושה, איז כאָטש ער איז דאָך דער־וויל פאַרנומען מיט „ארובות הש־מים", אָבער סוף כל סוף גייט ער ר"ל נידעריקער און נידעריקער, ביז אַז פון „ארובות השמים" ווערט „תהום רבה".

ה. די עצה צו די מי המבול (די וואַסערן פון מבול), — סיי פון תהום רבה און סיי פון ארובות השמים — איז „בוא אל התיבה"[8] (קום אַריין אין דער תיבה). „תיבה" — טייטשט דער בעל שם טוב — מיינט די תיבות (ווערטער) פון תורה און תפי־לה. אַריינקומען אין „תיבה" מיינט, אַז מען דאַרף אַריינגיין אין די אותיות פון תורה און תפילה — זיין אַרומ־געריגגלט פון זיי, וואָס דעמאָלט איז זיכער אַז קיין זאַך וועט אים נישט פאַרפלייצן, און דער „נח איש צדיק" מיט זיינע בני בית ווערן בלייבן גאַנץ.

דערפאַר איז דער סדר היום, אַז באַלד ווי מען שטייט אויף פון שלאָף, איידער מען גייט נאָך אַריין אין וועלט — אין די „מים הזדונים" — זאָגט מען די ערשטע זאַך „מודה אני לפניך כו׳ שהחזרת בי נשמתי"[9]. ער איז מודה אַז דאָס לעבן פון זיין נשמה איז נאָר פון דעם אויבערשטן. דער־נאָך זאָגט ער ברכות השחר און דאַנקט דעם אויבערשטן אויף יעדן פרט באַ־זונדער: מלביש ערומים א. אַ. וו. כאָטש ער האָט דאָך אין פלוג וואָס אָנצוטאָן, איז וואָס מיינט די ברכה מלביש ערומים — און אַזוי אויך די איבעריקע ברכות?

נאָר ווייל איזהו חכם הרואה את הנולד[10], ווער איז אַ חכם? דער וואָס זעט ווי אַלץ ווערט נולד (באַשאַפן) יעדער רגע מאַין ליש[11]. — ער ווייסט אַז איטלעכע רגע ווערט דער „יש" נתהווה פון אלקות.

אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר[12], אַז רב ייסא סבא פלעגט מתפלל זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן זיין שפייז. ד. ה. אַז אַפילו בשעת דער עסן איז געווען אָנגעגרייט פאַר אים, פלעגט ער ניט עסן ביז ער פלעגט מתפלל זיין די תפילה. איז אין פלוג קען מען פרעגן: וואָס איז שייך מת־פלל צו זיין אַז דער אויבערשטער זאָל אים צושיקן שפייז, ווען ער האָט שוין דעם עסן אָנגעגרייט פאַר אים?

נאָר דער ענין איז, אַז יעדער באַ־שעפעניש מצד זיך אַליין ווערט שטענ־דיק אָין ואפס אַזוי ווי ער איז געווען פאַר זיין באַשאַפונג, און דאָס וואָס ער איז דאָך פאַראַן, איז דאָס נאָר צוליב דעם וואָס דער אויבערשטער מיט זיין גוטסקייט באַנייט אים שטענ־דיק, ווי עס שטייט: המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית. דע־ריבער איז שייך מתפלל צו זיין אויך

---

8) תורה אור ט, א.

9) סדר היום. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן מה"ת, סימן א סעיף ו.

10) תמיד לב, א.

11) תניא פרק מג. לקוטי תורה נשא כו, ד.

12) זהר חלק א׳ קצט, ב. זהר חלק ב׳ סב, ב.

דאַן ווען דער עסן ליגט שוין אויפן טיש, און אַזוי אויך ביי אַנדערע הצטרכות'ן. ווייל די שפּייז וועלכע איז געווען מיט אַ מינוט פריער — איז דאָך מצד עצמו שוין געוואָרן אַין ואפס. — דאַרף ער דעריבער מתפלל זיין צום אויבערשטן ער זאָל דאָס באַנייען כדי ער זאָל האָבן וואָס ער דאַרף.

בשעת ער האָט די הקדמה פון תפילה, ווייסט ער אַז מצד זיך אַליין האָט דער גשמי קיין קיום ניט, און נאָר דער אויבערשטער דאַרף אים שטענדיק באַנייען, און אַז די גאַנצע מציאות פון וועלט איז בלויז כדי אויסצופירן דעם אויבערשטנס כוונה פון „ולכבודי בראתיו" וגו' [13]) — דע־מאָלט קען ער אַריינגיין אין די ענ־ינים פון עולם הזה און האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר די „מים הזדונים".

אידער ער דאַוונט, איז ביי אים אָפּגעלייגט אַז וועלט איז אַן עיקר [14]), עס איז ח"ו אַ מציאות פאַר זיך, דע־מאָלט איז ביי אים גאַנץ פשוט אַז דאָס וואָס מען מעג, מעג מען אַוודאי טאָן, און דאָס וואָס מען ווייסט ניט זיכער אַז מען טאָר ניט — מעג מען אויך, ווארום מען דאַרף דאָך שטעלן יעדע זאַך אויף איר חזקה, און די חזקה איז — וועלט.

בשעת אָבער דער אָפּלייג איז, אַז באמת איז ניטאָ קיין מציאות, עס איז פאַראַן נאָר דער אויבערשטער און ער איז מחדש די וועלט פון אַין ואפס המוחלט צוליב דער כוונה פון נתאוה הקב"ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים [15]) (דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט ווייל ער האָט געוואָלט האָבן אַ דירה, כביכול, דאָ למטה) — דעמאָלט איז דאָך „מציאות" נאָר דאָס וואָס עס ברענגט צו דער דאָזיקער כוונה, דערפאַר ברענגט דאָס צו אַן אומגעקערטן אויספיר: דאָס וואָס מען טאָר ניט — און במילא אין ווידערשפּרוך צו דער דאָזיקער כוונה — טאָר מען ניט, און ניט בלויז דברים האסורים, נאָר אַפילו מותרות (אומנויטיקע זאַכן), טאָר מען אויך ניט. איז בשעת דער יצר הרע קומט צו גיין מיט אַ טענה און זאָגט אַז דאָס דאַרף מען, ענט־פערט מען אים: ברענג אַ ראי'! ווארום די חזקה איז דאָך אַז עס איז פאַראַן בלויז אלקות, ממילא איז דאָך „המוציא מחבירו עליו הראי'" [16]) (דער וועלכער וויל עפּעס אַרויסבאַ־קומען פונעם צווייטן מוז ער ברענגען די ראי' אַז ער איז גערעכט).

און לויט דעם חסידישן וואָרט: „וואָס מען טאָר ניט — טאָר מען ניט, און וואָס מען מעג — דאַרף מען ניט".

און דאָס איז דער ענין פון „בא אל התיבה" — אַריינגיין אין די „תיבות" פון תורה און תפילה — זיין שטענדיק אַרומגערינגלט פון זיי. און בשעת ביי אים ווערט אָפּגעלייגט אַז דער עיקר מציאות איז תורה און תפילה און אַלע אַנדערע זאַכן זיינען נאָר צוליב דעם, דעמאָלט איז כאָטש אַפילו ער איז זיך עוסק אין גשמיות וכו' ווייל מען דאַרף דאָך

---

13) ישעי' מג, ז. אבות סוף פרק ו.
14) לקוטי תורה פנחס עט, ד.

15) תנחומא נשא, טז. (בשינוי לשון קצת).
16) ב"ק מו, ב.

האבן א געזונטן גוף, ווערט דאס זעלבסט אן עבודה, אדער אן ענין צו־ליב עבודה.

די איינציקע עצה ווי אזוי פטור צו ווערן פון די מבול־וואסערן, סיי פון תהום רבה סיי פון ארובות השמ־מים איז — בא אל התיבה. דעמאלט האט ער ניט קיין שייכות צו קיין זאך וואס איז ניט קיין ענין פון קדושה, און אלע זיינע ענינים און באדערפענישן ווערן ביי אים אויס־געשטעלט אין אן אופן פון „בכל דרכיך דעהו״ [17]).

* * *

ו. מיינט דאס אבער ניט, אז ער דארף בלויז זיך איינשליסן אין דער תיבה — תיבות התורה והתפלה — און וואס עס טוט זיך מיט א צווייטן וועט אים אין גאנצן ניט אינטערעסירן — טענה׳נדיק „אני את נפשי הצלתי״ (זיך אליין האב איך געראטעוועט).

אויף דעם זאגט אונז די תורה: בא אל התיבה אתה ובניך ואשתך ונשי בניך. ניט נאר דו אליין, נאר אויך דיינע בני בית, און אויך „בניך — אלו התלמידים״ [18]), און אין ענד־ציל מיינט דאס — אלע אידן, וואס דאס גייט אריין אין דעם כלל פון אשתך אדער פון בניך, ווארום אשה איז דער ענין פון מקבל [18*]), און יעדער איד איז דאך בבחינת מקבל וואס איין איד איז מקבל פון צווייטן, ווארום אלע אידן זיינען א קומה אחת שלימה [19]) (איין גאנצע גע־שטאלט).

דארפסטו זיי אלעמען אריינגעמען אין דער תיבה, ד. ה. דו דארפסט ווירקן און משפיע זיין אויף אלע אידן אז זיי זאלן אריינגיין אין די תיבות פון תורה און תפלה.

אפילו פאר מתן תורה — וואס מען האט געקענט האבן א טעות און מיי־נען: וואס גייט מיר אן פאר א צווייטן — אני את נפשי הצלתי — איז אפילו דעמאלט, האט דער אויבער־שטער געזאגט נח׳ן „בא אתה וגו׳ ואשתך וגו׳״ — און בפרט נאך מתן תורה, נאך דער ערבות פון ער־בות מואב, וואס כל ישראל ערבים זה בזה [20]), קען מען אוודאי ניט יוצא זיין מיט זיך אליין. דער מצב פון צווייטן אידן דארף אנרירן מיט אן אמת און אין א פנימיות.

ווי פריער דערמאנט, זיינען אלע אידן א קומה אחת, און אזוי ווי אין מענטשלעכן קערפער איז דער געזונט פון איין אבר פארבונדן מיט דעם געזונט פון דעם צווייטן אבר, אזוי איז אויך אין דער קומה שלמה פון כנסת ישראל.

דער גייסטיקער געזונט פון איין אידן רירט אן דעם צווייטן אידן. במילא — בשעת ער טוט ניט מיט יענעם, פעלט עס במילא אויך אין אים אליין.

ז. דאס וואס מען זאגט, אז מען דארף פועל׳ן אויך אויף אנדערע אידן, און בפרט אויף די בני בית — דארף

---

17) משלי ג, ו.

18) ספרי אויפן פסוק ושננתם לבניך.

18*) ביאורי הזהר פ׳ נח על מאמר הזהר ונהר יוצא מעדן.

19) לקוטי תורה ריש פ׳ נצבים. ובכמה מקומות.

20) שבועות לט, א.

מען דאַס טאָן ניט גלאַט פון יוצא וועגן, נאָר מען דאַרף טאַקע זיין אַריינגעטאָן אין דעם.

ווי דער באַוואוסטער וואָרט פון כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע [21]: אַט אַזוי ווי לייגן תפילין יעדן טאָג איז אַ מצוה דאורייתא אויף יעדן אידן, אָן אונטערשייד צי אַ גדול בתורה צי אַ פשוט'ער מענטש, אַזוי איז אויך אַ חוב גמור אויף יעדן אידן טראַכטן יעדן טאָג, לכל הפחות אַ האַלבע שעה, וועגן דעם חינוך פון קינדער, און טאָן אַלץ וואָס ער איז בכוח און אַפילו איבער די כוחות, צו פועל'ן ביי די קינדער אַז זיי זאָלן גיין אין דעם דרך וואָס מען דערציט זיי.

אין פלוג — פאַרוואָס האָט דער רבי נ"ע דערמאָנט די מצוה פון תפילין דוקא? עס זיינען דאָך פאַראַן נאָך אַנדערע מצוות? — נאָר איינער פון די רמזים אין דעם איז, ווייל די מצוה פון תפילין איז ניט נאָר אַ מצוה מעשית, נאָר איר פנימיות'־דיקער ענין איז: שעבוד הלב והמוח (אונטערטעניקן די האַרץ און דעם מוח), אַזוי ווי עס שטייט אין שלחן ערוך [22]) און אין תניא [23]). אַזוי דאַרף עס אויך זיין אין זיין ווירקונג אויף די בני בית: מען דאַרף עס טאָן ניט בלויז אין אַן אופן פון יוצא־וועגן, נאָר מען זאָל אין דעם אַריינלייגן די קאָפּ און דאָס האַרץ.

און בשעת ער באַנוגנט זיך ניט מיט זיך אַליין, נאָר ער טוט — און ניט סתם געטאָן נאָר מיט שיעבוד — אויף צו ראַטעווען נאָך אַ אידן פון די מים הזידונים פון מבול און אַריינברענגען אים אין תיבה — דע־מאָלט קען ער זיין זיכער אויך מיט זיך אַליין, אַז ער וועט בלייבן גאַנץ.

ח. די דערקלערונג אויף דעם איז:

אויף יעדער זאַך דאַרף מען האָבן אַ סיוע (הילף) מלמעלה. דערפאַר איז נאָכדעם ווי נח איז שוין אַריין אין דער תיבה האָט מען ערשט באַדאַרפט האָבן דעם ויסגור ד' בעדו — אַ סיוע מלמעלה.

אויב מען זאָל אַריינגיין אין דער תיבה — תיבות התורה והתפלה — מיט דעם אייגענעם כוח, קען זיין, אַז עס זאָל אינגאַנצן ניט זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אַזוי ווי דער מאמר רז"ל: שלא ברכו בתורה תחילה [24]), וואָס דער מיין דערפון איז, וואָס אין דער בר־כת התורה זאָגט מען „אשר כו' ונתן לנו את תורתו" און מען פאַרענדיקט „נותן התורה" — וואָס נותן איז לשון הווה (קעגנוואַרט) — ד. ה. ער ווייסט אַז די תורה באַקומט ער פון דעם אויבערשטן; אָבער שלא ברכו בתורה תחילה, מיינט, אַז לער־נענדיק תורה האָט מען פאַרגעסן ח"ו אויף דעם נותן התורה.

אַזוי אויך אין תפלה: קען זיין אַז מען זאָל דאַוונען, אָבער דער דאַוו־נען זאָל ניט נרגש ווערן ביי אים, און עס זאָל ניט פועל'ן אויף זיינע אַלטעגלעכע ענינים אַז זיי זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין.

וואָס דאָס איז דער עיקר כוונה פון בא אל התיבה — ניט צו פאַר־בלייבן אין דער תיבה, נאָר אַרויס־

21) היום יום — כ"ב טבת תש"ג.

22) אדמו"ר הזקן, אורח חיים סימן כה, סעיף יא.

23) פרק מא.

24) נדרים פא, א.

גיין דערנאָך אין וועלט און מאַכן וועלט פאַר אַ דירה צום אויבערשטן.

אָבער כדי דער דאַוונען זאָל פּו־על'ן אויפן גאַנצן טאָג, דאַרף דער דאַוונען זיין אויף אַזאַ אופן, אַז בשעת דעם דאַוונען וויס ער גאָר ניט פון דער מציאות פון וועלט, ער איז דעמאָלט אויסגעטאָן אינגאַנצן פון וועלט, ער וויס נאָר ג־טלעכקייט, און שפּעטער, נאָכן דאַוונען, ווען ער קומט אין וועלט איז — אַזוי ווי ביי נח'ן — עולם חדש ראה, ער האָט דערזען אַ נייע וועלט.

אַזוי ווי מען דערציילט אויף דעם בעל שם טוב[24*], אַז פאַרן דאַוונען פלעגט ער זיך אַריינטראַכטן אויב נאָכן דאַוונען וועט ער בלייבן לעבן אין זיין גוף. ער איז ניט געווען זיכער אין דעם, מצד דעם „כלות הנפש" וואָס ער פלעגט האָבן ביים דאַוונען.

און בכדי אַז תורה און תפלה זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין, דאַרף מען האָבן דעם „ויסגר ד' בעדו", דעם עזר וסיוע מלמעלה.

און כדי צו באַקומען די דאָזיקע הילף מלמעלה, איז דאָס דורך דעם אָפּגעבן זיך מיט אַ צווייטן אידן. דעמאָלט איז ווי די רז"ל זאָגן[25] אויף דעם פּסוק מאיר עיני שניהם ד'[26] — אַז אויך ביי אים ווערט ליכטיק — און דאַן איז דער „בא אל התיבה" ווי עס דאַרף צו זיין.

ט. נאָך מער געפינען מיר, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו נח'ן, ער זאָל אַריינעמען אין דער תיבה אַלע וועלט־ענינים וועלכע קענען פאַר־לאָרן גיין — מכל החי וגו'.

די הוראה (אָנווייזונג) דערפון צו יעדן אידן איז:

אַלץ וואָס עס איז פאַראַן אין וועלט וואָס ער ווייסט אַז אָן זיין באַמיאונג וועט דאָס חרוב און פאַרלאָרן ווערן — ליגט אויף אים אַ פליכט אַריינ־צונעמען דאָס אין זיין תיבה, כדי צו ראַטעווען און דערהויבן דאָס צו ג־טלעכקייט. אויב ער מיינט אַז דאָס האָט ניט קיין שייכות צו אים — איז דאָס קעגן דעם יסוד פון השגחה פּרטית: אַז וויבאַלד דער אויבער־שטער האָט אַזוי געפירט אַז ער וויס פון דער מציאות, אַז אַזאַ זאַך איז פאַראַן, און אַז אָן זיין באַמיאונג וועט דאָס חרוב און פאַרלאָרן ווערן — איז דאָס זיכער צוליב דעם, כדי ער זאָל דאָס מקרב און מעלה זיין.

און דעמאָלט באַקומט ער די הילף און סיוע מלמעלה אויפן „בא אל התיבה" ביז עס וועט ביי אים ווערן „ואל אמה תכלנה מלמעלה", אמה איז ראשי תיבות — אלקינו מלך העולם, דורך אלקינו (ג־ט פון אידן) ווערט — מלך העולם[27]; תכלנה מל־מעלה — אויך די כלים (אויף פּר־נסה) גיט מען אים מלמעלה[28], על דרך „והוא יכלכלך"[29] — ביז „את קשתי נתתי בענן" מוקש לי[30] — דער קשת (רעגנבויגן) איז, כביכול, צוגעגליכן צום אויבערשטן — אַז ער

---

*24) זע צוואת הריב"ש אין אָנפאַנג.

25) תמורה טז, א.

26) משלי כט, יג.

27) לקוטי תורה מסעי צא, ד.

28) ד"ה צהר תעשה תרצ"א.

29) תהלים נה, כג.

30) בראשית רבה פרק לה, ג.

מאַכט די גאַנצע וועלט פאַר אַ דירה צו עצמותו יתברך.

(משיחת ש״פ בראשית תשי״ז)

* * *

י. עס איז פאַראַן אַ רשימה (אַ תורה־פאַרצייכענונג) פון כ״ק אדמו״ר הצמח צדק, וועלכע הויבט זיך אָן: אמר ר׳ עקיבא אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם [31]). די צייט פון דער רשימה איז פון די חדשים אלול און תשרי. די שייכות פון „אמר ר׳ עקיבא וכו׳״ צו דעם דאָזיקן זמן איז פאַרשטאַנדיק, וואָרום עס רעדט זיך דאָך וועגן דער עבודה פון תשובה. דערפאַר אויך איז די משנה אמר ר׳ עקיבא אַריינגעשטעלט געוואָרן צום סוף פון מסכת יומא, וואו עס ווערט באַהאַנדלט די עבודה פון יום כיפור.

עס איז אויך דאָ אַ מאמר חסידות מיט דעם זעלבן אָנהויב (אמר ר׳ עקיבא) פון שבת פרשת נח תרס״ז, מיט פופציק יאָר צוריק. וויבאַלד אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן אין פרשת נח איז אַ סימן אַז דאָס האָט אַ שייכות צו דער פרשה. קען מען זאָגן בפשטות, לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין תורה אור, אַז דער מבול איז געווען על דרך ווי די וואַסער פון מקוה וועלכע זיינען מטהר (זע אויבן סעיף א).

יא. אין תשובה זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א. פשוט — תשובה טאָן אויף זינד. ב. דער פנימיות׳דיקער ענין פון תשובה [32]) — „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״ [33]). אין עבודת השם איז דאָס די מדריגה פון רעותא דלבא (טיפער האַרץ באַגער) וואָס איז למעלה מטעם ודעת (העכער פון שכל).

וואָס דאָס איז אויך דער דיוק פון דעם דאָפּלטן לשון: „לפני מי אתם מטהרים״ און — „מי מטהר אתכם״. די ערשטע — לפני מי אתם מטהרים — איז די תשובה מלמטה למעלה — די תשובה אויף זינד. די צווייטע — מי מטהר אתכם — איז די תשובה מלמעלה למטה — והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה.

קען מען זאָגן, אַז די צוויי ענינים פון תשובה זיינען מרומז אויך אין פרשת נח — ווי עס איז באַוואוסט דער פירוש פון בעל שם טוב אויפן פסוק בא אל התיבה — מען זאָל אַריינגיין אין די אותיות פון תורה און תפלה, וואָס די דאָזיקע צוויי ענינים — תורה און תפלה — זיינען מלמעלה למטה (תורה) און מלמטה למעלה (תפלה). אותיות פון תורה זיינען אין דער בחינה פון אבנים וואָס זיינען געמאַכט בידי שמים, אותיות פון תפלה זיינען צוגעגליכן צו לבנים (ציגל), וואָס דאָס זיינען אַבנים שבידי אדם [34]).

יב. דער ענין פון רעותא דליבא און מסירת נפש וואָס איז העכער פון טעם ודעת, איז פאַראַן אין פאַרשידענע אופנים — הויכע און נידעריקע.

מסירת נפש מיינט מסירת הרצון [35])

---

31) יומא פה, ב.

32) זע לקוטי תורה ריש פ׳ האזינו עב, ב.

33) קהלת יב, ז.

34) זע תורה אור פ׳ משפטים עז, ד, ואילך.

35) תורה אור פ׳ מקץ לו, ב.

— איבערגעבן דעם אייגענעם ווילן, און ווי די גמרא זאָגט — מה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא[36], איז מיט יעדער בויג וואָס אַ איד בויגט זיך צוליב דעם אויבערשטן, אפילו מיט אַ תנועה קלה — איז דאָס אַ קטלא פלגא, איז דאָס אויך מסירת נפש. פון דער אַנדערער זייט, אפילו דער וועלכער איז אַ גדול שבגדולים, איז פאַר אים אויך ניט גענוג די עבודה וואָס על פי טעם ודעת, נאָר אויך ביי אים מוז זיין דער בויג מיט מסירת נפש, וואָס דוקא דעמאָלט וועט ער נעמען ג־ט־לעכקייט, אַזוי ווי עס שטייט מרום וקדוש אשכון, ואת דכא ושפל רוח[37] — דוקא.

ער קען ניט טענה'ען, וויבאַלד אַז ער איז אַ גדול שבגדולים, איז פאַרוואָס פאַר אים ניט גענוג טעם ודעת? ער מיט זיין טעם ודעת טוט דאָך אויף ניט ווייניקער ווי אַ צווייטער מיט מסירת נפש?

זאָגט מען אים אַז עס דאַרף זיין „בכל מאדך"[38], מאד שלך[39], און כל זמן ער שטייט אין זיין אייגענעם טעם ודעת, קען ער ניט נעמען ג־ט־לעכקייט, אויף נעמען ג־טלעכקייט מוז מען האָבן מסירת נפש דוקא.

אַזוי איז אויך מיטן לערנען חסידות: אפילו דער וואָס לערנט חסידות בשופי און פירט זיך לויט אירע מנהגים און אָנווייזונגען, און בשעת ער קוקט אויף דעם אַרום, קען זיך אים דוכטן אַז ער שטייט שוין אין שפּיץ — זאָגט מען אים אַז עס איז ניט גענוג — מען מיז האָבן עבודה און עבודה מיט מסירת נפש.

ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם קונטרס „ומעין"[40], אַז דער וואָס האָט אַ גוטע תפיסה און נעמט אַן ענין גרינג, אַזוי אַז דאָס וואָס אַן אַנדערער דאַרף דערויף האָבן גרויס האָרעוואַניע, נעמט ער דאָס גלייך — פונדעסטוועגן דאַרף אויך ער האָרעװען. וואָרום בשעת ער שטייט אין זיין באַגרענעצטער מציאות ווי ער איז, האָט ער ניט קיין שייכות צו ג־טלעכקייט.

יג. דאָס איז דער רמז, וואָס גלייך אַרויסגייענדיק פון ראש השנה און יום כיפור און חודש תשרי — לייענט מען פרשת נח.

יום כיפור איז עצומו של יום מכפר[41] (דער טאָג אַליין איז מכפר) און דער אויבערשטער איז מוחל אַלע עבירות. אויף יום כיפור שטייט, אַז דעמאָלט זיינען אידן פאַראייניציקט מיטן אויבערשטן, עס איז „ישראל ומלכאַ בלחודוהי" און זייער גאַנצע מציאות איז אלקות. קען מען דאָך מיינען, נאָך וואָס דאַרף מען די עבודה פון מסירת נפש, וויבאַלד אַז זייער גאַנצע מציאות איז ג־טלעכקייט? איז באַלד ווי מען גייט אַרויס פון חודש תשרי, לייענט מען פרשת נח: „בא אל התיבה" — אַריינגיין איןביידע קוים (ריכטונגען) פון תשובה — מלמטה למעלה און מלמעלה למטה, אַז מען דאַרף האָבן מסירת נפש, וואָרום

36) בבא קמא סה, א.
37) ישעי' נז, טו.
38) דברים ו, ה.
39) תורה אור מקץ לט, ד. ובכמה מקומות.
40) מאמר טז, פרק ב.
41) זע רמב"ם הלכות תשובה פרק א הלכה ג.

נעמען עצמות קען מען ניט ווען מען איז אַ מציאות — ווי הויך זיין מציאות זאָל ניט זיין — נאָר עס דאַרף זיין בכל מאדך דוקא.

יד. לויט דעם, וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר (דער רבי דער שווער) האָט דערציילט, אַז איינמאָל, אויף מאָרגן נאָך יום כיפור, איז ער אַריין צו זיין פאָטער דעם רבי׳ן נ״ע און האָט אים געפרעגט: טאַטע, וואָס איצטער? האָט דער רבי נ״ע אים געענטפערט: איצטער דאַרף מען ערשט תשובה טאָן.

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק: וויבאַלד אַז עס איז שוין געווען די תשובה פון יום כיפור און דער אויבערשטער איז סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישרון — היינט וואָס זאָגט מען אַז ער דאַרף ווייטער תשובה טאָן.

— ווי די משנה דערציילט [42]), אַז בבא בן בוטא פלעגט אַלע טאָג מקריב זיין אַן אשם תלוי, אויסער אויף מאָרגן נאָך יום כיפור, ווייל דעמאָלט איז נאָך ניט שייך קיין זינד. —

נאָר דער פשט איז, אַז וויבאַלד דער אמת׳ער ענין פון תשובה איז „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה״, און ג־טלעכקייט איז דאָך אומבאַגרענעצט, במילא איז אויך די עבודה פון והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה — אַן אומבאַגרענעצטע.

וואָרום בשעת עס ווערן נמשך אורות מקיפים, גייען די דאָזיקע אורות אַריין אין אַ פנימיות און עס ווערן נמשך העכערע אורות מקיפים, וואָס אין זיי איז די עבודה פון „רעותא דליבא״, וואָס איז העכער פון טעם ודעת.

און דאָס איז דער פשט פון דעם ענטפער, אַז „איצטער דאַרף מען ערשט תשובה טאָן״, ווייל פריער האָט מען ניט געקענט טאָן די העכערע תשובה, וואָרום מען האָט געהאַלטן ביי נידעריקע ענינים, אָבער נאָך יום כיפור דאַרף מען ערשט תשובה טאָן — דעם פנימיות׳דיקן ענין פון תשובה.

טו. דאָס איז אין אַלגעמיין דער ענין פון עבודת התשובה און מסירות נפש, מה לי קטלא כולה מה לי קטלא פלגא. פון איין זייט דאַרף מען וויסן אַז אַפילו בשעת מען שטייט אין אַ נידעריקן מצב, פונדעסטוועגן איז יעדער בראָך און בויג וואָס מען ברעכט זיך און מען בויגט זיך צום אויבערשטן, ווערט פאַררעכנט פאַר מסירת נפש, וואָרום „קטלא פלגא״ איז אַזוי ווי „קטלא כולה״;

און פון דער צווייטער זייט — אַפילו ווען מען שטייט אין אַ העכער מדריגה קען מען ניט יוצא זיין בלויז מיט דער עבודה פון טעם ודעת, נאָר עס מוז זיין קטלא כולה.

און אויב דאָס איז ניטאָ, מיינט דאָס ניט אַז עס פעלט בלויז אַ פרט — דער פרט פון מסירת נפש — נאָר עס פעלט דער גאַנצער פאַרבונד מיט ג־טלעכקייט, וואָרום „מרום וקדוש אשכון״ איז „ואת דכא ושפל רוח״ — דוקא.

אַזוי ווי די גמרא [43]) זאָגט, אַז אַפילו ווען עס איז פאַראַן די עבודה פון בכל לבבך ובכל נפשך — נאָר עס פעלט דער „בכל מאדך״ הייסט דאָס שוין „אין עושין רצונו של מקום״, און פון דעם קען אַרויסקומען — אחר

---

42) כריתות פ״ו מ״ג.

43) ברכות לה, ב.

ריבוי השתלשלות — „אין עושין רצונו של מקום" כפשוטו, אז מען טוט ניט ר"ל דעם אויבערשטנס ווילן.

אנדערש אבער בשעת עס איז פאראן מסירת נפש מיטן בכל מאדך — יעדער איינער לויט זיין מהות — איז אפילו בשעת אז דאס איז אין נידעריקע אופנים, הייסט עס שוין „עושין רצונו של מקום" — אז מען טוט דעם אויבערשטנס ווילן, וואס דאס ברענגט דעם „ועמדו זרים ורעו צאנכם"[44]) (פרעמדע וועלן אויפשטיין און פאשען אייערע שאף) — אז אפילו די „פרעמדע" פון זיך, ניט נאר וואס זיי שטערן ניט, נאר זיי העלפן נאך צו[45]).

טז. די תנועה פון מסירת נפש מיינט ארויסגיין פון זיך, פון זיין מציאות. אבער די כוונה איז אז אויך דערנאך, ווען ער קומט צוריק אין זיין מציאות, זאל זיך אנהערן ביי אים די תנועה פון מסירת נפש.

אזוי ווי מען האט גערעדט[46]) וועגן דער מעלה פון אחדות פון שמיני עצרת, אז זי בלייבט אויך אין די וואכעדיקע טעג נאך שמיני עצרת.

און דאס איז אויך מרומז אין דעם ענין פון מבול. בשעת דעם מבול, איז די גאנצע וועלט געווען פארטרונקען, ביז אפילו די מזלות האבן דאן ניט געארבעט[47]). וועלט איז געווען בטל, מען איז געווען אויסגעשלאסן פון וועלטישע זאכן, און מען איז געווען איינגעשלאסן אין „תיבה" — אותיות פון תורה און תפילה.

ס'איז געווען על דרך ווי די עבודה פון חודש תשרי, וואס מען איז דאן אפגעשלאסן פון וועלט. ווי עס ווערט דערקלערט אין זהר[48]) און אין לקוטי תורה[49]) אויפן פסוק „ותנח התיבה בחודש השביעי" (די תיבה האט גערוט אין דעם זיבעטן חודש) — אז דאס מיינט די עבודה פון חודש תשרי, (וועלכער איז דער זיבעטער חודש פון ניסן).

דער תכלית איז אבער באשטאנען ניט אין דעם מבול, נאר אין דעם ארויסגיין פון דער תיבה אין וועלט, אז דעמאלט זאל מען זיין אזוי ווי מען איז געווען אין דער תיבה.

יז. דאס איז א צוגאב אין דער שייכות פון מי המבול מיט מי מקוה:

דער רמב"ם זאגט[50]) אז די טהרה ווערט פארענדיקט ניט בשעת מען איז אין מקוה, נאר בשעת מען גייט ארויס פון מקוה, ד. ה. אז ווען ער גייט ארויס פון מקוה, דארף זיין קענטיק אויף אים אז ער איז געווען אין מקוה.

די זעלבע זאך איז אויך אין דעם „בא אל התיבה", אריינגיין אין די ווערטער פון תורה און תפלה, איז דער תכלית הכונה ניט דער ביטול במציאות בשעת'ן לערנען און דאווענען, נאר אז נאכן דאווענען און לערנען זאל ער זיין אזוי ווי בשעת דעם דאווענען און לערנען.

אזוי ווי מען האט גערעדט (אויבן אות ח) וועגן דעם בעל שם טוב, אז

---

44) ישעי' סא, ה.
45) ברכות לה, ב.
46) זע לקו"ש ח"ב ע' 434 ואילך.
47) ירושלמי פסחים פרק א הלכה א. ב"ר פרשה כה, ב. ופרשה לד, יא.
48) חלק ג' קמט, ב.
49) לקו"ת לג"פ (אוה"ת נח כרך ג' תרמג, ב).
50) הלכות אבות הטומאה פרק ו, הלכה טז. וראה בכסף משנה שם.

פאַרן דאַווענען איז ער ניט געווען זיכער וואָס עס וועט זיין מיט אים נאָכן דאַווענען, צוליב דעם כלות הנפש און ביטול בשעת'ן דאַווענען — פונ־דעסטוועגן איז ער שפּעטער געקומען צוריק אין וועלט, ווארום דאָס איז דער עיקר כוונה.

יח. דער רבי דער שווער האָט אַמאָל געזאָגט [51]) אַז פּרשת נח איז אַ „קאַלעמוטנע" וואָך און אין פּרשת לך לך הויבט אָן צו ווערן פריילעכער,

ווארום דעמאָלט איז געבאָרן געוואָרן אברהם אבינו — און בפרט לויט דעם פירוש הפנימי פון לך לך גו' אשר אראך — אַז מען ווייזט די מעלה פון נשמות.

זאָל דער אויבערשטער געבן אַז די אַלע ענינים וואָס זיינען דער־ווײַלע קאַלעמוטנע — צוליב וועלכער ס'איז סיבה — איז אַזוי ווי מען גייט אַריין אין פּרשת לך לך, זאָלן זיי ווערן פריילעך און אַראָפּקומען בטוב הנראה והנגלה.

(משיחות ש"פ נח תשי"ז)

51) בקור שיקאגא ע' 8.

# פרשת לך לך

א. עס שטייט עשרה נסיונות נת־נסה אברהם אבינו [1]) (מיט צען נס־יונות איז אברהם אבינו געפּרואווט געוואָרן). איינער פון די ערשטע נס־יונות — און אפשר אויך פון די גרעסטע — איז דער נסיון פון אור כשדים, פונדעסטוועגן אָבער ווערט דער דאָזיקער נסיון ניט דערמאָנט אין דער תורה בפירוש, נאָר בלויז דורך אַ רמז (אָנדייטונג). דער ערש־טער נסיון וועלכער ווערט בפירוש דערמאָנט אין דער תורה איז דער נסיון פון „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך".

קען מען זאָגן אַ טעם אויף דעם, ווייל דער ענין פון לך לך מארצך גו' איז פאַראַן אין דער עבודה פון יעדן מענטשן, סיי מלמעלה למטה, סיי מלמטה למעלה [2]) און סיי אין דעם מטה (אונטן) גופא.

ב. אין קורצן מיינט דאָס:

אין דעם ענין פון דער ירידה פון דער נשמה למטה אין אַ גוף, געפינט מען צוויי קעגנזאַצן: א) „על כרחך אתה חי" [3]) (קעגן דיין ווילן לעבסטו), ווייל דאָס לעבן פון דער נשמה אין אַ גוף איז אַ צוואַנג־זאַך פאַר דער נשמה. ווארום די נשמה — איידער זי נידערט אַראָפּ אין אַ גוף — איז חצובה מתחת כסא הכבוד [4]) (אויס־געהאַקט פון אונטער דעם כסא הכ־בוד) און דאָס איז ערשט די נידע־ריקע מדריגה אין דער נשמה. און עס איז פאַראַן אַ העכערע מדריגה אין דער נשמה, ווי זי איז אין דער בחינה פון „טהורה היא", און נאָך העכער.

ווייל דער אַראָפּגיין אויף דער וועלט איז פאַר דער נשמה אַ גרויסע ירידה, און בפרט ווי דער

1) אבות פרק ה משנה ג.
2) זע תורה אור ריש פרשה לך יא, א. תורת חיים שם ובכמה מקומות.
3) אבות פרק ד משנה כב.
4) זע זהר חלק ב' כט, ב.

רבי ברענגט אין אַ שיחה[5] אַז איידער די נשמה קומט אַראָפּ למטה ווייזט מען איר דעם גן עדן מיטן גיהנם, כדי זי זאָל וויסן וואָס זי האָט צו טאָן אויף דער וועלט. דעריבער איז דער אַראָפּנידערן פון דער נשמה צו באַלעבן אַ גוף אַ געצוואונגענע זאַך ביי דער נשמה — על כרחך אתה חי.

ב) פון דער צווייטער זייט אָבער, איז ניט קוקנדיק וואָס די ירידה איז אַזוי גרויס, קומט די נשמה, דוקא דורך דער דאָזיקער ירידה, צו אַ מדריגה וועלכע איז נאָך העכער ווי זי איז געווען פריער, ווי דער באַוואוסטער מאמר[6] ירידה צורך עליה.

ג. די דאָזיקע צוויי ענינים זיינען מרומז אין דעם פסוק לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך.

„מארצך" מיינט ווי די נשמה שטייט אין דער בחינה פון רצון העליון, וואָס דאָס איז העכער פון דעם וואָס עס שטייט אין תניא (פרק ב) אַז די נשמה נעמט זיך פון חכמה עילאה וואָס „הוא וחכמתו אחד" (דער אויבערשטער און זיין חכמה זיינען איינס) וואָרום רצון איז העכער פון חכמה[7].

— דאָס איז אויך דער ענין וואָס ער זאָגט אין תניא (פרק לב) „שכולן מתאימות, ואב אחד לכולנה", כולן מתאימות (אַלע זיינען גלייך) — דאָס איז מצד דער בחינה פון רצון, ואב אחד לכולנה (ווי דאָס אָבן אַלע איין פאָטער) — מצד דער בחינה פון חכמה. —

„וממולדתך ומבית אביך" — איז ווי די נשמה שטייט אין די ספירות חכמה און בינה. „לידה" (געבורט) איז דאָך פון „אב ואם" (פאָטער און מוטער), וואָס חכמה איז „אב" און בינה איז „אם"[8].

מולדתך — איז ווי די נשמה שטייט אין ספירת החכמה, און בית אביך איז ווי די נשמה שטייט אין דער ספירה פון בינה, וואָרום אב, ווי געזאָגט, איז חכמה, אָבער „בית אב" אַ בית און אַ כלי צו אב — איז בינה.

אויף אַן אַנדער אופן קען מען זאָגן: מולדתך — איז כולל ביידע ספירות חכמה ובינה וועלכע זיינען מוליד. בית אביך איז ווי די נשמה געפינט זיך אין ספירת המלכות.

און אין אַ נידעריקערן אופן: מארצך, ממולדתך, מבית אביך — מיינט דאָס, בינה, ז"א ונוק'[9].

די דריי אויבן־דערמאָנטע מדריגות אין נשמה זיינען אויך פאַראַן ווי זיי זיינען אין דעם סדר העולמות: מארצך — ווי די נשמה שטייט נאָך העכער פון עולם האַצילות. מולדתך — ווי די נשמה שטייט אין עולם האַצילות, וואָרום דער שורש פון אַלע נשמות איז אין אַצילות[10], וואָס אין אַצילות בכלל איז מאיר חכמה —

---

5) שבועות תרצ"ד אות יז און ווייטער. לקוטי דיבורים עמוד קסט.

6) לקוטי תורה ויקרא מא, א. און נאָך.

7) לקוטי תורה ויקרא כד, א. במדבר יב, א. און נאָך. דרך מצותיך דף צט.

8) תניא פרק ג. תורת חיים בראשית ד"ה ויצר אות נא.

9) זהר ח"א עז, א. זע לקו"ת לג' פרשיות (אוה"ת לך (כרך ד) תרפה, א ואילך).

10) זע לקוטי תורה שיר השירים ביאור השני לד"ה יונתי יט, א.

דער יו״ד פון דעם שם הוי׳[11]. בית אביך איז די נשמה ווי זי קומט אַראָפּ אין עולם הבריאה, וואָס דאָרט לייכט ספירת הבינה[12], און מלכות דאצילות ווערט כתר דבריאה[13].

און דאָס זאָגט מען צו דער נשמה: לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך, אַז זי זאָל אַראָפּגיין פון איר שורש און מקור אין די אַלע אויבן־דער־מאָנטע דרגות, ביז — „אל הארץ אשר אראך״ — אָנטאָן זיך אין אַן ערדיש־גשמיות׳דיקן גוף, ווייל דוקא אין דעם דאָזיקן גשמיות׳דיקן קער־פער וועט זי צוקומען צו דער הוי־כער עליה.

אין די ברכות השחר זאָגט מען „נשמה שנתת בי טהורה היא כו׳ ואתה משמרה בקרבי״. „טהורה היא״ מיינט די נשמה ווי זי איז אין עולם האַצילות, „שנתת בי״ איז נאָך הע־כער, און פונדעסטוועגן נידערט זי פון דאָרטן אַראָפּ צו „בראתה״ — עולם הבריאה, „יצרתה״ — עולם היצירה ביז צו „נפחתה בי״ אין דעם גשמיות׳דיקן גוף, און דוקא דורך דעם „נפחתה בי״ דערגרייכט זי צו „ואתה משמרה בקרבי״ — וואָס קומט פון אַ שורש וועלכער איז נאָך הע־כער פון „טהורה היא״ און אַפילו פון „שנתת בי״. וואָרום שומר (דער וואָס היט) — איז דאָך שטאַרקער פונם נשמר (ווער עס ווערט געהיט).

און דאָס מיינט „אל הארץ אשר אראך״ — וואָס איך עצמות (דער אויבערשטער) אַליין וועל דיר ווייזן — ווייל דוקא דאָ למטה אויף דער וועלט קען מען נעמען עצמות, ווי עס שטייט אין תניא פרק ד׳ אַז לית מחשבה תפיסאַ בי׳ כי אם כאשר תפיסא ומתלבשת בתורה ומצוותי׳ (קיין מחשבה קען אים ב״ה ניט באַ־נעמען סיידן ווען זי ווערט אָנגעטאָן אין דער תורה און אירע מצוות), וואָס זיי זיינען „לא בשמים״[14] (ניט אויפן הימל), נאָר דוקא אין עולם הזה הגשמי.

ד. איז נאָכדעם ווי די נשמה האָט דורכגעפירט דעם לך לך מארצך מל־מעלה למטה און זי איז אַראָפּ פון אירע אַלע הויכע דרגות און איז אַריין אין דעם גוף גשמי, באַקומט זי דעם כוח דורכצופירן דעם „לך לך מארצך גו׳ אל הארץ אשר אראך״ לויט דעם צווייטן פירוש ווי דאָס איז מלמטה למעלה (פון אונטן אַרויף־צו).

דער יצר הרע קומט דאָך אַריין אין דעם מענטשן דער ערשטער — אקדימא טעניתי׳, משעה שננער לצאת ממעי אמו[15] (פון דער מינוט וואָס דאָס קינד גייט אַרויס פון דער מו־טערס טראַכט). דאַרף מען דאָך האָבן כוחות צו שטאַרקן זיך איבער אים. איז בשעת די נשמה קומט אַראָפּ דאָ למטה, גיט מען איר דעם דאָזיקן כוח זי זאָל קענען אַרויסגיין „מאר־צך״ — לשון רצה[16] — פון די רצונות פון נפש הבהמית. וממולדתך — פון זיינע הנחות וועלכע נעמען זיך פון דעם נאַטור־וועלטלעכן שכל און פון זיינע וועלטלעכע מדות. ומבית

---

11) הכולל חו״ב עילאין (פע״ח שער התפלין פט״ו ובכ״מ).

12) תיקוני זהר ת״ו ועיין בתניא פל״ט.

13) תורה אור פרשת וירא דף יד, א. לקוטי תורה שלח לט, ב; אין נאָמען פון כתבי האריז״ל.

14) בבא מציעא נט, ב.

15) בראשית רבה פרשה לד, יו״ד.

16) בראשית רבה פרשה ה, ח.

אביך — פון אַזעלכע ענינים וועל־
כע נעמען זיך ביי אים פון די ניט
געהעריקע דערציאונג און געוואוינ־
הייט 17) — איז אַט פון די אַלע זאַכן
זאָל ער אַרויסגיין, און זאָל גיין —
„אל הארץ אשר אראך" — אין שול
און אין בית המדרש, וואָס דאָרטן
הערשן די רצונות פון נפש האל־
קית, און דאָס וועט מבטל זיין די
נאַטירלעך־וועלטלעכע רצונות, די הנ־
חות פון דעם נאַטור־וועלטלעכן שכל
און די נאַטור־וועלטלעכע מידות און
געוואוינהייטן פון נפש הבהמית.

ה. נאָכדעם ווי די נשמה האָט דורכ־
געטאָן דעם דאָזיקן ענין אין עבודה
— זי איז אַרויס פון דעם ארצך,
מולדתך און בית אביך פון דעם נפש
הבהמית, מאָנט מען ביי איר אַ הע־
כערע עבודה — אַרויסגיין פון דעם
ארצך, מולדתך און בית אביך, אפילו
פון דעם נפש האלקית.

מארצך — פון די רצונות פון נפש
האלקית, ממולדתך — פון חכמה
פון נפש האלקית, ומבית אביך —
פון התבוננות פון קדושה — אל
הארץ אשר אראך — צוקומען צו
אַ מדריגה וואָס איז העכער פון
טעם ודעת, צו דער הנהה און צו
דער ראי׳ פון חכמה — פנימיות
אבא — וואָס דאָס איז העכער פון
שכל, אפילו פון שכל דחכמה.

(משיחת י״ג תמוז תשי״ד)

* * *

ו. דער רבי דער שווער האָט פיל
מאָל גערעדט וועגן דעם, אַז אַ איד
איז פאַרבונדן מיט תורה, און דאָס
וואָס תורה איז איינגעטיילט אין באַ־
זונדערע סדרות, מיינט דאָס אַז פון
דער סדרה וואָס מען לייענט יעדע
וואָך, קען מען נעמען אָנווייזונגען ווי
אַזוי זיך צו פירן אין די געשעענישן
וועלכע קומען פאָר אין דער וואָך.

ז. דער אינהאַלט פון דער היינ־
טיקער סדרה איז, דער סיפור וועגן
דעם געבורט פון ישמעאל׳ן און
יצחק׳ן.

מענטשן האָפן דאָך אַז זייערע קינ־
דער וועלן פאַרזעצן זייערע ענינים.
דערציילט די סדרה אַז דער אויי־
בערשטער האָט געגעבן אברהם׳ען
צוויי קינדער — פריער ישמעאל און
דערנאָך יצחק.

בשעת דער אויבערשטער האָט צו־
געזאָגט אברהם׳ען אַז ביי אים וועט
געבאָרן ווערן יצחק, האָט ער שוין
געהאַט ישמעאל׳ן. האָט אברהם אבינו
געזאָגט צום אויבערשטן: לו ישמע־
אל יחי׳ לפניך (הלואַי זאָל כאָטש
ישמעאל לעבן פאַר דיר). ד. ה. אַז
ער וואָלט געווען צופרידן אַפילו אויב
יצחק וועט ניט געבאָרן ווערן, אַבי
אַז ישמעאל וועט לעבן לפניך, וועט
זיך אויפפירן ווי מען דאַרף און ער
וועט גיין אין דעם אויבערשטנס
דרכים 18).

אויף דעם האָט אים דער אויי־
בערשטער געענטפערט: ניין, ביי דיר
וועט דוקא געבאָרן ווערן יצחק, דאָס
איז דיין אמת׳ער נחת. דאָס וואָס
דו בעטסט וועגן ישמעאל׳ן, איז „ול־
ישמעאל שמעתיך" — פון אים וועסטו
אויך האָבן נחת, אָבער ניט דער־
מיט קענסטו זיך באַנוגענען, נאָר דו־
קא „ביצחק יקרא לך זרע".

---

17) להעיר גם מסוף ד״ה לך לך תרס״ז
(בהמשך תרס״ו).

18) זע פירש״י דאָרט: „יחי׳ ביראתך".

ח. אברהם אבינו איז דאַן אַלט געווען 99 יאָר. צענדליקער יאָרן האָט ער געדינט דעם אויבערשטן און דורכגעגאַנגען אַ סך נסיונות. איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז אברהם אבינו האָט געהאַט דעם אמת'ן באַגריף וואָס עס מיינט נחת פון קינדער. ווען ער האָט געבעטן „לו ישמעאל יחי' לפניך" האָט ער דאָך געמיינט אַז ישמעאל זאָל גיין אין די וועגן וועלכע ער — אברהם — וועט אים אָנווייזן, ביז ער וועט קענען האָבן פון אים אַזאַ נחת לויט דעם באַגריף ווי אַברהם אבינו פאַרשטייט. און פונדעסטוועגן זאָגט אים דער אויבערשטער אַז נאָך אַלעם דעם איז דיין אמת'ן נחת וועסטו האָבן פון יצחק'ן דוקא.

ישמעאל'ס מאַמע, הגר, דערציילט דער מדרש [19], איז געווען זייער אַ פרומע. אויף אַזוי ווייט, אַז אירע אויפפירונגען האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער עבודה פון בית המקדש, און דערפאַר ווערט זי אָנגערופן מיטן נאָמען קטורה [20].

זי האָט אויך געהאַט מסירת נפש, ווי חכמינו ז"ל דערציילן אונז [21], אַז הגר איז געווען די טאָכטער פון פרעה מלך מצרים — אַ קייסער אין איינער פון די מעכטיקסטע מלוכות אין יענער צייט — און פונדעסטוועגן האָט זי איינגעוויליקט אַוועקצוגיין פון דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און ווערן אַ דינסט ביי שרה'ן, אַבי צו זיין ביי אברהם'ען אין הויז.

איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז אויך איר זון ישמעאל'ן האָט זי דערצויגן אין דעם וועג.

דאָס אַלץ גיט אונז מער צו פאַרשטיין פאַרוואָס אברהם האָט זיך געוואָלט באַנוגענען מיט ישמעאל'ן אַליין, האָפנדיק אַז ער וועט פון אים האָבן פולקאָמען נחת. פון דער צווייטער זייט אָבער, איז לויט דעם, נאָך שווערער צו פאַרשטיין פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז דוקא ביצחק יקרא לך זרע.

ט. דער אונטערשייד פון ישמעאל'ן מיט יצחק'ן איז געווען: ישמעאל'ס געבורט איז געווען אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ניט דורך נסים, אָבער יצחק'ס געבורט איז געווען דורך נסים. אויף אַ נאַטירלעכן אופן איז אוממעגלעך געווען אַז אברהם און שרה זאָלן, אין זייער עלטער, האָבן אַ קינד. קיינער האָט ניט געגלויבט אַז עס קען פּאַסירן אַזאַ זאַך, און אפילו אברהם אבינו אַליין האָט אויך ניט געגלויבט אַז ער איז ווערט אַז דער אויבערשטער זאָל אים ווייזן אַזעלכע נסים.

צוליב דעם איז אויסגעקומען נאָך אַן אונטערשייד צווישן ישמעאל'ן מיט יצחק'ן — דער ענין פון ברית מילה, די איינציקע ספּעציעלע מצוה, דורך וועלכער מען האָט דאַן (פאַר מתן תורה) געהאַט אַ פאַרבונד מיטן אויבערשטן.

ישמעאל האָט זיך גע'מל'ט צו דרייצן יאָר. בשעת מען ווערט אַלט דרייצן יאָר ווערט מען אַ בר שכל, דערפאַר ווערט מען דעמאָלט מחוייב אין מצוות [22] ווייל מען קען זיך שוין

19) בראשית רבה סא, ד.

20) תנחומא פ' חיי, ח.

21) בראשית רבה מה, א.

22) אבות פרק ה, כא. קונטרס התפלה פ"ה.

דאַן פאַרלאָזן אויף דעם מענטשנס אויפפירונג. איז מיט זיין שכל האָט ישמעאל מסכים געווען צו פאַרבינדן זיך מיטן אויבערשטן — האָט ער זיך דאַן גע׳מל׳ט.

יצחק׳ן האָט מען גע׳מל׳ט ווען ער איז אַלט געווען אַכט טעג. ביי אַ קינד פון אַכט טעג איז ניט שייך צו פרעגן. און פונדעסטוועגן האָט מען אים נאָך זייענדיק אַ קינד פאַר־בונדן מיטן אויבערשטן, און מיט אַזאַ סאָרט פאַרבונד וואָס מען קען קיינ־מאָל ניט אָפּווישן און אָפּמעקן — אַן אייביקער פאַרבונד, „ברית עולם" — ווי דער פסוק רופט עס אָן.

י. איז לויט די אויבן־דערמאָנטע צוויי אונטערשיידן צווישן ישמעאל׳ן און יצחק׳ן: א) יצחק׳ס איבערנאַ־טירלעכער, נסים׳דיקער געבורט אין קעגנזאַץ צו ישמעאל׳ס נאַטירלעכן געבורט, און ב) יצחק׳ס פאַרבונד מיטן אויבערשטן אויף אַן אופן וואָס איז העכער פון שכל, בשעת ישמע־אל׳ס פאַרבונד איז געווען על פי שכל — ווערט מען אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס אברהם אבינו׳ס אמת׳ער נחת איז דוקא פון יצחק׳ן.

אַ קינד ווערט געבוירן און וואַקסט אויס אונטער דער השגחה פון די על־טערן, אויסגעהיט פון יעדן ווינטל, מען דערציט אים ער זאָל האָבן דעם ריכטיקן פאַרשטאַנד, און מצד זיין ריכטיקן פאַרשטאַנד פאַרבינדט ער זיך מיטן אויבערשטן — דאָס איז דער דרך פון ישמעאל׳ן. ער האָט זיך גע־האָדעוועט ביי אברהם אבינו אין הויז, איז מצד דער דערציאונג וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער געהאַט דעם ריכטיקן שכל און פאַרשטאַנען אַז מען דאַרף זיך פאַרבינדן מיטן אויבערשטן.

אָבער קיין זיכערקייט אין דעם האָט מען ניט, ווייל די גאַנצע אידיש־קייט נעמט זיך בלויז פון שכל, פון פאַרשטאַנד, קען מען ניט וויסן וואָס עס וועט זיין אויב עס קומט אַ וועל־כע ס׳איז ענדערונג אין זיין לעבן. נאָך מער: אַפילו איידער עס קומט נאָך די ענדערונג, קען מען אויך ניט וויסן אויף ווי ווייט עס וועט זיין ביי אים אידישקייט, אויף דער גאַנ־צער פולער מאָס אָדער בלויז באַ־גרענעצט לויט דער איינשטימונג פון זיין פאַרשטאַנד.

און דערפאַר איז אויך ביי ישמע־אל׳ן — ווען עס האָט נאָר אָנגערירט זיין ירושה [23]), האָט מען אים שוין ניט געקענט האַלטן ביי אברהם׳ען אין הויז, און דער אויבערשטער האָט געהייסן אים אַרויסטרייבן, וואָרום — „ביצחק יקרא לך זרע" [24]).

דער אויבערשטער האָט אָנגעדייט: בשעת מען גייט אויפשטעלן אידישע דורות, קען מען ניט צוגיין דערצו לויט דער מאָס פון נאַטור. דער גאַנ־צער קיום און ענין פון אידן איז העכער פון נאַטור. ביי אידן איז באַלד פון געבורט אָן, הויבט מען אָן מיט נסים, ניט רעכענענדיק זיך מיט נאַטור.

דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אברהם׳ען: דעם אמת׳ן אידישן נחת קען מען האָבן דוקא פון אַזאַ קינד וואָס זיין געבורט און זיין גאַנצער לעבן באַלד פון געבורט אָן איז אויף אַ ג־טלעכן אופן, און ווען ער איז

---

23) תוספתא סוטה פרק ו׳ סוף פסקא ג.
24) זע תרגום יונתן שם.

א קינד פון קוים אכט טעג — ד. ה. באלד ווי עס איז פאראן די ערשטע מעגלעכקייט דערצו — פארבינדט מען אים מיט דעם אויבערשטן, און מיט א ברית עולם — אן אייביקן פארבונד, כאטש ער פארשטייט נאך גארניט און מען קען נאך ביי אים ניט פרעגן.

ביי אזא קינד וועט די אידישקייט זיין ניט בלויז לויט זיין שכל, נאר מיט מסירת נפש, און מען וועט פון אים האבן דעם אמת'ן אידישן נחת.

יא. תורה איז ניט חס ושלום קיין „היסטאריע־בוך", תורה איז אייביק. די ראי' איז פון דעם וואס יעדן יאר הויבט מען אן נאכאמאל צו לייענען די תורה פון בראשית. דאס הייסט אז דאס וואס די תורה דערציילט אונז, זיינען דאס אנווייזונגען אין יע־דער צייט און אין יעדן ארט, ווי אזוי א איד דארף זיך אויפפירן ביי זיך אין הויז, אין געזעלשאפט און אין דער קהילה.

אזוי איז אויך די דערציילונג פון דער דאזיקער סדרה אן אנווייזונג אין לעבן בכלל און אין אידישער דער־ציאונג בפרט, וואס דאס איז דער עיקר־פונקט.

יב. פאראן אזעלכע וואס מיינען אז דער סדר אין דערציאונג דארף זיין צוווארטן ביז דאס קינד וועט אויס־וואקסן און וועט אליין פארשטיין מיט זיין שכל ווי זיך אויפצופירן, האפנ־דיק אז וויבאלד דאס זיינען דאך בני אברהם יצחק ויעקב וועלן זיי אליין צוקומען צום באגריף פון אידישקייט.

האבן מיר אן אנווייזונג אין דער דאזיקער סדרה: אויב מען זאל גיין לויטן מענטשלעכן שכל, איז וויפל מען זאל זיך ניט אנשטרענגען, איז ניט שכל איז דער וועג אויף צו פארבינדן זיך מיטן אויבערשטן. דער וועג דערצו איז דוקא מסירת נפש.

יג. אויך איז די הוראה פון דעם:

מען זאל ניט מיינען אז מען דארף א קינד געבן א „פארוואסערטע" אי־דישקייט און דערנאך, אז ער וועט ווערן עלטער, וועט מען אים געבן מער.

דאס וואלט געווען ריכטיק ווען עס וואלט זיך געהאנדלט וועגן א זאך וואס איז אפהענגיק אויסשליס־לעך אין פארשטאנד און חשבונות.

ביי אידן, וועלכע זיינען העכער פו'ן נאטור־חשבונות, האבן מיר די אנ־ווייזונג פון דער פריערדיקער תורה־דערציילונג, אז ביי אידישער דער־ציאונג איז דער סדר, אז ווען דאס קינד איז בלויז אכט טעג אלט, דארף מען אים שוין געבן די שטארקסטע מאס פון אידישקייט, מען דארף אים שוין פארבינדן מיט אן אייביקן פאר־בונד, ניט נאר אויף א יאר, אויף צען אדער צוואנציק יאר, נאר מיט א ברית עולם.

יד. וואס מיינט דאס אז אויך קינ־דער דארף מען געבן די שטארקסטע מאס אידישקייט?

מען דארף דערציילן און דערקלערן דער יוגנט, באלד פון קינדוויז אן, אז דער אידישער פאלק בכלל, ובכ־מילא אויך יעדער איד בפרט, איז ניט פארבונדן מיט נאטור־חשבונות.

מען דארף זאגן צו דער יוגנט, אז מען דארף אפלייגן חשבונות אן א זייט. דער וואס שטאמט פון א פאלק וועלכער איז פון סאמע געבורט אן ניט געבויט אויף א נאטירלעכן אופן, איינער וואס שטאמט פון דעם עלטסטן

פאלק, וואס האט די עלטסטע תורה און איז דורכגעגאנגען אזוי פיל יארן פון נסיונות און שוועריקייטן און זיין גאנצער קיום איז נאר דורך נסים, — דער איז ניט פארבונדן מיט קיין חשבונות און ער האט ניט וואס צו טראכטן וועגן זיי.

און ווען מען פירט אים אויף דעם וועג נאך זייענדיק א קליין קינד, ער זאל וויסן אז א איד איז העכער פון חשבונות און איז פארבונדן מיטן אויבערשטן מיט אן אייביקן פארבונד, דאן זאגט־צו דער אויבערשטער „ביצ־חק יקרא לך זרע" — דו וועסט האבן אמת'ן נחת, סיי אין רוחניות סיי אין גשמיות.

(משיחת ו' מרחשון תשח"י)

* * *

טו. פרשת לך לך איז א וואך וואס אלע טעג פון איר לעבט מען מיט אברהם אבינו, דער ערש־טער וואס האט געעפנט דעם צינור פון מסירת נפש[25], און דאס אי־בערגעגעבן בירושה צו אלע אידן לדורותיהם.

אפילו גרים זיינען אין דעם כלל, ווארום זיי האבן א שייכות צו אב־רהם'ען. זיי ווערן דאך אנגערופן בני אברהם. צו יצחק'ן און יעקב'ן זיינען זיך מתייחס נאר די וואס שטאמען פון זיי, אבער צו אברהם'ען זיינען זיך מתייחס אויך גרים.

דערפאר שרייבט דאך דער רמב"ם אין דער באוואוסטער תשובה[25*]) וועל־כע איז מיוסד אויפן ירושלמי[26]), אז אויך גרים קענען זאגן „לאבותינו", ווייל אברהם אבינו איז א פאטער צו אלע גרים. במילא איז פארשטאנדיק אז דאס וואס ער האט איבערגעגעבן בירושה דעם כוח פון מסירת נפש צו אלע אידן, זיינען אויך גרים אין דעם כלל. דערפאר מאנט מען אויך ביי זיי מקיים צו זיין תורה ומצוות מיט דער גאנצער שטארקייט, כאטש דאס איז אפהענגיק אין דעם ענין פון מסירת נפש[27]).

און א פשיטא, אז די וואך וואס גייט נאך לך לך דארף אודאי זיין א פריילעכע, ווארום דארט רעדט זיך דאך וועגן אברהם אבינו נאכדעם ווי ער האט מקיים געווען די מצוה פון מילה, וואס דאס איז געווען גאר א הויכער ענין.

דער רבי דער שווער זאגט אין דער שיחה פון שמחת תורה תש"י[28]) אז אברהם אבינו איז געווען א איד פון פינף און זיבעציק יאר, א איד א „פאסעסאר", א בעל הבית אויף אלע זיינע הנה־גות, „שכל הנעלם מכל רעיון"[28*]), וואס דאס אלץ איז נאך געווען פאר דעם „לך לך", און במילא איידער ער האט זיך גע'מל'ט. פארשטייט מען דאך צו וואס פאר א מדריגה ער איז צוגעקומען דורך מצות מילה.

מצות מילה איז פארבונדן מיט דעם ענין פון לידה (געבורט). אלע ענינים צו וועלכע אברהם איז צו־געקומען ביז מצות מילה, האבן א שייכות צו נבראים, דערפאר האט ער געקענט צוקומען צו זיי מיט זיין אייגענעם כוח. מצות מילה אבער איז

25) ד"ה כי כאשר השמים החדשים תרע"ח.

25*) געדרוקט אין תשובות הרמב"ם (הוצ־את שולזינגער) ספר אהבה סימן יט.

26) ירושלמי ביכורים פרק א' הלכה ד'.

27) תניא סוף פרק כה.

28) געדרוקט אין קונטרס שמיני עצרת תש"א (סה"מ תש"א ע' 98).

28*) תורה אור יא, א. תורת חיים ריש פרשת לך פרק א ואילך.

א ענין וואס מען האט געגעבן פון אויבן, ווי עס שטייט אז מילת אברהם איז דער ענין פון מילה של־מעלה[29]) — ומל ד׳ אלקיך את לבבך. און אזוי בכלל — איז מען דורך מצות מילה ממשיך אורות נעלים ביותר, וואס זיינען אינגאנצן העכער פון בריאה און סדר ההשתלשלות[30]).

דערפאר איז מילה פארבונדן מיט דעם ענין פון געבורט, וואס ווען א ולד ווערט געבוירן איז דאך דאס א דבר חדש און די אנטפלעקונג פון דעם כוח פון אין סוף למטה, ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות[31]).

במילא דארף די וואך אודאי זיין א פריילעכע, און אזוי אויך די וואכן וואס קומען דערנאך זאלן אויך זיין פריילעכע, ווי דער רבי זאגט[32]) אז שמחת תורה ווערט נמשך דער מקיף כללי וועלכער איז כולל אלע מקיפים פון גאנץ חודש תשרי, און פון שמחת תורה ווערט דאס נמשך אויף א גאנץ יאר.

(משיחת ש״פ לך לך תשי״א)

# פרשת וירא

א. אזוי ווי היינט איז כ׳ מרחשון — דער יום הולדת (געבורטס־טאג) פון דעם רבי׳ן אדמו״ר מוהרש״ב נ״ע, — דעם שווערס פאטער — וועל איך דא איבערדערציילן א מע־שה[1]) וואס כ׳האב שוין אמאל דער־ציילט:

דער רבי (מוהרש״ב) נ״ע פלעגט יעדן כ׳ מרחשון — זיין יום הולדת — אריינגיין צו זיין זיידן, כ״ק אדמו״ר הצמח צדק, בעטן א ברכה. מעגלעך, אז אזוי איז אויך געווען דער סדר ביי די אנדערע אייניקלעך פון צמח צדק.

איין מאל בשעת דער רבי נ״ע איז אריינגעגאנגען — (ער איז דאן אלט געווען פיר אדער פינף יאר, ווארום דער רבי נ״ע איז געבארן געווארן אין יאר תרכ״א, און אין ניסן תרכ״ו איז דער צמח צדק נס־תלק געווארן) — האט ער זיך פאר־נאנדערגעוויינט. האט אים דער צמח צדק געפרעגט וואס וויינסטו? האט ער געענטפערט, אז ער האט געלערנט אין חומש (אדער געהערט איבער־דערציילענדיק) אז דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו אברהם אבינו (עס איז געווען פרשת וירא), וויינט ער פארוואס האט ער זיך צו אים ניט באוויזן.

האט אים דער צמח צדק געענטפערט: אז א איד (א צווייטע נוסחא: א איד א צדיק) באשליסט ביי זיך צו ניין און נייניצק יאר, אז ער דארף זיך מל זיין, איז ער ווערט, אז דער אויבערשטער זאל זיך צו

29) תורה אור סוף פרשת לך לך יג, ג.

30) אויספירלעך — זע לקוטי תורה תזריע ד״ה למנצח על השמינית, ספר המצות לה„צמח צדק״ מצות מילה, ועוד.

1) משיחת כ״ק אדמו״ר — הריי״צ — נ״ע, ש״פ וירא כ׳ מ״ח תרצ״ג.

31) לקו״ת שה״ש לט, ד ואילך. ד״ה כל המאריך באחד, תרפ״ו אות ד (סה״מ קונט׳ ח״ג ע׳ יא־יב). ד״ה מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נד־ה).

32) שיחת שמיני עצרת תש״ג (הקדמה לקונט׳ צח – סה״מ תש״ט ע׳ סז־ח).

אים באַוויזן. דער תירוץ איז ביים קינד אָנגענומען געוואָרן און ער האָט אויפגעהערט צו וויינען.

ב. כאָטש די מעשה מיטן רבי'ן נ"ע איז געווען ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד פאַר בר מצוה, און נאָך אידער ער איז געווען „הגיע לחינוך" — פונדעסטוועגן דאַרף מען די מעשה לערנען, וואָרום וויבאַלד אַז דער רבי נ"ע האָט די מעשה דערציילט צו זיין איינציקן זון — דעם רבי'ן, און דער רבי האָט דאָס איבערדערציילט, מען זאָל עס איי־בערגעבן דער וועלט, איז אַ ראי' אַז די מעשה רירט אָן אויך אונז. מען קען פון איר אָפּלערנען צוויי ענינים, ד. ה. סיי פון דער שאלה און סיי פון דער תשובה.

ג. פון דעם רבי'נס וויינען אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט זיך ניט באַוויזן צו אים, קאָן מען אָפּלערנען, אַז יעדער איד — אין וועלכן מצב ער זאָל זיך ניט גע־פינען, אַפילו ער איז „לא הגיע לחי־נוך", ד. ה. אַז ער האָט אויף אַזוי פיל קיין דעת ניט, אַז ניט נאָר וואָס ער אַליין פאַרשטייט ניט, נאָר ער קען אויך ניט נעמען קיין השפּעה פון אַ צווייטן.

— אין יאָרן קען ער אַפילו זיין אַ גדול, אָבער אין רוחניות איז ער אַ קטן שלא הגיע לחינוך. אַזוי ווי דער רבי דער שווער האָט געזאָגט אַז אידישע יאָרן רעכענען זיך ניט לויטן פּאַספּאָרט. אויפן פּאַספּאָרט קען ער זיין אַן אַלטער איד, און אין זיינע אמת'ע, רוחניות'דיקע יאָרן, אין זיין מקיים זיין תורה און מצוות, איז ער אַ קליין קינד וואָס שפּילט זיך אונטערן טיש, —

קען אויך ער מאָנען, און מאָנען מיט אַ שטאַרקייט, וואָס דאָס איז דאָך דער ענין פון וויינען,

— אַן ענין וועלכער איז העכער פון זיין פאַרשטאַנד, העכער פון מוחין וועלכע קענען דאָס ניט מער סובל זיין, איז מצד „מותרי מוחין" קומען טרערן *¹) —

אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַ־וויזן צו אים, אַזוי ווי צו אברהם אבינו.

ד. נאָך מער: ער קען מאָנען אַז דער אויבערשטער זאָל זיך באַוויזן צו אים אַזוי ווי ער האָט זיך באַ־וויזן צו אברהם אבינו נאָכדעם ווי ער האָט מקיים געווען מצות מילה, וואָס אין דעם מצב איז דאָך געווען דער „וירא אליו הוי'".

אויף פאַר דעם געפינען מיר די התגלות פון שם הוי' צו אברהם'ען, אָבער עס איז ניט גלייך צו דער אַנטפּלעקונג — „ואיתגלי" — וואָס איז געווען נאָך מצות מילה, וועלכע איז אַ פיל העכערע ²).

בשעת דער אויבערשטער האָט זיך אַנטפּלעקט צו אברהם'ען נאָך דער מצות מילה, האָט ער שוין דעמאָלט געהייסן אברהם מיט אַ צוגעגעבענעם ה"א. זאָגט אויף דעם די גמרא³) אַז דאַן איז אברהם געוואָרן אַ בעל־הבית אויף די פינף איברים: עינים, אזנים וראש הגוי' — וואָס לויט

*1) ספר המאמרים קיץ ה'ת"ש, ד"ה אהללה ה', אות ג.

2) זע בראשית רבה ר"פ וירא. לקוטי תורה ויקרא כא, א.

3) נדרים לב, ב.

דער נאַטור איז אַ מענטש אויף זיי קיין בעל־הבית ניט. פריער האָט ער געהייסן אברם — אָן אַ ה״א. ער איז געווען אַ בעל־הבית נאָר אויף דעם וואָס אַ מענטש קען לויט זיין נאַטור הערשן. אָבער דערנאָך, דורך דעם וואָס ער האָט געטאָן בכוח עצמו — וויפל מען קען טאָן מיטן אייגענעם כוח — האָט מען אים געגעבן פון הימל אויך אַזעלכע ענ־ינים וואָס אַליין קען מען צו זיי ניט צוקומען און ער איז געוואָרן אַ בעל־הבית אויך אויף די זאַכן, וועלכע לויט דער נאַטור קען מען זיי ניט באַהערשן.

ממילא איז פאַרשטאַנדיק אַז די אַנטפּלעקונג צו אברהם אבינו נאָך דער מצות מילה איז געווען אַ פיל העכערע ווי פריער.

פונדעסטוועגן קען יעדער איד — אפילו אַזאַ וועלכער איז „לא הגיע לחינוך" אין רוחניות — אויך מאָ־גען, אַז דער אויבערשטער זאָל זיך צו אים באַווייזן אַזוי ווי ער האָט זיך באַוויזן צו אברהם'ען ווען ער האָט שוין געהאַלטן אין דער מד־ריגה וואָס נאָך דער מצות מילה.

ה. פון דעם צמח צדק'ס ענט־פער, אַז די התגלות — אַנטפּלע־קונג — צו אברהם'ען איז געווען דערפאַר וואָס ער האָט געוואוסט אַז ער דאַרף זיך מל זיין, קען מען זיך אָפּלערנען: אַז אמת טאַקע, יעדער איד קען מאָנען אַז דער אויבער־שטער זאָל זיך צו אים באַווייזן. עס פאָדערט זיך אָבער אַן הקדמה: ער זאָל וויסן אַז מען דאַרף זיך מל זיין. ד. ה. אַז ניט קוקנדיק אויף די אַלע מעלות וואָס ער האָט בפועל אָדער לכל הפחות בכוח,

— בכוח קען יעדער איד צוקומען צו די העכסטע מדריגות, ווי מען האָט פריער גערעדט און ווי עס שטייט [4] אַז יעדער איד איז מחוייב צו זאָגן: מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב (ווען וועלן מיינע מעשים צוקומען צו די מעשים פון מיינע אָבות אברהם יצחק און יעקב). פון דעם וואָס ער רעכנט אברהם'ען צוזאַמען מיט יצחק ויעקב, איז אויך אַ ראי' אַז דאָס מיינט מען אברהם'ען אין דער מדריגה ווי ער איז געווען נאָך דער מצות מילה —

פונדעסטוועגן דאַרף ער וויסן אַז ער דאַרף זיך מל זיין.

ו. נאָך מער: אויך די וועלכע האָבן די מעלות בפועל, וואָס דאָס זיינען די צדיקים וועלכע באַהערשן אויך די איברים וואָס בטבע קען מען אויף זיי ניט זיין קיין בעל הבית — אַזוי ווי אברהם אבינו — אויך זיי דאַרפן וויסן אַז זיי דאַרפן זיך מל זיין.

— עס איז ידוע די מעשה מיטן רבי'ן (מוהרש״ב) נ״ע, אַז אַמאָל האָט ער זיך געקלאָגט אַז ער הערט ניט אויף איין אויער. ווען מען האָט אָנ־געהויבן צו זוכן די סיבה דערפון איז מען דערגאַנגען, אַז שבת ווען ער האָט געזאָגט חסידות, האָט מען אין אַ צווייטן צימער געשמועסט, און דאָס האָט אים מבלבל געווען צו זאָגן דעם מאמר. אַזוי ווי ער האָט געפילט די אַחריות, אַז זיין ענין איז משפיע צו זיין חסידות, און דער שמועסן האָט אים געשטערט — האָט ער מסלק געווען דעם חוש השמיעה

---

4) תנא דבי אלי' רבה פכ״ה.

פון דעם אויער וועלכער איז געווען צו דער זייט פון יענעם צימער.

און דאָס איז וואָס עס שטייט אין אַ מאמר [5]) אַז צדיקים האָבן ביי זיך צו־גענומען די ראי' אָדער די שמיעה בשעת עס האָט געשטערט צום נפש האלקית. וואָרום צדיקים זיינען בעלי בתים אויך אויף די חושים וואָס בטבע געוועלטיקט מען איבער זיי ניט. —

אָבער אויך אַזעלכע וועלכע שטייען אין אַזאַ הויכע מדריגה דאַרפן וויסן אַז זיי דאַרפן זיך מל זיין.

ז. דער טעם דערויף איז, ווייל ווען עס איז פאַראַן אַפילו נאָר אַן ערלה דקה ביותר ברוחניות, קען עס, נאָך פילע השתלשלות, אַראָפּקומען ביז אין נידעריקע זאַכן.

און דאָס איז דער דיוק פון דעם רבי'ן צמח צדק'ס לשון, אַז אַ איד אַ צדיק צו ניין און נייַנציק יאָר וויסט אַז ער דאַרף זיך מל זיין. צו הונ־דערט יאָר — ד. ה. אַז ער האָט מברר געווען אַלע צען כחות, יע־דער כוח ווי ער באַשטייט פון צען — דאַן האָט ער שוין ניט וואָס מורא צו האָבן, וואָרום ער האָט שוין ניט קיין שייכות צו די ענינים פון וועלט, ווי עס שטייט [6]) בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם.

— וואָרום אין פלוג איז ניט פאַר־שטאַנדיק וואָס ער זאָגט אין אבות בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם. אַלע ענינים וואָס ער רעכנט דאָרט אויס אין דער משנה זיינען למעשה'דיקע אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פירן, בן חמש למקרא, בן עשר למשנה, בן י"ג למצוות כו', אָבער וואָס פאַר אַן אָנווייזונג איז דאָס, אַז צו הונדערט יאָר איז ער „כאילו מת ועבר ובטל מן העולם"? נאָר דער פשט איז, אַז ווען ער האָט שוין מברר געווען אַלע צען כחות — און דוקא בפרטיות [7]), יעדער איינער ווי ער באַשטייט פון צען [8]), ער איז אַ „בן מאה", איז ער „כאילו עבר ובטל מן העולם", ער האָט שוין מער קיין שייכות ניט צו די ענינים פון וועלט און האָט ניט פאַר וואָס מורא צו האָבן, גלייך ווי ער וואָלט שוין מער ניט געהאַט קיין יצר הרע [9]). —

בשעת ער איז אָבער 99 יאָר, עס פעלט אים נאָך עפּעס צו דעם בירור פון אַלע צען כחות בפרטיות, דע־מאָלט דאַרף ער זיך מל זיין, וואָרום בריבוי ההשתלשלות

— מען מיינט ניט ריבוי השתל־שלות, אַז דער אדם געפינט זיך אין איין עולם און די ירידה איז אין אַ צווייטן עולם, נאָר וויבאַלד דער אָדם איז דאָך קדם למעשה בראשית ואחור למע"ב [10]), איז באַ אים גופא קען זיין אַ ריבוי השתל־שלות —

קען עס אַראָפּקומען ביז צו נידע־ריקע ענינים.

---

5) ד"ה כי ישאלך תרנ"ד.

6) אבות פרק ה משנה כב.

7) זע קונטרס העבודה פרק ו.

8) דרך מצותיך שרש מצות התפלה קמד ב; ביאור ושבתה קע, ב. עיין בדרושי חיי שרה.

9) זע ירושלמי סוף ברכות. זהר חלק ב' קז, ב. תניא פרק א. ובכמה מקומות.

10) ברכות סא, א. בראשית רבה ח, א. ארשב"ל אחור למעשה יום האחרון וקדם למעשה יום א'. תנחומא תזריע א, זע גי' עץ יוסף. תורה אור ג, ד. לקוטי תורה דברים פו, ג.

בשעת אָבער עס איז פאַראַן דער אַלגעמיינער ביטול, ער ווייסט אַז ער דאַרף זיך מל זיין, ער ווייסט אַז אַזוי ווי ער איז טויג ניט, און ער דאַרף אַנדערש ווערן, איז דאָס אַ הקדמה אויף צוצוקומען צו די העכערע מדריגות, עס זאָל זיין וירא אליו ה׳, אַזוי ווי צו אַברהם אבינו נאָך מצות מילה, און ער ווערט „אברהם״ מיט אַ צוגעגעבענער ה״א; ער ווערט אַ בעל־הבית אויף אַלע זיינע חושים, אַפילו אויף די וואָס בטבע קען מען אויף זיי ניט געוועלטיקן.

נאָך מער: ער ווערט אַ בעל־הבית אויף זיין חלק אין וועלט. אַזוי ווי מען האָט גערעדט אין מאמר וועגן צדיקים, אַז דורך דעם וואָס זיי פועל׳ן אַ זיכוך (אויסלייטערונג) ביי זיך אַליין, באַווירקן זיי אויך אַ זיכוך אין זייער חלק אין וועלט.

אַזוי אויך, דורכדעם וואָס ער ווערט אַ בעל הבית אויף זיינע חושים ווערט ער אויך אַ בעל הבית אויף זיין חלק אין וועלט, אויף אַלע זאַכן וואָס ער דאַרף האָבן אויף צו דינען דעם אויבערשטן, סיי אין בני, סיי אין חיי און סיי אין מזוני (קינדער, לעבן און פרנסה), און דאָס אַלעס זאָל זיין — רויחי (בריוח).

(משיחת כ׳ מ״ח תשי״ג)

* * *

ח. איינע פון די מעלות צו וועלכע אברהם אבינו איז צוגעקומען דורך מצות מילה איז, אַז דעמאָלט איז ער געוואָרן ראוי צו געבוירן יצחק׳ן, און לויט דעם מאמר רז״ל [11], אַז יצחק האָט געדאַרפט געבאָרן ווערן מטיפה קדושה דוקא, ווי עס שטייט [12] אויך דער לשון „אשר קדש ידיד מבטן״. דערפאַר איז אברהם — כאָטש אויך פאַר מצות מילה איז ער געווען אַ מרכבה צו אלקות, אָבער ער איז נאָך ניט געווען ראוי צו האָבן יצחק׳ן, נאָר בשעת ער איז צוגעקומען צום „והי׳ תמים״ דורך מילה, דעמאָלט דוקא האָט געקענט זיין יצחק׳ס געבורט.

פון דעם איז אויך פאַרשטאַנדיק די מעלה פון יצחק׳ן אויף אברהם׳ען, וואָרום ביי אברהם׳ס געבורט געפינט מען ניט אַז עס זאָל האָבן געדאַרפט זיין דער דערמאָנטער תנאי, אָבער יצחק׳ס געבורט — אפילו נאָך אַלע פריערדיקע מעלות פון אברהם׳ען — האָט דאָס ניט געקענט זיין איידער ער איז צוגעקומען צום „והי׳ תמים״.

ט. וואָס איז דער טעם פאַרוואָס דוקא יצחק האָט געדאַרפט געבאָרן ווערן מטיפה קדושה?

דער חילוק פון אברהם מיט יצחק איז:

אברהם׳ס ענין איז — המשכה מלמעלה למטה. יצחק׳ס ענין איז — העלאה מלמטה למעלה [13].

אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין פיל מאמרי חסידות אַז די עבודה פון אברהם׳ען איז „אהבה כמים״ (אַ ליבשאַפט צום אויבערשטן וועלכע איז געגליכן צו וואַסער), אַזוי ווי מיר זאָגן (אין תפלת גשם) „זכור אב נמשך אחריך כמים״ (געדענק דעם פאָטער (אברהם) וועלכער האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך דיר ווי וואַסער),

---

11) בראשית רבה פמ״ו, ב.

12) שבת קלז, ב.

13) תורה אור יז, ג.

וואס די טבע פון וואסער איז אראפ־צונידערן פון אויבן אראפ[14]. די עבודה פון יצחק'ן איז אהבה כרשפי אש (ווי פלאמען־פייער), וואס די טבע פון פייער איז אז עס ציט זיך פון אונטן ארויף.

דער אונטערשייד פון אברהם'ען מיט יצחק'ן איז געווען ניט נאר אין דער עבודה מיט זיך אליין, נאר אויך אין זייער עבודה וואס זיי האבן אויפגעטאן אין דער וועלט.

אברהם האט גע'פועל'ט אין דער וועלט, אז אין איר זאל נמשך ווערן ג־טלעכקייט מלמעלה למטה, און יצחק האט גע'פועל'ט אין וועלט, אז זי אליין זאל דערהויבן ווערן, ווערן א כלי צו ג־טלעכקייט — העלאה מלמטה למעלה.

און אט דעם חילוק זעט מען אויך אין די אופנים פון זייער הנהגה, לויט ווי די תורה דערציילט אונז.

י. אברהם אבינו האט ממשיך געווען ג־טלעכקייט צו אלעמען: אין ארץ כנען — ווי זי איז געווען קודם הבירור — און אויך אין מצרים, ביז וואנען ער האט ממשיך געווען ג־טלעכקייט אויך צו ערביים (אראבער) וועלכע פלעגן זיך בוקן צו דער שטויב פון זייערע פיס[15], וואס דאס איז די סאמע נידעריקסטע מדריגה.

— א מענטש איז איינגעטיילט אין דריי טיילן: ראש, גוף, רגל. דער פוס איז דער סאמע נידעריקסטער אבר. דער שטויב פון די פיס איז נאך נידעריקער פון דעם פוס אליין. די ערביים זיינען געשטאנען אין אזא נידעריקער מדריגה, אז זיי האבן זיך געבוקט צו דעם שטויב פון זייערע פיס, ד. ה. אז דער שכל פון קאפ איז ביי זיי געשטאנען נידעריקער ווי דער שטויב פון די פיס. —

פונדעסטוועגן האט אברהם אבינו זיך אפגעגעבן אויף ממשיך צו זיין אלקות אויך אין זיי, אזוי ווי די חז"ל זאגן[16] אויף דעם פסוק[17] ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם — אל תיקרי ויקרא אלא ויקריא. ד. ה. ער האט געמאכט אויסרופן; ער האט גע'פועל'ט ביי זיי אז זיי זאלן שרייען „א־ל עולם".

אזוי ווי דער ענין פון אברהם'ס עבודה איז געווען המשכה, אזוי זיינען אויך דער וועג און די כלים דערצו געווען אין אן אופן פון המשכה, אזוי ווי עס ווערט דערציילט אין רז"ל[18] אז דער אופן ווי אזוי אברהם פלעגט מאכן באקאנט ג־טלעכקייט אויף דער וועלט איז געווען דורך הכנסת אורחים.

ער האט אריינגענומען אורחים אין מדבר, געגעבן זיי אלע זאכן, און דערנאך בשעת זיי האבן אים געוואלט דאנקען, האט ער זיי געזאגט: ברכו למי שאכלתם משלו; הודו ברכו ושבחו למי שאמר והי' העולם (בענטשט דעם וואס איר האט געגעסן פון זיינע; דאנקט, בענטשט און לויבט דעם וואס מיט זייןווארט איז געווארן די וועלט).

יא. יצחק'ס ענין איז געווען — ווי פריער געזאגט — העלאה מלמטה למעלה. דערפאר האט ער ניט

---

14) תניא ח"א פ"ד. אגרת הקדש ריש סימן יב.

15) בבא מציעא פו, ב.

16) סוטה י, סוף עמוד א.

17) בראשית כא, לג.

18) סוטה י, ב. בראשית רבה פנ"ד, ד.

געהאט אינגאנצן קיין שייכות צו מצ־רים און צו חוצה לארץ בכלל, ווייל ער איז געווען אַן עולה תמימה[19], און אויך זייענדיק אין ארץ ישראל, האָט ער געהאַט צו טאָן מיט חפירת בארות (גראָבן ברונעמס), וואָס דאָס איז מרמז אויף דעם אופן פון גילוי אלקות בדרך העלאה, אַנטפּלעקן ג־ט־לעכקייט דורך דערהויבן דעם אונטן. ווייל מדריגת יצחק איז געווען — אָפּגעטראָגן פון וועלט, העלאה והס־תלקות מלמטה למעלה.

אַזוי ווי ער אַליין איז געווען אין דער בחינה פון העלאה, האָט ער די זעלבע זאַך אויך אויפגעטאָן אין וועלט, געמאַכט פון איר אַ כלי (וואָס ציט־זיך) צו אלקות.

יב. ווי די תורה דערציילט אונז, איז יצחק׳ס עבודה געווען חפירת הבארות, גראָבן די ברונעמס. דאָס מיינט אַנטפּלעקן און אַרויפציען די מים חיים וועלכע געפינען זיך אונטן אין דער ערד. ניט אַריינגיסן אַהין מים חיים פון אַן אַנדער אָרט, נאָר אַנטפּלעקן דאָס קוועלנדיקע וואַסער וועלכע געפינט זיך דאָרטן גופא. וואָרום דער אמת איז אַז דאָרט גע־פינען זיך מים חיים, מער ניט וואָס עס איז פאַרדעקט מיט ערד, בלאָטע און שטיינער, און בשעת מען נעמט אַראָפּ דעם צודעק, ווערן אַנטפּלעקט די מים חיים.

וואָס דאָס ווייזט אויך אַן אויף זיין רוחניות׳דיקער עבודה: אַראָפּנעמען די אַלע זאַכן וועלכע פאַרדעקן און פאַר־שטעלן, און מאַכן די וועלט פאַר אַ כלי צו ג־טלעכקייט — העלאה מל־מטה למעלה. ווי די מים חיים אַליין, וועלכע זיינען נובע מתתא לעילא, (קוועלן פון אונטן אַרויף).

יג. ניט נאָר וואָס יצחק האָט זיך ניט גערעכנט מיט די קעגנשטאַנדן וועלכע דעקן צו די מים חיים, נאָר נאָך מער: ער האָט זיך אויך ניט גערעכנט מיט קיין מנגדים וועלכע שטערן צום גראָבן די ברונעמס.

ווי די תורה דערציילט אונז, אַז בשעת עס זיינען געקומען אבימלך׳ס פאַסטעכער און האָבן פאַרטריבן יצ־חק׳ס פאַסטעכער און פאַרשטאָפּט ד־ ברונעמס, איז יצחק ניט נתפעל גע־וואָרן און געהייסן ווייטער גראָבן.

נאָך מער: אַפילו ווען מען האָט צוגענומען די ברונעמס וועלכע עבדי יצחק האָבן אויסגעגראָבן און זי־ אַוועקגעגעבן צו די פלישתים — דאָס מיינט אין טיפערן זין, אַז די לעבע־דיקייט און וואַרעמקייט צו וועלכע מען האָט זיך קוים דערגראָבן, נעמט מען אַריין אין דער קליפה פון פליש־תים (וואָס דאָס איז „מבוי המפולש"[20]) — אויך דעמאָלט איז יצחק ניט נת־פעל געוואָרן און ווייטער געגראָבן. און בשעת מען האָט צוגענומען אויך דעם צווייטן ברונעם, האָט ער גע־גראָבן אַ דריטן, ביז ער איז צוגע־קומען צו „רחובות" (ברייטקייט), „הרחיב ה׳ לנו ופרינו בארץ"[21]).

יד. על פי שכל איז ניט גע־ווען קיין אָרט ניט נתפעל צו ווערן פון אבימלך׳ן, אין דער צייט וואָס אַבימלך זיצט אויף זיין כסא־מלוכה און שטערט צו גראָבן די בארות

---

19) בראשית רבה פס״ד, ג. הובא בפירש״י עה״ת, בראשית כו, ב.

20) תורה אור בשלח סא, ג. און נאָך.

21) בראשית כו, כב.

פון קדושה, און די ברונעמס וואָס מען האָט אויפגעגראָבן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג נעמט אָבי־מלך צו זיך. יצחק האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט קיינע חשבונות פון שכל, ער האָט געוואוסט אַז זיין ענין איז צו אַנטפּלעקן מים חיים, און די אַרבעט האָט ער געטאָן מיט מסירת נפש.

די עבודה צו מאַכן פון וועלט אַ כלי צו ג־טלעכקייט דערלאַנגט אין בלי גבול האמתי (אמת'ע אומבאַגרענעצט־קייט) אין סוף ברוך הוא, וואָרום דורך דעם פּירט זיך דורך דער תכלית הכוונה [21*]. אַזוי ווי עס שטייט דער טעם אויף אָנרופן אים מיטן נאָמען יצחק — „צחוק עשה לי אלקים" [22]). אַז דער בירור וזיכוך פון די ענינים וועלכע פאַרשטעלן און וועלכע נעמען זיך פון דעם שם אלקים בגימטריא „הטבע" [23]) — דאָס דוקא רופט אַרויס דעם צחוק ותענוג שלמעלה [24]).

טו. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס יצחק האָט געדאַרפט גע־באָרן ווערן מטיפּה קדושה דוקא. ווייל אברהם'ס מדריגה מצד זיך אַליין איז געווען אצילות, ד. ה. אלקות בהגבלה, און דורך מקיים זיין די מצוה פון מילה איז ער צוגעקומען צו „תמימות" (גאַנצקייט) — הי' תמים — וואָס דאָס איז דער ענין פון אלקות שלמעלה מאצילות [25]). און דאָס האָט אַרויסגערופן ביי יצחק'ן, אַז זיין עבודה זאָל זיין אָן קיינע הגבלות, אפילו ניט קיין הגבלות פון שכל דקדושה [26]).

טז. די אָנווייזונג פון דעם איז:

אברהם און יצחק ווערן ביידע אָנ־גערופן אבות פון יעדן אידן.

ביי יעדער אידן דאַרפן זיין צוויי־ערליי עבודות: די עבודה פון אב־רהם'ען און די עבודה פון יצחק'ן.

בשעת אַ איד האָט צו טאָן מיט תורה, תפלה און מקיים זיין מצוות, געפינט ער זיך דאָך אין ליכטיקע ד' אמות. ער האָט ניט צו טאָן מיט־דער וועלט. ניט נאָר ווען ער פאַר־נעמט זיך מיט די צוויי קוים פון תורה און עבודה, נאָר אפילו ווען ער פאַרנעמט זיך מיטן קו פון גמי־לות חסדים — מקיים זיין מצוות — וואָס ער דאַרף טאָן מיט גשמיות'־דיקע זאַכן, איז ער אָבער פונדעסט־וועגן אויך דעמאָלט פאַרנומען מיט מקיים זיין דעם רצון העליון (דעם אויבערשטנס ווילן). מער ניט וואָס ער איז ממשיך דעם אויבערשטנס רצון אויך אין גשמיות, אָבער ער האָט ניט צו טאָן מיטן גשמי אַליין, און כל שכן ניט מיט קיין מנגד און אפילו ניט מיט עפּעס וואָס פאַר־דעקט און פאַרשטעלט ג־טלעכקייט.

איז אפילו אַז מען האַלט ביי אַזאַ דרגא, דאַרף מען וויסן אַז נאָך ניט דאָס איז דער תכלית פון עבודת השם. דאָס איז בלויז די עבודה פון אברהם אָבער מען דאַרף זיך פאַר־נעמען אויך מיט דער עבודה פון יצחק.

מען דאַרף האָבן צו טאָן אויך מיט

21*) תורה אור יז, ג.

22) בראשית כא, ו.

23) תניא שער היחוד והאמונה פרק ו.

24) תורה אור יח, א.

25) זע תורה אור סוף ד"ה בעצם היום הזה. תורת חיים דאָרט.

26) זע תו"א ר"פ תולדות. תורת חיים דאָרט.

די, וואס אין דרויסן זעט זיך אין זיי ניט אן מער ווי שטיינער און בלאטע וואס פארדעקן אויף די מים חיים, און אפילו אויך מיט די וואס עס זעט זיך אויס אז זיי זיינען מנגדים צו ג־טלעכקייט, ד. ה. מיט אזוינע וועלכע זיינען אויסערלעך פארזונקען אין איסורים במזיד און להכעיס — אויך מיט זיי דארף מען זיך פארנעמען צו גראבן אין זיי, אראפנעמען פון זיי די זאכן וועלכע פארשטעלן, ביז מען וועט זיך דערגראבן צו די מים חיים וועלכע געפינען זיך אין זיי אינווייניק, און דאס אנטפלעקן און ארויסברענגען בגילוי.

קען מען דאך טענה'ן: ער האט שוין געפרואווט גראבן איין מאל און נאך אמאל, און ניט נאר וואס ער זעט ניט קיין תועלת, נאר אדרבא, די פלשתים האבן גאר צוגענומען די ברונעמס — איז וואס פאר אן ארט איז דא על פי שכל נאך ווייטער צו גראבן?

אויף דעם ענטפערט מען: אשר קדש ידיד מבטן כו' וצאצאיו כו'. די עבודה פון יצחק'ן און זיינע קינדער דארף זיין אן קיינע חשבונות. דאס וואס ביז איצט האט ער ניט מצליח געווען, דאס איז דעם אויבערשטנס חשבונות, ובהדי כבשי דרחמנא למה לך[27]. וואס איז נוגע צו אים איז אז ער מוז גראבן און גראבן, ביז ער וועט זיך דערגראבן צום מים חיים, און סוף סוף וועט ער צוקומען צו „הרחיב ה' לנו ופרינו בארץ"[28].

(משיחת י"ב תמוז תשי"ד)

# פרשת חיי שרה

א. אין דער היינטיקער סדרה שטייט: „ותמת שרה בקרית ארבע היא חברון בארץ כנען". טייטשט דער זהר אז שרה איז א רמז (אנדייט) אויף דעם גוף און אברהם — אויף דער נשמה[1].

און דאס איז — זאגט דער זהר — „ותמת שרה", אז ווען דער גוף שטארבט „בקרית ארבע", וואס ער באשטייט פון די פיר יסודות, „היא חברון", וואס כל זמן ער האט געלעבט, זיינען די פיר יסודות געווען מחובר, איז ווען ער שטארבט, דערמאלט איז „ויבא אברהם" — די נשמה — „לספוד לשרה ולבכותה": די נשמה וויינט, ווייל אויך נאכן טויט, און לאחר ההסתלקות, איז די נשמה פארבונדן מיטן גוף.

לויט דעם, אז שרה איז א רמז אויף דעם גוף און אברהם אויף דער נשמה, איז אין פלוג ניט פארשטאנדיק וואס עס שטייט „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה".

ב. עס איז באוואוסט דער ווארט

---

27) ברכות י, א.

28) שכל העמים יעבדוהו שכם אחד (רמב"ן כו, כ).

1) זע שו"ת הרשב"א סי' ת"ח. ד"ה רבי בנאה (אוה"ת ח"ש קיט, ב ואילך. שם כרך ב' תמב א ואילך).

פון בעל שם טוב [2]) אויף דעם פסוק כי תראה חמור שונאך גו׳ [3]).

„כי תראה חמור" — אַז דו וועסט זיך איינקוקן אין דיין חומר (קערפּערלעכקייט) וועסטו זען אַז „שונאך" — ער איז דיין שונא, ווייל אין אַהויב עבודה און ביים אַהויב פון לעבן זיינען גוף און נשמה שונאים איינער דעם צווייטן: „רובץ תחת משאו" — משא מיינט דער עול (לאַסט) פון תורה און מצוות. ניט קוקנדיק אַז דאָס איז „משאו", דיין משא, וואָס דערפאַר האָט מען געגעבן מצוות צו נשמות אין גופים דוקא, ווייל די כוונה איז צוליב אויסלייטערן דעם גוף — פונדעסטוועגן איז דאָס פאַר אים אַ משא, וואָס ער וויל דאָס ניט, ממילא איז ער „רובץ תחת משאו".

ג. אויסער דעם וואָס די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן דוקא צו נשמות אין גופים — זיינען די מצוות גופא אויך אָנגעטאָן דוקא אין גשמיות׳דיקע זאַכן. און ניט נאָר די מצוות מעשיות, נאָר אויך די מצוות וועלכע זיינען חובת הלבבות — אַזוי ווי אהבה און יראה, — און חובת המוח — אַזוי ווי די מצוה פון האמנת היחוד (גלויבן אין דער איינציקייט פון דעם באַשעפער) — אויך די מצוות איז זייער ענין, אַז זיי זאָלן דערפילט ווערן דוקא אין דעם קערפּערלעכן פלייש פון האַרץ און מוח.

למשל: די מצוה פון אהבת ד׳. אַזוי ווי אין גשמיות איז דאָך „שמועה טובה תדשן עצם" [4]) (אַ גוטע בשורה מאַכט פעט דעם ביין), ווי די גמרא דערציילט [5]) אַז פון דער גוטער בשורה וואָס מען האָט אים אָנגעזאָגט איז געוואָרן ביי אים אַ קערפּערלעכע ענדערונג, אַזוי אויך אין אהבת ד׳, אַז דער „קרבת אלקים לי טוב", וואָס דער מענטש דערהערט, דאַרף אויך זיין קענטיק אין זיין גוף.

אַזוי אויך אין יראה: ניט נאָר וואָס עס דאַרף זיין אַ כיווץ אין מוח אָדער אַפילו אין האַרצן, נאָר עס דאַרף זיין קענטיק אין דעם קערפּערלעכן פלייש פון מוח און האַרץ אַז ער שרעקט זיך.

אַלץ האָבן אונז געוויזן די נשיאים, און אויך אין דער זאַך איז פאַראַן אַ ביישפּיל. עס איז באַוואוסט די מעשה אַז דער אַלטער רבי האָט אַמאָל אין דאַוונען (ראש השנה אָדער יום כיפור) קומענדיק צו די ווערטער „ובכן תן פחדך" — זיך אָנגעהויבן קייקלען אויף דער ערד זאָגנדיק פּח, פּח, (מיט אַ פּתח אונטערן פּא), און פאַר גרויס פּחד האָט ער ניט געקאָנט פאַרענדיקן דעם וואָרט. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט ער אויסגעפירט דעם גאַנצן וואָרט „פחדך".

נאָך אַ מעשה פון דעם רבי׳ן דעם צמח צדק: אין די ערשטע יאָרן פון זיין נשיאות איז ער אַמאָל געזעסן און פאַרבראַכט מיט חסידים. מען האָט געבראַכט קאַוויט (דאָס וואָס הייסט היינט 90־ער), האָט ער גענומען איין גלאָז, און נאָך אַ גלאָז און געהייסן אָנגיסן אַ דריטע גלאָז. נאָכדעם האָט ער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם שטערן, און ס׳איז אויף אים גאָרניט ניכר געוועזן די משקה.

---

2) געבראַכט אין היום יום ע׳ כג — כח שבט.

3) שמות כג, ה.

4) משלי טו, ל.

5) גיטין נו, ב.

האָט דער צמח צדק שפּעטער דערקלערט, אַז ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין גדולת ד׳, איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ פחד, און „יין קשה פחד מפיגו" (פחד ניכטערט אויס פון שטאַרקן וויין) 6), און דער פחד נעמט אַראָפּ פון דעם קערפּער די ווירקונג וואָס דער וויין האָט אויף אים. די יראה האָט ביי אים אַזויפיל געווירקט, און עס איז אַזוי ווייט קענטיק געווען, אויך אויף דעם קערפּער, אַז עס האָט אַראָפּגענומען די ווירקונג פון דער משקה.

אַזוי איז אויך אין אהבה. אַזוי ווי הרה"צ ר׳ מנחם נחום טשערנאָבעלער איז געווען פעט בגופו פון זאָגן אמן יהא שמי׳ רבא 7). אַז ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם „שמי׳ רבא" און גדולת הוי׳, אַז דער אויבערשטער איז „מברך לעלם ולעלמי עלמיא", אַז ער ווערט נמשך אין אַלע עולמות, וואָס אויך עולם העשי׳ הגשמי איז אין כלל — איז ער נתעורר געוואָרן מיט אַן אהבה און תענוג, ביז וואַנען אַז דאָס האָט גע׳פּועל׳ט אַ פעטקייט אין זיין קערפּער.

ד. „וחדלת מעזוב לו" — איז דער בעל שם טוב ווייטער מבאר אין זיין תורה אויף דעם אויבן־דערמאָנטן פסוק: קענסטו דאָך מיינען אַז ווייבאַלד דער גוף איז „רובץ תחת משאו" וועסטו זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ עבודה וואָס געהערט צו דער נשמה, און דעם גוף וועסטו צעברעכן דורך תעניתים וסיגופים — זאָגט מען: „עזוב תעזוב עמו", ווייל מען דאַרף מברר זיין דעם גוף.

6) זע ב"ב י, א. וצע"ק. — וראה לקו"ש חכ"ה ע׳ 499.

7) ד"ה וקהל היהודים תרע"ח.

אפילו ווען ער זאָל מכוון זיין אַלע כוונות פון דער מצוה און די מצוה בפועל וועט ער ניט מקיים זיין; ער וועט מכוון זיין די כוונות פון תפילין, נאָר בפועל וועט ער קיין תפילין ניט לייגן, — איז ניט נאָר וואָס עס פעלט דער קיום פון דער מצוה, נאָר ער האָט נאָך עובר געווען אַן עבירה — ער האָט מבטל געווען די מצוה פון תפילין.

אויב אָבער ער וועט בפועל לייגן תפילין, און די כוונות האָט ער ניט מכוון געווען — צי ווייל ער ווייסט ניט די כוונות, אָדער ער ווייסט יאָ, נאָר ער האָט ניט מכוון געווען — איז שמייסן וועט מען אים, ווייל ער האָט באַדאַרפט מכוון זיין, אָבער די מצוה האָט ער מקיים געווען.

ביי איינעם פון דעם צמח צדק׳ס אייניקלעך האָט געדאַרפט זיין אַ ברית, און עס זיינען דאָרט געווען צוויי מוהלים. איינער איז געווען אַן עלטערער וואָס האָט געוואוסט כתבי האריז"ל — צי אַלע צי ניט אַלע, אָבער די ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו מילה האָט ער געוואוסט — און איינער איז געווען אַן אינגערער, אַ מומחה, אָבער אַ סך פּשוט׳ער ווי דער עלטערער. האָט דער צמח צדק געזאָגט אַז מען זאָל נעמען דעם אינגערן, און געזאָגט דעם טעם, ווייל מען דאַרף פּשוט אין גשמיות אָפּשניידן.

און דאָס איז דער פּשט פון „כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה" — וואָס „שרה" מיינט מען — לפירוש הזהר — דעם גוף, ווייל דער עיקר כוונה איז דער גוף. איצט איז דאָס בהעלם, און לעתיד לבוא וועט דאָס זיין בגלוי, ביז וואַנען אַז די נשמה

וועט נעמען חיות פון דעם גוף [8].

ביי די אבות איז דאָך ידוע אַז „הטעימן הקב״ה בעולם הזה מעין עולם הבא״ [9] (דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן צו פאַרזוכן מעין עולם הבא שוין אויף דער וועלט), דערפאַר האָט מען אברהם'ען געזאָגט: כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה.

(משיחות ש״פ חיי שרה תשי״א)

ה. דער ערשטער שידוך און חתונה וואָס איז באַשריבן בפירוש אין דער תורה, איז אין היינטיקער סדרה — די חתונה פון יצחק'ן. וועגן אדם און חוה שטייט אויך אין מדרש [10]) אַז זייער חתונה איז מרומז אין דער תורה, אָבער דאָס איז מער ניט ווי אַ רמז און בלויז אין עטליכע ווערטער.

ווען אליעזר האָט דערציילט ווי אברהם האָט אים געשיקט קיין ארם נהרים, און ווי ער איז אַהין געקומען, האָט ער געזאָגט: ואבוא היום, אַז היינט איז ער געקומען. טייטשט רש״י [11]) „היום יצאתי והיום באתי, מכאן שקפצה לו הדרך״ — היינט בין איך אַרויסגעפאָרן און היינט בין איך אָנגעקומען, מיינט דאָס, אַז ער האָט געהאַט קפיצת הדרך.

צוליב וואָס האָט געדאַרפט זיין די קפיצת הדרך, און צוליב וואָס האָט דאָס אליעזר דערציילט? זיינען אויף דעם פאַראַן צוויי הסברות; די צווייטע איז אַ חסידישע, וועט מען דערביי זען די הפשטה און נשמה־דיקייט פון אַ חסידישער הסברה.

ו. א) בשעת אברהם האָט געשיקט אליעזר'ן קיין ארם נהרים, האָט ער אָנגעשריבן אַ שטר מתנה אויף זיין גאַנצן פאַרמעגן צו יצחק'ן [12]). וואָס טוט מען אָבער מיט דעם זמן (דאַ־טום) פון דעם שטר? שרייבן אַ פריערדיקן זמן, ד. ה. דעם טאָג ווען אליעזר איז אַרויסגעפאָרן — פאַר־וואָס זאָל ער עפּעס אָוועקגעבן זיין פאַרמעגן במשך די זיבעצן טעג וואָס די נסיעה דאַרף נעמען? און בפרט לויט דעם פסק פון דער משנה אַז חייב אדם להיות חס על נכסיו [13]) (אַ מענטש דאַרף שוינען זיינע פאַר־מעגנס). מילא פון שפּעטער אָן — ד. ה. פון זינט אליעזר'ס אָנגקומען אין אַרם נהרים — מוז ער אַוועק־געבן דעם פאַרמעגן צוליב דעם שידוך, אָבער ניט מיט זיבעצן טעג פריער. שרייבן מיט אַ זמן פון זיבעצן טעג שפּעטער, איז עס דאָך אַ שטר מאוחר. אמת טאַקע, אַ שטר מאוחר איז כשר, אָבער פאַרט ניט אַזוי גלאַטיק [14]). האָט אברהם געשריבן דעם זמן — דאַטום — ווען ער האָט אים אָנגעשריבן דעם שטר, און דערפאַר איז געווען קפיצת הדרך — היום יצאתי והיום באתי — כדי דער פאַרמעגן זאָל ניט אַרויס פון זיין רשות פאַר דער צייט.

בשעת אליעזר איז געקומען קיין אַרם נהרים, האָט ער מורא גע־

---

8) ד״ה לכל תכלה תרנ״ט.

9) ב״ב ספ״ק. זע אויך ד״ה ר׳ בנאה הנ״ל.

10) בראשית רבה פי״ח ועוד.

11) בראשית כד, מב. בראשית רבה נט, יא.

12) ב״ר נט, יא (ופליג בזה על פדר״א פט״ז) — געבראַכט אין פירש״י עה״ת, בראשית כד, לו.

13) ערכין פ״ח מ״ד.

14) זע שו״ע חו״מ סי׳ מג סעיף יג ובש״ך שם. תורה תמימה על הפסוק (בראשית כד, מב).

האָט אַז בתואל און לבן וועלן אים פרעגן, ווי קומט דאָס וואָס דער זמן פון דעם שטר איז פון היינט, עס איז דאָך אַ שטר מאוחר וועלכער איז ביי אברהם׳ען „מחזי כשיקרא״? האָט אליעזר באַלד פאַרכאַפּט און גע־זאָגט: פרעגט ניט קיין קשיות — היום יצאתי והיום באתי.

ב) עס שטייט[15]) אַז רבקה, ביי בתואל׳ן אין שטוב, איז געווען „כשו־שנה בין החוחים״ (ווי אַ רויז צווישן דערנער). דוקא דאָרט וואַקסט די שו־שנה, און די דערנער געהערן צו איר אויפהאַלט און וואוקס[16]). און מען דאַרף האָבן אַ טענה און אַ כוח אויף אַרויסנעמען די שושנה פון דאָרט, וואָרום די דערנער לאָזן ניט. אין דעם זכות פון דער שושנה באַוואָסערט מען דעם גאַנצן פלאַץ, ממילא לעבן זיי אויך דערפון. בשעת רבקה איז געוואָרן אַלט דריי יאָר מיט אַ טאָג — וואָס דעמאָלט איז זי ראויה לביאה, חתונה צו האָבן מיט יצחק׳ן — האָט זיך דאָס גלייך דערהערט ביי אברהם׳ען. די דאָזיקע ענדערונג איז אויך דער כוח און די טענה אויף צו פאַרבינדן זיך מיט קדושה און אַרויסצוגיין פון צווישן די דערנער. האָט אברהם גלייך גע־זאָגט צו אליעזר׳ן: „אל ארצי ואל מולדתי תלך ולקחת אשה לבני ליצ־חק״. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין קפיצת הדרך, וואָלט רבקה גע־ווען ביי לבן און בתואל איבעריקע צייט. דערפאַר האָט מען ניט געקאָנט אָנהויבן דעם אַרויסגיין פון צווישן די דערנער — דורך שיקן אליעזר׳ן — אײדער רבקה איז אַלט געוואָרן דריי יאָר מיט אַ טאָג, און דעריבער איז דערנאָך געווען קפיצת הדרך, כדי זי זאָל דאָרט ניט בלייבן קיין אי־בעריקע צייט.

בשעת אליעזר איז געקומען קיין אָרם נהרים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז לבן און בתואל וועלן טענה׳ן אַז רבקה זאָל איבערבלייבן אויף אַ צייט ביי זיי (אַזוי ווי זיי האָבן טאַקע גע־טענה׳ט „תשב הנערה אתנו ימים או עשור״). האָט ער זיי גלייך געזאָגט: „היום״ — איר זאָלט וויסן אַז דאָס איז אַן ענין וואָס האַנדלט זיך אין מינוטן, יעדער מינוט איז אַ שאָד, און אַ ראי׳: היום יצאתי והיום באתי.

ז. די אָפּענע אָנווייזונג פונעם תו־רה־סיפור פאַר אונז און ווייטערע דו־רות איז: מעשה אבות סימן לבנים[17]). אַזוי ווי ביי רבקה׳ן איז געווען קפי־צת הדרך כדי זי זאָל ניט פאַר־בלייבן אַן איבעריקע מינוט אין בתו־אל׳ס הויז, אַזוי איז דאָס אויך אַ סימן לבנים: מען דאַרף ניט אַראָפּ־פאַלן ביי זיך פון דעם חושך פון גלות, וואָרום דער אויבערשטער וועט צואיילן די גאולה, אַז מען זאָל ניט דאַרפן בלייבן קיין איבעריקע מינוט אין גלות.

אַזוי ווי מצרים איז דער שורש פון אַלע גלות׳ן, איז פונקט ווי אין גלות מצרים איז געווען „בעצם היום יצאו וגו׳״, און ווי ער זאָגט אין מכילתא[18]) אַז דער אויבערשטער האָט זיי ניט

---

15) שיר השירים רבה פ״ב, ב, (א).

16) זהר ח״ב כ, ב.

17) רמב״ן בראשית יב. ו: „אמרו כל מה שאירע לאבות סימן לבנים״ (ובתנחומא לך ט: „סימן מסר לו הקב״ה לאברהם כל מה שאירע לך אירע לבניך״).

18) מכילתא ע״פ ויהי מקץ שלשים שנה וארבע מאות שנה.

אויפגעהאַלטן אַפילו קיין אויגן־בליק, אַזוי איז אויך — כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות [19] — אין איצ־טיקן גלות. מען דאַרף נאָר משלים זיין די פכים קטנים און דערנאָך וועט זיין במהרה בימינו די גאולה שלמה דורך משיח צדקנו.

(משיחת ש״פ חיי שרה תשי״ג)

ח. אויף דער פרש״י ואברהם זקן זאָגן די רז״ל [20]: יפה שיחתן של עבדי בתי אבות מתורתן של בנים (עס זיינען בעסער די רייד פון די קנעכט פון די אבות ווי די תורה פון די קינדער), וואָרום כמה גופי תורה לערנט מען אָפּ פון איין אי־בעריקן אות א. א. ו., ד. ה. אַז „תורתן של בנים" איז געזאָגט גע־וואָרן קורץ, דורך אַ רמז, וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון תורה שב־כתב און תורה שבעל פה, וואָס תורה שבעל פה איז באריכות און מיט איינצלהייטן און תורה שבכתב איז קורץ און מיט רמזים.

אָבער שיחתן של עבדי אָבות שטייט באריכות און אויספירלעך. נאָך מער: איין ענין שטייט צוויי־דריי מאָל, אַזוי ווי די מעשה פון אליעזר'ן, שטייט פריער וואָס אברהם האָט אים געזאָגט און וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, און דערנאָך שטייט דאָס אַלץ נאָך אַמאָל, ווי אליעזר דערציילט וואָס אברהם האָט אים געזאָגט און וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט.

ט. כאָטש דער טעם אויף דעם איז ווייל „יפה שיחתן של עבדי אבות", אָבער ביי וועלכן ענין ווערט דאָס דערציילט אין תורה? אין אַן ענין פון אַ שידוך און אַ חתונה. פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז אוי־סער דער מעלה פון שיחתן של עבדי אבות איז די מעלה אויך דער ענין פון אַ חתונה.

די דערקלערונג דערפון איז: אַז אַ איד גייט בויען אַ אידישע הויז, איז דאָס אַ בנין עדי עד (אויף אייביק), ווייל ער בויט עס על פי תורה, וואָס איז אַ תורת חיים וועלכע איז גע־געבן געוואָרן פון דעם וועלכער לעבט אייביק, און ממילא ווערט ער אויך „ואתם הדבקים בד' אלקיכם חיים כלכם היום" [21], און די הויז וואָס ער בויט ווערט אויך אַ בנין נצחי וואָס נאָר דאַן הייסט דאָס חיים באַ־מת [22].

דערפאַר שטייט [23] אַז דאָס וואָס אליעזר האָט געגעבן רבקה'ן אַ „נזם זהב בקע משקלו" און „שני צמידים עשרה זהב משקלם" איז דאָס גע־ווען פאַר קידושין, און עס איז גע־ווען אַנטקעגן דעם מחצית השקל בקע לגלגלת — וואָס דאָס איז די מצוה פון צדקה וועלכע ווערט אָנגערופן „כללות המצוות" [24], און אַנטקעגן די צוויי לוחות מיט די עשרת הדברות, — וואָס דאָס איז די „כללות התו־רה" וועלכע אידן האָבן אויף זיך גענומען מיט אַ קבלת עול — זאָגנ־

---

19) מיכה ז, טו.

20) בראשית רבה ס, ח.

21) דברים ד, ד.

22) וכמו נהר המכזב אפילו רק אחת בשבע שנים (היקף שלם בשנים, וכמו שבוע בימים) אינו נקרא מים חיים (פרה פ״ח מ״ט. וראה לקו״ת מטות פג, ג).

23) תרגום יונתן כד, כב. בראשית רבה ס, ו. (געבראַכט אין פירש״י בראשית כד, כב). מדרש הגדול.

24) ב״ב ט, א.

דיק „נעשה" פאַר „נשמע"[25]) — וואָרום דער יסוד פון בויען אַ אידישע שטוב איז תורה ומצוה מיט קבלת עול.

י. דער טעם וואָס ער האָט געגעבן צוויי צמידים — אַנטקעגן די צוויי לוחות, אויף וועלכע די עשרת הדברות זיינען געווען דוקא „חרות" (אויסגעקריצט), ניט אָנגעשריבן, איז:

תורה שבכתב בכלל איז געשריבענע אותיות — טינט אויף פּאַרמעט, ד. ה. אַז דער טינט, די אותיות איז אַ באַזונדער זאַך און דער פּאַרמעט איז אַ באַזונדער זאַך, און פון די צוויי זאַכן צוזאַמען איז צונויפגעשטעלט תורה שבכתב.

אויך אין תורה שבעל פה איז פאַראַן צוויי זאַכן: די רייד פון תורה, און דער מענטש וואָס לערנט די תורה — וועלכער איז דאָך אַ באַזונדערע זאַך.

דאַקעגן די עשרת הדברות וועלכע זיינען געווען אויף די לוחות, זיינען די אותיות געווען איינגעקריצטע, ד. ה. די לוחות זיינען ניט קיין באַזונדערע זאַך פון די עשרת הדברות, נאָר פון זיי אַליין זיינען געמאַכט די אותיות.

דער ענין פון „אותיות החקיקה" (איינגעקריצטע אותיות) אין עבודת השם איז, ווי די גמרא זאָגט[26]), אַז נאָכדעם ווי ער איז זוכה, ווערט עס „ובתורתו" — זיין תורה — ער מיט דער תורה ווערן איין זאַך.

און דערפאַר האָט אליעזר געגעבן צמידים אַנטקעגן די לוחות דוקא, אויף צו ווייזן אַז די אידישע שטוב וועלכע דאַרף זיין אויף די יסודות פון תורה און מצוות — איז ניט גענוג דער איד זאָל מקיים זיין די תורה מיט קבלת עול, אָבער ער מיט דער תורה זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן, כאָטש זיי שטימען — נאָר ער מיט דער תורה זאָלן ווערן איין זאַך — צו מאַכן פון זיך אַליין תורה, ער ווערט איינס מיט אנכי ד' אלקיך און אַזוי מיט אַלע דברות.

יא. און דאָס איז וואָס יפה שיחתן של עבדי אבות מתורתן של בנים, וואָס מיר זען דאָס דורך דעם ענין פון אַ חתונה. עבדי אבות איז דער ענין פון קבלת עול, און חתונה איז אויך אַ בנין אויף די יסודות פון תורה און מצוה מיט קבלת עול אין אַן אופן פון אותיות החקיקה — דאָס איז אַ יסוד אויף „תורתן של בנים".

בשעת עס איז פאַראַן דער ענין פון קבלת עול אין דעם לייגן די יסודות — באריכות און אויספירלעך, איבערגע'חזר'ט איינמאָל און נאָכאַמאָל, דאַן קאָן זיין „תורתן של בנים" — די פרטי ההלכות — קורץ און מיט אַ רמז.

עס שטייט: קוב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא, דער אויבערשטער האָט אַריינגעקוקט אין תורה און באַשאַפן די וועלט, און אַזוי שטייט אויך: בר נש אסתכל באורייתא ומקיים עלמא[27]) אַז אַ מענטש קוקט אַריין אין תורה שטייט דורך דעם די וועלט. דער יסוד פון וועלט איז תורה. ממילא איז אויך ביי יעדן איינעם אין זיין אייגענער וועלט: בשעת ער קוקט אַריין אין תורה — די יסודות פון תורה און מצוה מיט

---

25) שבת פח, א.

26) קדושין לב, ב.

27) זהר חלק ב' קסא, ב.

קַבלת עול אין אַן אופן פון אַ בנין נצחי — דעמאָלט ווערט באַשאַפן און שטייט די וועלט, אַז די שטוב וואָס ער בויט איז אַן אייביקע, ולא תשכח מפי זרעו ומפי זרע זרעו עד עולם בדור ישרים יבורך.

(משיחות ב׳ דר״ח כסלו תשי״ג)

יב. אין דער היינטיקער סדרה שטייט, אַז אברהם אבינו האָט געזאָגט צו אליעזר׳ן שים נא ידך תחת ירכי. די גמרא [28] לערנט אָפּ דערפון, אַז אַ שבועה דאַרף זיין דוקא בנקיטת חפץ. זאָגט רב פפא, אַז דאָס מיינט אַ ספר תורה, ד. ה. אַז באַשווערן מוז מען דוקא מיט אַ ספר תורה, און אַז אַ דיין וועלכער באַשווערט אָן אַ ספר תורה איז אַ טועה בדבר משנה און דאַרף חוזר זיין.

אָבער די גמרא פירט דאָרט אויס ניט ווי רב פפא, און דער דין בלייבט אַז כאָטש לכתחלה דאַרף מען טאָקע האָבן אַ ספר תורה, אָבער בדיעבד איז גוט תפילין אויך. און אַ תלמיד חכם, משום כבודו, מעג אפילו לכתחלה שווערן מיט תפילין און ניט דוקא מיט אַ ספר תורה. דער גאַנצער דין אַרום וועלכן די גמרא רעדט, איז וועגן אַ שבועה פון אַ מודה במקצת הטענה. זיינען דאָ ניט פאַרשטאַנדיק צוויי זאַכן:

א) די קשיא וואָס תוספות פרעגט דאָרט: וויבאַלד אַז דעם גאַנצן ענין לערנט מען אָפּ פון אברהם אבינו, וואָס ביי אים איז דאָך ניט געווען דער ענין פון מודה במקצת, — איז פאַרוואָס לערנט מען דאָס דאָ אָפּ אויף מודה במקצת דוקא? מען האָט דאָך דאָס געדאַרפט אַרויסלערנען אויך אויף שבועת הביטוי און שבועת הפקדון? — און תוספות בלייבט ביי אַ קשיא.

ב) ביי אברהם׳ען איז דאָך ניט געווען ניט קיין ספר תורה און ניט קיין תפילין, נאָר אַן אַנדער מצוה — פון וואַנען זשע נעמט מען צו זאָגן אַז מען דאַרף האָבן אַ ספר תורה אָדער תפילין דוקא?

יג. דער ענין פון אַ שבועה ווערט דערקלערט אין דעם אַלטן רבי׳נס אַ מאמר, און אויספירלעכער אין דעם צמח צדק׳ס אַ מאמר [29], אַז שבועה איז מלשון שובע (זאַטקייט), ד. ה. אַז דאָס גיט מען אַ כוח מלמעלה. דערפאַר איז דער דין אַז נשבעין לקיים את המצוות [30] (מען מעג שווערן אויף מקיים זיין מצוות), כאָטש ער איז דאָך סיי ווי סיי באַשוואָרן דערויף, פון באַרג סיני, ווייל דורך דער שבועה גיט מען אים אַ העכערן כוח. און דאָס איז אויך דער ענין פון משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע (מען באַשווערט דעם מענטשן איידער ער ווערט געבוירן, דו זאָלסט זיין אַ צדיק און זאָלסט ניט זיין קיין רשע) [31].

בכדי אַז דער כוח וואָס מען גיט מלמעלה זאָל זיך פאַרבינדן מיט׳ן מענטשן דאָ־אונטן, אַז ער זאָל באַקומען דעם דאָזיקן כוח און זאָל אים קענען אויסנוצן, דאַרף מען האָבן אַ ממוצע וועלכער פאַרבינדט דעם מענטשן מיט דעם כוח פון למעלה.

28) שבועות לח, ב.

29) קיצורים צו תניא ד״ה ומשביעין אותו.

30) חגיגה י, א.

31) נדה ל, ב.

דער דאַזיקער פאַרבונד איז אַ מצוה, וואָרום מצוות זיינען דעם אויבערשטנס שלוחים, אַזוי ווי עס שטייט: כבדו את המצוות שהן שלוחי[32] (גיט אָפּ כבוד די מצוות ווייל זיי זיינען מיינע שלוחים), און „שלוחו של אדם כמותו"[33], דערפאַר קען אַ מצוה אַראָפּטראָגן און פאַרבינדן דעם כוח פון אויבן מיט דעם מענטשן.

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס אַ שבועה דאַרף זיין דוקא בנקיטת חפץ, וואָרום דורך דעם וואָס ער האַלט אַ חפץ פון אַ מצוה אין זיין האַנט, פאַרבינדט אים דער דאַזיקער חפץ מיט דעם כוח פון אויבן.

יד. דאָס איז די דערקלערונג אויף נקיטת חפץ בכלל. פאַרוואָס אָבער נעמט מען דוקא אַ ספר תורה אָדער תפילין?

עס שטייט: לא ברא הקב"ה דבר אחד לבטלה[34] (דער אויבערשטער האָט ניט באַשאַפן קיין שום זאַך אומזיסט), דערפאַר איז, אומעטום וואו אַ איד איז, דאַרף ער פון יעדער זאַך מאַכן קדושה, און ממילא דאַרף ער אויסנוצן די שבועה — דעם כוח וואָס מען גיט אים פון אויבן — אין דער גאַנצער וועלט. דער דאַזיקער פאַרבונד פון דעם כוח פון אויבן — דורך דעם מענטשן — מיט דער גאַנצער וועלט, איז דורך תורה, וואָרום תורה איז דער ממוצע — פאַרבינדונגס-קראַפט — צווישן דעם אויבערשטן מיט וועלט, לויט דעם אויבן-דערמאָנטן מאמר אַז „אסתכל באורייתא וברא עלמא".

לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ענין פאַרוואָס מען נעמט תפילין צו אַ שבועה, ווייל תפילין איז דער ענין פון תורה, אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם מאמר חסידות[35] ד"ה „איתא במדרש תהלים"[36]: ר' אליעזר אומר: אמרו ישראל לפני הקב"ה, רבש"ע רוצין אנו ליגע בתורה יומם ולילה אבל אין לנו פנאי, א"ל הקב"ה, קיימו מצות תפילין ומעלה אני עליכם כאלו אתם יגיעים בתורה יומם ולילה. (אידן האָבן געזאָגט פאַר דעם אויבערשטן: מיר ווילן האָרעווען אין תורה טאָג און נאַכט, נאָר מיר האָבן קיין צייט ניט. האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט: זייט מקיים די מצוה פון תפילין און איך וועל אייך פאַררעכענען גלייך ווי איר וואָלט געהאָרעוועט אין תורה טאָג און נאַכט). פאַרשטייט מען דאָך פון דעם מאמר רז"ל, אַז תפילין איז דער זעלבער ענין פון ספר תורה.

דער ביאור הענין איז: וואָרום דער ענין פון תורה איז ממשיך זיין מוחין אין מדות, און דאָס זעלבע ווערט אויך אויפגעטאָן דורך תפילין. דורך לייגן תפילין למטה, פועל'ט מען די הנחת תפילין למעלה, ווי עס שטייט הקב"ה מניח תפילין[37] (אַז דער אויבערשטער כביכול לייגט תפילין), הקב"ה — ז"א, מדות, און תפילין איז דער ענין פון מוחין — הקב"ה מניח תפילין מיינט: המשכה פון מוחין אין מדות.

און דערפאַר קען מען אויך דורך

32) תנחומא ויגש אות ו.
33) ברכות לד, ב.
34) שבת עז, ב.
35) געדרוקט אין סה"מ תרנ"ג ע' רעט. סה"מ תש"ח ע' 271.
36) אויפן פסוק (א, ב) כי אם בתורת.
37) ברכות ו, א.

האלטן תפילין בשעת דער שבועה, — וואס זייער ענין אין עבודת השם איז משעבד זיין דעם מוח און הארץ [38]) — אויפטאן דעם פארבונד פון דעם כוח שלמעלה מיט וועלט, אזוי ווי דורך תורה.

אבער דאס איז בלויז אן ענין פון דיעבד, אזוי ווי עס איז אויך דער לשון פון דעם דערמאנטן מדרש, אז אידן וואלטן וועלן הארעווען אין תורה טאג און נאכט, נאר וויבאלד אז „אין לנו פנאי" (מיר האבן קיין צייט ניט) איז בדיעבד גענוג אויך דער ענין פון תפילין, דער שעבוד פון קאפ און הארץ לכל הפחות פון אנהויבס טאג — וואס דורך דעם בלייבט דאס אויך אויף א גאנצן טאג ווי עס דארף צו זיין.

טו. דער טעם פארוואס ביי א תלמיד חכם איז אפילו לכתחלה גע־נוג אויב ער האלט תפילין אין האנט בשעת דער שבועה:

עס שטייט אין זהר אז א תלמיד חכם ווערט אנגערופן שבת [39]). אן אנדייטונג אויף דעם איז פאראן אויך אין גמרא [40]): די גמרא דערציילט אז עס איז געקומען א תלמיד חכם צו גאסט, האט מען אים געגעבן א גרויסע סעודה. האט דער תלמיד חכם געפרעגט פון וואנען האט מען געוואוסט די סעודה — מען האט זיך דאך אויף אים ניט געריכט? האט מען אים געענטפערט אז דאס האט מען צו־געגרייט אויף שבת, און אז ער איז געקומען, האט מען אים אוועקגעגעבן די שבת'דיקע סעודה.

די שייכות פון שבת מיט תלמיד חכם איז, ווייל שבת איז מען אפ־געשיידט פון וואכעדיקע באשעפטי־קונגען, ד. ה. פון די ענינים פון דער חומריות'דיקער וועלט, און אזוי איז אויך א תלמיד חכם: ער איז אפגעשיידט פון דער חומריות'דיקער וועלט [41]). דערפאר דארף א תלמיד חכם אויך לכתחלה ניט האלטן א ספר תורה בשעת א שבועה, ווארום דער ענין פון א ספר תורה, ווי אויבן דערמאנט, איז צו פארבינדן דעם כוח פון אויבן מיט דער וועלט. וויבאלד ער איז אבער אפגעשיידט פון דער וועלט, דארף ער דערצו ניט אנקומען.

צו תפילין דארף אבער אויך א תלמיד חכם אנקומען, ווייל תפילין איז דאך משעבד זיין קאפ און הארץ, און דאס טוט אויף דעם פאר־בונד פון דעם כוח פון אויבן מיט דעם מענטש, אנדערש ווי א ספר תורה וואס איר ענין איז דער פאר־בונד פון דעם דאזיקן כוח מיט וועלט.

טז. דאס וואס ביי אברהם אבינו איז ביי דער שבועה ניט געווען קיין ספר תורה און תפילין נאר די מצות מילה דוקא — וועט מען עס פארשטיין דורך דער הקדמה פון דער באוואוסטער קשיא [42]): וויבאלד אז אברהם אבינו האט דאך מקיים גע־ווען די גאנצע תורה [43]), פארוואס האט ער געווארט מיט מצות מילה ביז דער אויבערשטער וועט אים הייסן?

38) שו"ע או"ח סכ"ה ס"ה, שו"ע אדמו"ר הזקן שם סעיף יא. תניא פמ"א.
39) זח"ג כט, א.
40) שבת קיט, א.

41) זע רמב"ם הל' דעות רפ"ה.
42) געבראכט אין תורה אור ס' לך ד"ה בעצם היום הזה.
43) יומא כח, ב.

דער תירוץ אויף דעם איז, לויט דעם וואס ס'איז באַוואוסט וועגן דעם אויפטו פון מתן תורה אויף די מצוות וועלכע די אָבות האָבן מקיים געווען נאָך פריער. פאַר מתן תורה איז געווען די גזירה אַז בני רומי לא ירדו לסוריא ובני סוריא לא יעלו לרומי [44]), ד. ה. אַז עס זאָל ניט זיין קיין פאַרבונד פון רוחניות מיט גשמיות, און ביי מתן תורה איז די דאָזיקע גזירה בטל געוואָרן. עס איז געוואָרן אַ מעגלעכקייט אויף אַזאַ פאַרבונד. מתן תורה האָט אויפגעטאָן אַז אויב אַ איד איז מקיים אַ מצוה מיט אַ גשמיות'דיקע זאַך, ווערט דער דבר הגשמי — הייליק.

די מצוות וואס די אָבות האָבן מקיים געווען, כאָטש זיי האָבן עס געטאָן אין גשמיות'דיקע זאַכן, האָט דאָס אָבער צום גשמי אַליין קיין שייכות ניט געהאַט. דער גשמי איז געבליבן אין זיינע חומריות אַזוי ווי פריער. נאָך מתן תורה ווערט — דורך דער מצוה — דער גשמי אַליין קדוש, און דערפאַר בלייבט איבער אויף אים אַ קדושה אויך נאָכן מקיים זיין די מצוה.

דער טעם דערויף איז ווייל דער קיום המצוות ביי די אָבות איז געווען מיט זייער אייגענעם כוח, האָט עס ניט געקענט דורכדרינגען דעם גשמי — אַזוי ווי דאָס איז נאָך מתן תורה.

עס איז דאָך „מעשה אָבות סימן לבנים" — און עס איז אויך אַ נתינת כוח צו די בנים — האָט מען די אָבות געגעבן אַ מצוה ענלעך צו די מצוות וואס נאָך מתן תורה, און דאָס איז די מצוה פון מילה, וואס מען מאַכט דעם גשמי קדוש, און די קדושה איז ניט נאָר בשעת דעם קיום המצוה, נאָר זי פאַרבלייבט אויך אויף שפעטער, אַזוי ווי די מצוות פון נאָך מתן תורה (אַ ראַי' אויף דעם איז, וואס בשעת דער שבועה האָט ער אים געזאָגט שים נא ידך תחת ירכי, ווייל די קדושה איז געבליבן אויך אויף שפעטער, אַפילו נאָך דעם ווי ער האָט שוין מקיים געווען די מצוה).

מצות מילה איז דעריבער געווען אַנדערש פון די אַנדערע מצוות וועלכע די אָבות האָבן מקיים געווען — ווייל דאָס איז געווען דורך אַ ציווי פון דעם אויבערשטן. און דערפאַר האָט אברהם אבינו געוואַרט מיט דער דאָזיקער מצוה ביז דער אויבערשטער וועט אים הייסן, ווייל די מצוה איז אינגאַנצן אַנדערש פון די אַנדערע מצוות וואס אברהם האָט מקיים געווען, און אויף דעם האָט מען געדאַרפט האָבן אַ כוח מלמעלה.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין פאַרוואָס אברהם'ס שבועה איז געווען דורך מצוות מילה, כאָטש איצט דאַרף מען דערויף האָבן אַ ספר תורה: דער ענין פון מצוות מילה דעמאָלט איז געווען צו פאַרבינדן און ממשיך זיין קדושה אין וועלט ביז דעם גשמי — דאָס זעלבע וואס מתן תורה האָט אויפגעטאָן און וואס תורה טוט אויף איצט, ווייל דעמאָלט איז מצות מילה געווען דער כללות ענין פון תורה.

יז. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין פאַרוואָס מען לערנט עס אָפּ נאָר אויף דער שבועה פון מודה במקצת און ניט אויף די איבעריקע

44) שמות רבה פי"ב, ג.

שבועות, ווייל די שבועה פון מודה במקצת איז נוגע צו כללות עבודת ה׳, און בשעת מען באקומט א כוח פון אויבן אין דעם ענין פון מודה במקצה, ווערן שוין במילא פארוייכט די ענינים פרטייב.

די דערקלערונג פון דעם ענין פון מודה במקצת אין רוחניות׳דיקער עבודה איז: „נשמה שנתת בי״ — אז די נשמה וואס ד׳ער אויבערשטער האט אין מיר אריינגעגעבן איז דאס בכדי דער מענטש זאל דורך זיין עבודה קומען צו אן עלי׳. און אזוי שטייט אויך אין מדרש[45]) וועגן יעדן פרט פון דער עבודה: „מי הקדימני ואשלם״[46]) — אז דער אויבערשטער גיט כוח א אידן אויף יעדער מצוה בפרט. און די כחות וואס דער אויבערשטער גיט זיינען אויף בארג — ער מאנט אז מען זאל דאס אפצאלן, ד. ה. אויסנוצן זיי אין עבודה.

ווי דער רבי דער שווער (כ״ק מו״ח אדמו״ר) האט איבערגעזאגט[47]), אין נאמען פון די פריערדיקע רביים, דעם טייטש פון דעם לשון „הקפות״: אזוי ווי תשרי איז א חודש כללי — „חודש השביעי״ פון לשון מושבע — אנגעזעטיקט — מכל טוב[48]), מען זעטיקט אן דעמאלט א אידן אויך מיט כחות אויף א גאנץ יאר, וואס מ׳גיט אים „בהקפה״ — אויף בארג, און מען מאנט עס זאל זיין עבודה, (אזוי ווי עס שטייט ביי אברהם׳ען) „וילך למס־עיו״, אז ביי זיין צוריק־וועג האט ער אפגעצאלט זיינע הלוואות[49]).

כאטש אז די כחות גיט מען פון אויבן, פונדעסטוועגן, מצד דעם יצר הרע וואס כאפט זיך אריין אין א אידן, איז רעכט אז ער זאל אנהויבן אביסל לייקענען און טענה׳ן אז „כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה״[50]) — אז זיין אייגענער כוח און שטאר־קייט האט אים געבראכט דאס וואס ער פארמאגט.

„כופר הכל״ (איינער וואס לייקנט אין גאנצן), זאגט די גמרא אז דאס קען ניט זיין, ווייל די חזקה איז, אז א מענטש וועט ניט זיין אזוי עז פנים פאר זיין בעל חוב[51]).

לייקענען חס ושלום אין אויבערשטן קען ניט א איד, ווארום ער האט דאך א נשמה וואס אפילו בשעת ער זינדיקט איז זי באמנה אתו ית׳[52]) — די נשמה זעט שטענדיק ג־ט־לעכקייט, זי איז „בפני בעל חובו״ און „חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו״, אפילו א קל שבקלים האט ניט די העזה צו לייקענען אינ־גאנצן דעם חוב, מיינענדיק אז עס איז „כחי ועוצם ידי״.

נאר וואס? — ער איז א „מודה במקצת״, אין געוויסע פרטים האלט ער אז עס איז כחו ועוצם ידו, (זיין כוח און זיין שטארקייט), אין גע־וויסע ענינים מיינט ער אז ער איז אליין א בעל־הבית און קען טאן וואס ער וויל. ער דאווענט און לערנט טאקע, אבער נאכן דאוונען און נאכן

45) ויקרא רבה פכ״ז, ב.

46) איוב מא, ג.

47) לקוטי דבורים ז״ים קצו.

48) ויקרא רבה פכ״ט, ח.

49) בראשית רבה פמ״א, ג.

50) דברים ח, יז.

51) בבא מציעא ג, סע״א.

52) תניא ס״פ כד.

לערנען — טראַכט ער — האָט ער שוין דעם אויבערשטן אָפּגעגעבן זיין חוב, און איצט איז עס שוין כחו ועוצם ידו — אין די איבעריקע לייקנט ער.

ער מאַכט ביי זיך אַ חשבון אַז איסורים איז ער דאָך ניט עובר, ווי דער לשון אין מאמר איז, ולא עבר עבירה מימיו, און בפרט אַז ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, האָט ער דאָך אָפּגעגעבן דעם אויבערשטן אַלץ וואָס אים קומט, און די איבע־ריקע איז זיין אייגענער כוח — זאָגט מען אים אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, און זיין גאַנצע מציאות, איז ניט זיין כוח און שטאַרקייט, נאָר ער מוז מודה זיין אַז דאָס גאַנצע געהערט צום אויבערשטן, און ממילא מוז ער אים אַלץ אָפּצאָלן.

און אויף דעם איז די שבועה פון לשון שובע (זאטקייט) וואָס מען גיט אים אַ כוח פון אויבן, הקב"ה עוזרו, דער אויבערשטער העלפט אַז מען זאָל האָבן די איבערצייגונג אַז קיין אייגענע איז אינגאַנצן ניטאָ, און ממי־לא מוז מען פון אַלע ענינים פון דער וועלט מאַכן אלקות, ווארום די גאַנצע וועלט געהערט צום אויי־בערשטן. און ווען מען נעמט דעם כוח און מען איז דאָס ממשיך אין וועלט, נאָכדעם ווי מען מאַכט אַ ברכה (וואָס ברכה איז מלשון המב־ריך[53]) — המשכה למטה) דעמאָלט ווערט „והארץ נתן לבני אדם"[54]): ער באַקומט אַ מקצת, אַ טייל וואָס ווערט זיינע.

יח. אַזוי ווי אין אַ שבועה גשמית דאַרף מען האַלטן אַ ספר תורה אָדער על כל פנים תפילין כדי מען זאָל באַקומען דעם כוח פון אויבן, אַזוי איז אויך אין עבודה רוחנית.

לכתחלה דאַרף זיין דער ענין פון ספר תורה, האָרעווען טאָג און נאַכט אין תורה, וואָס תורה גיט דעם כוח אויף צו פאַרבינדן וועלט מיט ג־ט־לעכקייט ווי אויבן דערקלערט, אַז דער אויפטו פון מתן תורה איז געווען צו פאַרבינדן גשמיות מיט ג־טלעכ־קייט. דאָס איז דאָך אויך דער ענין פון תורה כפשוטו: תורה מלשון הוראה[55]) — אַן אָנווייזונג, תורה ווייזט אָן ווי אַזוי אויסצונוצן יעדן ענין פון וועלט לויט דעם רצון פון דעם אויבערשטן. נאָר אויב מען קען ניט אויספירן אַז מען זאָל אַ גאַנצן טאָג האָרעווען אין תורה, זאָל על כל פנים אין אָנהויב טאָג זיין דער שיעבוד פון מוח און האַרץ, דורך מצות תפילין, און דאָס זאָל זיין דער אָנהויב און די אָנווייזונג פאַר דעם גאַנצן טאָג, אַז אַלע זיינע גע־שעפטן דורך דעם טאָג זיינען געבויט אויף דעם שיעבוד — אונטערטעני־קייט — פון מוח און האַרץ וואָס אין אָנהויב טאָג.

און דער ענין פון האַלטן אַ ספר תורה און תפילין אין אויבנ־דערמאָנטן זין פועל'ט אויף אים אַז ער זאָל זיין אַ „מודה בכולו", אַז אַלץ געהערט צום אויבערשטן, וועט ער שוין במילא פאַרשפּאַרן די שבועת הביטוי און אַנדערע שבועות.

לויט דעם וועט אויך זיין פאַר־שטאַנדיק, וואָס די שבועה לערנט מען אָפּ פון דער שבועה פון אברהם אבינו בנוגע דער חתונה פון יצחק'ן

---

53) תורה אור מקץ דף לז ע"ג.

54) תהלים קטו, טז. ברכות לה, סע"א.

55) גור ארי' (למהר"ל) אָנפאַנג בראשית אין נאָמען פון רד"ק.

מיט רבקה'ן, וואָס דאָס איז דער ענין פון יחוד מ"ה וב"ן, אַ יחוד כללי [56]), ווי עס איז באַוואוסט בספרי הקבלה. במילא לערנט מען דערפון אויך אָפּ וועגן מודה במקצת, וואָס דאָס איז אויך אַ כללות'דיקער ענין אין עבודה.

יט. די אָנווייזונג לפועל פון דעם גאַנצן ענין איז, אַז בשעת מען גייט אַרויס אין וועלט, דאַרף מען וויסן אַ כללות'דיקן ענין, אַז דער יסוד פון עבודה איז — מען זאָל מיטנעמען אַ ספר תורה מיט זיך, האָרעווען אין תורה אויף וויפל עס איז נאָר דאָ — לויט דעם שולחן ערוך — צייט, און אין די איבעריקע צייט זאָל על כל פנים זיין די הנהגה מיט שיעבוד המוח והלב, וועט דאָס אים אויך געבן דעם כוח אויף מאַכן אַלע זיינע גשמיות'דיקע ענינים — כלים צו אלקות.

* * *

כ. אין היינטיקער סדרה הויבט זיך אָן צו ריידן וועגן דעם אָנהויב פון דער גאולה. אין דער פריערדיקער סדרה רעדט זיך וועגן גלות: „והכנעני אז בארץ", און לויט ווי די רז"ל זאָגן [57]) שהי' הולך וכובש כו' (ער פלעגט גיין און איינעמען), אָבער אין היינטיקער סדרה רעדט זיך שוין וועגן דער גאולה, אַז אברהם אבינו האָט אָפּגעקויפט אַ פעלד אין ארץ ישראל ביי עפרון'ען און דאָס איז געווען פאַר די אויגן פון די בני חת, וואָס אַלע האָבן מודה געווען אַז דאָס געהערט צו אברהם'ען — אַן אָנהויב פון דער כללות'דיקער גאולה פון אַלע אידן.

כאָטש ער האָט אָפּגעצאָלט דערפאַר אַרבע מאות שקל כסף, שטייט אָבער וועגן דעם, אַז ניט נאָר איז עפרון'ען דורך דעם ניט צוגעקומען קיין מעלה, נאָר אדרבא, נאָך אַ חסרון [58]) : דערמיט האָט מען ביי אים צוגענומען פון זיין נאָמען דעם אות „ו".

ווי עס שטייט אין דעם ספר פענח רזא — אַ ספר פון אַ ראשון — אַז דורך די פיר הונדערט שקל כסף וואָס אַברהם אָבינו האָט אָפּגעצאָלט, האָט יעדער איד באַקומען אַ חלק אין ארץ ישראל, ווי ער מאַכט דאָרט דעם חשבון — לויט דעם חשבון פון זרע חומר שעורים בחמישים שקל כסף [59]) — אַז פאַר פיר הונדערט שקל האָבן ששים ריבוא אידן באַקומען אין ארץ ישראל יעדער איינער אַן אַמה על אַמה.

די גאולה האָט זיך נאָך אָנגעהויבן דעמאָלט, מען דאַרף בלויז אַראָפּנעמען די העלמות והסתרים, און אַראָפּברענגען די גאולה למטה בגילוי דורך משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש"פ חיי שרה, תשט"ז)

56) זע לקוטי תורה ברכה צו, ג. אור התורה חיי שרה ד"ה יפה שיחתן.

57) פירש"י בראשית יב, ו.

58) מכילתא יתרו פרשה א'. און זע פירש"י חיי שרה כג, טז.

59) בחוקותי כז, טז.

# פרשת תולדות

א. אויף דעם פסוק ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק — פרעגן די מפרשים: פאַרוואָס ווערט איבערגעחזר'ט טאָפּלט — יצחק בן אברהם און אברהם הוליד את יצחק?

דער פשט איז, אַז דאָס איז אַ נתינת טעם און אַ באַגרינדונג: דורך וואָס איז מעגלעך „תולדות יצחק בן אברהם"? — (תולדות כפשוטו און לויט דרשת חז"ל אַז עיקר תולדותיהם של צדיקים זיינען תורה און מצוות [1]) — דורך דעם וואָס „אברהם הוליד את יצחק".

ב. עס זיינען פאַראַן עטלעכע ענינים וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צום ערשטן ביי יצחק'ן, צווישן זיי ווערן גערעכנט, דאָס וואָס מען האָט אים גע'מל'ט צו אַכט טעג, וואָס מיינט די שלימות אין דעם ענין פון מילה, און וואָס ער איז בר מצוה געוואָרן צו דרייצן יאָר.

— אברהם האָט זיך מל געווען צו 99 יאָר. אויך דער ענין בר מצוה צו 13 יאָר איז ניט געווען ביי אברהם'ען. עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע דיעות אין רז"ל וועגן אברהם'ען — ווען האָט ער דערקענט דעם באַשעפער: צו דריי יאָר [2], צו פערציק [3], צו אַכט און פערציק [4], אָבער ניט צו דרייצן.

ביידע אויבן־דערמאָנטע ענינים ווערן אָנגעדייט אין דעם פסוק ויגדל הילד ויגמל ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק [5]. וואָס די רז"ל ברענגען איין דיעה אַז די דאָזיקע סעודה איז געווען ביים ברית [6] וואָס דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט הגמל „הג־מל" (הג — באַטרעפט אַכט), דאָס הייסט, גע'מל'ט צו אַכט טעג. אַ צווייטע דיעה — אַז ויגמל מיינט „שנגמל מיצר הרע ליצר טוב" [7] (אַז ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פון דעם יצר הרע צום יצר טוב), וואָס דאָס איז צו דרייצן יאָר.

אויפן וואָרט „משתה גדול" שטייט אין מדרש אַז דאָס מיינט: א) גדול עולמים — דער אויבערשטער — איז דאָרט געווען, און לויט ווי די רז"ל דרש'נען [8] אויפן פסוק בני אתה אני היום ילדתיך [9] אַז דאָס איז געווען דער טאָג פון דוד'ס בר מצוה, זאָגט דער אויבערשטער: אני גו' ילדתיך אני ולא סטרא אחרא כמה דהוה עד השתא (איך כביכול און ניט די סט"א ווי עס איז געווען ביז איצט) און דאָס מיינט וואָס ער איז אַרויסגענומען געוואָרן פון יצר הרע צום יצר טוב; ב) משתה גדולים — אַ סעודה פון גדולים, וואָס עוג מלך

1) ב"ר פ"ל, ו. תנחומא ופירש"י ר"פ נח.
2) נדרים לב, א.
3) רמב"ם פ"א מהל' עכו"ם הלכה ג.
4) ב"ר סד, ד.
5) בראשית כא, ח.
6) פדר"א פכ"ט. תוס' ד"ה שש, שבת קל, א.
7) ב"ר נג, י. זע אין פירש"י (אויף מדרש) ד"ה בן כ"ז, שם יג.
8) זח"ב צח, א.
9) תהלים ב, ז.

הבשן און אַלע גדולי הדור זייַנען דאָרט געווען. אַזוי ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן געמאַכט אַב־רהם'ען פאַר אַ מלך איבער זיך [10], איז בשעת אברהם האָט געמאַכט די סעודה, האָט ער איינגעלאַדן די מל־כים, צווישן זיי אויך עוג.

ווערט דערציילט אין מדרש [11] אַז עוג האָט געזאָגט: וואָס פּאַראַ ווערט האָט ער? מיט איין פינגער קען איך צונישט מאַכן אברהם'ס בן יחיד, יצ־חק'ן. האָט אים דער אויבערשטער געזאָגט: חייך, אַז דו וועסט זען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער פון זיינע קינדער, און דיין סוף וועט זיין אַז דו וועסט אַריינפאַלן אין זייע־רע הענט.

ג. דער ביאור פון די מעלות פון יצחק'ן:

די מעלה וואָס ער איז גע'מל'ט געוואָרן צו אַכט טעג, דאָס איז דער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן וואָס איז העכער פון טעם ודעת. אברהם האָט זיך גע'מל'ט צו 99 יאָר, ווען ער איז געווען מיט אַ גרויסער השגה, אַזוי ווי עס איז אויך מרומז אין זיין נאָמען „אברם — אב רם", שכל הנעלם מכל רעיון, ווי עס שטייט אין ספרים פון קבלה און חסידות [12]. די מעלה פון נימול לשמונה איז אָבער, אַז אַ קינד וואָס האָט נאָך ניט קיין שכל פאַרבינדט זיך מיט'ן אויבערשטן מיט אַן אייביקן פאַרבונד וואָס איז למעלה מטעם ודעת [13].

דאָס איז ניט קיין פאַרבונד וואָס נעמט זיך פון השגה (פאַרשטאַנד), נאָר אַזוי ווי אַ קינד וואָס פילט זיין פאָטער און מוטער און ציט זיך צו זיי.

ד. פאַראַן אַ חקירה אין ספרים אויב די מצוה פון מילה איז נאָר בשעת קיום מצות מילה אָדער דאָס איז אַ מצוה נמשכת, ד. ה. אַ מצוה וועלכע ציט זיך שטענדיק. פון דעם וואָס די גמרא דערציילט [14]) וועגן דוד המלך, בשעת ער איז אַריין אין בית המרחץ און האָט געזען אַז ער איז נאַקעט וכו' אָן מצוות, און באַלד ווי ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מצות מילה האָט ער זיך באַרואיקט — ברענגט מען די ראי' אַז דאָס איז אַ מצוה נמשכת תמיד.

אין עבודה מיינט דאָס, אַז אויך שפּעטער, ווען דער מענטש האָט שוין פאַרשטאַנד און השגה, מאָנט זיך פון אים און עס בלייבט ביי אים דער פאַרבונד און ברית מיט דעם אוי־בערשטן, אין דעם זעלבן אופן ווי דאָס האָט זיך אויפגעטאָן בשעת מען האָט אים גע'מל'ט צו אַכט טעג — למעלה מטעם ודעת.

ווארום אויב דער פאַרבונד וועט זיין נאָר מצד דעם שכל און לויט דעם שכל, וועט ער זיין אַ באַגרע־נעצטער, צי אויבנאויף אָדער טיפער, אָבער אַלץ אַ באַגרענעצטער. דער־פאַר מאָנט זיך אַז אויך ווען ער איז שוין אַ בר שכל זאָל דער פאַרבונד מיט'ן אויבערשטן זיין מיט מסירת נפש און קבלת עול וואָס איז למעלה מטעם ודעת.

10) ב"ר מג, ה. פירש"י לך (יד, יז).
11) ב"ר נג, י.
12) תורה אור ר"פ לך.
13) זע אויספירלעך אויבן עמוד 19 און ווייטער.
14) מנחות מג, ב.

ה. בשעת אברהם האט געמאַכט אַ משתה „ביום הגמל את יצחק" — צוליב דעם וואָס יצחק ווערט פאַר־בונדן מיט'ן אויבערשטן — צי „ברית עולם" פון מילה, צי „אני היום ילד־תיך" פון בר מצוה — איז כאָטש אַז עוג מלך הבשן האט געלאַכט פון אים און באַרימט זיך אַז מיט זיין כוח און שטאַרקייט קען ער דאָס מאַכן צונישט — איז ניט נאָר וואָס מען איז ניט נתפעל געוואָרן פון אים נאָר אדרבא, מען האט נאָך געמאַכט אַ „פאַראַד" פון דעם „יום הגמל את יצחק", און נאָך מערער, וואָס עס האט זיך גלייך אָנגעהויבן מפלת עוג — בדיבורו של הקב"ה שחשיב מע־שה[15] (מיט דעם אויבערשטנ'ס ווערט וועלכע ווערט גערעכנט ווי אַ מעשה בפועל), מען האט אים אָנגעזאָגט אַז ער וועט פאַלן דורך יצחק'ס אייניק־לעך.

ו. און דאָס איז מרמז דער פסוק און דערקלערט: ווי אַזוי האט געקאָנט זיין „תולדות יצחק" — דורך „אב־רהם הוליד את יצחק", וואָס דאָס מיינט, ער האט געבאָרן יצחק'ן און עס מיינט אויך אַז ער האט געמאַכט יצחק'ן צו מוליד זיין.

אברהם'ס ענין — ווי די תורה דערציילט — איז געווען, אַז כאָטש אחד הי' אברהם[16] (אברהם איז גע־ווען איין איינציקער איד אין דער גאַנצער וועלט), די גאַנצע וועלט איז געווען פון איין זייט און ער — פון דער צווייטער זייט[17], פונדעסטוועגן האט ער אומעטום אויסגערופן דעם אויבערשטנס נאָמען, „ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם"[18], ניט „א־ל העולם" — וואָס דאָן וואָלט עס געמיינט אַז וועלט איז אַ באַזונדער זאַך און ג־ט־לעכקייט איז אַ באַזונדער זאַך און דער אויבערשטער איז בלויז בעל הבי־ית אויף דער וועלט, נאָר אברהם האט אויסגערופן, אַז די מציאות פון וועלט גופא איז „מאמיתת המצאו"[19], אלקות, — אין עוד מלבדו.

און די דאָזיקע הנהגה האט אב־רהם איבערגעגעבן בירושה צו זיין זון יצחק, וואָס דורך דעם האט געקענט זיין תולדות יצחק — תורה, מצוות און מעשים טובים, און תולדות אויך כפשוטו — אַז זיי (זיינע אייניקלעך), זיינען, קיימים ונצבים לעולם, און עוג פאַלט אין זייערע הענט.

ז. די אָנווייזונג פון דעם צו יעדער אידן איז:

בשעת אַ איד באַטראַכט זיך וואו ער געפינט זיך: ער געפינט זיך אין אַן עולם וואָס מעשיו קשים ורעים והרשעים גוברים בו[20], (אַ וועלט וואָס זיינע מעשים זיינען שווער און שלעכט און די רשעים שטאַרקן זיך אין אים), ער האט פיל העלמות והסתרים, און אַפילו ביי זיך אַליין איז דאָך דער גרעסטער טייל פון טאָג גייט באַ אים אַוועק אויף עניני עולם הזה וועלכע שטייען מיט אַ תוקף אַנטקעגן די ענינים פון קדושה, ווי די שטאַרקייט פון עוג אַנטקעגן אַ קינד פון אַכט טעג און נאָך מער,

15) מדרש רבה פ' לך פ' מד, כב.
16) יחזקאל לג, כד.
17) ב"ר מב, ח.

18) בראשית כא, לג.
19) לקוטי תורה תבוא מג, ג. סד"ה אנכי ה"א תער"ג (בהמשך תער"ב ח"א). ד"ה באתי לגני תשי"א אות ח (סה"מ באתי לגני ח"א ע' לה. סה"מ מלוקט ח"א ע' ט).
20) תניא פ"ו.

ובפרט די דרויסענדיקע העלמות והס־תרים, אַזוי אויך אידן בכלל זיינען דאָך — אתם המעט מכל העמים[21]) (די קלענסטע צווישן די פעלקער).

און בשעת אַז ער טוט אין ענינים פון קדושה, ווער רעדט נאָך אַז ער מאַכט אַ משתה גדול, אַז וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך[22]), קומען אַזעלכע וועלכע זאָגן אַז מען קען אים צערייבן און מאַכן פון אים אין ואפס.

קען ער דאָך אַ טראַכט טאָן: פון וואַנען וועט ער נעמען כוח אויף תורה מצות ומעשים טובים? און דאָס דאַרף דאָך זיין, דאָס מאָנט מען ביי אים, ניט נאָר יום כיפור צו נעילה נאָר אַ גאַנץ יאָר. ווי אַזוי קען ער בייקומען די אַלע העלמות והסתרים?

זאָגט מען אים אַ הוראה: מעשה אָבות סימן (ונתינת כוח) לבנים[23]). אברהם הוליד את יצחק. ער שטאַמט פון אברהם אבינו, דער פאָטער פון אַלע אידן, וואָס ער איז ניט נתפעל געוואָרן פון דער גאַנצער וועלט און געשריען א־ל עולם, אַז די וועלט איז אלקות — אין עוד מלבדו, און דורך דעם איז — הוליד את יצחק, לויט ביידע — אויבן־דערמאָנטע — פירושים.

אַזוי אויך יעדער איד אין יעדער צייט און יעדער אָרט האָט גאָר ניט וואָס צו שרעקן זיך פאַר די וואָס מיינען אַז כוחם ועוצם ידם כו', ער פאַרבינדט זיך מיטן אויבערשטן למע־לה מטעם ודעת, און טראָגט דאָס אַראָפּ אויך אין וואָכעדיקע טעג און וואָכעדיקע מעשים, און מאַכט פון גשמיות כלים צו אלקות, תולדות יצחק ברוחניות, און דורך דעם ווערט נמשך אויך אין תולדות יצחק כפשוטו, אַז יצחק'ס אייניקלעך זיינען מנצח די אַלע וועלכע קעמפן קעגן דעם אויי־בערשטן און זיין תורה, אַזוי ווי די מלחמה פון עוג, און דאָס איז די הקדמה און הכנה צום איינגעמען ארץ ישראל — ארץ הקדושה דורך משיח צדקנו בב"א.

(משיחות ש"פ חיי שרה, תש"ט)

ח. עס שטייט[24]) אַז לעתיד לבוא וועט מען זאָגן דוקא אויף יצחק'ן כי אתה אָבינו[25]). דער טעם אויף דעם ווערט דערקלערט אין חסידות[26]) ווייל יצחק איז דער ענין פון פחד און ביטול, וואָס דאָס איז דאָך איינער פון די חידושים פון דעם זמן פון לעתיד לבוא.

קען מען זאָגן, אַז דערפאַר געפינט מען אויף יצחק'ן אַז ער איז געווען אין כמה ענינים בדוגמא דלעתיד לבוא. אויף אַלע אָבות שטייט[27]), הטעימן מעין עולם הבא (השי"ת האָט זיי געגעבן צו פאַרזוכן מעין עולם הבא), נאָר ביי אַלע אָבות איז דער מעין עולם־הבא געווען בלויז אין דעם ענין פון תענוג — הטעימן — אָבער ביי יצחק'ן איז זיין גאַנצער לעבן געווען בדוגמא דלעתיד, וואָרום ביי דער עקידה איז דאָך פרחה נשמתו[28])

21) דברים ז, ז.

22) דברים כח, י.

23) זע אויבן עמוד 35, הערה 17.

24) שבת פט, ב.

25) ישעי' סג, טז.

26) תו"א פ' תולדות יז, ג.

27) ב"ב טז, סע"ב.

28) זח"א ס, א. וראה ג"כ פרקי דר"א פל"א.

און ס'איז נמשך געוואָרן אין אים אַ נשמה דעלמא דאתי — פון עולם הבא.

ט. באמת איז נאָך ניט דאָס די מעלה פון יצחק'ן, וואָרום דער ענין פון פרחה נשמתו געפינט מען אויך ביי אַנדערע. עס זיינען פאַראַן דיעות אַז ביי דעם בן השונמית[29]) און ביי נאָך אַנדערע[30]) איז געווען פרחה נשמתם. די מעלה פון יצחק'ן איז, וואָס ער איז געווען למעלה מהעולם (העכער פאַר וועלט) און האָט פון דאָרט מיטגענומען אין עולם, ווי דערקלערט ווייטער.

אויפן פסוק ויגדלו הנערים שטייט[31]), אַז בשעת זיי זיינען געוואָרן אַלט דרייצן יאָר, זה פירש לבתי מדרשות וזה פירש לע"א (איז יעקב אַוועק אין בתי מדרשות און עשו — צו דער עבודה זרה). פרעגט מען[32]) אויף דעם, עס שטייט[33]) אַז אברהם האָט געדאַרפט לעבן הונדערט און אַכציק יאָר, נאָר מען האָט אַראָפּגענומען ביי אים פינף יאָר כדי ער זאָל ניט זען אַז עשו זיין אייניקל גייט אַרויס לתרבות רעה, קומט אויס אַז בשעת עשו איז אַוועק צו עבודה זרה, האָט נאָך אברהם געלעבט, וואָרום צו יצחק'ס געבורט איז אברהם אַלט געווען הונדערט יאָר, און יצחק בן ששים שנה בלדת אותם, קומט דאָך אויס אַז בשעת עשו איז געוואָרן דרייצן יאָר און פירש לע"א, איז אברהם אַלט געווען הונדערט דריי און זיבעציק יאָר, האָט ער דאָך צוויי יאָר געזען ווי עשו איז יוצא לתרבות רעה?

דער דעת זקנים מבעלי התוספות פאַרענטפערט[34]) אַז די צוויי יאָר חטא במטמוניות (כל זמן אברהם האָט געלעבט האָט ער געזינדיקט באַהאַלטענערהייט). דער תירוץ איז אָבער ניט גענוג, וואָרום אויב עס האָט געקענט זיין אַז ער זאָל זינדיקן צוויי יאָר במטמוניות, האָט דאָך געקענט זיין אַז ער זאָל זינדיקן נאָך פינף יאָר במטמוניות, און מען זאָל ניט דאַרפן אַראָפּנעמען פון אברהם'ען פינף יאָר?

אין עשרה מאמרות און אויך פון ריב"א איז פאַראַן נאָך אַ תירוץ אויף דעם — אַז די יאָרן וואָס יצחק האָט געוואָרט[35]) פון דער עקידה ביז רבקה זאָל ווערן דריי יאָר מיט איין טאָג — איז ער געווען אין גן עדן. קען מען זאָגן דעם טעם ווייל גן עדן איז העכער פון זמן פון עולם. במילא בשעת יעקב און עשו זיינען געבאָרן געוואָרן, איז פון יצחק'ס געבורט שוין דורכגעגאַנגען מער ווי צוויי און זעכציק יאָר, אָבער אַלט איז ער געווען אינגאַנצן נאָר זעכציק יאָר, ווייל די יאָרן אין גן־עדן איז ער געווען למעלה פון זמן — און אברהם איז דאַן

29) זח"ב מד, ב. וראה ניצוצי אורות שם.

30) שבת פח, ב. פדר"א פל"ג ועוד. ומובן דאין הפריחה בכל הנ"ל שוה.

31) רש"י והוא מבראשית רבה סג, י.

32) בעלי תוס' על התורה בשם הירושלמי.

33) בראשית רבה סג, יב.

34) בפירושם עה"ת בראשית כה, כו בשם הירושלמי.

35) בריב"א מביא דוגמא מנח — דשנת המבול שלא שמשו המזלות לא נחשבה במנין שנותיו. אבל מובן שבמהותם — אינו דומה לענין דיצחק שלא הי' כל ענין הזמן דהעולם אצלו. משא"כ במבול: א) שחסרה רק המדידה דהזמן. ב) שכל עניני העולם היו כמו נח בזה. וראה ירוש' ר"ה פ"א ה"א. ואכ"מ.

אַלט געווען הונדערט צוויי און זעכ־ציק יאָר. ווען יצחק איז געקומען אין עולם און אין זמן, זיינען די צוויי יאָר ניט געווען אין חשבון, איז ער געווען אַ בן ששים.

עס איז פאַראַן אַמאָל וואָס מען הויבט זיך אויף, העכער פון זמן, און שפּעטער קומענדיק אין זמן איז דאָס ניכר. אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַ סיפּור פון בעש״ט[36] וואָס ער האָט גע־שריבן צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון׳ן אַן ענין וואָס בפועל האָט דאָס פּאַסירט שפּעטער. ווייל דער בעש״ט איז אַ־רויף אין עולם היצירה כו׳ וואָס דאָרטן איז (צען אָדער) פופצן יאָר בסקירה אחת. דאָס האָט אים אָבער ניט אַרויסגענומען פון זמן פון עולם הזה, ובפרט אַז זיין גוף איז דאָך אויך בשעת העלי׳ געווען למטה, מה שאין כן ביי יצחק׳ן.

און דער ענין פון זיין אין גן־עדן איז ביי יצחק׳ן געווען אויך דער־נאָך זייענדיק למטה, ווי מיר געפינען אַז יצחק האָט געזאָגט כריח שדה אשר ברכו הוי׳ — גן עדן[37], איז אין פלוג פון וואַנען האָט ער גע־וואוסט? נאָר ער האָט געדענקט פון דער צייט וואָס ער איז געווען אין גן עדן. הגם דער סדר איז דאָך, אַז בשעת די נשמה קומט פון גן עדן למטה, קומט אַ מלאך וסטרו על פיו[38], כדי עס זאָל ניט מבלבל זיין צו דעם אופן און סדר פון דער עבודה וואָס דאַרף זיין למטה, — דוגמת ווי ווען די נשמה דאַרף עולה זיין למעלה דאַרף זי פאַרגעסן אויף חיזו דהאַי עלמא[39], דעם אויסזען פון דער וועלט, אָבער ביי יצחק׳ן איז געווען דער אויפטו, וואָס ער האָט מיטגענומען די ענינים פון גן עדן למטה.

י. די רז״ל זאָגן[40]: אין קורין אבות אלא לשלשה („אבות" זיינען נאָר דריי). שטייט אויף דעם דער ביאור[41] אַז דער חילוק פון די שבטים מיט די אָבות איז, אַז עס מוז ניט זיין ביי יעדער אידן אַלע מדרגות פון אַלע שבטים, אָבער די מדריגות פון די אָבות איז דאָ ביי יעדער אידן די מדריגות פון יעדערן פון זיי. דערפאַר זאָגט יעדער איד, אלקי אב־רהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב[42], ווייל יעדער פון די אָבות גיט כוח פון אופן עבודתו צו יעדער אידן אין זיין עבודה. איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ענין — פון מיטנעמען פון גן עדן אין וועלט וואָס מען האָט גערעדט ביי יצחק׳ן — איז נוגע יעדער אידן.

דאָס זעלבע געפינען מיר אויך אויף שבת, אַז מיני׳ מתברכין כולהו יו־מין[43], פון שבת ווערן געבענטשט אַלע טעג פון וואָך, דער ענין פון שבת איז למעלה מהזמן (כמו שנתבאר בהמאמר) און דאָס איז נוגע אין דער עבודה פון דער גאַנצער וואָך.

דערפאַר דאַרף מען אַלע טאָג דער־מאָנען שבת[44] — יום ראשון בשבת,

36) דרך מצותיך נס, א. ובציונים והערות שם.

37) זע ב״ר ס״פ סה, ובפי׳ מהרז״ו. וצע״ק מזח״ב לט, ב. זח״ג פד, א. ואכ״מ.

38) נדה ל, ב.

39) לקו״ת דברים פד, ד.

40) ברכות טז, ב.

41) תורה אור וארא נה, א.

42) פסחים קיז, ב.

43) זהר ח״ב פח, א.

44) מכילתא יתרו פ״ז. רמב״ן שמות כ, ח.

יום שני בשבת וכו׳, דאָס גייט אַריין אין דער מצוה פון זכור את יום השבת. אַזוי ווי מען געפינט אויף שמאי הזקן[45]) אַז אויף יעדער זאַך האָט ער געזאָגט לכבוד שבת.

יא. דער אויבנדערמאָנטער ענין אין עבודה איז:

בשעת מען מאָנט ביי אַ אידן אָפּ־זאָגן זיך פון די תאוות און פאַר־געניגנס פון דער וועלט, און אַז זיין גאַנצער ענין זאָל זיין „אחת שאלתי וגו׳ לחזות בנועם הוי׳ וגו׳"[46]), — טענה׳ט ער, אַז מען האָט דאָך אים פאַרבונדן דוקא מיט׳ן גוף און נפש הבהמית און דוקא אויף דער וועלט — היינט ווי קען מען פון אים פאָדערן אָפּזאָגן זיך פון זאַכן וועלכע גע־הערן צו די פאַרגעניגנס פון דער וועלט און האָבן בלויז פאַרגעניגן פון נועם הוי׳ וואָס דאָס געהערט צו די תענוגים פון יענער וועלט, גן עדן א. אַ. וו. וואָס ערשט דעמאָלט וועט דאָך אַנטפּלעקט ווערן דער ענין פון לחזות בנועם הוי׳?

אויף דעם איז דער ענטפער אַז מען האָט אים געגעבן דעם כוח פון אלקי יצחק, אַריינקוקן און פאַרטיפן זיך אין דעם ענין פון לעתיד לבא און גן עדן, ביז וואַנען אַז ביי אים קען אויך איצטער זיין ראה ריח וגו׳, אַז אַלע תענוגים פון דער וועלט — אַפילו די אמת׳ע תענוגים — זיינען מער ניט ווי פסולת פון די תענוגים פון גן עדן[47]), היינט ווי וועט ער אָוועקלייגן דעם עיקר תענוג צוליב באַקומען די פסולת? און בפרט אַז ווען דער עיקר ווערט בטל, — ווערט דאָך ממילא דער טפל בטל און כל שכן די פסולת. דערפאַר דאַרף ער אַלע זיינע געדאַנקען אַריינטאָן אין דעם עיקר, וואָס דער וועג צו דעם איז ביטול, וואָס אין עבודה איז דאָס דער ענין פון קבלת עול — אַזוי ווי די עלי׳ אין גן עדן וואָס אויך דאָרט דאַרף זיין דער ענין פון „ובזה הנערה באה אל המלך"[48]) דער ענין הבי־טול[49]).

און דאָס איז אויך דער ענין פון יצחק׳ן, „פחד יצחק" — ביטול און קבלת עול.

יב. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין דעם טעם פון דעם מנהג[50]) וואָס ביי קידושין איז הכלה שותקת. אמת טאַקע, שתיקה איז כהודאה[*50]) (שווייגן איז גלייך ווי מודה און מס־כים זיין), אָבער, אין פלוג, איז אין אַלע ענינים בעסער אַז מען זאָגט אַרויס בפירוש, און דאָך איז ביי קידושין אַ מנהג ישראל — וואָס דאָס איז תורה[51]) — אַז די כלה שווייגט?

נאָר דער טעם איז: דורך וואָס קען זיין אַ קירוב פנימי, קירוב עצם אל עצם — וואָס דורך דעם ווערט נמשך דער כוח פון אין־סוף[52]) בדור ישרים יבורך, — דוקא דורך אַ פול־שטענדיקן ביטול. און דורך דעם בי־טול ווערט דער יחוד פנימי, און

---

45) ביצה טז, א.

46) תהלים כז, ד.

47) לקו״ת שלח מו, ד.

48) אסתר ב, יג.

49) זע תורה אור צו, א. תו״ח ד״ה והאיש משתאה ס״י ואילך.

50) תו״א פ׳ ויגש מה, א.

*50) יבמות פז, ב.

51) ירושלמי פסחים פ״ד, ה״א. ופרקי דר״א פמ״ה.

52) זע אויבן עמוד 23 הערה 31.

דורך דעם קומט מען ביז צו דער מדריגה אַז עס ווערט אשת חיל עטרת בעלה [53]).

(משיחת ש"פ תולדות תשי"ד)

יג. דער דעמאָנטטער ענין וואָס איז געווען ביי יצחק'ן, איז דאָס בעיקר פאַרבונדן מיט דעם ענין פון חתונה, ווי געזאָגט פריער (סעיף ט) אַז די צייט פאַר זיין חתונה איז ער געווען אין גן־עדן כדי צו פאַרהיטן אים פון אַן „עין־הרע". ווי די רז"ל דרש־נען אין ילקוט: ויצא יצחק לשוח, מהיכן יצא מגן עדן — פון וואַנען איז ער דאָס אַרויסגעגאַנגען? — פון גן־עדן וכו', וירא והנה גמלים באים ותשא רבקה וגו'.

דאָס ענלעכע איז אויך ביי יעדער איינעם פאַר דער חתונה, ווי עס איז געווען די הוראה פון דעם רבי'ן דעם שווער כ"ק אדמו"ר, אַז אַ חתן דאַרף עטלעכע טעג (ער האָט ניט געזאָגט וויפל) פאַר דער חתונה ניט זיין אַליין, צוליב שמירה. אין פרקי דרבי אלי־עזר (ס"פ ט"ז) שטייט, אַז דער חתן זאָל ניט זיין אַליין, אָבער דאָרט ווייזט אויס אַז דער טעם איז צוליב כבוד, וואָס דאָס איז שייך נאָך דער חתונה, אָבער פון רבי'ן האָב איך געהערט, אַז דער חתן זאָל ניט זיין אַליין אויך עטלעכע טעג פאַר דער חתונה צוליב שמירה.

יד. די שייכות פון חתונה צו גן־עדן, געפינט מען אויך אין ברכות נשואין — שמח תשמח רעים האהו־בים כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.

קען מען דערקלערן די שייכות, ווי עס איז באַוואוסט אַז גן עדן פאַרטראָגט ניט קיין רע. און ווי עס ווערט דערקלערט דער טעם פאַר־וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן אדם הראשון פון גן עדן נאָכ'ן חטא — ווייל גן עדן איז ניט סובל קיין רע.

טו. עולמות וואָס זיינען נידעריי־קער פון גן עדן, איז פאַראַן אין זיי חילוקי מדריגות, און בכללות ווערן זיי פאַנאַנדערגעטיילט אין דריי בחי־נות, עשי', יצירה און בריאה.

עולם העשי' איז רובו רע, וואָס מצד דעם קען דער רע האָבן אַ התגברות אויפן טוב. עולם היצירה איז האַלב אויף האַלב, און עולם הבריאה איז רובו טוב [54]).

דאָס איז אויך דער טעם פון דעם חילוק פון תלמוד בבלי מיט תלמוד ירושלמי: אין חוץ לארץ [55]) איז די הנהגה דורך עשי', דערפאַר איז דער רוב הלימוד אין תלמוד בבלי בדרך קושיא ותירוץ, וואָס דורך דער יגיעה צו פאַרענטפערן די קושיות און די סתירות, פועל'ט מען דעם בירור.

— ווי עס שטייט אויפן אריז"ל אַז ער פלעגט לערנען זעקס דרכים אין הלכה און פלעגט שטאַרק האָרע־ווען אין די קושיות ביז ער פלעגט ווערן זייער פאַרמאַטערט און שטאַרק פאַרשוויצט וואָס דורך דעם האָט ער צעבראָכן די קליפות וואָס זיי זיינען דער סוד פון די קושיות כו' [56]). —

אין ארץ ישראל איז די הנהגה

---

53) משלי יב, ד. תו"א פ' ויגש מד, א.

54) עץ חיים שער מ"ב פ"ד. שם שער מז פ"ה. לקו"ת במדבר ג, ד. ובכ"מ.

55) תו"א לך יג, א.

56) טעהמ"צ — להרח"ו — פ' ואתחנן.

דורך יצירה, דערפאַר איז דער לימוד אין תלמוד ירושלמי בכלל באופן ישר (אין אַן אופן פון גלייכקייט).

פונדעסטוועגן איז אויך אין ירושלמי פאַראַן קושיות, אָבער מען זעט באַלד דעם תירוץ אויף זיי, ד. ה. אַז זיי האָבן ניט קיין התגברות — דוגמת עולם היצירה, וואָס אין אים איז דאָ רע, וואָס מסטרא דרע ווערט אַ מעגלעכקייט פון קושיות כו׳ כמבואר באגרת הקדש (סימן כו) על פי הזהר, אָבער דער רע האָט ניט קיין התגברות.

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס אין די וואָכן־טעג [57] דאַרף זיין דער רוב זמן הלימוד אין נגלה דתורה — צוויי דריטל נגלה און איין דריטל חסידות — און שבת [58] דאַרף זיין דער לימוד אין פנימיות התורה, ווייל בששת ימי החול קומט אַראָפּ דער אור דורך לבושים פון עשי׳ און יצירה, וואָס דאָרטן איז שייך רע — דאַרף מען עס מברר זיין דורך נגלה דתורה, וואָס זי פאַרנעמט זיך מיט מברר זיין די ענינים פון עולם הזה וכו׳.

מה שאין כן שבת [59], גייט דער אור דורך התלבשות נאָר פון עולם הבריאה, איז דער לימוד אין פנימיות התורה — אילנא דחייא, וואָס איז העכער פון ענין הבירורים.

און דאָס זיינען אויך די צוויי ענינים: הריעו לה׳ כל הארץ, ר״ת הלכה — בששת ימי החול [60], השתחוו לה׳ בהדרת קודש, ר״ת קבלה — בשבת.

אָבער פונדעסטוועגן איז דאָך אויך אין בריאה פאַראַן רע, נאָר דער טוב איז זיך מתגבר אויף אים, אָבער גן עדן איז אינגאַנצן ניט סובל דעם מציאות הרע, כנ״ל.

טז. און לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון חתונה צו גן עדן, ווייל חתונה איז אַן ענין פון בנין עדי עד, ובכדי צו צוקומען צו דעם, מוז מען מקדים זיין אַן ענין וואָס איז אין גאַנצן העכער און ניט סובל דעם מציאות הרע, שולל זיין דעם חשש פון ואכל וחי לעולם [61], וואָס דאָס דוקא טוט אויף, עס זאָל זיין אַ בנין עדי עד, אַן ענין נצחי (אויף אייביק), אמת לאמיתו.

ומעין זה, ביי יעדער איינעם פאַר די נישואין דאַרף זיין אַ שמירה, וכמבואר ענין השמירה בכמה מקורות [62], וואָס ברענגט צום בנין עדי עד, צום שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.

יז. מיט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין נאָך אַן ענין:

כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט דערציילט, אַז פאַר זיין חתונה האָט זיין פאָטער (דער רבי מהורש״ב) נ״ע אים גערייסן לערנען אויף הוראה און נעמען סמיכה. ווי עס איז קענטיק געוועזן פון דעם סגנון פון סיפור איז אויך פאַר דעם רבי׳נס (מהורש״ב)

57) קונטרס עץ חיים אות כב.

58) שם אות כה. צוואת אדמו״ר מהר״ש.

59) זע אויבן הערה 55.

60) לקו״ת להאר״י ז״ל תהלים ק׳ ובשער הפסוקים שם. נתבאר ע״פ דא״ח בסידור ע״פ מזמור לתודה, בפירוש המלות מהדו״ב פרק קמ״א ועוד.

61) בראשית ג, כב. — זע תו״א ה, ד.

62) זע לקו״ת ראה כג, ג. ושי״נ.

נ"ע חתונה, האָט אים זיין פאָטער — דער רבי מהר"ש — געהייסן נעמען סמיכה. עס איז פאַראַן אַ בריף פון רבי'ן מהר"ש צום רבי'ן מהורש"ב נ"ע פון יענעם זמן, שרייבט ער אים, „בני הרב".

פון דעם סיפור איז פאַרשטאַנדיק אַז הוראה האָט אַ שייכות צו חתונה און ס'איז אַן הקדמה צו איר.

יח. דער ענין פון הוראה איז צו פסק'נען אַ הלכה — דין אמת לאמיתו. סברות און דיעות אין תורה, זיינען אַלע אמת, ווי דער לשון פון רז"ל, אלו ואלו דברי אלקים חיים [63], אָבער די מעלה פון הלכות איז ניט אמת סתם נאָר אמת לאמיתו — זייער מעלה איז ניט נאָר דברי אלקים חיים נאָר ווי דער מאמר רז"ל [64], והוי' עמו, שהלכה כמותו, אַז דער שרש פון הלכות איז פון שם הוי' [65].

בשעת ער איז אַן אויסגעשאַרפטער און אַ מפולפל זאָגט ער טאַקע גוטע סברות, דברי אלקים חיים, אָבער עס קען זיין אַז דאָס איז ניט מער ווי אויף אַ ווײַלע, ווייל עס קען קומען אַ צווייטע סברא — אַ בעסערע און אָפּשלאָגן די ערשטע. פסק הלכה אָבער איז אַן אייביקער ענין וואָס בלייבט שטיין אויף שטענדיק.

ד. ה. אַז דער דיין דאַרף זיין גרייט אויף אַ סברה וואָס איז ניט ווי הלכה און פונדעסטוועגן פסק'נען אַזוי ווי די הלכה איז. וואָס דאָס איז דער אויפטו פון הלכות, אַז מען קאָן זיי

63) ערובין יג, ב.
64) סנהדרין צג, ב.
65) אויספירלעך אַרומגערעדט בד"ה וידבר אלקים — תרכ"ז.

ניט אָפּשלאָגן, עס איז אַ שטענדי־קער ענין — אמת לאמיתו.

און דאָס איז וואָס עס שטייט אין משנה [66], למה מזכירין דברי יחיד, וויבאַלד אַז די הלכה איז ניט אַזוי? ענטפערט די משנה — לויט איין פירוש — אַז אויב עס וואָלט ניט געשטאַנען די דעת יחיד, קאָן דאָך קומען איינער און זאָגן אַ סברא אויף אָפּשלאָגן די הלכה, ווערן דעריבער דערמאָנט די רייד פון יחיד, צו זאָגן אַז עס איז שוין געוועזן אַזאַ סברא און פונדעסטוועגן איז די הלכה ניט אַזוי.

און מיט דעם ווערט מען פאַרשטיין די שייכות פון הוראה צו חתונה, וואָרום דער ענין פון חתונה, איז אַזוי ווי די הלכה — בנין נצחי — אַ בנין עדי עד.

יט. דערקלערן דאָס מער אויספיר־לעך:

די ענינים און באַדערפענישן פון מענטשן זיינען איינגעטיילט בכללות אין דריי סוגים: מזון, לבוש און בית [67] (שפייז, קליידער און הויז). די מעלה פון בית איז — אַז דאָס איז אַ שטענדיקע זאַך. ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער דער אונטערשייד פון לבוש ביז בית, אַז לבוש איז אַ צייטווייליקע זאַך, איצט קען עס זיין אַ גוטער לבוש, אָבער עס איז מער ניט ווי אויף אַ ווײַלע, דאַקעגן בית איז אַ שטענדיקע זאַך, ווי דער לשון — בנין עדי־עד.

אַזוי ווי אַלע ענינים פון עולם זיינען דאָך פאַראַן אין תורה און

66) עדיות פ"א מ"ו.
67) לקו"ת ברכה צח, ד.

נעמען זיך פון תו״ה, ווי עס שטייט [68]) אסתכל באורייתא וברא עלמא, במילא זיינען אין תורה אויך פאַראַן די ענינים פון לבוש און בית.

סברות זיינען געגליכן צו לבושים, אויף אַ ווילע איז דאָס גוט און טוט אויף וואָס עס דאַרף — בשעת מעשה איז ער מקיים מצות תלמוד תורה, און אדרבה דוקא אַזוי איז דער סדר הלימוד [69]), אָבער מעגלעך אַז שפּעטער וועט מען זיי אָפּשלאָגן. דאַקעגן פּסקי הלכות איז אַן ענין פון בית — אַ שטענדיקע זאַך.

לויט דעם וועט מען בעסער פאַרשטיין די שייכות פון נישואין (חתונה), בויען אַ אידישע הויז, צו סמיכות הוראה, ווייל ביידע זיינען דער ענין פון בית.

כ. און אַזוי ווי חתונה און הוראה האָבן אַ כללות'דיקע שייכות, אַזוי אויך האָבן זיי אַ שייכות אין ענינים פּרטיים:

דער ענין פון הוראה איז פאַרבונדן מיט'ן עלטער פון פערציק יאָר [70]), געשטיצט על מאמר רז״ל [71]), לא קאים איניש אדעתא דרבי' עד ארבעין שנין (אַ מענטש דערגייט ניט צום גרונט פון זיין רבי'נס דעת ביז פערציק יאָר).

אַזוי געפינען מיר אויך ביי דער חתונה פון יצחק מיט רבקה, — די ערשטע חתונה וואָס איז באַשריבן אין דער תורה — ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה.

און דאָס איז אויך וואָס שטייט

68) זהר ח״ב קסא, א.
69) זע אויך בבא מציעא פה, סע״א.
70) זע יו״ד רמב, לא.
71) ע״ז ה, ב.

אין מדרש [72]) און ווערט געבראַכט אין רש״י, אַז איידער יצחק האָט חתונה געהאַט, האָט אים אברהם אָנגעשריבן אַ שטר דייתיקי און איבערגעגעבן אַלע זיינע נכסים.

קען מען זאָגן אַז דאָס איז דער ענין פון קאי אדעתא דרבי', וואָס יצחק האָט איבערגענומען אַלע ענינים פון אברהם'ן, זיין רבי'ן. און דורך דעם וואָס קאי אדעתא דרבי', איז געוועזן די חתונה.

כא. לויט דעם אַלעמען קען מען דערקלערן דעם טעם פאַרן מנהג פון נעמען סמיכות הוראה פאַר דער חתונה —

ווייל אַזוי ווי התהוות העולם בכלל איז דורך תורה, לויט דעם מאמר אסתכל באורייתא וברא עלמא [73]), אַזוי אויך דער עולם הפרטי פון יעדער איינעם קומט דורך דעם אסתכל באורייתא כנ״ל — וואָס דאָס איז אויך דער טעם [74]) פון דעם וואָס אַ חתן איז עולה לתורה פאַר דער חתונה. —

דערפאַר אַז מען גייט בויען אַ בית בישראל, אין וועלט, דאַרף מען פריער בויען אַ בית אין תורה, וואָס דאָס איז הוראה. און דורך דעם וואָס ער בויט דעם בית אין תורה, בויט ער אויף אויך דעם בית אין עולם, אַ בנין עדי עד, בדור ישרים יבורך.

(משיחת ב' דר״ח כסלו, תשי״ג)

כב. עס ווערט דערקלערט אין אַ מאמר חסידות [75]) פאַרוואָס האָבן יצ־

72) בראשית רבה נט, יא.
73) ראה לעיל הערה 68.
74) זע מג״א אין שו״ע או״ח ענדע סי' רפ״ב. ד״ה וכל בניך (דרושי חתונה תרפ״ט — בסה״מ קונטרסים ח״א).
75) ד״ה ויאמר גו' ישראל יהי' שמך תרצ״ד, ועיי' ג״כ תו״ח ס״פ תולדות. ד״ה ויקח לו יעקב תרע״ח.

חק׳ס ברכות צו יעקב׳ן געדאַרפט זיין במרמה דוקא, טאַקע „בחכמת תורתו״ [76]), אָבער דער חלק וואָס ווערט אָנגערופן מרמה, ווייל די ענינים זיינען אָנגעקומען במרמה, די ניצוצות פון קדושה וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן למטה דורך דעם והנחש הי׳ ערום גו׳ [77]), דערפאַר איז דער סדר אויף צונעמען ביי זיי צוריק, אויך אין דעם אופן פון מרמה. ווי עס שטייט: עם עקש תתפתל [78]).

כג. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס רבקה האָט געהייסן יעקב׳ן ער זאָל גיין נעמען די ברכות, און האָט אים געטרייסט, אויב עס וועט זיין ח״ו אַ קללה וועט זי דאָס נעמען אויף זיך, עלי קללתך בני. אין פלוג — וואָס פאַר אַ טרייסט איז דאָס? אַ זון ובפרט אַ זון ווי יעקב — דאַרף אים אָרן פאַר דער מוטער, איז וואָס פאַר אַ באַרואיקונגס־ענטפער איז דאָס? און מיר זעען דאָך אַז עס האָט גע׳פועל׳ט אויף יעקב׳ן.

נאָר דער ענין אין דעם איז: יעקב איז געגליכן צו אדם הראשון [79]) און ער האָט מתקן געווען זיין חטא, ווי דערקלערט אין קבלה, וואָס אדם הראשון׳ען האָט דאָך דער נחש גענומען במרמה, דערפאַר איז כדי דאָס מתקן צו זיין און באַווארענען, אַז די ברכות זאָלן ניט זיין ביי עשו׳ן האָט יעקב געדאַרפט צוריק נעמען אויך במרמה — בא אחיך במרמה ויקח ברכתך.

כד. דער ענין בקיצור איז אַזוי: דאָ נעמט מען אַזאַ זאַך און פון אַזאַ אָרט, וואָס איז העכער פון שכל (אָדער נידעריקער פון שכל, ווי עס איז געווען דער חטא עץ הדעת), און דערפאַר דאַרף ביים מקבל אויך זיין אַ פּאַסיקע כלי לקבלה — ניט שכל און פאַרשטאַנד, נאָר אַ תנועה פון מסירת נפש, איינשטעלן זיך, און דאָס איז וואָס רבקה האָט געזאָגט עלי קללתך בני — זי גייט אויף דעם אויך, און אדרבה, די זאַך מאָנט און נעמט זיך נאָר דוקא דורך מסירת נפש, און ניט דורך שכל׳דיקן חשבון. און דער ענטפער האָט גע׳פועל׳ט דאָס זעלבע אויך ביי יעקב׳ן.

און אַזוי איז אויך ביי וועלן צוקומען צו תורה בכלל [80]), ווי די רז״ל טייטשן אין מדרש ביי יצחק׳ס ברכות צו יעקב: מטל [81]) השמים זו מקרא, ומשמני הארץ זו משנה, דגן זו תלמוד תירוש זה אגדה, דורך אַן אופן פון מרמה דקדושה דחכמת התורה כנ״ל, קומט מען צו העכער, ווי דער רבי דערקלערט אין מאמר [82]) אַז די כוונה איז צו מהפך זיין שטות דלעומת זה לשטות דקדושה. דורך מהפך זיין שטות דלעומת זה קומט מען צו העכער, ווי דורך עבודה וואָס על פי טעם ודעת, וואָרום מען קומט צו צו אַ דרגא פון קדושה, וואָס איז העכער אַפילו פון שכל פון קדושה [83]).

(משיחות י״ג שבט, תשי״א)

---

76) ב״ר פס״ז, ד.

77) בראשית ג, א.

78) תהלים יח, כז.

79) ב״ב נח, א.

80) ענלעך צו דעם — די פּאַסירונג פון צ״צ וואָס האָט געהערט תורה פון אדמוה״ז באַהאַלטענערהייט, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין ספר המאמרים ה׳תש״ח ע׳ 234 (לקו״ד ח״ב ע׳ 550), עיי״ש דברי אדה״ז בזה.

81) ב״ר פס״ו, ג.

82) ד״ה באתי לגני, ה׳שי״ת.

83) זע דאָרט. קונטרס ומעין מאמר כו־

כה. אויפן פסוק ויתן לך, זאָגט דער מדרש אַז יעקב נתברך בעשר ברכות כנגד עשרה מאמרות שבהם נברא העולם (יעקב איז געבענטשט געוואָרן מיט צען ברכות קעגן די צען מאמרות מיט וועלכע די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן).

בשעת תורה זאָגט „כנגד" איז דאָך זיכער, אַז די ענינים גלייכן זיך אויס ניט בלויז אין זייער מספר (צאָל), נאָר אויך אַז די ענינים האָבן אַ שייכות אײנע צו די אַנדערע, ומצד דער שייכות וואָס איז פאַראַן צווישן די ענינים אַליין, גלייכן זיי זיך אויס אויך אין זייער מספר.

נאָר אַזוי ווי אונזער אופן השגה צו פאַרשטיין אַן ענין איז — מן המאוחר אל המוקדם (פריער פאַרשטייען מיר די שפּעטערדיקע זאַך, נאָכדעם — די פריערדיקע), מן המסובב אל הסיבה ומן הקל אל הכבד, דערפאַר איז בכדי צו צוקומען צו דער ידיעה, אַז די ענינים אַליין (די סיבה און דער מוקדם) האָבן צווישן זיך אַ שייכות, איז דאָס דורך דעם וואָס מיר זען, אַז זיי גלייכן זיך אויס במספרם (דער מסובב ומאוחר), וואָס דאָס איז מן הקל אל הכבד.

אויף צו פאַרשטיין די שייכות פון די ענינים, דאַרף מען דאָך האָבן אַ הכרה אין דעם מהות פון דעם ענין, אָבער די גלייכקייט אין דעם מספר זעט יעדערער. אויף דעם דאַרף מען ניט האָבן קיין התבוננות אין דעם מהות און דער איכות פון די ענינים, עס איז מער ניט וואָס אַז מען ציילט איבער, זעט מען אַז ס'איז דער זעלבער מספר אין בײדע ענינים.

כז. רמב"ם הל' דעות פ"ב, ה"ב. הל' תשובה פ"י ה"ג: כאילו חולה כו'.

און דורך דעם וואָס מיר זען אַז זיי גלייכן זיך אין צאָל, פאַרשטייען מיר אַז דאָס קומט פון דעם וואָס די ענינים אַליין זײנען שייך אײנער צום צווייטן.

כו. אַ דוגמא אויף דעם: עס שטייט אַז די רמ"ח מצוות עשה זײנען קעגן די רמ"ח אברים[84]) און די שס"ה לא תעשה קעגן די שס"ה גידים. איז דאָך ניט דער פשט אַז די גאַנצע שייכות איז נאָר אין דעם מספר, נאָר די ענינים אַליין האָבן אַ שייכות זה לזה. די תרי"ג מצות זײ־נען די אברים פון נפש, וואָס פון זיי ווערט נמשך חיות אין די אברים פון גוף.

און ווי עס ווערט דערקלערט[85]) אויפן פסוק תמים תהי' עם הוי' אלקיך[86]), אַז דורך די תמימות און שלימות אין תרי"ג מצות, ווערט תמי־מות אין די אברים פון נפש, וואָס פון זיי ווערט נמשך תמימות אין די תרי"ג אברי הגוף, אַז זיי האָבן אַ חיות און חיזוק.

און ווייל יעדער אבר נעמט זיך פון אַ געוויסער מצוה, במילא מוזן זיי דאָך זיין גלייך אויך אין זייער צאָל.

כז. די זעלבע זאַך איז אין דעם ענין פון עשרה עשרה הכף בשקל הקדש[87]), וואָס עס שטייט אויף דעם, אַז די עשרה מאמרות זײנען כנגד עשרת הדברות[88]). איז ניט דער פשט אַז די גאַנצע שייכות איז מער ניט

84) זח"א קע, ב.
85) לקו"ת נצבים מה, ג.
86) דברים יח, יג.
87) במדבר ז, פו.
88) זח"ג יא, ב.

וואס זיי זיינען גלייך אין צאל, נאר זיי זיינען שייך מצד זייער עצם ענין.

ווארום די גאנצע התהוות — וואס איז דורך די עשרה מאמרות — איז געווען דורך תורה און צוליב תורה, כמאמר [89]) בראשית בשביל התורה שנק׳ ראשית, און ביז ס׳איז געקומען דער יום השישי, ששי בסיון דער טאג פון מתן תורה — איז שמים וארץ מתמוטטים [90]), און ווען ס׳איז געקומען דער טאג פון מתן תורה, איז ארץ וגו׳ ושקטה [91]), אז ס׳איז געווארן א קיום אין דער בריאה.

און דערפאר זיינען זיי גלייך אין זייער צאל, ווייל זיי זיינען שייך איי־נער צום צווייטן מצד זייער ענין, ווארום די מציאות פון די עשרה מאמרות קומט צוליב די עשרת הדב־רות, און די כוונה פון זייער מציאות איז, אז מען זאל באלייכטן די נב־ראים וואס זיינען באשאפן געווארן פון די עשרה מאמרות, דורך דעם וואס מען וועט ממשיך זיין אין זיי די ענינים פון די עשרת הדברות.

כח. דורך דעם וואס א איד פאר־בינדט די עשרה מאמרות מיט די עשרת הדברות, ד. ה. אז ער בא־לייכט די וועלט מיטן אור התורה, דורך דעם ווערט נמשך צו דעם אידן פיל השפעה אין גשמיות און אין רוחניות, ווי עס שטייט [92]) אם בח־קותי תלכו גו׳ ונתתי גשמיכם בעתם וגו׳, אלע ברכות וואס ער רעכנט אויס אין דער פרשה.

וויבאלד אז די השפעות באקומט ער מצד דעם וואס ער האט ממשיך געווען די עשרת הדברות אין די עשרה מאמרות, במילא איז אויך די השפעה וואס ער באקומט — אין מספר פון צען.

און דאס איז וואס יעקב איז גע־בענטשט געווארן מיט צען ברכות, קעגן די צען מאמרות.

כט. מיט דעם וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט אין זהר [93]), אז מען האט געפרעגט ביי ר׳ אל־עזר׳ן, פארוואס זיינען יעקב׳ס בר־כות ניט מקוים געווארן און עשו׳ס ברכות זיינען יא מקוים געווארן? האט ר׳ אלעזר געענטפערט: יעקב נטל לעילא, עשו נטל לתתא (יעקב האט גענומען למעלה און עשו האט גענומען למטה).

וועט מען דאס פארשטיין מיט דעם וואס עס שטייט [94]) צדקתו עומדת לעד. צדקה, חסד און מצוות בכלל וואס מען איז איצטער מקיים (וואס דאס איז דער ענין פון עבודת הבירורים) — איז עומדת לעד. דורך קיום המצות ווערט נמשך אור אין אצילות אבער דער אור איז כמונח בקופסא (ווי באהאלטן אין א קעסטל), אזוי ווי ווערטפולע שטיינער און פערל וואס מען באהאלט זיי אין א קאסטן, און דער גילוי פון דעם וועט זיין לעתיד — עומדת לעד.

וויבאלד אז די ברכות קומען מצד דעם קיום פון די מצוות, דערפאר איז אזוי ווי אין דעם גילוי אור וואס טוט זיך אויף דורך די מצות,

---

89) פירש״י עה״ת.

90) שבת פח, א.

91) תהלים עו, ט.

92) ויקרא כו, ג־ד.

93) זהר ח״א קמג, ב.

94) תהלים קיב, ט. אגה״ק סל״ב.

איז דאָס דערוויל בהעלם, — כמונח בקופסא, אַזוי איז אויך אין די ברכות, אַז איצטער איז דאָס בהעלם.

אָבער לעתיד לבוא, פירט אויס דער זהר, וועט יעקב נעמען אויך לתתא. יתאביד עשו מכולא און יעקב וועט נעמען לעילא ותתא עלמא דין ועלמא דאתי. ומתאים ג״כ להנ״ל: אַזוי ווי דער גילוי אור וואָס ווערט אויפגעטאָן דורך די מצוות, וועט לעתיד לבוא נתגלה ווערן אַפילו אין גשמיות, וואָס דאָס איז דער אויפטו פון לע״ל אַז גשמיות וועט ניט מעלים זיין, ואדרבה, אַזוי איז אויך אין דעם ענין פון די ברכות, שיתאביד עשו מעלמא תתאה, און ברכות יעקב וועלן מקוים ווערן אויך בעולם הזה אין גשמיות.

ל. עס שטייט אין כתבי האריז״ל און דער מגן אברהם[95] ברענגט עס להלכה, אַז ערב שבת דאַרף מען טועם זיין (פאַרזוכן) פון די מאכלים פון שבת, אַזוי ווי עס שטייט טועמי׳ חיים זכו[96].

אַזוי ווי איצטער איז דאָך שוין — אין דעם חשבון פון שיתא אלפי שני הוה עלמא[97] — ערב שבת נאָך חצות, דאַרפן דאָך שוין זיין די ענינים פון לעתיד לבוא בדרך טעימה על כל פנים, און בשעת מען איז טועם האָט מען דאָך אויך עפעס.

95) או״ח סי׳ רנ, ס״ק א.
96) נוסח התפלה.
97) ר״ה לא, א.

אַזוי ווי דער ענין פון גילוי פנימיות התורה וואָס איז נתגלה געוואָרן אין די לעצטע דורות דוקא, אַמאָל איז דאָס געווען נאָר ליחידי סגולה, און בדורות האחרונים איז מצוה לגלות זאת החכמה[98], ובפרט דורך דעם בעל־שם־טוב דורך חסידות הכללית, און באַזונדערס דורכן אַלטן רבי׳ן אין חסידות חב״ד, איז דאָך געוואָרן דער ענין פון יפוצו מעינותיך חוצה[99], אין אַן אופן פון הפצה (פאַרשפרייטונג).

הגם אַז דער גילוי פנימית התורה איז שייך לעתיד לבוא, אַזוי ווי עס שטייט ישקני מנשיקות פיהו[100] ופי׳ רש״י טעמי תורה שיתגלו לעתיד, פונדעסטוועגן האָט זיך שוין איצט אָנגעהויבן דער גילוי פנימיות התורה, בדרך טעימה, אין דעם זמן פון ערב שבת ובפרט נאָך חצות.

און וואָס איז נוגע צו אונז: ווי־באַלד ס׳איז שוין נאָך חצות, און שוין נאָך פלג המנחה, דאַרף שוין זיין דער טועמי׳ חיים זכו, אַז עס דאַרף זיך שוין אָנהויבן דער גילוי פון ברכות יעקב לעילא ותתא סיי אין רוחניות סיי אין גשמיות, אַז עס זאָל זיין ברכה והצלחה בגשמיות וברוחניות בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש״פ תולדות, תשח״י)

98) אגה״ק סימן כו, אין נאָמען פון אר״י ז״ל.
99) משלי ה, טז.
100) שיר השירים א, ב.

# פרשת ויצא

א. היינטיקע סדרה הויבט זיך אן: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה. דאס איז — ווי רש״י זאגט — אן איבערדערציילונג פון דעם סיום פון פאריקער סדרה.

אין תורה איז אלץ דייטלעך. אפילו פון איין איבעריקן אות לערנט מען אפ גאנצע הלכות, היינט מכל שכן א גאנצער ענין וואס עס חזר׳ט זיך איבער עטלעכע מאל, איז דאך דאס געוויס אן הוראה לדורות, פאר יעדער צייט און אין יעדער ארט און אויך פאר היינטיקער צייט, ווייל די תורה איז אן אייביקע.

ב. אויף דעם נאמען באר שבע זאגט די תורה [1] צוויי טעמים: א) צוליב דער שבועה וואס איז געווען ביי דעם כריתות ברית, וואס אבי־מלך האט געמאכט מיט אברהם׳ן. ב) צוליב דעם זיבעטן ברונעם וואס מ׳האט געגראבן נאכן שלום מיט אבי־מלך׳ן. ביידע טעמים ווייזן אויף א צושטאנד פון רואיקייט ביי אידן. וילך חרנה, דער ענין פון חרן איז להיפך, ווי רז״ל זאגן [2] חרון אף של עולם, (דער צארן פון וועלט).

מ׳פרעגט א קשיא: דער אויבער־שטער האט אונז געגעבן תורה און מצוות פון זיין פולער און ברייטער האנט, — וואו מ׳גיט זיך נאר א קער, איז שוין פאראן אדער א מצות עשה וענפי׳, אדער מ׳דארף זיך אפהיטן פון איינע פון די שס״ה מצות לא־תעשה וענפי׳ — האט ער דאך גע־דארפט לכל הפחות אראפנעמען די דאגות פון אונז, דאגת הגלות, דאגת הפרנסה וכו׳, כדי עס זאל זיין לייכטער דער קיום המצות? נאך מערער, מען זאל בכלל ניט האבן צו טאן מיט עניני העולם, און זיין מערער באהלה של תורה.

אויף דערויף דערציילט די תורה דעם סדר פון יעקב׳ן, ד. ה. דעם סדר פון ישראל בטהרתם, ווי זיי זיינען שוין אפגעטיילט, לא כאברהם שיצא ממנו ישמעאל ולא כיצחק שיצא ממנו עשו, נאר כיעקב וואס מטתו שלימה [3].

איידער יעקב האט געדארפט חתונה האבן — בויען דעם בית ישראל, האט מען אים געהייסן ארויסגיין פון באר שבע, אוועקגיין אויך פון די ישיבות פון שם ועבר, און גיין קיין חרן, חרון אף של עולם.

איידער ער האט געדארפט אויפ־שטעלן דעם עם ישראל, האט ער געקאנט, און געדארפט, זיין אין באר שבע, אן ארט פון גילוי אלקות במור־חש, וואו מצוות קומען אן גרינג און עבירות קומען אן שווער, אבער בכדי אויפצובויען דעם בית ישראל, האט ער געדארפט ארויסגיין פון באר שבע, און קומען קיין חרן, אן ארט פון העלם והסתר (וואס אלקות איז פאר־בארגן און באהאלטן),

— אויך עולם (וועלט) אליין, איז כשמו — לשון העלם[4], ומכל שכן חרון אף של עולם —

---

1) בראשית כא, לא. שם כו, לג. אויך זע אין ספורנו שם.

2) רש״י ס״פ נח.

3) שבת קמו, א (בשינוי לשון). עד״ז ספרי לדברים לב, ט.

4) ספר המאמרים הש״ת ע׳ 160.

וואָס דאָרט איז עבירות קומען אָן זייער גרינג און מצוות זייער שווער. און דורך דעם וואָס ער איז ביי־געשטאַנען די נסיונות, האָט ער בונה געווען בית ישראל — מטתו שלימה.

דאָס איז אויך אַן הוראה צו יע־דער אידן: דוקא דורך דעם וואָס ער האָט נסיונות און איז זיך מתגבר אויף זיי און שטייט זיי ביי — בויט ער אויף אַ אידישע הויז, אַ ליכטיקע הויז און אַ וואַרעמע הויז.

ג. דער סדר אין דעם דאַרף זיין — ווי דערציילט ווייטער אין סדרה.

בשעת יעקב איז אַוועק אין חרן, איז די ערשטע זאַך וואָס ער האָט געטאָן, — ויפגע במקום, געשטעלט זיך דאַוונען[5]). לכאורה, אַז ער גייט קיין חרן געפינען זיין זיווג, האָט ער די ערשטע זאַך געדאַרפט אויס־לערנען זיך די שפּראַך און מנהגים פון דער מדינה, אָנטאָן זיך אין די קליידער פון דער מדינה וכו' וכו'. יעקב האָט אָבער אָפּגעלייגט די אַלע זאַכן, און אין וואָס האָט ער זיך עוסק געווען — אין עבודת התפלה.

ווי געזאָגט פריער, איז דער סיפור מיט יעקב'ן — אַזוי ווי אַלע סיפו־רים פון תורה — אַן אָנווייזונג אויף אַלע דורות.

ווען איינער גייט בויען אַ בית בישראל, קען ער דאָך טראַכטן: מילא ביז איצטער איז ער געזעסן און גע־לערנט תורה און עוסק געווען אין תפלה ומצוות, אָבער איצטער אַז ער גייט אַרויס אין וועלט, דאַרף ער דאָס אַלץ אָפּלייגן און אָפּגעבן זיך אויף אויסלערנען און נאָכצוטאָן די מנהגי המדינה, נאָכלויפן די איינ־וואוינער פון דער מדינה א. אַ. וו. — אויף דעם זאָגט מען אים: ניין. אויף וואָס דאַרף ער זיך אַוועקגעבן — אויף דעם „ויפגע במקום".

אדרבה, ערשט איצטער דאַרף ער זיך נעמען צום ויפגע במקום, נאָך מערער ווי פריער. וואָרום זיין גאַנ־צע פריערדיקע עבודה, וואָס ער האָט זיך עוסק געווען אין תורה, מצוות און תפלה, איז ניט גענוג פאַר זיין איצטיקן מצב. וואָס ער גייט אַרויס אין וועלט — אין נסיונות וועלכע זיינען ניט בערך גרעסער פון די פריערדיקע, און ער דאַרף בעטן דעם אויבערשטן, ער זאָל זיין אַן עומד בנסיון.

ד. בשעת יעקב איז געווען אויפן וועג קיין חרן, דערציילט אונז ווייטער די תורה: ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו, טייטשט רש"י: עשאן כמין מרזב סביב לראשו שירא מפני חיות רעות. יעקב האָט געוואוסט וואו־הין ער גייט, און אַז אַפילו אויפן וועג — נאָך ניט דערגייענדיק צו חרן — געפינען זיך חיות רעות. דערפאַר האָט ער גענומען שטיינער און אַרומגערינגלט די קאָפּ, כדי צו פאַרהיטן זיך פון די חיות רעות.

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק וואָס יעקב האָט אַרומגערינגלט מיט די שטיינער נאָר די קאָפּ אַליין, און ניט אויך די איבעריקע אברים? ממה נפשך, האָט ער געהאַט בטחון, און פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויי־בערשטן, האָט ער אויך די קאָפּ ניט געדאַרפט אַרומרינגלען? און אויב ער האָט ניט געוואָלט אָנקומען צו עניי־

---

5) ברכות כו, ב. ב"ר סח, ט.

נים פון למעלה מהטבע, האָט ער דאָך געדאַרפט פאַרהיטן אויך דעם גוף מיט די פיס?

ווערט מען עס פאַרשטיין לויט דעם וואָס שטייט [6]) יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. איז דער דיוק אין דעם יגיע כפיך (די האָרעוואַניע פון דיינע הענט) דוקא. התעסקות (באַ־שעפטיקונג) אין פרנסה קען זיין אויף צוויי אופנים: א) יגיע כפיך. די קאָפּ איז פריי און ליגט אין תורה ועבודה, און ער האָרעוועט אין פרנסה נאָר מיט די הענט. ב) יגיע ראשך. ער איז איבערגעגעבן צו פרנסה אויך מיטן קאָפּ.

און דאָס מיינט — יגיע כפיך כי תאכל (אָבער די קאָפּ ליגט אין תורה ועבודה) — איז אשריך וטוב לך, ניט נאָר אין רוחניות נאָר אויך אין גשמיות, ווײַלע די פילערליי התחכמות (קליגען זיך) און תחבולות העלפן גאָר ניט, ווי עס שטייט ולא לחכמים לחם, ואדרבה, זיי מאַכן נאָך קאַליע, ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער [7]).

בשעת יעקב איז געגאַנגען קיין חרן, האָט ער גוט געוואוסט וואוהין ער גייט, ער האָט געוואוסט אַז ער וועט דאַרפן אַרבעטן ביי לבן הארמי, ער האָט אויך געוואוסט אַז אפילו אויפן וועג זיינען שוין פאַראַן חיות רעות וכו׳. דערפאַר האָט ער גענומען שטיינער און אַרומגערינגלט די קאָפּ, אַז צום קאָפּ זאָל קיינער ניט צו־טרעטן. די קאָפּ זאָל זיין באַשיצט, און אין טרדות הדרך אָדער די אַרבעט ביי לבן׳ען — ד. ה. די הכנות לפרנסה און פרנסה — וועט ער האָרעווען נאָר מיט די הענט.

און דאָס איז אויך די הוראה צו יעדן איינעם, אַז ער דאַרף זען, אַז די קאָפּ זאָל זיין באַשיצט, און אַז די קאָפּ וועט זיין ווי עס דאַרף זיין, וועלן שוין במילא אויך די הענט מיט די פיס זיין ווי עס דאַרף צו זיין. עסק הפרנסה וועט זיין על פי שלחן ערוך, די הענט וועלן זיין באופן אַז נאָר שמאל איז דוחה, אָבער ימין איז מקרבת, און די רגלים וועלן זיין רצות לדבר מצוה.

ה. מיט וואָס האָט זיך יעקב אַרומגערינגלט און אָפּגעצוימט פון וועלט אַז די וועלט זאָל אויף אים ניט פועל׳ן, — מיט אבנים דוקא. ניט מיט קיין שכל, ניט מיט קיין הרגש, נאָר מיט אבנים — סוג הדומם, וואָס האָט אין זיך ניט קיין חיות, און אַפילו ניט קיין נפש הצומחת, מיט דעם האָט זיך יעקב פאַרבונדן.

די הוראה פון דעם איז:

אַז מ׳גייט אַרויס אין וועלט, און מ׳וויל אַז זי זאָל ניט פועל׳ן, דאַרף מען זיך צוערשט פאַרבינדן מיט קבלת עול מלכות שמים שלימה [8]), אבנים. שכל און הרגש זיינען ווייניק צו דעם. נאָר ער דאַרף זיך פילן ווי אַן אבן דומם, אם לא שויתי ודוממתי [9]), ונפשי כעפר לכל תהי׳ [10]).

אַ דומם קען זיך ניט רירן אַליין פון אָרט, ביז וואַנען אימיצער וועט

6) תהלים קכח, ב.
7) זע בהקדמה לדרך חיים: והחכמה תפסיד. סהמ״צ להצ״צ מצות תגלחת מצורע. ובכ״מ.
8) ברכות יד, סע״ב. שו״ע אדה״ז ס״ב. ס״ח.
9) תהלים קלא, ב. זע דאָרט בפי׳ ראב״ע.
10) ברכות יז, א.

אים נעמען און איבערטראָגן פון איין אָרט צום צווייטן, אַזוי דאַרף ער זיך פילן ווי אַ דומם — אַן עבד פשוט — וואָס דער אויבערשטער טראָגט אים פון איין אָרט צום צווייטן און ער דאַרף זיך לאָזן טראָגן, כדי אויסצופירן די כוונה און די שליחות וואָס דער אויבערשטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

ו. דער שכר פון דעם איז, ווי ביים ענדע פון פרשה — והאבן הזאת אשר שמתי מצבה יהי׳ בית אלקים. ניט זילבער און ניט גאָלד, נאָר פשוט׳ע שטיינער, נאָך מערער, ניט קיין שטיינער פון שטאָט, פון אַ באַ־זעצטער הויז, נאָר שטיינער וואָס יעקב האָט זיי געפונען אין מיטן וועג, זיינען געוואָרן אַ בית אלקים. דורך וואָס? — דורך דעם וואָס ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט שטיינער, און דורך דעם וואָס ער האָט זיך פאַר־בונדן צום אויבערשטן מיט אַ נדר — וואָס דער ענין פון נדר איז: אַז כאָטש מצד זיין ווילן, פאַרשטאַנד און געפיל, וואָלט ער דאָס ניט געט־טאָן, אָבער דער נדר צווינגט אים — איז דורך דעם איז ער צוגעקומען צום תכלית העלי׳, אַז אויך די געט־ווינלעכסטע זאַכן וואָס ביי אים, זיינען געוואָרן אַ בית אלקים.

און דאָס איז אויך אַן הוראה און אַ מוסר השכל פאַר אַלעמען, ובפרט צו די וואָס גייען בויען אַ בית ביש־ראל, חתן וכלה, אַז ניט נאָר דער סידור און דער חומש וואָס געפינט זיך אין שטוב איז הייליק, נאָר אויך — להבדיל — דער גאָפּל און די לעפל פון שטוב דאַרפן זיין הייליק. דורך וואָס? דורך דעם וואָס די הת־חלה איז — ויפגע במקום, ביז אַז ניט נאָר וואַכעדיקערהייט און אין דאַווענען, נאָר אויך אַפילו אין שלאָף איז: וזה — דאָרט וואו ער איז — שער השמים, דעמאָלט ווערט דער בית און אַלץ וואָס געפינט זיך אין אים — בית אלקים.

(משיחת ש״פ ויצא, תשי״א)

ז. אין היינטיקער סדרה ווערט דערציילט, ווי אַזוי אַן איין און איינ־ציקער איד איז געגאַנגען אין אַ פרעמד לאַנד. קומענדיק אַהין האָט ער גאָרניט געהאַט מיט זיך. ער האָט געמיינט אַז ער וועט האָבן אַ פאַר־מעגן, צום סוף האָט ער אָבער געזען, אַז ער האָט גאָרניט, כי במקלי עברתי את הירדן. ניט קוקנדיק אויף דעם, איז ער געגאַנגען מיט אַ לייכטער האַרץ און מיט מוט *[10]), וואָרום ער האָט געהאַט בטחון אין דעם אויי־בערשטן.

קומענדיק אין חרן, האָט ער געזען, אַז ער האָט דאָרט ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך, אויך ניט אויף קרובים. אַפילו זיין פעטער, לבן, האָט אים אויסגענאַרט. ער האָט אָבער ניט פאַרלאָרן ח״ו זיין בטחון אין דעם אויבערשטן.

און דערפאַר, איז טראָץ דעם וואָס עס האָט גענומען פיל יאָרן, מיט גרויס האָרעוואַניע — ביום אכלני חרב וקרח בלילה, בייטאָג האָט געט־ברענט די היץ און ביינאַכט דער פראָסט — פונדעסטוועגן, אָרבעטנ־דיק מיט בטחון, איז דער סוף געווען, אַז ער האָט מיט זיך מיטגענומען אַ סך אייגנס, אַ גרויס רייכטום

---

*10) בראשית רבה ריש פרשת ויצא.

און דער עיקר — עס איז געווען „מטתו שלימה״; אַלע זיינע קינדער זיינען געווען ווי עס דאַרף צו זיין — גאַנץ, בשלימות.

אברהם האָט געהאַט אַ גוטן זון, יצחק; ער האָט אָבער געהאַט נאָך אַ זון, ישמעאל. יצחק האָט געהאַט אַ גוטן זון, יעקב; ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ זון, עשו. הגם זיי ביידע — אברהם און יצחק — האָבן געהאָדעוועט זייערע קינדער אין ארץ ישראל און ניט אין גלות, פונדעסט־וועגן האָט געקענט פּאַסירן, אַז עס זיינען געווען קינדער ווי ישמעאל און עשו — דאַקעגן יעקב, וואָס ער מיט זיינע קינדער זיינען געווען אין גלות, ניט געהאַט אויף וועמען צו פאַרלאָזן זיך, ווי ער האָט גע׳טענה׳ט: מאין יבוא עזרי [11] יאמר נא ישראל, ישראל סבא [12], דער אַלטער ישראל — יעקב.

ער האָט שווער געאַרבעט און, איינ־ציטיק דערמיט, געדאַרפט באַוואָרע־נען, אַז די קינדער, זין און טעכ־טער — צוועלף קינדער צווישן אַ גאַנצן פרעמדן פאָלק — זאָלן ניט איבערנעמען די הנהגות (לעבנס־פי־רונגען) פון חרן. זיי זאָלן, אדרבה, אָנזאַפּן זיך מיט דער תורה, וואָס ער, דער הונדערט־יאָריקער און נאָך עלטערער טאַטע האָט איבערגענומען פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן שם ועבר [13], און געבראַכט אין דעם נייעם לאַנד פון יענער זייט ירדן — יעקב האָט עס אַלץ דורכגעזעצט. און דורכדעם דוקא אויסגעפירט: ויפרוץ האיש מאד מאד [14]. ער איז געוואָרן אַ גרויסער גביר פשוט אין גשמיות, און דאָס איז געווען אמת מוצלח־דיקע און גליקלעכע עשירות, וואָרום ער האָט געהאַט די נאָך גרעסערע עשירות — היתה מטתו שלימה, ער האָט אַרויסגענומען פון גלות אַלע זיינע זין און טעכטער שלימים.

ח. דער נמשל און די אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלעם פאַר אונז אין דער איצטיקער צייט — איז קלאָר.

און בנוגע צום אַלגעמיינעם מצב פון אידן, און צום ענין החינוך בפרט:

מיר זעען אַז אַלע הבטחות כו׳ זיינען גאָרנישט. עזרי מעם ה׳. אנו אין לנו להשען אלא על אבינו שב־שמים [15], מיר קענען זיך פאַרלאָזן מער ניט ווי אויף דעם אויבערשטן אַליין, וואָס אונזער פאַרבונד מיט אים איז נאָר דורך תורה ומצוות.

אַז מען וועט דערציען קינדער אין דער תורה־וועג פון ישראל סבא: עם לבדד ישכון [16] — אַ חדר פאַר זיך, אַ ישיבה פאַר זיך, — ברוח תורת ה׳, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אונזערע עלטערן און אור־עלטערן, תורה ביראת שמים, אָן פשרות, דאַן וועט זיין מטתו שלימה, אַז בנערינו ובזקנינו נלך, בבנינו ובבנותינו [17]. אַז משיח וועט קומען, וועלן מיר מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ קענען זאָגן: אָט זיינען אונזערע סאָלדאַטן, — אונזער אַרמיי „מייד אין אַמערי־

11) תהלים קכא, א.
12) בראשית רבה פרשה סח, יא.
13) ב״ר סג, י. סח, ה.

14) זע לקו״ת ר״פ שלח. תו״ח ד״ה וישלח יעקב ס״ד.
15) סוטה מט, א.
16) במדבר כג, ט.
17) שמות י, ט.

קא״, — געבאָרן און געהאָדעוועט אין אַמעריקע, אָבער — גאַנצע אידן, שלימים — גרייט צו גאולה.

ויהי רצון, אַז מיר אַלע זאָלן גיין אַנטקעגן משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.

(משיחת ז׳ כסלו, תשי״ב)

ט. די ערשטע נישואין (חתונה) וואָס ווערט באַשריבן אין תורה איז די נישואין פון יצחק׳ן [18]). אָבער וועגן יצחק׳ס חתונה ווערט באַשריבן מער ניט ווי די הכנות צו דער חתונה. די ערשטע נישואין וואָס די תורה באַשרייבט בפרטיות דעם סדר פון דער חתונה אַליין, איז די נישואין פון יעקב׳ן — בחיר האבות. און מען לערנט אָפּ פון דעם כמה דינים ווי עס דאַרף זיין דער סדר פון אַ אידישער חתונה.

פון דעם פסוק מלא שבוע זאת גו׳ (וואָס שטייט ביי יעקב׳ס חתונה), לערנט מען אָפּ [19]) צוויי דינים: א) דעם דין פון שבעת ימי המשתה. ב) אין מערבין שמחה בשמחה, ד. ה. אַז די שמחת החתונה דאַרף מען ניט מאַכן אין דער צייט פון אַן אַנדער שמחה.

פרעגט מען אויף דעם [20]): אין פלוג איז דאָך דאָס קעגן דעם כלל אַז אין למדין מקודם מתן תורה (מען לערנט ניט אָפּ פון די ענינים וועלכע האָבן פּאַסירט פאַר מתן תורה) [21])?

נאָך מער: אין די צוויי לימודים גופא איז דער דין פון שבעת ימי המשתה נאָר־אַ דרבנן — אויף דעם ערשטן טאָג איז דאָ אַ סברא [22]) אַז ס׳איז דאורייתא אָבער די איבעריקע טעג זיינען זיכער דרבנן — ווייל ס׳איז ניט קיין דרשה גמורה, און דער טעם אויף דעם קען מען זאָגן ווייל אין למדין מקודם מתן תורה, היינט ווי אַזוי לערנט מען אָפּ פון דעם זעלבן פסוק די הלכה פון אין מער־בין שמחה בשמחה, וואָס — לדעת התוספות [23]) — איז עס אַ דרשה גמורה און דאורייתא?

י. דער תירוץ אויף דעם איז, אַז דער כלל אין למדין מקודם מתן תורה איז אין ענינים פון הלכות דוקא, ווייל ניתנה תורה ונתחדשה הלכה [24]). אָבער ענינים פון גילוי תכונות נפש האדם (ענינים וועלכע ווייזן אָן אויף די כאַראַקטער־שטריכן פון מענטשן), קען מען אָפּלערנען אויך פון פאַר מתן תורה, ווייל אין דעם איז ניטאָ קיין חילוק פון פאַר מ״ת ביז נאָך מ״ת.

במילא איז פאַרשטאַנדיק דער חי־לוק פון די צוויי דערמאָנטע דינים: וועגן שבעת ימי המשתה — דאַרף מען אָפּלערנען אַ הלכה, מה שאין כן בענין אין מערבין שמחה בשמחה, איז פון פאַר מתן תורה לערנט מען אָפּ נאָר דאָס וואָס ס׳איז נוגע צו תכונות הנפש, און דעם דין פון אין מערבין שמחה בשמחה, ווייס מען שוין במילא, ווי עס וועט שפּעטער דער־קלערט ווערן.

18) זע אויבן עמוד 34.

19) פרדר״א פט״ז. ירושלמי מו״ק פ״א ה״ז.

20) מראה הפנים בירוש׳ שם.

21) ירושלמי מו״ק פ״ג ה״ה, מובא בתוספות מו״ק כ, א, ד״ה מה חג שבעה. ב״ר ק, ז.

22) זע מג״א או״ח סימן תקמו, סק״ד.

23) תוד״ה לפי, מו״ק ח, ב. זע אויך תוד״ה דמסר, כתובות מז, א.

24) ב״ב קי, ב.

יא. אין תכונות הנפש קענען זיין צוויי סברות: א) בשעת אַ מענטש איז אין אַ געוויסער תנועה־שטימונג, אַזוי ווי די תנועה פון שמחה, איז הגם די שמחה איז פון אַ באַשטימטן ענין, פונדעסטוועגן העלפט דאָס אויך צו דער שמחה פון אַן אַנדער ענין, ווייל ס'איז דאָך די זעלבע תנועה. ב) בשעת אַ מענטש שטייט אין אַ תנועה פון שמחה מצד וועלכע ס'איז סיבה, איז ניט נאָר וואָס די שמחה העלפט ניט צו אַן אַנדער שמחה, נאָר אדרבה, עס שטערט נאָך. הגם אַז ביידע מסובבים (רעזולטאַטן) זיינען פון דער זעלבער תנועה, ווי־באַלד אָבער די סיבות זיינען פאַר־שידענע, און במילא — מבלבל איינע די צווייטע, מוז דאָס אַזוי אַרויס־קומען אויך אין די מסובבים — אין דער שמחה.

און דאָס לערנט מען אָפּ פון דעם פסוק מלא שבוע זאת, אַזוי ווי די צווייטע סברא. און ממילא ווייס מען דעם דין פון אין מערבין שמחה בשמחה.

שמחת חתן וכלה דאַרף זיין, אַזוי ווי יעדער שמחה של מצוה, אַזאַ שמחה און אין אַזאַ אופן אַז מען זאָל דאַרטן זיין אינגאַנצן. ווייל מצוה איז קיום רצונו יתברך, און דער מענטש דאַרף עס טאָן מיט זיין איי־גענעם רצון, עשה[25]) רצונו כרצונך, וואָס דעמאָלט איז דער מענטש דאָרטן, ווי דער מאמר הבעל־שם־טוב: במקום שרצונו של אדם שם הוא עצמו (דאָרט וואו עס איז דעם מענטשנס רצון, דאָרט איז ער מיט זיין גאַנצן עצם), במילא דאַרף זיין די שמחה פון דעם גאַנצן נפש. וויבאַלד מען ווייס אַז שמחת חתן וכלה דאַרף זיין אַ שמחה וואָס אין דעם זאָל שטיין דער גאַנצער נפש, לערנט מען אָפּ פון פאַר מתן תורה, אַז אין תכונות הנפש איז איין שמחה מבלבל די צווייטע, ווייס מען בדרך ממילא, אַז אין מערבין שמחה בשמחה פון אַ צווייטער מצוה, ווייל עס איז מבלבל צו דער שמחה פון דער מצוה.

יב. די דערקלערונג פון דעם אין רוחניות:

די אָבות פאַר מתן תורה האָבן דערלאַנגט מיט דעם כוח פון זייער עבודה ביז שורש הנבראים, וואָס דאָס איז די העכסטע שלימות צו וועלכער נבראים קענען צוקומען מצד עצמם. אָבער זייער גאַנצע עבודה איז געווען ברוחניות, מצד דער גזירה פון בני רומי לא ירדו לסוריא ובני סוריא לא יעלו לרומי, ווי עס שטייט אין מדרש רבה[26]). אָבער בשעת מתן תורה איז נתבטל געוואָרן די גזירה, און ווי דער אויבערשטער זאָגט ואני המתחיל — וירד הוי' על הר סיני ואל משה אמר עלה אל ה', איז איצ־טער — נאָך מתן תורה — קען מען אויך דורך אַ דבר גשמי דערלאַנגען און פאַראייניקן זיך מיט עצמות ומהות אין סוף ברוך הוא, כביכול. וואָרום דאָס איז בכחו יתברך — ואני המתחיל.

און דאָס מיינט, אין למדים מקודם מ"ת, ווייל ניתנה תורה ונתחדשה הל־כה — פאַר מ"ת זיינען געווען פאַר־שידענע עצות און דרכים ווי אַזוי צו דערלאַנגען למעלה און ביז וואַ־

25) אבות פ"ב, משנה ד.

26) שמות רבה פי"ב, ג.

נען צו דערלאַנגגען. אָבער נאָך מתן תורה — ניתנה תורה ונתחדשה הלכה, עס זיינען געוואָרן נייע אופנים ודר־כים, ווי אַזוי צו איבערשטעלן זיך בשעתא חדא (אין איין ווייל), און אויך דורך אַ דבר גשמי — מעומק תחת אין עומק רום (פון זייער טיף צו זייער הויך).

פונדעסטוועגן איז דאָס וואָס ס'איז נוגע צו תכונות הנפש לערנט מען יאָ אָפּ פון פאַר מתן תורה, ווייל דורך קיום פון תורה ומצוות דאַרף מען מברר זיין און מתקן זיין די ענינים וואָס זיינען געווען פאַר מתן תורה, תיקון פון ענין שבירת הכלים, חטא עץ הדעת און די איבעריקע חטאים, וואָרום נאָכן חטא העגל איז דאָך חזרה זוהמתן פון נחש הקד־מוני [27]). במילא זיינען נוגע תכונות הנפש פון פאַר מתן תורה. וויבאַלד אַז מען דאַרף זיי מברר זיין, דאַרף מען וויסן מיט וועמען מען האָט צו טאָן. דאָס איז אָבער אַלץ וואָס איז בנוגע צו דעם מתברר, אָבער בנוגע צו דעם מברר און די אופנים פון די בירורים, איז אין למדים מקודם מתן תורה, ווייל ניתנה תורה ונת־חדשה הלכה.

יג. חודש כסלו איז דער חודש הגאולה און חודש פון ניסים, ובחודש הזה האָבן רבותינו נשיאינו אונז מגלה געווען פנימיות התורה ביותר ובהר־חבה ביותר וואָס דאָס גיט אַ חיות והתלהבות אויך אין גליא דתורה און אין קיום המצות. עס איז ניט גלייך דער לימוד פון גליא דתורה און דער חיות אין קיום המצות (וכתוצאה מזה — ההידור) איידער ער וויס פנימיות התורה צו נאָכדעם ווי ער וויס פני־מיות התורה. די ידיעה פון פנימיות התורה גיט אים אַ חיות און אַ שמחה אויך אין נגלה, און אין מעשה המצ־וות.

איז דאָס — על דרך הנ"ל ובסגנון הנ"ל — אַן ענין: פון נתגלה פנימיות התורה ונתחדשה הלכה — אופני הליכה בעבודת ה', דאָס וואָס איידער עס איז נתגלה געוואָרן פני־מיות התורה האָט מען ניט געקענט דערגרייכן, אָדער — נאָר יחידי סגו־לה, אָדער מען האָט געדאַרפט אָנ־קומען צו אַ יגיעה עצומה בנתיבות ושבילים, איז איצטער נתגלה תורה ונתחדשה הליכה בדרך המלך [28]), אַז אַלע אידן קענען צוקומען צו דעם אַלעם דורך לימוד פנימיות התורה והליכה בהדרכותי', און אין דעם אויך דעם ענין השמחה.

וואָס דאָס איז געווען איינע פון די פאָדערונגען פון דעם בעל שם טוב: עבדו את הוי' בשמחה [29]); און נאָך פריער, — ווי באַוואוסט אַז דער אריז"ל האָט זוכה געווען צו רוח הקדש, דורך שמחה של מצוה [30]).

און לויט דער דערקלערונג, אַז דער טעם וואָס תכונות הנפש לערנט מען אָפּ פון פאַר מתן תורה, ווייל מען דאַרף אויפטאָן אין ענינים פון פאַר מתן תורה — איז דאָך באַוואוסט אַז כמעט אַלע נשמות פון אונזערע דורות זיינען ניט קיין נייע נשמות, נאָר וואָס זיינען אַראָפּגעקומען אין גלגול אויף ממלא זיין ענינים פון

27) זח"א נב, ב. אבל לא כל הזוהמא ח"ו כבראשונה (ניצוצי אורות לזח"ג יד, ב).

28) זע ב"ב ק, ב.

29) תהלים ק, ב.

30) תורה אור תולדות כ, ב.

פריער, און ביחוד בלימוד התורה, איז דאָך אַזוי אָפּגעַפּסק'נט אין שלחן ערוך הלכות תלמוד תורה לרבינו הזקן [31]) אַז מען קומט בגלגולים רבים ביז מ'איז משלים כל המצות ותורה הן אין פשט רמז דרוש, הן אין סוד — (כפי יכולת השגתו ושרש נפשו למעלה) [32]) — און נאָר דורך דעם קען די נשמה צוקומען להתתקן ולהשתלם בצרור החיים את ה' במקו־רה אשר חוצבה משם.

(משיחת ב' כסלו, תשי"ד)

# פרשת וישלח

## יו"ט כסלו

א. אויפן פסוק עם לבן גרתי, זאָגט רש"י, ותרי"ג מצות שמרתי. איז ניט פאַרשטאַנדיק אין דעם: א) די שייכות פון דעם דרש אויפן פסוק — ותרי"ג (אותיות גרתי) [1]) מצות שמרתי — צום פשוט'ן פשט פון פסוק, גרתי מלשון גירות? ב) וואָס איז געווען נוגע מודיע זיין עשו'ן אַז ותרי"ג מצות שמרתי? ג) וואָס איז די תורה — הוראה — פון דעם פאַר אונז?

ב. דער פירוש פון עם לבן גרתי איז, אַז אַלע ענינים פון לבן הארמי — אַלע גשמיות'דיקע זאַכן, שור וחמור צאן ועבד ושפחה, זיינען ביי אים געווען מער ניט ווי — גרתי — גירות. אַ פרעמדע זאַך. ס'איז ניט זיין ענין.

זיין היים איז די נשמה און די ענינים פון תורה ומצות, און די אַלע גשמיות'דיקע זאַכן זיינען מער ניט ווי גירות.

און דאָס איז אויך וואָס ער זאָגט ווייטער אין דער סדרה, ויבן לו בית ולמקנהו עשה סכות [2]): „לו", צו אים, ד. ה. צו זיין עצם — נשמה מיט אירע ענינים — האָט ער געבויט אַ „בית", דירת קבע. „ולמקנהו", צו די גשמיות'דיקע זאַכן וואָס זיי זיינען „צוגעקויפטע" (וואָרום די נשמה מצד עצמה — ובפרט הנשמה למעלה דאַרף עס ניט האָבן און נאָכמער, זי האָט ניט קיין שייכות צו דעם, מער ניט וואָס קומענדיק למטה קויפט זי איין דברים גשמיים), „עשה סכות" — דירת עראי.

— כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דער־ציילט אין אַ שיחה [3]) אַ וואָרט פון דעם מעזריטשער מגיד וואָס ער האָט געזאָגט אַז אין דער היים איז אַנ־דערש, אין דער היים דאַרף מען טאַקע אַלץ האָבן, אָבער אין וועג מאַכט ניט אויס אַז ס'איז ניט אַזאַ שיינע דירה און עס זיינען ניט אַזוינע שיינע מעבל, ער איז דאָך אין וועג. —

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די שייכות פון דעם פשט הפסוק מיטן דרש הפסוק: מצד דעם וואָס עם לבן גרתי, וואָס די גשמיות'דיקע זאַכן

---

31) פ"א ס"ד.

32) תניא רפ"ד.

1) זע מדרש לקח טוב. מדרש הגדול.

2) זע אויך מאמרי אדה"ז — הקצרים ע' עז.

3) לקוטי דיבורים ח"ב ליקוט יא, ע' ריד.

זיינען ביי אים געווען בבחינת גירות, דורך דעם האָט די גשמיות ניט מבלבל געווען (געשטערט) צו די רוחניות, און ער האָט געקענט דורכ־פירן דעם — ותרי"ג מצות שמרתי.

ג. נאָך מערער: דורך דעם וואָס די דברים הגשמיים זיינען אין אַן אופן פון גירות, איז ניט נאָר וואָס די גשמיות שטערט ניט צו רוחניות, נאָר די רוחניות ווערט נמשך אויך אין גשמיות, ביז די גשמיות ווערט רוחניות און קדושה.

ווי ער פירט אויס אין פסוק ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה — דאָס אַלץ איז געוואָרן — לי, צום עיקר ועצם פון יעקב'ן.

ד. אין מדרש [4]) אויפן פסוק ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה, זאָגט ער, חמור זה מלך המשיח שנאמר [5]) עני ורוכב על חמור וגו'.

ביאת המשיח איז אָפּהענגיק פון עבודת הבירורים [6]). ד. ה. אַז דורך דעם וואָס יעדער איד וועט מברר זיין זיין גוף און נפש הבהמית און זיין חלק אין עולם, און אויסנוצן זיי אין קדושה, דורך דעם וועט מען ממ־שיך זיין די גילויים פון לעתיד.

און דאָס איז דער המשך פון די פסוקים, עם לבן גרתי גו' ויהי לי שור וחמור — דורך דעם וואָס ביי יעקב'ן זיינען געווען די גשמיות'דיקע זאַכן בבחינת גירות און ער האָט זיי געמאַכט כלים צו אלקות — גרתי כפשוטו, וואוינען אין זיי — דורך דעם איז ער שוין געווען גרייט צו משיח'ן — ויהי לי גו' וחמור זה מלך המשיח [7]).

און צוליב דעם האָט ער געשיקט מלאכים צו עשו'ן, דערציילן אים, אַז ער האָט שוין דורכגעטאָן אַלע ביי־רורים, און איז גרייט צו משיח'ן, רעכענענדיק, אַז אויך עשו איז שוין לאחר הבירור [8]), און אויך מצד עשו'ן קען שוין קומען די גאולה.

אויף דעם האָבן אים די מלאכים געענטפערט, באנו אל אָחיך אל עשו. פון דיין זייט איז ער שוין „אחיך" — ביסט שוין גרייט צו דער גאולה, אָבער ער פון זיין זייט איז נאָך „עשו", קודם הבירור ובמילא קען נאָך ניט קומען די גאולה.

ה. תורה און אירע הוראות זיינען אייביק, פאַר יעדן אידן, אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט.

די הוראה פון דעם אַלעם איז:

יעדער איד דאַרף וויסן, אַז אַפילו אויב מצד דעם אָרום, מצד דער וועלט, איז נאָך ניט ראוי עס זאָל שוין קומען די גאולה, וואָרום די וועלט איז נאָך ניט מבורר (נאָך ניט אויסגעאיידלט), אָבער ער פון זיין זייט — דאַרף צוגרייטן זיך מיט אַלע זיינע ענינים, צאן ועבד ושפחה, צו דער גאולה שלימה.

און די הכנה צו דעם איז — עם לבן גרתי. ער דאַרף וויסן אַז גאַנץ עולם הזה איז מער ניט ווי גרתי. גר אנכי בארץ [9]).

---

4) ב"ר עה, ו.
5) זכרי' ט, ט.
6) תניא פל"ז.
7) זע אויבן הערה 4.
8) ראה תורה אור כה, ג.
9) תהלים קיט, יט.

די גאַנצע ימי שנותינו בהם שב־עים שנה ואם בגבורות שמונים שנה[10]), והיו ימיו מאה ועשרים שנה[11]), זיינען מער ניט ווי גרתי, און דעמאָלט איז די גשמיות ניט קיין סתירה צו רוחניות, און דורך דעם האָט ער שור וחמור צאן ועבד ושפחה אויך אין גשמיות.

און דורך דעם וואָס ער גרייט צו זיך מיט זיינע ענינים צו דער גאולה, פועל'ט ער עס אויך אין וועלט, וואָ־רום דער עולם איז אַ שקול[12]) (גלייך אויף גלייך), במילא איז מיט איין גוטער פעולה וועט ער מכריע זיין די גאַנצע וועלט, און ברענגען די גאולה אין דער גאַנצער וועלט.

און ווי דער רמב"ם פסק'נט[13]): ישראל שעושים תשובה מיד נגאלים (ווען אידן טוען תשובה ווערן זיי גלייך אויסגעלייזט). און דער אַלטער רבי[14]) איז מוסיף: תיכף ומיד. במילא איז ניט קוקנדיק אויפן מצב פון וועלט, קען ער דורך תשובה פועל'ן די גאולה הפרטית ביי זיך, און אויך די גאולה הכללית אין דער גאַנצער וועלט.

ו. אַלע ענינים זיינען דאָך בהש־גחה פרטית. די גאולה פון אַלטן רבי'ן מיט חסידות — י"ט כסלו תקנ"ט — איז געווען אין דער וואָך וואָס נאָך שבת פ' וישלח, און וועלכער עס זיינען די אויבנדערמאָנטע הוראות.

חסידות גיט יעדן אידן דעם כוח אויף ניט רעכענען זיך מיט דעם מצב פון וועלט, דורכטאָן ביי זיך די עבודה פון עם לבן גרתי, ובמילא צוקומען צום ויהי לי גו' וחמור זה מלך המשיח.

חסידות איז אַ הכנה און אַ כלי צום גילוי המשיח, אַז דורך יפוצו מעינותיך חוצה איז קא אָתי מר, במהרה בימינו.

(מלוקט משיחות ש"פ וישלח, תשט"ז־ח"י)

ז. אין דעם דערמאָנטן מדרש שטייט: וחמור זה מלך המשיח. איז ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס האָט יעקב מרמז געווען די גאולה העתידה אין דעם ענין פון חמור דוקא? עס שטייט דאָך אין גמרא[15]) כתיב וארו עם ענני שמיא גו'[16]) (אַז משיח וועט קומען דורך אַ וואָלקן) וכתיב עני ורוכב על חמור (אַז משיח וועט קומען אויף אַ חמור)? זכו עם ענני שמיא לא זכו עני רוכב על חמור (אַז אידן זיינען זוכה וועט משיח קומען דורך אַ וואָלקן, אויב ניט — אויף אַן אייזל). איז לויט דעם נאָך מער שווער, אַז דאָס וואָס יעקב איז געווען גרייט צו דער גאולה העתידה איז דאָך דאָס געווען מצד דער שלימות פון זיין עבודה — "זכו", — איז פאַרוואָס האָט ער מרמז געווען משיח'ן ניט אין ענין פון ענן נאָר אין דעם ענין פון רוכב על חמור דוקא?

ח. אין פרקי דרבי אליעזר[17]) שטייט אַז דער חמור וואָס עס שטייט

---

10) תהלים צ, י.

11) בראשית ו, ג.

12) זע קדושין מ, ב.

13) הל' תשובה פ"ז, ה"ה.

14) אגה"ת פי"א; תוספת תיכף על מיד — עיין תענית (יט, ב) איזהו מיד שלהן כו'. רש"י ד"ה מיד שבת פט, א. משא"כ תיכף עפמש"כ זבחים לג, א. תוד"ה כל (סוטה לט, א). שו"ע או"ח סקס"ו.

15) סנהדרין צח, א.

16) דניאל ז, יג.

17) פל"א.

ביי משיח'ן „עני ורוכב על חמור", איז דאָס דער זעלבער חמור וואָס עס שטייט ביי משה רבינו, וירכיבם על החמור [18]), און דער זעלבער חמור וואָס עס שטייט ביי אברהם אָבינו, ויחבוש את חמורו [19]).

דאָס הייסט אַז אברהם, משה מיט משיח'ן זיינען אַ המשך פון דעם זעלבן ענין, אברהם האָט אָנגעהויבן שני אלפים תורה [20]), משה רבינו האָט מקבל געווען די תורה מסיני און איבערגעגעבן צו כל ישראל [21]) (הגם דער פסוק וירכיבם על החמור איז געזאָגט געוואָרן פאַר מתן תורה, אָבער דאָס שטייט דאָך ביי דעם ענין פון יציאת מצרים וואָס ס'איז אַ הכנה צו מתן תורה, ווי עס שטייט בהו־ציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה [22])), און דער תכלית פון מתן תורה וועט נתגלה ווערן דורך מלך המשיח.

ט. פונדעסטוועגן איז דאָ אַ חילוק צווישן דעם שימוש (באַנוצן זיך) פון אברהם'ן מיטן חמור און דעם שימוש פון משה'ן, ביז דעם שימוש פון משיח'ן.

ביי אברהם'ן שטייט אַז דעם חמור האָט ער געניצט אויף די עצים ומאכלת (די האָלץ און מעסער), ער אַליין מיט זיינע נערים זיינען גע־גאַנגען צו פוס, נאָר די עצים ומאַ־כלת — ענינים וואָס העלפן צו צום מענטשן — האָט ער אָוועקגעלייגט אויפן חמור.

ביי משה רבינו שטייט, ויקח את אשתו ואת בניו וירכיבם על החמור — אשתו ובניו זיינען אַ סך נענ־טער צום מענטשן ווי עצים ומאַ־כלת, וואָרום אשתו איז דאָך עזר כנגדו [23]), כגופו דמיא [24]), און ברא כרעא דאבוה [25]), וואָס ירך איז דער נידעריקער טייל פון דעם מענטשן אַליין.

ביי משיח'ן שטייט עני ורוכב על חמור, משיח אַליין וועט זיין רוכב על חמור.

י. דער ענין פון שימוש ורכיבה (רייטן) אויפן אייזל איז וואָס דורך דעם קען קומען דער מענטש מיט זיינע ענינים אין אַן אָרט, וואָס מצד זיין הויכקייט אָדער ווייטקייט, קען מען אָן דעם חמור ניט צוקומען אַהין.

אַזוי איז אויך בענין רכיבה על החמור אין רוחניות.

— וואָס חמור ווייזט אויף „חומר", ווי עס איז באַוואוסט דער טייטש פון בעל שם טוב [26]) אויפן פסוק כי תראה חמור גו' [27]) —

ד. ה. אַז דורך אויסאיידלען און אויסלייטערן די חומריות און גש־מיות קען מען צוקומען און אויפ־הויבן זיך צו אַזאַ מדריגה וואָס די נשמה מצד עצמה קען אַהין ניט

18) שמות ד, כ.

19) בראשית כב, ג.

20) ע"ז ט, א. וראה לקו"ת להאריז"ל ר"פ לך. ד"ה וה' ברך את אברהם – להצ"צ – נדפס בחידושיו על מס' ב"ב (אוה"ת ח"ש קכו, א ואילך).

21) אבות רפ"א.

22) שמות ג, יב.

23) בראשית ב, יח.

24) ברכות כד, א.

25) זע ערובין ע, ב.

26) געבראַכט אין היום יום — כ"ח שבט און אויבן עמוד 32.

27) שמות כג, ה.

צוקומען, אַזוי ווי עס שטייט ורב תבואות בכח שור [28].

יא. אין די צייטן פון אברהם אבי־נו, — דער אָנפאַנג פון די שני אלפים תורה, ד. ה. אין אָנפאַנג פון דער עבודה, — האָט דער גשם און חומר נאָך ניט געקענט מעלה זיין דעם אדם אַליין, וואָרום דער גשם אַליין איז נאָך ניט געוואָרן קדושה, ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער אַז עס איז נאָך געווען די גזירה פון בני רומי לא ירדו כו' [29], עס האָט געקענט פועל זיין מער ניט ווי אין די זאַכן וועלכע העלפן צו — עצים ומאכלת — אַז דורך דער עבודה פון מברר זיין דעם גשם, זאָלן זיי אין יענער צייט צוהעלפן צו קדושה.

ביי משה רבינו איז דורכן חמור געוואָרן אַן עלי' אין די עניגים התחתונים פון דעם מענטשן אַליין, וואָרום נאָך גלות מצרים און מתן תורה איז געוואָרן אַ זיכוך אויך אין חומר פון וועלט, ביז אַז דער גשם אַליין ווערט קדושה דורך דער מצוה.

— און ווי עס איז באַוואוסט דער אונטערשייד צווישן פאַר מתן תורה און נאָך מתן תורה. פאַר מתן תורה איז דער גשם ניט געווען קיין כלי וועלכע פאַראייניצקט זיך מיט רוח־ניות, און די עבודה איז באַשטאַנען נאָר אין דעם אַז די וועלט זאָל ניט מנגד זיין, און אַפילו מסייע זיין צו די המשכות שעל ידי העבודה, אָבער אַז דער גשם אַליין, בפנימיותו זאָל ווערן קדושה, דאָס איז געוואָרן על ידי מתן תורה.

אַזוי ווי ביי די מקלות ורהטים פון יעקב, הגם אַז דורך דער עבודה פון מקלות און רהטים איז נמשך געוואָרן אַן אור אַזוי ווי דורך דער מצוה פון תפילין [30], אָבער ס'איז ניט געווען אין אַ פנימיות ובקליטה, והר־ראי', אַז נאָך דער עבודה איז ניט געבליבן קיין אור אין די מקלות, ווייל אויך פריער איז דאָס ניט גע־ווען בדרך קליטה והתאחדות.

אָבער נאָך מתן תורה, אַז מען טוט אַ מצוה מיטן גשם, ווערט דער גשם אַליין קדושה, ד. ה. גשמיות העולם ווערט אַ כלי צו אלקות. אָבער פונדעסטוועגן איז אויך דאַן די עלי' געווען מער ניט ווי אין די חלקים התחתונים של האדם — אשתו (כגופו) ובניו (ברא כרעא דאבוה), ביז אין די כחות הגלוים פון דער נשמה שירדו למטה ונתלבשו בגוף (וועלכע טוען זיך אָן אין אַ גוף). —

אָבער אין ביאת המשיח וועט זיך אויפטאָן אַ טיפערער ענין: עני ורוכב על חמור, עס וועט זיך אַנטפּלעקן די מעלה פון גוף איבער דער נשמה — אשת חיל עטרת בעלה [31], אַפילו אין חי' יחידה שבנפש וועט זיך אויך אויפטאָן אַן עלי' דורכן בירור פון דעם חומר.

אין ביאת המשיח וועט נתגלה ווערן דער אמת'ער שרש פון יש הנברא, וואָס די אמיתית פון יש הנברא איז דער יש האמיתי, דערפאַר איז דורך בירור החומר, בירור יש הנברא — וועט זיך אויפטאָן אַן עלי' אויך אין דעם עצם הנשמה.

---

28) משלי יד, ד. זע לקו"ת האזינו עה, ב.

29) זע אויבן עמוד 41.

30) זע זח"א קסא, ב, ואילך. סד"ה ויצג את המקלות — להצ"צ — באור התורה ויצא (רכג, ב).

31) משלי יב' ד.

יב. דאָס איז אויך דער רמז אין דעם מאמר רז"ל: זכו עם ענני שמיא לא זכו עני ורוכב על חמור — "זכו", דורך דער עבודה אין דברים זכים ורוחניים (קלאָרע און רוחניות'דיקע זאַכן), וועט זיין עם ענני שמיא, אַ גילוי בדרך אור ישר מלמעלה למטה; "לא זכו", אויב די עבודה איז אין ענינים וועלכע זיינען נאָך ניט אויסגעלייטערט, ד. ה. ענינים גשמיים וחומרים, און מען וועט זיי מברר ומזכך זיין, דעמאָלט וועט זיין דער גילוי פון עני ורוכב על חמור, דער גילוי בדרך אור חוזר מלמטה למעלה, אַז דורכן חמור וועט מען צוקומען אין אַן אָרט וואָס די נשמה מצד עצמה קען אַהין ניט צוקומען.

און דאָס איז וואָס יעקב האָט געזאָגט ויהי לי שור וחמור, מצד זיין עבודה, דוקא מיט לבן'ען — צו מברר צו זיין די דברים הגשמיים והחומריים — איז ער געווען גרייט צום העכסטן גילוי פון עני ורוכב על חמור.

יג. כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט דערציילט: בשעת דער אַלטער רבי איז געזעסן אין תפיסה האָט אים אויסגעפאָרשט דער טאָוואַרישטש־מיניסטער, ד. ה. דער פאַרטרעטער פון מיניסטער, וועלכער איז געווען בקי אין תנ"ך און אַ געלערנטער אין אידישע ענינינים.

איינע פון די שאלות וואָס ער האָט געשטעלט דעם אַלטן רבי'ן איז געווען וועגן דעם פשט פון פסוק: "ויקרא ה' אלקים אל האדם ויאמר לו איכה" [32]), צי דען האָט דער אויבערשטער ניט געוואוסט וואו אדם הראשון געפינט זיך וואָס ער האָט אים געפרעגט איכה? האָט אים דער אַלטער רבי געענטפערט, לויט פירוש רש"י. זאָגט אים דער מיניסטער: וואָס רש"י זאָגט ווייס איך אַליין, איך וויל אָבער הערן אַ פשט פון דעם רבי'ן. האָט אים דער אַלטער רבי געענטפערט: בשעת אַ מענטש איז אַלט אַזוי פיל יאָר למשל, — זאָגנדיק דערביי די גענויע צאָל יאָרן פון דעם מיניסטער — פרעגט אים דער אויבערשטער: "איכה", וואו ביסטו? צי ווייסטו אויף וואָס דו ביזט באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, וואָס דו דאַרפסט טאָן און וואָס דו האָסט געטאָן?

און כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט אויסגעפירט: דעם אַלטן רבי'נס ענטפער צום מיניסטער האָט אים — דעם אַלטן רבי'ן — אָפּגעראַטעוועט פון כלות הנפש (נשמה־אויסגאַנג). וואָרום דער אַלטער רבי איז געווען בשמחה גדולה וואָס ער האָט זוכה געווען זיצן אין תפיסה און זיך מוסר נפש זיין פאַר תורת הבעש"ט והרב המגיד, ער האָט דערפון געהאַט אַ גרויסן תענוג ביז כלות הנפש. נאָר בשעת ער האָט זיך באַטראַכט אַז דער אויבערשטער פרעגט ביי יעדער מענטשן: "איכה"? צי האָט ער אויפגעטאָן וואָס ער דאַרף אויפטאָן, האָט דאָס אויף אים פועל געווען ער זאָל בלייבן למטה — אַ נשמה אין גוף, און דורכפירן די ענינים צוליב וועלכע זיך נשמה איז אַראָפּגעקומען למטה.

יד. אַן ענין וואָס האָט פּאַסירט ביי נשיאינו רבותינו הקדושים, וואָס אַ נשיא ורועה ישראל האָט אונז דערציילט און איבערגעגעבן — איז אַן הוראה לצאן מרעיתו פאַר עדת החַ־

---

32) בראשית ג, ט.

סידים, און דורך זיי — פאַר אַלע אידן.

יעדער איד דאַרף וויסן אַז די שאלה אַיכה — פרעגט מען ביי יעדן איינעם שטענדיק, פון דעם גדול שבגדולים ביז דעם קטן שבקטנים (דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן). נאָר די שאלה קומט צו יעדער איינעם לויט זיין מהות.

ביי איינעם מאָנט מען מיט דער שאלה „אַיכה" — אָפּהאַלטן זיך פון כלות הנפש, (לויט ווי עס שטייט ביי בני אהרן בקרבתם לפני ה' וי־מותו [33]) נאָר ער זאָל טאָן זיין שלי־חות ועבודה דאָ למטה אויף אויס־פירן די כוונה פון דירה בתחתונים.

און ביי איינעם מאָנט מען מיט דער שאלה „אַיכה", ער זאָל זיך ניט אַריינלאָזן אין תאוות והדומה וואָס דורך דעם וועט ער אַראָפּפאַלן אין גאַנצן, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן אין לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

און אָט־דער מאָנען — איז אַ נתינת כוח, אַז יעדער איינער זאָל דורכפירן זיין עבודה און אויספירן די כוונה צוליב וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן, בשמחה ובטוב לבב.

טו. וועגן דער שייכות פון דער שאלה „אַיכה" צום מאסר פון אַלטן רבי'ן קען מען אפשר זאָגן:

דעם אַלטן רבי'נס מאסר איז גע־קומען מצד דעם קטרוג וואָס ס'איז געווען דעמאָלט אויף דעם גילוי רזין דאורייתא (סודות התורה) — תורת החסידות.

33) ויקרא טז, א. זע אוה״ח דאָרט.

בשעת דער אַלטער רבי האָט מגלה געווען און מפרסם געווען רזין דרזין דאורייתא צו אַלע אידן, דורך דעם וואָס ער האָט זיי אַראָפּגעטראָגן אין שכל וחב״ד פון נפש האלקית, און דורך דעם קומט עס אַראָפּ אויך אין חב״ד דנפש השכלית ונפש הבה־מית, ביז עס זאָל דערנעמען און דורכנעמען אויך דעם גוף הגשמי, איז געוואָרן אויף דעם אַ קטרוג למעלה, און מצד דעם איז אַראָפּ־געקומען אויך דער קטרוג אין מאסר למטה.

אַזוי אויך דער נצחון און גאולה וואָס ס'איז געווען דאָ למטה — איז דאָס געווען מצד דעם וואָס למעלה האָט מען געגעבן רשות — אַ כוח און אַ ציווי — אויף צו אַנט־פּלעקן רזין דרזין ביז אין מענטש־לעכן שכל, און מצד דעם איז גע־קומען אויך דאָ למטה די גאולה פון אַלטן רבי'ן און תורת החסידות.

ווי קען דאָס אָבער זיין אַז מען זאָל נעמען רזין דרזין און אַראָפּ־טראָגן זיי אין מענטשלעכן שכל בהת־יישבות? רזין דרזין דאַרפן דאָך פּועל זיין אַן ענין פון כלות הנפש און היפך פון התיישבות?

נאָר בשעת דער אַלטער רבי — אין זיין מעמד פון כלות הנפש — האָט דערהערט דעם „אַיכה", די שאלה וואָס מען פרעגט מלמעלה צי האָט מען דורכגעפירט די כוונת הבריאה צו מאַכן לו יתברך דירה בתחתונים, — גיט עס אַ כוח, אַז די תחתונים ווי זיי זיינען במציאותם זאָלן זיי זיין אַ דירה צו עצמות.

דאָס האָט אַראָפּגענומען אַלע הגבלות, וואָרום ווען מען טוט עס ניט אַליין נאָר מען טוט עס בשליחותו (של מקום) און מיט'ן כוח פון דעם וואָס רופט „אַיכה", וואָס דאָס איז עצמות — נמנע הנמנעות[34]) ונושא הפכים, טראָגט מען אַראָפּ אויך סתים דאורייתא אַז עס זאָל קומען בגילוי, וואָס דאָס איז מעורר ומגלה דעם סתים שבנשמה ווי זי איז פאַרבונדן מיטן סתים דקודשא בריך הוא[35]).

(משיחת י"ט כסלו, תשח"י)

טז. וועגן חודש כסלו שטייט, אַז ער איז ווי חודש סיון. סיון איז דער דריטער חודש פון ניסן, וואָס ניסן איז אויך ראש השנה, ווי עס שטייט במשנה[36]), אַזוי איז אויך חודש כסלו דער דריטער חודש פון דעם ראש־השנה — וואָס אין תשרי.

דער חילוק פון ניסן און תשרי איז, ניסן איז עבודת הצדיקים. וואָרום יציאת מצרים איז אַן ענין פון גירות, וגר שנתגייר כקטן שנולד דמי[37]), ער האָט ניט קיינע חטאים און קיינע ענינים וואָס זיינען ניט ווי עס דאַרף צו זיין, וואָרום ער איז כקטן שנולד.

און חודש סיון וואָס ער איז דער דריטער חודש פון ניסן, איז דער זמן פון מתן תורה.

תשרי איז עבודת בעלי תשובה. כסלו, וואָס ער איז דער חודש השלישי פון תשרי, איז מתן תורה — דער גילוי פון פנימיות התורה.

אַזוי ווי דער ענין פון תשובה, הגם אַז תשובה איז העכער פון תורה[38]), וואָס דערפאַר העלפט תשובה אויך אויף אַן ענין וואָס ער האָט פוגם געווען אין תורה.

פונדעסטוועגן איז דעם ענין התשובה גופא נעמט מען אַרויס פון תורה.

אַזוי אויך אין דעם ענין פון גילוי פנימיות התורה, וואָס דאָס איז אין חודש כסלו, איז דאָס גופא נעמט זיך אויך פון מתן תורה שבסיון. וואָרום בשעת מתן תורה בסיון — האָט מען געגעבן אַלע ענינים פון תורה, אַפילו די תורה וואָס משיח וועט לערנען און מגלה זיין, וואָס דאָס איז דער טיפסטער ענין אין תורה, ווי ער זאָגט אין מדרש[39]), אַז תורה דעכשיו (פון איצט) איז הבל לגבי תורתו של משיח, איז אויך דאָס האָט מען געגעבן בשעת מתן תורה פון סיון.

אָבער פונדעסטוועגן, איז פנימיות התורה געווען בהעלם (פאַרבאָרגן) אין מתן תורה שבסיון און דער גילוי פון פנימיות התורה איז בחודש כסלו, דער חודש השלישי פון חודש תשרי, עבודת התשובה, וואָס דעמאָלט בחודש כסלו איז דער גילוי פון פנימיות התורה און הפצת מעיינות חוצה, וואָס דאָס איז אַן הכנה צום גילוי המשיח.

יז. מצד דעם וואָס חודש כסלו איז אַ זמן פון גילוי־תורה, אַ נייער גילוי אין תורה, עס איז נתגלה געוואָרן פנימיות התורה, מצד דעם קומט אויך אַראָפּ אין וועלט,

---

34) זע שו"ת הרשב"א סתי"ח. ס' החקירה להצ"צ ע' 68 ובכ"מ.

35) זע זהר ח"ג עג, א.

36) ר"ה ב, א.

37) יבמות כב, א.

38) לקו"ת בדרושי פ' אחרי (כי ביום הזה), ובדרושי יוהכ"פ.

39) קה"ר פ' יא.

אַז בחודש כסלו איז מאיר אין וועלט אַ נייער גילוי, — דער ענין הניסים.
חסידות איז גוט מבאר דעם ענין, אַז באמת איז הנהגת הטבע אויך נסים[40]. נאָר דער חילוק איז: טבע איז אַ גילוי וואָס איז פאַראַן שטענדיק, איז מצד דעם הרגל זעט זיך ניט אָן דער נס, ביז וואַנען אַז מען קען מיינען, אַז עס איז אַ בירה בלא מנהיג ח"ו, אָבער בשעת עס קומט אַ נס, וואָס מען איז ניט איינגעוואוינט אין דעם, דעמאָלט איז דאָס בגילוי, וואָס דאָס איז דער ענין הנסים, אַז עס איז אַ גילוי חדש.
און דערפאַר איז כסלו אַ חודש פון נסים. ווייל עס איז דאָך אַ זמן פון אַ גילוי חדש אין תורה, און אסתכל באורייתא וברא עלמא, ווערט דאָס נמשך אויך אין וועלט, אַז אויך אין דער הנהגה פון עולם איז דאָס אַ זמן פון נסים, אַ גילוי חדש.

דערפאַר איז געווען בחודש כסלו דער נס פון חנוכה, וואָס דער נס איז בשמן — רזין דרזין — און אַ גילוי נעלה ביותר (גאָר אַ הויכער גילוי). ווי דער רמב"ן שרייבט[41]) אין נאָמען פון מדרש, אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו אהרן, שלך גדולה משלהם. די נרות חנוכה זיינען העכער פון נרות המקדש, וואָרום נרות המקדש זיינען ניט קיימים אויף אייביק און נרות חנוכה זיינען קיימים לעולם (אייביק).

און אַזוי אויך שפּעטער איז געווען דער נס פון י"ט כסלו, פון הפצת תורת החסידות וואָס דאָס איז אויך אַן ענין וואָס איז קיים לעד ולעולמי עולמים, ווייל הפצת מעיינות החסידות איז אַ כלי און אַ הכנה צו גילוי המשיח.

(משיחות ש"פ תולדות, תשי"ז)

# פרשת וישב
## וחנוכה

א. אויפן פסוק וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען, טייטשט דער מעזריטשער מגיד[1]): „וישב יעקב" — אַז יעקב איז געווען איינגעזעסן בישיבה ועכבה „בארץ" — אין ערדישקייט. צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? בכדי צונויפקלייבן — „מגורי" (מלשון אוגר בקיץ[2]) — די ניצוצות הקדושה וועלכע געפינען זיך אין די גשמיות'דיקע זאַכן און זיי דערהויבן צו „אביו" שבשמים.
און כאָטש אַז די ישיבה ועכבה אין ארץ איז אַ ירידה, איז עס אָבער מער ניט ווי צייטווייליק, און דוקא דורך דעם קומט מען צו אַ תוספת ועלי'.
און דאָס זאָגט ער „בארץ כנען" — כנען מלשון מסחר און ווי עס שטייט ולא יהי' כנעני עוד בבית ה'[3]), און אין מסחר פירט זיך אַז

---

40) זע סה"מ תשי"א ע' 293.
1) אור תורה ס' וישב.
2) משלי י, ה.
41) רמב"ן עה"ת במדבר ח, ב.
3) זכרי' יד, כא.

פריער גיט מען אויס געלט כדי שפעטער צו פארדינען, אזוי ווי עס שטייט [4]) יש מפזר ונוסף עוד.

ב. די הוראה דערפון איז:

א איד דארף ניט זוכן קיין גרויסע זאכן דוקא, נאר זיין עבודה דארף זיין צונויפקלייבן, מברר זיין און מעלה זיין די ניצוצות פון קדושה וועלכע געפינען זיך אין וועלטישע זאכן.

און צוליב וואס דארף מען עס טאן — „אביו״, צוליב זיין פאטער אין הימל. ישראל נמשלו לדבורה [5]), מה דבורה כל מה שמסגלת אינה מס־גלת אלא לבעלה כך ישראל כל מה שעושין הוא לאביהם שבשמים (אידן זיינען געגליכן צו א בין, אזוי ווי א בין, אלץ וואס זי נעמט אריין איז דאס פאר׳ן בעל הבית, אזוי אויך אידן — אלץ וואס זיי טוען איז דאס פאר זייער פאטער אין הימל), ניט קיין עבודה על מנת לקבל פרס (אויף צו קריגן א באַ־לוינונג) אין גשמיות אדער אין רוח־ניות [6]), נאר די גאנצע עבודה דארף זיין לאביו שבשמים.

און בכדי צו פועל׳ן ביי זיך אז אין דער עבודה זאלן זיך ניט אריינ־כאפן קיין פניות, איז דאס דורך עבודה אין פשוט׳ע ענינים דוקא. בשעת ער האט צו טאן מיט דער־הויבענע ענינים פון הבנה והשגה, דארטן קאנען זיך אריינכאפן פניות, און בכדי אז זיין עבודה זאל זיין א ריינע, אן פניות, איז דאס דורך עבו־דה פשוטה אין ענינים פשוטים דוקא.

און אזוי ווי דער רבי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט געזאגט אז די פשיטות פון אנשים פשוטים פארבינדט זיך מיט פשיטות העצמות [7]), אזוי אויך דא: די פשיטות פון עבודה אין ענינים פשוטים, פארבינדט זיך מיט פשיטות העצמות.

און דאס איז די מעלה פון קבלת עול, וואס צוליב דעם ווערן אנגע־רופן אידן בשם צבאות הוי׳ [8]) — דעם אויבערשטנס ארמייען — ווארום דער ענין פון א זעלנער איז קבלת עול.

און דאס איז דער פשט וישב יעקב בארץ מגורי אביו, אז בכדי צוקו־מען צום „אביו״, אז זיין גאנצע עבו־דה זאל זיין נאר פאר אביו שב־שמים, איז דאס דורך ארץ מגורי דוקא, דורך עבודה פשוטה, אן חכמות און אן פשט׳לעך, וואס דעמאלט פאר־לירן זיך אלע פניות און מען פאר־בינדט זיך מיט אביו.

און דאס איז די אנווייזונג פון יעקב אבינו. יעקב האט געטאן אין עבודת הבירורים. ער איז געגאנגען קיין חרן און געארבעט בצאן לבן, און גאר שטארק געהארעוועט, אזוי ווי עס שטייט, ביום אכלני חרב וקרח בלילה ותדד שנתי מעיני [9]), און אוי־סער הארעוואניע איז געווען אין דעם אויך צער פון גוף.

וואס פון דעם ברענגט דער אלטער רבי [10]) א ראי׳, אז כאטש א מענטש

---

4) משלי יא, כד.

5) זע דברים רבה פ״א, ו. לקו״ת ראה כח, ד.

6) תורה אור יא, ב. יח, ב.

7) ספר המאמרים תש״ט ע׳ 205.

8) שמות יב, מא. זע המשך באתי לגני, תש״ה, אות י׳ און ווייטער.

9) בראשית לא, מ.

10) שו״ע אדה״ז חו״מ הל׳ נזקי גוף סעיף ד, ובקו״א סק״ב.

האָט ניט קיין שום רעכט איבער זיין אייגענעם קערפּער, צו שלאָגן און פּייניקן אים, ווייל דער קערפּער געהערט ניט צו אים נאָר צום אויבערשטן, אָבער פונדעסטוועגן „לצורך" (ד. ה. צוליב געלט, וואָס אין רוחניות איז דאָס דער ענין פון עבודת הבירורים) — מעג מען.

כאָטש יעקב האָט געקענט טענה'ן: נאָך וואָס זאָל איך גיין אין חרן? אמת טאַקע אַז יעקב מיט עשו'ן קענען ניט זיין צוזאַמען, אָבער מצד דעם האָט מען דאָך עשו'ן געקענט אַוועקשיקן פון באר שבע קיין חרן און יעקב זאָל בלייבן אין באר שבע בבית מדרשו של שם ועבר?

אָבער יעקב האָט קיין קשיות ניט געפרעגט, און געגאַנגען טאָן זיין עבודה אין עבודת הבירורים בדרך קבלת עול, און הגם ער האָט עס געטאָן מיט קבלת עול, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ חיות און שמחה, אַזוי ווי עס שטייט וישא יעקב רגליו [11]).

און דורך דעם, איז ניט נאָר וואָס ביי אים איז ניט געווען קיין ירידה נאָר אדרבה, מטתו שלימה, מיט אַלע ענינים וואָס ער האָט פון דאָרטן מיטגענומען [12]).

און דאָס מיינט בארץ כנען, מלשון מסחר, אַז ער האָט פון דעם פאַרדינט, וואָרום ער האָט מברר געווען אַלע ניצוצות ביי לבן'ען און אויך ביי עשו'ן, ביז אַז דורך המשכת המקיף וואָס ער האָט ממשיך געווען אויף עשו'ן האָט ער גע'פועל'ט אַז „וישקהו" — ער האָט אים געקושט [13]) — מיטן גאַנצן האַרצן.

און אויך מיינט כנען — מסחר בגשמיות, אַז ער איז רייך געוואָרן מיט אַ גרויסער עשירות, אַ סך מער ווי פריער.

ד. און דאָס איז אַן אָנווייזונג צו יעדער אידן, אַז דורך דעם וישב בארץ מגורי אביו, איז — בארץ כנען. יש מפזר ונוסף עוד. דורכן פיזור וירידה, פאַרדינט ער זיין פרנסה אין רוחניות, און זיין פרנסה אין גשמיות.

ביז מען פועל'ט דערנאָך — עד אשר אבוא אל אדוני שעירה [14]). וואָרום עבודת הבירורים בדרך קבלת עול וחיות, וואָס דערלאַנגען אין פנימיות הנפש, פועל'ט ביאת משיח הפרטי ביי זיך [15]), וואָס דאָס איז אויך אַ הכנה צו ביאת משיח הכללי, דער ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו [16]).

(משיחת ש"פ וישב, כ' כסלו, תשטו"ב)

ה. אין פ' וישב דערציילט די תורה וועגן יוסף הצדיק, אַז ער איז געווען יפה תואר ויפה מראה, און האָט מסלסל געווען בשערו [17]). ומצד דעם איז ותשא אשת אדוניו גו', און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה, און אויך זייענדיק דאָרטן, איז — אשר הוא עושה ה' מצליח.

אין דעם סיפור זיינען פאַראַן צוויי

---

11) בראשית כט, א. זע בראשית רבה שם ובפירש"י.

12) זע אויבן עמוד 64־63.

13) בראשית לג, ד. ב"ר עח, ט. זע תו"א פ' וישלח כו, א.

14) בראשית לג, יד ושם בפירש"י.

15) זע אגה"ק ס"ד.

16) עובדי' כא.

17) רש"י עה"ת בראשית לט, ו. זח"א קפט, ב.

טיילן: א) בנוגע יוסף׳ן, אַז ער איז געווען יפה תואר ויפה מראה, און ב) בנוגע אשת פוטיפר. ביידע טיילן זיינען, אַזוי ווי אַלע ענינים פון תורה, אייביקע אָנווייזונגען פאַר אונזער פירונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ו. אויף יוסף׳ן שטייט: יוסף הוי׳ לי בן אחר. טייטשט כ״ק אדמו״ר הצ״צ[18], אַז יוסף׳ס עבודה איז באַשטאַנען צו מאַכן אַן „אחר״ (אַ פרעמדן) פאַר אַ „בן״. דאָס הייסט מאַכן בעלי תשובה.

דעם כוח אויף דעם האָט יוסף געהאַט, ווייל ער אַליין איז געווען יפה תואר ויפה מראה. יוסף אַליין איז געווען שיין אין אַלע ענינים, סיי אין מצות עשה סיי אין מצות לא תעשה (ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער[19]) אַז תואר איז דער ענין פון מצות עשה און מראה — מצות לא תעשה), דערפאַר האָט ער געקענט פועל׳ן אויך אויף אַנדערע, מאַכן פון „אחר״ — „בן״.

און דאָס איז אַ הוראה צו יעדער איינעם, וואָס ביי יעדער איינעם מאָנט מען דאָך, ער זאָל טאָן ניט נאָר מיט זיך נאָר אויך מיט יענעם. איז בכדי צו אויפטאָן מיט יענעם, דאַרף מען געדענקען דעם כלל, קשוט עצמך ואחר כך קשוט אחרים[20]. מען דאַרף אַליין זיין „יפה תואר ויפה מראה״, וועט מען קענען פועל׳ן אויך אויפן צווייטן.

מען מיינט ניט צו זאָגן, אַז מען זאָל וואַרטן מיט פאַרנעמען זיך מיט אַ צווייטן אידן ביז מען וועט צוקומען אַליין צו תכלית השלימות — דאָס איז זיכער ניט אַזוי. ניט קוקנדיק אויף דעם אייגענעם מצב מוז מען טאָן אויך מיט יענעם, און מען טאָר ניט אָפּלייגן.

אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרף מען געדענקען אַז מען מוז טאָן מיט זיך, פאַרריכטן די אייגענע חסרונות, און דאָס — דער פאַרריכטן די אייגענע חסרונות — איז נוגע ניט נאָר צו זיך אַליין נאָר אויך צו יענעם.

וואָרום בשעת מען האָט אַליין חסרונות, וואָס מען טוט ניט אין פאַרריכטן זיי, פילט דאָס דער צווייטער, און במילא קען מען ניט אויפטאָן אין דעם צווייטן, דאָס וואָס מען דאַרף אין אים אויפטאָן.

דאַרף מען וויסן די גרויסע אחריות וואָס מען האָט בנוגע צו פאַרריכטן די אייגענע חסרונות, וואָרום אויב מען טוט ניט אין דעם, שאַדענט מען ניט נאָר זיך אַליין נאָר אויך אַנדערע.

מען דאַרף לייגן גאָר גרויס השתדלות אויף צו זיין אַליין יפה תואר ויפה מראה, וואָרום דאָס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ יחיד נאָר וועגן אַ רבים.

ז. די הוראה פון דער מעשה מיט אשת פוטיפר איז:

רז״ל דערציילן אונז[21], אַז אשת פוטיפר לשם שמים נתכוונה. זי האָט געזען אַז פון איר וועלן אַרויסקומען קינדער צו יוסף׳ן, נאָר זי האָט אַ טעות געהאַט; דאָס איז געווען ניט פון איר נאָר פון איר טאָכטער.

---

18) אור התורה ויצא רכ, א.

19) זע ד״ה ויהי אומן תרכ״ז.

20) ב״מ קז, ב.

21) זע רש״י בראשית לט, א.

זעט מען דערפון, אַז עס קען זיין אַן ענין וואָס אין חיצוניות און בפועל איז דאָס אינגאַנצן אַ היפך פון קדו־שה, אָבער אין פנימיות איז זיין כוונה גאָר לשם שמים, אויף מוסיף זיין און אויפטאָן אין קדושה.

דער אַלטער רבי רעדט אין תניא[22], אַז בשעת אַ איד שטייט און דאַוונט און בשעת מעשה קומט צו אים אַ גוי און ער איז אים מבלבל, דאַרף דאָס אין אים פועל'ן, אַז ניט נאָר דאָס זאָל אים ניט אָפּשוואַכן, נאָר אדרבה, דאָס גופא זאָל אין אים מעורר זיין מער חיזוק, אַז ער זאָל דאַוונען מיט מער כוונה פון טיפע־ניש פון האַרצן.

אין פלוג, איז דאָך ניט פאַר־שטאַנדיק, אויב די כוונה אין דעם איז מעורר צו זיין דעם אידן ער זאָל דאַוונען מיט מער כוונה, היינט פאַרוואָס קומט עס עפּעס אין אַזאַ אופן וואָס אַ גוי זאָל אים שטערן פון דאַוונען, וואָס דאָס איז דאָך אַ פאַרקערטער ענין?

נאָר דער פשט איז, אַז דער גוי אַליין אין זיין פנימיות און שרש (וואָס דער שרש פון יעדער זאַך איז דאָך אין קדושה) ווייס און פילט אַז ער דאַרף עפּעס מוסיף זיין אין קדושה, נאָר אַזוי ווי דאָס גייט דורך דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ גוי דאָ למטה, וואָס ער איז דאָך היפך הקדושה, דערפאַר דריקט זיך דאָס אויס אין אַ פאַרקערטן אופן. אָבער די כוונה פנימית איז אויף צו העלפן און מוסיף זיין אין קדושה.

אַזוי ווי דער מעזריטשער מגיד נ"ע זאָגט, אַז דער גאַנצער ענין, וואָס לבן איז נאָכגעלאָפן נאָך יעקב'ן איז געווען, ווייל עס האָבן געדאַרפט צו־קומען נאָך אותיות אין תורה, דער־פאַר איז לבן נאָכגעלאָפן נאָך יע־קב'ן, וואָס דער סיפור איז אַריינ־געשריבן געוואָרן אין תורה, און דורך דעם איז צוגעקומען אַ פרשה אין תורה.

און דאָס איז אַ הוראה בנוגע צו אַלע העלמות און הסתרים אויף עבו־דת הוי', וואָס דער אמת איז ווי דער ענין שטייט בפנימיותו ובשרשו, אַז ניט נאָר וואָס ער איז ניט קיין מנגד אויף קדושה, נאָר אדרבה ער העלפט גאָר צו קדושה, נאָר ווי־באַלד דאָס גייט דורך דורך אַזאַ צינור, דערפאַר טייטשט זיך דאָס אויס אין אַ פירוש הפכי. אָבער אין פני־מיות איז דאָס אַ הילף און אַ הוספה אין קדושה.

און בשעת דער מענטש ווייסט זיך ניט נאַרן און ניט האָבן דעם טעות וואָס דער גוי האָט, נאָר ער ווייסט וויסן אַז אין רע יורד מלמעלה[23]) עס איז גאָר ניטאָ קיין העלמות והס־תרים און אַלע ענינים וואָס ער זעט זייענען אַ סיוע אין קדושה, ובמילא איז ניט נאָר וואָס דער העלם דאַרף אין אים ניט פועל'ן קיין שוואַכקייט, נאָר אדרבה, דאָס דאַרף נאָך אין אים פועל'ן אַ תוספות כוח וחיזוק, בשעת ער ווייסט דאָס דערפילן און אָפּמאַכן ביי זיך אַ פעסטן באַשלוס מיט אַן אמת, — איז פאַרן אמת ווערן אַלע בטל, עס ווערן בטל אַלע

22) אגה"ק סכ"ה.

23) זע בראשית רבה פ' נא, ג.

העלמות והסתרים, מניעות ועיכובים, ווארום דורך דעם וואס ער ווייס דעם אמת אז אין יעדער זאך איז דא א ניצוץ אלקי און אלץ איז א סיוע צו קדושה, דורך דעם פועל'ט ער אויך אין דעם דבר המעלים, אז עס ווערט אין אים דערוועקט און אנטפלעקט זיין ניצוץ, ובמילא איז אויך דא למטה זעט זיך אין אים אפן די כוונה האמיתית, אז דאס ברענגט א הוספה אין קדושה.

ח. און דאס איז די הוראה פון דעם מאמר רז"ל אשת פוטיפר לשם שמים נתכוונה:

בשעת ס'איז דא א העלם והסתר זיינען דא צוויי דרכים אין דעם: איין דרך איז: מלחמה האלטן מיט דער זאך וואס איז מעלים, דאס הייסט, מען נעמט דאס טאקע אן פאר אן אמת'ן העלם והסתר, און מען האַ־רעוועט מיט אלע כחות אויף מלחמה האבן אנטקעגן דעם. די צווייטע וועג (וואס זי איז א געשמאקערע) איז: מען ווייס אז בפנימיות איז דאס גאר א סיוע צו קדושה, און בשעת מען שטעלט זיך אזוי אוועק, איז מען דאס מעורר ומגלה, אז דאס קומט אראפ אויך בגילוי אז דורכן דבר המעלים גופא קומט צו א תוס־פות אור אין קדושה.

(משיחות י"ט כסלו, תשח"י)

## חנוכה

ט. וועגן חנוכה געפינען מיר צוויי קעגנגעזעצטע ענינים:

א) עס שטייט אין ספרים [24]) אז חנו־כה איז מלשון חינוך. אזוי איז אויך מובן בפשטות בלשון חנוכת המזבח וחנוכת בית המקדש, אז דאס איז געווען אן אנהויב, מען האט אנגע־הויבן טאן דעם אויבערשטנס עבודה (אין בית המקדש בכלל און אין מזבח ומנורה בפרט) פון דאס ניי, — אן ענין פון חינוך.

ב) דער נס פון חנוכה איז גע־ווען אז מען האט געפונען א פך שמן טהור חתום בחותמו של כהן גדול [25]). כאטש על־פי דין האט מען געקענט מדליק זיין אויך מיט שמ־נים טמאים, ווארום טומאה דחוי' אדער הותרה בצבור [26]), פונדעסטוועגן — בכדי צו ווייזן חיבתם של ישראל, האט דער אויבערשטער באוויזן א נס, מען זאל קענען ניט נאר אנ־הויבן מקיים זיין די מצוה, נאר מקיים זיין די מצוה בתכלית ההידור, אן קיינע היתרים, אפילו ניט קיין אויס־געהאלטענע היתרים — היתרים על פי שלחן ערוך.

זעט מען דערפון די הוראה, אז בשעת עס רעדט זיך וועגן אן ענין פון קדושה, דארף מען באלד אין אנהויב, אין אנפאנגס חינוך, עס טאן בתכלית השלימות ובתכלית ההידור.

י. די זעלבע זאך בפרט איז בנו־גע חינוך הבנים והבנות: באלד פון קינדווייז אן דארף מען זיי געבן א גאנצע אידישקייט, אן קיינע פשרות און אן קיינע היתרים.

באווארענען אז — גם כי יזקין לא יסור ממנה [27]), קאן מען ניט דורך פארלאזן זיך אז בשעת ער וועט ווערן עלטער און זיין אין גאס, וועט מען

24) זע מהרש"א שבת כא, ב.

25) שבת כא, ב.

26) פסחים פ, א.

27) משלי כב, ו.

אים דעמאָלט דערציילן אַז ער דאַרף האַלטן מלחמה, דערציילן אים אַז ער דאַרף ניט נתפעל ווערן פאַר קיין מונע ומעכב און ווי אַזוי ער דאַרף האָבן מסירת נפש. אויב מען וויל אַז דעמאָלט, כי יזקין, זאָל ער ביישטיין די נסיונות דאַרף מען אָנהויבן ווען ער איז נאָך אַ „נער".

דערפאַר האָבן דאָך חכמי ישראל זיך שטאַרק משתדל געווען און געלייגט גאַר גרויסע כחות אויפן חינוך פון בני ובנות ישראל אַז ער זאָל זיין על טהרת הקודש.

מען האָט מלחמה געהאַלטן אויף יעדער פרט, אַפילו פרטים וואָס האָבן אויסגעוויזן ניט אַזוינע וויכטיקע האָט מען געקעמפט ניט נאָכצוגעבן זיי, ווייל מען האָט געוואוסט אַז די חינוך־יאָרן זיינען נוגע דעם בחור אָדער דער מיידל אויף זייער גאַנץ לעבן, מען האָט געוואוסט אַז מען דאַרף זיי מיטגעבן שטאַרקייט מיט כלי זיין, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו אָפּשלאָגן די אַלע מלחמות וואָס זיי וועלן האָבן אויף זייער לעבנס־וועג.

אַ מענטש איז געגליכן צו אַ בוים. כי האדם עץ השדה[28].

אויב מען מאַכט אַ קריץ אין בוים בשעת ער איז שוין אויסגעוואַקסן, איז דער קריץ נאָר אויף דעם אָרט וואו מען מאַכט אים, און אויסער דעם, טוט דאָס ניט אַן קיין שאָדן. אָבער בשעת מען מאַכט אַ קריץ אין דעם קערנדל וואָס מען גייט איינפלאַנצן, איז רעכט אַז פון איין קריץ, זאָל אויסוואַקסן דער גאַנצער בוים אַ פאַרקריפּלטער.

יא. אַזוי איז אויך אין דעם ענין פון חינוך:

אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען העלפט וועג פון זיין וועלט און מיינט אַז ער איז געצוואונגען צו גיין אויף פשרות, דירט דאָס אים אַן מער ניט ווי אויף עטלעכע יאָר. פערציק יאָר האָט ער געלעבט אָן פשרות, איז אויב ער ווערט נכשל און מאַכט אַ פשרה אויף אַ יאָר, קענען אים געבן כוח די פריערדיקע פערציק יאָר וואָס ער האָט היגטער זיך, ער זאָל באַלד צוריק פאַרגעסן אויף דער פשרה און האַלטן זיך ביי שלימות׳דיקער אידישקייט.

בשעת אָבער עס האַנדלט זיך וועגן אַ יונגן דור, און זיי וויל מען דערציען אויף פשרות, נעמט מען ביי זיי צו די וואַרעמקייט און קנאות אין אידישקייט אויפן גאַנצן לעבן. איבער דעם קריץ מיטן חסרון וואָס מען מאַכט אין זייער נשמה אין זייער יוגנט, איז רעכט אַז דערנאָך זאָל רחמנאַ לצלן אויסוואַקסן אַ פאַרקריפּלטער איד, אַ בעל מום.

יב. אמת טאַקע, אף־על־פּי שחטא ישראל הוא[29], עס איז אָבער פאַראַן אַזאַ וואָס די גמרא זאָגט אויף אים במסכת סנהדרין, עכור אתה בעולם הזה[30]. דער גליק איז וואָס מען האָט אים באַוואָרנט מיט עולם הבא. מיר דאַרפן אָבער האָבן אַ יונגן דור אידן בעולם הזה, זיי זאָלן זיין געזונטע אידן, לעבעדיקע אידן ברוחניות, וממילא געזונטע אידן און לעבעדיקע אידן בגשמיות, און דער־

28) דברים כ, יט. און זע תענית ז, א.

29) סנהדרין מד, א.

30) זע דאָרט מג, ב.

מיט וועלן זיי קענען איינגעמען דעם עולם־הזה ניט נאָר פאַר זיך, אַז זייער חלק זאָל זיין אַ מקדש פאַרן אויבערשטן, נאָר אויך פאַר דעם מיטעלן און עלטערן דור.

יג. עס זיינען פאַראַן אַזוינע פרטים וועלכע ווייזן זיך אויס אין פלוג אַז זיי זיינען ניט אַזוי פיל נוגע, און אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ חוט השערה.

אָבער עס קאָן דאָך זיין אַז דאָס איז דער חוט השערה אויף וועלכן די גמרא זאָגט [31]), אַז דערפון וואַקסט אויס דער גאַנצער יצר הרע, וואָס רשעים נדמה להם כחוט השערה.

ווי אַזוי קומט דאָס אַז אַ איד זאָל ווערן אַ רשע רחמנא לצלן? אַ איד וויל דאָך מקיים זיין דעם אויבערשטנס רצון, היינט ווי קומט דאָס אַז ער זאָל טאָן זאַכן וואָס זיי זיינען קעגן דעם אויבערשטן ביז צו ווערן אָנגערופן רשע?

נאָר דאָס קומט פון דעם וואָס נדמה להם כחוט השערה, עס דוכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז אַ קלייניקייט, און אַמאָל קען פּאַסירן אַז דאָס איז טאַקע אַ קלייניקייט, אָבער אין זיין מעמד ומצב אין וועלכן ער שטייט, קען די קלייניקייט אים מכריע זיין, אָדער ער זאָל זיין אַ צדיק און נכתב ונחתם ווערן לחיי עולם [32]), אָדער רחמנא לצלן אַ רשע וואָס אויף אים זאָגט דער פסוק לדראון עולם [33]), און איבער וואָס — איבער דעם חוט השערה.

אויב ער האָט ניט ביי זיך געגנוג שטאַרקייט און געגנוג שכל אויף קענען אונטערשיידן צי דאָס איז דער פרט אין וועלכן עס הענגט אָפּ זיין מהות, איז אין איצטערדיקע צייטן וואָס דער אמת ווערט אַלץ מער נתברר — איז דאָ די הבחנה פון דעם צד שכנגד:

בשעת מען זעט ווי דער צד שכנגד שטעלט זיך מיט אַזאַ שטאַרקייט אַז ס'איז רעכט פאַרלירן מיליאָנען מיט געלט, פאַרלירן כמה וכמה מענטשן, אַנצואווערן שטיצע פון אַלע זייטן, אַבי ניט נאָכצוגעבן אַ קליינעם פרט, וואָס עס איז לגמרי ניט פאַרשטאַנדיק אין שכל, איז דאָס אַ הבחנה און אַ הוראה פאַר אונז, אַז מען טאָר ניט נאָכגעבן אפילו אָט דעם פרט וואָס מען וויל אונז איינריידן אַז דאָס איז מער ניט ווי אַ קליינער פרט, ווייל דאָס איז ערקתא דמסאני [34]) בשעת גזרת השמד, און דאָס איז דער חוט השערה אין וועלכן עס הענגט אָפּ צי אין פאַרלויף פון דער צייט וועט ער בלייבן אַ איד.

יד. אַ ווייטערדיקער באַווייז אויף דעם ווי דער חוט השערה איז נוגע, זעט מען דערפון וואָס די גאַנצע צרה צו וועלכער מען איז צוגעקומען האָט זיך אָנגעהויבן ווי די רז״ל זאָגן [35]), כל המחניף לחבירו, אָדער ווי די צווייטע גירסא כל המחניף לרשע, — איין גירסא איז אין גמרא און איינע אין עין יעקב — לסוף נופל בידו.

מען האָט געזען אין די לעצטע יאָרן, אַז די אַלע וואָס זיינען גע־

31) סוכה נב, א.

32) ר״ה טז, ב.

33) דניאל יב, ב.

34) סנהדרין עד, ב.

35) סוטה מא, ב.

גאנגען מיט יארן צוריק אויף פשי־רות און האבן געמיינט אז דורך דעם וועלן זיי איינגעמען דעם יונגן דור (טראַכטנדיק אז די וואס מען האט שוין אין פרומען צד וועלן זיי סיי־ווי בלייבן גאנץ), האט מען געזען באַשיינפערלעך אַז ניט נאָר וואס מען האט פאַרלאָרן די יוגנט וואס מען האט זיי געוואָלט פירן אויפן וועג פון פשרות, נאָר מ'האט אַריינגעבראַכט אַ שוואַכקייט אויך אין די יוגנט וואס זיינען געווען אונטער זייער השפ־עה און געהאַלטן זיך אינגאַנצן פרום.

די, אָבער, וואס זיינען געגאַנ־גען מיט צען, פופצן אָדער צוואַנ־ציק יאָר צוריק מיט דער שיטה אַז מען טאָר ניט נאָכגעבן קיין פרט, ובפרט אין חינוך — די האָבן מצ־ליח געווען.

טו. אַ תוספת כוח אין דעם חינוך הכשר גיבן אַריין די אַלע וואס זיינען זיך מתעסק אין חינוך הכשר בגופם ובנשמתם, און די אַלע וואס העלפן אין דעם מיט זייער געלט.

כאָטש אפילו מען קומט צוגיין צו אים און מען זאָגט: הער זיך איין, וואס האָסטו זיך איינגעשפּאַרט געבן די געלט אין אַ ישיבה וואס וועט אויסהאָדעווען בטלנים, אויסהאָדעווען מענטשן וואס האָבן ניט קיין שייכות צו הוויות עולם הזה, דער וועט גיין מיט אַ באָרד, דער מיט אַ קאַפּאָטע, און דו וועסט זיין דער גורם אויף אויסהאָדעווען מענטשן וואס בשעת זיי וועלן אַרויסגיין אין דער וועלט וועלן זיי ניט וויסן ווי אַ קער טאָן זיך.

פונדעסטוועגן האָט ער אין זיך די שטאַרקייט אויף ניט נתפעל ווערן און, אדרבה, פון דעם גופא לערנט ער אָפּ אַ הוראה, וויבאַלד מען זעצט זיך אָן אויף אים אַזויפיל און מען וויל אים אָפּרייסן פון דעם, איז אַ הוכחה אַז דוקא דאָ ליגט דער אמת און דוקא דאָ ליגט די הצלה פון עם ישראל, ובמילא איז ניט נאָר וואס ער פאַרקלענערט ניט זיין אַר־בעט פאַר חינוך הכשר בנשמתו אָדער בגופו אָדער בממונו, אָדער אין אַלע דריי, נאָר אַדרבה, מכאן ולהבא טוט ער נאָך מיט אַ גרעסערער שטאַר־קייט.

דאָס גיט אַ שטאַרקייט דעם יונגן דור גופא. בשעת מען פרעגט ביי זיי אַ שאלה: אייערע חברים באַקומען אויך אַ אידישן חינוך אָבער אָן קנאות און אָן דקדוקים, וואו שטייט דאָס אַז איר דאַרפט זיין די מהדרים?

ווייזן זיי אָן, אַט איז דאָ אַ סוחר וואס האַלט מיט אונז, אַט איז דאָ אַ גביר וואס האַלט מיט אונז, אַ רב וואס האַלט מיט אונז, אַן אַלטער איד אָדער אַ פּרוי וואס האַלט מיט אונז, איז דאָס גיט זיי אַ שטאַרקייט אויף דורכגיין די נסיונות וואס זיי האָבן אין זייערע ד' אמות.

און דער יישר כוח קומט צו די וואס לערנען מיט די תלמידים און ווערן ניט נתפעל פון נסיונות און זיינען ממשיך אין דעם דרך החינוך, און צו די עסקני החינוך וואס זשאַ־לעווען ניט מנשמתם, מגופם וממונם, און גיבן וויפל זיי קענען, ובמשך הזמן וועלן זיי מסתמא געבן יותר מכפי יכלתם — אַבי אויפצוהאַלטן דעם חינוך על טהרת הקודש ביראת שמים טהורה.

טז. בשעת מען שטעלט זיך אוועק אויף דעם וועג פון חנוך לנער על פי דרכו אָן קיינע פשרות, ווי די הוראה וואָס עס איז געגעבן געוואָרן חנוכה, אַז מען האָט ניט געוואָלט אַפילו קולות אויסגעהאַלטן על פי שולחן ערוך, מען האָט געזאָגט אַז מען וויל האָבן אַ נס, וואָרום מיר ווילן האָבן אַ מקדש טהור, אַ מנורה טהורה און שמן טהור, במילא וועט די ליכטיקייט אויך זיין אַזוי.

איז אַזוי ווי דעמאָלט האָט דער אויבערשטער געהאָלפן אַז במשך אַ קורצער צייט איז געווען דער „נתת" פון די אַלע חלוקות ביד עוסקי תורתך, און מען האָט מחנך געווען דעם בית המקדש מיט אַזעלכע נרות וואָס זיי לייכטן אונז ביז היינט, אַז אַפילו ווען די זון גייט אונטער, ווען אויפן גאַס ווערט פינסטער און נאָך פינסטערער, איז אין אידישע הייזער ליכטיק, און מוסיף והולך, יעדער נאַכט ווערט די ליכטיקייט אַ גרעסערע —

איז כמו שעשה ניסים לאבותינו בימים ההם, אַזוי איז אויך איצטער בזמן הזה, קענען מיר זיין זיכער אַז במהרה בימינו וועלן מיר זוכה זיין, אַז עס וועט אַראָפּקומען דער מקדש טהור הבנוי למעלה — מען דאַרף מער ניט ווי צוגרייטן דאָ אַן אָרט וואו אַוועקשטעלן אים — און אידישע קינדער, אידישע אידן פון מיטעלן דור און פון עלטערן דור, וועלן מאַכן ליכטיק דעם בית המקדש מיט דער וועלט אַרום זיי, ניט נאָר מיט אַ נר של מצוה אַליין, נאָר אויך מיט אַ נר טהור בתכלית וקדוש בתכלית, וואָס דאָס וועט ממשיך זיין שכינתו יתברך בתחתונים ממש, אַז דער עולם־הזה וואָס איז געווען ביז איצטער אַ חומרי, אָדער לכל־הפחות אַ גשמי, וועט ווערן אַ בית המקדש לשכינתו יתברך.

(משיחת ליל נר ג' דחנוכה, תשי"ד)

# פרשת מקץ – שבת חנוכה

א. אין אָנהויב פון פרשת מקץ, און אַזוי אויך אין דער פריערדיקער סדרה, וישב, דערציילט די תורה וועגן חלומות: דער חלום פון פרעה'ן (אין פרשת מקץ) און דער חלום פון יוסף'ן, מיט די חלומות פון שר המשקים און שר האופים (אין פרשת וישב).

די אַלע חלומות זיינען געווען סיבות וועלכע האָבן געבראַכט צו גלות מצרים — דער שרש פון אַלע גליות [1]. אַזוי ווי אַלע ענינים זיינען בהשגחה פרטית, ממילא איז פאַרשטענדלעך, אַז דער מסובב — גלות, האָט אַ שייכות און איז ענלעך צו דער סיבה — חלום.

ב. די שייכות פון גלות צו חלום

---

1) לקו"ת מהאריז"ל פ' תצא.

יוערט דערקלערט אין פאַרשידענע ערטער, און אויך אין תורה אור [2], אַז חלום נעמט זיך פון כוח המדמה (פאַרשטעלונגס־כוח), וועלכער פאַר־איניקט צווייַ קעגנזאַצן צוזאַמען, ביז אַפילו „פילא בקופא דמחטא" (אַן עלפאַנט אין אַן אויער פון אַ נאָדל), אויב ער האָט נאָר פריער געטראַכט וועגן דעם [3].

אַזוי אויך אין דער צייט פון גלות, דוכט זיך אים אויס אַז ער האָט ליב דעם אויבערשטן און פונדעסט־וועגן האָט ער ליב זיין אייגענעם גוף — כאָטש ביידע זאַכן קענען גלייכצייטיק ניט געמאָלט זיין, ביז וואַנען אַז (ווי עס ווערט אין אַ צווייטן אָרט דערקלערט) ער קען ליגן אין תאוות און אַפילו עובר זיין אויף דעם אויבערשטנס רצון.

פונדעסטוועגן, פירט ער אויס דאָרט אין תורה אור, זאָל מען ניט מיינען, אַז וויבאַלד אַז נאָכן דאַוונען קען ער טאָן פאַרקערט ווי ער האָט געהאַלטן אין דאַוונען איז אַ ראַיִ' אַז זיין תפלה מיט די תורה ומצות זיינען גאָרנישט, — איז דאָס ניט אַזוי. דער שרש פון חלום איז פון זייער אַ הויכן אָרט און דאָס לייכט בזמן הגלות דוקא (יעו"ש בארוכה).

ג. די דערקלערונג דערפון אין עבודה בנפש האדם איז:

ביי יעדער אידן איז דער נפש האלקית אַלע מאָל גאַנץ. די תורה ומצות וואָס אַ איד טוט זיינען אייביק — לעולם ועד [4]. דאַקעגן די

ניט ריכטיקע זאַכן וואָס ער טוט זיינען מער ניט ווי צייטווייליק (ווייל יעדער איד וועט דאָך סוף־כל־סוף תשובה טאָן), במילא איז אויך איצ־טער זיינען זיי ניט קיין דבר של קיימא (שטענדיקע זאַך), און אַזוי ווי נהרות המכזבין [5] (טייכן וועלכע טריי־קענען אויס).

און דערפאַר קען ניט דער רע איבערוועגן חס ושלום דעם טוב, ווייל ער איז ניט קיין דבר של קיימא, דאַקעגן דער טוב איז אַלע מאָל גאַנץ.

און אין דעם איז דאָ אַ מעלה אין זמן הגלות אויפן זמן הבית: אין זמן הבית האָבן געלויכטן די כחות „פנימיים" (אינעווייניקסטע כו־חות) פון דער נשמה [6]. און אויך דעם איז דאָ אַ הגבלה (באַגרענעצונג), דערפאַר טאָר אַ טמא ניט אַריינקומען אין מקדש. אָבער אין זמן פון גלות לייכטן די כחות מקיפים פון נשמה, און אין דעם זיינען ניטאָ קיינע באַ־גרענעצונגען, אַזוי ווי עס שטייט: השוכן אתם בתוך טמאותם [7].

ד. די הוראה בפועל פון דעם איז:

ניט ווי די וועלכע האָבן אַ טעות און מיינען אַז דער איינציקער מעג־לעכער וועג איז גיין מיט אַ מסודר'־דיקער עבודה פון גרינגער צו שווע־רער, און כל זמן ער איז ניט פאַר־טיק מיט די ערשטע טרעפּ קען ער ניט אָנהויבן טראַכטן וועגן די הע־כערע טרעפּ. דאָס וואָלט געווען ריכ־

2) אין פרשה וישב, כח, ג.
3) עיין ברכות נה, סע"ב. וק"ל.
4) תניא פכ"ה.

5) פרה פ"ח מ"ט. זע אויך אויבן עמוד 36 הערה 22.
6) ספר המאמרים תש"ט ע' 108 אות ב.
7) מער אויספירלעך זע שיחת חגה"פ תשח"י.

טיק אויב אַלע ענינים וואָלטן געווען ביי אים מסודר'דיק. וויבאַלד אָבער אַז „היינו כחולמים", קען מען, און דאַרף מען, טאָן יעדע עבודה אין עבודת ה' וואָס קומט צו דער האַנט, לויט דער אָנווייזונג פון רז"ל [8], חטוף ואכול חטוף ואישתי.

און אַפילו דער וואָס איז אין אַזאַ מצב וואָס אויף אים שטייט [9] „אי אפשר... להתחיל לעבוד ה' בלי שיע־שה תשובה על העבר תחלה", פונ־דעסטוועגן פסק'נט דער אַלטער רבי אין תניא [10] — פנימיות התורה, און אין שולחן ערוך [11] — גליא דתורה, אַז אויך ער זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצות. כאָטש אַז דערווייל איז ער מוסיף כחו כו', מכל מקום איז ער דאָך זיכער שלא ידח ממנו נדח, און דעמאָלט וועט דאָך אויך זיין תורה און מצות צוריקקערן זיך מיט אים.

ה. דאָס אַלץ איז ניט נאָר בנוגע גליא דתורה, נאָר אויך בנוגע פנימיות התורה און אירע מנהגים און פי־רונגען, און לויט דער אָנווייזונג פון רז"ל: חטוף ואכול (— גליא דתורה, וואָס איז געגליכן צו לחם [12]), חטוף ואישתי (— פנימיות התורה, וואָס איז געגליכן צו מים [13]).

הגם אַז מיט דורות פריער האָט מען ניט געקענט אָנהויבן לערנען פנימיות התורה ביז מען איז פריער דורכגע־גאַנגען כמה וכמה הכנות, איז אָבער אין די הייַנטיקע דורות „מצוה לגלות זאת החכמה" [14]) (אַ מצוה צו אַנט־פּלעקן די דאָזיקע חכמה), ובפרט, נאָך דער התגלות פון תורת החסידות דורך דעם בעש"ט און כ"ק אדמו"ר הזקן און זייערע נאָכפאָלגער, איז דאָס געוואָרן אַזוי ווי אַלע חלקים פון תורה וואָס יעדער איד איז דאָך מחויב לערנען אַלע חלקים פון תורה [15]).

ו. און דורך דער הנהגה פון חטוף ואכול חטוף ואישתי, אַז מען וועט זיך ניט רעכענען מיטן אייגענעם צושטאַנד צי מען האַלט דערביי צי ניט, נאָר מען וועט האַלטן אין איין מערן אין תורה ומצות (וואָס דאָס איז ענלעך צו דעם ענין פון חלום כנ"ל),

— איז דורך דעם מערן דעם אור פון תורה ומצות גופא, נעמט מען אָוועק דעם גלות־שלאָף און מען ברענגט דעם אמת'ן אור הגאולה, הוי' יהי' לך לאור עולם [16]), אַזוי ווי מען זעט אַז בשעת עס ווערט ליכטיק כאַפּט מען זיך אויף פון שלאָף.

ז. און דאָס איז די אָנווייזונג פון דעם וואָס חלומות זיינען געווען אַ סיבה צו גלות מצרים און יציאת מצרים.

גלות מצרים איז געווען דער שווערסטער גלות, דערפאַר ווערן אַלע גליות אָנגערופן מצרים [17]), פונדעסט־וועגן איז מען דוקא דורך דעם גלות

8) עירובין נד, א.

9) תניא פי"ז.

10) ספל"ט.

11) הל' ת"ת פ"ד ה"ג.

12) לקו"ת בהר מ, ב. בחוקותי מח, ב.

13) זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 432.

14) אגה"ק סכ"ו אין נאָמען פון אריז"ל.

15) זע הל' ת"ת לרבנו הזקן פ"א ס"ד. פ"ב ס"י.

16) ישעי' ס, כ.

17) מד"ר בראשית פ' טז, ד.

צוגעקומען צום „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" [18].

אזוי אויך אין איצטיקן גלות, כאטש די גאנצע עבודה אין דער צייט פון גלות איז אן ענין פון חלום, פונדעסטוועגן, איז אדרבה, מצד דעם גופא וואס עס איז אין אן אופן פון חלום, קען מען זיך ארויפכאפן צו א העכערער מדריגה, אין אן אופן פון איבערשפרינגען, און מערן דעם אור פון תורה ומצות, וואס דאס נעמט אוועק דעם שלאף פון גלות און ברענגט צום „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" [19], בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת חג הגאולה, י״ט כסלו, תשי״ז)

ח. דער דערמאנטער ענין — אז דורכן גלות דוקא ווערט א גרעסערע עלי׳, איז מרומז אויך אין היינ־טיקער סדרה, אין דעם טעם פאר־וואס אפרים איז אנגערופן געווארן מיט דעם נאמען, ווייל „כי הפרני אלקים בארץ עניי". דורך ארץ „עניי" (ארעמקייט) דוקא איז געווארן דער הפרני (מערן מיך), א תוספות אור אין יוסף׳ן.

די מעלה פון יוסף פאר זיך אליין איז זייער א הויכע. און ווי דער־קלערט אין תורת חיים [20]) און אין פארשידענע ערטער דער טעם פאר־וואס יוסף איז באשטראפט געווארן פאר דעם וואס ער האט געמאכט כלים אין טבע, כאטש אז יעקב האט אויך אזוי געטאן [*20]), ווייל יעקב איז געווען אין סדר השתלשלות, האט ער מורא געהאט שמא יגרום החטא [21]), דערפאר האט ער געדארפט מאכן כלים אין טבע, אבער יוסף צדיק עליון, האט מצד זיין מדרגה ניט גע־דארפט מורא האבן פאר קיינע עני־נים און ניט געדארפט אנקומען צו טבע.

ד. ה. שטייט דארט אויך — אויפן פסוק ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו — דער טעם, פארוואס זיי־נען די שבטים, אזוי אויך די אבות, געווען רועי צאן (פאסטוכער), אפ־געזונדערט פון וועלט, בכדי אז וועלט זאל זיי ניט שטערן.

אבער יוסף איז געווען אין אזא מדריגה, אז ער האט געקענט זיין אין וועלט, א הערשער אין מצרים, אז „בלעדיך לא ירים איש גו׳", וואס אין מקרא יוצא מידי פשוטו, יעדער מצרי ווען ער האט געוואלט אנטאן כלי זיין האט ער געדארפט פרעגן ביי יוסף׳ן, און כאטש יוסף האט זיך דערמיט פארנומען, איז ער בשעת מעשה געשטאנען בתכלית הדביקות באלקות.

נאך דעם אלעמען, דורך וואס איז ער צוגעקומען צו „הפרני" — דורך „בארץ עניי" דוקא.

ט. דער דערמאנטער סיפור מיט יוסף׳ן איז אן אנווייזונג צו אלע אידן, אז דער ענין פון ירידת הגשמה בגוף אין עולם הזה בכלל און

---

18) בראשית טו, יד.

19) מיכה ז, טו.

20) פ׳ ויחי ד״ה בן פורת יוסף.

*20) יוסף האט געבעטן דעם שר המשקים ער זאל זיך באמיען ביי פרעה׳ן אים צו באפרייען און דאס ווערט יוסף׳ן פאררעכנט פאר א חטא (רש״י בראשית מ׳ כג), הגם אז יעקב האט זיך באמיט ביי עשו׳ן ער זאל אים מוחל זיין דורך שיקן מתנות און רופן אים אדוני, מיין הער.

21) ברכות ד, א.

אין דעם זמן הגלות בפרט, איז דאָס ניט ח"ו אויף מאַטערן זיך, נאָר אין דעם איז פאַראַן אַ באַזונדערע מעלה.

דער תכלית [22]) פון השתלשלות העולמות איז ניט צוליב די עולמות העליונים, וויבאַלד אַז פאַר זיי איז עס אַ ירידה מאור פניו יתברך, נאָר דער תכלית איז אין עולם הזה התח־תון דוקא, וואָרום אין עולם הזה שטייט דער כוח העצמות.

און אין עולם הזה גופא — האָט מען פאַר גלות מצרים ניט געקענט מקבל זיין די תורה, נאָר דוקא דורכן כור הברזל פון גלות מצרים איז מען געוואָרן כלים אויף קבלת התו־רה, און ווי עס דרש'נען [23]) רז"ל, אַז פאַרוואָס האָבן אידן מקבל געווען די תורה — ווייל למצרים ירדתם כו'.

י. און דאָס איז אויך וואָס עס שטייט [24]) ואנכי תרגלתי לאפרים:

ביי מתן תורה שטייט [25]), אַז אויב עס וואָלט געווען ששים ריבוא חסר אחד — זעקס הונדערט טויזנט ווייניקער איינער — (ווען דער אחד וואָלט ניט געווען) וואָלט ניט גע־געבן געוואָרן די תורה חס ושלום אַפילו צו משה'ן. וואָס דאָס איז דאָך מרומז אין פסוק [26]), שש מאות אלף רגלי העם אשר אנכי בקרבו, אַז דורך דעם וואָס עס זיינען געווען אַלע שש מאות אלף, אויך די רג־לים (פיס), און דער עיקר די רגלים (ווי עס ווערט אין אַן אַנדער אָרט דערקלערט די מעלה פון רגל — קבלת עול), איז געגעבן געוואָרן די תורה וואָס הויבט זיך אָן מיט אנכי, אַז עס איז נמשך געוואָרן דער „אנכי" צו משה'ן.

דערפאַר איז בשעת דער פסוק רעדט וועגן אפרים'ן, וואָס זיין ענין איז כי הפרני אלקים בארץ עניי, אַז דורך מצרים קומט מען צו צום תכלית העילוי פון מתן תורה, זאָגט ער אויף דעם — ואנכי תרגלתי לאפרים, אַז דורך „תרגלתי" לשון רגל, — ד. ה. די עבודה פון קבלת עול, — דורך דעם קומט מען צו צום אנכי מי שאנכי.

(משיחות חג השבועות, תשי"ג)

# חנוכה

יא. די מצוה פון חנוכה איז אָנ־צינדן ליכט. ווי אַזוי שאַפט מען ליכט? — מען נעמט בוימל אָדער האָלץ א. ד. גל., ד. ה. אַ גשמיות'־דיקע זאַך, און מען וואַרעמט דאָס אָן, ביז עס ווערט אויס גשמי און עס הויבט אָן צו לייכטן אין דעם גאַנצן אָרום.

די ליכט וואָס מען צינדט אָן חנוכה, קומען פון די ליכט וואָס מען פלעגט צינדן אין בית המק־דש. אין בית המקדש פלעגט מען יעדע נאַכט צינדן ליכט. אָבער אין דער צייט פון נס חנוכה איז ניט געווען קיין ריינע בוימל צו צינדן די ליכט, האָט דער אויבערשטער געטאָן אַ נס און מען האָט געפונען אַ פך שמן טהור חתום בחותמו של כהן גדול — אַ קריגל ריינע בוימל, פאַרזיגלט מיטן זיגל פון כהן גדול,

22) תניא פל"ו.

23) שבת פח, ב.

24) הושע יא, ג. לקו"ת ויקרא ב, א. במדבר פ, ב. ד"ה לכה דודי תרפ"ט (סה"מ קונטרסים ח"א כא, א).

25) מכילתא דרשב"י (וראה ג"כ מכילתא) יתרו יט, יא. דברים רבה פ"ז, ח.

26) במדבר יא, כא.

— די בוימל וואָס אין פך איז גע־וווען געגוג קוים אויף איין טאָג, איז געשען אַ נס און עס האָט געברענט אַכט טעג. איז צום אָנדענק פון דעם נס צינדט מען ליכט, אַלע אַכט טעג פון חנוכה.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די ליכט פון חנוכה קומען פון די ליכט פון מקדש, פונדעסטוועגן זיינען זיי פאַנאַנדערגעטיילט אין עטלעכע זאַכן.

א) אין בית המקדש איז אַלע מאָל געווען די זעלבע צאָל ליכט. דאַ־קעגן חנוכה גיט מען צו יעדער נאַכט נאָך אַ ליכט.

ב) אין בית המקדש פלעגט מען אָנצינדן די ליכט דוקא בייטאָג, ווען ס'איז נאָך געווען גוט ליכטיק. אָבער חנוכה־ליכט צינדט מען נאָך דעם ווי די זון פאַרגייט.

ג) נרות המקדש זיינען געווען איב־ווייניק, און נרות חנוכה איז מצוה להניח על פתח ביתו מבחוץ — אינדרויסן.

ד) מצות נרות המשכן והמקדש, איז געווען אין אַ צייט ווען אידן האָט ניט געפעלט אין גשמיות.

ספעציעל אין דער צייט פון משכן אין מדבר האָבן אידן געהאַט אַלץ וואָס זיי דאַרפן, עסן האָבן זיי גע־האָט מן מן השמים, וואַסער האָבן זיי געהאַט פון בארה של מרים, אויך די לבושים האָבן מיטגעוואַקסן מיט זיי, און געווען שטענדיק ריין [27]).

אַזוי איז אויך די מצוה פון נרות המקדש געגעבן געוואָרן בימי שלמה, וואָס ס'איז געווען שלום אין זיין צייט. קיינער האָט ניט מלחמה־געהאַט מיט אידן, אדרבה, מען האָט נאָך זיי געצאָלט מס און ס'איז געווען איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו [28]).

דאָס זעלבע אויך אין רוחניות, וואָ־רום אַז מען האָט ניט קיין גשמיות'־דיקע דאגות, גיט מען זיך איינגאַנצן אַוועק אויף תורה ומצות, רוחניות'־דיקע זאַכן, אידישע זאַכן.

דאַקעגן אָבער נרות חנוכה זיינען פאַרבונדן מיט אַ צייט וואָס דאָס לאַנד איז געווען אונטער ממשלת יון און די אידישע אַרמיי איז געווען זייער אַ קליינע אין צאָל, אַזוי אויך אין רוחניות, איז ניט געווען קיין שמן טהור אַפילו אויף איין נאַכט.

יב. די אַלע חילוקים זיינען פאַר־בונדן איינע מיט די אַנדערע.

בשעת עס איז גוט אין גשמיות, ובמילא אויך אין רוחניות כנ"ל,

— וואָרום ווען אַ איד האָט, גיט ער מיט אַן אָפענער האַנט און מיט אַ ברייטער האַנט אויף ענינים רוח־ניים —

דאַרף מען ניט האָבן קיין מלחמה און קיין מסירת נפש.

דאַן איז געגוג אַז יעדער טאָג זאָל זיין די זעלבע צאָל, מען מוז ניט צוגעבן נאָך, וואָרום עס גייט אַלץ נאָרמאַל.

אַזוי אויך דאַרף מען ניט לייגן קיין השתדלות צו באַלייכטן די גאַס. די גאַס, די וועלט — איז ניט פינס־טער. די מנורה האָט געברענט אין בית המקדש ובמילא איז געווען ליכ־טיק אויך אין גאַס.

---

27) רש"י דברים ח, ד.

28) מלכים א ה, ה.

אָבער אין אַ צייט פון אַ שווערן מצב, אַ צייט פון מלחמות, און ניט נאָר מלחמות מיט די יונים נאָר אויך מיט אידן מתיונים[29]), וואָרום עס זיינען געווען אַזוינע אידן וואָס האָבן ניט געהאַלטן פון בית המקדש, ניט געהאַלטן פון זעלבסטשטענדיקייט און געוואָלט אַסימילירן זיך מיט די יו־נים.

אין אַזאַ שווערן צושטאַנד, האָט דער אויבערשטער געגעבן די מצוה פון חנוכה־ליכט. אין אַזאַ צייט פאָ־דערט זיך מסירת נפש.

אין אַזאַ צייט איז ווייניק אַז מען זאָל מאַכן ליכטיק ביי זיך אין שטוב, וואָרום אויפן גאַס איז פינסטער, און די פינסטערניש פון גאַס קען דורכ־שפּאַרן אויך אין שטוב, דאַרף מען לייגן השתדלות אויף באַלייכטן די גאַס, מען צינדט חנוכה־ליכט ווען ס׳איז פינסטער און לעבן טיר דוקא, בכדי צו באַלייכטן די גאַס.

עס איז ווייניק וואָס ער וועט צינדן ליכט ביי זיך אויפן טיש וואו ער עסט אָדער אויפן שרייב־טיש און עפענען די טיר כדי אַז די ליכט זאָל לייכטן אויך אין גאַס, נאָר מען דאַרף צינדן די ליכט לעבן טיר, מען דאַרף לייגן השתדלות אויף באַלייכטן די גאַס.

אויך איז ווייניק די צאָל ליכט פון די פריערדיקע נעכט. וואָרום מען קען זיך ניט באַנוגענען מיט דעם וואָס מ׳איז ניט געוואָרן נידע־ריקער און מען שטייט אויפן זעלבן מצב פון נעכטן, נאָר מען דאַרף גיין אַלץ העכער און העכער.

יג. דער סך הכל פון דעם איז:

אין אַ צייט וואָס די פינסטערניש איז גרויס, דאַרף מען ניט נתפעל ווערן פון דער פינסטערניש וואָס אין גאַס, נאָר אדרבה, מען דאַרף גיין מיט אַ מסירת נפש באַלייכטן די גאַס, און יעדער טאָג צוגעבן מער און מער ליכטיקייט, ביז מען וועט ברענגען נאָך שמן טהור, ריינע און קלאָרע בוימל.

און דער אופן אין דעם דאַרף זיין:

א) מען דאַרף זיך ניט באַנוגענען מיט דער מאָס ליכט וואָס מ׳האָט באַלויכטן נעכטן, נאָר מען דאַרף אַלע טאָג צוגעבן נאָך. היינט איין ליכט, מאָרגן צוויי, איבערמאָרגן דריי, א. א. וו. אָנהויבן באַלד מיט אַ סך — קען מען דאָך ניט שפּרינגען מיט אַמאָל. מען הויבט אָן מיט איין ליכט, אָבער מען דאַרף באַלד זיין גרייט אויף צינדן מאָרגן צוויי ליכט און איבערמאָרגן דריי.

ב) מען דאַרף זיך ניט באַנוגענען דערמיט וואָס מען מאַכט ליכטיק ביי זיך אין שטוב ובמילא וועט זיין ליכטיק אין גאַס, נאָר מען דאַרף לייגן השתדלות אויף צו באַלייכטן די גאַס.

ג) דער צוגאַנג צו דעם דאַרף זיין מיט מסירת נפש, אַזוי ווי דער ענין נס — העכער פון טבע. מען קוקט אויף אים מיט אַ קרומער אויג, דאַרף ער ניט נתפעל ווערן און טאָן מיט מסירת נפש אויסצופירן די שלי־חות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געשיקט.

יד. און דאָס מאָנט מען ביי יעדער אידן. ער זאָל וויסן אַז ער איז אַן

29) ב״ק פב, ב.

„אמבאסאדאר" פון דעם אויבערשטן אויף צו אנווארעמען די גשמיות פון זיין טייל וועלט ביז אז וועט באלייכטן אים און אויך זיין סביבה.

און דער אופן אין דעם דארף זיין, ניט באנוגענען זיך מיט וואס ער האט אויפגעטאן נעכטן, נאר אלע טאג צוגעבן מער ליכט. מען דארף וויסן וואס מ'האט אויפגעטאן נעכטן כדי צו וויסן וויפל צו מוסיף זיין היינט.

און בשעת מען גייט מיט דעם וועג, — מען גייט מיט א מסירת נפש, מען באנוגענט זיך ניט דערמיט וואס מען מאכט ליכטיק ביי זיך, און מען באנוגנט זיך ניט דערמיט וואס מ'האט שוין אויפגעטאן, — האט מען דעם צוזאג אז סוף סוף ווערט טאקע אזוי, עס ווערט ליכטיק אין גאס, און אלע מאל מיט מערער ליכט, ביז מען געפינט שמן טהור (ריינע בוימל) אויף אנצינדן אין בית המקדש.

(משיחת כ"א כסלו, תשי"ג)

טו. די מצוה פון נר חנוכה איז אפגעטיילט פון אלע מצות אין צוויי זאכן:

א) אין אלע מצות איז פאראן דער קיום פון דער מצוה כתקונה, און דער הידור פון דער מצוה. עס איז אבער ניטא קיין הידור מן ההידור.

א ראי' אויף דעם איז פון דעם וואס די גמרא זאגט: הידור מצוה עד כמה, עד שליש, און דערנאך זאגט די גמרא[30]) אז ביז א שליש איז משלו, ומכאן ואילך משל הקב"ה. קומט דאך אויס אז מען קען מהדר זיין אן א שיעור, און דאס אלץ גייט אריין אין הידור מצוה.

דאקעגן אבער ביי מצות נר חנוכה איז פאראן ניט נאר די מצוה אליין און ניט נאר דער הידור פון דער מצוה, נאר אויך מהדרין מן המהדרין.

ב) אין אלע מצות, זיינען רוב אידן מקיים בלויז די מצוה אליין. אבער אין דער מצוה פון נר חנוכה איז דער מנהג ביי אלע אידן[31]) צו מקיים זיין ניט נאר די מצוה אליין נאר אויך דעם הידור, און אפילו דעם הידור מן ההידור.

טז. אין חנוכה זיינען פאראן צוויי ניסים: א) דער נצחון פון דער מל־חמה, וואס אויף דעם האט מען מת־קן געווען הלל והודאה. ב) דער נס פון פך השמן, וואס אויף דעם האט מען מתקן געווען הדלקת הנרות.

דער ענין פון מהדרין מן המהדרין איז ניט אין מצות הלל והודאה, נאר אין מצות הדלקת הנרות, וואס עס איז פארבונדן מיטן נס פון פך השמן.

די מעלה פון נס מיטן פך השמן אויף אלע ניסים, ובכללם אויך דער נס פון נצחון אין דער מלחמה, וועט מען פארשטיין נאך א פריערדיקער דערקלערונג אז אין די הנהגות של־מעלה זיינען פאראן דריי ערליי אופני הנהגות:

א) הנהגה טבעית, — א נאטיר־לעכע אויפפירונג — וואס זי גופא קען זיין א דערהויבענע, בהצלחה. עס איז טאקע אן ענין פון הצלחה, אבער פונדעסטוועגן איז דאס אן הצ־לחה וואס על פי טבע.

ב) הנהגה ניסית וואס איז העכער פון טבע. וואס אזוי איז אויך געווען

---

30) ב"ק ט, ב.

31) או"ח סי' תרע"א, ס"ב הגהת רמ"א.

דער נצחון המלחמה פון חנוכה — אַ נס וואָס איז העכער פון טבע, וואָרום עס איז דאָך געווען גבורים ביד חל־שים ורבים ביד מעטים [32]. אויב עס וואָלט זיין גבורים ביד גבורים וואָלט דאָס אויך זיין הצלחה, וואָרום עס איז דאָך אַ מלחמה, אָבער אַלץ ניט נס. גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים, איז נס וואָס איז העכער פון טבע.

ג) הנהגה וואָס איז העכער אויך פון אַ נס. אַן ענין וואָס מוז ניט זיין מצד ענינים פון גוף, אָדער אַפילו פון נשמה, נאָר דאָס איז אַ הידור, און אין עניני הנשמה, אַט דאָס איז געווען דער נס וואָס מ'האָט געפונען דעם שמן טהור וואָס איז געווען אַן ענין וואָס איז פאַרבונדן נאָר מיט דער נשמה, און נאָך מערער, עס איז געווען אויף להראות חיבתם של ישראל (וואָרום עפ"י דין האָט מען געקענט צינדן אויך מיט שמן טמא, ווייל טומאה דחוי' אָדער הותרה בצבור, און דער נס איז געווען בכדי להראות חיבתם של ישראל) [33].

יז. היות אַז אַלע ענינים של־מעלה זיינען אָפּהענגיק אין דער עבודה פון מענטשן, זיינען פאַראַן דריי אופנים אין עבודת האדם, וואָס זיי ברענגען די דריי הנהגות הנ"ל.

הנהגה טבעית קומט דורך מקיים זיין תורה און מצות, ווי עס שטייט אם בחוקותי תלכו [34] גו' ונתתי גשמי־כם בעתם ונתנה הארץ יבולה, און די איבעריקע ברכות.

הנהגה ניסית קומט דורך הידור מצוה דוקא, בשעת אַז מען באַנוגענט זיך ניט מיט מקיים זיין די מצות בלויז ווי עפ"י דין, נאָר מען איז מהדר אין דער מצוה, מען זוכט אַז די מצוה זאָל זיין בהידור, דאַן גיט דער אויבערשטער מדה כנגד מדה [35], — די הנהגה שלמעלה מהטבע.

די דריטע הנהגה אָבער קומט דורך מסירת נפש דוקא — וואָס עס איז נאָך העכער ווי דער ענין פון הידור מצוה.

יח. די מעלה פון מס"נ אויף הידור מצוה איז:

הידור מצוה מיינט אַז ער טוט ניט די זאַך ווייל ער מוז דאָס טאָן, נאָר ער האָט אַ געשמאַק אין דעם און טוט דאָס מיט אַ חשק און אַ חיות. דערפאַר זוכט ער אַלץ ווי צו פאַרבעסערן דאָס און מאַכן עס זאָל זיין שיין, הגם ער איז ניט מחויב אין דעם.

— דער משל אויף דעם איז פון אַ קנעכט וואָס איז מקיים דעם באַפעל פון דעם מלך, איז אויב ער האָט ניט קיין געשמאַק און קיין חיות אין דעם, און טוט נאָר ווייל ער מוז מקיים זיין דעם באַפעל, דאַן איז ער מקיים נאָר דעם באַפעל אַליין און זוכט ניט צו מהדר זיין אין דעם, ווייל ער האָט ניט קיין געשמאַק אין דעם. דאַקעגן אויב די זאַך איז ביי אים טייער און ער האָט אַ חיות אין דעם, זוכט ער צו מהדר זיין אין דעם —

אָבער פונדעסטוועגן איז ער אַ מציאות פאַר זיך, עס איז פאַראַן דער געשמאַק און דער ווילן וואָס ער וויל מקיים זיין די מצות, און עס איז פאַראַן דער וועלער. דאַקעגן מסירת נפש הייסט, אַז ער איז אינגאַנצן קיין מציאות

---

32) נוסח התפילה.

33) זע אויבן עמוד 81 און ווייטער.

34) ויקרא כו, ג.

35) סנהדרין צ, א.

אות ניט פאַר זיך, און זיין גאַנצע מציאות איז מקיים זיין דעם רצון העליון.

ער איז ניט אויסן אַז ער זאָל זיין דער „טראַכטער", דער „זאָגער" און דער „טוער", ער איז אויסן אַז די זאַך זאָל זיך אָפּטאָן, ובמילא איז אים קיין נפקא מינה ניט, צי די זאַך קומט דורך אים צי דורך אַן אַנדערן, אַבי די זאַך זאָל זיך אָפּטאָן.

און דורך דער עבודה פון מס"נ, אַז ער לייגט זיך אַוועק אינגאַנצן, ער לייגט אַוועק אַפילו זיין נשמה, און דער עיקר איז ביי אים מקיים זיין די מצוה, דאַן צאָלט אָפּ דער אויבער־שטער מדה כנגד מדה, אַז די הנהגה שלמעלה איז העכער פון נס, עס איז אַן ענין וואָס איז אינגאַנצן ניט פאַר־בונדן מיט מציאות.

יט. אַזוי ווי חנוכה זיינען אידן געשטאַנען מיט מס"נ, דערפאַר איז דעמאָלט געווען דער נס פון פך השמן אויף צו באַווייזן חיבתם של ישראל, וואָס עס האָט ניט קיין שייכות מיט ענינים פון מציאות. דורך דעם ענין פון הידורים איז די הנהגה פון ניסים שלמעלה מהטבע, אָבער עס איז פאַר־בונדן מיט גוף, מיט מציאות. אָבער דורך מס"נ וואָס ער לייגט אַוועק זיין מציאות אינגאַנצן, איז די הנהגה מלמעלה אין אַן אופן וואָס איז אינ־גאַנצן ניט נוגע צו מציאות.

אַזוי אויך פון צווייטן זייט, אַז די הנהגה שלמעלה איז ניט פאַרבונדן מיט מציאות, רופט זי אַרויס ביי אידן אַן אַוועקלייג פון מס"נ. און דוקא מס"נ איז דאָ ביי אַלע אידן, אַפילו ביי אַ קל שבקלים ווען עס דערנעמט אים [36] (אַנדערש ווי אין דעם ענין פון תורה, צדקה וכו').

דערפאַר, איז חנוכה וואָס דעמאָלט איז געווען די הנהגה למעלה אוין להראות חיבתם של ישראל — וואָס דאָס האָבן אידן אַרויסגערופן דורך מס"נ — האָט דאָס אַרויסגערופן ביי אידן דעם ענין פון מהדרין מן המהד־רין, ניט נאָר קיום המצות כתקונה, אויך ניט בלויז קיום המצות בהידור, נאָר מהדרין מן המהדרין, אַן אַוועק־לייג און אַ ביטול אין גאַנצן.

און דערפאַר איז אין נר חנוכה פאַראַן דער ענין פון מהדרין מן המהדרין וואָס עס איז ניטאָ ביי אַנדע־רע מצות, און אַלע אידן האָבן דאָס אָנגענומען, ווייל דער גאַנצער ענין פון חנוכה איז מהדרין מן המהדרין — ביטול אין גאַנצן, וואָס דאָס איז דער ענין פון מסירת נפש.

(משיחת נר ה' דחנוכה, תשי"ג)

36) תניא פי"ט. ד"ה אין הקב"ה בא בטרוניא תרפ"ה. ספר המאמרים תש"ט ע' 118.

# פרשת ויגש

א. אויפ'ן פסוק ויגש אליו יהודה זאָגן רז"ל [1], אַז אין דער דאָזיקער הגשה (דערנעענטערן זיך) צו יוסף'ן, איז יהודה געווען גרייט אויף אַלץ, אויך אויף מלחמה.

פאַרוואָס האָט יהודה אַזוי שטאַרק זיך איינגעשטעלט פאַר בנימין'ען, זאָגט דער פסוק ווייטער „כי עבדך ערב את

1) ב"ר צג, ו.

הנער". און דערפאַר איז ער געווען גרייט אויך אויף מלחמה.

אין פלוג, ווי אַזוי איז געווען רעכט ביי יהודה׳ן מלחמה האַלטן מיט יוסף׳ן, בשעת אַז יהודה מיט זיינע ברידער זיינען געווען אַ קליינע צאָל און יוסף איז געווען דער הערשער וואָס האָט געהאַט אונטער זיך גאַנץ מצרים?

אמת טאַקע, אַז יהודה איז געווען אַ גבור, אָבער יוסף מיט זיינע קינדער זיינען דאָך געווען נאָך גרעסערע גבורים, ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש [2]), אַז בשעת יהודה מיט די ברידער האָבן געגעבן אַ קלאַפּ מיט די פיס אַז גאַנץ מצרים איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, האָט יוסף אויך געוויזן אַזאַ גבורה, ביז אַז יהודה האָט געזאָגט, זה גבור ממני — ער איז שטאַרקער פון מיר — היינט ווי איז ביי אים געווען רעכט צו האַלטן מלחמה קעגן זיי?

נאָר דער טעם אויף דעם איז: מצד דעם וואָס יהודה האָט גענומען אויף זיך די אחריות פון בנימין׳ען — כי עבדך ערב את הנער — ער זאָל אים צושטעלן צו יעקב׳ן, איז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס עס בלייבן דאָך גאַנץ די איבעריקע ברידער, האָט ער זיך אָבער מוסר נפש געווען אויף צוליב איין אידיש קינד, ווייל ער האָט גענומען אחריות אויף זיך.

ב. און דאָס איז אַן אָנווייזונג און אַ מוסר השכל פאַר יעדער פאָטער און מוטער, וואָס דער אויבערשטער האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט די אחריות פון יעדן איינעם פון זייערע קינדער, אַז זיי דאַרפן זיך מוסר נפש זיין אפילו אויף איין קינד, אַז מיט אים זאָל ניט פּאַסירן דאָס וואָס עס דאַרף ניט פּאַסירן מיט אַ אידיש קינד.

און דורך דעם מס״נ אויף חינוך הבנים והבנות על טהרת הקודש, קומט מען צום אויספיר פון דער סדרה — ויפרו (און נאָך כ׳נער) וירבו (ביז צו) מאד.

(משיחת ש״פ ויגש, תשי״א)

ג. אויפ׳ן פסוק ואת יהודה שלח גו׳ להורות לפניו גשנה, ברענגט רש״י אין נאָמען פון מדרש "לתקן לו בית תלמוד שמשם תצא הוראה".

בשעת דער אויבערשטער האָט געהייסן יעקב׳ן גיין אין מצרים, האָט יעקב באַוואָרנט פריער — לפניו — אַז דאָרטן זאָלן זיין ישיבות. הגם דער אויבערשטער האָט אים צוגעזאָגט אַז ער וועט מיט אים מיטגיין, "אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה", פונדעסטוועגן האָט יעקב זיך באַמיט צוגרייטן פריער ישיבות, און ערשט דאַן איז ער געגאַנגען אַהין מיטן אויבערשטן, ווייל ישיבות איז דער יסוד און דער קיום פון אידן.

און די ישיבות וואָס יעקב אָבינו האָט געגרינדעט, זיינען געווען די גאַנצע צייט וואָס אידן זיינען געווען אין מצרים, ווי די רז״ל [3]) זאָגן: מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, היו במצרים ישיבה עמהם, שנאמר [4]) לך ואספת את זקני ישראל.

אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער וואו אידן זיינען געווען, אַפילו אין גלות מצרים, וואָס איז געווען זייער

2) דאַרט צג, ז.

3) יומא כח, ב.

4) שמות ג, טז.

אַ שווערער גלות, זיינען געווען ישיבות וואו מען איז געזעסן און געלערענט תורה, וויל, ווי געזאָגט פריער: ישיבות זיינען דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק.

ד. גלות מצרים איז געווען דער שווערסטער גלות פון אַלע גלות'ן, אַפילו פון דעם איצטערדיקן גלות, מצד כמה ענינים:

א) גלות מצרים איז געווען נאָך פאַר מ"ת. הגם אַז אויך דעמאָלט האָט מען געלערענט תורה, ווי עס איז צו זען פון די פיל מאמרי רז"ל, אויך פון דעם מאמר גופא מימיהן של אבותינו לא פרשה ישיבה מהם, פונדעסטוועגן, וויבאַלד אַז די תורה וואָס זיי האָבן געלערנט איז געווען מיט זייער אייגענעם כוח, איז ווי הויך אַ נברא זאָל ניט דערלאַנגען — איז דאָס נאָר ביז שרש הנבראים, אָבער ניט העכער [5].

ב) גלות מצרים איז געווען דער ערשטער גלות ביי אידן, ובמילא איז דאָס געווען זייער שווער צו איבערטראָגן. ווי מיר זען אַז ווען עס טרעפט זיך ביי איינעם אַן אומגליק ר"ל, איז דעם ערשטן מאָל דאָס זייער שווער איבערצוטראָגן, אָבער אַז דער זעלבער אומגליק טרעפט זיך ביי אים נאָך אַמאָל ר"ל, איז שוין ניט אַזוי שווער, וואָרום ער איז שוין „איינגעוואוינט" אין דעם.

ג) אין מצרים זיינען אַלע אידן געווען צוזאַמען. אין די שפּעטערדיקע גלות'ן איז צדקה עשה הקב"ה בישראל שפזרן לבין האומות [6]. אַז אידן געפינען זיך אין פאַרשידענע פלעצער, איז אַז מען פייניקט אידן אין איין פלאַץ קען מען דערוויל איבערכאַפּן דעם אָטעם אין אַ צווייטן פלאַץ, און אויך העלפן די אידן וואָס געפינען זיך אין דעם שווערן מצב. דאַקעגן אין מצרים זיינען אַלע אידן געווען אין איין פלאַץ און אונטער איין ממשלה.

ד) מצרים איז געווען זייער אַ שווערע לאַנד, אַז אפילו קיין עבד [7] האָט ניט געקענט אַנטלויפן פון דאָרטן, און דאָ האָבן געדאַרפט אַרויסגיין פון מצרים ששים רבוא לבד נשים וטף (זעקס מאָל הונדערט טויזנט אויסער פרויען און קינדער).

פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף די אַלע שוועריקייטן, לא פרשה ישיבה מהם. עס זיינען געווען שטענדיק ישיבות אין וועלכע מען איז געזעסן און געלערענט תורה.

ה. מען האָט שוין גערעדט מערערע מאָל, אַז תורה איז ניט ח"ו קיין היסטאָריע־בוך, נאָר יעדער ענין און סיפור, אַפילו יעדער אות פון תורה, איז אַן אָנווייזונג אין יעדער צייט און אָרט.

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן, אַז איצטער איז ניט קיין צייט פון ישיבות, אין אַזאַ שווערן צושטאַנד איז גענוג אויך אַ תלמוד תורה, און אויב שוין יאָ ישיבות, איז אָבער ניט קיין ישיבות ווי אַמאָל, א. אַ. וו.

אויף דעם איז די הוראה פון גלות מצרים: דאָרט, אין מצרים, איז געווען אַ סך אַ שווערערער צושטאַנד ווי איצטער, און פונדעסטוועגן האָט מען

5) זע אויבן עמוד 40 און ווייטער.
6) פסחים פז, ב.
7) מכילתא. רש"י עה"ת שמות יח, ט.

ניט געמאַכט קיין חשבונות און מען האָט געלערנט תורה. נאָך מערער: ניט נאָר וואָס מען האָט ניט גע־מאַכט קיין חשבונות פון דעם שווערן מצב פון גלות, מען האָט אויך ניט געמאַכט קיין חשבונות וואוהין די תורה דערלאַנגט, צי אין שרש הנב־ראים צי העכער. היינט איצטער אַז דער גלות איז אַ סך גרינגער ווי דעמאָלט, און דער לימוד התורה איז אַ סך העכער ווי דעמאָלט, דאַרף מען אַודאי ניט מאַכן קיין חשבונות און עס דאַרפן זיין ישיבות.

ו. די זעלבע זאַך איז בנוגע אויס־האַלטן ישיבות: פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן אַז איצטער איז אים ענג — ענג אין קאָפּ און ענג אין קע־שענע, — אַז ער וועט אָפּעסן, אָפּ־טרינקן און אויסשלאָפן זיך, און עס וועט אים ווערן ברייטער אין קע־שענע, דעמאָלט וועט ער געבן אויף דער ישיבה, און ער וועט נאָך פראַווען מסירת נפש, און געבן אויך זיינע קינדער אין ישיבה, ביז דרייצן יאָר.

דאַרף מען אים זאָגן: מצרים איז געווען אַ סך אַ שווערערער גלות. מען האָט אַפילו קיין אייגענע קש — שטרוי — ניט געהאַט און מ'האָט געדאַרפט אַרומגיין אין אַ פרעמדע מדינה זוכן שטרוי, בשעת די נוגשים זיינען געשטאַנען מיטן בייטש אי־בערן קאָפּ און איבער דער פלייצע, און פונדעסטוועגן — קיין אייגענע שטרוי איז טאַקע ניט געווען, אָבער ישי־בות האָט מען אויסגעהאַלטן.

ז. אין גמרא [8]) איז פאַראַן אַ קלער, וואו איז ערגער פאַרביי צו גיין — דורך אַ גאַס פון זונות אָדער פאַרביי אַן עבודה זרה. אין פלוג, דאַרף מען פאַרשטיין — מילא גיין פאַרביי זונות טויג ניט מצד ראי', וואָרום ראי' אַפילו אָן הרהור — איז מעורר כידוע [9]), אָבער וואָס אַרט דאָס אַז ער וועט גיין פאַרביי אַן עבודה זרה? דער טעם פון ראי' איז דאָך דאָרטן ניט שייך, וואָרום וואָס וועט ער זען אויסער האָלץ און שטיינער? נאָר דער טעם איז: יעדער זאַך פועל'ט אויף דעם אויר וואָס אַרום אים, און אין אַן אָרט וואָס ס'איז פאַראַן טומ־אה, איז אין יענעם אַויר דאָ המשכת הטומאה, און דער אַויר קען פועל'ן אויפן מענטשן [10]).

אַנטקעגן וואָס זאָג איך דאָס?

דער אַויר פון גאַס, אַז איצטער איז ניט קיין צייט אויף ישיבות — האָט גע'פועל'ט אויך אויף אַ טייל תלמידי הישיבות.

עס זיינען דאָ תלמידים וואָס טע־נה'ן, אַז זיי איז שווער צו לערנען ווי מען באַדאַרף, ווייל זיי מוזן זיך פריער פאַרזאָרגן מיט פרנסה. ער קען ניט לערנען רואיק, וואָרום עס דריקט אים שוין אין קאָפּ, מיט וואָס וועט ער מפרנס זיין די קינדער וואָס דער אויבערשטער וועט אים געבן נאָכדעם ווי ער וועט קומען צו דער צייט פון שידוכים, און מען וועט טאָן אין דעם, און ער וועט געפינען זיין בת גילו, און עס וועט זייך תנאים און דערנאָך חתונה און דערנאָך וועלן געבאָרן ווערן קינדער

8) ע"ז יז, א.

9) משנה זבים פרק ב מ"ב. זע אויך קונטרס העבודה פ"ב.

10) וועגן דער ווירקונג פון לופט, זע אויך אין „היום יום" – י"א טבת. „קובץ ליובאַוויטש" שנה ראשונה חוב' ד ע' 63 (אגרות ח"א ע' רלה ואילך).

בשעה טובה ומוצלחת. אויך דאגה׳ט ער וואס וועט ער זיי איבערלאזן נאך הונדערט און צוואנציק יאר, ובמילא גייט ער שוין אוועק אין גאס — על כל פנים זיין כוח העמקה גייט אוועק — און טראכט וועגן „תכלית״ פון פרנסה.

פון וואנען קומט אזא געפיל צו תלמידי הישיבות? — פון דעם אויר פון גאס כנ״ל. ווארום, כאטש, דער רבי דער שווער האט געזאגט, אז די אויז (אין אמעריקע) האט זיך שוין גערירט, אבער פונדעסטוועגן איז פאראן א חילוק און א מרחק אין דעם איז פון „זיך גערירט״, ביז אז עס זאל זידן און קאכן מיט דעם הוי׳ אלקיך אש אוכלה הוא[11]). דערצו זיינען נאך אויך פארבליבן שיריים פון פריער, און דער סוג תלמידים כאפן פון די פריערדיקע שיריים.

ח. א לימוד זכות איז טאקע דא אויף זיי, אז דאס קומט פון דער אטמאספער פון דער סביבה כנ״ל, אבער עס דארף דאך ניט זיין אזוי. און אויך אויף דעם איז דא א הוראה מהנ״ל:

אין מצרים איז אויסער דעם וואס עס איז געווען זייער א שווערער גלות כנ״ל, איז מען געווען אזוי שטארק דערדריקט אז מ׳האט גאר ניט פארנומען א מחשבה וועגן ארויס־גיין פון גלות. בשעת משה רבינו האט אנגעזאגט די בשורת הגאולה איז — ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה[12]), און פונדעסט־וועגן, איז אפילו איידער משה איז געקומען און געזאגט פקדתי, האט מען ניט געטראכט חשבונות, וואס וועט זיין דער „תכלית״, נאר מ׳איז געזעסן אין ישיבות און געלערנט. איז מכל שכן איצטער דארף ניט איינגיין אין קאפ, „וואס וועט זיין דער תכלית״, און מען דארף זיצן און לערנען ניט טראכטנדיק קיין חשבונות.

ובפרט אז איצטער איז די עבודה א סך א גרינגערע ווי דעמאלט. ווי עס איז באוואוסט[13]) אז ר״ב ניצוצות פון די רפ״ח ניצוצות שנפלו, האט מען מברר געווען אין גלות מצרים, ווי עס שטייט וגם ערב ר״ב עלו אתם און עס איז געבליבן ניט מער ווי פ״ו ניצוצות בגימטריא אלקים, און אויך פון די פ״ו ניצוצות גופא, האבן אידן במשך הזמן, מיט שוויס און מיט בלוט, א סך פון זיי מברר געווען, און ס׳איז געבליבן נאר פכים קטנים וואס מ׳דארף מברר זיין.

ובמילא איז דאך די עבודה א סך א לייכטערע, ווייל: א) עס איז גע־בליבן נאר א מיעוט צו מברר זיין. ב) עס איז פאראן דער סיוע הניצוצות וואס מ׳האט שוין מברר געווען.

(משיחת ש״פ שמות, תשי״ג)

ט. עס שטייט אין כתבי האריז״ל[14]), אז דורך דעם „הא לכם זרע״ וואס אין דעם איז אויך אנגעדייט אז יוסף האט זיי געגעבן מל זיין זיך, האט מען מוסיף געווען חיות אין מצרים — קליפות, — ענין גלות מצרים. און אין הא לחמא עניא איז מרומז אויך די גאולה.

---

11) דברים ד, כד.

12) שמות ו, ט.

13) תורה אור ס, ג.

14) פע״ח שער חהמ״צ פ״ו. סי׳ האריז״ל בהגדה.

— דאָס איז אויך דער טעם וואָס נוסח האריז״ל אין דער פיסקא הא לחמא עניא איז — הא בצירי און ניט הָא בקמץ.

(דער חילוק פון הָא בקמץ ביז הא בצירי איז אויך אין פירוש: הָא (בקמץ) לחמא עניא כו׳ איז דער טייטש: דאָס איז די לחמא עניא וואָס אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, און הא (בצירי) לחמא עניא כו׳ איז דער פשט: נאָט אייך[16]) לחמא עניא).

י. בכדי צו פאַרשטיין ווי אַזוי דער „הא לחמא עניא״ איז אַ באַוואָרעניש און אַ תיקון אויף דעם „הא לכם זרע״, דאַרף מען פריער דערקלערן דעם ענין פון דעם קלקול — שאָדן — וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון דעם וואָס יוסף האָט געזאָגט, הא לכם זרע.

אין פלוג איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס האָט דער „הא לכם זרע״, וואָס יוסף האָט געזאָגט צו די מצריים, ניט געטויגט. על פי שכל דאַרף דאָך אויסקומען, אַז די הנהגה פון יוסף׳ן בכלל וואָס ער האָט געזאָגט הא לכם זרע, איז ניט נאָר וואָס עס האָט ניט געדאַרפט ברענגען קיין חסרון, נאָר אדרבה, נאָך אַ מעלה. אויסער דעם וואָס מיט דעם „ואת העם העביר״ גו׳ — איבערפירנדיק די מצריים פון איין אָרט צום צווייטן האָט ער אַראָפּגענומען די שאַנד פון זיינע ברידער, מען זאָל זיי ניט רופן גולים (גלות־מענטשן)[16]), איז דאָך אויך ידוע אַז ד׳ער ענין פון יוסף ברוחניות איז צדיק יסוד עולם[17]) און זיינע אַלע עובדות זיינען געווען השפעות פון ג־טלעכקייט — איז דאָך דאָס די כוונה הרצוי׳ צו פאַרשפרייטן און משפיע זיין ג־טלעכקייט צו אַלעמען, אַפילו צו מצריים?

נאָר דער ענין איז:

יוסף האָט דאָס געטאָן מדעת עצמו. דערפאַר איז כאָטש ער האָט טאַקע גע׳פועל׳ט ביי די מצריים אַ דערנענטערונג צו קדושה, אָבער וויבאַלד ער האָט דאָס געטאָן מדעת עצמו, האָט עס געבראַכט אַ הוספה פון חיות — לעבן — אין קליפות, ווייל מצרים, פון זייער זייט, זיינען נאָך אינגאַנצן ניט געווען ראוי צו דעם.

דאָס האָט געבראַכט די שטאַרקייט פון גלות מצרים, וואָס דאָס איז דער פשט פון הא לחמא עניא כו׳ בארעא דמצרים, אַז דאָס וואָס יוסף האָט געזאָגט הא לכם זרע, איז געווען אַ סיבה אויף דער שטאַרקייט פון גלות מצרים.

ענלעך געפינט מען אויך ביי משה רבינו אַז דורך דעם וואָס ער האָט מיטגענומען דעם ערב רב מדעת עצמו, האָט דאָס געבראַכט דעם חטא פון עגל. ווי דער אויבערשטער האָט אים געזאָגט[18]) שחת עמך אשר העלית גו׳ — וואָס דו האָסט זיי אַרויפגעבראַכט[19]).

יא. כ״ק מו״ח אדמו״ר שרייבט אין אַ סך פון זיינע בריוו, אויך איז דאָס פאַראַן אין פאַרשידענע מאמרים, אַז פון יעדער זאַך וואָס מען לערנט איז דער עיקר: אַרויסנעמען פון דעם אַ בכן אין עבודה.

דער פריערדיקער ענין אין שייכות צו עבודה איז:

---

15) אין מדרש לקח טוב צו ויגש מז, כג: הא לכם מלשון הליכי.
16) חולין ס, ב.
17) משלי י, כה.
18) שמות לב, ז.
19) שמות רבה פמ״ב, ו. זח״ב מה, ב.

מען מאַנט דאָך שטענדיק, מען זאָל מקרב זיין אַלעמען, ניט רעכענענדיק זיך ווער עס זאָל ניט זיין. אָבער מען דאַרף שטענדיק געדענקען אַז מען זאָל אַליין ניט אָפּטרעטן, און דער קירוב וואָס מען איז יענעם מקרב דאַרף זיין אָן קיינע פּשרות חס ושלום אין תורה און מצוות.

און לויט דעם באַוואוסטן וואָרט, אַז בשעת איינער טרינקט זיך רחמנא לצלן מוז מען אים ראַטעווען, אָבער מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק אַז מען זאָל אַליין ניט דערטרונקען ווערן ח״ו.

און ווי מען האָט שוין אַמאָל גע־רעדט [20]) אין דעם פּירוש פון דער משנה [21]) הוה מתלמידיו של אהרן כו' אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, אַז אין דעם זיינען פאַראַן צוויי הוראות: א) מען דאַרף מקרב זיין אַלעמען, אַפילו בריות (ד. ה. אַזעלכע וועלכע האָבן ניט קיין אַנדער זכות מער ניט ווי דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן); ב) דער אופן אין דעם דאַרף זיין „ומקרבן לתורה״, ניט צופּאַסן די תורה לויט דעם גייסט פון די בריות, חס ושלום, נאָר אדר־רבה, מקרב זיין די בריות צו תורה — תורה תמימה אָן קיינע פּשרות. אַזוי אויך בנוגע מנהגי ישראל וואָ־רום מנהגי ישראל תורה [22]).

יב. וואָס ס'איז נוגע לפועל:

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן, בשעת איך קען מקרב זיין אַ אידן צו אי־דישקייט — איז וואָס זאָל איך דאָ גיין מאַכן חשבונות? איך וועל פאַר־בויגן אַ ביסל וועגן מחיצות אין אַ שול וכדומה, דערווייל אָבער וועלן דאָך קומען נאָך אַ סך אידן אין שול, און זיי וועלן נענטער ווערן צו אי־דישקייט.

און נאָך טענה'ט מען: מילא אין אַ סביבה פון אידן שומרי תורה ומצוות, דאַרף מען טאַקע מהדר זיין אויך אויף אַ קוצו של יו״ד, אָבער בשעת מען געפינט זיך אין אַן אָרט וואָס ס'איז דאָ קעגנערשאַפט צו תו־רה ומצוות, דעמאָלט דאַרף מען פאַר־בויגן אויפן „טפל״, בכדי צו פאַר־היטן דעם עיקר.

איז למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכן — צו איינעם וואָס וועט זאָגן, אַז אין דער היים און אין אַ שעת שלום וועט ער גיין מיט כלי־זיין, וואָרום הגם עס איז טאַקע אַ שעת שלום, פונדעסטוועגן איז זיכע־רער בשעת ער וועט גיין מיט כלי זיין. אָבער בשעת ער גייט אויף מלחמה, וועט ער גיין אָן כלי־זיין, ווײַלע: ערשטנס, וויל ער אַז מען זאָל ניט דערקענען אַז ער איז אַ שונא. צווייטנס, כדי ער זאָל זיך קענען גרינגער באַוועגן, בשעת ער וועט דאַרפן. פאַרשטייט מען דאָך אַז עס איז אַ שטות גדול ומוחלט.

יג. אויף אַ געוויסער אסיפת הר־בנים מיט יאָרן צוריק האָט איינער געזאָגט, אַז בשעת מען נוצט וואַסער אויף טרינקען, איז אַ נפקא מינה צי עס איז גוטע וואַסער צי ניט; בשעת מען דאַרף אָבער לעשן אַ שריפה, איז ניט קיין נפקא מינה וועלכע וואַסער דאָס איז. האָט אים כ״ק מו״ח אדמו״ר געענטפערט: דאָס איז נאָר דאַן בשעת עס איז זיכער אַז דאָס איז וואַסער, עס איז מער

---

20) זע אויך לקו״ש ח״ב ע' 16־315.

21) אבות פ״א מי״ב.

22) זע ירושלמי פסחים פ״ד ה״א ובפרקי דר״א פמ״ה.

ניט אַ קלער צי ס'איז ריינע וואַסער אָדער ניט. בשעת אָבער עס איז גאָר ניט קיין וואַסער, נאָר עס איז קעראָסין — נעפט — דעמאָלט איז ניט נאָר וואָס מען קען דערמיט ניט לעשן די שריפה, נאָר אדרבה, די שריפה וועט נאָך ווערן שטאַרקער, הגם אַז קעראָסין איז אויך אַ משקה.

און אַזוי איז אויך בנוגע דעם אויבנדערמאָנטן ענין, אַז מיט משנה זיין אַפילו אַ מנהג ישראל איז ניט נאָר וואָס מען קען דערמיט ניט פועל'ן לטובה אויף דער סביבה, נאָר גאָר פאַרקערט.

אַזוי ווי עס איז דאָ אין גמרא [23], בנוגע די סליחה וכפרה פון יום כפור, אַז אַפילו למאן דאמר עצומו של יום מכפר אָן תשובה, און אַפילו אויף עבירות וואָס ער האָט געטאָן יום כיפור גופא, אָבער אויף עבירות וועלכע ער האָט געטאָן אין יום כיפור, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איסורים פון יום כיפור אַליין, איז יום כיפור ניט מכפר, ווייל אין קטיגור נעשה סניגור [24].

יד. און אויף דער טענה, אַז ווען מען אַרט דאָס אַז ער וועט פאַרבויגן אַ חוט השערה, וויבאַלד אַז דורך דעם וועט ער פאַרדינען דעם עיקר?

זיינען פאַראַן דערויף צוויי תשובות:

א) אפילו אויב עס וואָלט געווען זיכער, אַז מען וועט האָבן דורך דעם די גרעסטע תועלת אין קירוב ישראל לאביהם שבשמים, שטייט אָבער אויף אַזעלכע ענינים: אל תהי צדיק הרבה [25]. מען דאַרף ניט זיין פרימער פון דער תורה. וויבאַלד אַז על פי שולחן ערוך טאָר מען ניט, דאַרף ער ניט זיין פרימער פאַרן שולחן ערוך, און דאַרף ניט זאָרגן אויף מקרב זיין אידן צו אידישקייט מער ווי תורה זאָרגט.

קען ער דאָך ווייטער טענה'ן: גוט, איך בין טאַקע ניט מחויב צו זאָרגן פאַר אידן מער ווי תורה זאָרגט פאַר זיי, אָבער ווער ווען אַרט דאָס אַז איך וועל יאָ זאָרגן? דאַרף מען אים ענטפערן אַז ס'איז ניט אַזוי, ער האָט באמת ניט קיין רשות עובר צו זיין אויף דברי תורה, צוליב זיין פרומקייט. און ווער זאָגט דאָס אַז די תועלת פון מקרב זיין אידן (וואָס ער מיינט אַז ער וועט דורכדעם דערגרייכן) איז וויכטיקער ווי דער דין אין שולחן ערוך.

ב) דאָס אַלץ וואָלט געווען אַפילו אויב מען וואָלט געווען זיכער אַז דער סאָרט פירונג ברענגט אַ וויכטיקן נוצן. דער אמת איז אָבער, אַז וויבאַלד דאָס איז ניט על פי תורה, וועט עס זיכער ניט ברענגען קיין תועלת — נוצן — נאָר אַדרבה, קלקול — שאָדן.

טו. און דאָס איז וואָס מיר זאָגן: הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, וואָס דאָס איז אַ תיקון אויף דעם וואָס יוסף האָט געזאָגט הא לכם זרע.

מיר ווייסן — זאָגן מיר — אַז דורך דעם וואָס יוסף האָט געזאָגט הא לכם זרע איז — אכלו אבהתנא

23) זע כריתות ז, א. צפנת פענח (להגאון הרגצובי) על הרמב"ם הל' יבום פ"ד ה"כ.
24) ברכות נט, א.
25) קהלת ז, טז.

בארעא דמצרים, האט דאס גורם גע־וועז דעם גלות מצרים כנ״ל. דער־פאר איז כאטש כל דכפין ייתי וייכול כל דצריך ייתי ויפסח, מען דארף טאקע אלעמען מקרב זיין, אבער מען דארף עס טאן נאר אין דעם וועג ווי תורה מאנט, טאקע ייתי וייכול, אבער מיטן באדינג אז ייתי ויפסח, ער דארף און מוז מאכן דעם גאנצן סדר הפסח.

און דורך דעם וואס מען גייט אין דער וועג, פועל׳ט מען, אז הגם השתא הכא און השתא עבדין, פונ־דעסטוועגן איז לשנה הבאה בארעא דישראל און לשנה הבאה בני חורין.

(משיחת ליל ב׳ דחה״פ, תשי״ד)

# פרשת ויחי

א. די ברכה מיט וועלכער יעקב אבינו האט געבענטשט זיין זון אשר איז: מאשר שמנה לחמו. זאגט אויף דעם רש״י אז דאס מיינט, אז ביי אים זאל זיין א סך בוימל, און רש״י איז מוסיף אז דאס איז אויך געוועז משה רבינו׳ס ברכה צו אשר׳ן — וטובל בשמן רגלו [1].

מען האט שוין א סך מאל גע־רעדט וועגן דעם, אז אלע ענינים וואס זיינען דא אין גשמיות, זיינען אויך דא אין רוחניות. און אדרבה — פון די ענינים אין רוחניות קומען אראפ די זעלבע ענינים אויך למטה אין גשמיות.

אויב דאס איז אזוי אין ענינים פון וועלט, איז מכל שכן וקל וחומר אז די ענינים וועלכע שטייען אין תורה, זיינען דא אין רוחניות. וואו־רום יעדער ענין פון תורה האט דאך אין זיך ניט נאר דעם פשט נאר אויך דעם רמז, דרוש און סוד.

אזוי אויך די ברכה „מאשר שמנה לחמו״ און „וטובל בשמן רגלו״ איז כאטש אין מקרא יוצא מידי פשוטו [2], אז ס׳איז טאקע געוועז — פשוט אין גשמיות — א סך זיתים (אויל־בירטן) אין דער נחלה פון אשר, ווי רש״י ברענגט דערויף דעם סיפור וואס ווערט דערציילט אין גמרא [3], שעפט דאס אבער ניט אויס דעם גאנצן אינהאלט פון פסוק, און עס איז זיכער פאראן דער ענין אויך אין רוחניות.

ב. דער ענין פון וטובל בשמן רגלו אין רוחניות איז:

שמן איז א רמז (אנדייטונג) אויף חכמה [4], וואס חכמה איז דער העכס־טער טייל ביי דעם מענטשן. רגל איז דער נידעריקסטער טייל פון מענטשן. וטובל בשמן רגלו מיינט, אז — רגל נוצט זיך מיט שמן, ד. ה. אז כאטש אויסערלעך איז דאך רגל די נידעריקסטע מדריגה, פונדעסט־וועגן איז פאראן אין איר גאר א גרויסע מעלה, ביז אז אפילו חכמה — שמן — קומט ניט צו דער מעלה,

---

1) דברים לג, כד.

2) שבת סג, א.

3) מנחות פה, ב.

4) ראה שם.

וואס דערפאַר באַנוצט זיך רגל מיט שמן.

אַזוי געפינען מיר אויך בזמן המ־שיח — ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים[5]). שמן איז חכמה, זיתים איז דער מקור פון שמן. און הר הזיתים איז נאָך העכער פון זיתים, ווארום דאָס איז דאָך דער אָרט פון וועלכן עס קומען אַרויס זיתים. איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז הר הזיתים איז גאָר אַ דערהויבענע מדריגה, און פונדעסטוועגן זאָגט מען, ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים, אַז רג־לים שטייען נאָך העכער פון הר הזיתים.

דער ענין פון שמן מיט רגל אין עבודה איז: שמן (חכמה) מיינט אַז ער לערנט תורה און איז מקיים מצ־וות ווייל ער האָט אין דעם אַ פאַר־שטאַנד און אַ געשמאַק. אָבער רגל מיינט, אַז זיין עבודה איז מצד קבלת עול. איז כאָטש אין פלוג איז דאָס אַ נידעריקע מדריגה, ווארום ער האָט דאָך אין דעם ניט קיין געשמאַק און קיין חיות, מער ניט ווי קבלת עול אַליין, פונדעסטוועגן, איז דאָ אַ מעלה אין עבודה מצד קבלת עול אויף עבודה מצד טעם ודעת, ווי מען וועט ווייטער דערקלערן.

און דערפאַר איז אויך אין גשמיות (וואָס די ענינים אין גשמיות נעמען זיך פון רוחניות כנ"ל) פאַראַן אַ מעלה אין רגל אויפן ראש, וואָס דער רגל דוקא איז משלים דעם ראש, כמבואר בלקוטי תורה פ' נצבים[6]).

5) זכרי' יד, ד. זע אויך הוספות לס' החקירה — להצ"צ — ד"ה במו"נ כו' ועמדו רגליו.

6) זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 398 ואילך.

ג. אויף צו פאַרשטיין די מעלה פון רגל אויף ראש, אויך צו פאַר־שטיין די שייכות פון מעלת הרגל מיט שבט אָשר, דאַרף מען פריער דערקלערן דעם ענין פון מחנה דן, וואָס שבט אָשר איז געווען פון זיין מחנה.

מחנה דן איז געווען מאסף לכל המחנות[7]). זיי זיינען געגאַנגען צום סוף פון אַלע מחנות, און דורך דעם האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט צו געפינען אַלע זאַכן וואָס די פריער־דיקע מחנות האָבן פאַרלאָרן, און אומ־קערן זיי צו זייערע בעלי־בתים.

דאָס הייסט, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מחנה דן זיינען געגאַנ־גען צום סוף, וואָס דאָס ווייזט אַז זיי זיינען געווען נידעריקער פון די אַנדערע מחנות — בחינת רגל,

פונדעסטוועגן — און אדרבה, מצד דעם גופא — האָבן זיי אומגעקערט די אבידות צו די אַנדערע מחנות.

ד. ווי געזאָגט פריער, איז אַלע ענינים אין גשמיות נעמען זיך און דייטן אָן אויף זייער ענין אין רוחניות.

דער ענין פון אבידה איז אַזוי ווי עס זאָגן די רז"ל[8]) איזהו שוטה זה המאבד כל מה שנותנים לו. זאָגט אויף דעם חסידות[9]) אַ פירוש, אַז מלמעלה גיט מען יעדן אידן דעם מ"ה[*9]), ד. ה. דעם כוח פון ביטול צו אלקות. אָבער מצד דעם יצר־הרע, וואָס ווערט אָנגערופן מלך זקן

7) ברש"י עה"ת בשם הירושלמי, במדבר י, כה.

8) חגיגה ד, א.

9) לקו"ת במדבר צא, ג. שם דברים לג, א.

*9) ווי דער לשון: ונחנו מה.

וכסיל [10]) — שוטה — קען מען פאַר־לירן חס ושלום דעם מ״ה. און די אבידה ווערט געפונען און אומגעקערט דורך מחנה דן — מאסף לכל המחנות.

די מחנות וואָס זיינען געגאַנגען פריער, און געווען נאָענט צום משכן, אַפילו שבט לוי און אַפילו בני קהת, קען ביי זיי זיין אַ מציאות, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם מ״ה און ביטול צו אלקות. נאָר ביי מחנה דן — בחינת רגל דוקא, איז ניט נאָר וואָס דער מ״ה וואָס אין זייער נשמה איז גאַנץ, נאָר נאָך מערער, זיי קערן אום דעם מ״ה און ביטול אויך צו אַלע אידן.

אַזוי ווי מ׳האָט גערעט פריער, אַז דער רגל דוקא איז משלים דעם ראש.

ה. און דאָס איז אויך וואָס שטייט (אין היינטיקער סדרה) דן ידין גו׳. די גמרא [11]) זאָגט: ההוא דאמר דונו דיני אמרי שמע מינה מדן קאתי דכתיב דן ידין גו׳.

די הנהגה פון „דונו דיני" איז, אַז אויף יעדער זאַך, אַפילו אויף גאָר אַ קלייניקייט, קוקט ער אַריין ווי איז דער דין אין שולחן ערוך. ער ווייס, אַז די וועלט איז ניט הפקר, און אויך אויף דער קלענסטער זאַך, איז דאָ אַ הוראה אין תורה.

די הנהגה קומט מצד קבלת עול דוקא. בשעת די עבודה אין תורה ומצות איז מצד טעם ודעת — מצד פאַרשטאַנד, — איז דאָך אויך לויט דעם שכל פון תורה פאַראַן אַ חילוק פון אַ גרויסע זאַך ביז אַ קליינע.

והראי׳ וואָס תורה רופט אָן איינע קלה שבקלות און די צווייטע — חמורה שבחמורות. אָבער מצד קבלת עול זיינען קלות שבקלות וחמורות שבחמורות גלייך [12]), ווייל ביידע גלייך זיינען דעם אויבערשטנס גזירות.

און דאָס איז די עבודה פון מחנה דן — קבלת עול. וואָס דערפאַר איז דאָס בגילוי — אויסערלעך — אַ נידעריקע מדריגה, וואָרום ער האָט דאָך ניט אין דעם קיין פאַרשטאַנד און געשמאַק, אָבער באמת ובפנימיות, איז קבלת עול העכער פון השגה און דאָס איז אין צוויי ענינים:

א) השגה — פאַרשטאַנד — איז באַגרענעצט. ובמילא, מיט השגה קען מען ניט נעמען אלקות — ג־ט־לעכקייט, — ווייל אלקות איז בלי גבול — אומבאַגרענעצט. איז בשעת ער דינט דעם אויבערשטן מצד שכל, נעמט ער אים — דעם אויבערשטן — אין אַ באַגרענעצטן אופן, אויף וויפל זיין שכל קען משיג זיין. דאַ־קעגן קבלת עול איז די איבערגע־געבנקייט צום אויבערשטן אַזוי ווי ער — דער אויבערשטער — איז בלי גבול — אומבאַגרענעצט.

ב) אויסער דער מעלה פון קבלת עול אויף השגה, וואָס קבלת עול דערלאַנגט העכער פון השגה, איז אויך דאָ די מעלה אין קבלת עול וואָס דאָס איז דער יסוד פון כל העבודה, אויך פון דער עבודה וואָס על פי טעם ודעת. וואָרום אויף שכל אַליין טאָר מען ניט בויען, און בכדי אַז דער שכל זאָל זיין ווי ער דאַרף

10) קהלת ד, יג. רש״י שם.
11) פסחים ד, א.

12) זע יל״ש יתרו רמז צחר. ירושלמי פאה א, א. דב״ר רפ״ו ועוד.

זיין, איז עס פריער דורך קבלת עול דוקא. ווי ער זאָגט אין תניא[13]) בשם הזהר „ואי האי לא אשתכח גבי' לא שריא בי' קדושה"[14]).

ו. און לויט דעם וועט מען פאַר־שטיין דעם ענין וואָס מחנה דן איז געגאַנגען צום סוף, מאסף לכל המח־נות, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן דריי טעמים:

א) ווייל זייער עבודה איז געווען בקבלת עול, וואָס בגילוי — אויס־ערלעך — איז דאָס אַ נידעריקע מדריגה, בחינת רגל. און וויבאַלד אַז זייער מדריגה אין רוחניות איז געווען (בגילוי) בסוף, דערפאַר איז אויך זייער אָרט בגשמיות געווען צום סוף.

ב) מצד דעם ביטול פון קבלת עול, האָבן זיי זיך מוסר נפש געווען אויף צו זיין מאספים לכל המחנות, אפילו צו די הינטערשטעליקע פון אידן, כאָטש אַז דורך דעם האָבן זיי געדאַרפט זיין ווייט פון דעם משכן און צום סוף.

וואָרום בשעת ער שטייט אין ביטול פון קבלת עול, איז ער ניט קיין מציאות פאַר זיך. זיין גאַנצע מצי־אות איז נאָר דער קיום רצון העליון. אים איז ניט נוגע וואָס וועט זיין מיט אים, אים איז נוגע נאָר אַז דער רצון העליון זאָל זיך דורכפירן. און דערפאַר איז ביי אים רעכט אַז ער אַליין זאָל זיין ווייט פון משכן און צום סוף, אַבי מקיים זיין רצון העל־יון דורך מקרב זיין אַ אידן צו ג־ט־לעכקייט.

ג) מחנה דן, קבלת עול, גיט אַ קיום און איז דער יסוד פון דער גאַנצער עבודה, אויך צו השגה, אַט אַזוי ווי רגל און יסוד, וואָס אויף זיי שטייט דער גאַנצער בנין, און זיי האַלטן אונטער דעם קאָפּ.

ז. די הוראה פון דעם אין עבודה איז:

אויך דער וואָס לערנט תורה און איז מקיים מצות אויף דעם דער־הויבענסטן אופן, ביז אַז ער שטייט נאָענט צום משכן און אָרון, פונדעסט־וועגן, אויב ער טראַכט נאָר וועגן זיין אייגענער טובה, (אפילו בשעת דאָס רעדט זיך וועגן זיין רוחניות'־דיקער טובה) און עס פעלט ביי אים די איבערגעגעבנקייט צו טאָן אַ טובה אַ צווייטן אידן, איז וויבאַלד עס פעלט ביי אים דער ענין פון ואהבת לרעך כמוך[15]), יסוד כל התורה, קען ער פאַרלירן דעם מ"ה שבנפשו[16]).

דוקא דער וואָס גיט זיך אַוועק מיט אַ מסירת נפש אויף אהבת יש־ראל, דער דוקא איז זיכער מיט זיך אַליין, אַז ער וועט זיין גאַנץ, און ער קערט אום אויך די אבידות הרוחניות (די רוחניות'דיקע פאַר־לוסטן) צו אַ צווייטן אידן.

ח. די מעלה צו וועלכער מען דער־גרייכט דורך דער עבודה פון קבלת עול און מסירת נפש אויף אהבת ישראל, זאָגט ער אין פ' ברכה אין דער ברכה פון שבט נפתלי וואָס ער איז געווען צום סוף פון מחנה דן גופא — „ים ודרום ירשה"[17]).

די ווערטער „ים ודרום ירשה"

---

13) פרק מא.

14) די דערקלערונג אויף די צוויי אויבנדער־מאָנטע מעלות זע לקו"ש ח"ב ע' 426 ואילך.

15) ויקרא יט, יח.

16) זע תניא פל"ב. שבת לא, א.

17) דברים לג, כג.

זיינען דריי מדריגות, מיט אַ סדר פון מלמטה למעלה.

„ים": עס שטייט אין גמרא[18]), שכינה במערב, ד. ה. אַז כאָטש מערב־זייט איז איינע פון די ד' רוחות, און איז אויך מוגבל בגדר מקום, אַזוי ווי די איבעריקע רוחות, פונדעסטוועגן, איז אין צד מערב פאַראַן גילוי השכינה מערער ווי אין די איבעריקע רוחות.

„ודרום": עס שטייט אין לקוטי תורה[19]) אַז אין דרום איז די שטאַרקסטע היץ פון דער זון. אויף שמש שטייט[20]): שמש (ומגן) הוי' (אלקים), וואָרום דאָס איז העכער פון „ים"[21]). „ים" איז דער כוח אלקי ווי ער איז שוכן און איז מוגדר בגדר זמן ומקום. (דערפאַר איז דער לשון: שכינה במערב)[22]). אָבער אין „דרום" איז דער גילוי פון שמש הוי', הי' הוה ויהי' כאחד[23]) וואָס איז העכער פון זמן ומקום (צייט און אָרט).

„ירשה": דער חילוק פון ירושה ביז מכירה ומתנה איז:

אין מכירה דאַרף דער לוקח געבן געלט. במילא איז די גרויסקייט און די ווערדע פון דער זאַך וואָס דער מוכר גיט אים, לויט דער ווערדע פון די געלט וואָס דער לוקח גיט.

אויך אין מתנה וואָס דער נותן גיט צום מקבל אומזיסט, זאָגט מען[24]): אי לאו דעביד לי' נייחא לנפשי' לא הוה יהיב לי' מתנתא. ובמילא איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך די מתנה וועלכע ער באַקומט ענדערט זיך (כאָטש עס איז ניט אויסגעמאָסטן) לויט דער גרויסקייט פון דעם נחת רוח וואָס דער מקבל האָט פאַרשאַפט דעם נותן.

אָבער אין ירושה האָט אינגאַנצן ניט קיין שייכות דער מצב פון יורש און זיין עבודה. ירושה קומט במילא און אויך צו אַ קטן ביותר.

די זעלבע זאַך איז אויך אין רוחניות[25]): מכירה ומתנה מיינט דער גילוי אור אלקי וואָס איז אויסגעמאָסטן לויט דעם מענטשנס עבודה, וואָס אַן ענדערונג אין דער עבודה פון מענטשן ענדערט דעם אופן פון דעם גילוי. אָבער ירושה איז דאָ ביי אַלע אידן (וואָרום בנים אתם להוי' אלקיכם[26]), ובמילא איז יעדער איד אַ יורש), ס'איז העכער פון כלי המקבל און האָט ניט קיינע הגבלות.

ט. דורך וואָס קומט מען צו צום „ירשה", — דורך דער עבודה פון קבלת עול און מסירת נפש אויף אהבת ישראל. ווי געזאָגט פריער, אַז דורך עבודה על פי טעם ודעת קען מען נעמען אלקות נאָר אין אַ באַגרעניצטן אופן, לויט דער גרויסקייט פון זיין שכל, אויף וויפל ער קען משיג זיין. אָבער קבלת עול איז די איבערגעגעבנקייט צום אויבערשטן ווי ער איז בלי גבול.

און כאָטש, ווי געזאָגט פריער, ירושה איז דאָ ביי אַלע אידן, פונ־

18) ב"ב כה, א.
19) זע לקו"ת ר"פ תזריע.
20) תהלים פד, יב.
21) זע דעת זקנים מבעלי התוספות דברים לג, כג: ים זה עוה"ז, דרום — עוה"ב.
22) זע תניא פרק מב.
23) שער היחוד והאמונה (תניא) פ"ז.
24) מגילה כו, ב. גיטין ג, ב. ב"ב קנו, א. (בשינוי לשון).
25) זע ד"ה תורה צוה תש"ב (קונטרס קטן).
26) דברים יד, א.

דעסטוועגן קען דאָך דאָס אָבער זיין אויך בהעלם — פאַרהוילן — (וכנ״ל בענין איזהו שוטה זה המאבד כל מ״ה שנותנים לו) און דורך קבלת עול איז דאָס בגילוי — אַנטפּלעקט.

י. אין מחנה דן גופא איז שבט אשר געווען דער מיטלסטער שבט, ניט קצוות, נאָר אמצעי משובח [27]), פנימיות שברגל.

אַזוי ווי מחנה דן אין אַלגעמיין האָט געפּועל׳ט אויך אין אַלע אידן כנ״ל, אַזוי אויך שבט אָשר בפרט האָט משפּיע געווען צו אַלע אידן, און ווי עס שטייט ביי אָשר (בפ׳ ברכה) [28]) יהי רצוי אחיו, און רז״ל [29]) זאָגן אַז ער האָט געגעבן שפּייז צו די איבעריקע אידן בשנת השמיטה.

יא. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין די שייכות פון דער השפעה פון שבט אָשר צו שמיטה דוקא.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין: ביי שמיטה שטייט דאָך אין תורה וכי תאמרו מה נאכל גו׳ וצויתי את ברכתי גו׳ [30]), האָט דאָך די ברכה געדאַרפט זיין ביי אַלע שבטים, איז פאַרוואָס האָבן זיי געדאַרפט אָנקומען צו שבט אָשר דוקא?

יב. דער ענין השמיטה (הייײאָר איז דאָך שנת השמיטה) ווערט דערקלערט אין פסוק, אַז עס דאַרף זיין שביתת האָרץ אין די מלאכות פון חרישה וכו׳, בחריש ובקציר תשבות [31]), די מלאכות וועלכע זיי־נען פאַרבונדן מיט מענטשלעכער שפּייז, דאַרפן אָפּגעשטעלט ווערן. זאָגט אויף דעם דער פסוק: וכי תאמרו מה נאכל, און ענטפערט, וצויתי את ברכתי גו׳.

איז דאָך אין פלוג ניט פאַר־שטאַנדיק, נאָך וואָס דאַרף מען דעם יתור לשון וכי תאמרו גו׳? נאָך מער — וואָס דאַרף תורה אויפטאָן אַ קשיא? ווײַבאַלד אָבער אַז ס׳איז אַ שאלה אין תורה, מוז מען זאָגן אַז אויך די קשיא האָט אַן אָרט אין קדושה.

דאָס מיינט, אַז דער אויפטו פון שמיטה איז, עס זאָל זיין ניט אין דעם אופן אַז עס שטעלט זיך ניט לכתחילה קיין קשיא, נאָר דער ענין השמיטה איז אַז עס שטעלט זיך דוקא יאָ אַ קשיא און אַ שטאַרקע קשיא און פונדעסטוועגן שטעלט ער זיך אָפּ פון אַרבעטן, ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן.

מצות שמיטה איז פאַרבונדן מיט אַזאַ פלאַץ און מיט אַזעלכע ענינים, אַז ס׳איז דאָ אַן אָרט אויף אַ קשיא, און פונדעסטוועגן ווירקט עס ניט אויף דער הנהגה פון אידן, און דער־פאַר איז **וצויתי את ברכתי.**

אויך דער וצויתי את ברכתי איז ניט אין אַן אופן, אַז מען וועט ניט דאַרפן אָנקומען צו תבואות האָ־רץ, אַזוי ווי עס איז געווען ביי משה׳ן וואָס לחם לא אכל ומים לא שתה [32]). עס איז אויך ניט באופן, אַז עס זאָל זיין אַ כוח אין דער אכילה פון שנה הששית, אַז מיט דעם כוח פון עסן פון דעם זעקסטן יאָר וועט מען זיין זאַט אויך דעם זי־

27) מגילה כא, ב.
28) דברים לג, כד.
29) תרגום יונתן וירושלמי ע״פ זה. ספרי שם.
30) ויקרא כה, כ־כא.
31) שמות לד, כא.
32) שם, כח.

בעטן יאר, אזוי ווי ביי אלי׳ הנביא וואס ער האט זיך געשפייזט פערציק טעג מיט דעם כוח פון איין מאל עסן [33]), נאר עס וועט זיין וצויתי את ברכתי, עס זאל זיין ברויט און שפייז אין זיבעטן יאר גופא.

און ניט אזוי ווי מן וואס מען האט אין אים געפילט אלע טעמים [34]) און עס איז ניט געווען אין אים קיין פסולת [35]), נאר פשוט׳ער גש־מיות׳דיקער ברויט, אויך מיט די חסרונות און פסולת פון גשמיות.

און דאס וועט זיין ניט בהר סיני, אדער במדבר — נאר אין די פעל־דער און ווייגגערטנער פון ארץ יש־ראל.

און ניט קוקנדיק אז עס איז אזוי פארבונדן מיט גשמיות און אפילו מיט חומריות — ביז עס שטעלט זיך א קשיא וכי תאמרו מה נאכל, פונדעסטוועגן טוט ער די מצוה מיט קבלת עול, און דורך דעם איז וצויתי את ברכתי, אין דעם מזון הגשמי עד למטה מטה.

און דערמיט וועט אויך זיין פאר־שטאנדיק, וואס כאטש אויף שמיטה שטייט ושבתה הארץ שבת להוי׳ [36]), פונקט ווי ביי שבת [37]), פונדעסטוועגן זיינען דאס פשוט׳ע וואכעדיקע טעג, ניט ווי שבת וואס איז אסור במלא־כה, אפילו ניט ווי יום טוב, וואס עס איז מותר בלויז מלאכת אוכל נפש און די אנדערע מלאכות זיינען אסור, נאר שמיטה זיינען אלע מלא־כות מותר, עס זיינען געווינלעכע

וואכן־טעג. און אין וואס מאנט מען דעם שבת להוי׳ — אין די פשוט׳ע עניני ארץ — ערדישע זאכן — שהכל דורסין עלי׳, דארטן דארף זיין שבת להוי׳.

יג. דערמיט וועט מען פארשטיין, פארוואס דער וצויתי את ברכתי — די ברכה און די המשכה פון פנימיות אין אן אנטפלעקטן אופן — איז געווען איבערהויפט אין חלק פון אשר.

בכדי דורכצופירן די עבודה פון שבת להוי׳ אין ענינים הגשמים און אין אן ארט פון העלמות והסתרים ביז אפילו אין אן ארט פון קשיות, איז דאס דורך קבלת עול דוקא, וואס מיטן כוח פון קבלת עול קען מען גיין אויך [38]) אין אן ארט פון פינס־טערניש.

און בכדי מגלה זיין אין דעם פון שרש ומקור הפנימי — איז דאס בפרט און דוקא ביי אשר׳ן, וואס ער איז די בחינה פנימית שברגל.

און זייענדיק א מאסף לכל המח־נות, האט שבט אשר דאס ממשיך געווען צו אלע אידן, ווי די רז״ל זאגן שהי׳ מזין את כל ישראל בתבו־אות (ער פלעגט שפייזן אלע אידן מיט תבואות).

יד. לויט דעם וואס איז דער־קלערט געווארן וועגן שבט אשר, וועט מען אויך פארשטיין דעם ענין פון „מאשר שמנה לחמו״ און „וטובל בשמן רגלו״.

ביי אשר׳ן האט געלויכטן די מעלה פון קבלת עול פון זיין שרש און פנימיות, מעין לעתיד לבוא, וואס דעמאלט וועט זיין מעשה גדול [39]).

33) מלכים א יט, ח.
34) יומא עה, א.
35) שם, ב.
36) ויקרא כה, ב.
37) זע תו״כ אויפן ארט.

38) ראה לקו״ש ח״ב ע׳ 419 ואילך.
39) ד״ה ועבדי דוד תש״ח.

און דורך דער עבודה פון שמיטה — קבלת עול, וועט מען זוכה זיין צום גילוי דלעתיד, צום תרצה הארץ את שבתותי׳[40], וואס דאס ברענגט רצית ה׳ ארצך שבת שבות יעקב[41].

(מלוקט משיחות שמחת ביה״ש, ש״פ בראשית, תשי״ט)

טו. וועגן דעם שכר וועלכן מען באקומט דורך דער עבודה פון אשר — זאגט אויף דעם דער מדרש[42] אין היינטיקער סדרה: „מאשר שמנה לחמו — שהוא מעמיד בגדי שמונה". אזוי טייטשט אויך רש״י (אין צווייטן פשט) אויפן פסוק יהי רצוי אחיו שהיו בנותיו נאות כו׳ נשואות לכהנים גדולים — זיינע טעכטער זיינען געווען שיין און פאר־הייראט צו כהנים גדולים (וועלכע גייען אין שמונה — אכט בגדים).

וואס פאר א שייכות האט בנות נאות צו כהנים גדולים? מוז מען דאך זאגן, אז דער ענין פון שיינקייט דא מיינט א רוחניות׳דיקע שיינקייט, וואס איז שייך צו כהונה גדולה.

דער ענין פון אשה איז דאך אעשה לו עזר כנגדו[43], א הילף פאר דעם מאן אין זיין עבודה. און ווי מען געפינט דאס אין דעם ענין פון עבודת כהן גדול בפרט, אז בשעת זיין עבודה יום כיפור לפני ולפנים, איז געווען נוגע דער וכפר בעדו ובעד ביתו[44] זו אשתו, און אן דעם האט ער ניט געקענט טאן זיין עבודה[45].

די אמת׳ע שיינקייט פון דער אי־דישער פרוי, דער כל כבודה בת מלך פנימה[46], וואס דאס מיינט ענין הצניעות — דאס ברענגט און העלפט כהונה גדולה[47].

און דורך וואס איז מען זוכה צו דעם — דורך דער עבודה פון דונו דינא. בשעת אז די הנהגה איז מיט קבלת עול, על פי שלחן ערוך, ובכלל זה ענין הצניעות, איז מען זוכה אויפ־צושטעלן א דור ישרים מיט בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצוה, ביז צו כהנים גדולים, ד. ה. קינדער וואס גייען אריין אין קדשי הקדשים וואס דארטן איז נאר דער ארון מיט די לוחות אויף וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט די עשרת הדברות, ניט אנגעשריבן מיט טינט וואס איז א צוגעגעבענע זאך צום פארמעט, נאר איינגעקריצט אויף די לוחות, אז ער מיט דער תורה זיינען איין זאך[48].

טז. לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין, וואס ער זאגט פריער אין פסוק, ברוך מבנים אשר, ברענגט רש״י בשם הספרי, אין לך בכל השבטים שנתברך בבנים כאשר, און רש״י זאגט אויף דעם, ואיני יודע כיצד.

רש״י זאגט ואיני יודע כיצד, ווייל אין דעם מנין בני ישראל זעט מען ניט אז אין שבט אשר זאל זיין א גרעסערע צאל ווי אין די אנ־דערע שבטים.

מען דארף דערקלערן די ווערטער פון ספרי, לויט דעם מאמר רז״ל שקול זה כנגד כו׳[49], אז ער וועגט אריבער אלע אנדערע שבטים מצד די באזונדערע מעלות וועלכע זיינען פא־

40) ויקרא כו, לד.

41) תהלים פה, ב. במדרש שם.

42) ב״ר צח, טז. שם עא, י.

43) בראשית ב, יח.

44) ויקרא טז, ו.

45) ער האט געמוזט זיין פארהייראט, זע יומא ב, א.

46) תהלים מה, יד.

47) יומא מז, א. במדבר רבה פ״א, ג.

48) זע לקו״ש ח״ב ע׳ 320.

49) ברכות ו, ב.

ראָן ביי אים, און, אין אונזער ענין מיינט מען, דאָס גרויס נחת פון קינדער. דורך דער הנהגה מיט קבלת עול אין חינוך אויף אַזאַ אופן, איז מען זוכה צו קינדער וועלכע גייען בדרכי התורה ומצוות וכו׳, און מען האָט פון זיי פיל נחת, מערער און מערער ווי פון אַ סך קינדער.

דערמיט איז מובן וואָס ס׳שטייט: וארבה את זרעו ואתן לו את יצחק[50]); פרעגט דער רבי (מהורש״ב) נ״ע: ער זאָגט וארבה את זרעו און פירט אויס אַ בן יחיד, יצחק׳ן? נאָר דער ענין איז ווי דערקלערט, אַז מען קען האָבן נחת פון איינעם מערער ווי פון אַ סך, ביז אַז עס קען זיין איינער און איז שקול כנגד ששים רבוא, אַזוי ווי משה רבינו שהי׳ שקול כנגד כל ישראל[51]) ואין דור שאין בו כמשה[52]). און צו אַזאַ קינד איז מען זוכה דורך אַן עבודה פון קבלת עול דוקא.

יז. די שייכות פון זוכה זיין צו גוטע קינדער מיט דער עבודה פון קבלת עול, וועט מען פאַרשטיין מיט דעם וואָס עס שטייט אין מדרש[53]), אַז פאַר מתן תורה האָט דער אויבערשטער געפאָדערט פון אידן, זיי זאָלן צושטעלן ערבות. די אידן האָבן פאַרגעלייגט פאַרשידענע ערבים, אָבער דער אויבערשטער האָט עס ניט אָנגענומען ביז די אידן האָבן געזאָגט בנינו ערבים בעדנו — אונזערע קינדער זיינען ערבים פאַר אונז.

די דערקלערונג דערפון איז: במשך די יאָרן פון מענטשלעכן לעבן זיינען פאַראַן פאַרשידענע מדריגות: בן חמש למקרא וכו׳ ווי די משנה רעכנט אויס אין אָבות פרק ה׳ אַלע מדריגות אויספירלעך, ביז מען קומט צו שלימות המוחין, וואָס דאָס באַקומט מען צו צוואַנציק יאָר. ווי עס זיינען באַוואוסט[54]) די חילוקים פון בן שש, בן י״ג און בן עשרים, און אויך נאָך עשרים זיינען פאַראַן פיל מדריגות. און תנוקות של בית רבן זיינען אין דער בחינה פון רגל.

און וויבאַלד אַז אַלע אידן זיינען אַ קומה אחת שלימה[55]), במילא, איז אַזוי ווי ביי יעדערן בפרט איז דער רגל מעמיד דעם ראש (אין גשמיות), און אויך אין רוחניות איז קבלת עול האַלט אויף די השגה, אַזוי אויך בכללות ישראל, טוען אויף די רגלים אויך אין דעם ראש.

און ווי אויבן דערקלערט, אַז מחנה דן, בחינת רגל, האָט געגעבן אַ שלימות אויך בשאר המחנות.

און אַזוי ווי אין אַלע ענינים האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו די רגלים, אַזוי אויך ביי מתן תורה, און דערפאַר איז מתן תורה לכל ישראל געוועזן דורך די ערבות פון תנוקות של בית רבן דוקא. ווייל תשב״ר, בחינת רגל, זיינען דער יסוד פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק. און ווי ער פירט דאָרט אויס אין מדרש, מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.

לויט דעם קען מען דערקלערן די שייכות פון גוטע קינדער צו קבלת עול, ווייל בידע זיינען בבחינת רגל כנ״ל, דערפאַר איז מען זוכה דורך דער הנהגה פון קבלת עול צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות.

(משיחת שמח״ת, תש״ט)

---

50) יהושע כד, ג.

51) זע רש״י שמות יח, א.

52) בראשית רבה נו, ז.

53) שיר השירים א, ד. א.

54) שו״ע חו״מ סרל״ה. פי׳ המלות — לאדמו״ר האמצעי — סעיפי ב״ד.

55) לקוטי תורה דברים מד, א. ספר המצות להצ״צ מצות אהבת ישראל.

# פרשת שמות

א. אויפן פסוק כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון, פרעגט מען [1], צוליב וואָס האָט פרעה געדאַרפט אויספירן: וכל הבת תחיון (מען זאָל לאָזן לעבן די טעכטער) — ער איז דאָך אויסן געווען אַז די ניי־געבוירענע זין זאָל מען אַריינוואַרפן אין טייך, און דאָס וואָס וועט זיין מיט די טעכטער האָט אים ניט אינ־טערעסירט, און פון דעם וואָס ער פירט אויס וכל הבת תחיון איז דאָך משמע אַז „וכל הבת תחיון" איז אויך אַ גזירה.

די דערקלערונג דערפון איז: „תחיון" איז דער טייטש און דיוק: איר זאָלט זיי לאָזן לעבן — באַלעבן. די זעלבע מצרים, וועמען פרעה האָט אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלן אַריינוואַרפן אידישע קינדער אין טייך, בכדי אָפּ־צוטויטן ר"ל זייער גוף, האָט ער זיי אויך אָנגעזאָגט אַז די שארית הפליטה קינדער וועלכע וועלן בלייבן לעבן (בגשמיות), זאָלן זיי — די מצריים — מחי' זיין זיי — דערציען אין זייער דרך, אין לעבנסוועג פון מצרים, בכדי אָפּצוטויטן ר"ל זייער נשמה.

דערמיט איז אויך פאַרשטאַנדיק דער שינוי הלשון, וואָס צו די אידי־שע מילדות האָט פרעה געזאָגט נאָר וועגן ניט טשעפּען די בנות — כדי לייכטער אויסצופירן ביי זיי די גזירה פון אָפּטויטן די זין — אָבער זיי האָט ער ניט געזאָגט תחיון — נאָר וחי' — זי זאָל בלייבן לעבן.

און פון דעם וואָס די תורה זאָגט ביידע גזירות צוזאַמען, אין דעם זעלבן פסוק, איז אַ ראי' אַז דער „וכל הבת תחיון" איז ניט קיין קלע־נערע גזירה פון „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו", אָפּטויטן ר"ל די נשמה איז אַזוי האַרב ווי אָפּטויטן דעם גוף, און נאָך ערגער. ווייל [2]: קשה מיתה רוחנית יותר ממיתה גשמית — אַ גייסטיקער טויט איז ערגער פון אַ קערפּערלעכן טויט.

ב. די דערמאָנטע גזירה פון וכל הבת תחיון, צו דערציען אידישע קינ־דער אין לעבן־קאָך פון מצרים, איז אויך מרומז אין דעם כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו.

דער טייך נילוס איז געווען די עבודה זרה פון מצרים, צו וועמען די מצריים האָבן געדינט. די פשוט'ע סיבה איז געווען, ווייל נילוס איז גע־ווען זייער קוואַל פון פרנסה. אין מצרים גייט ניט קיין רעגן און די פעלדער ווערן אָנגעטרונקען פון דעם טייך נילוס.

און דאָס איז היאורה תשליכוהו, וואָס באַדייט צוויי ענינים: א) גלות מצרים בגשמיות — אָפּטויטן ר"ל דעם אידישן גוף. ב) גלות מצרים ברוחניות — אַריינוואַרפן זיי אין דער עבודה זרה און תענוג פון מצרים — אָפּטויטן ר"ל זייער נשמה. וואָרום יאור באַשטייט פון וואַסער וואָס דאָס איז דער ענין פון תענוג (ווייל מים מצמיחים כל מיני תענוג [3]).

---

1) זע שמות רבה פ"א, יח.

2) דרך חיים פ"א (בשינוי לשון). זע אויך פירוש רש"י דברים כג, ט: „המחטיא לאדם קשה לו מן ההורגו".

3) תניא פ"א.

ג. גלות מצרים איז אַ שרש צו אַלע גלות'ן[4]). וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די גזירות וועלכע זיינען געווען אין גלות מצרים, זיינען פאַראַן אין אַלע גליות, אויך אין איצטיקן גלות, און אויך אין אונזער דור.

אויך היינט איז דאָ דער פרעה מלך מצרים, ד. ה. די בעל־הבתישקייט און הנהגה פון דער לאַנד, וועלכע טענה'ט, אַז מען זאָל אַריינוואַרפן אידישע קינדער אין טייך פון מנהגי ונמוסי המדינה, די קינדער זאָלן זיך טונקען און זיין דערטרונקען אין טייך, וואָס לויט זייער מיינונג גיט דאָס די פרנסה.

און מען זאָל איינמויערן אידישע קינדער אין די ווענט פון פיתום און רעמסס, ד. ה. אַריינטאָן זיי אין די ענינים וועלכע זיינען די שטאַרקייט, און דער הויפּט־קאָך פון דער מדינה.

דאַרף מען וויסן, אַז די אַלע טענות פון „הבה נתחכמה לו — לאלקיהם"[5]) קומען פון פרעה מלך מצרים, וואָס וויל, עס זאָל ניט בלייבן קיין שריד ופליט, ר"ל, פון אידישקייט, פון אידישע נשמות, און דורך דעם אויך פון אידישע גופים.

ובמילא, דאַרף מען זיך שטעלן מיט דער גרעסטער שטאַרקייט אַנטקעגן זיינע גזירות און מחנך זיין די קינדער ברוח ישראל סבא.

ד. לפועל מיינט דאָס:

בשעת עס האַנדלט זיך וועגן דערציען קינדער, דאַרף מען ניט און מען טאָר ניט פאַרטרינקען זיי אין דעם נילוס — עבודה זרה פון לאַנד. מען טאָר ניט דערטרינקען ר"ל די קינדער אין דעם „תכלית"־זוכן. דער איינציקער וועג צום לעבן איז דער פולשטענדיקער חינוך אין אונזער תורה — תורת חיים.

עס איז ניטאָ וואָס צו קוקן אויף אַנדערע עלטערן, וואָס זייערע קינדער וועלן אויסוואַקסן פאַרזאָרגטע, דער וועט האָבן אַ הויז, דער אַ קאַר, דער וועט זיין אַ דאָקטאָר, דער אַ לאָיער, און דער וויניקסטנס אַ שיך־פוצער. אָבער אַז זי וועט שיקן איר קינד אין אַ ישיבה, וועט ער זיין אַ בטלן, ער וועט ניט קענען אַפילו פוצן קיין שיך, ער וועט גאָר ניט וויסן ווי מען האַלט אַ בערשטל אין האַנט.

דאַרף מען וויסן אַז דער אויבערשטער איז דער זן ומפרנס לכל, און אַז מען וועט טאָן וואָס ער וויל — ושננתם לבניך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך — וועט ער טאָן וואָס מען בעט ביי אים — פאַר זיך און פאַר די קינדער.

מען דאַרף אָפּגעבן דעם קינד צו אַ מלמד וואָס איז אַליין אַ לעבעדיקער דורך תורתנו תורת חיים און וחי בהם — אין די מצוות פון תורה, און דער מלמד זאָל אַזוי דערציען די קינדער אויפן לעבנס־וועג פון תורה ומצוות, און דורך דעם דוקא, ראַטעוועט מען די אייגענע קינדער און דורך זיי אויך דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

---

4) בראשית רבה פט"ז. לקוטי תורה להאריז"ל פ' תצא. ד"ה קול דודי תש"ט (סה"מ תש"ט ע' 107).

5) שמות רבה פ"א, ט. סוטה יא, א.

ה. אזוי ווי גלות מצרים איז דער שורש צו אַלע גליות, וואָס דערפאַר זיינען די גזירות וואָס זיינען געווען דאַן, פאַראַן אויך היינט, ווי אויבן־דערמאַנט, אַזוי אויך וועגן דער גאולה שטייט [6]), כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, אַז די גאולה העתידה וועט זיין ענלעך צו גאולת מצרים. דאָס הייסט, אַז אויך די הכנות און ענינים וואָס ברענגען די גאולה, דאַרפן זיין ענלעך צו די זעלבע ענינים וואָס האָבן געבראַכט גאולת מצרים.

אויף גאולת מצרים שטייט [7]), בשכר נשים צדקניות שהיו באותו הדור נגאלו אבותינו ממצרים. וואָס האָבן געטאָן די נשים צדקניות? זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ דור פון אידן. בשעת גזירת פרעה, האָבן זיי גע'טענה'ט [8]), אַז מען דאַרף זיך ניט רעכענען מיט פרעה'ס גזירות, פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן, דאַרף מען טאָן ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן, ניט מאַכנדיק קיין חשבונות וואָס וועט זיין דער תכלית פון דעם. ובשכר פון די נשים צדקניות זיינען אונזערע אבות אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

אַזוי אויך איצטער, בכל מדינה ומדינה, ובפרט אין אַמעריקע, דאַרף מען ניט לייגן קיין אַכט אויף דעם קאָך פון דער מדינה, און מאַכן חשבונות וואָס וועט זיין דער תכלית וכו'. מען דאַרף מחנך זיין די קינדער ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן, און דער אויבערשטער וועט פאַרזאָרגן די קינדער און אויך די עלטערן.

דוקא דורך דעם וואָס מען רעכנט זיך ניט מיט גזירת פרעה, ראַטעוועט מען די אייגענע קינדער און מען ברענגט אויך די גאולה כללית צום גאַנצן אידישן פאָלק, דורך משיח צד־קנו, בקרוב ממש.

(משיחות חגה״פ, תשי״ב, תשי״ד)

ו. אויפן פסוק כל הבן גו' תחיון, שטייט אין הגדה, ואת עמלנו אלו הבנים שנאמר כל הבן גו' תחיון.

די ראי' „שנאמר" איז ניט אַז עמל־נו גייט אויף בנים (ע״ד ווי די „כמה שנאמר'ס" ביי די אַנדערע לימודים), וואָרום אויף דעם איז ניטאָ קיין ראי' פון דעם פסוק. די ראי' איז אין אַלגעמיין, אַז ס'איז געווען אַ צרה וועגן בנים. אָבער אויף דעם אַז בנים איז אַן עמל — ברענגט ער ניט קיין ראי'.

און וויבאַלד ער ברענגט ניט אויף דעם קיין ראיות, איז משמע אַז דאָס איז אַ דבר פשוט. און וויבאַלד אַז דאָס איז אַ דבר פשוט, דאַרף מען אויף דעם ניט האָבן קיין לימוד פון אַ פסוק.

ז. דאָס לערנט אונז:

בכדי אַז קינדער, און אַזוי אויך תלמידים (וואָס ווערן אָנגערופן בנים — כדרשת הספרי [9]) זאָלן זיין ווי עס דאַרף צו זיין, מוז זיין עמל, מען מוז אויף דעם האָרעווען.

ווען איינער האָט געהאָרכזאַמע קינ־

6) מיכה ז, טו.

7) סוטה יא, ב.

8) שם יב, א.

9) אויפן פסוק ושננתם לבניך, דברים ו, ז.

דער, ווען איינער האט א השפעה אויף זיינע תלמידים אז אין ווארט וואס ער זאגט זיי איז שוין געגוג, זאל ער ניט מיינען אז דערמיט האט ער יוצא געווען זיין ארבעט. אויך אין דעם פאל — מוז מען הארעווען אויף זייער חינוך.

עמלנו — אזא הארעוואניע, וואס תורה זאל דערויף זאגן אז דאס הייסט געהארעוועט.

און בשעת עס זיינען פאראן די „עמלנו־בנים", איז ניטא וואס נת־פעל צו ווערן פון דער גזירה, כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. מען גייט דורך די גזירה, און נאך מע־רער, אז הם — די קינדער וואס זיי־נען געבארן געווארן און זיך געהא־דעוועט בשעת הגזירה — הכירוהו תחלה[10]). זיי זיינען געווען די ער־שטע וועלכע האבן דערקענט דעם אויבערשטן ביים ים סוף. ניט משה ואהרן, ניט בני אהרן, ניט די זקנים און ניט דער גאנצער דור פון פארן שעבוד, נאר די אידישע קינדער וואס מען האט זיי אויפגעהאדעוועט מיט מסירות נפש, זיי דוקא הכירוהו תחלה, און אין אן אופן פון זה, זה א־לי ואנוהו, אנגעוויזן מיטן פינגער, כביכול.

ח. די הוראה איז ניט נאר צו עלטערן וועגן זייערע קינדער און צו מחנכים וועגן זייערע תלמידים, נאר דאס איז א הוראה צו יעדן אידן, ווא־רום הוכח תוכיח את עמיתך איז א מצוה מן התורה, און פרו ורבו איז א מצוה מן התורה, און דערצו נאך די ערשטע מצוה, וואס פרו ורבו מיינט ניט נאר אין גשמיות נאר אויך אין רוחניות.

אין דעם, וואס די ערשטע מצוה אין דער תורה איז פרו ורבו, איז פאראן א ווארט פון אלטן רבי'נס חסידים, און לויט א צווייטן נוסח — פון אלטן רבי'ן אליין, און דער אינהאלט פונעם ווארט איז: אז דער סדר פון תורה איז אויך תורה — דער ערשטער יסוד אין תורה, און דער ערשטער יסוד אין דעם לעבן פון א אידן איז, אז „איין איד דארף מאכן נאך א אידן".

זאגט מען צו יעדן אידן, אז ער איז מחויב צו הארעווען אין מאכן נאך א אידן בכלל און אין חינוך הכשר בפרט.

(משיחות ליל ב' דחגה"פ תשט"ז)

ט. מען האט שוין גערעדט, אז תינוקות של בית רבן איז דער יסוד פון אידן.

וועגן דער מעלה פון לערנען מיט קליינע קינדער דוקא, געפינען מיר אין גמרא[11]): ברם זכור אותו האיש לטוב ויהושע בן גמלא שמו.

וואס האט אויפגעטאן יהושע בן גמלא?

גאר פריער איז געווען דער סדר אז ווער עס האט געהאט א פאטער האט ער מיט אים געלערנט, און ווער עס האט ניט געהאט קיין פא־טער, האט ער ניט געלערנט. האט מען מתקן געווען, אז עס זאלן זיין מלמדי תינוקות אין ירושלים. דער־נאך האט מען מתקן געווען עס זאלן זיין מלמדי תינוקות אין יעדן פלך, און מען זאל לערנען מיט אלעמען,

---

10) סוטה יא, ב.

11) בבא בתרא כא, א.

אין עלטער פון זעכצן־זיבעצן יאָר. ביז עס איז געקומען יהושע בן גמלא און האָט מתקן געווען אַז אומעטום, אין יעדער מדינה און אין יעדער שטאָט זאָל מען לערנען תורה בחנם, מיט קינדער פון פינף־זעקס יאָר אַלט און ווייטער [12]). און צוליב דער תקנה איז ער זכור לטוב אין אַלע דורות.

בשעת די יעווסעקעס־באָלשעוויקעס האָבן פאַרבאָטן צו לערנען תורה, האָבן זיי ניט פאַרבאָטן דעם לערנען לגמרי. זיי האָבן גע׳טענה׳ט אַז ווען דער קינד וועט ווערן עלטער, אַ בר דעת, און וועט אויסקלייבן צו לערנען, קען מען מיט אים לערנען. זייער פאַרבאָט איז באַשטאַנען נאָר אויף דעם לערנען מיט קליינע קינ־דער. און אויף דעם האָט מען זיך געשטעלט מיטן גרעסטן תוקף און מסירת נפש, ווייל דער גאַנצער קיום פון אידן, איז אָפּהענגיק אין דעם חינוך פון די קינדער־יאָרן דוקא.

אַזוי אויך היינט דאַרף מען זיך שטעלן מיטן שטאַרקסטן תוקף, אַז דער חינוך פון די קינדער פון קליינ־וויז אָן זאָל זיין על פי תורה תמימה, אָן קיינע פשרות, ווייל אין דעם איז אָפּהענגיק דער גאַנצער קיום פון אידן.

**י.** צוליב דער גרויסער וויכטיקייט פון תינוקות של בית רבן, איז יעדער איינער וואָס קען טאָן און העלפן אין דעם, דאַרף ער האָרעווען (כנ״ל בענין עמלנו) מיט זיין געלט, מיט זיין גוף און נפש, צו פאַרגרעסערן דעם חינוך הכשר.

פאַראַן וואָס מאַכן חשבונות, אַז דאָס איז ניט פאַר זיין כבוד. ער דאַרף טאָן אַ העכערן ענין. לערנען מיט קינדער אלף בית, קען אַ פשוט׳־ערער. ריידן וועגן געלט אויף אַ חדר און אַ ישיבה איז שייך צו אַ משולח ניט צו אים א.א.וו. — זאָגט מען אים, אַז דאָס איז אַ חשבון אין נאָרמאַלע צייטן. בשעת אַ שריפה ר״ל, מאַכט מען ניט קיין אסיפות ווער עס זאָל לעשן די שריפה, נאָר יעדערער טוט. יעדערער מוז טאָן וואָס ער קען אויף לעשן די שריפה.

פאַראַן וואָס טענה׳ן, אַז ער האָט שוין גענוג געהאָרעוועט אויף חינוך הכשר, איצטער זאָל טאָן אַן אנדע־רער. זאָגט מען אים, אדם לעמל יולד, אַ מענטש דאַרף שטענדיק האָ־רעווען.

בכדי צו באַרעכטיקן די יסורי הנשמה וואָס זי האָט שטענדיק על ידי ירידתה בגוף [13]), דאַרף ער שטענדיק האָרעווען, וואָרום די ווײלע וואָס ער האָרעוועט ניט, זיינען דאָך די יסורי הנשמה אומזיסטע.

און אַזוי ווי דאָס דאַרף זיין מיט זיך אַליין, אַזוי דאַרף דאָס אויך זיין [14]) מיטן צווייטן, ובפרט בענין החינוך: מען דאַרף שטענדיק האָרע־ווען אין דעם.

(משיחת שושן פורים, תשי״ד)

**יא.** אין סיום פון היינטיקער סדרה שטייט, אַז משה רבנו האָט געפרעגט ביי דעם אויבערשטן, למה הרעתה לעם הזה, און אויף דעם האָט

---

12) זע דאָרטן תוד״ה בבציר.

13) ראה מכתב הנדפס בסוף המאמר ד״ה באתי לגני תשי״ג (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ לח ואילך).

14) להעיר מבבא בתרא ח, ב: הא תליסר שנין כו׳.

אים דער אויבערשטער געענטפערט (בהתחלת פ׳ וארא): אני הוי׳, וארא גו׳ בא־ל שדי ושמי הוי׳ לא נודעתי להם גו׳ וידעתם כי אני הוי׳.

ווערט דערקלערט אין תורה אור[15], אז ביי מתן תורה איז אנטפלעקט געווארן דער שם הוי׳ (וואס צו די אבות איז ער ניט נתגלה געווארן), ובכדי עס זאל קענען זיין דער גילוי — וידעתם כי אני הוי׳ — האט מען געמוזט האבן די הכנה פון גלות מצרים — הרעתה לעם הזה.

און ער פירט דארטן אויס, אז דאס איז אויך דער טעם אויף אריכות גלות האחרון, וואס דאס איז א הכנה צו די גילויים פון לעתיד.

יב. יעדער ענין אין תורה איז אן אמת׳ער און אן אייביקער. פון דעם איז פארשטאנדיק, אז א קשיא אין תורה, כאטש ס׳איז דא אויף איר א תירוץ, פונדעסטוועגן בלייבט נאך אלץ אן ארט אויף דער קשיא.

— ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האט אמאל געזאגט אין א שבועות׳דיקער התוועדות, וועגן דער קשיא וואס שטייט אין תורת החסידות, פארוואס האט מען ניט קובע געווען שמח״ת אום שבועות — זמן מתן תורתנו, אז וויבאלד די קשיא שטייט אין תורה, איז הגם עס איז פאראן אויף איר א תירוץ, פונדעסטוועגן איז נאך אלץ פאראן אן ארט צו זאגן אז שמחת תורה זאל זיין שבועות —

און אזוי אויך דא: וויבאלד אז די קשיא למה הרעת שטייט אין תורה, איז אויך נאכן תירוץ פון וארא גו׳, האט נאך אלץ אן ארט די טענה, למה הרעתה.

יג. איינער פון די טעמים אויף דעם איז: הגם מען דארף טאקע האבן דעם שעבוד הגלות ווייל דאס איז א הכנה צו די גילויים דלעתיד, פונדעסטוועגן, קען מען דאך דאס אבער אומבייטן אויפן גייסטיקן שיעבוד.

ווי ער דערקלערט אין תורה אור[16]) די אלע פרטי השעבוד פון וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה — אין רוחניות: „וימררו את חייהם היא התורה כי היא חיינו, בעבודה קשה דא קושיא, בחומר דא קל וחומר, ובכל עבודה בשדה דא ברייתא, ובלבנים דא ליבון הלכתא״, עיין שם באריכות.

יד. אזוי ווי דעם ענין הגלות כפשוטו קען מען אומבייטן אויף די ענינים ברוחניות, אזוי אויך יגיעת וטרדת הפרנסה (וואס דאס איז דער עיקר הגלות[17]) ) קען מען אומבייטן אויף יגיעה וטרדא אין תורה.

דער עיקר פון טרדת הפרנסה איז דאך דער רבות מחשבות בלב איש[18]), ביז אז ער ווייס ניט ווי צו טאן — קען מען דאס אומבייטן אויף יגיעה וטרדא אין תורה. ער זאל זיך מייגע זיין אין תורה, ביז אז ביי אים וועט ווערן א סברא לכאן און א סברא לכאן, און ער וועט ניט קענען מכריע זיין, וואס דאס איז מייגע ומטריד ביותר.

---

15) נו, ד.

16) מט, א.

17) תורה אור ח, ד.

18) ד״ה מים רבים תרל״ו בתחלתו.

— דער ראַגאַטשאָווער גאון האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער שווערסטער טאָג פון וואָך איז ביי אים שבת. אינמיטן וואָך, ווען עס ווערט ביי אים זייער אַ שטאַרקער שטראָם פון שכל, עס לויפן סברות לכאן וסברות לכאן, האָט ער אַן עצה — שרייבן, וואָס אותיות הכתב זיינען מגביל דעם שכל־שטראָם, איז עס דעמאָלט לייכטער מכריע זיין. מה שאין כן שבת, האָט ער דאָך ניט די עצה, מוז ער זיך מייגע זיין ביותר, ביז ער קען מכריע זיין.

און אַזוי ווי עס ווערט דערציילט [19], אַז בשעת דער מיטעלער רבי פלעגט זאָגן חסידות איז געווען זייער שטיל, דאָך פלעגט ער אַמאָל בשעת חסידות זאָגן: שאַ, שאַ. דער רבי (מהורש״ב) נ״ע האָט עס מבאר געווען, אַז דאָס איז געווען אויף איינצושטילן דעם שכל־שטראָם פון מוח.

אין פלוג, פאַרוואָס דאַרף מען אָפּשטעלן נביעת המוחין?

נאָר ווי מען האָט גערעדט ווערט מען עס פאַרשטיין, ווייל מצד נביעת המוחין איז שווער אָפּצושטעלן זיך און מכריע זיין בהחלט. עס קומט גלייך נאָך אַ טיפערע העמקה וואָס ברענגט אַ פאַרקערטע סברא — ווי דער אָפטער אויסשפּראַך אין מיטעלן רבי׳נס מאמרים: „דלא כנ״ל״.

טו. איינער פון די הויפּט-ענינים וועלכע זיינען געווען בגלות מצרים איז „עבודת פרך״. וואָס מיינט עבודת פרך — זאָגט די גמרא [20], אַז זיי האָבן געגעבן מענערשע אַרבעט צו פרויען און פרויען־אַרבעט צו מענער, וואָס דאָס איז ניט ווי געוויינלעך.

איז אויך דעם ענין פון עבודת פרך דאַרף מען איבערבייטן דאָס זאָל זיין אין רוחניות, אַז די עבודה אין תורה ומצוות דאַרף זיין מער ווי די געוואוינהייט.

און אַזוי ווי אין עבודת פרך בגשמיות איז דאָך די אַרבעט פון פרויען גרינגער פון מענער־אַרבעט, וואָרום איש דרכו לכבש ואין אשה דרכה לכבש [21], פונדעסטוועגן מצד דעם וואָס עס איז ניט ווי זייער געוואוינהייט איז דאָס עבודת פרך.

אַזוי אויך אין רוחניות, אַז די עבודה אַליין קען זיין אַ קלייניקייט, אָבער וויבאַלד אַז צוליב איר מוז ער משנה זיין זיין געוואוינהייט, פאַרבייט דאָס די עבודת פרך בגשמיות.

און אַזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין תניא [22] דער טעם אויף דעם וואָס די גמרא [23] זאָגט, אַז השונה פרקו מאה פעמים לבד ווערט אָנגערופן לא עבדו און השונה פרקו מאה פעמים ואחד ווערט אָנגערופן עובד אלקים, אַז כאָטש דאָס איז דאָך ניט מער ווי נאָך איין מאָל, נאָר וויבאַלד ער איז משנה זיין טבע, זיין געוואוינהייט, „שבימיהם הי׳ הרגילות לשנות כל פרק מאה פעמים״, הייסט ער עובד אלקים. (און דורך דעם אחד דערלאַנגט ער אין יחידה שבנפש. מאה פעמים — עשר כחות הכלולים בעשר. מאה פעמים ואחד — בחינת

19) היום יום — ד אדר שני.
20) סוטה יא, ב.
21) יבמות סה, ב.
22) פרק טו.
23) חגיגה ט, ב.

יחידה, וואס למעלה איז דאס בחינת הכתר[24]).

טז. נאך א פרט איז דא אין דעם, אז ניט נאר וואס אויך דורך א גרינגער עבודה, וויבאלד אז עס איז אן ענדערונג פון זיין געוואוינהייט, פארבייט דאס די עבודת פרך בגשמיות און ער הייסט עובד אלקים;

נאך מערער, אז אויך ווען די דאזיקע ענדערונג פון זיין געוואוינהייט איז ניט אין א פנימיות, ד. ה. אז בפנימיות פארבלייבט ער אין זיין פריערדיקער רגילות, עס איז מער ניט וואס ער נויט זיך בעל כרחו, האט ער אויך די מעלה פון עובד אלקים.

דער טעם אויף דעם איז, ווייל די פנימיות הרצון פון א אידן איז דאך טוב, מער ניט שהיצה"ר אונסו, איז אויף דעם מספיק אויך די כפי' בע"כ[25]).

יז. לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין, וואס דער אלטער רבי ברענגט אין תניא דעם משל הגמרא פון „שוק של חמרים שנשכרים לעשר פרסי בזוזא ולאחד עשר פרסי בתרי זוזי מפני שהוא יותר מרגילותם".

ולכאורה איז ניט מובן, פארוואס דארף ער ברענגען אין תניא דעם משל פון די חמרים, ער האט געדארפט ברענגען נאר וואס די גמרא זאגט אין דער מעלה פון השונה פרקו מאה פעמים ואחד; מוז מען דאך זאגן, אז דער משל החמרים איז נוגע צום פארשטאנד פון ענין פון שינוי הרגילות וועגן וועלכן ער רעדט דארט אין תניא.

וועט מען עס פארשטיין בהקדים הידוע אז אין א תורה־משל זיינען אלע פרטים פון משל מתאים צום נמשל, ווארום דער משל איז נשתלשל מהנמשל, במילא מוזן דאך מתאים זיין אלע פרטים.

וכמו"כ בהנ"ל: חמור ווערט אנגערופן דער גוף. און מען מאנט ביי א אידן עזב תעזוב עמו[26]), מ'זאל זיך ניט מסתפק זיין מיט עבודה וואס איז שייך צו דער נשמה אליין, נאר מ'זאל מברר זיין אויך דעם גוף.

און אין דעם זיינען פאראן צוויי אופנים:

א) מאכן דעם גוף אויס חמור, מאכן אים פאר א מדבר — אתהפכא.

— עס איז דאך ידוע דער סיפור, אז בשעת דער אלטער רבי האט געהאלטן ביי פארן פון מעזריטש אהיים, איז געגאנגען הרב הקדוש הרב המלאך (דעם מעזריטשער מגיד'ס זון) באגלייטן אים. האט דער מלאך געזאגט צום בעל עגלה — מ'דארף שמייסן די פערד אז די פערד זאלן ווערן אויס פערד. נאך א נוסח: אז די פערד זאלן וויסן אז זיי זיינען פערד. האט דער אלטער רבי געזאגט, אז עס איז אים צוגעקומען א דרך אין עבודה, און האט אפגעלייגט די נסיעה, און איבערגעבליבן נאך א צייט אין מעזריטש —

ב) זייענדיק במהותו ווי ער איז, זאל ער זיך כופה זיין און משנה זיין רגילותו — אתכפיא. און אויך

---

24) זע לקוטי תורה ראה כב, ג. וש"נ.

25) זע רמב"ם הלכות גרושין ספ"ב.

26) היום יום — כ"ח שבט. זע אויך אויבן עמוד 32.

דורך דעם אופן פון אתכפיא, הייסט ער אַן עובד אלקים.

און דאָס איז מרומז אין די פּרטי המשל פון שוק של חמרים:

דעם חמור האָט ער ניט געקויפט, ד. ה. דער חמור איז ניט געוואָרן זיינער (ובנמשל הו"ע אתהפכא), ער האָט אים מער ניט ווי געדונגען, ד. ה. אַז דער חמור איז געבליבן אין זיין פריערדיקן רשות, אָבער פונ־דעסטוועגן רעכנט ער זיך ניט מיט זיין רגילות צו פאָרן מער ניט ווי עשר פרסי, און אַרבעט מיט אים יותר מרגילותו.

אַזוי איז אויך אין רוחניות, אַז הגם דער גוף איז במצבו החומרי כמו שהוא, פונדעסטוועגן, דורך דעם וואָס ער איז כופה דעם חומר הגוף בעל כרחו על כל פנים, ווערט ער אויך אַנגערופן עובד אלקים.

(משיחת ש"פ וארא, תשי"א)

# פרשת וארא

א. ווי מען האָט שוין אַ סך מאָל גערעדט, אַז אַלע ענינים פון תורה, ניט נאָר די דינים נאָר אויך די סיפורים, זיינען אַ הוראה (אָנווייזונג) — תורה מלשון הוראה — אין יעדער צייט און אין יעדער אָרט, עד סוף כל הדורות. און דאָס איז דער ענין פון נצחיות התורה.

דאָס הייסט, אַז אפילו די דערציילונגען און געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ מעמד ומצב, וואָס איז ניט שייך אין איצטיקע דורות, אָבער מצד נצחיות התורה, זיינען אויך זיי אַ הוראה אין יעדן דור.

אַזוי איז דאָס ביי אַלע סיפורי התורה, און מכ"ש די סיפורים וועגן יציאת מצרים.

די מצוה פון זכירת יציאת מצרים איז יעדן טאָג, ווייל דער ענין פון יציאת מצרים איז פאַראַן אין דער רוחניות'דיקער עבודה פון מענטשן יעדן טאָג, ווי דער אַלטער רבי דערקלערט באריכות אין תניא (פמ"ז) און אין תורה אור. איז דאָך זיכער אַז אַלע סיפורים וואָס די תורה דער־ציילט וועגן דעם אופן ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים אין גשמיות, זיינען אַ הוראה אויך אין דעם אופן „יציאת מצרים" אין רוחניות.

דער אָנהויב פון יציאת מצרים איז געווען מיט די עשר מכות, וואָס דורך זיי האָט מען צעבראָכן דעם שטאָלץ פון פרעה און דעם שטאָלץ פון מצרים. דאָס איז דאָך דער תוכן פון היינטי־קער סדרה, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן די מכות דם, צפרדע כו'.

ב. דער אָנהויב פון היינטיקער סדרה איז וועגן דער שווערער אונ־טערדריקונג און גלות אין מצרים.

די סדרה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער וארא אל אברהם גו', וואָס דאָס איז דעם אויבערשטנ'ס ענט־פער צו משה רבינו אויף זיין שאלה

(ענדע פ׳ שמות) למה הרעתה לעם הזה גו׳ והצל לא הצלת את עמך.

דער גלות איז געווען אַזוי שטאַרק, מיט אַזאַ שטאַרקער פינצטערקייט, — חושך כפול ומכופל — אַז אַפילו ביי משה רבנו, וואָס ער איז תכלית החכמה והשכל דקדושה, איז אַפילו אין זיין שכל ניט געווען קיין אָרט אויף דעם, און ער האָט געפרעגט: למה הרעתה לעם הזה.

אויך נאָכדעם, ווען משה רבינו האָט איבערגעגעבן צו די אידן דעם ענט־פער פון דעם אויבערשטן: „לכן אמור לבני ישראל אני הוי׳ גו׳ והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים גו׳" מיט די ד׳ לשונות של גאולה, איז ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה.

אפילו די אויסערגעוויינלעכע אַנט־פלעקונג פון שם הוי׳, וואָס איז דאַן נתגלה געוואָרן, ווי עס שטייט: לכן אמור לבני ישראל אני הוי׳, וואָס דאָס איז דאָך גאָר אַ דערהויבענע אַנטפלעקונג, פונדעסטוועגן האָט עס ביי זיי ניט געבראָכן דעם גלות, און ולא שמעו אל משה גו׳.

און זיכער, אַז דאָס איז ניט גע־ווען די שולד מצד דעם שליח וואָס האָט איבערגעגעבן דעם אויבערשטנס רייד, וואָרום דער שליח איז דאָך געווען משה רבנו וואָס שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, ד. ה. אַז אַפילו דער גוף הגשמי פון משה׳ן איז געווען אַ צינור און אַ כלי צו איבערגעבן דעם אויבערשטנס רייד ווי זיי זיינען.

— ווי עס איז באַוואוסט [1]) דער חילוק צווישן משה׳ן און אַלע נביאים אַז בא אַלע נביאים, בשעת נבואה האָט געדאַרפט זיין התפשטות הגש־מיות, ווייל זייער גשמיות׳דיקער קערפּער איז ניט געווען קיין כלי צו דעם, און אַפילו נאָך דעם — התנבאו ב„כה" (בחינת דמות בלבד), אָבער משה רבנו איז בשעת הנבואה גע־בליבן ווי ער איז, און התנבא ב„זה" [2]), ווייל זיין גוף הגשמי איז געווען אַ צינור און אַ כלי אויף איבערגעבן דעם דבר הוי׳ ווי ער איז —

אויסער דעם איז געווען דער זכרון זכות אבות, וואָס דער אויבערשטער האָט דערמאָנט ביים אָנהויב פון זיין דיבור: וארא אל האבות, וואָס זכרון זכות אבות איז אַ גרויסע הילף, אַזוי ווי עס איז פאַראַן אין משנה [3]), אַז מען פלעגט זאָגן האיר פני כל המזרח עד שבחברון להזכיר זכות ישני חברון, וואָס דאָס איז אַ סיוע — הילף — אין עבודת הקרבנות בכלל און קרבן תמיד בפרט.

נאָך מערער: דער זכרון זכות אבות איז געווען פון דעם אויבערשטן אַליין, וואָס דאָס איז גאָר אַ גרויסע סיוע.

און ניט קוקנדיק אויף די אַלע מע־לות: א) גילוי פון שם הוי׳ און די ד׳ לשונות של גאולה; ב) דער גילוי דורך משה׳ן; ג) דערמאָנונג פון זכות אבות; און ד) דורכן אויבערשטן אַליין, האָט דאָס נאָך אַלץ ניט גע־פועל׳ט אויף זיי אַנצוהויבן ברעכן דעם גלות, און עס האָט זיך ביי זיי ניט אָפּגעלייגט דער ענין פון גאולה.

ניט נאָר אַז בא זיי האָט זיך דאָס ניט אָפּגעלייגט אין אַן אופן פון ראי׳

---

1) רמב״ם הלכות יסוה״ת פ״ז ה״ו.

2) ספרי ר״פ מטות. רש״י עה״ת במדבר ל, ב.

3) יומא כח, א. תמיד ל, א.

— התאמתות גדולה ביותר — נאָר אַפילו אין אַן אופן פון שמיעה[4] — הבנה והשגה אַליין — האָט זיך דאָס אויך ניט אָפּגעלייגט — ולא שמעו גו׳.

ג. דאָס אַלץ ווערט דערקלערט אין אָנפאַנג פרשה. אָבער שפּעטער אין דער פרשה, דערציילט זיך וועגן די מכות, וואָס דוקא זיי האָבן אָנגע־הויבן צעברעכן דעם גלות, ניט קוקנ־דיק אויף זיין שטאַרקייט און תוקף, כנ״ל.

און דאָס איז אַן אָנווייזונג אין דער עבודה פון יעדן איינעם, יעדן טאָג אין יציאת מצרים הרוחנית:

ניט קוקנדיק וואָס דער „מצרים" איז בא אים מיט אַ גרויס שטאַר־קייט — צי דאָס איז בחי׳ מצרים דקדושה, ד. ה. אַז זיין עבודה איז על פי טעם ודעת, במילא איז זיין עבודה אַ באַגרענעצטע — מצרים וגבולים, אָדער אפילו אַז דאָס איז מצרים דלעומת זה, ד. ה. אַז אפילו די עבודה וואָס על פי טעם ודעת פעלט בא אים אויך, פונדעסטוועגן, דורך דער עבודה פון די מכות קען מען ברעכן די שטאַרקייט פון מצרים, און פועל׳ן אַ גאולה אין זיין נשמה.

ד. די ערשטע מכה וואָס האָט גע־בראָכן גלות מצרים איז געווען — דם. די וואַסערן — פון נילוס — זיינען געוואָרן בלוט.

די טבע פון וואַסער איז קאַלט און נאַס[5]. בכלל איז קאַלטקייט אַ היפך פון קדושה, ווייל קדושה איז חיות, לעבעדיקייט, ווי עס שטייט אין אדר״נ[6]: עשרה נקראו חיים, דאָס ערשטע רעכנט ער דאָרט, אַז הקב״ה נקרא חיים, און דערנאָך רעכנט ער אויס אַלע וואָס זיינען באַהעפט צום אויבערשטן. חיות ברענגט מיט זיך חמימות, וואַרעמקייט. אָבער קאַלט־קייט איז דער היפך פון וואַרעמקייט און קדושה׳דיקער לעבעדיקייט.

דאָס מיינט: די ערשטע זאַך וואָס מ׳דאַרף איינברעכן איז — קאַלט־קייט, בשעת ס׳איז דאָ אַ קאַלטקייט צו קדושה־ענינים, הויבן זיך פון דעם אָן אַלע ענינים וועלכע זיינען אין קעגנזאַץ צו קדושה. און דערפאַר איז די ערשטע מכה געווען אין וואַסער — קאַלטקייט.

ה. אין וועלכע מים איז די מכה געווען? — דערציילט די תורה: „במים אשר ביאור"[7] — אין די וואַסערן פון טייך נילוס.

אין קאַלטקייט זיינען דאָ צוויי אופנים: א) אַ קאַלטקייט צו ענינים פון וועלט, וואָס דאָס קומט מצד קדושה. ב) אַ קאַלטקייט צו עניני קדושה, וואָס דאָס איז דער אָנהויב פון אַלע קליפות, כנ״ל.

אַזוי זיינען אויך פאַראַן צוויי סאָרטן מים: א) מים וואָס קומען מלמעלה, ווי עס שטייט: למטר השמים תשתה מים, וואָס דאָס איז קרירות פון קדושה. ב) מים שמתחת לארץ — קרירות דקליפה.

דאָס וואַסער פון טייך נילוס, איז געווען פון דער דרגא הב׳. דערפאַר

4) זע תורה אור ר״פ ויחי, ובכ״מ.
5) זע רמב״ם הלכות יסוה״ת פ״ד ה״ב.
6) פל״ד, י.
7) זע זהר חלק ב׳ כח, ב.

שטייט [8]) ביים נילוס דער לשון עולה לקראתו, ווייל דאָס קומט ניט מלמע־לה נאָר פון די מים שמתחת לארץ.

און די מי נילוס, ד. ה. די קאַלט־קייט צו קדושה, דאָס איז געווען די ע״ז פון מצרים, וואָס פון דעם האָבן זיך גענומען אַלערליי שלעכטס. דער־פאַר, בשעת מען האָט אָנגעהויבן ברעכן דעם גאון — שטאָלץ — פון מצרים, האָט מען די ערשטע זאַך געבראָכן די מי היאור — ענין הקרירות.

ו. וואָס איז געוואָרן פון די וואַ־סערן? זיי זיינען געוואָרן דם — בלוט. דם איז חיות, לעבעדיקייט, ווי עס שטייט כי הדם הוא הנפש. „ויהפכו כל המים אשר ביאור לדם", אַנשטאָט די קאַלטקייט איז געוואָרן לעבעדי־קייט, דמיני ובי׳ אבא לשדי׳ בי׳ נרגא [9]).

דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס ביים אָנהויב שטייט [10]), אַז דאָס וואַסער איז איבערגעאַנדערשט גע־וואָרן לדם „ביבשת", ולכאורה, וואָס איז נוגע צו מוסיף זיין דעם וואָרט ביבשת? נאָר דער ענין איז: ווייל טרוקעניש, יבשה, האָט ניט אין זיך אַפילו די מעלה פון פייכטקייט — דביקות, און דער אויפטו איז געווען, אַז אפילו אין טרוקעניש זאָל אויך זיין חיות.

ז. אין די פיר סוגים פון דומם, צומח, חי און מדבר, איז וואָס דער סוג האָט אין זיך ווייניקער חיות, אַלץ ווייטער איז ער פון קדושה, וואָרום קדושה איז חיות, כנ״ל. דומם איז די ווייטסטע זאַך פון קדושה, נאָך דעם גייט צומח און דאַן חי. אַזוי אויך אין די ד׳ עולמות אצילות בריאה יצירה עשי׳, איז עשי׳ — וואָס דאָרט איז הרע גובר — בדוגמת דומם א. א. וו.

מים און דם זיינען די קרירות וחמי־מות ווי דאָס איז אין דומם. אָבער אויך אין בעלי חיים איז דאָ דער ענין הקרירות. און פאַרשטייט זיך אַז איבערהויפּט איז דאָס ביי די בע״ח וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן פון וואַסער. פון די עשר מכות — איז דאָס צפרדעים, ושרץ היאור צפר־דעים, ווי ביי בריאת הדגים אין ששת ימי בראשית [11]), ביז אַז צפרדע שווימט אין טייכן וכו׳, ווי דערציילט אין גמרא ומדרש [12]), אַז בכדי אַן עקרב זאָל קענען אַריבערגיין איבער אַ טייך, זעצט מען אים אַרויף אויף אַ צפרדע, און דער צפרדע פירט אים איבער דעם טייך.

— עקרב איז אויך בטבע אַ קר און תוקף הקרירות [13]). פונדעסטוועגן איז ער ניט מים, ניט היפך בתכלית פון אש, ער שווימט ניט. אָבער צפרדע איז בריאת המים [14]) — היפך האש.

ח. דערמיט וועט מען פאַרשטיין, וואָס עס שטייט א רבותא אויף די

---

8) אגדת בראשית פמ״ב. פירש״י עה״ת בראשית מז, י.

9) סנהדרין לט, ב. (כ״ה הלשון בתניא. ובגמרא ניזיל בי׳ נרגא).

10) שמות ד, ט.

11) שמות רבה פ״י, ב.

12) נדרים מא, א. קהלת רבה פ״ה עה״פ ויתרון ארץ.

13) עבודה זרה כח, סע״ב.

14) שמות רבה פ״י, ג.

צפרדעים אַז דוקא זיי זיינען גע־גאַנגען „בתנוריך״ — אין די אויוונס. אין פלוג, וואָס איז דער אויפטו אין דעם?

— די חז״ל לערנען דערפון אָפּ זייער מסירות נפש[15]), אַז וויבאַלד דער אויבערשטער האָט זיי געהייסן גיין אין גאַנץ ארץ מצרים, זיינען זיי געגאַנגען אַפילו אין אויוונס. אָבער דאָס דערקלערט ניט פאַרוואָס איז דאָס זעלבע ניט געווען אויך ביי כנים און ערוב. —

אָבער לויט דעם וואָס מען האָט גערעדט פריער איז פאַרשטאַנדיק: מען האָט באַוויזן מסירת נפש בתכלית, אַפילו מן הקצה אל הקצה, ווי צפרדעים וואָס זיינען פון מים — ושרץ היאור — און פונדעסטוועגן זיינען זיי געגאַנגען אין ברענענדיקע אויוונס — אש, היפך מקצה לקצה.

ט. די צפרדע איז געקומען אויף צו שלאָגן דעם גאַנצן געביט פון פרעה, וואָס דאָס מיינט די קדושה׳־דיקע קאַלטקייט צו ענינים פון גש־מיות און חומריות.

און דאָס איז דער ענין, וואָס די צפרדעים זיינען געגאַנגען „בתנוריך ובמשארותיך״, ד. ה. זיי זיינען גע־גאַנגען לעשן די היץ און די פאַל־שע געהויבנקייט פון קליפה. וואָ־רום אויך אין לעומת זה איז פאַראַן דער ענין פון וואַרעמקייט.

כאָטש מען האָט פריער גערעדט אַז קליפה איז קרירות, קאַלטקייט, פונדעסטוועגן, כדי עס זאָל קענען זיין דער ענין הבחירה, מוז קליפה

האָבן עפּעס אַ צוגלייך צו קדושה, לכל הפחות כקוף בפני אדם (ווי אַ מאַלפּע צו אַ מענטש), דערפאַר איז אויך אין קליפה פאַראַן דער ענין פון היץ — דער קאָך אין עניני עולם הזה.

י. די הוראה — אָנווייזונג — פון דעם אין עבודה איז:

בכדי פטור צו ווערן און אַרויס־גיין פון מצרים דלעומת זה,

(על דרך זה איז אויך דער אופן היציאה פון מצרים דקדושה, עבודה שעל פי טעם ודעת. אָבער נוגע בעיקר איז דאָך דער אַרויסגיין פון מצרים דלעומת זה)

דאַרף מען אַריינטראָגן אַ וואַ־רעמקייט און אַ לעבעדיקייט אין עניני הקדושה, וואָרום דער אָנהויב פון כל מיני רע איז קרירות, — קאַלטקייט.

עס קען זיך דוכטן: וואָס איז אַזוי דער רעש אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה, מען טוט דאָך ניט קיין פאַרקערטע זאַכן, איז וועמען אַרט דאָס אַז מען האָט ניט קיין קאָך אין קדושה?

דאַרף מען וויסן, אַז עס איז ניט ווי מען מיינט, אַז מען קען זיין ניט אַהין און ניט אַהער (ניט קאָכן זיך אין קדושה, און אויך ניט קאָכן זיך אין עניני רע), וואָרום אויב מ׳איז קאַלט צו קדושה איז סוף סוף וועט מען ליגן אין טומאת מצרים, ר״ל.

און דערפאַר לייגט דער יצה״ר אַזוי פיל כחות מיט השתדלות אויף אָפּקילן אַ אידן ער זאָל ניט נתפעל ווערן פון אלקות, אַז אפילו בשעת

15) פסחים נג, ב. און זע זח״ב כט, ב.

ער זעט אַ נס ומופת גלוי, קומט דער יצה"ר צו אים און טענה'ט מיט אים אײַן: וואָס האָסטו וואָס צו נתפעל ווערן פון דעם, דו אַלײן גלויבסט דאָך, אַז אַלע ענינים קו־מען פון דעם אויבערשטן און דער אויבערשטער איז אַ כל יכול, וואָס לגבי אים האָבן אַלע עולמות ניט קײן באַטרעף, איז דאָך פשוט אַז בײַ אים האָבן קײן באַטרעף ניט דרײַ אותיות און ער קען איבערבײַטן פון צירוף אותיות „חמץ" אויף צירוף אותיות „שמן", ומי שאמר לשמן וידליק הוא יאמר לחומץ וידליק[16], הײַנט וואָס דאַרפסטו נתפעל ווערן און אַרויסגײן פון די כלים?

די כוונה פון דעם יצה"ר איז צו אָפּקילן אים פון אַ ג־טלעכער התפּעלות און פועל'ן אין אים אַ קרירות צו קדושה, וואָס דאָס איז אַ מקור אויף טומאת מצרים.

דערפאַר דאַרף מען געדענקען אַז די ערשטע זאַך וואָס מען דאַרף טאָן אויף פּטור ווערן פון „מצרים" איז — „דם", אַנהויבן קאָכן זיך און לעבן אין די ענינים פון קדושה.

און פונקט ווי מען דאַרף פועל'ן בײַ זיך די וואַרעמקײט אין קדושה — דם, אַזוי דאַרף מען אויך פועל'ן בײַ זיך די קאַלטקײט צו עניני העולם — צפרדע, וואָס דאָס זײַנען אויך די צוויי תנועות פון סור מרע — צפרדע, ועשה טוב — דם, און דורך די צוויי תנועות וענפיהם גײט מען אַרויס פון מצרים.

יא. בכלל איז דער סדר העבודה, פריער סור מרע און דערנאָך ועשה טוב. לויט דעם באַוואוסטן משל, אַז בשעת מען וויל מאַכן אַ דירה פאַר אַ מלך בשר ודם, איז די ערשטע זאַך דאַרף מען אויסראַמען אַלע שמוציקע זאַכן כו', און ערשט דעמאָלט קען מען אַרײַנשטעלן שײנע כלים און מאַכן עס פאַר אַ דירה ראוי' למלך.

דאָס איז אַ סדר מלמטה למעלה. אָבער מלמעלה למטה איז אַ פאַר־קערטער סדר, פריער ועשה טוב און דערנאָך סור מרע, דאָס הייסט מען איז מגלה מלמעלה גילויים נעלים ביותר, וואָס פועל'ן אַז מען איז סור מרע.

און וויבאַלד אַז די מכות זײַנען דאָך געקומען מלמעלה, דערפאַר איז פריער געווען דם — „ועשה טוב", און דערנאָך צפרדע — „סור מרע".

יב. הגם אַז דאָס איז אַ סדר פון מלמעלה למטה, אָבער וויבאַלד אַז אַלע סיפורים פון תורה זײַנען אַ הוראה פאַר אַלע דורות בעבודתנו — כנ"ל, איז דאָס אויך אַ הוראה אַז עס דאַרף אויך זײַן אַ סדר פון אַנהויבן מיט ועשה טוב.

און ווי דער רבי מהר"ש האָט געזאָגט: „די וועלט זאָגט אַז מ'קען ניט אַרונטער דאַרף מען אַריבער, און איך האַלט אַז מ'דאַרף לכתחילה אַריבער".

עס דאַרף אויך זײַן אַ סדר פון גײן לכתחילה העכער, מגלה זײַן ריבוי אור, וועט שוין דער חושך נדחה ווערן בדרך ממילא.

---

16) תענית כה, א.

יג. מעין זה איז אויך דער חי־לוק פון גליא דתורה מיט פנימיות התורה. מצד גליא דתורה איז אַ סדר בדרך מלמטלמ״ע, מן הקל אל הכבד. מצד פנימיות איז אַ פאַר־קערטער סדר, מען הויבט אָן באַלד מיט אור. ובפרט בדורות האחרונים, איז מען מגלה פנימיות התורה צו אַלעמען, און מען שטעלט ניט די תנאים און מען פאַרלאַנגט ניט די הכנות וועלכע מען האָט געדאַרפט האָבן אַמאָל צו אָנהויבן לערנען פנימיות התורה. היינט לערנט מען פנימיות התורה מיט אַלעמען — הפצה דוקא. און לויט דעם באַוואוסטן משל פון אַלטן רבי'ן וועגן דעם אידלשטיין אין דעם מלך'ס קרוין.

און דאָס איז דער וועג אויף אַרויסגיין פון מצרים — דער וועג פון אַנטפלעקן און פאַרשפרייטן פני־מיות התורה, אָנהויבן מיטן קאָך און חיות דקדושה — „דם", דאַן וועט קומען דער דחית הרע — דאָס אַוועקשטויסן די שלעכטס.

— און אַז שלש קליפות הטמאות ווערן נדחה אינגאַנצן פון זיין גבול, — במילא[17]) האָט קליפת נוגה אַן עלי' —

וואָס דורך דעם וועט מען פועל'ן די גאולה הפרטית בנפשו, און דער־נאָך אויך די גאולה הכללית, דכימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות, במהרה בימינו.

(משיחות ש״פ וארא, תשח״י)

יד. עס איז באַוואוסט, אַז די פיר לשונות של גאולה — פון היינטי־קער סדרה — והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, זיינען כנגד די ד' גאולות, פון גלות מצרים ושאר הג־ליות. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז דער לשון „והבאתי" איז דאָס אַן עלי' יותר אין דער גאולה דלעתיד לבוא, וואָס בכלל טיילט עס זיך אויף ימות המשיח און חד חרוב וכו'.

פון דעם וואָס אויך דעם פינפטן לשון האָט דער אויבערשטער גע־זאָגט ביי גאולת מצרים, איז פאַר־שטאַנדיק אַז אָנפאַנגענדיק פון יצי־את מצרים, האָט זיך שוין אָנגעהויבן די גאולה העתידה אין אַלע אירע ענינים, לויט דעם וואָרט פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אַז פון יציאת מצ־רים אָן, פאָרט מען צו דער גאולה דלעתיד.

טו. די גמרא[18]) זאָגט, ר' יוחנן אמר, אשו משום חציו. ד. ה. אַז באַלד ווי מען צינדט אָן פייער ווערט מען שוין נתחייב אויף די הזיקות וואָס וועלן אַרויסקומען שפּעטער.

אין פלוג, איז ער דאָך בשעת ההיזק אַן אנוס, היינט ווי אַזוי איז מען אים מחייב? נאָר דער חיוב איז אויף דעם אָנצינדן דעם פייער, (וואָס דאָס איז דאָך ברצון), וואָרום באַלד דעמאָלט האָט זיך שוין אָפּגעטאָן דער גאַנ־צער היזק.

מרובה מדה טובה ממדה פורע־ניות[19]). אויב ביי מדת פורעניות האָט זיך אָפּגעטאָן דער גאַנצער היזק פון פריער, איז דאָך ביי מדה טובה אודאי אַזוי, אַז באַלד ווי דער אוי־

17) תניא פל״ז.

18) ב״ק כב, א. ונמוקי יוסף שם.
19) יומא עו, א.

בערשטער האט צוגעזאגט והבאתי אתכם אל הארץ הטובה, וואס דאס גייט אויף דער דרגא עליונה פון גאולה דלעתיד, האט זיך שוין דאס אלץ אפגעטאן.

טז. וועגן דעם תענית פון תשעה באב, זאגט דער זעלבער ר׳ יוחנן [20], אז ער וואלט מתקן זיין דעם תענית דער צענטן טאג אין אב, ווייל תשעה באב איז נאך דער רוב ביהמ״ק גע־וועזן גאנץ און דער עיקר החורבן איז געווען בעשירי באב.

פרעגט מען — לויט דעם דערמאנטן כלל, אז בשעת מען צינדט אן פייער ווערט שוין אפגעטאן דער גאנצער היזק, היינט וויבאלד אז דער אנפאנג פון ברענען איז געווען תשעה באב, האט זיך דאך לדעת ר׳ יוחנן אליין אין ט׳ באב שוין אפגעטאן דער גאנ־צער ענין? נאר די דערקלערונג איז, אז דער דערמאנטער כלל איז נאר שייך ביי א בשר ודם, אבער נית ביי דעם אויבערשטן.

דער טעם אויפן חילוק: ביי אש, וואס עס איז משום חציו, איז ווי נאר ער חץ איז ארויס פון זיין האנט איז ער שוין נית קיין בעה״ב אויף אים, במילא, איז בשעת ער ווארפט דעם חץ אדער בשעת ער צינדט אן דעם פייער, האט זיך שוין אפגעטאן דער גאנצער היזק.

ובמילא פארשטייט מען, אז ביי דעם אויבערשטן וואס בא אים זיי־נען אויך אש וחיצים קיינמאל נית ארויס פון האנט [21], און ער איז אלע מאל א בעה״ב אויף דעם, בא אים האט זיך די זאך פריער נית אפגע־טאן, ווייל ער קען דאס אלע מאל ציען צוריק.

דערפאר זאגט ר״י אז מען האט געדארפט קובע זיין דעם תענית בעשירי באב, ווארום הגם אז באש הצתה, בתשעה באב, — פונדעסט־וועגן וויבאלד אז ער קען אלע מאל ציען צוריק, האט זיך דער חורבן נאך נית אפגעטאן בתשעה באב.

און לויט דעם איז דאך אין פלוג אויך אזוי אין אונזער ענין — היינט וואס זאגן מיר אז בשעת דער אויי־בערשטער האט צוגעזאגט והבאתי גו׳, האט זיך שוין אפגעטאן די גאו־לה, וויבאלד אז ס׳איז דאך אלע מאל בא אים אין האנט, ומי יאמר לו מה תעשה, ובמילא איז דאך כל זמן ער האט נית אפגעטאן דעם ענין בפועל, האט זיך דער ענין נאך נית אפגע־טאן?

יז. אבער באמת איז דאס קיין קשיא נית. ווארום עס איז בא־וואוסט [22], אז פון גזירות רעות ר״ל האט דער אויבערשטער חרטה און ער איז זיי מבטל, אבער פון גזירות טו־בות האט ער קיין מאל נית חרטה, ההוא אמר וגו׳ ולא יקימנה, בתמי׳. דערפאר איז בשעת דער אויבער־שטער האט צוגעזאגט והבאתי גו׳ וואס דאס איז דאך אן ענין טוב, און וועט קיינמאל נית חרטה האבן פון דעם, איז דאס כאילו ווי ער איז כביכול מוכרח אין דעם, און דאס איז כביכול ווי ביי א מענטשן נאכדעם ווי דער חץ איז שוין ארויס פון זיין האנט.

20) תענית כט, א.

21) רש״י דברים לב, מא.

22) רמב״ם הל׳ יסוה״ת פ״י ה״ד.

כאטש אז למעלה איז דאך ניט שייך קיין הכרח חס ושלום, און הכל ברצונו יתברך, פונדעסטוועגן, וויבאלד אז אזוי איז רצונו יתברך, אז אן ענין טוב וועט ער קיינמאל ניט מבטל זיין, איז דאך דער ענין א מוכרח.

לגבי דעם אויבערשטן איז זיכער, אז דאס איז ברצונו ית', ווארום דאס גופא וואס דער ענין איז א מוכרח איז עס ווייל אזוי איז ברצונו יתברך, אבער דאס וואס ס'איז נוגע צו דעם ענין, איז דאך דער ענין א מוכרח ווייל ער — דער ענין — קען בשום אופן ניט בטל ווערן. ובמילא לגבי דעם ענין איז דאס גלייך צו א בשר ודם, וואס דער חץ איז ארויס פון זיין האנט, וואס ער (דער חץ) קען בשום אופן ניט גיין צוריק.

יח. דער ענין אין עבודה איז:

בשעת מען ווייס אז די גאולה, ביז אין דעם גרעסטן עילוי, איז שוין פאראן איצטער, עס איז מער ניט וואס זי דארף נתגלה ווערן, איז א סך גרינגער צו דורכגיין אלע העל־מות והסתרים וואס אין עוה״ז בכלל, ובזמן הגלות בפרט און אין די לעצ־טע דורות בפרטי פרטיות.

אויסער דעם, וואס ס'איז בא־וואוסט, אז אלע מניעות ועיכובים וואס זיינען דא אויף תומ״צ, זיינען ניט קיין אמת'ע מציאות ח״ו, מער ניט ווי א העלם והסתר, בכדי ארויס־רופן טיפערע כחות אין עבודת ה',

איז נאך מערער, אז מצד דער גאולה וואס זי איז באמת לאמיתו שוין דא איצטער, זיינען דאך שוין אויך די העלמות והסתרים שוין איצ־טער אראפ.

און בשעת מען ווייס אז דאס איז מער ניט ווי א דמיון, און מען ווערט ניט נתפעל פון דעם, נאר מען גייט מיט א שטארקייט אין קדושה, דע־מאלט גייט אראפ דער העלם אויך פאר דעם קערפערלעכן אויג, אז עס ווערט לטב עביד און דאן אויך גם זו לטובה[23]).

(משיחת ש״פ וארא, תשי״ד)

# פרשת בא

## ויום ההילולא של כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נבג״מ זי״ע

א. אין היינטיקער סדרה דער־ציילט די תורה, אז דער אויבערשטער האט געהייסן מען זאל נעמען א שעפס דעם צענטן טאג אין ניסן, האלטן אים עטלעכע טעג אין שטוב, און דעם פערצענטן טאג שעכטן אים און מקריב זיין פאר א קרבן פסח.

צוליב וואס האט מען געדארפט נעמען דעם שה דעם צענטן טאג? — זאגן די רז״ל: בכדי אז ווען די מצריים וועלן זען בא אידן דעם שעפס, און וועלן פרעגן, נאך וואס האלט איר אים אין הויז, זאלן די אידן ניט נתפעל ווערן און ענט־

---

23) זע לקו״ש ח״ב ע' 393 ואילך.

פערן: מיר האַלטן דעם שעפּס אין הויז אויף צו שעכטן אים און מקריב זיין פאַר אַ קרבן.

די מצריים האָבן געדינט צו אַ שעפּס, דאָס איז געווען זייער ע״ז, (דערפאַר האָט דאָך משה רבינו געזאָגט צו פרעה׳ן, הן נזבח גו׳ ולא יסקלונו גו׳), פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער זיי געהייסן, האַלטן דעם שעפּס פיר טעג אין שטוב, און אויף די פראַגעס פון די מצריים, זאָלן זיי ענטפערן, מיר וועלן דאָס שעכטן און מקריב זיין צו דעם אויבערשטן.

דער תוקף — די שטאַרקייט — און מס״נ וואָס די אידן האָבן געהאַט אויף ניט נתפעל ווערן פון די מצריים, האָט געבראַכט די גאולה. ווי די רז״ל זאָגן, אַז בשעת יצי״מ זיינען געווען די אידן נאַקעט פון מצות, און ווי עס שטייט ואת ערום ועריה, און הללו עובדי ע״ז והללו עובדי ע״ז, האָט זיי דער אויבערשטער געגעבן די מצוה פון קרבן פסח, און אין זכות פון דער מצוה מיט דעם מסירת נפש וואָס זיי האָבן געהאַט דערביי, זיינען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים.

ב. עס שטייט [1], כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות. ד. ה. אַז גאולת מצרים איז אַ משל אויף דער גאולה פון לעתיד. וויבאַלד אַז ס׳איז אַ משל פון תורה, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די ענינים וואָס האָבן געבראַכט יציאת מצרים, וועלן אויך ברענגען די גאולה העתידה. כידוע, אַז אין אַ משל פון תורה זיינען אַלע פּרטי המשל צוגעפּאַסט צו דעם נמשל [2].

אַזוי ווי יציאת מצרים איז געקומען דורך תוקף — שטאַרקייט — און מס״נ, אַזוי אויך די גאולה העתידה וועט קומען דורך דעם וואָס מען וועט גיין מיט תוקף און מסירת נפש.

ג. אויב אַלע מצות דאַרף מען טאָן מיט אַ תוקף, מכ״ש אַז די מצוה פון אהבת ישראל — יסוד כל התורה [3], דאַרף מען אַוודאי טאָן מיט אַ תוקף, און פון קיינעם ניט נתפעל ווערן.

מען דאַרף ריידן מיט אַ אידן וועגן תורה ומצוות, און אויב עס פועל׳ט ניט, דאַרף מען ריידן נאָך אַמאָל. אויב אַפילו יענער „בריקעט״ זיך, דאַרף מען אויך ניט נתפעל ווערן, אדרבה, פון דעם וואָס ער בריקעט זיך, איז אַ ראי׳ [4], אַז אים רירט עס אָן. במילא דאַרף מען ריידן מיט אים נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז עס וועט זיך ביי אים צונעמען.

מען דאַרף גיין מיט אַ תוקף. מען דאַרף טאַקע ריידן בדברי נחת כדי עס זאָל נתקבל ווערן, (וכפתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר: מען דאַרף יענעם ניט אַראָפּרייסן דעם נאָז) אָבער — מיט אַ תוקף. און אַז מען וועט ריידן בנחת ובתוקף, וועט מען מצליח זיין.

און דאָס וואָס דערוויל האָט ער

---

1) מיכה ז, טו.

2) זע אויבן עמוד 118.

3) שבת לא, א. תניא פרק לב.

4) זע קונטרס התפלה פ״ח. תורת שלום ע׳ 10.

ניט מצליח געווען, דאַרף ער וויסן אַז די שולד איז ניט אין יענעם נאָר אין אים. יענער איז גוט, נאָר בא אים זיינען דאָס ניט קיין דברים היוצאים מן הלב, — דערפאַר איז ניטאָ די צווייטע האַלבע — נכנסים אל הלב. ער דאַרף זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים עס זאָל זיין יוצאים מן הלב, ובמילא וועט זיין — נכנסים אל הלב.

ד. און אַזוי ווי בשעת יציאת מצרים, איז דורך דעם תוקף פון די אידן וואָס זיי זיינען ניט נתפעל געוואָרן פון די מצריים, זיינען זיי אַרויס פון מצרים און אויך מיטגענומען מיט זיך די כסף וזהב פון די מצריים, און די מצריים זיינען אַלע דערטרונקען געוואָרן, ווי עס שטייט לא נשאר בהם עד אחד, און אויך דער איינער — פרעה — וואָס איז יאָ געבליבן, איז ער דערנאָך געקומען אין נינוה און אויך דאָרטן האָט ער געהאַט צרות [5];

אַזוי אויך איצטער, ווען מען וועט גיין מיט אַ תוקף און מסירת נפש, ניט נתפעל ווערן פון קיינעם, וועלן אַלע מנגדים בטל ווערן, און עס וועט זיין די גאולה העתידה במהרה בימינו.

(משיחת אחרון של פסח, תשי״ב)

ה. אין פ׳ החודש, איז אויך דאָ די מצוה פון אכילת מצה — שבעת ימים מצות תאכלו.

די מצוה פון אכילת מצה איז געבליבן אויך בזמן הזה מדאורייתא.

בכלל זיינען פאַראַן דריי הויפּט־ענינים אין פסח: פסח, מצה, ומרור. ובזמן הזה, איז פסח מער ניט ווי — ונשלמה פרים שפתינו. מצות אכילת מרור — איז נאָר מדרבנן, אָבער מצות אכילת מצה איז אויך בזמן הזה מדאורייתא [6]).

ו. דער חילוק פון חמץ מיט מצה, איז אין צוויי ענינים:

א) ביי חמץ הויבט זיך אויף דער טייג, ביי מצה בלייבט דער טייג ווי ער איז. און אין רוחניות מיינט דאָס: חמץ — ישות והתנשאות. מצה — ביטול.

דערפאַר איז דער עיקר ענין פון מצה, לחם עוני דוקא, ווייל דער ענין פון מצה איז ביטול, און דאָס דריקט זיך אויס אין לחם עוני דוקא. הגם אַז עסן מעג מען אויך מצה עשירה, אָבער יוצא זיין מצות אכילת מצה קען מען נאָר מיט לחם עוני [7]).

אויך די מצה וואָס אידן האָבן געגעסן אין מצרים, איז געווען לחם עוני.

ב) מצה און חמץ זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון די זעלבע אותיות, נאָר מצה איז מיט אַ ה״א, און חמץ — מיט אַ חי״ת.

דער אות ה״א איז ענלעך צום אות חי״ת. ביידע זיינען פון דריי קוין (פאַסיקלעך) און זיינען אָפן פון אונטן. דער חילוק איז נאָר, אַז אַ חי״ת איז פאַרמאַכט פון אַלע דריי זייטן אינגאַנצן, און אַ ה״א האָט אַן עפענונג פון אויבן.

---

5) ילקוט שמעוני ב״ך רמז תקנ.

6) אורח חיים סימן תעה.
7) אורח חיים סימן תנד.

די עפענונג פון אונטן (אין ביי־דע אותיות) מיינט: לפתח חטאת רובץ. די פאַרמאַכונג פון די אַלע זייטן — אין אות חי"ת — מיינט: עס איז ניטאָ קיין אָרט אויף אַרויסגיין פון דעם לפתח חטאת רובץ. די עפע־נונג פון אויבן, — אין אות ה"א — מיינט: ער איז טאַקע אין אַ מצב פון לפתח חטאת רובץ, ער האָט אָבער אַ פתח למַעלה — אַרויסגיין פון זיין מצב און תשובה טאָן [8].

און כאָטש עס איז אַ קליינער פתח, דאָך זאָגן אָבער די רז"ל: פתחו לי כחודו של מחט — און דורך דעם — ואני אפתח לכם כפתחו של אולם. וואָרום דורך איין הרהור תשובה קען ווערן אין איין רגע — פון אַ רשע גמור אַ צדיק גמור [9].

ז. די צוויי חילוקים זיינען אָפּ־הענגיק איינער פון צווייטן, בשעת מען איז בטל, איז אפילו אויב מען האָט ח"ו געזינדיקט, טראַכט מען וועגן תשובה, אָבער ווען מען איז בישות והתנשאות, טראַכט מען ניט וועגן תשובה.

ווען ער איז בטל, זוכט ער ניט צו מאַכן זיך גערעכט, במילא מאַכט ער אַ ריכטיקן חשבון, און אַז ער זעט אַז זיין פירונג טויג ניט, טוט ער תשובה. דאַקעגן מצד גרויס־האַלטן זיך, געפינט ער חשבונות אויף גערעכט מאַכן אַלע זיינע הנהגות [10].

ח. נאָך מער: ניט נאָר וואָס נאָך דעם ווי ער האָט געטאָן ניט קיין גוטע זאַך, געפינט ער אַ תירוץ אויף דעם ווייל ער וויל בלייבן גערעכט בא זיך, נאָר אויך באַלד לכתחילה בשעת עס קומט צו מקיים זיין אַ מצוה וואָס ער דאַרף זיך אַ בויג טאָן, איז מצד זיין גרויסהאַלטונג, געפינט ער אויס חשבונות און טעמים ער זאָל דאָס ניט דאַרפן מקיים זיין.

צדקה איז דאָך כללות המצות [11], וועט מען פאַרשטיין דעם ענין אין מצות הצדקה און פון דעם אין אַלע מצות.

בשעת ער זעט אַן אָרעמאַן, טע־נה'ט ער די טענה וואָס טורנוסרו־פוס האָט געפרעגט בא ר' עקי־באַ'ן [12], אם אלקיכם אוהב עניים הוא, מדוע אינו מפרנסם? (אויב איי־ער ג־ט האָט ליב אָרעמעלייט, פאַר־וואָס שפייזט ער זיי ניט?) ד. ה. אַז מצד זיין גרויסהאַלטן זיך, מאַכט ער בא זיך אַ חשבון, אַז דאָס וואָס ער פאַרמאָגט — איז דאָס ווייל אים קומט, און אדרבה עס קומט אים מער, איז ווי איז שייך אוועקגעבן דער־פון. ישות עצמו דערלאָזט דאָך ניט יענעמס מציאות, — לייגט זיך אָפּ בא אים גאָר געשמאַק אַז דער צוויי־טער איז ניט גלייך צו אים, איז במילא ביי אים זעלבסטפאַרשטענד־לעך, אַז דאָס וואָס דער צווייטער איז אַן אָרעמאַן, איז דאָס ווייל דעם צווייטן קומט ניט. ובמילא — טראַכט ער ביי זיך — וויבאַלד אַז דער אויי־בערשטער וויל, ווי די גערעכטיקייט איז, אַז יענער זאָל זיין אַ עני, זאָל ער אים געבן?

8) זע מנחות כט, ב.
9) זע קידושין מט, ב.
10) ראה בכ"ז בקונטרס ומעין מאמר טו, טז. ד"ה לך לך תש"ב.

11) בבא בתרא ט, א. ירושלמי פאה (פ"א ה"א). זע תניא פרק לז.
12) בבא בתרא י, א.

דאקעגן ווען ער איז בטל:

א) מאַכט ער באַ זיך אַ חשבון און משפט זיך אַליין, צי איז ער טאַקע בעסער פאַרן צווייטן, און דער חשבון ברענגט אים צו געבן צדקה, וכמ"ש משפט וצדקה ביעקב אתה עשית, אַז דער משפט וואָס ער מאַכט איבער זיך ברענגט אים צו צדקה.

ב) פאַרשטייט ער, אַז אויב אפילו דאָס וואָס דער צווייטער האָט ניט, איז מצד אַן עונש, רחמנא לצלן — איז דאָס וואָס ער האָט יאָ, ניט קוקנדיק אויף זיין אייגענעם ניט גוטן מצב ומעמד — צווינגט דאָס אים צו זאָגן אַז מען איז ביים אויבערשטן ווי קינדער און בעת דער מלך שטראָפט זיינעם אַן אייגענעם קינד, און אַ פריינד פון מלך טוט אים אַ טובה, איז דער מלך אַליין זייער צו־פרידן פון דעם — ווי עס איז רבי עקיבא'ס תשובה.

און אַזוי ווי עס איז אין מצות הצדקה, אַזוי איז אין אַלע מצות.

ט. אַ חוץ דעם וואָס מצד האַלטן זיך גרויס, זוכט ער אויף יעדער זאַך אַ חשבון אַז ער פירט זיך אויף ווי עס דאַרף צו זיין, איז נאָך מערער, אפילו דאַן ווען ער קען בשום אופן ניט געפינען קיין תירוץ און מוז מודה זיין אַז ער פירט זיך אויף ניט ווי מען דאַרף, געפינט ער אָבער אויס פאַרשידענע סיבות וואָס האָבן אים געבראַכט צו דעם, ובמילא בלייבט ער אַלץ גערעכט ביי זיך.

ער טענה'ט פאַרשידענע טענות:

אויף איין זאַך טענה'ט ער אַז דאָס איז מצד דעם יצה"ר, וואָס יצרו בוער כאש — זיין יצר הרע ברענט ווי פייער. די גמרא אַליין זאָגט דאָך [13], אַז דער אויבערשטער האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט באַ־שאַפן דעם יצה"ר, קען מען דאָך בא אים ניט מאַנען, פאַרוואָס ער האָט אים ניט מנצח געווען. אויף אַ צווייטער זאַך טענה'ט ער, אַז מקומו גרם לו לחטוא — זיין אָרט ברענגט אים צו זינדיקן א. א. וו.

די אַלע חשבונות וועלכע ווערן דערמאָנט אין תניא [14], אַז מען דאַרף מלמד זכות זיין אויף יענעם, מאַכט ער זיי אויף זיך. און ער טראַכט בא זיך, אַז לויט די אומשטענדן אין וועלכע ער געפינט זיך, איז נאָך גאַנץ שיין אַז ער איז אַזוי. אַן אַנ־דערער אויף זיין אָרט וואָלט געווען ווער ווייס וואָס.

נאָך מערער: אויך ווען ער ווייס אַז זיין אויפפירונג איז ניט קיין גו־טע, און קיין סיבות אין וואָס צו אָנהענגען זיין אויפפירונג האָט ער אויך ניט, פונדעסטוועגן — על כל פשעים תכסה אהבה [15]. דער דיוק פון דעם וואָרט פשעים איז: פשעים אלו המרדים [16] (ווידערשפעניקונגען). ער האָט ניט קיין פאַרענטפער, און ווייס אַליין אַז ער איז אַ מורד, פונ־דעסטוועגן — תכסה אהבה. מבטל זיין, אפילו מיט טענות שקר — קען ער ניט בשום אופן, פאַרדעקט ער דאָס מיט אהבת עצמו — זיין ליב־שאַפט צו זיך אַליין.

י. און דאָס איז דער חילוק פון חמץ ביז מצה:

---

13) סוכה נב, ב.
14) פרק ל.
15) משלי י, יב.
16) יומא לו, ב.

חמץ איז זעלבסט־דערהויבונג, חמץ איז מיט א חי"ת, וואס איז אָפן פון אונטן — לפתח חטאת רובץ, אַ סתום מכל צד (פאַרמאַכט פון אַלע זייטן) — ער האָט ניט קיין פתח צו תשו־בה טאָן. ווייל מצד התנשאות: א) פאַרענטפערט ער זיין פירונג — אַז עס איז גאָר גוט. ב) ער געפינט סיבות און תירוצים אויף זיין הנהגה. ג) על כל פשעים תכסה אהבה. הצד השווה — ער טוט ניט קיין תשובה.

מצה איז ביטול, מצה איז מיט אַ ה"א, פתוח למעלה, — וואס איז אָפן פון אויבן — ווייל מצד הביטול: א) פאַרענטפערט ער ניט זיין הנהגה. ב) ער האָט ניט קיין תירוצים. ג) און ווען ער זעט־איין דעם ניט גוטן מצב אין וועלכן ער געפינט זיך, איז ער צעבראָכן פון דעם.

צעבראָכנקייט, איז ווי דער רבי מהר"ש האָט געזאָגט: אַ אידישער קרעכץ איז תשובה עילאה, ובמילא איז אין איין שעה, מיט איין קער (שעה מלשון הפנה), ווערט ער אַ צדיק גמור.

יא. דערמיט וועט מען פאַרשטיין, וואס אין ירושלמי [17]) לערנט ער אָפּ דעם לימוד פון ל"ט מלאכות, פון דעם וואָרט אלה הדברים: ער דרש'נט דעם ה"א פון אלה אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ חי"ת — באַ־טרעפט דער וואָרט אלה, ביין און דרייסיק.

אין פלוג איז דאָך קשה, אמת טאַ־קע אַז די אותיות פון זעלבן מוצא פאַרבייטן זיך, אָבער ווי דרש'נט מען דעם ה"א פאַר אַ חי"ת אין אַן ענין פון מספר?

נאָר דער ענין איז: די ל"ט מלאַ־כות פון וועלט, איז מצד זייער בריאה און התהוות זיינען זיי אַן ענין פון חי"ת, כנ"ל. נאָר דורך דער עבודה פון אלה הדברים — מלאכות המשכן — ששת ימים תעשה (בדרך ממי־לא [18]) מלאכה גו' מאַכט מען פון זיי אַ ה"א. דערפאַר איז אין פסוק וואו ער רעדט וועגן דער עבודה פון אלה הדברים — ל"ט מלאכות ווי זיי זיינען געווען אין משכן — זאָגט ער אלה מיט אַ ה"א, ווייל דורך עבודה, מאַכט מען פון זיי אַ ה"א.

(משיחות ש"פ ויק"פ, תשי"ב)

יב. בכלל זיינען אַלע רביים, נשיאי ישראל, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר ועד בכלל, איין זאַך, און יעדער איינער פון זיי האָט געטאָן אַלע ענינים. וואס דאָס איז דאָך אויך פאַרשטאַנדיק פון דעם לשון „ממלא מקום אבותיו", אַז ער פילט אָן דעם מקום אין אַלע פרטים.

פונדעסטוועגן האָט יעדער רבי געהאַט זיך באַזונדערן ענין אין וואס ער האָט זיך געקאָכט, וואס דורך דעם ענין האָט ער דורכגעפירט אויך די איבעריקע ענינים.

ווי עס ווערט דערקלערט אין אגה"ק [19]) דער מאמר רז"ל [20]), אבוך במאי זהיר טפי, אַז כאָטש ער האָט מקיים געווען אַלע מצות, פונדעסט־וועגן האָט ער געהאַט אַ ספּעציעלן ענין, וואס דער ענין איז דער שער

17) שבת פ"ז ה"ב.

18) זע ווייטער עמוד 187.

19) סימן ז.

20) שבת קיח, ב.

פון זיין נשמה, און דורך דעם שער האבן עולה געווען אלע זיינע תורה ומצות.

און דאס שטימט מיט דעם וואס כ״ק מו״ח אדמו״ר דערקלערט אין די שיחות די חילוקים אין די רביים בענין הספירות, אז דער בעש״ט און דער מגיד זיינען — כתר, דער אל־טער רבי חכמה, דער מיטעלער רבי בינה וכו׳. און עס איז באוואוסט אין דעם ענין הספירות, אז יעדע ספירה איז כלול פון אלע ספירות, אבער דאס איז דאך ווי די אלע ספירות גייען דורך דורך דער ספירה דוקא. און אזוי אויך אין די רביים, אז דורך דעם ענין אין וועלכן יעדער רבי בדורו האט זיך געקאכט (לויט דער ספירה אין וועלכער ער איז), איז ער כולל אויך די איבעריקע ענינים.

יג. דער ענין אין וועלכן עס האט זיך געקאכט דער רבי בעל ההילו־לא איז: עס זאל זיין אלץ בפועל ממש ובהתפשטות ביותר.

דער רבי האט זיך קיין מאל ניט אפגעשראקן פאר דעם צוויטנס מצב, צי ער איז א ירא־שמים בתכלית, צי מיטל־מעסיק, אדער אפילו אזא וואס דער שטות פון נפש הבהמית פארדעקט אויפן אמת, אויף אזוי וויט, אז ער וויס גארניט אז ער דארף תשובה טאן. אין וועלכן מצב יענער איז נאר געווען, האט זיך דער רבי פארנומען מיט אים, זייער אפט געטאן אים א טובה אין גשמיות, וואס במילא איז דאס געווען א טובה אויך אין רוחניות.

ווייל בשעת יענער וויס אז מען האט אים געטאן א טובה אין גש־מיות איז דאס ע״ד ווי די גמרא זאגט, אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו [21]), ובמילא האט דאס אויף אים גע׳פועל׳ט אויך אין רוחניות.

אויסער דעם וואס דער אלטער רבי שרייבט אין תניא [22]): „והן לא, לא הפסיד שכר מצות אהבת רעים״, לבד זאת פועל׳ט מען אויך, אז יע־נער קערט זיך אום בתשובה, צו ווערן אזוי ווי מען דארף.

יד. די תנועה וואס איז געווען בא דעם רבי׳ן, לערנט מען זי אפ פון דעם ערשטן מנהיג ורועה יש־ראל — משה רבינו.

עס שטייט: אלה הדברים אשר דבר משה — דברי תוכחה. ווען איז דאס געווען — אחרי הכותו את סיחון גו׳. נאך דעם ווי מען טוט יענעם א טובה אין גשמיות, זאגט מען יענעם מוסר. און דער מוסר ווערט נתקבל און טוט אויף וואס ער דארף אויפ־טאן [23]).

און דאס איז א הוראה צו את־פשטותא דמשה בכל דרא — משה שבכל דור: די ערשטע זאך משפיע זיין חסד, ברכה והצלחה און דאן מוסרן. און אין אזא סדר — אויך אפילו ווען דער מוסר איז אויף אן ענין פון עגל — היפך האמונה.

טו. מען האט אמאל געפרעגט בא דעם רבי׳ן בעל ההילולא, א טעם אויף זיין הנהגה צו מקרב זיין אלע אידן, אפילו די וועלכע זיינען אין אין א פארקערטן סוג פון מעלין ולא מורידין.

---

21) בבא מציעא ג, א.

22) פרק לב.

23) זע ספרי דברים א־ד. הובא בפירש״י שם.

האט דער רבי געענטפערט:

אין שו״ע זיינען פאראן פיר חלקים, או״ח, יו״ד, אבהע״ז און חו״מ וועל־כער איז דער לעצטער חלק. די די־נים וועגן די ענינים פון מעלין וכו׳ זיינען אין חו״מ, און אין חו״מ גופא — אין די לעצטע סימנים.

דער סדר ווי מען דארף לערנען איז, ע״פ הנ״ל, אלע סימנים פון או״ח, יו״ד, אבהע״ז, און רובו ככו־לו פון חו״מ ביז די עטלעכע סימנים צום סוף, און דעמאלט ערשט לערנט מען צי מעלין, צי ח״ו פארקערט.

טז. דער פנימיות הענין פון דעם:

בשעת מען טוט א אידן א טובה, איז קיין ספק ניט אז מען טוט א מצוה. אבער בשעת מען טוט א אידן ניט קיין גוטע זאך, און מען טענה׳ט אז דאס איז עפ״י תורה, איז ערשטנס קען זיין אז מען האט א טעות אין דין. ווייטער קען זיין אז מען טוט דאס צוליב א פני׳, און דערצו קען זיין אז מען שמייסט יענעם, ניט ווייל דער שו״ע הייסט, נאר ווייל מען האט א געשמאק אין שמייסן *).

אזוי געפינען מיר, אז א שופט דארף זיין אן איש החסד דוקא [24], ער דארף קענען געפינען א זכות אויף יענעם. און אפילו בשעת ער פסק׳נט אפ מלקות, און אמאל נאך אן ערגערע זאך, אויך דאן קען ער אליין ניט מוציא זיין דעם פסק דין לפועל,

כאטש עס איז עפ״י שו״ע, ווארום ער קען ניט פארטראגן יענעמס צער, און לפועל טוט עס א שליח ב״ד.

— סיידן א צדיק גמור אזוי ווי שמואל הנביא, וואס ער האט ניט קיין אייגענע מציאות און כל מצי־אותו איז געווען לקיים רצון העליון, האט ער אליין גע׳הרג׳עט אגג׳ן.

יז. חסידים ווילן דאך גיין אין דעם רבי׳נס דרכים, דארף מען וויסן, אז הגם מען דארף זיך טאקע אויס־היטן פון דעם וואס שטייט נידערי־קער, ער זאל ניט אראפשלעפן ח״ו, אבער מען דארף אים ניט מרחק זיין, נאר אים אויפהויבן, און טאן א טובה אפילו בגשמיות, איז דורך דעם — קומט שפעטער אויך א טובה אין רוחניות.

און דעמאלט איז כמרז״ל [25] ע״פ מאיר עיני שניהם הוי׳, אז מען העלפט מלמעלה אויך אים, ער זאל גיין בדרך הישר, און מען איז אים משפיע ביד רחבה אלץ וואס ער באַ־דארף, צו אים און צו זיינע בני בית. מען איז אים משפיע פון דעם חסד שלמעלה וואס ס׳איז בלי גבול, און מען גיט אים אויך א כלי, ווי דער טייטש פון חסידות, והוא יכלכלך — געבן אויך די כלי אין וואס עס זאל נמשך ווערן די השפעה.

(משיחת יו״ד שבט, תשי״ד)

יח. צווישן די תקנות פון רבי׳ן בעל ההילולא איז פאראן די תקנה, מען זאל יעדן טאג לערנען די פרשה חומש מיט רש״י — פון דער סדרה פון וואך — וואס איז שייך צום באטרעפנדיקן טאג.

---

*) זע דרך מצותיך, מצות לא תבערו אש, אות ב.

24) רמב״ם הלכות סנהדרין פ״ב ה״ג: אין מעמידין בכל הסנהדרין כו׳.

25) תמורה טז, א.

און דער רבי האט דערביי געזאגט דעם ווארט פון אַלטן רבי'ן, אַז מען באַדאַרף לעבן מיט דער צייט, וואס דאס מיינט, אַז פון דער פרשה וואס מען לערנט יעדן טאָג, דאַרף מען אַרויסנעמען הוראות וואס זיינען שייך צו דעם טאָג.

יט. אין דער פרשה וואס איז שייך צום היינטיקן טאָג פון יום ההילולא (פון שני ביז שלישי אין סדרה בשלח), רעדט זיך אַרום וועגן דעם מעמד ומצב וואס איז געווען ביי אידן אַ ווײַלע פאַר קריעת ים סוף.

קריעת ים סוף איז געווען איינע פון די גרעסטע ניסים, כלשון רז"ל[26], קשה כקריעת ים סוף. קריעת ים סוף איז אַ הכנה צו מתן תורה און אויך צו דער גאולה העתידה.

ווי אַזוי איז מען געקומען צו קריעת ים סוף?

דערציילט זיך אין דער פרשה שלישי וואס מען לערנט מאָרגן, נאָך דער הילולא: עס איז געווען אַ איד, נחשון בן עמינדב, וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אַרייַנגעשפּרונגען אין ים, און דורך דעם האט ער פועל געווען די המשכה אין אַלע אידן און אַראָפּגעטראָגן דעם נס פון קריעת ים סוף דאָ למטה.

כ. דאס וואס נחשון בן עמינדב איז אַרייַנגעשפּרונגען אין ים, איז דאס געווען אין יענער צייט און אין יענער לאַגע, אַן ענין וואס ס'איז ניט געווען אייַנגאַנצן אויסגעהאַלטן. עס איז דאָך באַוואוסט די שיטה, אַז די אידן פאַר מתן תורה האָבן געהאט אַ דין פון בני נח, און ס'איז אַ פלוגתא אין ראשונים ואחרונים צי אַ בן־נח איז מחויב אויף מסירת נפש.

איז אויב מען נעמט אָן, אַז בני נח זיינען ניט מחויב במסירת נפש, טאָרן זיי זיך ניט מוסר נפש זיין, ווארום זיי זיינען דאָך מצווה אויף שפיכות דמים אפילו של עצמו, אַזוי ווי עס שטייט אַך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, במילא קומט דאָך אויס אַז נחשון האט זיך ניט געטאָרט מוסר נפש זיין.

אַפילו לויט די שיטות וואס האַלטן אַז אידן פאַר מתן תורה האָבן זיך געפירט ניט ווי בני נח, איז דאס דוקא לחומרא אָבער ניט לקולא. במילא האט מען זיך ניט געטאָרט מוסר נפש זיין.

נאָר נחשון האט געוואוסט אַז ווען דער אויבערשטער האט אַרויסגענומען די אידן פון מצרים האט ער געזאגט, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ד. ה. אַז פון מצרים דאַרף מען גיין צום באַרג סיני מקבל זיין די תורה. במילא איז אים ניט געווען נוגע וואס עס איז אין מיטן וועג. ער ווייסט אַז מען דאַרף גיין צום באַרג סיני. אויב עס איז דאָ אין מיטן אַ ים, האט עס צו אים קיין שייכות ניט, ער דאַרף שפּרינגען אין ים און גיין ווייטער ביז ער וועט קומען צו מתן תורה.

כא. ווי עס ווערט דערציילט אין מדרש (פרקא דרבנו הקדוש) אויף דער פרשה פון היינט, וואס איז שייך צום יום ההילולא, אַז עס זיי־

---

26) סוטה ב, א.

נען דעמאָלט ביי אידן געווען פיר כתות: איין כתה האָט געהאַלטן אַז ניתנה ראש ונשובה מצרימה. אַ צווייטע כתה האָט געהאַלטן מען זאָל מלחמה האַלטן מיט די מצריים. אַ דריטע כתה האָט גע׳טענה׳ט מען זאָל לויפן אין מדבר. מער ניט ווי איין כתה האָט געהאַלטן, אַז מען מעג אָדער מען דאַרף גיין אין ים.

איז דאָך באמת מצד דעם חשבון פון אַחרי רבים להטות, האָט דאָך נחשון אַפילו על פי שכל דקדושה געקאָנט צווייפלען אויב מען מעג גיין אין ים.

נאָר נחשון האָט ניט געוואָלט אַריינגיין אין קיין שקלא וטריא. ער האָט געוואוסט אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז מען דאַרף גיין צום הר סיני מקבל זיין די תורה. האָט נחשון גע׳טענה׳ט, אַז צו דערגרייכן דעם ציל, איז ניט קיין וועג זיך אומצוקערן קיין מצרים, אויך ניט מלחמה האַלטן מיט מצרים אָדער גיין אין מדבר. צו דעם איז דאָ מער ניט ווי איין וועג, און דאָס איז — גיין אין ים. במילא דאַרף מען שפּרינגען אין ים, וואָס דורכדעם ווערט מען מיט אַ טראָט נענטער צום הר סיני.

כב. דער מעמד ומצב פון אידן ביי קריעת ים סוף איז אַ הוראה לדורות, אַזוי אויך צו דער עבודה פון דעם רבי׳ן בעל ההילולא, וואָס ער אַליין האָט געאַרבעט אין עבודת הקודש מיט מסירת נפש און ער האָט דאָס אויך איבערגעגעבן צו די וואָס גייען אין זיינע וועגן.

באַלד ביים אָנהויב פון זיין נשיאות האָט ער אָנגעהויבן זיין עבודה בקודש מיט מסירת נפש. עס איז דאַן געווען אין רוסלאַנד די צייט ווען די יעווסעקעס האָבן געבושעוועט, און אָנגעומען דעמאָלט אויף זיך אַ נשיאות מפיץ זיין תורה ומצוות און פנימיות התורה, איז דאָס געווען אַן ענין הפכי פון סדר המדינה, היפך הטבע, און מען האָט אויף דעם געדאַרפט האָבן מסירת נפש והגוף בפועל ממש.

און דעם מסירת נפש האָט ער אויך געמאָנט פון די וואָס זיינען מיט אים מיטגעגאַנגען און מיטגעאַרבעט.

הגם אין שלחן ערוך געפינט מען ניט קיין דין, אַז מען זאָל מאָנען פון יענעם מסירת נפש; אויף אַלע מצוות געפינט מען אַז מען דאַרף מאָנען ביי יענעם, וואָס דאָס גייט אַריין אין דער מצוה פון הוכח תוכיח את עמיתך, אָבער אויף זוכן מסירת נפש, געפינט מען דאָס ניט —

ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, בשעת מען פילט ניט אַז מען האָט אַ שליחות פון אויבן. אַנדערש איז אָבער בשעת עס איז על דרך: שכינה מדברת מתוך גרונו.

כג. דער רבי רעדט אַרום אין אַ מאמר דעם חילוק פון מסירת נפש פון רבי עקיבאָ און דעם מסירת נפש פון אַברהם אָבינו. אַז רבי עקיבאָ האָט געשטרעבט צו דעם און געזוכט דעם ענין פון מסירת נפש, ווי ער האָט געזאָגט מתי תבא לידי ואקיימנה.

מה שאין כן ביי אברהם אבינו איז מסירת נפש ניט געווען אַן עבודה פאַר זיך. זיין ענין איז געווען, ויקרא שם בשם הוי׳ א־ל עולם, אַל תקרי

ויקרא אלא ויקריא. ער האָט גע־מאַכט יענעם שרייען, אַז אַלע זאָלן שרייען ניט א־ל העולם, אַז אלקות מיט עולם זיינען פרבונדן אָבער פאַרט צוויי זאַכן, נאָר א־ל עולם, דאָס איז איין זאַך — אין עוד מלבדו.

דאָס איז געווען אברהם אבינו'ס עבודה. ניט ער האָט געזוכט מסירת נפש, נאָר אויב עס האָט זיך גע־פאָדערט צו זיין עבודה מסירת נפש איז ער געווען גרייט אויף דעם. אַז מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין כבשן האש, — איז דאָס ניט געווען קיין מניעה, אַבי דורכצופירן זיין עבודה פון ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם.

און אויף דעם זעלבן אופן איז געווען די הנהגה ביי דעם בעל ההי־לולא. ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָך מסירת נפש, ניט דאָס איז געווען זיין ענין. ער האָט זיך געיאָגט נאָך דעם ויקרא שם בשם הוי' א־ל עולם, מפיץ זיין תורה ומצוות מיט פני־מיות התורה מיט אירע מנהגים און הדרכות. דאָס איז געווען זיין ענין און צוליב דעם האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין זאַך און געטאָן זיין אַרבעט מיט מסירת נפש ועד בכלל.

במילא איז ער ניט אַריינגעגאַנגען אין חקירות און שקלא וטריא אויב מען דאַרף על פי דין אין אַזאַ פאַל זיך מוסר נפש זיין אָדער ניט. וואָ־רום ער טוט ניט אין דעם ענין פון מסירת נפש, ער טוט אין הפצת והחזקת היהדות און וועגן אַנדערע זאַכן קלערט ער ניט, קיין זאַך שטעלט אים ניט אָפּ פון זיין אַרבעט.

און דערפאַר ווערט ער אויך ניט נתפעל פון די פאַרשידענע כתות וואָס זיינען פאַראַן ביי אידן. אים איז ניט נוגע די אַלע טענות. ער ווייס מער ניט ווי איין זאַך, אַז מען דאַרף גיין וואָס נענטער צו הר סיני. אַי, ס'איז אין מיטן דאָ אַ ים, שפרינגט ער אין ים. אַי, וואָס וועט זיין שפּעטער, — דאָס איז דעם אויי־בערשטנס געשעפט, אים איז דאָס ניט נוגע, ער דאַרף זיך טאָן זיינס, גיין אַלץ נענטער צו הר סיני.

כד. און דאָס איז די הוראה וואָס דער בעל ההילולא האָט אונז אָי־בערגעגעבן, צו די אַלע וואָס דאַרפן צוגרייטן זיך צו דער גאולה העתידה:

אונזער אַרבעט איז צו מקיים זיין דעם: אני נבראתי לשמש את קו־ני [27]). אונזער אַרבעט איז — אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.

דאָס איז אונזער ענין און מער איז אונז גאָרניט נוגע.

דאָס וואָס עס זיינען דאָ פאַרשידענע כתות מיט סברות שונות און אויך משונות, דער שרייט, ניתנה ראש ונ־שובה מצרימה, דער שרייט, מען דאַרף מלחמה האַלטן, דער שרייט, מען דאַרף אַנטלויפן אין מדבר, — וויבאַלד אָבער דאָס איז ניט דער וועג צו ווערן נענטער צו קבלת התורה, איז דאָס ניט אונזער וועג.

אונזער ענין איז גיין צו קבלת התורה. עס איז דאָך נותן התורה לשון הוה. און דאָס וועלן מיר טאָן אָן חשבונות. איז פאַראַן אין מיטן

27) קידושין פב, א.

א ים — מהיכי תיתי, וועט מען גיין אין ים. איז פאַראַן אין מיטן אַ באַרג, וועט מען דורכשפּאַרן דעם באַרג. מיר גייען צו קבלת התורה אויף פאַראייניקן זיך מיטן אויבערשטן.

און אַז מען גייט מקבל זיין די תורה אַן חשבונות, איז דעמאָלט, ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון.

כה. און אַזוי ווי עס שטייט אויף נחשון׳ען אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער פון די נשיאים צו מקריב זיין און מחנך זיין דעם משכן, עס זאָל זיין דער ושכנתי בתוכם, אַזוי דאַרף אויך יעדער איד זיך באַטראַכטן אַלס אַ נחשון.

און דעמאָלט וועט זיין, ווי ער זאָגט אין תיקוני זהר, אַז בעת עס וועט זיך געפינען איין איד וואָס איז ווי עס דאַרף צו זיין (דאָרט שטייט דער לשון צדיק, און ס׳איז דאָך ועמך כולם צדיקים), וועט ער ברענגען משיח׳ן, און וועט מקבל זיין די פּנימיות התורה וואָס משיח וועט מגלה זיין.

און דורך דעם וועט מען צוקומען צו אַז ישיר, מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה, אַז עס וועט זיין הקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אַז דער רבי דער בעל ההילולא וועט אונז פירן אַנטקעגן משיח׳ן בחסד וברחמים.

(משיחת יו״ד שבט, תשט״ז)

כו. בשעת זיין ברית האָט דער רבי געוויינט, ווי דער שטייגער איז ביי קינדער, האָט זיין זיידע דער רבי מוהר״ש געזאָגט: וואָס וויינסטו? ווען דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו זיין... און זאָגן חסידות בשפה ברור־ה. אַזוי איז פאַרצייכנט אין דעם רבי׳נס רשימות המאסר מיט אַ מקום חלק נאָכן וואָרט זיין. פון חסידים האָב איך געהערט אַז ער האָט געזאָגט וועסטו זיין אַ רבי. דערמיט איז פאַרשטענדלעך וואָס עס איז דאָ אַ ליידיקער אָרט אין די רשימות פון רבי׳ן.

כז. ווען דער רבי איז געווען אַ קינד, אין יאָר תרמ״ד, האָט דאַן זיין פאָטער, דער רבי (מהורש״ב) נ״ע, געלעבט אין אַ דירה פון צוויי צימערן. איין צימער איז געווען דער חדר המטות — שלאָף־צימער — און אין צווייטן צימער איז ער געזעסן צוזאַמען מיט הרה״ג והרה״ח רי״מ בעזפּאַלאָוו און געלערנט. דאָרט איז אויך געווען דעם רבי׳נס בעטל. דער רבי איז געווען דייער אַ שיינער, זיין פּנים האָט געלויכטן. אַמאָל, אין מיטן לערנען, שפּעט ביינאַכט האָט הרי״מ געזען דעם רבי׳ן שלאָפנדיק, האָט ער אָנגעהויבן ריידן מיט דעם רבי׳ן נ״ע אַז דער אויסזען און דער שיין פון פּנים ווייזט אויף טהרת המחשבה וכו׳. ביי דעם רבי׳ן נ״ע איז נתעורר געוואָרן אַ שטאַרקער רצון אויף אַ קוש טאָן דעם רבי׳ן. איז ביי אים אַדורך אין געדאַנק, אַז אין בית המקדש איז אַ חוץ קרבנות פלעגט מען אויך ברענגען כסף, זהב וכו׳ לבדק הבית. האָט ער מחליט געווען איבערבייטן דעם קוש אויף חסידות. און האָט דעמאָלט אָנגעשריבן דעם מאמר חסידות ד״ה מה רבו מעשיך. אין יאָר תרנ״ב האָט ער געגעבן צום רבי׳ן דעם כתב במתנה, זאָגנדיק: דאָס איז אַ חסיד׳ישער קוש, און מיט דער צייט וועל איך דיר דערציילן. תרנ״ו —

האט ער אים דערציילט די גאנצע מעשה.

כח. אין יאר תרנ״ז איז דער רבי (מהורש״ב) נ״ע, געווען שטארק ניט געזונט און איז געפארן קיין מאסקווע היילן זיך.

האבן אים די פראפעסארן דאן געזאגט אז ער האט אינגאנצן עטלעכע חדשים צו לעבן. אז דער רבי נ״ע האט דאס געהערט, האט ער באשלאסן צו פארן קיין ארץ ישראל.

האט ער דערציילט דער רביצין, הרבנית שטערנא שרה נ״ע, וועגן דעם.

האט אים די רביצין געפרעגט: וואס וועסטו טאן מיט דיינע חסידים און חסידות? האט דער רבי נ״ע געענטפערט: איך לאז דאך איבער אים (געמיינט דעם רבי׳ן).

און דער רבי איז דאן אלט געווען זיבעצן יאר!

(משיחת י״ד שבט, הש״ת)

# פרשת בשלח

א. מיט צוואנציק יאר צוריק — אחרון של פסח תצר״ת, האט כ״ק מו״ח אדמו״ר גערעדט אין א שיחה [1] בנוגע דער הפטורה פון דעם שבת.

ער האט דאן דערציילט אין נאמען פון זיין עלטער־זיידן — דעם צמח צדק, אז זיין זיידע — דער אלטער רבי, האט אמאל געפרעגט די קשיא, פארוואס איז די הפטורה פון שבת שירה דוקא ותשר דבורה, א שירה פון א פרוי, און ניט די שירה פון דוד, ווי דאס איז די הפטורה פון שביעי של פסח. אין פרשת בשלח איז דא די שירה פון מאנסבילן: אז ישיר משה גו׳, און אויך איז דא די שירה פון פרויען: ותקח מרים גו׳ את התוף בידה ותצאן כל הנשים גו׳ בתופים ובמחולות, ותען להם מרים שירו לה׳ כי גאה גאה. היינט פארוואס איז די הפטורה דוקא די שירה פון א פרוי, ותשר דבורה?

אויף דעם האט דער אלטער רבי דערציילט א לאנגן סיפור (געדרוקט אין דער אויבנדערמאנטער שיחה) און ער האט אויסגעפירט, אז ווען די אידן זיינען ארויס פון מצרים און געגאנגען אין ים אין דער טריקעניש און געזאגט שירה האבן די פרויען אויך געזאגט שירה, אבער דערצו נאך „בתופים ובמחולות״, מיט שמחה. דערפאר איז די הפטורה פון שבת שירה — ותשר דבורה. (הכל הי׳ מן העפר, ספירת המלכות).

ב. אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס טאקע איז די שירה וואס עס האבן געזונגען משה ובני ישראל — די מאנסבילן — ניט געווען מיט אזא שמחה ווי די שירה פון מרים און כל הנשים — די פרויען?

נאר דער טעם אויף דעם — אין פשטות, ווייל בשעת מען באקומט א זאך אן הארעוואניע און אן צער, קען מען בשום אופן ניט פילן די זעלבע

---

1) לקוטי דבורים ח״ד תשא, א.

שמחה, ווי בשעת מען האָט געלייגט אויף דעם גרויס מי און דורכגע־גאַנגען שווערע מלחמות. און לפום צערא אגרא ²). וואָס גרעסער עס איז געווען פריער די יגיעה און צער — אַלץ גרעסער איז דערנאָך די שמחה.

בשעת אידן האָבן געזונגען שירה דערפאַר וואָס פרעה מיט די מצריים זיינען דערטרונקען געוואָרן אין ים און זיי זיינען אַרויס פון גלות מצרים, האָבן משה רבנו מיט אַלע אידישע מענער ניט געקענט פילן דערביי אַזאַ שמחה ווי מרים מיט אַלע אידישע פרויען.

וואָרום דאָס שווערסטע פון גלות מצרים און די ערגסטע גזירות זיינען געקומען נאָכדעם ווי מרים איז גע־באָרן געוואָרן. און די שווערסטע גזירה איז געווען — כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו.

— אַלע שוועריקייטן וואָס זיינען געווען פריער, ווען אידן האָבן גע־אַרבעט „בחומר ובלבנים ובכל עבודה בשדה את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך", זיינען ניט געקומען צו דער גזירה פון אַרייַנוואַרפן נייַ־גע־באָרענע קינדער אין טייך —

נאָכדעם איז דאָך אויך געקומען — ווי חז"ל דערציילן ³) — די גזירה אַז פרעה זאָל זיך באָדן אין די בלוט פון אידישע קינדער.

אַ מוטער לעבט דאָס אַלץ איבער מער ווי אַ פאָטער. דערפאַר איז אויך בשעת מען איז פטור געוואָרן פון פרעה'ן מיט זיינע גזירות, איז די שמחה פון די אידישע פרויען געווען פיל גרעסער ווי די שמחה פון די מענער.

ג. ווי אַלע סיפורים פון תורה, אַזוי אויך דער סיפור פון יציאת מצרים, וועגן דער שירה מיט דער שמחה „בתופים ובמחולות" פון מרים'ען מיט די אידישע פרויען — זיינען זיי אַלע אַ הוראה אויף אַלע דורות, אויך אויף אונזער דור.

און דאָס איז אויך מרומז אין פסוק: ותצאן כל הנשים אחרי' — אַלע אי־דישע פרויען עד סוף כל הדורות גייען נאָך מרים'ען און זאָגן, שירו לה' כי גאה גאה סוס ורוכבו רמה בים.

ג־טלעכקייט און הייליקייט איז גאה גאה, הויך וואָס העכער קען ניט געבן. און זאַכן וואָס זיינען פאַרקערט פון הייליקייט, וואָס האָבן מלחמה מיט הייליקייט — סוס ורוכבו, איז רמה בים, טיף נידעריק אין ים. ניט סתם נידעריק, נאָר רמה בים, גאָר אַ שטאַרקן וואָרף אין ים, נידעריק וואָס נידעריקער קען ניט זיין.

ד. מען האָט שוין אַמאָל גערעדט אַז די גזירה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, איז די נקודה פון איר, איר אינהאַלט — פאַראַן אין יעדן דור און אין יעדער מדינה. אויך אין אונזער דור און אין אונזער מדינה ⁴).

בשעת עס ווערט געבאָרן אַ אידיש קינד, וואָס דער אידישער לעבנס־סדר איז, אַז באַלד ווי אַ קינד ווערט

2) אבות פרק ה משנה כא.
3) שמות רבה א, לד.
4) זע אויך אויבן, עמוד 112 און ווייטער.

געבאָרן הויבט מען אים גלייך אָן געבן אַ דערציאונג פון תורה ומצוות, קומט צוגיין פרעה מלך מצרים, ד. ה. די בעל־הבתי׳שקייט פון דער לאַנד, און טענה׳ט: עס ווערט געבאָרן אַ אינגל, וואָס מיט דער צייט וועט ער חתונה האָבן און דאַרפן זיין דער צושטעלער פון פרנסה אין הויז, דאַרף מען אים שוין פון קינדוויַיז אָן אַריינ־וואַרפן אין טייך וואָס גיט פרנסה (די גאַנצע שפּיַיז און פרנסה פון מצרים איז געווען אָפּהענגיק פון דעם יאור — טייך נילוס) עס זאָל זיך טונקען און זיין דערטרונקען אין טייך.

אַ׳. וואָס וועט זיין מיט תורה ומצוות, אויף דעם ענטפערט פרעה, איז פאַראַן „סאַנדעי" (זונטיק), וואָס סאַנ־דעי איז דער באַנק געשלאָסן, די קלייטן געשלאָסן, א. א. וו. די נאַכט פריער דאַרף מען שלעפּן דעם קינד אין מוּאווי און אין אַלדע יאַרן, אָבער אינדערפרי, אַזוי ווי די עלטערן ווילן שלאָפן ביז צוועלף אַזייגער, אַרט זיי ניט אַז דער קינד וועט גיין אין „סאַנדעי סקול" און לערנען דאָרטן, און ניט נאָר זינגען און טאַנצן נאָר אַפילו עברי און חומש. זיי — די עלטערן — וועלן קענען רואיק שלאָפן, און זיין גאַר טיף פאַרזונקן אין שלאָף ברוחניות.

דערנאָך — איינס אַזייגער נאָך האַלבן טאָג, וועט מען האָדעווען דעם קינד מיט טעלעוויזשאַן, מוּאווי און בייזבאָל — מיט דעם טייך נילוס, וואָס לויט זייער מיינונג, גיט ער פרנסה.

אַנשטאָט דעם וואָס מען דאַרף דעם קינד פאַרבינדן, באַלד פון קינדוויַיז אָן, מיט דעם אויבערשטן, וואָס ער שפּיַיזט די גאַנצע וועלט בטובו בחן בחסד וברחמים, אין אַן אופן פון כבוד ומנוחה,

וואָס נאָר דאָס (פאַרבינדן זיך מיט דעם אויבערשטן) איז די איינציקע וועג פון אַ אידן צו פרנסה,

— וואָרום אויב אַפילו ביי גוים איז זייער פרנסה אָפּהענגיק פון טייך נילוס־געזעצן, איז אָבער ביי אידן שטייט, ואתם הדבקים בהוי׳ אלקיכם חיים כולכם היום (5), דורך דעם וואָס אידן פאַרבינדן זיך מיט דעם אויבערשטן, דורך דעם לעבן זיי, און דורך דעם האָבן זיי אויך פרנסה, וואָרום מאן דיהיב חיי יהיב מזוני — דער אויבערשטער וואָס ער גיט לעבן גיט ער אויך פרנסה, אים מיט זיין פרוי און קינדער —

איז אַנשטאָט דעם, נעמט מען די קינדער און מען וואַרפט זיי אַריין אין טייך, וואָס רייסט זיי אָפּ ניט נאָר פון דעם רוחניות׳דיקן לעבן נאָר אויך פון לעבן אין איינפאַכן זין, וואָרום, ווי געזאָגט פריער: די איינ־ציקע וועג וואָס אידן האָבן אויף לעבן און פרנסה איז דורך פאַרבינדן זיך מיט דעם אויבערשטן.

ה. און אַזוי ווי אין דעם גלות וואָס איז געווען פאַר מתן תורה, וואָס דאָס איז גלות מצרים, זיינען די אַלע פריערדיקע גזירות ניט גע־קומען צו דער גזירה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, אַזוי אויך אין דעם איצטיקן גלות, קומען ניט די אַלע גזירות וואָס דער יצר הרע מאַכט אויף דערוואַקסענע מענטשן — צו דער גזירה וואָס דער יצר הרע מאַכט אויף קליינע ׳קינדער.

בשעת, אָבער, מען ווערט ניט נת־

---

5) דברים ד, ד.

פעל פון פרעה'ן, מען ווערט ניט נתפעל פון די „גוטע פריינט" — פון דער שכנ'טע פון „נעקסט דאָר", וואָס זי טענה'ט: ווי אַזוי נעמסטו דיין קינד און שיקסט אים אין אַ חדר, אין אַ ישיבה וואָס מען לערנט דאָרטן אַ תורה, וואָס איז אַלט דריי מיט אַ האַלב טויזנט יאָר, אַ תורה וואָס איז געגעבן געוואָרן אין אַ מדבר שממה — דעזערט — און אין אַ צייט וואָס ס'איז נאָך ניט געווען קיין ראַדיאָ, קיין טעלעפאָן און אפילו אַ „פייפער" אינדערפרי צו מודה אני איז אויך ניט געווען.

דעמאָלט — טענה'ט זי — האָט מען געקענט אַנגיין מיט אַזאַ דערציאונג. אָבער איצטער, בשעת מיר געפינען זיך אין „טווענטי'ס סענטשורי" און מיר האָבן זוכה געווען צו „פּראָגרעס" און צו „קאַלטשער" — איצטער קען מען ניט זיין „אַלד-פעשאָנד".

נאָך מער, אַמאָל טוט זיך אָן פרעה אין אַ קלייד פון קדושה און טענה'ט: אַזוי ווי דו ווילסט אַז דיין קינד זאָל געבן אַ סך געלט אויף צדקה בכלל און אויף ישיבות בפרט, דאַרפסטו דאָך זען אַז ער זאָל זיין אַ גביר, טאָ וואַרף אים אַריין אין טייך פון פרנסה, מאַך אים אַזוי ווי אַלע „דזשאָן'ס" און „מייקל'ס" — אשר לא להוי' המה, און דעמאָלט קענסטו האָבן אַ האָפענונג אַז ער וועט געבן געלט אויף ישיבות און חדרים.

— לפועל זעט מען אַז נאָר פרעה האָט פרנסה דערפון. אידן האָבן דערפון גאָרנישט —

דאַרף מען וויסן דעם אמת, אַז די גזירה קומט פון דעם זעלבן פרעה, נאָר אַזוי ווי ער וויס דאָך אַז בשעת ער וועט קומען צוגיין און הייסן טאָן אַן עבירה, וועט מען אים ניט פאָלגן, טוט ער זיך אָן אין אַ זיידענער זופּעצע און זאָגט אַז ער האָט אַ גרויסע ישיבה און ער דאַרף אויף איר געלט. דערפאַר זאָל מען אַריינגעבן די קינדער אין „פּאַבליק-סקול" און אין „סאַנדעי-סקול", וועט ער דעמאָלט קענען בויען אַ גרויסע ישיבה פאַר מלאכים.

בשעת מען כאַפּט זיך באַצייטנס אַז די עצה שטאַמט פון פרעה'ן, פון דעם קלוגינקן וואָס זאָגט הבה נתחכמה לו — פן ירבה — (כ"ק אדמו"ר שליט"א הפסיק ואמר: אָבער דער אמת איז אַז כן ירבה וכן יפרוץ) — פון דעם וואָס וויל אַז עס זאָל ניט בלייבן קיין שריד ופליט, ר"ל, פון אידישקייט, פון אידישע נשמות און דורך דעם אויך ניט פון אידישע גופים,

און מען נעמט זיך מיט דער אידישער שטאַרקייט אויף מבטל זיין די גזירה, מען הערט אויף צו זוכן תכליתים צו פינף יאָר, צו זיבן יאָר, צו דרייצן יאָר און צו אַכצן יאָר, און מען האָט אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטן,

ווארום רבות מחשבות בלב איש,

(און זיי ברענגען קיין נוצן ניט, ווייל זיי זיינען רבות און ניט קיין יחיד, יחידו של עולם,

און) ועצת הוי' היא תקום (היא לשון יחיד), ווארום דער אויבערשטער איז אַ בעל-הבית ניט נאָר אויפן הימל נאָר אויך אויף דער ערד, אין דעם אָרט וואו זי געפינט זיך מיט איר מאַן און מיט אירע קינדער,

איז ווייסנדיק דאָס, איז ניט נאָר וואָס זי וועט ניט נתפעל פון איר

שכנ׳טע, נאָר אדרבה זי פועל׳ט נאָך אויף איר שכנ׳טע, אַז זי זאָל אויך ראַטעווען אירע קינדער פון די הענט פון פרעה. און מען שטעלט אויף צענדליקער טויזנטער אידישע קינדער, וואָס זאָלן גיין אַנטקעגן משיח צדקנו, במהרה בימינו.

ו. און אַזוי ווי דעמאָלט, בשעת מען איז פטור געוואָרן פון פרעה׳ן, אין די צייטן פון משה רבינו מיט מרים׳ען, איז די שמחה פון די פרוי־ען געווען פיל גרעסער ווי די שמחה פון די מענער, וואָרום אויף די גזירה האָבן די מוטערס איבערגעלעבט מער ווי די פאָטערס, די זעלבע זאַך איז אויך איצטער, אַז סיי די גזירה פון פרעה׳ן, ובמילא אויך די שמחה וועל־כע קומט בשעת מען ווערט פטור פון דער גזירה, פילן זיך מער ביי די אידישע פרויען.

דעם גרעסטן טייל פון דעם טאָג, געפינט זיך דאָך דער מאַן ניט אין הויז און אַפילו די צייט וואָס ער איז אין הויז, אויך דעמאָלט גיט ער זיך ניט אָפּ אַזוי פיל מיט דער דערציאונג פון די קינדער, ווי די פרוי.

דאַקעגן די אידישע פרוי, זי האָט מלחמה מיט פרעה׳ן, ווי פאַרשטעלט ער זאָל ניט זיין, און מיט וואָס פאַר אַ פאָרם „גוטע פריינטשאַפט״ ער זאָל ניט קומען צו איר.

און דאַן איז זיכער אַז זי איז מנצח און פירט אויס אַז — הוי׳ (תורה און אידישקייט, איז) גאה גאה (און דאָס פאַרקערטע) סוס ורוכבו — רמה בים. און דאָס פירט זיך אויס מיט שמחה, בתופים ובמחולות, און מען גייט איבער צו פרשת יתרו, די פרשה פון קבלת התורה, וואָרום מען קען זאָגן, בגינו ערבים בעדינו 6).

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס עס שטייט אין מדרש (תנחומא) אויפן פסוק ותען להם מרים, וואָס אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק דער לשון להם, וואָס דאָס איז אַ לשון זכר, צו פרויען האָט ער דאָך געדאַרפט זאָגן להן?

דערציילט ער אויף דעם אין מדרש, אַז בשעת די אידן זיינען דורכגע־גאַנגען דעם ים און געזאָגט שירה, האָבן די מלאכים דעמאָלט אויך גע־וואָלט זאָגן שירה. האָט דער אוי־בערשטער געזאָגט צו די מלאכים: פריער וועלן אידן זאָגן שירה און ערשט דאַן וועט איר זאָגן שירה.

— דערמיט דערקלערט דער מדרש דעם לשון ישיר משה, ניט שר לשון עבר נאָר ישיר לשון ציווי, וואָרום דאָס איז געווען אַ ציווי פון דעם אויבערשטן: ישיר משה ובני ישראל און דערנאָך די מלאכים —

נאָכדעם בשעת מרים מיט די פרוי־ען האָבן געזאָגט שירה, האָבן די מלאכים ווידער גע׳טענה׳ט, פאַר משה ובני ישראל האָבן מיר אָפּגעטראָטן דעם וועג, אָבער איצט זאָלן מיר זאָגן שירה פאַר די פרויען. לויט איין דיעה אין מדרש, האָט מען זיי נאָכ־געגעבן. אָבער לויט אַ צווייטער דיעה, פירט אויס דער מדרש, אַז אויך די שירה פון די פרויען איז געווען פאַר דער שירה פון די מלאכים.

אָבער אויך לויטן סלקא דעתך פון מדרש, אַז די מלאכים האָבן ניט געוואַרט אויף דער שירה פון די

---

6) זע אויבן עמוד 110 הערה 53.

פרויען, האָבן אָבער די מלאכים ניט געקענט זאָגן שירה ביז מרים האָט זיי געגעבן רשות. און דאָס איז ותען להם מרים, להם לשון זכר, דאָס מיינט דער רשות וואָס מרים האָט געגעבן צו די מלאכים אויף זאָגן שירה.

זעט מען דערפון אויך די גרויס־קייט פון דער שירה פון די פרויען, אַז דאָס רירט אָן ניט נאָר אין עולמות התחתונים נאָר אויך אין עולמות העליונים. זייער שירה קומט נאָך פריער און העכער פון שירת המלאכים.

ח. דאָס אויבנגעזאָגטע איז אַ הוראה צו יעדער אידן, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך, ניט פאַר פרעה'ן, ניט פאַרן נילוס און ניט פאַר די גזירות. אויב מען גייט נאָר מיט דער אמת'ער אידישער שטאַרקייט, קען מען זיך געפינען אין מצרים, און עס זאָל דאַרטן זיין פרעה מלך מצרים, מיט אַלע גזירות, און פונ־דעסטוועגן האָט עס כלל ניט צוטאָן צו זיינע קינדער: ער וועט פירן זיינע קינדער אין דרך התורה, וואָס דאָס איז די וועג וואָס עס ברענגט זיי צום לעבן, ניט נאָר לעבן אין עולם־הבא נאָר אויך לעבן אין עולם־הזה.

ער וועט פירן די קינדער אין דעם וועג וואָס זיי וועלן זאָגן: זה א־לי ואנוהו אלקי אבי וארוממנהו, זיי וועלן גיין אין דעם זעלבן וועג אין וועלכן עס גייען די עלטערן.

וואָס דאָס איז דאָך דער אמת'ער נחת וואָס עס קען זיין פון קינדער.

און דעמאָלט, איז ווי מען זאָגט ווייטער אין דער שירה: תביאמו ותטעמו בהר נחלתך, אַז מען איז זוכה צו בנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו.

און נאָך מערער, ווי ער זאָגט אין מדרש: למדת חיבתם של ישראל לפני המקום, אַז דער אויבערשטער האָט ניט געוואַרט אויפן תביאמו ותטעמו בהר נחלתך, וואָס דאָס איז דער בית המקדש, בית עולמים, נאָר זייענדיק נאָך אין מדבר האָט ער געזאָגט: ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.

אַזוי אויך איצטער, אַז די ביסל געציילטע טעג וואָס זיינען געבליבן ביז משיח'ן, איז דורכדעם וואָס מען וועט ניט נתפעל ווערן פון די גזירות, און מען וועט אויפשטעלן זרע ברך הוי', איז ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אַז דער אויבערשטער וועט רוען אין יעדער אידישער הויז, און וויבאַלד אַז השי"ת רוט דאַרטן, איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאַרטן וועט זיין פרנסה בהרחבה, געזונט בהרחבה און אמת'ער נחת פון קינדער און קינדס־קינדער לאורך ימים ושנים טובות.

(משיחת יו"ד שבט, תשח"י)

ט. ווען די אידן זיינען געגאַנגען פון מצרים צום הר סיני מקבל זיין די תורה, האָבן זיי געהאַט אויפן וועג צוויי מלחמות: די מלחמה מיט פרעה'ן און די מלחמה מיט עמלק'ן.

אין היינטיקער סדרה דערציילט די תורה וועגן דעם אָנזאָג פון השי"ת ווי די אידן זאָלן זיך פירן ביי ביידע מלחמות. ביי מלחמת פרעה איז געווען דער ציווי „ה' ילחם לכם ואתם תחרישון" (ג־ט וועט פאַר אייך מלחמה האַלטן און איר זאָלט שווייגן). און ביי מלחמת עמלק — „צא הלחם בעמלק" (גיי אַרויס האַלט מלחמה מיט עמלק'ן), וואָס מיינט אויך מלחמה פשוט אין גשמיות.

י. דער חילוק פון די צוויי מלחמות איז:

פרעה איז געווען הינטער די אידן. ער איז ניט געשטאַנען צווישן די אידן און דעם באַרג סיני, נאָר צווישן די אידן מיט דעם „הדגה אשר נאכל במצרים", מיט דעם „ואכלו את חלב הארץ". פרעה האָט געשריען אַז ער וועט ניט צולאָזן צום טוב ארץ מצרים, סיידן, אַז מען וועט ווערן זיינע — פרעה'ס — עבדים. אָבער צווישן אידן און מתן תורה איז ער ניט געשטאַנען. דערפאַר איז געווען אין דעם דער סדר — ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

דאַקעגן עמלק איז געשטאַנען צווישן די אידן מיט דעם באַרג סיני — און דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן אַן ארץ טובה ורחבה נאָר וועגן אַ מדבר, ווי די רז"ל זאָגן אין מדרש תנחומא אַז די תורה איז גע־געבן געוואָרן דוקא אין מדבר — און האָט ניט געלאָזן די אידן גיין מקבל זיין די תורה.

בשעת עס איז דאָ אַ מונע ומעכב — אַ שטערער און אָפּהאַלטער — צו קבלת התורה, איז הגם הקול קול יעקב והידים ידי עשו, ידים זיינען שייך צו עשו'ן, דאָס איז זיין חלק, ווי עס שטייט ועל חרבך תחי', ווי־באַלד אָבער עס איז דאָ אַ שטערער צו קבלת התורה, רעכנט מען זיך ניט מיט קיינע חשבונות און מען גייט אויף אַלע וועגן און אין אַלע אופנים, אַבי מען זאָל נאָר מקבל זיין די תורה און פאַראייניקן זיך מיט איר.

און דאָס איז דער טעם, וואָס מען האָט מלחמה געהאַלטן מיט עמלק'ן פשוט אין גשמיות. עס איז ניט געווען קיין ענין פון כחי ועוצם ידי, נאָר עס איז געווען אַן ענין פון מלחמה לה', וואָס אין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק [7] (דעם אויבערשטנס נאָמען און זיין שטול זיינען ניט גאַנץ ביז וואַנען עס וועלן אָפּגעמעקט ווערן די קינדער פון עמלק'ן).

יא. מצד דעם וואָס די מלחמה מיט עמלק'ן איז געווען צוליב קבלת התורה, דערפאַר איז די מלחמה מיט אַלע אירע פרטים, געווען פאַרבונדן מיט משה רבנו — דער וועלכער קבל תורה מסיני.

די מלחמה האָט געשטאַמט פון משה'ן — משה האָט געזאָגט בחר גו' וצא הלחם בעמלק. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער תפלה פון משה'ן, געפירט זיך דורך אנשי משה, ווי עס שטייט אין חסידות אויפן פסוק בחר לנו אנשים — אנשי משה, און דער נצחון איז געקומען דורך יהושע — משרת משה.

יב. דער נצחון פון אידן אין מל־חמת עמלק איז געווען העכער פון טבע. על פי טבע וואָלט עמלק גע־דאַרפט מנצח זיין, ווי ער זאָגט אין ירושלמי [8]) אַז עמלק כשפן הי', און ער האָט אויסגעקליבן אַזעלכע מענטשן וואָס דאַרפן על פי סדר הטבע לעבן, און זיי האָט ער געשיקט אין מלחמה. און פונדעסטוועגן האָט מען אים מנצח געווען, ווייל בשעת מען גייט אויף מלחמה בכח התורה, — און ווי אויבן דערמאָנט וועגן „אנשי משה", אַז יע־דער איינער וועלכער איז געגאַנגען

7) פירוש רש"י על התורה שמות יז, טז.

8) ראש השנה סוף פרק ג.

צו מלחמת עמלק האָט געוואוסט אַז ער גייט ניט בכחו ועוצם ידו נאָר אין שליחות און מיטן כוח פון משה, בשליחות ובכח התורה — דעמאָלט איז מען מנצח למעלה מדרך הטבע.

יג. די מצוה פון זכירת עמלק איז דאָך יעדן טאָג. במילא איז דאָס אויבנדערמאָנטע אַ הוראה — אָנווייזונג — אויך אויף דער מלחמה מיטן עמלק הרוחני פון יעדן טאָג.

אויף עמלק'ן שטייט „אשר קרך", ער האָט אָפּגעקילט אידן פון זייער קאָך און התלהבות צו קבלת התורה.

בשעת אידן זיינען געשטאַנען אין דער גרעסטער התלהבות, אַזאַ התלהבות וואָס האָט גע'פועל'ט אפילו אויף די אומות העולם, ווי עס שטייט דער משל אין מדרש תנחומא פון אמבטי רותחת (אַ קאָכעדיקע וואַנע), אַלע האָבן געזען אַז דאָס איז אַ פלאַם פייער, דעמאָלט איז געקומען עמלק אויף אָפּקילן אידן פון דער התלהבות צו גיין מקבל זיין די תורה.

און בשעת עס געפינט זיך אַ זאַך וואָס קילט אָפּ פון תורה, האָבן מיר אויף דעם די אָנווייזונג ווי אויבן דערמאָנט: א) אַז מען דאַרף נוצן אַלערליי מיטלען, אויף מלחמה האַלטן מיט דעם, אַבי נאָר מקבל זיין די תורה. ב) מען דאַרף וויסן אַז מען טוט עס ניט בכחו ועוצם ידו (מיטן אייגענעם כוח און זעלבסט־קראַפט) נאָר בכחו של משה, בכוח התורה.

יד. אויפן פסוק וישמע יתרו, זאָגן רז"ל מה שמועה שמע ובא — מלחמת עמלק. די שמועה האָט דערלאַנגט אויך אין מדין. און דאָס וואָס יתרו האָט געזאָגט עתה ידעתי, איז געווען אַן הכנה צו מתן תורה, ווי עס שטייט אין זוהר.

אַזוי אויך איצטער, אַז מען וועט גיין מלחמה האַלטן מיט דעם עמלק הרוחני און בכחו של משה, וועט דאָס פועל'ן אומעטום אפילו אין מדין [9], און דאָס וועט זיין אַ הכנה צו גילוי וקבלת פנימיות התורה, וואָס עס וועט מגלה זיין משיח צדקנו בב"א.

(משיחת יו"ד שבט, תשט"ז)

## ט"ו בשבט

טו. חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאילנות. כאָטש עס איז דאָ אַ פלוגתא אין דעם, און בית שמאי האַלטן אַז ראש השנה לאילנות איז באחד בשבט, איז דאָך אָבער, בית שמאי ובית הלל הלכה כב"ה, און נאָך מער, ב"ש במקום ב"ה אינה משנה [10].

טז. קען מען זאָגן דעם ביאור אין דעם:

מיר געפינען אין עטלעכע ערטער אין ש"ס, אַז בית שמאי האַלטן, אזלינן בתר כח ווי ער איז נאָך בהעלם, און בית הלל האַלטן, אזלינן בתר פועל וגילוי.

למשל:

א) חלות דבש [11] מאימתי מטמאות משום משקה ב"ש אומרים משיהרהר — כח והעלם. וב"ה אומרים משירסק — פועל וגילוי.

ב) נרות חנוכה, ב"ש אומרים [12] יום ראשון מדליק שמונה מכאן ואילך פוחת והולך, וב"ה אומרים יום ראשון מדליק אחת מכאן ואילך מוסיף והולך. טעמא דב"ש כנגד ימים הנכנסין

---

9) זע דרושי החלצו (אין לקוטי תורה פרשת מטות ובכ"מ).

10) ברכות לו, ב.

11) עוקצים פרק ג, משנה יא.

12) שבת כא, ב.

(העתידים לבוא) — כח והעלם. וטעמא דב"ה כנגד ימים היוצאין (שיצאו כבר) — פועל וגילוי.

— בית שמאי גייען אַלע מאָל נאָך דער זאַך ווי זי קען זיין, לויט די באַהאַלטענע כחות. און בית הלל, — לויט דער זאַך ווי זי איז, אַנט־פּלעקטערהייט —

(דער שרש הענין איז: בית שמאי שרשם מבחינת הגבורות ועבודתם בדרך העלאה — בחינת העלם. ובית הלל שרשם מבחינת החסדים ועבודתם בדרך המשכה — בחינת גילוי. הלל מלשון בהלו נרו, גילוי [13]).

יז. דער ענין פון ראש השנה לאילנות איז, אַז די ביימער הערן אויף יונק זיין זייער חיות פון די וואַסערן פון אַפּגעלאָפענעם יאָר, און עס הויבט זיך אָן ביי זיי אַ נייע יניקה [14].

דער זמן וואָס די וואַסערן פון נייעם יאָר הויבן אָן צו געבן יניקה, איז פיר חדשים נאָך דעם ווי זיי ווערן נידון.

בחג (סוכות) — ט"ו תשרי — נידונין על המים [15]) און אין פיר חדשים אַרום — ט"ו שבט — הויבן זיי אָן צו געבן יניקה די ביימער.

דאָס וואָס המים נידונים בחג, איז דאָס דער דין בפועל ובגילוי. אָבער בכח ובהעלם איז דאָס באחד בתשרי, וואָרום ראש השנה — אחד בתשרי — איז דאָך נידון כל העולם [16]), און אין דעם איז אויך נכלל מים. מער ניט וואָס בפועל קומט דאָס אַרויס בט"ו בתשרי.

וויבאַלד אַז די יניקה פון די ביי־מער בגילוי פון די נייע וואַסערן קומט פיר חדשים נאָך זייער דין בגילוי, קומט אויס, אַז די נייע יניקה בהעלם איז באחד בשבט — פיר חדשים נאָכן דין המים בהעלם.

דערפאַר איז בית שמאי וואָס זיי גייען נאָכן כח בהעלם, האַלטן, אַז באחד בשבט ראש השנה לאילנות, ובית הלל דאזלי בתר פועל, האַלטן, אַז בט"ו בשבט ראש השנה לאילנות.

לויט דעם קומט אויס, אַז אויך בית שמאי זיינען מודה אַז דער פּועל פון ראש השנה לאילנות איז בחמשה עשר בשבט.

יח. דער ענין פון ראש השנה לאילנות איז פאַראַן אויך אין דעם מענטשן, ווי עס שטייט כי האדם עץ השדה [17]).

דער ענין פון אילן איז וואָס ער איז עושה פירות — ער גיט פרוכטן — פון וועלכע עס וואַקסן אויס נאָכ־דעם נאָך אילנות עושי פירות.

אַזוי אויך דאַרף יעדער איד זיין אַ משפיע אויף זיין סביבה, אין שול, אין ישיבה און בכלל — אויף די אַלע אידן מיט וועלכע ער טרעפט זיך, דאַרף ער אויף זיי משפיע זיין, עס זאָלן צוקומען נאָך אידן.

די ברכה וואָס מען גיט אים איז, אַז זיינע נטיעות זאָלן זיין כמותו — ווי ער אַליין איז — ווי זיינע פנימיות. וואָס דאָס איז די בעסטע ברכה פאַר אַן אילן, ווי די רז"ל זאָגן, אילן אילן במה אברכך, שיהיו

---

13) לקוטי תורה שיר השירים מח, ג.
14) ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ב.
15) ראש השנה טז, א.
16) דאָרט.
17) דברים כ, יט.

נטיעותיך כמותך[18]) (בוים, בוים, מיט וואס זאל איך דיר בענטשן, אז דיינע פלאנצונגען זאלן זיין ווי דו אליין).

און בשעת עס וועט זיין נטיעותיך כמותך, איז ווי די גמרא איז מסיים אין מסכת סנהדרין[19]), נאך דעם ווי ער רעכנט אויס כמה קצין, אז בשעת עס וועט זיין „ענפיכם תתנו ופריכם תשאו"[20]), אין לך קץ מגולה מזה. דאס איז דער אמת'ער סימן אז משיח קומט.

אז מען האלט זיך אן באילנא דחיי, כ"ק רבותינו הקדושים ותורת החסידות, און מען איז דאס משפיע אויך אויף א צווייטן אידן, ביז עס איז נטיעותיו כמותו, אז מען וועט קענען זאגן ראו גידולים שגידלתי, דאס איז א סימן אויף קירוב הקץ פון דער גאולה העתידה על ידי משיח צדקנו.

(משיחת ש"פ בשלח, ט"ו בשבט, תשט"ז)

# פרשת יתרו

א. ביי מתן תורה שטייט, וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר. פרעגן מפרשים, וואס מיינט „לאמר"? אומעטום וואו עס שטייט „וידבר גו' לאמר" מיינט, אז מען זאל דאס איבערזאגן צו די אידן וואס האבן ניט געהערט בשעת מעשה, אבער ביי מתן תורה, וויבאלד אז אלע אידן זיינען דארט געווען, און אלע האבן געהערט, היינט וואס מיינט „לאמר"?

מען קען ניט זאגן, אז דאס איז צוליב די ווייטערדיקע דורות, ווארום ביי מתן תורה זיינען דאך געווען אויך די נשמות פון שפעטערדיקע דורות[1]).

ענטפערט אויף דעם דער מעזריטשער מגיד נשמתו עדן, אז דער ענין פון מתן תורה איז: ממשיך זיין די עשרת הדברות פון תורה אין די עשרה מאמרות שבהם נברא העולם, ווי עס איז באוואוסט דער פירוש[2]) אויפן פסוק עשרה עשרה הכף בשקל הקודש, אז די עשרה מאמרות זיינען שקול און מכוון אנט־קעגן די עשרת הדברות. און דער־פאר שטייט וידבר גו' לאמר, ממשיך זיין דעם וידבר — די עשרת הדברות, אין לאמר — די עשרה מאמרות.

ב. דער ענין פון דעם אין עבודת השם איז:

אז דער אור התורה — עשרת הדברות, דארף לייכטן אויך אין די ענינים פון וועלט — עשרה מאמרות.

ניט ווי די וואס מיינען אז תורה איז א באזונדער זאך און וועלט איז א באזונדער זאך, זייענדיק אין דער סביבה פון תורה וועט ער זיין א תורה־איד און קומענדיק אין וועלט וועט ער זיך פירן לויט די הנחות

18) זע תענית ה, ב.
19) צח, א.
20) יחזקאל לו, ח.
1) שמות רבה כח, ו.
2) זהר חלק ג יא, ב.

העולם — לויט דעם שטעל פון וועלט און די פירונגען פון וועלט — נאָר עס פאָדערט זיך, אַז אַלע זיינע ענינים, אויך די ענינים פון וועלט, זאָלן זיין לויט די הנחות פון תורה.

מען רעדט ניט וועגן דברים האסו־רים. דאָס איז דאָך אַ פשוט'ע זאַך, אַז דאָס וואָס מען טאָר ניט — טאָר מען דאָך ניט. מען מיינט אַז אַפילו אין דברים המותרים, דאַרף ניט זיין קיין הנחות העולם, בעל־הבתי'שע הנחות [3], נאָר די הנחות פון תורה.

ג. דאָס איז אויך וואָס שטייט, היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמור אלי כל היום אי' אלקיך.

היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה: ער איז אַזוי פיל פאַרביטערט, ביז אַז די דמעות פאַרבייטן לחם. די טרערן באַשטייען אַנשטאָט ברויט, ווי עס איז באַוואוסט אַז מרירות — פאַרביטערטקייט — ווירקט אַז מען פילט ניט קיין הונגער, און פון וואָס איז די פאַרביטערטקייט, זאָגט ער ווייטער אין פסוק — באמור אלי, מען טענה'ט און מען מאָנט מלמע־לה: כל היום, אַ גאַנצן טאָג, אי' אלקיך.

אלקיך מיינט כוחך וחיותך (דיין כח און דיין לעבן) [4], און ווער איז אלקיך: הוי' — אלקיך. הוי' איז למעלה מזמן ומקום ולמעלה מהשׁ־תלשלות, דאָס איז אלקיך — כוחך וחיותך. נאָך מערער: אנכי הוי' אלקיך. אנכי מיינט: אנכי מי שאנכי דלא איתרמז לא בשום אות ולא בשום קוץ [5], דאָס איז אלקיך — כוחך וחיותך.

און דאָס מאָנט מען ביי אים: כל היום אי' אלקיך?! דער הרגש פון אנכי הוי' אלקיך, וואו איז ער ביי דיר דעם גאַנצן טאָג?!

דאָס וואָס ער הערט אָן דעם „אלקיך" בשעת'ן דאַווענען און לער־נען, אָדער בשעת אַ פאַרברענגען, דאָס איז ווייניק, ניט דאָס איז די כוונה. דאָס האָט מען געקענט אויס־פירן אויך מיט מלאכים אָדער מיט נשמות למעלה ווי זיי שטייען תחת כסא הכבוד. די כוונה פון ירידת הנשמה בגוף איז אויף מברר זיין דעם גוף ונפש הבהמית, (וואָרום הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון כלל [6]), ביי אים מאָנט מען, אַז אַ גאַנצן טאָג, בשעת ער עסט, בשעת ער טרינקט, בשעת ער האַנדלט, און בשעת ער רעדט מיט מענטשן, זאָל זיין ביי אים דער „אלקיך", אַזוי ווי ער אַליין האָט עס פאַרשטאַנען און דערהערט בשעת'ן דאַווענען און בש־עת'ן לערנען.

(משיחת שבת פרשת מקץ, תשי"ג)

ד. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן אַז תורת החסידות איז אַן ענין פון נסתר — דאַרף מען דאָס ניט לערנען ח"ו. דער ענטפער אויף דעם איז:

בשעת מתן תורה האָט מען גע־געבן כל התורה כולה, סיי נגלה און סיי נסתר פון תורה. אדרבה, נגלה פון תורה איז געווען דאַן בנסתר,

---

3) זע סמ"ע בחושן משפט סי' ג' ס"ק י"ג.

4) זע שולחן ערוך אורח חיים ס"ה.

5) זע לקוטי תורה פנחס פ, ב. זח"ג יא, א.

6) תניא פל"ז.

ווי עס איז באַוואוסט 7), אַז אין די עשרת הדברות זיינען פאַראַן תר"ך אותיות, וואָס אין זיי זיינען מרומז די תר"ך מצוות: תרי"ג מצוות דאורייתא וז' מצוות דרבנן, זיינען דאָך די אַלע מצוות געווען בעשרת הדברות — נאָר ברמז ובנסתר. דאַקעגן נסתר פון תורה איז געווען בנגלה, וואָרום אַלע אידן האָבן דאַן געזען מעשה מרכבה, (ווי עס איז אויך אַנגעדייטעט אין פסוק: אלפי שנאן גו' סיני בקודש, שנאן ראשי תיבות שור נשר ארי' און דער נו"ן איז פני אדם) וואָס מעשה מרכבה איז דאָך פנימיות התורה.

(משיחת חג השבועות, תשי"ג)

ה. די וועלכע זיינען מנגדים אויף לימוד החסידות האָבן בדרך כלל צוויי טענות:

א) אויב עס איז אַ נויטיקער לימוד, פאַרוואָס איז דאָס פריער ניט געווען. און אויב מען האָט געקענט אויסקומען אַזוי פיל יאָרן אָן חסידות, איז אַ סימן אַז עס איז ניט קיין נויטיקער לימוד.

ב) עס איז אַזאַ לימוד וואָס ברענגט צו מבטל זיין מציאות הגשם והיש, און ביטול איז דאָך אַן ענין פון שלילה והעדר.

ו. די תשובה אויף דעם איז:

עס שטייט אין שמונה פרקים להרמב"ם 8) אַז אַזוי ווי עס זיינען פאַראַן קראַנקייטן און רפואות אין גוף, אַזוי זיינען אויך פאַראַן קראַנקייטן און רפואות אין נפש. פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז פון אַ סך ענינים וואָס זיינען בחולי ורפואת הגוף — קען מען אָפּלערנען אויף חולי און רפואת הנפש.

ז. אין אַלגעמיין, מיינט אַ קראַנקייט רחמנא לצלן, אַז עס פעלט, אָדער עס איז קאַליע אַ געוויסער טייל פון גוף. עס איז דאָ אָבער אַ קראַנקייט וואָס עס פעלט גאָרנישט אין גוף, אדרבה, עס איז גאָר צוגעקומען (צוגעוואַקסן) אַ שטיקל פלייש. איז אין פלוג וועמען אַרט אַז עס איז דאָ נאָך אַ שטיקל פלייש, עס פעלט דאָך גאָרנישט פון דעם טייל וועלכער דאַרף יאָ זיין? פונדעסטוועגן זעט מען דאָך אַז דאָס איז אַ קראַנקייט. און אדרבה, אַמאָל רחמנא לצלן, איז דאָס נאָך אַ גרעסערע קראַנקייט ווי ווען עס פעלט עפּעס אין גוף, ביז עס איז אַזאַ שטאַרקע חולאת ר"ל, אַז מען וויל דאָס אַפילו מיטן נאָמען ניט אָנרופן.

די צוגעוואַקסענע שטיקל פלייש איז שעדלעך פאַר דעם אָרט וואו זי געפינט זיך, און זי קען זיך אויך פאַרשפּרייטן ר"ל ווייטער.

אַזוי ווי די קראַנקייט איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע קראַנקייטן, אַזוי אויך די רפואה צו איר, איז אַנדערש ווי די רפואות צו אַנדערע קראַנקייטן. אַלע רפואות גיט מען צו צו דעם מענטשן. דאַקעגן די רפואה צו דער מחלה איז צו צעשטערן דעם איבעריקן טייל, און דורך דעם ווערט דער מענטש געזונט מיט אַן אמת.

די רפואה צו דער דאָזיקער קראַנקייט ר"ל האָט מען אויסגעפונען אינגאַנצן מיט אַ פאָר דורות צוריק, און די וועגן בפרטיות ווי אַזוי צו נוצן די רפואה האָט מען אויסגעפונען נאָך שפּעטער, און מען האַלט נאָך אין מיטן פאָרשן.

7) פירש"י עה"ת שמות כה, יב. בעל הטורים שמות כ, יג.

8) פ"ג. זע אויך הל' דיעות פ"ב ה"א.

ח. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז בשעת איינער וועט זיך ניט וועלן נוצן מיט דער רפואה מצד די טענות: א) רפואה איז אַן ענין פון פאַרברייטערן און פאַרשטאַרקן דעם מציאות הגוף, און ניט פון צעשטערן. ב) וויבאַלד אַז דורות נאָך דורות האָט מען דאָס ניט גענוצט, וויל ער זיך ניט צוהערן צו די נייע דאָקטוירים מיט זייערע נייע רפואות, ער איז „סאַם סאַפּאַזשניק" און וועט זיך פירן ווי מ'האָט זיך געפירט אַמאָל. פאַרשטייט דאָך יעדער איינער אַז דאָס זיינען קיין טענות ניט.

ווייל דאָס וואָס מען דאַרף פאַרשטאַרקן און פאַרברייטערן, איז דאָס דעם געזונטן טייל פון גוף, אָבער ניט דעם צוגעוואָקסענעם טייל, ווייל ער געהערט ניט צו דעם גוף, און אדרבה, ער איז מזיק (שעדלעך) צום גוף, מוז מען אים צעשטערן.

אַמאָל איז די קראַנקייט ר"ל ניט געווען אַזוי אָפן און אָפט ווי היינט, האָט מען ניט געזוכט אַזוי שטאַרק, און דער עיקר וואָס מלמעלה האָט מען ניט מזמין געווען די רפואה צו דעם. דאַקעגן לעצטנס, אַז די מחלה איז פאַרמערט געוואָרן, ר"ל — איז הקדוש ברוך הוא הקדים רפואה למכה, און האָט מזמין געווען די רפואה צו דעם.

ט. אַלע ענינים אין גשמיות נעמען זיך פון זייער שורש און ענלעכקייט אין רוחניות. אַזוי אויך די מחלה און רפואה הנ"ל, וואָס איז געקומען אין די לעצטע דורות, איז עס מצד זייער ענלעכקייט אין רוחניות, וואָס איז אויך געקומען בדורות האחרונים.

עס איז דאָך עקבתא דעקבתא דמשיחא, אָט באַלד איז — קץ שם לחושך, במילא ווערט פאַרשטאַרקט און פאַרמערט קליפּת עמלק, חוצפה, ישות אָן אַ טעם און אָן אַ פאַרוואָס. — אַמאָל איז אויך געווען גאוה און ישות, עס איז אָבער ניט געווען אַזוי פאַרגרעבט ווי היינט. —

און פון דעם איז אַרויסגעקומען אויך אין גשמיות — אַ מציאות וואָס האָט אין זיך ניט קיין שום טעם און פאַרוואָס, די מציאות נעמט צו די כחות פון גוף, אַזוי ווי דער עיקר מציאות וואָלט געווען נאָר זי.

האָט דער אויבערשטער מקדים געווען רפואה למכה, און האָט מגלה געווען תורת החסידות, וואָס פועל'ט אַ צעשטערונג און אַ פאַרוויסטונג אין דעם קראַנקן טייל מציאות הישות.

י. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז אין אין פרט איז ניט גלייך דער משל צום נמשל. אין משל, אויב מען האַלט די רפואה צופיל צייט, קען דאָס פועל'ן אַ הירוס אויך אין דעם געזונטן טייל פון גוף. דאַקעגן אין רוחניות קען מען האַלטן אין איין לערנען חסידות, ווייטער לערנען און נאָך לערנען, און עס וועט פועל'ן אַ הירוס נאָר אין דעם טייל פון גאוה וישות. אין געזונטן טייל וועט דאָס אדרבה, געבן אַ חיזוק און תוספת כוח, ווי עס שטייט[9] אַז תורה איז עוז ותושי', תושי' לנפש הבהמית און עוז לנפש האלקית.

(משיחת י"ב תמוז, תשי"ב)

---

9) מכילתא בשלח טו, ב. ויקרא רבה פל"א, ה. סנהדרין כו, ב. זע אויך תורה אור ריש פרשת יתרו סז, א. און הוספות צו תורה אור דאָרט קט, א.

עס איז דאָ אַ רשימה פון כבוד קדושת מורי וחמי אדוננו מורנו ורבנו בעל ההילולא, וואָס דאָרטן זיינען פאַרצייכנט זכרונות פון זיין זיידן דעם רבי׳ן מהר״ש, אַזוי אויך פון זיין באָבען הרבנית הצדקנית רבקה (דעם רבי מהר״ש׳ס רביצין), וואָס איר יאָר־צייט איז אויך יו״ד שבט.

צווישן די זכרונות איז פאַרשריבן אַ סיפור, וואָס דער סיפור איז שוין אויך געדרוקט[10], אַז בשעת זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר, איז זי געווען שטאַרק ניט געזונט. דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן זי זאָל עסן באַלד ווי זי שטייט אויף פון שלאָף. אַזוי ווי זי האָט ניט געוואָלט עסן פאַרן דאַוונען, פלעגט זי אויפשטיין גאָר פרי, דאַוונען און נאָכהער עסן. במילא האָט זי ניט געגעסן פאַרן דאַוונען און אויך געגעסן פרי. אָבער זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז דאָס האָט ניט נאָר ניט צוגעגעבן קיין געזונט, נאָר מצד דעם איז זי נאָך אויך ניט דערשלאָפן.

האָט איר דער צמח צדק געזאָגט: אַ איד דאַרף זיין געזונט און אַ בעל כוח. אויף מצוות שטייט וחי בהם, איז דער טייטש וחי בהם מען דאַרף אַריינברענגען חיות אין די מצוות (כפירוש המגיד ממעזריטש שנזכר בהמאמר). בכדי אַז מען זאָל קענען אַריינברענגען אַ חיות אין מצוות, מוז מען זיין אַ בעל כוח און זיין בשמחה. און דער צמח צדק האָט מסיים געווען: דו דאַרפסט ניט זיין קיין ניכטערע. בעסער עסן צוליב דאַוונען ווי דאַוונען צוליב עסן.

* * *

אַלע ענינים וואָס די רביים האָבן דערציילט, ובפרט דאָס וואָס מען האָט איבערגעגעבן מדור לדור, זיינען דאָך ניט סתם קיין סיפורים. פון דעם וואָס מען האָט עס איבערגעגעבן מדור לדור איז דאָך זיכער אַז דאָס האָט אַ שייכות צו די הערער, אַז זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון דעם.

* * *

די ענינים פון מענטשן ווערן פאַר־נאַנדערגעטיילט בכלל אויף צוויי סאָרטן: א) די ענינים וואָס מען טוט צוליב דעם אויבערשטן, אַזוי ווי לימוד התורה, תפלה און קיום המצות. ב) די ענינים וואָס מען טוט צוליב זיך, דאָס וואָס עס איז די אמת׳ע נויטיקייט פאַר מענטשן אָדער דאָס וואָס עס ווייזט זיך אויס אַז עס איז נויטיק פאַר אים.

די נקודה פנימית פון די צוויי סוגים איז „דאַוונען" און „עסן". דער ערשטער סאָרט איז „דאַוונען", וואָרום דער ענין פון דאַוונען איז ווענדן זיך, באַהעפטן זיך און דע לפני מי אתה עומד — לפני מלך מלכי המל־כים הקדוש ברוך הוא. דער צוויי־טער סאָרט איז „עסן", אַלץ וואָס דער מענטש דאַרף, „הונגערט" זיך אים צו דעם, און באַקומענדיק זיין באַדערפעניש — שטילט ער זיין הונגער — עסן.

* * *

אין דעם אופן ווי אַזוי צו דאַוונען און ווי אַזוי צו עסן, קענען זיין עטלעכע אופנים.

עס קען זיין אַן אופן אַז דער מענטש איז צעשפּאָלטן. דער „דאַוו־נען" מיטן „עסן" האָבן קיין שייכות ניט צווישן זיך. בשעת׳ן דאַוונען (ד. ה. בשעת ער לערנט, איז מקיים

10) היום יום — י׳ שבט תש״ג.

מצוות און דאַוונט) האָט ער ניט קיין שייכות צו ענינים פון וועלט, ביז מען קען מיינען אַז ער איז אַ צדיק גמור, אָבער שפּעטער בשעת עס קומט צו עניני העולם, מסחר אָדער עסן כפשוטו, איז אינגאַנצן ניט קענטיק אויף אים קיין ענין פון קדושה, רוחניות און אידלקייט.

אָבער אַזאַ אופן איז דאָך אַן ענין וואָס אויף דעם זאָגט מען: אטו בשופטני עסקינן? וברשיעי לא עס־קינן.

אַ צווייטער אופן, אַז דער דאַווי־נען מיטן עסן האָבן אַ שייכות, אין אַלע זיינע ענינים קוקט ער אין אין שולחן ערוך און טוט ווי דאָרטן שטייט, אָבער ער דאַוונט צוליב עסן.

דאָס הייסט: אַזוי ווי ער ווייס אַז ער דאַרף "נעבעך" אָנקומען צום אויבערשטן, און די וועג ווי אַזוי צו באַקומען פון דעם אויבערשטן, איז ווי ער זאָגט אין פּסוק אם בחוקותי תלכו גו' ונתתי גשמיכם בעתם, דערפאַר טוט ער וואָס דער אויבערשטער הייסט, בכדי אַז דער־נאָך זאָל ער קענען קומען צום אויבערשטן מיט דעם וועקסל, אַז דער אויבערשטער זאָל אים געבן אַלץ וואָס ער דאַרף, אויסצאָלן אים פאַר זיין דאַוונען.

די גמרא [11]) זאָגט טאַקע, אַז האומר סלע זו לצדקה על מנת שיחי' בני הרי זה צדיק גמור, ובמילא, איז דער וועג פון דאַוונען צוליב עסן אויך אַ וועג. אמת טאַקע, רש"י זאָגט דאָרטן: אם רגיל בכך — ניט אָפּגעבן איין מאָל צדקה און דערנאָך לכשיחי' בנו אויפהערן, נאָר רגיל בכך, אָבער פונדעסטוועגן, אַפילו אויב ער איז איינגעוואוינט אין דעם, ווייבאַלד אָבער אַז דאָס איז צוליב אַ פּני' איז ניט דאָס איז דער תכלית.

אמת, די גמרא זאָגט [12]), אַז מען זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות אפילו שלא לשמה, פאַרוואָס אָבער? — גיט די גמרא דעם טעם, אַז ער וועט צוקומען צו לימוד התורה וקיום המצות לשמה.

* * *

דער אופן און תכלית הנרצה איז, ניט אַז דער דאַוונען מיטן עסן זאָלן קיין שייכות ניט האָבן, אויך ניט דאַוונען צוליב עסן, נאָר — עסן צוליב דאַוונען.

דאַוונען, דאַרף מען געוויס צוליב דאַוונען, דאָס איז אַ פּשוט'ע זאַך. בשעת ער האָט אַ ידיעה אַז דער אויבערשטער וויל ער זאָל לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, קען זיך ביי אים גאָר ניט לייגן אַנדערש ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן. ובמילא דאַוונט ער שלא על מנת לקבל פרס, נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געהייסן. ער פרעגט ניט צי ער וועט האָבן דערפאַר עולם־הבא צי ניט, ומכל שכן אַז ער פרעגט ניט נאָך שכר אין עולם־הזה.

אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. דאָס וואָס עס פאָדערט זיך איז, אַז אויך זיין עסן זאָל זיין צוליב דאַוונען. אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, אַזוי ווי עס שטייט בכל דרכיך דעהו.

דאָס וואָס ער וועט זיין אַ גביר, שטיין אין "דאַן און בראַדסטריט" גאָר הויך און זיין אין "בראַקעט" וואָס צאָלן 95 פּראָצענט טעקסעס, נאָך

---

11) ראש השנה ד, א.

12) פסחים נ, ב. עיין הלכות תלמוד תורה לרבנו הזקן פ"ד ס"ג.

ניט דאָס איז דער תכלית פון בריאת האדם, נאָר אַז אַלע זיינע ענינים זאָלן זיין צוליב קדושה, בכדי ער זאָל לערנען תורה מיט מנוחת הנפש, מקיים זיין מצות בהרחבה, און געבן צדקה ביד רחבה.

און ניט באַנוגענען זיך דערמיט אַליין, נאָר זען ווירקן אויך אויף אַנדערע. וואָרום דורך דעם וואָס ער איז אַ גביר — וועט דאָך אים זיין גרינגער צו ווירקן אויף אַנדערע. ווי מיר זעען, אַז אַן אָרעמאַן לאַכט מען אויס, אָבער אַ גביר איז אַפילו ווען ער טוט אַ נאַרישקייט טוט מען אים נאָך, ומכל שכן בשעת ער טוט אַ גלייכע זאַך. ובמילא: בשעת ער וועט לייגן תפילין וועלן אַלע לייגן תפילין, בשעת ער וועט היטן שבת וועלן אַלע היטן שבת, וואָרום מען זעט דאָך אַז פאַרוואָס איז ער געוואָרן אַ גביר ווײלע ער היט שבת, בשעת ער וועט לייגן רבנו תם׳ס תפילין וועלן אַלע אָנהויבן לייגן רבנו תם׳ס תפילין, און בשעת ער וועט עסן שמורה־מצות — וועלן זיך צומאַכן אַלע פשוט׳ע־מצה־בעקערייען, ווײלע אַלע וועלן אָנהויבן נוצן שמורה.

און דאָס מיינט „עסן צוליב דאַווענען", אַז אַלע מענטשלעכע ענינים און זיינע באַדערפעניש (וואָס דאָס אַלץ ווערט אָנגערופן „עסן") דאַרפן זיין צוליב „דאַווענען" (וואָס איז כולל כל התורה והמצות), אויף אויפטאָן אין זיי דעם וחי בהם, אַריינברענגען חיות אין תורה ומצות.

* * *

אַ ווייטערדיקע אָנווייזונג איז דאָ פון דעם אויבן־דערמאָנטן, דאָס וואָס די הוראה איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פרוי, אַ מאַמע פון קינדער, וואָס איינער פון זיי איז דערנאָך געוואָרן אַ נשיא בישראל.

די אָנווייזונג פון דעם איז:

בשעת מען וויל עס זאָלן אויסוואַקסן קינדער וואָס זייער פירונג זאָל זיין ניט דאַווענען צוליב עסן און ניט אַז דער דאַווענען מיטן עסן זאָלן זיין צוויי באַזונדערע וועלטן, נאָר זיי זאָלן עסן צוליב דאַווענען —

איז דאָס אָפּהענגיק פון דער מוטער. זי זאָל אַליין אויפפירן זיך אַזוי און אַריינגעבן דעם גייסט אין די קינדער, פון קליינוויז אויף, ווען זיי ליגן נאָך אין וויגעלע, אַריינגעבן אין זיי אַט דעם געפיל אַז אַלע ענינים דאַרפן זיין צוליב באַהעפטן זיך מיטן אויבערשטן, און אָן דעם — איז אַפילו אויב עס איז דאָ וואָס צו „עסן", האָט עס קיין טעם ניט.

און דאַן האָדעוועט מען אויס אַזעלכע קינדער וועלכע ווערן דערנאָך גדולים בישראל, אַז זיי האָבן מיט וואָס צו דאַווענען און האָבן וואָס צו עסן, און עסן ווי דער אויבערשטער וויל, וואָס זיין רצון איז דאָך, אַז אידן זאָלן האָבן מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, אַז עס איז ניט נאָר בני רויחי, נאָר אויך חיי רויחי ומזוני רויחי.

עס זאָל זיין דער והריקותי לכם ברכה עד בלי די, אַ געבענטשטע הויז אין רוחניות און אַ געבענטשטע הויז אין גשמיות, און דער פאָטער מיט דער מוטער זאָלן האָבן נחת פון זיי לאורך ימים ושנים טובות, נחת אין רוחניות און נחת אין גשמיות.

(משיחת יו״ד שבט, תשי״ט)

# פרשת משפטים

א. אין היינטיקער סדרה שטייט, על כל דבר פשע גו׳ על כל אבידה אשר יאמר כי הוא זה עד האלקים יבא דבר שניהם גו׳ ישלם שנים לרעהו. זאגט די גמרא, אז דער פסוק רעדט וועגן א שומר, וואס טענה׳ט אז דער פקדון איז ביי אים פאר־לארן געגאנגען, וואס מיט דער טענה ווערט ער פטור פון צו באצאלן: ביי א שומר חנם — טענת גניבה ואבידה און ביי א שומר שכר — טענת אונסין, און ער האט געשווארן אויף זיין טענה, און צום סוף האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער האט גאר פושע געווען אין דעם פקדון און מועל געווען[1] אין דער שבועה — איז דער דין: עד האלקים יבא דבר שניהם גו׳ ישלם שנים לרעהו.

מען האט שוין גערעדט פיל מאל, אז אלע ענינים פון גליא דתורה זיינען פאראן אויך אין רוחניות, און אדרבה, ווייל די ענינים זיינען פא־ראן אין רוחניות דערפאר קומען זיי דערנאך אראפ אין גליא.

אויך דער דין פון פשיעה, שליחות יד בפקדון, מעילה בשבועה און דער פסק דין — עד האלקים יבא דבר שניהם וגו׳, זיינען אויך דא אין רוחניות.

ב. כבוד קדושת אדוננו מורנו ורבנו דער צמח צדק נשמתו עדן, טייטשט אויס אין א מאמר דעם פסוק על כל דבר פשע גו׳ אין דער עבודה רוחנית פון נפש האדם.

ווועט מען איבערריידן א טייל פון דעם מאמר וואס איז שייך דערצו מיט אייניקע הוספות בדרך אפשר:

ביי יעדער אידן געפינט זיך דעם אויבערשטנ׳ס א פקדון, דאס איז די נשמה[2], וועלכע ער דארף היטן, זי זאל איבערבלייבן בשלימות און ניט נפגם ווערן חס ושלום, און נאך מער, מעלה זיין די נשמה נאך העכער ווי זי איז געווען פאר דער ירידה, ווי באוואוסט אז ירידת הנשמה בגוף איז — ירידה צורך עלי׳.

די שמירה וואס א איד דארף היטן די נשמה, איז פארבונדן אויך מיט א שבועה, כמאמר רז״ל[3], אז בשעת א נשמה דארף אראפגיין למטה, משביעין אותו תהי צדיק ואל תהי רשע.

„על כל דבר פשע״, אז ער איז א פושע אין פקדון און מועל אין דער שבועה, — מצד וואס קומט עס? זאגט דער פסוק — „על שור על חמור על שה ועל שלמה״, דאס זיי־נען פרטי סוגים אין דעם נפש הבהמית (כדלהלן), וועלכע ברענגען דעם „על כל אבידה״, אז דער נפש האלקית ווערט רחמנא לצלן פאר־לארן. ביז „אשר יאמר כי הוא זה״, אז אויף „הוא״ זאגט ער אז דאס איז „זה״.

„זה״ — באמיתית המובן — גייט אויף קדושה ואלקות. אויף קיין זאך קען מען ניט זאגן: „זה״, נאר אויף דעם אויבערשטן, מצד צוויי טעמים:

---

1) זע ד״ה משביעין אותו (בס׳ קיצורים והערות לתניא עמוד נז ואילך) מלשון ומשביע לכל חי כו׳.

2) זע שבת קנב, ב. ובכ״מ.

3) נדה ל, ב.

א) „זה״ מיינט: דאָס איז „דאָס״, און „דאָס״ קען מען זאָגן נאָר אויפן אויבערשטן. נברא איז דאָך זיין מציאות ניט ער, נאָר דער חיות אלקי וואָס איז אים מהווה תמיד מאין ליש, ובלשון הרמב״ם: אין שם מצוי אמת מלבדו.

ב) „זה״ מיינט: אָט דאָ איז דאָס, ווען מען איז און וואו מען איז קען מען זאָגן, אָט איז דאָס. און דאָס איז שייך נאָר אויף אלקות, ווארום יעדער נברא איז מוגבל, ער איז ניטאָ אומעטום, ובמילא איז ניט שייך זאָגן אויף דעם „זה״. אָבער שם שמים איז שגור בפי כל⁴). נאָר דער אויבערשטער וואָס ער איז דאָ אומעטום, דלית אתר פנוי מיני׳, איז אויף אים שייך זאָגן, אָט איז ער — „זה״.

אָבער מצד דעם העלם והסתר פון נפש הבהמית פאַרבייט מען, און מען זאָגט אויף „הוא״ אַז דאָס איז „זה״.

ג. אין די פרטי המדריגות פון נפש הבהמית, וואָס דער פסוק איז זיי כולל אין די פיר סוגים: שור, חמור, שה און שלמה, איז כ״ק אדמו״ר הצמח צדק מבאר אין מאמר, אַז שור מיינט שור נגח. חמור — חמרא בתקופת תמוז קרירא לי׳. שלמה — ובגד בוגדים בגדו, און שה — שה פזורה ישראל.

הגם מען דאַרף זיך אויסהיטן פון אַלע סוגי נפש הבהמית, ווארום זיי אַלע קענען ברענגען צו אבידת נפש האלקית רחמנא לצלן, פונדעסטוועגן, איז אין יעדער זמן דאָ זיין קליפה, און מען דאַרף זיך שטעלן ביחוד אַנטקעגן איר. דערפאַר וועט מען זיך אָפּשטעלן בעיקר אויף מבאר זיין דעם ענין פון „שה״, וואָס דאָס איז נוגע ביחוד אין אונזער דור.

ד. אויף דעם וואָס עס שטייט שה פזורה ישראל, פרעגט מען אַ קשיא: ישראל איז דאָך אַ שם המעלה, און שה פזורה איז אַ חסרון, איז פאַרוואָס בשעת ער וויל זאָגן שה פזורה, דערמאָנט ער ישראל דוקא? נאָר דער ענין איז, אַז דאָס פרעגט טאַקע דער נביא. וויבאַלד אַז אידן ווערן באַצייכנט מיט דעם נאָמען ישראל — כי שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל, ד. ה. אַז אַ איד האָט בכוח צו זיין אַ בעל־הבית — שרית — ניט נאָר אויף מענטשן — אנשים — נאָר אויך אויף מלאכים — אלקים — היינט ווי קומט עס אַז ער האָט ניט אין זיך קיין תוקף, ביז אַז ער שלעפט זיך נאָך נאָך יעדער איינעם, ער איז אַ שה פזורה?!

און דאָס איז אויך געווען די טענה פון המן׳עז, דער מקטרג אין הימל, צו אחשורוש זה הקב״ה שאחרית וראשית שלו: ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים גו׳ ואת דתי המלך אינם עושים. „ישנו עם אחד״, עס איז דאָ אַ פאָלק וואָס זיין מהות איז — אחד, זיי קאָנען מאַכן אחד אומעטום, ביז בארץ, ווי עס שטייט גוי אחד בארץ, און ניט קוקנדיק אויף זייער גרויסקייט, זיינען זיי מפוזר ומפורד בין העמים, זיי ווערן נתפעל פון יעדער איינעם, ובמילא, ואת דתי המלך — מלכו של עולם — אינם עושים.

ה. דער סדר ווי עס דאַרף זיין איז, אַז אַ איד וואו ער קומט, דאַרף ער אָנפירן מיט דער (רוחניות, וואָס דאָס איז די אמת׳ע מציאות, פון דער)

---

4) זע תורה אור יד, ב: אפילו תינוקות כו׳.

גאַנצער שטאַט, מיט דעם גאַנצן אַרום, מיט דער גאַנצער מדינה. און אַנ־שטאַט דעם, פאַרלירט ער זיך, אַז ניט נאָר וואָס ער איז ניט קיין משפיע, נאָר ער ווערט נאָך אַ מושפע, ער טוט־נאָך די שטותים פון דער מדינה, פון דער סביבה און פון דער שטאַט.

אַנשטאַט דעם וואָס ביי יעדער זאַך דאַרף ער פועל'ן אויף דער גאַנצער סביבה אַז דער שולחן ערוך זאָל זיין זייער פוסק, אַנשטאַט דעם, איז דער פוסק ביי אים די סביבה, און דער „נעקסט־דאָר" — דער שכן — איז ביי אים דער פוסק אחרון, וואָס לויט דעם שטעלט ער איין זיין גאַנ־צע הנהגת הבית.

ו. דער ענין פון שה פזורה ישראל, וואָס עס פעלט דער תוקף, איז אויף אַזוי פיל, אַז אַפילו אין דעם חינוך פון די קינדער וואָס זיי זיינען דאָך די האָפענונג און יסוד פון יעדער הויז פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק, אויך אין דעם זעט זיך אָן אַז עס פעלט דער תוקף.

אויף אידן אַפילו אין שווערסטן גלות, גלות מצרים, שטייט, מלמד שהיו ישראל מצוינים שם, שלא שינו את שמם לשונם ולבושם [5], און אַנ־שטאַט דעם, האָט מען אין אונזער צייט אין זיך ניט קיין תוקף, און מען זוכט אַלע תחבולות, עס זאָל ניט זיין קענטיק אויפן קינד אַז ער איז אַ איד.

דאַרפן דאַרף זיין, אַז בשעת אַ אידישער קינד גייט אין גאַס דאַרף נאָך פון דער וויטן זיין קענטיק אַז עס גייט אַ איד, וואָרום ישראל איז דאָך אַ שם המעלה, איז אַנשטאַט דעם, שעמט מען זיך גאָר דערמיט און מען זעט מיט אַלע מעגלעכ־קייטן עס אויסצובאַהאַלטן.

ז. לויט דעם קען מען אויך דער־קלערן, וואָס די גמרא [6] פרעגט ביי דעם דין פון אבדה, שה דכתב רחמנא למה לי, און די גמרא זאָגט, שה דאבדה קשיא (מאי קא משמע לן אַז מ'דאַרף אומקערן — פשיטא). ביי שור חמור ושלמה איז דאָ אַ חידוש פאַרוואָס מ'איז מחזיר די אבדה (כדמפרש בגמרא), אָבער ניט ביי שה.

וואָס טוט מען טאַקע מיטן שה?

לויט ווי מען האָט גערעדט פריער קען מען דאָס דערקלערן אין עבודת האדם (בקיצור על כל פנים): א) שור — נגח. ב) חמור — וואָס ניט קוקנדיק אויף שמש ה' בתוקף תקופת תמוז, איז קרירא לי'. ג) שלמה — בגד בוגדים בתורה ומצוות — איז אַ חידוש אַז זיי קענען זיך אומקערן ושב ורפא לו, אָבער שה פזורה, מער ניט וואָס זי פאַרלירט זיך בין העמים, איז מאי קא משמע לן אַז מ'קערט אום די אבדה, עס איז דאָך אַ כל שכן פון שור וכו'. ענטפערט מען אדרבה שה דאבדה קשיא [7] — דאָס איז אַמשווערסטן אומצוקערן. אַז עס איז ניטאָ דער יסוד והתחלה פון אַלע פיר חלקים טור ושולחן ערוך, דער אל יבוש מפני המלעיגים — ווי וועט ער קומען צום שולחן ערוך? און דאָס איז דער חידוש אַז אַזאַ אבדה קשה איז מען אויך מחזיר. אין לך דבר העומד בפני התשובה.

---

5) שמם ולשונם — מכילתא שמות יב, ו. ויקרא רבה לב, ה. לבושם — מדרש לקח טוב פרשת וארא.

6) בבא מציעא כז, א.

7) זע זח"ג, קכד, ב: קשיא מסטרא דרע.

ח. ער זאָגט ווייטער אין פסוק פון דער סדרה, אַז דער פסק דין און די עצה צו דער פשיעה שבפקדון שבסיבת שור חמור שלמה און אפילו שה איז: „עד האלקים — דייניא — יבא דבר שניהם", וואָס דאָס גייט אויפן ערשטן דיין — משה'ן און אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא *7), וואָס ער גיט דעם כוח אויף „טאָן תשובה כדבעי — „ישלם שנים לרע־הו", רעהו גייט אויפן אויבערשטן 8), ער וועט באַצאָלן דעם אויבערשטן בכפלים, ווי קודם החטא, ווי עס שטייט אין אגרת התשובה 9): הי' רגיל לקרות דף אחד יקרא שני דפים כו'.

און דעמאָלט וועט אים דער אוי־בערשטער געבן מדה כנגד מדה, אַז אויך די זדונות וועלן ווערן כזכיות, און אויך דער נפש הבהמית וועט מסייע זיין לעבודת ה'.

ובפרטיות: פון דעם נפש הבהמית שבבחינת שור וועט ווערן ורב תבואות בכח שור 10). פון חמור — יששכר חמור גרם 11), די עבודה פון קבלת עול כחמור למשא. פון שה פזורה ישראל, וואָס דאָס איז אויך וואָס עס שטייט תעיתי כשה אובד 12), ער בלאָנדזשעט אַזוי ווי אַ שה וואָס האָט ניט קיין אייגענעם תוקף און ווערט פאַרלאָרן, ווערט דער בקש עבדך, משכני אחריך, אַז ער ציט זיך נאָכן אויבערשטן למעלה מטעם רעת. פון שלמה — וריח שלמתיך כריח לבנון 13).

אין אַלגעמיין איז דאָס, אַז אויך דער נפש הבהמית איז מסייע צו עבודת הוי' כמאמר רז"ל 14): ואהבת את הוי' אלקיך בכל לבבך — בשני יצריך.

(משיחות שמחת תורה ופרשת בראשית תשס"ו)

ט. אין היינטיקער סדרה זאָגט ער, אם כסף תלוה. זאָגן רז"ל 15), אַז כאָטש עס שטייט „אם", מיינט דאָס ניט קיין רשות, נאָר דאָס איז אַ מצוה און אַ חובה.

אויפן פסוק מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל זאָגן רז"ל 16), אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער הייסט טאָן אידן, טוט ער אויך אַליין. וואָס דאָס מיינט חקיו ומשפטיו, זיינע חו־קים און זיינע משפטים, וואָס ער אַליין איז זיי מקיים.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך דער אויבערשטער איז מקיים אם כסף תלוה את עמי.

י. דער ענין פון הלואה איז: מען גיט יענעם געלט, כאָטש עס קומט אים ניט. יענער גיט ניט עפּעס פאַר דעם. עס איז אָבער ניט קיין מתנה, נאָר יענער ווערט נתחייב אָפּצוגעבן שפּעטער.

אַזוי אויך דער אויבערשטער גיט אַ אידן ענינים און כחות, ער מאָנט אָבער, מען זאָל אויסנוצן דאָס אַלץ אויף אויספירן זיין שליחות, אָפּגעבן דאָס אין חוקיו ומשפטיו.

*7) תקוני זהר תס"ט.
8) שמות רבה ר"פ יתרו.
9) ספ"ט.
10) משלי יד, ד.
11) בראשית מט, יד.
12) תהלים קיט, קעו.
13) שיר השירים ד, יא.
14) ברכות נד, א.
15) מכילתא הובא בפירש"י על התורה.
16) שמות רבה פ"ל, ט.

יא. אין דעם ענין פון געבן אַ זאַך על מנת צוריקצוגעבן, זיינען פאַראַן צוויי אופנים: שאלה און הלואה. דער חילוק פון די בידע איז: ביי שאלה — מוז דער שואל אָפּגעבן די זעלבע זאַך וואָס ער האָט גענומען, עס ווערט ניט זיינע. אָבער מלוה — להוצאה ניתנה, עס ווערט אינגאַנצן דעם לוה'ס, און ער קען דאָס נוצן אויף אַלערליי ענינים.

דער טעם וואָס דער נתינת כוח פון דעם אויבערשטן, כסף תלוה, ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען הלואה, איז ווייל דעם כוח קאָנען אידן נעמען און אויסנוצן אויף פועל'ן אין זייערע ענינים, אַפילו בשעת אַז דאָס זיינען נידעריקע ענינים.

יב. דער ענין פון דעם אין פועל ובלימוד החסידות בפרט איז:

פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען אַז מיט לערנען חסידות דאַרף מען וואַרטן ביז ער וועט זיין פריער אָפּגעהיט בתכלית אַפילו אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים און אין אַ הידור מצוה. כל זמן ער איז נאָך חושש, אַז ער האַלט נאָך ניט דערביי, ווער רעדט נאָך אַז ער ווייס אַז ער קען אַמאָל אַריבערפאַלן אין אַ הידור מצוה, און אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים, ומכל שכן אויב ער פאַלט דורך אַפילו אין אַ דרבנן, און אַמאָל אַפילו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה און סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, דאַן — טראַכט ער — קען ער זיך ניט עוסק זיין אין לימוד החסידות און אין עבודת התפלה, און בכלל אין ענינים נעלים.

זאָגט מען: מלוה להוצאה ניתנה, ניט קוקנדיק אויף דער הויכקייט פון תורת החסידות, וואָס דער אַלטער רבי האָט אויף דעם געגעבן אַ משל פון אַן אבן טובה וואָס געפינט זיך בכתר המלך[17], וואָס אָן דעם אבן טובה איז דער גאַנצער כתר קיין כתר ניט, פונדעסטוועגן, גיט מען רשות צו יעדער אידן נעמען דעם כתר המלך און אויסנוצן אים אין זיינע ענינים.

מען מאָנט ביי יעדער אידן, אַז ווי נידעריק ער זאָל ניט זיין, זאָל ער קיין איין טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור וואָס ער האָט אין חסידות, און אַפילו אין דעם טאָג גופא וואָס ער איז נכשל געוואָרן ח"ו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, זאָל ער אויך דעם טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור אין לימוד החסידות, און ניט נאָר אַן ענין פון עבודה נאָר אויך אַן ענין פון השכלה אין אלקות, און אַפילו אַזאַ ענין אין השכלה וואָס מצד זיין הויכקייט ווייס ער גאָר ניט ווי דאָס אַראָפּצוטראָגן צו זיך.

יג. דער טעם אויף דעם נתינת כוח וואָס דער אויבערשטער גיט — כסף תלוה, זאָגט ער אין פסוק — את עמי. זאָגן רז"ל[18], עמי ונכרי עמי קודם. וויבאַלד אַז מען דאַרף באַוואָרענען און זאָגן עמי קודם, איז פאַרשטענדלעך אַז ס'איז פאַראַן אַן אָרט אויף זאָגן אַנדערש, און פונדעסטוועגן זאָגט מען עמי קודם.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז דער נתינת כוח קומט פון אַזאַ אָרט וואָס דאָרטן רירט ניט אַן עבודת הנבראים, בחינת אדון יחיד שרש

---

17) זע התמים חוברת ב. בטאון חב"ד חוברת ה.

18) בבא מציעא עא, א.

השרשים [19]). ווי ער זאָגט [20]) איני יודע באיזה מהם חפץ, במעשה צדיקים צי במעשה רשעים, און ס'דאַרף זיין אַ לימוד אויף דעם ווייל דאָרט קען זיין אַ נתינת מקום עס זאָל זיין אַנדערש. נאָר מצד דער בחירה עצמית, וואָס דער אויבערשטער האָט בוחר געווען אין נשמות ישראל, איז עמי קודם.

און דאָס איז די מדריגה וואָס אויף איר שטייט, הלא אח עשו ליעקב נאום ה' ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי [21]). מעשה התחתונים רירט דאָרטן ניט אָן, דערפאַר איז אח עשו ליעקב,ביידע גלייך. און פונדעסט־וועגן, מצד דער בחירה ואהבה עצמית, איז ואוהב את יעקב גו'.

און דאָס איז אויך וואָס ער זאָגט אם כסף תלוה, כסף איז מרמז אויף אהבה, מלשון נכסוף נכספת לבית אביך [22]), ד. ה. אַז די מלוה, נתינת כח, איז ניט מצד עבודה נאָר מצד דער אהבת עצמית פון דעם אויבערשטן צו אידן.

יד. וויבאַלד אַז דער נתינת כוח איז פון אַזאַ אָרט וואו ס'איז ניט נוגע מעשה התחתונים, במילא איז דער נתינת כוח צו יעדער אידן, וואָרום אין דעם אָרט פון וואַנען עס ווערט נמשך דער כוח, האָט העדר העבודה ניט גע'פועל'ט קיין פגם.

און דאָס איז אויך וואָס דער פסוק איז ממשיך, את העני עמך: ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַן עני, ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זיין מעמד ומצב און ער איז צעבראָכן פון דעם, און האָט טאַקע פון וואָס צו זיין צעבראָכן, פונדעסטוועגן דאַרף ער וויסן אַז אויך ער האָט דעם כוח מלמעלה, וואָרום אהבה עצמית, דער־גרייכט אַלעמען, אויך אים, און אדרבה — דערפאַר ווייל ער איז אַן עני, איז דאָך באַוואוסט אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אין אַ לב נשבר ונדכה דוקא.

לא תהי' לו כנושה: אויב דער לוה האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן, ובמילא וועט דער מאָנען ניט העלפן, מער ניט ווי מאַכן אים ענג, טאָר מען ביי אים ניט מאָנען. נאָך מער: מען טאָר ניט דורכגיין פאַרביי דעם לוה באופן עס זאָל אים מאַכן ענג [23]).

ווי גערעדט פריער — איז מגיד דבריו ליעקב גו' מה שהוא מצוה לבניו הוא עושה, איז אַזוי אויך למעלה — בשעת אַז מיטן מאָנען דורך קו השמאל און מיט יסורים, טוט מען גאָרנישט אויף, איז סתם מאָנען — לא תהי' לו כנושה.

אַזוי ווי עס שטייט על מה תוכו עוד תוסיפו סרה [24]). על מה תוכו — וויבאַלד אַז דאָס פועל'ט ניט, אדרבה, עוד תוסיפו סרה. בשעת דער אויבערשטער זעט אַז מיט דעם קו השמאל טוט מען ניט אויף, וועט ער ווידער אָנהויבן מיטן קו הימין, מיט קירוב בחסד וברחמים בטוב הנראה והנגלה.

(משיחות ש"פ משפטים, תשי"ב)

טו. אין מדרש תנחומא שטייט אויפן פסוק אם כסף תלוה את עמי את

19) עבודת הקודש חלק ב פרק ג, גע־בראַכט אין של"ה (לא, ב). הענין נתבאר בד"ה צאינה וראינה עזר"ת. בד"ה לא תהי' משכלה תשי"ב.

20) בראשית רבה ספ"ב.

21) מלאכי א, ב־ג.

22) תניא ריש פרק ג.

23) בבא מציעא עה, ב.

24) ישעי' א, ה.

העני עמך, אז דאס בארגט מען דעם אויבערשטן, מלוה ה' חונן דל, דורך דעם וואס מען איז חונן דל — נתינת הצדקה — איז מען מלוה הוי', מען בארגט דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער אז ער צאָלט — צאָלט ער לויט זיין מדה. דער אויבערשטער איז דאך בלי גבול — צאָלט ער אויך בלי גבול (אן א גרענעץ).

ווי מען האָט גערעדט אין דער התועדות פון יו"ד שבט, אין דעם ענין וואס דער צ"צ איז מבאר אין ספר החקירה בתחילתו, אז הגם בלי גבול בפועל איז ניט שייך אין נבראים, ווארום אפילו אז עס וועט ניתוסף ווערן נאך און נאך, איז, סוף כל סוף, בלייבט דאך דאס בהגבלה;

דאס איז אבער מער ניט וואס בפועל איז ניטאָ קיין בלי גבול אין נבראים, אבער בכח קען דאך דער אויבער־שטער געבן ווייטער און ווייטער, דור אחר דור, עד אין קץ. טיפער דער ענין — א זאך א גבולי בזמן, הויבט זיך אן זיין תחילת הסוף, א שינוי און חלישות, א סך צייט פריער. וכלשון הידוע [25], אז נבראים [26] מיום הבראם הולכים ומתיבשים. מזה מובן, אז זע־ נדיק א השפעה וואס במשך זמן רב איז אין איר ניטאָ קיין חלישות [27], ואדרבה — איז דאס מגדרי אין סוף בפועל. דאס איז דער כללות הענין פון המשכת בלי גבול בגבול.

אין צדקה, וואס שקולה צדקה כנ־ גד כל המצות, איז דא דער העכסטער אופן פון צדקה, וואס דאס איז גמי־ לות חסדים, לויט דעם מאמר רז"ל [28]) גדולה גמילות חסדים יותר מן הצד־ קה, דצדקה הוא לעניים דוקא וגמילות חסדים בין לעניים בין לעשירים. מצד צדקה מוז דאך זיין עשיר ועני, וואָ־ רום אויב אלע וואלטן געווען עשי־ רים, איז — חסד ואמת מן ינצרו־ הו [29]), לא יחדל אביון מקרב הארץ, אבער מצד גמילות חסדים דארף קיין עני ניט זיין, אפס כי לא יהי' בך אביון, ווארום גמילות חסדים איז אויך לעשירים.

היינט ביינאכט קומט דאך פאר די אסיפה פון חברה גמילות חסדים שומ־ רי שבת (דער ווארט שומרי שבת איז באמת ניט מכוון, ווארום כשם ווי אין גמילות חסדים דארף ניט זיין קיין חילוק בין עניים לעשירים, אזוי דארפן אויך קיין אנדערע חילו־ קים ניט זיין. נאר מען מיינט דאס מסתמא אלס א מטרה) — זאל זיך יעדער איינער משתתף זיין אין דעם, מען זאל אנטלייען געלט אין דער קופה אויף דער לענגסטער צייט, וואס דעמאלט וועט די קופה קענען אנט־ לייען גרעסערע סכומים אויף לענגערע זמנים, און דערמיט וועלן כל המש־ תתפים בזה מקיים זיין גמילות חסדים.

וכשם ווי אין גמילות חסדים איז ניטאָ די הגבלה פון עניים און עשי־ רים בנוגע וועמען צו אנטלייען, אזוי דארף אין דעם אויך ניט זיין קיין הגבלה בנוגע ווער עס זאל זיך משׂ־

---

25) המשך מים רבים — תרל"ו, פל"ג, זע דארט.

26) געמיינט נבראים וואס זיינען קיימים נאר במין.

27) זע ירושלמי ברכות פ"א ה"א: יום נכנס כו' השמים והארץ בהבראם ביום עשות כו'.

28) סוכה מט, ב. שולחן ערוך יורה דעה סימן רמ"ט ס"ו.

29) שמות רבה פל"א, ה. תנחומא שם.

תתף זיין אין דעם, דערפאַר זאָל יעדער איינער געבן אין דער קופּה.

וואָס דאָס שטימט מיט דער פּרשת שקלים וואָס מען לייענט היינט, און ווי עס איז באַוואוסט דער וואָרט פון אַלטן רבי'ן אַז מ'דאַרף לעבן מיט דער צייט, מיט דער קריאה אין תורה פון דער צייט, וואָס אין מחצית השקל האָבן זיך אַלע אידן משתתף געווען.

(משיחת שבת פרשת משפטים, פרשת שקלים תשח"י)

# פרשת תרומה

א. אין אָנהויב פון דער היינטיקער סדרה שטייט דריי מאָל דער וואָרט „תרומה": א) ויקחו לי תרומה; ב) אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי; ג) וזאת התרומה אשר תקחו מאתם זהב וכסף ונחושת. זאָגט אויף דעם די גמרא [1], אַז די דריי תרומות זיינען: תרומת בקע לגולגולת שנעשו מהם האדנים (אַ תרומה וואָס יעדער איד האָט געדאַרפט געבן אַ מחצית השקל, פון וועלכן מען האָט געמאַכט די שוועלן צום משכן). תרומת המזבח בקע לגולגולת לקופות לקנות מהם קרבנות ציבור (די תרומה פון מחצית השקל וואָס יעדער איד האָט געדאַרפט געבן, פון וועלכן מען האָט געקויפט קרבנות ציבור). תרומת המשכן נדבת כל אחד ואחד (די תרומה פאַרן משכן און זיינע כלים).

עס איז פאַראַן אָבער צווישן זיי אַ חילוק. די תרומות וועלכע מען האָט גענוצט פאַר די קרבנות און פאַר די אדנים זיינען געווען בקע לגולגולת, אַ האַלבן שקל פאַר יעדן — אַלע גלייך. אָבער די תרומה צוליב דעם משכן וכליו, איז ניט געווען אין דעם קיין באַשטימטער סכום, נאָר וויפיל יעדער איינער האָט געוואָלט געבן.

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס זיינען תרומת קרבנות און תרומת אדנים אַנדערש פון דער תרומה פאַר די איבעריקע באַדערפענישן פון דעם משכן?

ב. דאָס וואָס תרומת המזבח איז בקע לגולגולת, פאַר אַלעמען גלייך, איז פאַרשטאַנדיק, ווייל תרומת המזבח איז צוליב „לכפר על נפשותיכם" (וכדפירש רש"י, אַז דאָס גייט אויף תרומת המזבח לקנות מהם קרבנות ציבור, „שהקרבנות לכפרה הם באים"), ד. ה. אַ כפרה אויפן חטא העגל, ווי עס שטייט אין ירושלמי און אין מדרש.

דער חטא פון עגל איז געווען אַ חטא כללי, וואָס האָט אָנגערירט ניט נאָר די וואָס האָבן זיך דערין באַטייליקט, נאָר אויך שבט לוי, וועלכע האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דעם חטא, און אַפילו משה רבינו, וואָס ער איז בשעת מעשה אַפילו גאָרניט געווען אין אַט די ד' אמות, ד. ה. ער איז גאָרניט געווען אַפילו אין דעם גדר פון מי שיש בידו למחות כו' (וואָס מיט זיינע מעגלעכקייטן האָט

1) שקלים רפ"א.

ער געקענט פאַרווערן), פונדעסטוועגן האָט אויך אים אָנגערירט דער חטא, אַזוי ווי עס שטייט: „לך רד" ואמרו רבותינו ז"ל [2]: רד מגדולתך (נידער אַראָפּ פון דיין גרויסקייט).

אַזוי ווי חטא העגל איז געווען אַן ענין אין וועלכן כלל ישראל, אַלס שלימות פון כלל, איז דורכגעפאַלן, ד. ה. אַז דאָס איז געווען אַ קלקול כללי, דערפאַר האָט אויך דער תיקון און די כפרה אויף דעם געדאַרפט זיין דורך אַן ענין כללי, וואָס אַלע האָבן געדאַרפט געבן גלייך, וואָרום עס איז געווען אַן ענין פון כלל ישראל.

ג. פאַרשטיין דעם ענין מער אויספירלעכער:

עס איז באַוואוסט, אַז חטא העגל איז אין דעם סוג פון חטא עץ הדעת. דורך חטא עץ הדעת ירדה זוהמא לעולם, ובשעת מתן תורה פסקה זוהמתן ועל ידי חטא העגל חזרה [3].

דערפון איז מובן, אַז מען קען קלערער פאַרשטיין דעם ענין פון חטא העגל דורך אַריינטראַכטן אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער חטא עץ הדעת, און אין דעם ענין פון מתן תורה.

אין אָנהויב פון דער בריאה איז געווען „עולם על מילואו נברא" [4], און „עיקר שכינה בתחתונים היתה" [5]. דורך דעם חטא עץ הדעת איז ירדה זוהמא לעולם, און צוליב דעם איז די וועלט ניט געווען קיין כלי צו אלקות בגילוי. ווי עס איז באַוואוסט, אַז הגם קיימו האבות כל התורה עד שלא ניתנה (כאָטש די אָבות האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה אײדער זי איז געגעבן געוואָרן), איז דאָס אָבער ניט געווען פאַרבונדן מיטן גשם פון וועלט באופן פנימי, וואָרום רוחניות מיט גשמיות זיינען געווען ווייט איינע פון די צווייטע — רוחניות האָט ניט געקענט שטיין אין גשמיות אין אַ פנימיות און אין אַן אופן פון קליטה [6].

דער אויפטו פון מתן תורה איז געווען, אַז עס איז אַראָפּ די זוהמא, עס איז געוואָרן אַן אויסלייטערונג אין וועלט, און דערפאַר קענען זיין תורה ומצוות אין דברים גשמיים בפנימיות, מען זאָל קענען מאַכן פון גשמיות אַ כלי צו ג־טלעכקייט.

חטא העגל האָט מעורר געווען צוריק די זוהמא פון חטא עץ הדעת אין כללות העולם.

דער אויפטו פון מתן תורה איז זיכער געבליבן אויך נאָכן חטא העגל [7], וואָרום אויך איצטער איז דאָ אַ חילוק צווישן אידן מיט, להבדיל, ניט־אידן. ביי אידן איז אויך איצטער געבליבן תורה ומצוות בגשמיות, וואָס זייער ענין איז צו באַהעפטן און פאַראייניקן גשמיות מיט אלקות. אָבער פונדעסטוועגן איז אַ געוויסע מאָס זוהמא צוריקגעקומען, און די זוהמא איז ניט נאָר אין אנשים פרטיים און ענינים פרטיים, נאָר אויך אין כללות העולם.

דער תיקון אויפן חטא העגל איז מחצית השקל, וואָס ביי דעם שטייט: זה יתנו, „זה" לשון גילוי, כמרז"ל: כל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר

2) ברכות לב, א.
3) שבת קמו, א. זהר ח"א נב, ב.
4) זע בראשית רבה יב, ו.
5) בראשית רבה יט, ז.
6) זע וועגן דעם אַלעם אויבן עמוד 41.
7) זע ניצוצי אורות לזהר ח"ג יד, ב.

זה א־לי 8), ד. ה. אַז דורך מחצית השקל און עבודת הקרבנות, און בזמן הזה דורך עבודת התפילה וואָס במקום קרבנות תיקנום, נעמט מען אַראָפּ די זוהמא און מען איז ממשיך צוריק גילוי אלקות אין וועלט.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז סיי דער חטא העגל, סיי דער תיקון אויף דעם, זיינען ענינים כלליים.

ד. דערמיט וועט מען פאַרשטיין כמה דינים וואָס זיינען געוועזן אין מחצית השקל:

א) די געלט וואָס יעדער איינער האָט געגעבן איז געוואָרן ממון ציבור. יעדער איינער האָט געגעבן זיינע אייגענע געלט, אָבער ער האָט דאָס געדאַרפט אַוועקגעבן אויף אַזאַ אופן אַז עס זאָל ווערן אויס ממון יחיד, אויך ניט קיין שותפות פון עטלעכע יחידים, נאָר ציבור־געלט.

ב) פאַר די געלט פון מחצית השקל האָט מען געקויפט קרבנות ציבור דוקא.

דער רמב״ם אין זיין הקדמה צו פירוש המשניות (סדר קדשים) דערקלערט, אַז ס'זיינען פאַראַן פיר מינים אין קרבנות: א) קרבנות ציבור, ב) קרבן יחיד, ג) קרבן ציבור דומה לקרבן יחיד, ד) קרבן יחיד דומה לקרבן ציבור.

קרבן ציבור זיינען די קרבנות וואָס האָבן אַ באַשטימטן זמן און מען איז זיי מקריב אַלס ציבור, אַזוי ווי תמידין און מוספין. קרבן יחיד זיינען די קרבנות וואָס האָבן ניט קיין באַשטימטן זמן און יעדער איינער איז זיי מקריב אַלס יחיד. קרבן ציבור דומה לקרבן יחיד זיינען די קרבנות וואָס מען איז זיי מקריב אַלס ציבור, זיי האָבן אָבער ניט קיין באַשטימטן זמן, אַזוי ווי פר העלם דבר. קרבן יחיד דומה לקרבן ציבור זיינען די קרבנות וואָס מען איז זיי מקריב אַלס יחיד, אָבער זיי האָבן אַ באַשטימטן זמן, אַזוי ווי קרבן פסח.

קרבן יחיד, אויך קרבן יחיד וואָס דומה לקרבן ציבור, האָט מען ניט געקויפט פון די געלט פון מחצית השקל. וועגן קרבן ציבור דומה לקרבן יחיד איז פאַראַן אַ פלוגתא 9), און די הלכה בלייבט, אַז אויך אויף זיי האָט מען ניט גענומען פון מחצית השקל, נאָר דוקא אויף קרבן ציבור ממש האָט מען גענומען פון מחצית השקל.

דער טעם פנימי אויף ביידע דינים: וויבאַלד אַז מחצית השקל איז געוועזן אַן ענין כללי, האָט עס געדאַרפט זיין ממון ציבור און מען האָט עס פאַרנוצט אויף קרבנות ציבור ממש.

ה. דאָס איז די דערקלערונג פאַר וואָס תרומת המזבח האָבן געגעבן אַלע גלייך. אָבער בנוגע תרומת האדנים איז ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס האָט אין דעם געדאַרפט זיין בקע לגולגולת דוקא?

נאָך מער איז ניט פאַרשטאַנדיק: די אדנים זיינען דאָך אַ טייל פון משכן, קומט דאָך אויס אַז ביידע תרומות (תרומת האדנים און תרומת המשכן) זיינען נאָר צוליב דעם משכן און זיינע כלים (וואָס דערמיט טיילן זיי זיך אויס פון תרומת המזבח), היינט פאַרוואָס טיילן זיי זיך גופא אויף צוויי באַזונדערע תרומות, וואָס

8) שמות רבה כב, טו.

9) מנחות נב, א.

זיינען פאַרשידן אויך אין זייערע די־
נים, תרומת המשכן איז „איש כפי
אשר ידבנו לבו" און תרומת האד־
נים — „בקע לגולגולת"?

ו. דער ירושלמי טייטשט אויס די
דריי מאָל תרומה וואָס אין פסוק,
יעדער איינער, אויף וועלכער תרומה
זי איז מרמז: ויקחו לי תרומה גייט
אויף תרומת האדנים; תקחו את תרו־
מתי — אויף תרומת המזבח; וזאת
התרומה אשר תקחו מאתם גו' — אויף
תרומת המשכן.

דער אופן הלימוד אין פסוק איז:

ביי וזאת התרומה אשר תקחו מאתם
זאָגט ער זהב וכסף ונחושת וגו', די
אַלע דרייצן צי פופצן זאַכן — גייט
דאָס אויף נדבת המשכן. ביי דעם
פסוק תקחו את תרומתי זאָגט ער
אשר ידבנו לבו, דערפאַר גייט עס
אויף קרבנות וואָס אין זיי איז נוגע
מחשבה שבלב (אַזוי אויך תפילות
שכנגד תמידין תקנום, איז דאָך תפילה
— עבודה שבלב[10]), דער עיקר פון
תפילה איז מחשבה).

בלייבט איבער דער פסוק פון ויקחו
לי תרומה, וואָס גייט אויף די אדנים.

לויט דעם — שטייט דער וואָרט
„לי" ביי דער תרומה פון אדנים
דוקא.

באמת גייט דער ויקחו „לי" אויף
אַלע דריי תרומות, און נאָך טיפער
— אויף כללות התורה והמצוות, ווי
עס שטייט אין תניא בשם הזוהר[11],
אַז דורך תורה ומצוות איז ויקחו לי
— אותי אתם לוקחים, אָבער פונ־
דעסטוועגן שטייט דער וואָרט „לי"
בפירוש ביי אדנים דוקא.

10) תענית ב, א.

11) תניא פמ"ז. זהר ח"ב קמ, ב.

זעט מען דערפון נאָך אַ חילוק פון
די אדנים מיט די איבעריקע טיילן
פון משכן (און די קרבנות), וואָס
אין די אדנים דוקא איז דער „לי"
בגילוי, וכל מקום שנאמר לי אינו זז
לעולם[12].

ז. דעם חילוק פון די אדנים מיט
די אַנדערע טיילן פון משכן אין ביידע
דערמאָנטע חילוקים, וועט מען פאַר־
שטיין דערקלערנדיק פריער דעם ענין
פון אדנים אין נפש האדם.

אויפן פסוק ועשו לי מקדש ושכנתי
בתוכם, זיינען מדייק די רז"ל[13]: בתו־
כו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כל
אחד ואחד מישראל. במילא איז מובן,
אַז אויך אין דעם משכן ומקדש הרוח־
ני וואָס אין יעדן אידן, זיינען פאַראַן
אַלע טיילן פון דעם משכן, אויך דער
טייל פון די אדנים.

ח. די אדנים זיינען געווען דער
נידעריקסטער טייל פון משכן. פונ־
דעסטוועגן זיינען זיי דוקא געווען דער
יסוד פון דעם גאַנצן משכן, אויך פון
די קרשים ויריעות, כאָטש זיי זיינען
געווען העכער פון די אדנים.

אין עבודת האדם איז דער ענין
פון אדנים — שפלות וביטול.

די קרשים בנפש האדם זיינען די
כחות פנימיים, שכל און מדות. דער־
פאַר זיינען זיי עשר אמות, כנגד עשר
כחות הנפש[14]. די יריעות זיינען די
כחות מקיפים.

12) ויקרא רבה פ"ב, ב. זע אויך לקוטי תורה במדבר ט, ג.

13) זע ראשית חכמה שער האהבה פ"ו (נאָענט צום אָנפאַנג) און אין של"ה שער האותיות אות ל, מסכת תענית רד"ה מענין העבודה. פרשת תרומה חלק תו"א — שכה, ב. שכו, ב.

14) זע תיקוני זהר תיקון יט (סא, א).

די אדנים זיינען נידעריקער פון אַלע עבודות פּרטיות, דאָס איז דער ענין פון שפלות און ביטול פון קבלת עול. פונדעסטוועגן איז דאָס דוקא דער יסוד פון גאַנצן משכן, ווי מיר זאָגן: ונפשי כעפר לכל תהי׳, און דורך דעם דוקא איז: פתח לבי בתורתך ובמצותיך תרדוף נפשי.

ט. דאָס איז אויך דער טעם וואָס תרומת האדנים איז געווען נאָר דעם ערשטן יאָר, אָבער די אַנדערע תרומות זיינען געווען אויך שפּעטער.

דער ענין איז: שפלות און ביטול זיינען דער יסוד און אָנפאַנג פון עבודה, דאָס דאַרף מען האָבן צום אַלעם ערשטן, און דערנאָך, בשעת מען האָט שוין דעם יסוד, דאַרף מען טאָן אין מדריגות פּרטיות אין עבודה.

דערפאַר איז דער אָנהויב פון דער עבודה פון טאָג — מודה אני און הודו להוי׳, וואָרום הודאה וביטול זיינען התחלת ויסוד העבודה, און דערנאָך קומען די מדריגות פּרטיות: פסוקי דזמרה, ברכות קריאת שמע, קריאת שמע וכו׳.

י. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין ביידע חילוקים צווישן די אדנים מיט די אַנדערע טיילן פון משכן:

אין עבודות פנימיות — קרשים און יריעות — איז דאָ אַ חילוק פון איינער ביז אַ צווייטער, ווייל יעדער דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט זיינע כחות וחושים. אָבער אין דעם ביטול פון קבלת עול זיינען אַלע גלייך.

דורך וואָס נעמט מען עצמות, „לי״ — דורך ביטול דוקא. לא באש הוי׳, לא ברעש הוי׳ ולא ברוח הוי׳, נאָר אין קול דממה דקה — תמן קא אתי גלכא (וכמבואר בארוכה ד׳ ענינים אלו בעבודת האדם בהמשך תער״ב).

יא. הגם דער יסוד העבודה איז קבלת עול און ביטול, אָבער, ווי גערעדט פריער, איז דאָס נאָר דער יסוד. שלימות העבודה איז, מען זאָל אָוועקגעבן צום אויבערשטן אויך די כחות פנימיים, שכל און מדות. און אין דעם קען מען ניט יוצא זיין מיט מחצית השקל, נאָר אַזוי ווי דער דין איז ביי קרבנות: עשיר שהביא מנחת עני לא יצא[15]. ביי יעדן איינעם מאָנט מען, אַז ער זאָל אָוועקגעבן זיין גאַנצן שכל מיט די גאַנצע מדות צום אויבערשטן.

פון דער אַנדער זייט שטייט דאָרט: עני שהביא מנחת עשיר יצא, און ווי מפרשים טייטשן איז ניט נאָר יצא בדיעבד, נאָר אויך לכתחילה, און נאָך מערער: תבוא עליו ברכה.

דער ענין פון דעם אין רוחניות איז: אויך אַן עני בדעת, וואָס עס פעלט אים אין לימוד נגלה דתורה און אַפילו אין קיום המצוות בהידור, אויך ביי אים מאָנט מען ער זאָל לערנען פנימיות התורה, מנחת עשיר, און דאָס גופא וועט ברענגען אַז תבוא עליו ברכה, עס וועט זיין דער עשר (מאַכן זיך רייך) בשביל שתתעשר, ואין עשיר אלא בדעת, ער וועט זיין אַן עשיר ברוחניות, אין זיינע חושים ויכולת, און עס וועט אַראָפּקומען אויך אין עשירות כפשוטו בגשמיות, בבני חיי ומזוני רויחי.

(משיחות שבת פרשת משפטים, תשט״ו, תשח״י)

יב. אויפן פסוק ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים, איז

---

15) נגעים בסופה.

מבאר כבוד קדושת מורי וחמי אדוננו מורנו ורבינו [16], אַז שטים איז מלשון הטי׳ — אָפּנייגונג.

עס איז פאַראַן אַ מיטל־וועג, דאָס איז דער וועג פון שכל און השגה, און דאָס אָפּנויגן פון מיטל־וועג ווערט אָנגערופן „שטים״, שטות.

און אין דעם זיינען פאַראַן צוויי אופנים: א) די הטי׳ למטה מהשכל, שטות דלעומת זה, וכמרז״ל: אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות [17]. ב) די הטי׳ למעלה מהשכל, שטות דקדושה, ועל דרך מרז״ל אהני לי׳ שטותי׳ לסבא [18].

די עבודת המשכן ומקדש איז צו מהפך זיין שטות דלעומת זה און מאַכן פון איר שטות דקדושה, עיין שם באריכות.

יג. מען קען זיך ניט באַנוגענען מיטן מיטל־וועג, נאָר מען מוז האָבן שטות דקדושה דוקא, למעלה מטעם ודעת.

וואָלט אין וועלט ניט געווען די מציאות פון שטות דלעומת זה, וואָלט דעמאָלט געווען גענוג אויך דער מיטל־וועג. בשעת אָבער אַז דורך חטא עץ הדעת איז געוואָרן אין כללות העולם זוהמא, שטות דלעומת זה, איז מיט וואָס קען מען דאָס ביי־קומען — מיט שטות דקדושה דוקא.

אַזוי ווי דאָס איז אין כללות העולם, אַזוי אויך ביי יעדן איינעם, אַז אויב ער האָט חוטא געווען און פוגם געווען און עבר את הדרך, אָדער אפילו נאָר איינע פון די דריי זאַכן, קען ער דאַן ניט גיין אויפן מיטל־וועג, נאָר ער מוז גיין למעלה מדרך המיצוע, און לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין אגרת התשובה [19], אַז במקום הקשר דאַרף זיין כפול ומכופל.

אַזוי זאָגט אויך דער רמב״ם [20], אַז בכלל דאַרף מען גיין אין מיטל־וועג. אויב אָבער מען איז געגאַנגען אין איין ריכטונג צופיל, איז בכדי דאָס צו מתקן זיין, מוז מען גיין אין דעם צווייטן קצה.

יד. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין, וואָס די גמרא באַצייכנט די העכסטע מעלה מיטן וואָרט „ופרצת״. לא כאברהם כו׳ ולא כיצחק כו׳ אלא כיעקב שכתוב בו ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה [21].

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס איז אַזוי די גוואַלדיקע מעלה פון „ופרצת״, וואָס דאָס איז גרעסער פון אַלע אַנדערע מעלות, וואָס ער רעכנט דאָרטן אויס אין גמרא?

וועט מען עס פאַרשטיין דערקלערנדיק פריער נאָך אַ פרט אין דעם ענין „ופרצת״.

דער וואָרט „ופרצת״ באַדייט ניט סתם צעשפרייטן זיך, נאָר — אַראָפּנעמען מחיצות. אין אַ פעלד איז ניט שייך קיין פירצה, נאָר ווען עס איז דאָ אַ בנין און אַ מויער, און מען נעמט אַראָפּ פון דעם אַ חלק, הייסט עס פירצה — „ופרצת״.

דעם בנין און גדר — אויף וועלכן מען זאָגט אַז אין אים דאַרף זיין

16) באתי לגני תש״י, ס״ג ואילך.
17) סוטה ג, א.
18) כתובות יז, א.
19) פ״ט.
20) פ״ד משמונה פרקים.
21) שבת קיח, ב.

ופרצת — איז דאָך מוכרח אַז עס איז אַ בנין דקדושה. וואָרום אויב עס איז אַ בנין דלעומת זה, איז דאָך דאָס באמת ניט קיין ענין פון בנין, נאָר אַן ענין פון חורבן און פירצה (על דרך מרז"ל [22]) לא נתמלאה צור אלא מחורבנה של ירושלים) און ברעכן אַזאַ בנין איז, אין דער אמתן, ניט קיין ופרצת, נאָר, אדרבה, בנין. אויב תורת אמת רופט עס אַן ופרצת, מוז מען דאָך זאָגן, אַז דאָס איז אַ פירצה באמתיות.

איז דאָך אין פלוג ניט פאַרשטאַנדיק, וואָס פאַר אַ תכלית און גוטס איז דאָ אין ברעכן אַ בנין, אַזאַ בנין וואָס תורה רופט עס בנין?

אָבער לויט דעם אויבן־געזאָגטן וועט מען עס פאַרשטיין: די עבודה איז, שטות דקדושה וואָס איז העכער פון מיטל־וועג, כאָטש דער מיטל־וועג איז דאָך אַ גלייכער וועג על פי התורה, פונדעסטוועגן דאַרף זיין "ופרצת", אַרויסגיין פון אַלע הגבלות, אויך פון הגבלות וגדרים פון קדושה, וואָס זיי זיינען דאָך בנין.

און דער ענין פון שטות דקדושה שלמעלה מטעם ודעת, העכער פון הגבלות, אַפילו פון הגבלות פון קדושה, דאָס איז נחלת יעקב, בחיר שבאבות — תכלית המעלה, העכער פון נחלת אברהם און פון נחלת יצחק.

טו. די אָנווייזונג פון דעם בנוגע לפועל איז:

תלמידי הישיבות און יושבי אוהל בכלל דאַרפן זיך ניט באַנוגענען מיט די זמנים הקבועים וואָס זיי האָבן צו לערנען תורה. אַפילו די זמנים קבועים פון מהדרין, און מהדרין מן המהדרין זיינען אויך ווייניק. נאָר עס דאַרף זיין — "ופרצת", אהני לי' שטותי' לסבא, העכער פון טעם ודעת, העכער פון אַלע זמנים הקבועים.

בעלי עסק, וואָס זייער עיקר עבודה איז קיום המצוות און בפרט מצות הצדקה ששקולה כנגד כל המצוות, איז די אַלע דברים הקבועים שבצדקה, און אַפילו צדקה מהמובחר ווי דערקלערט אין פוסקים ואחרונים, — כאָטש ס'איז אַ בנין מובחר על פי תורה — איז עס פאַר זיי נאָך אַלץ ווייניק. עס דאַרף זיין ופרצת אַן הגבלות, און ווי עס ווערט דערקלערט אין אגרת התשובה [23]) און אגרת הקודש [24]), אַז כל אשר לאיש יתן בעד נפשו. און אַפילו די וואָס מיינען, אַז זיי דאַרפן צו דעם ניט אָנקומען ווייל זיי פעלט גאָרניט, — אָבער אין דער עבודה פון יחודים עליונים פעלט דאָך אויך זיי, וואָס די יחודים שלמעלה זיינען דאָך אין סוף, במילא דאַרפן אויך זיי געבן צדקה אין אַן אופן פון ופרצת.

טז. אויף משיח'ן שטייט דער לשון "פורץ" [25]). איז די מצות השעה, בכדי צו ברענגען דעם פורץ בקרוב — עס זאָל זיין דער לימוד התורה און קיום המצוות ובפרט צדקה אין אַן אופן פון ופרצת.

דורכן לימוד התורה אָן הגבלות פון יושבי אוהל און איבערהויפט בני־הישיבה, און דורכן קיום המצוות ובפרט צדקה אָן הגבלות פון בעלי־

22) פסחים מב, ב. מגילה ו, א (בשינוי לשון).

23) פ"ג.

24) סי' י, ועוד.

25) ב"ר ס"פ סג. רש"י בב"ר ס"פ פה.

עסק, וועט זיין כלשון המאמר[26]: „גג ורצפה כאחד ממש", תורה וואס אין רוחניות איז דאס „גג" (אַ דאַך) און מצוות וועלכע זיינען אַנגעטאַן אין גשמיות'דיקע זאַכן — „רצפה", וועלן זיין כאחד ממש, און עס וועלן אַראָפּ־גיין אַלע הבדלות, מחיצות והגבלות, און עס וועט זיין יעלה הפורץ לפנינו בקרוב ממש.

(משיחת יו"ד שבט, תשי"ט)

## הוספה *)

מען האָט גערעדט, אַז עס דאַרף זיין דער ענין פון „ופרצת" אין אַלע ענינים.

אַזוי ווי עס איז דאָך דער אָנהויב פון יאָר און פון סדרה, דער סדר ההמשכה מלמעלה למטה, איז די ערשטע זאַך דאַרף זיין דער „ופרצת" אין תורה. מען דאַרף לערנען תורה בשופי, ניט קוקן אויפן זייגער.

אויב מען דאַרף דאָס באַוואָרענען יושבי אוהל, איז מכל שכן אַז מען דאַרף דאָס באַוואָרענען בעלי עסק. דער בעל עסק זאָל ניט וועלן יוצא זיין מיט אַ קביעות עתים לתורה ווי עס קומט אויס לדעתו, נאָר עס דאַרף זיין „ופרצת". „פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית" — האָט געטייטשט דעם אַלטן רבינ'ס אַ חסיד — אַז דער לי־מוד התורה דאַרף זיין באופן פון „פרק אחד" — אַז דער „אחד" זאָל אים פאַנאַנדערנעמען, דעמאָלט איז „שח־רית" — ווערט ליכטיק. „ופרק אחד" — בשעת דער „אחד" נעמט אים פאַ־נאַנדער, איז „ערבית" — ווערט זיס.

פון תורה דאַרף מען דאָס ממשיך זיין אויך אין עבודה — תפילה, אַז עס זאָל זיין דער „ופרצת" אין עבו־דת התפילה. ביי יושבי אוהל דאַרף זיין אַ לאַנגע התבוננות פאַרן דאַווע־נען, בשעת'ן דאַווענען און אויך נאָכן דאַווענען. בעלי עסק, וואָס ביי זיי איז די התבוננות בתפילה באַגרענעצט, פונדעסטוועגן דאַרף די הגבלה אויך האָבן אַ הגבלה, עס זאָל ניט זיין באופן אַז ס'איז אַזוי שנעל און קורץ אַז ס'איז ניטאָ קיין אָרט וואו אַריינ־שטעקן אַ נאָדל, וואָס דורכן „פתחו לי כחודו של מחט", איז „אפתח לכם כפתחו של אולם".

פונקט ווי אין גשמיות, קען ער דאָך אַמאָל אין איין מינוט פאַרדינען פיל מער ווי אַן אַנדער מאָל אין אַ סך שעה'ן, אַזוי אויך, להבדיל, אין דאַווע־נען, הגם ער האָט ניט קיין סך צייט, אָבער די צייט וואָס ער האָט, דאַרף ער טאָן אין עבודת התפילה, און השם יתברך וועט אים געבן הצלחה, אַז דורך דער ביסל צייט וועט ער אויפ־טאָן.

תפילה איז דאָך רצוא, איז פון דעם דאַרף מען ממשיך זיין דעם „ופרצת" אויך אין קו פון גמילות חסדים. וואָס דאָס איז דאָך וואָס מען האָט גערעדט באריכות דעם „ותומכי' מאושר", וואָס תומכי' גייט אויף תמכין דאורייתא — מעשר איז דאָך אַ חיוב, און חומש מצד תקנת אושא, און אַפילו יותר מחומש, איז ער דאָך מבאר אין אגרת התשובה ואגרת הקודש, אַז מען דאַרף עס אויך טאָן מצד תיקון אויף ענינים בלתי רצויים. דאָרטן — אין אגרת התשובה ואגרת הקודש — רעדט ער דאָס מצד דעם קו פון תיקון על

---

26) באתי לגני תש"י ס"ט.

*) צוליב פולקאָמערער דערקלערונג פון די אותיות טו־טז, ברענגען מיר די פאָלגנ־דיקע שיחה.

עוונות כו׳, ומכל שכן בשעת דאס איז אין דעם אַנדער קו [27]).

מען דערציילט [28]), אַז דער בעל שם טוב האָט געגעבן צדקה מער ווי אַ פינפטל, האָט מען אים געפרעגט, עס שטייט דאָך אל יבזבז יותר מחומש? האָט ער געענטפערט, אַז המבזבז איז מלשון ביזה (וואָס איז ביי מלחמות וכיוצא בזה), ד. ה. דער וואָס וויל ניט געבן און ער דאַרף מיט זיך מלחמה האַבן, פועל׳ן בדרך כפי׳ ובדרך ביזה, אָפּרייסן דאָס ביי זיך, איז אַל יבזבז יותר מחומש. דאַקעגן דער וואָס גיט דאָס בשמחה ובעונג (איז מיט וואָס איז אַנדערש צדקה פון אַנדערע תענוגים און באַדערפענישן אויף וועלכע ער גיט אויס געלט?).

קען מען דאָך טענה׳ן, אַז מען האַלט נאָך ניט דערביי אַז די צדקה זאָל זיין בשמחה ובתענוג, איז דאָך אָבער אויף דעם דער „ופרצת״. בפרט, ווען מען איז דאָך זיכער אין דעם צוזאָג „ובחנוני נא בזאת״ — העלפט עס צו שמחה ותענוג. אויך דאַרף זיין דער „ופרצת״ ביי די וואָס אַרבעטן אין די מוסדות הקדושים. פונקט ווי מען מאָנט ביי די תלמידים זיי זאָלן ניט קוקן אויפן זייגער, אַזוי איז אויך ביי די רמי״ם וכו׳, אַז ניט זיי דאַרפן „אָפּאַרבעטן״ זייערע „אַרבעט-שעות״, נאָר מען דאַרף ליגן אין דעם אָן חשבונות וכו׳.

און דורך דעם וואָס מען וועט זיך פירן לויט „ופרצת״ אין די אַלע אויבנגעזאָגטע ענינים, וועט דער אויבערשטער געבן דעם „ופרצת״ יעדן איינעם אויך בעניניו הפרטים, ביז*) צו „נחלה בלי מצרים״.

(משיחת שמחת תורה, תשי״ט)

# פרשת תצוה

א. אויפן פסוק ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור גו׳, זאָגן די רז״ל [1]), אַז עס זיינען דאָ דריי סאָרטן שמן, און פאַר דער מנורה האָט מען געדאַרפט האָבן שמן הראשון (דעם ערשטן סאָרט בוימל).

ווי מען האָט שוין גערעדט פיל מאָל, איז יעדער ענין אין תורה — און בפרט ענינים פון משכן און מקדש, וואָס ווי די רז״ל זאָגן דעם פירוש פון ושכנתי בתוכם, אַז דאָס מיינט בתוך כל אחד ואחד מישראל [2]) — פאַראַן אין דער רוחניות׳דיקער עבודה פון נפש האדם.

ב. אין תורה זיינען דאָ דריי מדריגות: מים, יין און שמן (וואַסער, וויין און בוימל). גליא דתורה איז מים, רזין דתורה — יין, און רזין דרזין

27) זע כתובות סז, ב. זהר ח״ג ס, ב. נמוקי יוסף צו בבא קמא ט, ב. שולחן ערוך אורח חיים סי׳ תרנ״ו ובנ״כ שם. ואכ״מ.

28) הובא בס׳ אורח לחיים פרשת תרומה ובס׳ וציוה הכהן פס״ו.

1) מנחות פו, א.

*) הגם שמדברי הגמרא (שבת קיח, ב) מוכח לכאורה אשר נחלה בלי מצרים הוא ענין אחר עם ופרצת, — כבר נתבאר בשיחת י״ג תשרי תשי״ט ראי׳ בגמרא זו גופא כמ״ש בפנים.

2) זע אויבן עמוד 165 הערה 13.

— שמן. שמן איז צף על גבי יין [3] (בוימל שווימט אויפן וויין) — דאס מיינט, אז שמן איז א דרגה וואס איז נאך העכער פון יין.

אזוי ווי אלע ענינים פון תורה זיינען פאראן סיי בדרך כלל און סיי בדרך פרט, במילא זיינען אויך אין דער דרגא פון שמן גופא פאראן דריי מדריגות — ג' שמנים: מים, יין און שמן שבשמן.

דערפאר איז אין תורת החסידות גופא — פנימיות התורה, וואס דאס איז די דרגא פון שמן שבתורה — פאראן אלע חלקי התורה. אזוי ווי עס זאגט כבוד קדושת מורי וחמי אדוננו מורינו ורבינו [4], אז אין חסידות איז פאראן אויך מוסר און חקירה, נאר עס איז ברוח החסידות.

ג. דער אויפטו פון שמן אויף מים און יין איז:

מים און יין איז דארטן וואו זיי געפינען זיך זיינען זיי פאראן, אבער וויטער גייען זיי ניט, אבער שמן איז דאך א דין אין תורה אז ס'איז מפעפע בכולו, ד. ה. ווען עס קומט אין איין ארט, גייט עס אריין אין אלע ערטער וואס זיינען פארבונדן מיט יענעם ארט.

אזוי אויך אין רוחניות, אז דורך לערנען גליא דתורה אליין, קען זיין אז כאטש עס געפינט זיך ביי אים תורה, אבער ער מיט דער תורה זיינען צוויי באזונדערע זאכן. אבער דורך לימוד רזין דרזין, וואס אין אונזערע דורות איז דאס תורת החסידות, איז שמן מפעפע בכולו, אז דאס נעמט אים דורך, דורך און דורך, ביז אז ער מיט תורה ווערן איין זאך, על דרך אותיות החקיקה.

ד. ווי געזאגט פריער, אז אויף שמן למאור האט מען געדארפט האבן שמן הראשון, שמן שבשמן.

דער חילוק פון פנימיות התורה (בכלל) מיט גליא דתורה: גליא דתורה איז אנגעטאן אין מענטשלעכן שכל, וואס דערפאר לאזט זי איבער אן ארט פאר מציאות און ישות, אבער פנימיות התורה רעדט וועגן ענינים פון אלקות און ביטול העולמות, גיט עס ניט אזוי קיין ארט אויף ישות.

דאס זעלבע איז אויך דער חילוק אין פנימיות התורה גופא צווישן מים ויין שבשמן מיט שמן שבשמן. ווייבאלד אז אויך פנימיות התורה איז געגעבן געווארן אין אן אופן וואס מען קען עס נעמען מיט שכל, איז מצד השגה און פארשטאנד איז דאס אן ענין פון מים ויין (שבשמן) און אויף דעם זאגט מען, אז עס דארף זיין שמן שבשמן, כתית למאור, ד. ה. דער ביטול אין פנימיות התורה, וואס קומט בפרט דורך הקדמת עבודת התפילה.

(מלוקט משיחות שמחת בית השואבה תשי"ב, חנוכה תשי"ט)

ה. ביים סיום פון פרשת תצוה זאגט אן די תורה וועגן מזבח הזהב. פרעגן די מפרשי התורה: אין פלוג האט דער מזבח הזהב געדארפט דערמאנט ווערן מיט די אנדערע כלי המשכן אין פרשת תרומה, וואו עס ווערן אויסגערעכנט דער שלחן און די מנורה, וועלכע זיינען געשטאנען צוזאמען מיט דעם מזבח הזהב אין אוהל מועד. וואס איז דער ענין וואס דער מזבח הזהב שטייט אין דער

---

3) טבול יום פ"ב מ"ה.

4) קונטרס תורת החסידות פי"ח.

תורה נאך אלע עבודות פון משכן, ביי דער ענדע פון פרשת תצוה?

נאר דער ענין איז: די תורה איז דא מרמז, אז דער תכלית פון אלע עבודות אין משכן איז געווען די עבודת הקטורת וואס איז געווען אויפן מזבח הזהב, וואו עס פלעגט אריינגיין נאר דער כהן וואס האט מקטיר געווען די קטורת, און דארטן איז געווען בלויז דער כהן און דער אויבערשטער. ווי עס שטייט אין ירושלמי[5]) אויפן פסוק וכל אדם לא יהי' באוהל מועד בבואו גו', אפילו אותם שכתוב בהם ודמות פניהם פני אדם לא יהיו באהל מועד, אפילו מלאכי השרת וכו'. פון אלע עבודות פון משכן איז נאר ביי דער עבודה פון קטורת יעדן טאג אויפן מזבח הזהב געווען דארטן נאר דער כהן און דער אויבערשטער, און דארטן איז געווען די השראת השכינה.

אזוי איז אויך אין טעגלעכער עבודת האדם צום באשעפער: דער תכלית און די גאנצקייט פון דער עבודה איז, אז מען זאל זוכה זיין צו טאן תורה ומצוות בכלל און צדקה בפרט אן פרסום, ניט ווי אייניקע פירן זיך, אז מען מאכט „פיקטשורס" — פאטאגראפיעס — און מען דרוקט אין די צייטונגען, נאר עס זאל זיין מתן בסתר, אז קיינער זאל ניט וויסן, נאר ער און דער אויבערשטער אליין.

(משיחת ה' אדר תשט"ו)

ו. בשעת מען האט געדארפט מאכן די כלים פון משכן, און עס איז געקומען צו דער מנורה, זאגן די חז"ל, אז נתקשה בה משה. משה רבינו האט ניט געוואוסט ווי צו מאכן די מנורה. האט אים דער אויבערשטער געזאגט, ער זאל ארייגווארפן גאלד אין פייער, און פון דעם איז ארויס די מנורה.

אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק, וואס איז אנדערש די מנורה פון אלע כלים — אלע כלים האט משה רבינו געוואוסט ווי צו מאכן און די מנורה האט ער ניט פארשטאנען? נאך מערער איז ניט פארשטאנדיק: משה רבינו האט דאך שוין געזען די מנורה אויפן הימל, ווי עס שטייט: כאשר הראית, היינט פארוואס האט ער ניט געוואוסט?

ז. וועט מען עס פארשטיין דערקלערנדיק פריער דעם ענין פון משכן וכליו אין אלגעמיין.

בשעת די תורה הויבט אן צו ריידן (אין אנהויב פרשת תרומה) וועגן מאכן דעם משכן מיט די כלים, זאגט ער אין פסוק א הקדמה כללית — דבר אל בני ישראל ויקחו לי גו', וואס אין דעם זיינען פאראן צוויי פרטים: א) דבר אל בני ישראל; ב) ויקחו לי, וואס נאך די צוויי הקדמות קען מען צוגיין מאכן דעם משכן.

ח. די דערקלערונג פון דעם איז:

דער משכן איז דאך געמאכט געווארן פון גשמיות'דיקע זאכן: זהב וכסף ונחושת א. א. וו. דאס הייסט, אז פון דברים גשמיים האט מען געמאכט א משכן ומקדש פאר דעם אויבערשטן יתברך.

פרעגט זיך דאך די שאלה, ווי קען מען מאכן פון גשמיות א מקדש? אין פלוג, א מקדש קען מען מאכן דורך לערנען, דורך דאווענען, א. א. וו. אבער ווי קען מען מאכן א מקדש פון גשמיות?

5) יומא פ"ה ה"ב.

נאך מער איז ניט פארשטאנדיק לויט דעם וואס ס'איז באוואוסט, אז די השראת אלקות וואס עס איז געווען אין בית המקדש איז געווען העכער פון דעם אור וואס לייכט אין די עו־למות, אפילו אין עולמות עליונים. ווייל אין עולמות עליונים איז בלויז א הארה — אן אפשיין פון ג־טלעכ־קייט — און אין בית המקדש איז געווען המשכת העצמות — ג־ט ברוך הוא בכבודו ובעצמו.

ט. דאס וואס אין בית המקדש איז געווען השראת העצמות כנ"ל, איז דער עיקר הגילוי געווען אין קדשי קדשים, און דאס האט זיך אויסגע־דריקט בגילוי אויך לעיני בשר אין דעם וואס אין קדשי הקדשים איז גע־ווען מקום הארון אינו מן המדה, וואס דאס איז נאר מצד העצמות.

ווי עס איז ידוע, אז עס איז פאראן אלקות ווי עס איז אנגעטאן אין טבע, אין גשמיות'דיקע זאכן, עס איז פא־ראן אלקות וואס איז מהוה, און עס איז פאראן אלקות וואס איז העכער פון התהוות. פאראן אבער נאך הע־כער — דער ענין פון נמנע הנמנ־עות (וואס אויף דעם ענין האבן כמה מחוקרי ישראל געזאגט, יש לנמנעות טבע קיים, בחק הבורא. און דער אמת, און ווי עס ווערט דערקלערט בפרט אין קבלה און אין חסידות, איז דער אויבערשטער נמנע הנמנ־עות [6]), איז אין קדשי הקדשים גע־ווען אויך אט דער גילוי, מקום גופא למעלה מהמקום, נמנע הנמנעות.

דאס איז אויך דער טעם וואס אלע תפילות גייען דורכן קדשי הקד־שים, וזה שער השמים. דערפאר שטייט דאך והתפללו אליך דרך ארצם — אלע אידן פון גאנץ וועלט האבן גע־דאוונט צום זייט פון ארץ ישראל, אין ארץ ישראל האט מען געדאוונט צום זייט פון בית המקדש, און אין בית המקדש צום זייט פון קדשי הקדשים.

דער טעם אויף דעם, ווארום די תפלות זיינען דאך אויף דעם מענטשנס באדערפענישן, און די מערהייט פון דעם מענטשנס באדערפענישן זיינען דאך גשמיות'דיקע זאכן, וואס למעלה האט עס קיין תפיסת מקום ניט, אבער אין קדשי קדשים, וואס דארטן איז דער גילוי העצמות, איז מצד נמנע הנמנעות קען זיין דער חיבור פון מטה מטה מיט מעלה מעלה.

י. איז דאך די קושיא, ווי קען מען מאכן פון גשמיות'דיקע זאכן אזא קדושה, נאך העכער פון דער קדושה פון עולמות העליונים?

— וואס דאס איז דאך וואס שלמה המלך האט זיך געוואונדערט: הן הש־מים ושמי השמים לא יכלכלוך ואף כי הבית הזה [7]. שמים ושמי השמים זיינען גאר הויכע מדריגות (די פרטים דערפון ווערן דערקלערט אין חסי־דות), און פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט קיין כלים צו עצמות, היינט ווי אזוי קען א בית, וואס איז געבויט פון גשמיות'דיקע זאכן, זיין א כלי צו עצ־מות אין סוף ברוך הוא? [8]).

יא. אויף דעם זאגט דער פסוק די הקדמה: א) דבר אל בני ישראל;

---

6) זע שאלות ותשובות הרשב"א סימן ת"ח. עקידה ש"פ. ספר החקירה להצמח צדק עמוד 68. ד"ה וטהר לבנו, עזר"ת.

7) מלכים א ח, כז.

8) זע בכ"ז ד"ה האומנם תרמ"ג.

ב) ויקחו לי תרומה. אויפן פסוק ויקחו לי תרומה, איז ער מדייק אין תניא בשם הזוהר [9]: פאַרוואָס שטייט תרומה, עס האָט דאָך געדאַרפט שטיין „ותרומה" (בוא"ו)? ענטפערט ער: דכולא חד, ד. ה. אַז די אַלע דרייצן אָדער פופצן זאַכן וואָס ער רעכנט דאָ אויס, הגם זיי זיינען דברים גשמיים, זיינען זיי אין זאַך מיט דעם „לי", וואָרום התהוות הגשמיות הוא מהעצ־מות [10], מער ניט וואָס עס איז בהעלם, און דערפאַר קען מען מאַכן פון זיי אַ מקדש, ווייל מען דאַרף מער ניט ווי מגלה זיין מההעלם אל הגילוי (פון פאַרבאָרגנקייט צו אַנטפלעקונג).

נאָך אַ זאַך זאָגט ער — דבר אל בני ישראל. וואָרום הגם אַז עס איז טאַקע כולא חד, און מען דאַרף דאָס ניט מער ווי מגלה זיין, אָבער דאָס גופא — מגלה זיין דעם עצמות וואָס איז אין דברים הגשמיים — קענען נאָר נשמות ישראל דוקא, ווייל אין זיי איז עצמות בגילוי און צו זיי האָט זיך עצמות אָפּגעגעבן, זיי זאָלן אים קענען נעמען.

— דאָס איז לויט דעם באַוואוסטן פירוש פון כי תקנה [11], אַז דערפאַר קען זיין המשכת הדעת אויך צו נשמות דבי"ע, זרע בהמה, ווייל: א) אין שורש איז דאָס פאַראַן און מען דאַרף דאָס מער ניט ווי מגלה זיין. וואָס דאָס מיינט תקנה, וואָס קנין (קויפן) איז דער ענין גילוי ההעלם בלבד ולא התחדשות (אַנטפלעקן אַ זאַך וואָס איז געווען פריער פאַרהוילן, אָבער ניט אויפטאָן אַ נייע זאַך). ב) די המשכת הדעת איז דורך משה'ן דוקא, ווייל משה איז אין דער מדריגה פון מן המים משיתיהו. און כאָטש אַלע נש־מות אין זייער שורש האָבן דעת, וואָס מען דאַרף עס מער ניט ווי מגלה זיין, ווי אויבן דערקלערט, אָבער דער גילוי מוז זיין דורך אַזאַ וואָס ביי אים לייכט די מדריגה בגילוי.

אַזוי אויך אין דעם ענין: בכדי צו מאַכן פון גשמיות כלים צו עצמות איז דאָס ווייל בשרשם זיינען זיי „לי", דער גילוי איז דורך נשמות ישראל ווייל אין זיי איז עצמות בגילוי.

יב. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין, פאַרוואָס נתקשה משה במנורה דוקא: די מנורה איז געווען פון גאָלד, און איר ענין איז געווען ליכטיק מאַכן דעם חושך אין אַן אופן אַז עס זאָל זיין אַן עדות לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל [12] (אַן עדות פאַר דער גאַנצער וועלט אַז די שכינה רוט ביי אידן). איז ביי משה'ן געווען שווער: ווי קען מען עס מאַכן פון גאָלד, פון גשמיות?

האָט אים דער אויבערשטער גע־ענטפערט: אַ מענטש קען דאָס טאַקע ניט מאַכן. דאָס מאַכט דער אויבער־שטער. נאָר וואָס עס פאָדערט זיך פון דעם מענטשן איז, ער זאָל נעמען די גאָלד און אַריינוואַרפן אין פייער, און בשעת דער מענטש וואַרפט אַריין די גאָלד אין פייער, דעמאָלט מאַכט דער אויבערשטער דערפון אַ מנורה וואָס זאָל לייכטן אין משכן.

יג. מען האָט שוין גערעדט עט־לעכע מאָל, אַז דאָס וואָס עס איז חרוב געוואָרן איז דאָס נאָר דער בית המקדש וואָס עס איז געווען געבויט

9) תניא פמ"ז. זהר ח"ב קמ, ב.

10) אגרת הקדש סימן כ.

11) זע תורה אור עד, ג. ד"ה ואלה המשפטים תשי"א.

12) שבת כב, ב.

פון האַלץ און שטיינער וכו׳. דער בית המקדש וואָס איז ביי יעדער אידן אינעווייניק אין האַרצן — דער ושכנתי בתוכם — דאָס בלייבט אַלע מאָל גאַנץ, אין אַלע צייטן און אונטער אַלע אומשטענדן.

בשעת אַ איד מאַכט פון אַלע זיינע זאַכן וואָס ער פאַרמאָגט אַ בית המקדש צום אויבערשטן, זאָגט אים דער אויבערשטער, ער זאָל מאַכן פון זיין גאָלד, פון דעם מובחר שבגשמיות (פון דאָס בעסטע און אויסדערוויילטסטע וואָס איז פאַראַן אין גשמיות) — אַ מנורה. דער אויבערשטער זאָגט אים: איך באַנוגן זיך ניט מיט דיין לערנען, מיט דיין דאַוונען, מיט אַלע מצות, איך פאַרלאַנג פון דיר אַז אויך פון די גשמיות וואָס דו האָסט, זאָלסטו מאַכן אַ בית המקדש פאַר מיר.

אַליין וועסטו דאָס ניט קענען — זאָגט דער אויבערשטער — דאָס וועל איך טאָן. נאָר וואָס עס פאָדערט זיך פון דיר, איז, זאָלסט אַריינוואַרפן די גאָלד אין דעם פייער וואָס ביי דיר אין האַרצן, וואָס ביי יעדער אידן אינעווייניק ברענט אַ פלאַם פייער צום אויבערשטן, איז בשעת דו וועסט אַריינוואַרפן די גאָלד אין דעם פייער דעמאָלט וועל איך מאַכן דערפון אַ בית המקדש, און נאָך מער, אַז דאָס וועט נאָך געבן ליכטיקייט אין וועלט און עס וועט זיין אַן עדות אַז די שכינה רוט ביי דיר.

(משיחת חנוכה, תשט״ז)

יד. אין שולחן ערוך אורח חיים [13]), ברענגט דער רמ״א צוויי דיעות, צי מען דאַרף פורים קטן מרבה זיין במשתה ושמחה, און דער רמ״א איז מכריע, מען זאָל מרבה זיין קצת בסעודה, כדי לצאת ידי המחמירים, און איז מסיים: וטוב לב משתה תמיד.

אין דעם גופא זיינען פאַראַן צוויי דיעות: צי דאָס גייט אויף י״ד באדר ראשון, פורים קטן, דוקא, צי אויך אויף ט״ו, שושן פורים קטן.

פון לשון הרמ״א ווייזט אויס ווי די צווייטע דיעה. וואָרום וויבאַלד דער רמ״א איז מסיים, וטוב לב משתה תמיד, איז דאָך פון דעם וואָרט „תמיד" מוכח, אַז וואו נאָר עס איז עפּעס דאָ אַ סברא, אַז עס דאַרף זיין שמחה, זאָל מען אַזוי טאָן.

איז בשעת מען וועט זיך פירן מיט דער הנהגה, אַז ווען ס׳איז נאָר דאָ עפּעס אַ דיעה אויף דעם ענין פון שמחה, וועט מען מחמיר זיין, וועט מען דורך דעם צוקומען צו דעם וואָס עס שטייט אין פסוק — וטוב לב משתה תמיד.

טו. אויפן פסוק [14]) וטוב לב משתה תמיד, זאָגט די גמרא [15]): זה שדעתו רחבה. רש״י זאָגט [16]) אויפן פסוק: וטוב לב, שמח בחלקו.

דאַרף מען דאָך זאָגן אַז ביידע פירושים האָבן אַ שייכות. ד. ה. אַז דורך דעם וואָס ער האָט אַ דעת רחבה איז ער שמח.

אין פלוג איז דאָך דאָס גאָר פאַרבונדן מיט דעם אופן ההנהגה ווי מען פירט זיך מיט אים מלמעלה. אַז אויב מען פירט זיך מיט אים במדת החסד און מען גיט אים אַלץ

13) סימן תרצ״ז.

14) משלי טו, טו.
15) בבא בתרא קמה, ב.
16) משלי שם.

וואָס ער דאַרף, דאגה'ט ער ניט, און אויב מען פירט זיך מיט אים מיט אַן אַנדער הנהגה איז שייך ער זאָל האָבן דאגות.

פון דעם אָבער וואָס די גמרא זאָגט וטוב לב משתה תמיד, זה שדעתו רחבה, איז מוכח אַז בשעת ער האָט אַ דעת רחבה, איז ער אין אַלע אופנים פריילעך.

טז. וועט מען עס פאַרשטיין מיט מקדים זיין דעם פירוש פון דעם רבי'ן מהר"ש בשם דעם אַלטן רבי'ן, אויפן מאמר הפיוט „מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה": פאַרוואָס איז מרובים צרכי עמך — ווייל דעתם קצרה [17]). אָבער אויב עס וואָלט גע־ווען אַ דעת רחבה, וואָלט ניט געווען דער מרובים צרכי עמך.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין אויך די גמרא, אַז בשעת דעתו רחבה, איז ער טוב לב, וואָרום אים פעלט גאָר־ניט, ער האָט וואָס ער דאַרף.

יז. אין דעם הסבר פאַרוואָס פון ודעתם קצרה נעמט זיך דער מרובים צרכי עמך, זיינען פאַראַן צוויי ענינים:

א) מלמעלה איז מען על פי רוב משפיע דעם מענטשן אַלע ענינים וואָס ער דאַרף, נאָר בשעת דער מענטש יאָגט זיך נאָך עניני מותרות, קען דעמאָלט זיין אַז ניט נאָר וואָס ער וועט ניט באַקומען די מותרות, נאָר ער זאָל פאַרלירן חס ושלום אויך די השפעה מלמעלה אין די זאַכן וואָס ער מוז האָבן.

ווי עס איז באַוואוסט דער משל פון כבוד קדושת אדוננו מורנו ורבנו הצמח צדק נשמתו עדן, אַז קליידער דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צו דער מאָס פון מענטשן. און אויב די קלייד איז גרעסער פון זיין מאָס, איז ניט נאָר וואָס דאָס העלפט ניט צום גאַנג, נאָר אדרבה, די קליידער פּלאָנטערן זיך נאָך צווישן די פיס, און שטערן אין דעם גיין.

אַזוי איז אויך אין רוחניות — וגלחה את ראשה ועשתה את צפר־ני' [18]). בשעת מען זוכט תחבולות אין די ענינים הגשמיים און מען איז להוט נאָך מותרות, איז ניט נאָר וואָס דאָס העלפט ניט, נאָר דאָס פירט נאָך איבער.

יח. פון וואָס הויבט זיך דאָס אָן — פון דעם ודעתם קצרה. ער שאַצט ניט אָפּ זיין מהות, זיין רוחניות'דיקן מעמד ומצב, במילא מיינט ער אַז אַלץ קומט אים, אַלץ דאַרף ער און דערפאַר יאָגט ער זיך נאָך מותרות.

אָבער בשעת אַז דעתו רחבה, שאַצט ער אָפּ ריכטיק זיין מהות, ובמילא פילט ער אַז דאָס וואָס מען גיט אים יאָ מלמעלה איז דאָס נאָר מצד חסדו יתברך, במילא קלאָגט ער זיך ניט און יאָגט זיך ניט נאָך מער, וואָרום ער ווייס אַז אויך דאָס וואָס ער האָט איז נאָר מצד מדת החסד.

יט. ב) בשעת ער האָט אַ דעת רחבה, באַטרעפט ניט ביי אים דער ענין פון גשמיות, וואָרום גשמיות איז דאָך במיצר ובהגבלה, (גשמיות איז פאַרקלעמט און באַגרענעצט) איז אין אַ דעת רחבה, האָט דאָס ניט קיין

---

17) מים רבים תרל"ו פ"א.

18) זע לקוטי תורה דברים לז, ב, וגלחה את ראשה: הוא ענין ההתחכמות היתירה במילי דעלמא.

תפיסת מקום (קיין באַטרעף). דער ענין נאָך וועלכן ער יאָגט זיך יאָ איז תורה ומצוות. תורה ומצוות זיי־נען ניט מוגבל אין דער הגבלה פון עולם הזה און אפילו ניט אין דער הגבלה פון עולמות העליונים, דאָס איז דער אמת'ער בלי גבול ומרחב האמיתי. און מצד דעת רחבה, איז דאָס די איינציקע זאַך וואָס האָט אַ תפיסת מקום.

מצד דעת רחבה טראַכט ער ניט וועגן גשמיות, ווארום דאָס זיינען ענינים וואָס פאַרנעמען ניט קיין אָרט ביי דעם וואָס פאַרמאָגט אַ דעת רחבה. ער טראַכט נאָר וועגן רוחניות, און די גשמיות איז אים נוגע נאָר אויף וויפל דאָס האָט אַ שייכות צו תורה ומצות כו'.

און ווי דער רמב"ם זאָגט [19]), לא נתאוו החכמים לימות המשיח — די חכמים האָבן ניט אַרויסגעקוקט צו די טעג פון משיח'ן צוליב דעם גרויסן עושר און גשמיות'דיקן פאַר־גניגן וואָס וועט דעמאָלט זיין, דאָס האָט גאָר קיין באַטרעף ניט, און ברענגט אַ ראיה פון דעם וואָס עס שטייט ביום ההוא יחי' איש עגלת בקר ושתי צאן, אַז מען וועט זיך באַנוגענען מיט ווייניק, נאָר דאָס וואָס נתאוו לימות המשיח איז צוליב דעם קיום התורה ומצות און השגת אלקות וואָס וועט דעמאָלט זיין.

— עס איז געווען אַ חסידי'שער איד וואָס האָט געקאָנט, אָבער ניט געוואָלט זיין קיין רב, און איז גע־וואָרן אַ סוחר. זייענדיק אַ סוחר האָט ער זיך צופיל אַריינגעלייגט אין מסחר. האָט אים דער רבי געשריבן אין אַ בריוו: כי לא על הלחם לבדו יחי' האדם כי על כל מוצא פי הוי' יחי' האדם, דאָס וואָס דער גוף איז הונגעריק צום לחם הגשמי, נעמט זיך דאָס פון דעם וואָס די נשמה איז הונגעריק צום ניצוץ אלקי שבהמאכל, און דאָס פועל'ט אויפן גוף ער זאָל זיין הונגעריק צום לחם הגשמי. נמצא אַז דער עיקר איז דער ענין אלקי וואָס איז דאָ אין דעם און ניט דער גשמי —

און דאָס איז מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה, אַז מצד קוצר הדעת, פאַרנעמט ביי אים גשמיות אַן אָרט, ומצד דעם איז מרובים צרכי עמך, אָבער ווען דעתו רחבה, איז מצד הרחבת הדעת פאַרנעמט גשמיות קיין אָרט ניט, ובמילא איז ער אין אַ מצב פון וטוב לב משתה תמיד.

כ. מיר בעטן דאָך אָבער אויף מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה, אַז דער אויבערשטער זאָל ממלא זיין אַלע צרכי עמך המרובים, כאָטש דאָס נעמט זיך מצד דעם וואָס דעתם קצרה.

איז דער פשט אין דעם: שבע יפול צדיק וקם, אַז אַפילו אַ צדיק איז ניט אַלע מאָל גלייך, מכל שכן דער וואָס איז נידעריקער פון דער מדריגה פון צדיק קען דאָך ביי אים זיין אַמאָל ער זאָל אַראָפּפאַלן פון זיין מדריגה, ער זאָל אָנווערן די דעת הרחבה און באַקומען אַ דעת קצרה, א) אַז גשמיות וועט ביי אים פאַרנעמען אַן אָרט, ב) און ער וועט ניט אָפּשאַצן זיין מהות.

איז דאָס די בקשה, אַז אויך בשעת ער וועט האָבן אַ דעת קצרה זאָל אים גאָרנישט פעלן.

און די המשכה איז דורך דעת רחבה, אַז בשעת ער שטייט בבללות

---

19) הלכות מלכים פי"ב, ה"ד.

אין אַ דעת רחבה, דעמאָלט איז מען אים ממלא אַלץ וואָס ער דאַרף, ביז אַז אויך ווען ער פאַלט אַראָפּ פון זיין מדריגה זאָל ער האָבן אַלע ענינים וואָס ער דאַרף.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דעם מאמר הגמרא, וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו רחבה, אַז דער וואָס בכללות איז דעתו רחבה, פועל'ט ער אַלע המשכות מלמעלה, אַז מען איז אים ממלא כל צרכיו, ובמילא איז וטוב לב משתה תמיד, אַז תמיד, אַפילו ווען ער פאַלט אַראָפּ פון זיין מדריגה און האָט קוצר הדעת, איז ער אויך וטוב לב, וואָרום ער האָט כל צרכיו.

(משיחת שבת פרשת תשא, שושן פורים קטן, תשי"ז)

# פרשת תשא

א. אויפן פסוק זה יתנו גו' זאָגט דער ירושלמי [1]), אמר ר' מאיר כמין מטבע של אש הוציא הקב"ה מתחת כסא כבודו והראהו למשה ואמר לו זה יתנו, כזה יתנו — ווייל משה נתקשה בו, משה'ן איז געווען שווער דער ענין פון מחצית השקל, דערפאַר הראה לו הקב"ה כו'.

תוספות אין חולין [2]) איז מבאר אַז משה'ן איז ניט שווער געווען וואָס ס'מיינט מחצית השקל, נאָר ער האָט זיך געוואונדערט אויף דעם וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט מען זאָל געבן כפר נפשו: ווי איז שייך צו געבן כפר נפשו, עס איז דאָך עור בעד עור וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו ועדיין לא נגע [3]).

לויט דעם דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז ביי משה רבינו געוואָרן פאַרענטפערט דער ענין ווי איז שייך כפר נפשו דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אים באַוויזן מטבע של אש מתחת כסא הכבוד?

ב. צו פאַרשטיין דאָס, דאַרף מען פריער מבאר זיין דעם ענין פון מטבע של אש מתחת כסא הכבוד, וואָס אין דעם זיינען פאַראַן דריי ענינים: א) מטבע. ב) אש. ג) כסא הכבוד.

מטבע: די גמרא [4]) זאָגט אַז מטבע איז — חריף לצאת. דאָס איז דער חילוק פון מטבע מיט שוה כסף. שוה כסף שאַצן אָפּ ניט אַלע גלייך, איינער דאַרף האָבן מערער דעם חפץ, איז דאָס ביי אים מערער ווערט, אַ צווייטער דאַרף האָבן ווייניקער דעם חפץ, איז דאָס ביי אים ווייניקער ווערט, און אַ דריטער דאַרף אים אינגאַנצן ניט. אָבער מטבע איז חריף לצאת, ד. ה. מטבע האָט אַ באַשטימטע ווערט, און דאָס איז ביי אַלעמען גלייך.

אש: עס איז ידוע דער חילוק פון אש מיט שארי היסודות. שארי היסודות יורדים למטה, און אַפילו רוח וואָס איז ניט יורד למטה אָבער מ"מ בלייבט ער במקומו וואו ער געפינט זיך, און זיין אָרט איז דאָך למטה, ורוח אלקים מרחפת על פני

1) שקלים פ"א ה"ד.

2) מב, א, ד"ה זאת החי'.

3) איוב ב, ד.

4) בבא מציעא מד, ב.

המים, און אויף דעם אָרט בלייבט ער, אָבער אש איז בטבעו עולה למעלה, ביז מען דאַרף זוכן פאַר־שידענע תחבולות מיט וואָס אַראָפּ־ברענגען דעם אש און האַלטן אים למטה, אַז ער זאָל דאָרטן מאיר זיין [5].

כסא הכבוד: אין כסא הכבוד אַליין זיינען פאַראַן צוויי ענינים: א) כסא. ב) כבוד. כסא איז מלשון כיסוי, ווי עס שטייט אין ספרים. כבוד מיינט, אַז דער כסא איז מוסיף כבוד. ועל דרך משל במלך בשר ודם אַז דורך דעם וואָס ער איז יושב על כסא כבודו איז דאָס מוסיף כבוד. אין פלוג זיינען זיי דאָך ענינים הפכיים. וואָרום כבוד קומט דורך התגלות דוקא. בשעת דער מלך אַנטפּלעקט זיין גרויסקייט וואַרפט ער אויף אַלעמען אַ פחד און אַלע גיבן אים כבוד, אַנדערש אָבער בשעת ער איז באַ־האַלטן און פאַרהוילן פועל'ט עס ניט קיין כבוד, ואדרבה. היינט וואָס איז דער חיבור פון כסא הכבוד, זיי זיינען דאָך ענינים הפכיים?

נאָר דער ענין איז כלשון המגיד [6], אַז אויב עס וואָלט מאיר זיין רוב וגודל הבהירות שלמעלה, וואָלטן נבראים ניט קענען נעמען דערפון. דערפאַר מוז זיין אַ כיסוי, וואָס איז מעלים ומסתיר אויף דער בהירות. עס איז אָבער ניט קיין העלם והסתר לגמרי, עס איז מער ניט וואָס עס איז מעלים ומסתיר אויף דער ליכ־טיקייט וואָס איז העכער ווי די נבראים קענען מקבל זיין, און דורך דעם ווערט נתגלה דער אור וואָס איז בערך הנבראים, און דער גילוי פועל'ט אויף זיי, זיי זאָלן געבן כבוד צום אויבערשטן.

און דאָס איז אויך דער ענין פון כסא כפשוטו — אויף אַ כסא זיצט מען, וידוע דישיבה הוא ענין השפלה. בשעת מען שטייט איז מען העכער און ישיבה איז אַ השפלה. וזהו ענין כסא הכבוד, וואָס דער אויבערשטער איז זיך מצמצם ומשפיל צו נבראים.

אויף דעם זיינען אויך מורה די אותיות כסא אין כסא הכבוד — כס אל"ף, דער אל"ף — אור אין סוף ברוך הוא אלופו של עולם, איז זיך מתכסה אין דעם כס און דורך דעם ווערט ער נתגלה צו נבראים.

וזהו ענין כסא הכבוד — דער פאַרבונד פון דעם אויבערשטן מיט נבראים, ראשית התגלות אור אין סוף ברוך הוא בנבראים. (כידוע דכסא הכבוד הוא בבריאה, עולם הכסא).

ג. דער גילוי פון כסא הכבוד רופט אַרויס ביי נבראים צוויי פאַר־שידענע תנועות, רצוא און שוב.

רצוא: וויבאַלד נבראים הערן אָן הפלאת אלקות — די רייכקייט פון ג־טלעכקייט — וואָס זיי קענען ניט פאַרנעמען אין זייערע כלים, ניט אין שכל און ניט אין הרגש הלב, רופט עס ביי זיי אַרויס אַ רצוא וכליון, וואָס זיי גייען אַרויס פון זייערע כלים והגבלות און ווילן נכלל ווערן אין אלקות.

— די מדריגה וואָס איז העכער לגמרי פון כסא הכבוד, איז ניט שייך אַז זי זאָל אַרויסרופן אַ כלות הנפש. וואָרום וויבאַלד אַז עס איז באין ערוך לגמרי איז ניט שייך צו הערן אפילו קיין הפלאה אין דעם. אָבער די מדריגה פון כסא הכבוד איז שייך

---

5) זע תניא פי"ט. במדבר רבה פי"ד, יב.

6) אור תורה פון אָנפאַנג. זע אויך תורה אור לרבנו הזקן, פון אָנפאַנג.

מען זאָל הערן, על כל פנים, די הפלאה פון דעם —

שוב: וויסנדיק דעם רצון וכוונה פון דעם אויבערשטן שנתאוה הקב״ה להיות לו יתברך דירה בתחתונים, וואָס דערפאַר האָט ער זיך מעלים געווען דורכן כסא הכבוד, אויף אַראָפּ־קומען אין נבראים, רופט עס אַרויס אַ תנועה פון שוב, מען זאָל שטיין אין אַ קבלת עול און מקיים זיין תורה ומצות דאָ למטה.

ד. די צוויי תנועות רצוא און שוב זיינען אויך די צוויי ענינים פון מטבע און אש.

רצוא איז דער ענין פון אש, שטבעו לעלות למעלה — רצוא וכליון לעלות למעלה. שוב איז דער ענין פון מטבע, שחריף לצאת — ביי אַלעמען גייט עס און ביי אַלעמען איז דאָס גליַיך.

וואָרום דער חילוק פון רצוא מיט שוב איז:

רצוא איז מצד דעם הרגש הנברא. ער איז מרגיש די הפלאה פון אלקות ווי דאָס איז העכער און מופלא פון זיינע כחות, רופט דאָס אַרויס ביי אים אַ כלות הנפש. במילא זיינען פאַראַן אין דעם חילוקי מדריגות. וואָרום דער רצון וכליון איז תלוי לפי גודל ההבנה וההרגש בהעילוי וההפלאה דאלקות לגבי זיינע רצון, שכל ומדות.

מה שאין כן די עבודה פון שוב איז ניט מצד אָפּשאַצן דעם ריחוק והפלאת אלקות לגבי זיינע הגבלות, נאָר מצד קבלת עול מלכות שמים, וואָס ער וויל אויספירן דעם אויבערשטנס רצון, ובמילא איז דאָס ביי אַלעמען גליַיך.

נאָך אַ טעם אויף דעם וואָס „מטבע״ איז מורה אויף „שוב״: מטבע איז מלשון טבע.

די צוויי פירושים אין מטבע זיי־נען פאַרבונדן. וואָרום דאָס וואָס מטבע איז חריף לצאת, און האָט אַ באַשטימטן ווערט איז דאָס ניט תלוי אין הרגש פון יעדן מענטשן וואָס נוצט עס, נאָר דאָס איז אַ „טבע״ און רעזולטאַט פון די תכונות חומר המטבע וכיו״ב, וואָס דערפאַר איז דאָס בשוה פאַר אַ רבוי מענטשן וואָס זיינען פאַרשידן צווישן זיך בכל שאר עניניהם — און דאָס איז דער ענין פון „שוב״ וקבלת עול — השוואה בכל אחד ואחד און קומט פון הכרה אַז דער אויבערשטער וויל כביכול דירה בתחתונים אין וועלט, אין גשם און לבושי הטבע.

ה. דער תכלית איז, עס זאָל זיין „מטבע של אש״, דער חיבור פון מטבע מיט אש צוזאַמען.

בטבע בני אדם, בשעת מען טוט אַן ענין מצד ההרגש האָט מען אין דעם אַ חיות און אַ התלהבות (וואָס דאָס איז אַ טעם נוסף אויף דעם וואָס רצוא נקרא בשם אש, מצד דעם חיות והתלהבות וואָס אין אש), אָבער בשעת מען טוט אַן ענין מצד קבלת עול, האָט מען אין דעם ניט קיין קאָך און קיין חיות 7).

עס דאַרף אָבער זיין „מטבע של אש״, בידע זאַכן צוזאַמען, עס זאָל זיין מטבע, קבלת עול, און פונ־דעסטוועגן זאָל מען האָבן אין דעם אַ התלהבות און אַ קאָך. דער קאָך זאָל זיין ניט אין ענינים וואָס ער וויל, נאָר אין ענינים פון קבלת עול מלכות שמים.

ו. ווי אַזוי פועל׳ט מען עס זאָלן זיין בידע הפכים צוזאַמען? איז בכח הנברא קען דאָס טאַקע ניט זיין, נאָר

---

7) ראה גם לקו״ש ח״ב ע׳ 426 ואילך.

דאָס קומט מצד התגלות האלקות בנבראים, וואָס ער איז דאָך נושא הפכים.

און דאָס מיינט מטבע של אש מתחת כסא הכבוד: פון וואַנען קומט די „מטבע של אש" — מתחת כסא הכבוד, שהוא ראשית התגלות אלקות בנבראים כנ"ל.

בפרטיות בנשמות ישראל, איז כסא הכבוד די עצם הנשמה וואָס חצובה מתחת כסא הכבוד, וואָס אין איר איז דער ניצוץ קטן שבבורא[8]. ומצד אים איז דאָ די עבודה פון מטבע של אש.

ז. לויט דעם וועט מען שוין פאַרשטיין, וואָס דער הראה לו הקדוש ברוך הוא מטבע של אש מתחת כסא הכבוד איז געווען אַן ענטפער אויף משה רבינו'ס וואונדער ווי קען זיין כופר נפשו.

ווארום דער ענין החטאים והפגמים, אַפילו חטא העגל, רירן אָן מער ניט ווי אין גילויים, אָבער די עצם הנשמה איז דאָך אַלע מאָל גאַנץ, וגם בשעת החטא היתה באמנה אתו יתברך[9], איז דורך דער עבודה פון „מטבע של אש", חיבור רצוא ושוב, וואָס קומט מתחת כסא הכבוד, עצם הנשמה, פועל'ט זי אויך אין די גילויים, אַז עס ווערט כפרה מלשון קינוח, דאָס נעמט אַראָפּ אַלע פגמים און נאָך מער, ביז אַז ער ווערט רצוי כמו קודם החטא[10].

ח. מיט דער אויבנדערמאַנטער דערקלערונג אין דעם ענין מחצית השקל, וועט מען פאַרשטיין פאַרשידענע פרטי דינים וואָס זיינען געווען במחצית השקל:

א) דער דין ביי מחצית השקל איז, העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט. אין פלוג, וויבאַלד ער איז אַן עשיר, פאַרוואָס טאַקע לא ירבה? נאָך מערער איז ניט פאַרשטאַנדיק, וויבאַלד אַז פון דעם מחצית השקל האָט מען געקויפט קרבנות צבור, און דער דין ביי קרבנות איז עשיר שהביא מנחת עני לא יצא[11], היינט פאַרוואָס — העשיר לא ירבה?

אָבער לויט ווי מען האָט דערקלערט איז פאַרשטאַנדיק: דער חילוק פון עשיר מיט עני איז נאָר אין כחות הגלויים, אָבער מצד העכער פון כחות הגלויים ועל אחת כמה וכמה מצד העצם איז דאָך כולן מתאימות ואב אחד לכולנה וכו'[12], איז בשעת מען דאַרף האָבן אַן עבודה שמצד העצם, זיינען אַלע גלייך.

ב) מחצית השקל האָט מען געדאַרפט געבן כסף דוקא און ניט קיין שוה כסף[13] — ווייל אַן עבודה שמצד עצם הנשמה וואָס אין דעם איז ניטאָ קיין חילוקים, דאַרף זיין פון כסף דוקא, מטבע שחריף לצאת, ביי אַלעמען גלייך.

ג) פון מחצית השקל האָט מען געקויפט קרבנות צבור און ניט קיין קרבנות יחיד[14]. ביי קרבנות יחיד איז דאָ התחלקות, און אַן עשיר אַז ער ברענגט אַ מנחת עני איז לא יצא. קרבנות ציבור איז אַן ענין מצד הת־

---

8) עץ חיים שער דרושי אבי"ע פ"א, הובא בלקוטי תורה פ' ראה ד"ה ושמתי כדכד (השני) פ"ב.

9) תניא פכ"ד.

10) אגרת התשובה פ"ב.

11) נגעים ביום ענדע.

12) תניא פל"ב.

13) בכורות מט, ב.

14) זע אויך אויבן עמוד 164.

אחדות וכללות ישראל, וואס אלע אידן צוזאַמען זיינען אַ קומה שלימה.

ד) פון מחצית השקל האָט מען געמאַכט אדני המשכן דוקא און ניט קיין יריעות וקרשים. יריעות וקרשים זיינען געווען איש כפי נדבת לבו — וויל יריעות וקרשים שייכים לכחות הגלויים שיש בהם התחלקות, משא״כ אדני המשכן, דער יסוד המשכן, איז אין עבודת ה׳ דער ענין פון קבלת עול [15].

ט. נאָכן חורבן בית המקדש איז מחצית השקל איבערגעטראָגן געוואָרן אין צדקה [16]. מיר געפינען אַז צדקה גיט מען אין דערפרי קודם התפלה, כמאמר רז״ל [17] יהיב פרוטה לעני והדר מצלי.

די שייכות פון תפלה וצדקה איז: א) תפלות כנגד תמידין תקנום [18] און תמידים זיינען קרבנות צבור. ב) תפלה איז דער יסוד העבודה פון כל היום (וואָרום דאָס איז דאָך דער אָנפאַנג פון דער גאַנצער עבודת היום), און דאָס פאַרנעמט דעם גאַנצן מענטשן עד מיצוי הנפש, כלשון הספרי. במילא איז מובן די שייכות פון צדקה, וואָס דאָס נעמט כל נפשו החיונית כו׳ חיי נפשו כו׳ [19], צו תפלה.

י. אַזוי ווי אין מחצית השקל איז דער חיבור פון מטבע און אש, אַזוי איז אויך אין צדקה.

צדקה מיינט אַז ער גיט אַוועק זיין געלט צום אָרעמאַן. דאָס קריגן די געלט איז געגליכן צו אש, וואָרום אויף די געלט האָט ער דאָך געהאָרעוועט אָדער, על כל פנים, ער האָט פאַר די געלט געקענט קויפן חיי נפשו, במילא איז ער דאָך פאַרקאָכט אין דעם מיט אַ התלהבות וחיות [20].

און ער גיט עס אַוועק לעני דלית לי׳ מגרמי׳ כלום, ד. ה. אַז ער האָט ניט קיין סיבה און טעם [21] צוליב וואָס ער גיט (וואָרום אויב ער גיט מצד אַ טעם, איז דאָס ניט קיין ענין פון נתינת צדקה לעני בטהרתה, און יענער איז שוין אויך ניט קיין עני דלית לי׳ מגרמי׳ כלום, ער האָט דאָך עפּעס אַן ענין וואָס מצד דעם קומט אים מען זאָל אים געבן), מער ניט ווי מצד קבלת עול בלבד.

איז דאָס אַן ענין פון מטבע של אש. ער נעמט זיך „אש", זיין חיות, און מאַכט פון אים אַ מטבע, קבלת עול.

נאָך מערער, אַז דער קבלת עול גופא איז מיט אַ חיות והרגש, וואָרום עס דאַרף דאָך זיין דער מפייסו, דער הרגש. נאָר דער הרגש איז ניט מצד אַן ענין וואָס יענעם קומט, נאָר מצד קבלת עול.

און דאָס איז וואָס צדקה הייסט מטבע של אש, מצד צוויי טעמים: א) ער גיט אַוועק זיין חיות אויף קבלת עול. ב) דער קבלת עול גופא איז מיט אַ חיות.

און וויבאַלד אַז דער חיבור פון די צוויי הפכים קומט מצד קבלת עול ועצם הנפש כנ״ל, ווערט עס כופר נפשו, וחטאך בצדקה פרוק [22].

15) זע אויך אויבן עמוד 165־166.

16) זע שע״ת לשולחן ערוך אורח חיים סימן תרצ״ד.

17) בבא בתרא י, א.

18) ברכות כו, ב.

19) זע תניא פל״ז.

20) זע יומא פה, ב.

21) זע אויך לקו״ש ח״ב ע׳ 396 ואילך.

22) זע אגרת התשובה פ״ג ועוד. להעיר ג״כ ממכילתא משפטים (כא, ל).

עס ווערט אַ כפרה על כל החטאים, וגם חטא העגל וואָס איז דוגמת חטא עץ הדעת[23]) און האָט גורם געווען סילוק השכינה[24]), און דורך צדקה איז מען מכפר כל החטאים ביז אַז יתרצה לו לראות פני המלך, אחזה פניך, השראת השכינה כמ״ש ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל.

(משיחת ש״פ שקלים, תשי״ז)

יא. אין היינטיקער הפטרה ווערט דערציילט וועגן אלי׳ הנביא וואָס ער האָט געטאָן בשעת עס איז געווען אַן עת צרה — וועלכע איז געקומען, ווי יעדער עת צרה, מצד טשטוש הדיעות ובלבול המוחות. אלי׳ הנביא האָט צונויפגעקליבן אַלע נביאי הבעל מיט אַלע אידן, און געזאָגט זיי, עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים.

לכאורה, פאַרוואָס האָט ער בייַ זיי געמאָנט עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים, ער האָט געדאַרפט מאָנען עד מתי אתם עובדים לבעל, שוין צייט איר זאָלט אויפהערן דינען דעם בעל און אָנהויבן זאָגן הוי׳ הוא האלקים.

וועט מען עס פאַרשטיין דורך דערקלערן פריער דעם חילוק צווישן עבודה זרה און פוסחים על שתי הסעיפים.

יב. באמת איז דאָך ניט פאַרשטאַנדיק ווי קומט עס אַז אַ איד זאָל זיין אַן עובד עבודה זרה? אידן זיינען דאָך מאמינים בני מאמינים און זיינען ניט שייך צו כפירה חס־ושלום כלל.

וועט מען עס פאַרשטיין לויט ווי דער רמב״ם[25]) זאָגט אַז די התחלה פון עבודה זרה איז געקומען מצד דעם וואָס די השפעה שמלמעלה גייט דורך די כוכבים ומזלות, דערפאַר האָבן זיי זיך משתחוה געווען און אָפּגעגעבן כבוד צו די כוכבים ומזלות, בכדי די כוכבים ומזלות זאָלן זיי משפיע זיין השפעות.

דער אמת איז, אַז כאָטש אַז די השפעה גייט דורך די כוכבים ומזלות, דאַרף מען זיי ניט געבן קיין כבוד, ווייל זיי זיינען מער ניט ווי כגרזן ביד החוצב.

און ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות[26]) דער חילוק פון אב ואם, שנצטוינו לחלוק להם כבוד, ביז כוכבים ומזלות, אַז ניט נאָר שלא נצטוינו לחלוק להם כבוד, נאָר אדרבה, עס איז נאָך אַן עבירה — ווײַלע אב ואם זיינען בעלי בחירה, מה שאין כן כוכבים ומזלות זיינען כגרזן ביד החוצב.

און בשעת מען גיט כבוד און מען בוקט זיך· צו כוכבים ומזלות, איז דאָס עבודה זרה, וואָס איז פון די האַרבסטע עבירות, ווי עס שטייט אין גמרא[27]), חמורה עבודה זרה שכל הכופר בה כאילו מודה בתורה כולה.

נמצא אַז די סיבה וואָס זיי האָבן געדינט עבודה׳ זרה איז געווען בכדי צו האָבן, לויט זייער פאַלשן באַגריף, פון זיי השפעות גשמיות, ד. ה. צוליב זייערע אייגענע פניות.

---

23) זהר חלק א נב, ב.

24) בראשית רבה יט, ז — לענין חטא עץ הדעת, ובמילא מובן גם לענין חטא העגל.

25) הלכות עכו״ם פ״א ה״א.

26) זע ד״ה מים רבים תשי״ז (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ נד ואילך). זע אויך ספר המצות להצ״צ מצות מילה.

27) נדרים כה, א.

און דאָס איז די סיבה וואָס אויך אידן וואָס זיינען מאמינים בני מאמינים זאָלן קענען איבערפאַלן רחמנא לצלן אין חטא ע״ז — ווייל דאָס איז ניט וואָס זיי דינען די ע״ז מיט אַן אמת חס ושלום, דאָס איז מער ניט ווי צוליב פניות.

(דאָס וואָס אַ איד דינט דעם אויבערשטן איז דאָס ניט נאָר בכדי ער זאָל אים משפיע זיין זיינע באַדערפענישן, נאָר ווייל ער איז איבערגעגעבן צו אים מיט אַן אמת ובלב שלם, שלא על מנת לקבל פרס, מה שאין כן אַן עובד עבודה זרה, להבדיל, איז דאָס נאָר צוליב די השפעות וועלכע זי איז משפיע).

און דאָס איז אויך דער טעם וואָס זיי האָבן געדינט צום בעל, כמ״ש[28]) ומן אז חדלנו גו׳ חסרנו כל.

יג. הגם דער כללות ענין פון ע״ז איז צוליב די השפעות וועלכע מען איז מקבל דורך איר, איז אָבער אין דעם גופא פאַראַן צוויי אופנים: ע״ז און פוסח על שתי הסעיפים.

עבודה זרה מיינט, אַז ער מיינט טאַקע באמת אַז די ע״ז גיט אים השפעה, איז כאָטש ס׳איז טאַקע צוליב אַ פני׳, פונדעסטוועגן איז דאָך אָבער די פני׳ ביי אים מיט אַן אמת, ער האַלט טאַקע אַז דורך דעם וואָס ער וועט דינען די כוכבים ומזלות וועלן זיי אים געבן השפעה.

מה שאין כן פוסח על שתי הסעיפים, איז דאָך בספק, און עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זיי זיינען תמיד בספק, ומזמן לזמן כאַפּט ער זיך אַז די ע״ז איז אין בה ממש. נאָך אַן אופן פון פוסח — ענין השיתוף: ער גלויבט אין דעם אויבערשטן און אויך אין דער עבודה זרה להבדיל.

וואָס דער אמת איז דאָך, אַז אַפילו דינען עבודה זרה בשיתוף אָדער משום ספק — אפילו אויב מער ניט ווי בדבור אַליין צי במעשה אַליין אָן קיין שום אמונה בלב כלל, איז אויך אַן עבירה גדולה ביותר, ביז אַז אויך אויף דעם איז זיך אַ איד מוסר נפש, כדאיתא בתניא[29]).

יד. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין אַז אין פילע פרטים איז דער ענין פון פוסח על שתי הסעיפים ערגער פון עבודה זרה.

הגם אַז בכללות איז עבודה זרה ערגער, וואָרום ער איז שטענדיק פאַרדאַרבן, ער איז אַ כופר רחמנא לצלן, — אָבער בנוגע צו תשובה, איז הפוסח על שתי הסעיפים ערגער, וואָרום ס׳איז שווערער אַז דער פוסח על שתי הסעיפים זאָל טאָן תשובה שלימה אמיתית.

אין דעם זיינען פאַראַן צוויי פרטים:

א) דער וואָס האָט געגלויבט אין דער עבודה זרה, איז בשעת ער כאַפּט זיך אַז הוי׳ הוא האלקים און ביז היינט האָט ער געהאַט אַ ביטערן טעות, פילט ער דאָן דעם גרויסן חטא וואָס ער האָט געטאָן, ובמילא טוט ער תשובה ווי עס באַדאַרף זיין, און דאַן איז ושב ורפא לו.

דאַקעגן דער פוסח על שתי הסעיפים, וויבאַלד ער גלויבט דאָך אויך אין דעם אויבערשטן, איז אַפילו שפּעטער, פילט ער ניט אויף אַזוי פיל דעם גודל החטא, ער טראַכט ביי זיך: וואָס האָב איך געטאָן אַזאַ חטא?

---

28) ירמי׳ מד, יח.

29) פי״ט.

איך בין דאָך מלכתחילה געווען בספק אפילו בחיצוניות, ובאמת בין איך דאָך ווי אַלע אידן אַלע מאָל געווען אַ מאמין וכו׳ וכו׳. במילא האָט ער ניט קיין חרטה מיט אַן אמת ואין תשובתו שלימה[30].

ב) דער וואָס גלויבט אין עבודה זרה ניט בשיתוף איז ער מקולקל בתכלית ר״ל, ער האָט אַ טעות און מיינט אַז הבעל הוא — חס ושלום — האלקים. עס קען אָבער זיין אַז כאָטש ער איז אָפּגעריסן פון אלקים אמת, אָבער דער כללות ענין הרוחניות איז אים נוגע. דאָקעגן הפוסח על שתי הסעיפים בשיתוף, ווייזט דאָך אויף אַזאַ פאַרדאַרבנקייט, אַז ניט נאָר וואָס ער וויל ניט האָבן אַ שייכות צו אלקים אמת, נאָר ער האָט ניט קיין שייכות צו כללות ענין הרוחניות. וראיה על זה, אַז ווייסנדיק דעם אמת אַז הוי׳ הוא האלקים, איז ביי אים רעכט צו פאַרבייטן — חס ושלום — דעם אויבערשטן צוליב גשמיות, פאַרבייטן מקור מים חיים אויף לחצוב בארות נשברים[31].

אַן עובד עבודה זרה, אויב רוחניות רירט אים אָן, איז בשעת ער כאַפּט זיך זיין טעות, וועט ער תשובה טאָן. דאָקעגן הפוסח כו׳, וויבאַלד אים איז ניט נוגע דער ענין הרוחניות, אים איז נוגע נאָר זיינע גשמיות, איז אַפילו קומענדיק צום אמת אַז גשמיות הענגט אָפּ נאָר פון אויבערשטן, וועט ער אויך ניט תשובה טאָן צום אויבערשטן באמת — נאָר צוליב די גשמיות.

30) וועגן דעם זע אויך רבנו יונה ריש ברכות. אורח חיים סימן תר״ג. קונטרס ומעין מאמר יד, פ״ב.

31) ירמי׳ ב, יג.

טו. דאָס אַלץ איז נאָר בנוגע צו זיך. עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַן ענין מיט וואָס פוסח על שתי הסעיפים איז ערגער פון עבודה זרה, און דאָס איז: בנוגע צו יענעם.

דער וואָס דינט עבודה זרה ר״ל וועט זיך קיין איד פון אים ניט אָפּלערנען. ווייסנדיק אַז ער איז אַ כופר, האָט מיט אים קיינער ניט קיין געשעפטן. דאָקעגן דער פוסח על שתי הסעיפים, וויבאַלד ער איז דאָך אַ מאמין אויך, איז ער בכלל מחטיא את הרבים, והמחטיא את הרבים קשה מכולם.

טז. די גמרא[32] זאָגט אַז דעם יצר הרע פון עבודה זרה האָט מען מבטל געווען זיין כוח, אָבער דער ענין פון פוסח על שתי הסעיפים איז אויך היינט שטאַרקער פון יצר הרע דעבודה זרה, צי אין דקות דדקות, צי אין דקות אָדער נאָך מערער.

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס צוליב גשמיות׳דיקע פניות, פרנסה, כבוד המדומה און מה יאמרו הבריות, זיינען זיי מוותר לפי שעה אויף כמה וכמה ענינים פון תורה ומצות. אויף די פאַר טעג צי די פאַר וואָכן שטעלט ער אָוועק דעם שולחן ערוך צוזאַמען מיטן אויבערשטן כביכול אויפן פאַליצע — שעלוו — בכדי מען זאָל ניט זאָגן אויף אים אַז ער איז אַ בטלן, אַז ער פאַרשטייט ניט די היינטיקע צייט, ובפרט אַז דאָ אין אַמעריקע דאַרף מען פאַרבויגן אויף די אַלטע זאַכן, מען דאַרף זיך פירן אַ ביסל לויטן רוח הזמן כו׳.

און צוליב דעם, מען זאָל ניט

32) יומא סט, ב. ובחידושי אגדות שם.

זאָגן אויף אים אַז ער איז אַ בטלן, בכדי ער זאָל האָבן כבוד המדומה, אָדער נאָך געלט (וואָס באמת גייט אַוועק די געלט אויף דאָקטוירים וכו׳, וואָרום וויבאַלד אַז די געלט קומט ניט לויט דעם אויבערשטנס רצון — גייט עס אַוועק אויף ענינים בלתי רצויים, וואָרום עס פעלט דער יברכך גו׳ וישמרך מן המזיקים) איז ביי אים רעכט צו פאַרקויפן, לפי שעה על כל פנים, דעם אויבערשטן כביכול מיט זיין אייגענע נשמה.

דאַרף מען וויסן אַז אין פילע פרטים איז דאָס נאָך ערגער פון עבודה זרה, מצד די פריער־דערמאָנ־טע טעמים:

א) עס איז שווערער צו טאָן תשובה מיט אַן אמת, וואָרום ער פילט ניט אַזוי שטאַרק דעם חטא. ער וועט זיך איינריידן אַז זיין חטא איז ניט אַזוי גרויס, וואָרום בכלל איז ער דאָך אַן ערלעכער איד, איז מה רעש אַז אויף אַ קליינער ווילע האָט ער פאַרבויגן אַן ענין צוליב פרנסה א. א. וו.

ב) ער איז אַ פאַרדאַרבענער. ער קען פאַרבייטן גייסטיקע ענינים וואָס זיי זיינען ענינים נצחיים, אויף ענינים גשמיים וואָס זיי זיינען מער ניט ווי לפי שעה. ער פאַרקויפט עולם־הבא הנצחי צוליב געלט און כבוד.

ג) ער איז מחטיא את הרבים. בשעת ער וועט אַרויסגיין חס ושלום מיט אַן עפענטלעכער כפירה, וועט מען אים אַרויסוואַרפן פון די ד׳ אמות, אָבער בשעת ער פאַרוויקלט די עני־נים פון היפך התורה און זאָגט אַז לפי שעה מאַכט ניט אויס און ברענגט נאָך אַ „ראי׳״ פון אַ פסוק אָדער אַ מאמר רז״ל, איז ער מחטיא את הרבים.

יז. אויף דעם איז די הוראה פון דער הפטרה אַז די עיקר מאָנונג איז „עד מתי אתם פוסחים על שתי הסעיפים״, דאָס איז נאָך ערגער פון עבודה זרה.

און אַזוי ווי עס איז געווען דע־מאָלט אַז אַלע אידן האָבן תשובה געטאָן און געזאָגט הוי׳ הוא האלקים, הוי׳ הוא האלקים, צוויי מאָל, נאָך מער ווי בשעת מתן תורה וואָס עס שטייט אנכי הוי׳ אלקיך איין מאָל [33], ווי עס ווערט דערקלערט אין פיל ערטער אַז דורך תשובה קומט מען צו העכער פון דעם מצב קודם החטא, כפלים לתושי׳;

און ניט נאָר צוויי מאָל אַזוי פיל אין כמות, נאָר נאָך מערער, אַז דער צווייטער מאָל איז אַ העכערע מדריגה באין ערוך פון דעם ערשטן מאָל —

אַזוי אויך איצטער: די אַלע וואָס זיינען פוסחים על שתי הסעיפים דאַרפן תשובה טאָן, און בכפלים לתושי׳.

ישראל זיינען דאָך ערבים זה בזה [34], אידן זיינען אויסגעמישט איי־נער מיטן אַנדערן, איז דעם אור וואָס זיי וועלן באַקומען דורך זייער תשובה, וועט ער נמשך ווערן אויך אין די אידן וועלכע זיי האָבן, רחמנא לצלן, מחטיא געווען.

און דער אויבערשטער וועט געבן עס זאָל זיין בחסד וברחמים, און די

33) זע לקוטי תורה דברים סה, ג. ספר המצות להצמח צדק מצות וידוי ותשובה פ״ב. ובכ״מ.

34) סנהדרין כז, ב. שבועות לט, א.

מחטיאים צוזאַמען מיט די וואָס זיי האָבן פאַרשלעפּט זאָלן תשובה טאָן בכפלים לתושי׳, און זאָגן אַלע צו־זאַמען הוי׳ הוא האלקים, הוי׳ הוא האלקים.

(משיחת שבת פרשת תשא, תשי״ז)

# פרשת ויקהל

א. דער אָנהויב פון הײַנטיקער סדרה איז: ויקהל משה את כל עדת בני ישראל ויאמר אליהם אלה הדב־רים אשר צוה ה׳ לעשות אותם ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי יהי׳ לכם קדש שבת שבתון וגו׳.

זײַנען אין דעם פאַראַן פיל דיוקים און קשיות, וואָס עטלעכע פון זיי פרעגן אויך די מפרשי התורה:

א) וואָס איז דער ענין פון ויקהל משה, דער געוויינלעכער לשון אין תורה איז דאָך ויאמר משה, ווי עס שטייט אין די מערסטע ערטער און אויך אין דער פרשה אין עטלעכע פסוקים ווײַטער בײַ דעם ציווי פון תרומת המשכן?

ב) ער זאָגט, אלה הדברים אשר צוה הוי׳ לעשות אותם, און ער דער־קלערט ניט וואָס זײַנען די דברים? רוב מפרשי התורה לערנען אַז דאָס גייט אויף ציווי תרומת המשכן, אָבער דאָס איז דאָך שווער, ווארום ווײַטער בײַ תרומת המשכן זאָגט ער נאָך אַמאָל ויאמר גו׳, מוז מען דאָך זאָגן אַז די אמירה גייט אויף אַן ענין, וואָס איז פאַר דעם צוויטן ויאמר, אויף דעם וואָס ער זאָגט באַלד נאָך דעם — ששת ימים גו׳, איז דאָך אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: אויף שמירת שבת זײַנען זיי דאָך שוין אָנגעזאָגט געוואָרן אין די עשרת הדברות.

ג) פאַרוואָס זאָגט ער שבת שבתון, צוויי מאָל דעם ענין פון שבת?

ד) רש״י זאָגט (און אַזוי שטייט אויך אין גמרא, מדרש[1] און זהר) אַז ויקהל משה איז געווען אויף מאָרגן נאָך יום כיפור, בשעת משה רבינו איז אַראָפּגעקומען פון הר סיני.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ויקהל משה גו׳ האָט אַ שייכות צו יום כיפור וואָס זײַן ענין איז — כפורים, וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן, „סלחתי כדבריך״, וואָס דאָס איז די כפרה אויפן חטא העגל. דאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז די שייכות צווישן זיי?

ב. ווען מען עס פאַרשטיין דער־מאָנענדיק פריער די דברי רז״ל[2] וועגן דעם דיוק פון לשון תעשה (תי״ו צרוי׳, עיי״ן קמוצה) און ניט תעשה (מיט אַ פּת״ח). דער חילוק איז: תעשה (מיט אַ פּת״ח) מיינט, עשי׳ בהתעסקות — טאָן מיט אַ פאַרנומענקייט. תעשה (מיט אַ ציר״י) מיינט עשי׳ בדרך ממילא — אַז

1) מכילתא יתרו פרשה ב. זהר ח״ב קצה, א.

2) זע במפרשי התורה על הכתוב.

עס טוט זיך אָפּ פון זיך אַליין. שטייט אויף דעם אין מכילתא (במקומו), בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים.

דאָס איז די ברכה פון הימל. יע־דער ענין איז דאָך אָבער דאָ אויך אין דער עבודה פון מענטשן, איז דער ענין פון תעשה (בציר״י) אין עבודה, אַז די מלאכה ועובדין דחול וואָס אַ איד דאַרף טאָן בששת ימי החול, דאַרף זיין אַן התעסקות — אַן אַ פאַרנומענקייט — נאָר אַזוי ווי דאָס וואָלט זיך געטאָן פון זיך אַליין.

אַזוי ווי עס שטייט [3] יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, וואָס דער טייטש איז [4] אַז די יגיעה וואָס דער מענטש האָרעוועט צוליב זיינע קער־פּערלעכע באַדערפענישן (תאכל), דאַרף זיין נאָר מיט די הענט און ענלעכע חיצוניות׳דיקע אברים (כפיך) אַליין. די קאָפּ און די האַרץ דאַרפן ליגן אין תורה ומצות, און בשעת זיין הנהגה איז: יגיע כפיך כי תאכל — דאַן איז אשריך וטוב לך, לויט דעם מאמר רז״ל [5]) אשריך בעולם הזה וטוב לך בעולם הבא.

און דאָס מיינט אויך תעשה (בציר״י) בדרך ממילא, ער ליגט ניט אין דעם עסק מיט זיין מוח און האַרץ, ער טוט עס נאָר בלויז מיטן כח המעשה, און אויך דעם כח המעשה נוצט ער אין דעם מער ניט אויף וויפל עס איז נויטיק אויף צו מאַכן אַ כלי אויף ברכת הוי׳.

וואָרום דער אמת איז דאָך, אַז וברכך הוי׳ אלקיך בכל אשר תעשה. ניט זיין עשי׳ גיט פרנסה, נאָר די ברכת הוי׳ גיט פרנסה, מער ניט וואָס די ברכת הוי׳ דאַרף האָבן אַ כלי אין טבע, דערפאַר דאַרף זיין דער „בכל אשר תעשה״. אָבער עס איז מער ניט ווי בלויז אַ כלי. און דערפאַר דאַרף מען טאָן אין דעם נאָר אַזוי פיל אויף וויפל עס איז נויטיק כדי עס זאָל זיין אַ כלי, ד. ה. אַז די קאָפּ מיט דער האַרץ זאָלן אינגאַנצן ניט ליגן אין דעם, אויף תחבולות, א. ד. גל. און אויך מיטן כח המעשה, טאָן בלויז אויף וויפל עס איז נויטיק.

— דער אמת איז דאָך אַז עס האָט אינגאַנצן ניט געדאַרפט דערלויבט זיין טאָן מלאכה. וואָרום עס איז דאָך את השמים ואת הארץ אני מלא און מלא כל הארץ כבודו (ג״ט ברוך הוא געפינט זיך אומעטום), איז מצד כבוד מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא האָט ניט געדאַרפט זיין דער־לויבט טאָן קיין מלאכה, ווי די רז״ל זאָגן מאן דמחוי קדם מלכא כו׳ [6]). עס איז מער ניט וואָס די תורה האָט געגעבן רשות און געהייסן טאָן מלאכה, אַזוי ווי עס שטייט: בכל אשר תעשה, ששת ימים תעבוד. ובמילא, איז אויף וויפל ס׳איז נויטיק, האָט דאָך אויף דעם די תורה געגעבן רשות, אָבער מערער דערפון איז אויסער דעם וואָס דאָס ווייזט דאָך אַז ביי אים פעלט דער אָפּלייג אַז דער עיקר איז דער וברכך הוי׳ אלקיך (און ווי עס ווערט ווייטער דער־

3) תהלים קכח, ב. זע אויבן עמוד 62.
4) לקוטי תורה שלח מב, ד. ועוד.
5) אבות פ״ד מ״א. ברכות ח, א.

6) זע חגיגה ה, ב. להעיר מאגרת הקדש סימן כ״ד.

קלערט אין סעיף ה׳), איז דאָך דאָס אויך אַן ענין פון מחוי קמי׳ מלכא —

ג. אין פלוג, איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס רופט עס דער פסוק אָן דוקא מיטן נאָמען יגיעה, יגיע כפיך? ובפרט לויט ווי געזאָגט אַז דאָס איז בלא לב ולבו, אַז ער נעמט זיך ניט צום האַרצן?

וועט מען עס פאַרשטיין לויט דעם וואָס איז באַוואוסט[7]), אַז ווען מען אַרבעט אין אַ זאַך וואָס מען האָט אין איר אַ תענוג, איז אפילו בשעת מען לייגט אַריין אין דעם אַ סך כחות, ווערט מען ניט אַזוי שטאַרק פאַרמאַטערט, ווייל מען האָט אין דעם אַ געשמאַק. אָבער ווען מען אַרבעט אין אַ זאַך אין וועלכער מען האָט ניט קיין געשמאַק, איז אַפילו אויב מען אַרבעט נאָר אַ ביסל, מאַטערט דאָס אויך אויס.

אַזוי אויך ביי דעם: מצד דעם וואָס ער האָט ניט קיין געשמאַק אין גשמיות, ער טוט אין דעם מער ניט ווייל ער מוז,

— וואָרום כאָטש אַז אויך דעם עסק נוצט ער אויס לעבודת הוי׳, ביז מען זאָגט אַז אויך דערמיט איז ער מקיים אַ מצוה לויט דעם מאמר רז״ל[8]) אויפן פסוק ששת ימים תעבוד, אַז דאָס איז אַ מצות עשה, פונדעסטוועגן איז ער דאָך בשעת מעשה פאַרנומען מיט ענינים גשמיים, און זיין תענוג איז דאָך אויף טאָן אין ענינים וואָס זיי זיינען מצות בגלוי, ובמילא איז דער עסק אין גשמיות ביי אים אַ הכרח (אַ געצוואונגענע זאַך) —

איז מצד דעם הכרח, איז אויך דאָס ביסעלע וואָס ער האָרעוועט נאָר בלויז מיטן כח המעשה בלבד און דאָס אויך אָן השתדלות, ביז מען רופט עס אָן בדרך ממילא, איז אָבער מצד דעם וואָס מצד עצם הדבר ווייל ער דאָס ניט, און ער וואַרט שוין אויף דעם מינוט ווען ער וועט קענען פאַרענדיקן דעם עסק און נעמען זיך צו תורה ומצות, איז אויך דאָס ביסעלע וואָס ער אַרבעט אין דעם, מאַטערט אים שטאַרק אויס.

ד. און דאָס איז דער פשט אין פסוק ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון, ד. ה. בכדי עס זאָל קענען זיין דער שבת ווי עס דאַרף זיין, מוז זיין די הקדמה פון ששת ימי החול, עס זאָל זיין תֵּעָשה בדרך ממילא.

עס שטייט דאָך לעולם יראה אדם בכל שבת כאילו כל מלאכתו עשוי׳[9]) (יעדן שבת דאַרף אַ מענטש זיך באַטראַכטן ווי זיין גאַנצע אַרבעט איז אָפּגעטאָן), איז אויב אינמיטן וואָך לייגט ער אין עסק, מיט גרויס טרדה, דאַן איז אויך בשעת עס קומט שבת, און ער וויל זיך אָפּרייסן אויף דעם טאָג, לכל הפחות, פון דעם עסק און טאָן אין תורה ותפלה, לאסתכלא

---

7) זע ד״ה קרוב ה׳ תר״ץ (סה״מ קונט׳ ח״א קה, ב).

8) מכילתא – הובאה בדרשות ר׳ יהושע אבן שועב פרשת וישב, ובספר מנחה בלולה. ובמכילתא דרשב״י: כשם שנצטוו ישראל על מצות עשה של שבת כך נצטוו על המלאכה. ועל פי זה מובן בפשיטות מאמר רז״ל בראשית רבה פט״ז (ופליג בזה על הספרי עקב על הפסוק ולעבדו בכל לבבכם). וראה גם כן אבות דרבי נתן פי״א. רמב״ן ויקרא כה, ג. קונטרס ומעין מ״ט. – ועל פי זה מיושב לשון רשאין בחולין (נד, ב. וראה שם רש״י ותוספות).

9) שולחן ערוך אדמו״ר הזקן סימן ש״ו סעיף כא.

ביקרא דמלכא, פאלן אים אריין פאר־שידענע מחשבות זרות, סיי די מחשבות אין וועלכע ער ליגט די גאנצע וואך, און נאך מערער, עס פאלן אים אריין אויך אזעלכע מחשבות צו וועלכע ער איז ניט שייך כלל. חיבא מבלבלין לי' [10]). ווארום וויבאלד ער האט געעפנט א טיר, איז אז מען עפנט א טיר שפארט מען זיך אהין. במילא קען ער ניט האלטן ביי שבת.

אויב אבער אז ששת ימים תעשה מלאכה (בדרך ממילא), דאן איז ובי־יום השביעי שבת שבתון. עס לייכט אים דער אור פון שבת. און נאך מערער, שבת שבתון, צוויי מאל שבת, ווארום דער וואס אויך אינמיטן וואך איז ביי אים תעשה בדרך ממילא, איז ער אויך אינמיטן וואך בבחינת שבת [11]), און בשעת עס קומט שבת ווערט ביי אים א תוספת קדושה, שבת שבתון (וואס דערמיט ווערט פארענטפערט די דריטע קשיא).

און לויט דעם וועט פארענטפערט ווערן אויך די צווייטע קשיא, ווא־רום דא איז ניט דער ציווי אויף שבת, נאר ווי אזוי זאל מען צו־קומען צו שבת.

ה. לויט דעם וועט מען אויך פאר־שטיין די שייכות פון ויקהל משה גו' ששת ימים תעשה מלאכה צו מחרת יום כיפורים, אז דאס איז דער סדר התיקון אויפן חטא העגל.

וועגן חטא עבודה זרה זאגט דער רמב"ם [12]) אז דאס איז געקומען מצד דעם וואס די השפעה מלמעלה גייט דורך דורך כוכבים ומזלות אזוי ווי עס שטייט [13]) וממגד תבואת שמש גו'. איז הגם זיי זיינען אויך מודה אז די כוכבים ומזלות זיינען נאר ממוצעים, אבער פונדעסטוועגן קרו לי' אלקא דאלקיא, זיי זיינען מחשיב אויך די ממוצעים. דער אמת אבער איז אז מען טאר זיי ניט דינען, ווייל זיי זיינען נאר כגרזן ביד החוצב.

אין חסידות [14]) ווערט דערקלערט, אז בדקות יותר, איז אן אידעלערן אופן איז דער ליגן מיט השתדלות און תחבולות אין עסק אויך אן ענין פון עבודה זרה חס ושלום, ווייל דאס קומט פון דעם וואס מען האלט דעם עסק, דעם ממוצע, פאר א חשיבות און טייערקייט, כאטש ער גלויבט אז וברכך הוי' אלקיך גו', פונדעסטוועגן איז ער מחשיב און האלט טייער דעם עסק, און דער־פאר לייגט ער זיך אריין אין דעם מיט זיין שכל, וואס דאס איז דוגמת השתחואה, הרכנת הראש, ער בויגט איין די קאפ צו דעם. און נאך ער־גער, ווארום הרכנת הראש איז נאר בגשמיות, און דא לייגט ער דאך אריין זיין קאפ ברוחניות, זיין שכל, אין דעם ממוצע, ווייל ער האלט עס פאר א חשיבות [15]).

דאס הייסט, אז דער ענין פון ששת ימים תעשה (מיט א פת"ח) מלאכה בהתעסקות, קומט מצד דעם וואס ער איז מחשיב דעם עסק. אבער בשעת ביי אים לייגט זיך אפ דער

---

10) זע דרך חיים פ"ג.

11) זע שבת קיט, א. זהר ח"ג כט, א. תקוני זהר תכ"א (מו, א).

12) הלכות עכו"ם פ"א ה"א.

13) דברים לג, יד.

14) זע לקוטי תורה אחרי כז, ג. ד"ה מים רבים תשי"ז.

15) זע אויך אויבן עמוד 183.

אמת אַז דאָס איז נאָר כגרזן ביד החוצב, דאַן ליגט ער ניט ראשו ורובו אין דעם עסק, און ער פירט זיך אין דעם סדר פון תעשה בדרך ממילא.

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין נאָך אַ טעם אויף דעם וואָס די דער־מאָנטע הנהגה איז תעשה בדרך ממילא, ווייל ביי אים לייגט זיך אָפּ אין זיין שכל, אַז ניט דער עסק גיט אים פרנסה, נאָר אַז דורכן עסק האָט ער פרנסה פון דעם „וברכך הוי' אלקיך" בדרך ממילא.

און לויט דעם איז אויך פאַר־שטאַנדיק די שייכות פון ויקהל משה צו דעם מחרת יום כפור, וואָרום דער סדר התיקון, ועקירת חטא עבודה זרה איז — ששת ימים תעשה מלאכה בדרך ממילא.

ו. דער דערמאָנטער ענין פון „יגעת בדרך ממילא" איז פאַראַן אויך אין אַ העכערן אופן, ניט אין דעם עסק בדברים הגשמיים, נאָר אין עבו־דת הוי'. און אויך אין דעם איז דער תעשה בדרך ממילא אַ תיקון אויפן חטא העגל.

די דערקלערונג דערפון:

די משנה זאָגט [16]), אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס. עס איז פאַראַן אַן אופן אין עבודת הוי', אַז דאָס וואָס ער לערנט תורה און מקיים מצות איז ווייל ער פילט אַ געשמאַק אין דעם, ער פילט אַ נועם עריבות ומתיקות אין תורה ומצות. דאָס ווערט אָנגערופן על מנת לקבל פרס. דער תכלית העבודה איז, שלא על מנת לקבל פרס, ד. ה. ניט מצד דעם געשמאַק, נאָר מצד קבלת עול מלכות שמים, וואָס ער וויל אויספירן דעם רצון העליון.

און מצד דעם הייסט עס „יגיעה בדרך ממילא".

„יגיעה": וויבאַלד ער טוט עס ניט מצד זיין געשמאַק ותענוג, איז דאָס אַן ענין פון יגיעה — כנ"ל.

„בדרך ממילא": בשעת די עבודה איז מצד ההרגש והעונג כו' קען ער אַמאָל אַ טעות האָבן און מיינען אַז ער טוט עס בכחו ועוצם ידו, מצד דעם וואָס ער האָט גוטע כשרונות און גוטע מדות לערנט ער תורה און ער גיט צדקה וכו' (כללות המצות) — תעשה (בפת"ח). בשעת אָבער ער טוט עס מצד קבלת עול, דאַן הערט ער דעם אמת אַז דאָס איז ניט בכח עצמו, נאָר מצד סייעתא דשמיא — תעשה (בציר"י).

אַזוי ווי דער מאמר רז"ל [17]) פתחו לי כחודה של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם, אַז דאָס וואָס דער מענטש טוט איז מער ניט ווי כחודה של מחט — אַ קליינע עפע־נונג פון אַ נאָדל, — און דער עיקר קומט מצד מלמעלה — ואני אפתח.

נאָך מערער, אויך די הכנה צו קיום המצות קומט פון דעם אויבערשטן, לויטן מאמר רז"ל על פסוק מי הקדימ־ני ואשלם, מי עשה לי מעקה עד שלא

---

16) אבות פ"א מ"ג.

17) הובא בכמה מקומות בדא"ח. ולעת עתה צריך עיון מקומו. — בלקוטי תורה קרח (נה, א) מביא גירסא אחרת בשיר השירים רבה על פסוק אני ישנה, בילקוט שמעוני שם, בזוהר ח"ג צה, א. ומסיים: ובמ"א אמרו ואני אפתח לכם כפתחו של אולם. ומפרש גירסא זו דוקא. — וראה ב"כ פסיקתא רבתי פט"ו. פסיקתא דר"כ פרשת החודש.

נתתי לו גג כו׳ מי עשה לי ציצית עד שלא נתתי לו טלית וכו׳ [18]).

און דערפאַר הייסט עס בדרך ממילא (על דרך הנ״ל, בגשמיות, בפירוש הב׳), וואָרום ער פילט אַז ניט מצד זיין אַרבעט האָבן זיך אויפ־געטאָן אַלע ענינים, נאָר אַז זיין אַרבעט איז מער ניט ווי אַ כלי און אַ צינור צו דעם ואני אפתח, עס טוט זיך אויף בדרך ממילא.

ז. ווי געזאָגט פריער, איז אויך דער ענין פון יגיעה בדרך ממילא אין רוחניות אַ תיקון אויף חטא העגל.

וועט מען עס פאַרשטיין לויט ווי עס איז באַוואוסט אַז דער חטא העגל איז דער זעלבער ענין פון חטא עץ הדעת, כמאמר רז״ל אַז בשעת חטא עץ הדעת ירדה זוהמא לעולם, ובשעת מתן תורה פסקה זוהמתן, ובשעת חטא העגל חזרה [19]).

דער ענין פון חטא עץ הדעת איז דאָך באַוואוסט אַז דאָס איז דער ענין פון הרגש, פילן זיך, אַזוי ווי עס שטייט ותרא האשה כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים, מען דערפילט דעם געשמאַק [20]), איז דער תיקון אויף דעם — „יגיעה בדרך ממילא״. אַנשטאָט דעם, וואָס עס איז געווען מצד הרגש, דאַרף זיין יגיעה — קבלת עול; און אַנשטאָט דעם, וואָס ער האָט געמיינט אַז בכחו ועוצם ידו עשה את החיל הזה, דאַרף זיין בדרך ממילא.

ח. לויט דעם אַלעמען וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס ער זאָגט אין פסוק ויקהל משה את כל עדת בני ישראל גו׳, און ניט, ווי געוויינלעך, ויאמר גו׳.

אַזוי ווי עס איז געווען מחרת יום כיפור, דער ענין פון כפור אויפן עגל וואָס האָט מחזיר געווען זוהמא פון חטא עץ הדעת, און מען האָט געדאַרפט פועל׳ן אין וועלט זי זאָל זיין ווי פאַר דעם חטא, וואָרום עולם על מילואו נברא, וואָס תכלית הכוונה איז דאָך גוי אחד בארץ, עס זאָל זיין אַ רשות היחיד, אַ דירה לו יתברך בתחתונים, אין דברים גשמיים דוקא, און זיי זאָלן זיין אַ דירה צו אחדותו ועצמותו יתברך, איז אויף דעם געווען ויקהל משה, ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַלע ענינים לאחדות האמיתי.

און אַזוי ווי אַלע ענינים זיינען דאָך איינגעטיילט אין דריי דרגות — עולם שנה נפש, דערפאַר רעכנט ער אויס אין פסוק די אַלע דריי ענינים: אלה הדברים, ל״ט מלאכות [21]) (כולל כל עניני העולם) בכל מושבותיכם — כללות פון מקום, עולם. כל עדת בני ישראל — כללות פון נפש. ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון — כללות פון זמן.

צונויפקלייבן די אַלע ענינים צום אחדות האמיתי איז בכחו של משה. וואָרום משה איז משמיטה ראשונה [22]), למעלה מהשתלשלות, דערפאַר איז בכחו צונויפקלייבן אַלע ענינים צום אחדות האמיתי. און דאָס זעלבע איז אויך בכחו של משה וואָס געפינט זיך אין יעדן אידן (לויט ווי עס

18) איוב מא, ג. ויקרא רבה כז, ב.

19) שבת קמו, א. זהר ח״א נב, ב. זע אויבן עמוד 163.

20) בראשית ג, ו. זע ד״ה באתי לגני תש״י (קונטרס עד) פ״ה.

21) שבת ע, א.

22) תורה אור נא, ד.

ווערט דערקלערט אין תניא[23]) בענין אין לגבי משה מילתא זוטרתי היא).

וואס דורך דער עבודה ווערט אויס־געפירט די תכלית הכוונה פון דער בריאה, אז עס ווערט אזוי ווי פאר דעם חטא וואס עולם על מילואו נברא, וואס די שלימות פון דעם בגלוי וועט זיין לעתיד, און ווי דער מאמר רז״ל סמך שבת למלאכת המשכן, אז דורך דער עבודה וועט זיין בנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו.

(מתוך מאמר ד״ה ויקהל, תשי״ב)

ט. פון פסוק אלה הדברים גו׳ לערנט אפ די גמרא די ל״ט מלאכות וועלכע זיינען אסור אום שבת. און די גמרא[24]) זאגט, מלאכה דהואי במשכן הואי מלאכה — א מלאכה וואס איז געווען אין משכן הייסט א מלאכה און זי איז אסור אום שבת.

פון דעם וואס די ל״ט מלאכות לערנט מען אפ פון די מלאכות המשכן איז דאך פארשטאנדיק אז די ל״ט מלאכות זיינען פארבונדן מיט די מלאכות המשכן.

עס איז דאך באוואוסט, אז יעדער לימוד אין תורה איז ניט צופעליק ח״ו, נאר אז דער „מלמד״ מיטן „למד״ זיינען, בפנימיות, איין ענין.

און זייער פארבונד איז א צוויי־ענדיקער: א) דער שרש פון די ל״ט מלאכות איז מלאכות המשכן, ד. ה. אז אלע מלאכות קומען בהשתלשלות פון מלאכות המשכן. ב) דערפאר איז אויך דער ציל און תכלית פון אלע מלאכות, אויך פון מלאכות הרשות, צו מאכן דורך זיי א משכן ודירה לו יתברך, אזוי ווי עס שטייט בכל דרכיך דעהו[25]).

י. לויט דעם וועט מען אויך פאר־שטיין וואס מיר געפינען, אז אין די טעג וואס מען מעג טאן מלאכה, איז מען ממעט אין ענינים ווי קריאת התורה, און תפלות נוספות, בכדי ניט צו פארקירצן די צייט פון מלאכה[26]).

נאך מערער: אויפן פסוק ששת ימים תעבוד, זאגן די רז״ל, אז דאס איז א מצות עשה[27]).

אין פלוג — ווי קען דאס גע־מאלט זיין?

אבער, לויט דעם ווי מען האט גערעדט, אז דער תכלית פון אלע מלאכות איז צו מאכן דורך זיי א משכן, איז מובן אז דאס איז א מצוה, און א מענטש דארף שטענדיק הארעווען אין דעם, כי אדם לעמל יולד[28]).

ווארום דער חילוק פון דער גאנ־צער וועלט ביז דעם משכן איז נאר א חילוק פון כוח ביז פועל: דער משכן איז א משכן בפועל און די גאנ־צע וועלט איז א משכן בכוח.

דארף מען אויסנוצן יעדע רגע אויף מלאכה, וואס, ווי געזאגט, ברענגט זי פון כוח אין פועל, יעדע רגע איז דא דער אנזאג בכל דרכיך דעהו.

(משיחת פורים, תשח״י)

---

23) פמ״ב.

24) שבת צו, ב. בבא קמא ב, א.

25) משלי ג, ו.

26) זע ברכות טז, א. מגילה כב, ב. קדושין לג, א.

27) זע אויבן הערה 8.

28) איוב ה, ז.

יא. משנכנס אדר מרבין בשמחה.

אין דער משנה[29]) שטייט, משנכנס אב ממעטין בשמחה, נאָר די גמרא[30]) זאָגט אויף דעם, כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה, כך משנכנס אדר מרבין בשמחה.

זעט מען אין דעם צוויי ענינים הפכיים:

א) פון דעם לשון כשם איז משמע, אַז דער עיקר איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה, דאָס שטייט בפירוש אין דער משנה, מה שאין כן דער משנכנס אדר מרבין בשמחה, איז דאָס ניט מער ווי כשם, וואָס מען לערנט עס אָפּ פון משנכנס אב.

ב) לאידך גיסא זעען מיר אַז בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה באַגרענעצט. ניט אין אַלץ איז מען ממעט. עס זיינען פאַראַן עניני שמחה אויך אין אב[31]). אָבער דאָס וואָס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאָס אָן קיינע הגבלות ביז עד דלא ידעי.

אין פלוג איז דאָס ניט פאַרשטאַנדיק, וויבאַלד אַז דער גאַנצער ענין פון משנכנס אדר מרבין קומט אַרויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, ווי דער לשון הגמרא איז, כשם, היינט פאַרוואָס איז דער משנכנס אדר מרבין בשמחה מערער ווי דער משנכנס אב ממעטין וכו'.

יב. די פשוט'ע דערקלערונג אין דעם: ווייל שמחה דאַרף זיין אַלע מאָל, אַפילו בחודש אב. עס איז דאָך אַלע מאָל דאָ דער ציווי פון עבדו את הוי' בשמחה. דערפאַר אַז עס קומט נאָך צו מרבין בשמחה איז דאָס אָן אַ גרענעץ. דער ממעטין איז באַגרענעצט, ווייל אויך דעמאָלט דאַרפן זיין געוויסע עניני שמחה, ובפרט מצד דעם ציווי פון עבדו את הוי' בשמחה.

די פנימיות פון דעם ענין איז, ווי מען האָט גערעדט אין מאמר[32]), אַז דער תכלית הכוונה איז אויס־צופירן דעם נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו יתברך דירה בתחתונים, אַז דער אויבערשטער זאָל האָבן אַ דירה דאָ למטה. און ווי דער מענטש וואָס וואוינט אין אַ דירה, געפינט ער זיך אין דער דירה מיט זיין גאַנצן וועזן, אַזוי איז אויך דער פירוש פון דירה בתחתונים, אַז דער אויבערשטער זאָל זיין למטה בכל עצמותו ומהותו יתברך.

עס שטייט דאָך עוז וחדוה במקומו, דאָרטן וואו דער אויבערשטער געפינט זיך איז שמחה. במילא בכדי עס זאָל זיין דירה בתחתונים, מוז מען האָבן עוז וחדוה, וואָס דעמאָלט קען עס זיין מקומו ודירתו יתברך[33]).

דערמיט איז פאַרשטאַנדיק וואָס מען דאַרף זיין שטענדיק בשמחה. אַפילו אין די צייטן וואָס עס שטייט אויף זיי ממעטין, דאַרף מען אויך דעמאָלט זיין בשמחה, אין אַ געוויסער מאָס, וויבאַלד אַז די דירה לו

29) תענית כו, ב.

30) שם כט, סע"א.

31) ראה שולחן ערוך אורח חיים סימן תקנ"א ס"ב. ב"ח לטור ריש סימן תקנ"א: **אבל באכילת בשר כו'. וצריך עיון במגן אברהם שם סק"א.**

32) ד"ה כי תשא, תשט"ז.

33) עיין חגיגה ה, ב, דיש גורסין ובבתי גואי ליכא — הובא בעבודת הקודש ח"ג פנ"ז — וגם לגירסתנו מבואר ברשימות הצמח צדק לאיכה עמוד כב־כג (אוה"ת נ"ך ח"ב ע' א'נב־ג). ואכ"מ.

יתברך מוז מען מאַכן שטענדיק, בכל רגע ורגע, וואָרום דאָס איז דאָך כל האדם, אני (לא) נבראתי (אלא) לשמש את קוני[34]), במילא ליגט דער חיוב צו זיין שטענדיק, יעדע רגע, בשמחה.

יג. דאָס וואָס אַמאָל דאַרף זיין דער סדר עבודה אין צווייטן קו, אין פאַרקערטן קו פון שמחה — וועט מען דאָס אויך פאַרשטיין לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין דעם מאמר, דער סדר ווי מען מאַכט אַ דירה לו יתברך, על דרך משל ווי מען מאַכט אַ דירה פאַר אַ מלך בשר ודם. די ערשטע זאַך מוז מען דעם אָרט אויס-רייניקן פון יעדן שמוץ כו׳ און דער-נאָך באַפּוצט מען דאָס מיט שיינע כלים בכדי עס זאָל זיין ראוי לדירת המלך.

אַזוי איז דאָס אויך אין עבודה רוחנית. מען מוז פריער אַרויסנעמען דעם שמוץ וכו׳, וואָס דאָס טוט זיך אויף דורך דעם קו המרירות. און דאָס איז די עבודה פון חודש אב, ממעטין בשמחה, בכדי אַרויסצונעמען די ענינים פון ומפני חטאינו גלינו מארצנו. דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ הכנה צו אַ דירה, די דירה אַליין מאַכט מען דורך שמחה.

יד. דאָס וואָס עס שטייט אין גמרא אויף דעם ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה דער דיוק כשם, וואָס דערפון איז משמע אַז דער משנכנס אדר מרבין קומט אַרויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, איז דאָס פאַרשטאַנדיק לויט דעם וואָס ווערט דערקלערט אין חסידות[35]), אַז דער יתרון האור קומט מתוך החושך דוקא. במילא איז פאַרשטאַנדיק אַז ווער רופט אַרויס אין אדר דעם בלי גבול פון שמחה, עד דלא ידעי — דאָס קומט פון חושך דוקא, ד. ה. די עבודה פון אתכפיא סטרא אחרא דורך מרירות, דעמאָלט איז די שמחה גאָר גרויס, אָן אַ גרענעץ.

און דאָס איז דער טעם וואָס דוקא אין חודש אדר איז די שמחה אָן אַ גרענעץ, ווייל דעמאָלט איז דאָס געקומען מתוך החושך, ווי עס שטייט ורבים מעמי הארץ מתיהדים, עמי הארץ, ג׳ קליפות הטמאות, זיי אַליין זיינען מתיהדים, געוואָרן יהודים, כופרים בעבודה זרה ומודים בכל התורה[36]).

און מצד דער עבודה, ווערט דער יתרון האור, אַז פורים איז דער חיוב השמחה עד דלא ידעי, און אויך דעם גאַנצן חודש אדר דאַרף זיין שמחה בריבוי, ווי ער זאָגט והחודש אשר נהפך, דער גאַנצער חודש אדר.

(משיחות שבת מברכים אדר, תשט״ז)

# פרשת פקודי

א. אין תורה בכלל, און אין תורה שבכתב בפרט, איז יעדער וואָרט און אפילו יעדער אות בדיוק און אויס-גערעכנט. פיל הלכות ווערן אָפּגע-לערנט פון איינצלנע ווערטער אָדער אפילו פון איינצלנע אותיות פון תורה. פונדעסטוועגן ווערט אין די פרשיות

34) קדושין פב, א.

35) תניא פכ״ו. באתי לגני תש״י פ״א.

36) נדרים כה, א.

ויקהל און פקודי איבערגע׳חזר׳ט די אויספירלעכע באַשרייבונג פון די כלי המשכן און לבושי כהונה, וועלכע זיינען שוין איינמאָל באַשריבן גע־וואָרן בפרטי פרטיות אין די פרשיות תרומה און תצוה.

אין פלוג האָט דאָך די תורה גע־קענט זאָגן בקיצור אַז די אידן האָבן געמאַכט די כלי המשכן און בגדי כהונה ווי דער אויבערשטער האָט געהייסן משה׳ן, און אַזוי אַרום פאַר־שפּאָרן צענדליקער פסוקים?

ב. דער טעם וואָס אַ סך הלכות שטייען ניט בפירוש אין תורה און מען דאַרף זיי אָפּלערנען פון איינצל־נע אותיות איז, וויבאַלד אַז מען קען וויסן די הלכות פון אַן איבעריקן וואָרט אָדער אַן אות אין דער תורה, איז אויב זיי וואָלטן שטיין בפירוש, וואָלט דאָס דאַן געווען אַ יתור דברים (איבעריקע רייד).

דאָס איז אויך דער טעם וואָס אַ סך דינים שטייען אין משנה בלויז מיט אַ רמז און אין גמרא זיינען זיי באריכות[1]. וואָרום משנה איז דאָך בלשון קצרה לגבי גמרא. איז אויב מצד דעם סגנון און דיוק לשון המשנה קען מען אָפּלערנען די דינים פון אַ רמז, וואָלט זייער שטיין בפירוש, געווען אַ יתור דברים. און אַזוי איז אויך גמרא לגבי ראשונים, און ראשונים לגבי אחרונים.

לויט דעם, איז די דערמאָנטע קשיא נאָך שטאַרקער: אין פלוג איז דאָך די גאַנצע באַשרייבונג פון מעשה המשכן אין פרשיות ויקהל־פקודי אַ יתור דברים?

ג. דער תירוץ אויף דעם איז אויף דעם זעלבן וועג ווי דער תירוץ וואָס ווערט געגעבן אויף אַן ענלעכער קשיא:

פאַרוואָס זיינען איבערגע׳חזר׳ט גע־וואָרן די קרבנות פון די נשיאים אין פרשת נשא צוועלף מאָל מיט אַלע פרטים, אין פלוג האָט דאָך געקענט שטיין ביי יעדער נשיא אַז ער האָט געבראַכט דעם זעלבן קרבן ווי דער פריערדיקער נשיא?

דער תירוץ אויף דעם איז, אַז יעדער נשיא האָט ביי זיין קרבן אויפגעטאָן אַנדערע ענינים, אַנדערע המשכות, ווי ס׳איז מרומז אין מדרש פרשת נשא[2]. דערפאַר קען ניט שטיין אין תורה אַז ער האָט געבראַכט אַזוי ווי דער פריערדיקער נשיא, וואָרום יעדער איינער האָט ממשיך געווען אַן אַנדער המשכה.

ד. על דרך זה קען מען פאַר־ענטפערן די קשיא וועגן די סדרות ויקהל־פקודי:

דער משכן וואָס דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה׳ן, ווי ער ווערט באַשריבן אין פרשיות תרומה ותצוה, און דער משכן וואָס די אידן האָבן געמאַכט לויט ווי עס ווערט דערציילט אין פרשיות ויקהל ופקודי, זיינען מרמז אויף צוויי באַזונדערע משכנות, ובלשון רז״ל[3]: משכן למטן משכן למעלן, און דערפאַר רעכנט ער אויס אַלע פרטים נאָך אַמאָל.

ובפרטיות: די כלי המשכן און לבושי כהונה ווי זיי זיינען צוערשט

---

1) זע תענית כא, א. הקדמת הרמב״ם לפירוש המשניות רד״ה אח״כ ראה.

2) מדרש רבה פי״ג־י״ד און ווייטער. זע תורה אור ח, ב. לקוטי תורה ברכה צח, ג.

3) במדבר רבה פי״ב, יב ובכ״מ.

געזאָגט געוואָרן (תרומה־תצוה) איז דאָס א) פון אויבערשטן, ב) צו משה רבינו, וואָס די מעלה דערפון ובפרט אין דעם ענין — איז אין דרייען:

א) שומע ומקבל הדבור, משה, איז א נשמה דאצילות, ד. ה. אַז זיי־ענדיק דאָ למטה איז ער געווען ווי אין עולם האצילות ממש, און ווי דער מאמר רז״ל שכינה מדברת מתוך גרונו.

כאָטש אַלע נשמות נעמען זיך דאָך פון אצילות, אָבער דאָס איז נאָר אַז זייער שורש איז אין אצילות [4], דאַקעגן נשמות דאצילות מיינט — אַז אויך למטה זיינען זיי אין דער מדריגה פון אצילות.

כאָטש עס איז פאַראַן א חילוק צווישן די נשמות ביז די כלים דאצי־לות, אַזוי ווי עס שטייט אין אגרת הקדש [5]: שכבר יצאו ונפרדו מהכלים (וועלכע זיינען שוין אַרויס און האָבן זיך שוין אָפּגעטיילט פון כלים), וואָס דאָס גייט אויף נשמות דאצילות, פונ־דעסטוועגן זיינען זיי נאָך אַלץ אין דער מדריגה פון אצילות.

ב) דער אופן ווי אַזוי ער האָט מקבל געווען דעם דיבור און די נבואה — איז: ולא קם נביא עוד בישראל כמשה [6]. אין דעם גופא זיי־נען פאַראַן צוויי פרטים: א) משה עמד על עמדו [7] בשעת גילוי הנבואה, ניט ווי אַנדערע נביאים. ב) משה׳ס נבואה איז געווען בבחינת „זה" און ניט בבחינת „כה". ד. ה. אַז ביי אַלע נביאים האָט זייער גשמיות׳דיי־קער גוף מבלבל געווען אפילו צום גילוי פון „כה", אָבער ביי משה רבינו איז זיין גוף געווען א כלי אפילו צו בחינת „זה".

ג) מקום הקבלה איז געווען אין הר סיני [8], וואָס דעמאָלט איז משה געשטאַנען אויף אַ העכערער מדריגה ווי ווען ער איז געווען למטה, והראי׳: דאָרטן איז דאָך לחם לא אכל ומים לא שתה [9] (ברויט האָט ער ניט גע־געסן און וואַסער ניט געטרונקען), כאָטש אַז אויך נאָכדעם ווי משה „ירד מן ההר" איז זיין עסן און טרינקען געווען אַנדערש ווי ביי אַלע מענטשן.

פון דעם אַלעמען איז פאַרשטענד־לעך, אַז אַזאַ משכן איז געמאַכט ניט פון גשמיות׳דיקע גאָלד און זיל־בער וכו׳ [10].

אָבער די כלי המקדש און לבושי כהונה אַזוי ווי זיי ווערן באַשריבן אין ויקהל־פקודי זיינען זיי געמאַכט געוואָרן: א) דורך אידן, וואָס רוב הנשמות זיינען נשמות דבריאה יצירה עשי׳ [11], ב) דאָ למטה, ג) פון זהב וכסף ונחושת וכו׳ גשמיים.

ה. פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אויף דעם גרויסן אונטערשייד פון דעם „בכח" און דעם „בפועל", איז ווען האָט זיך אויסגעפירט דער תכלית

---

4) זע אויבן עמוד 16.

5) סימן כ.

6) דברים לד, י.

7) רמב״ם הלכות יסודי התורה פ״ז ה״ו.

8) זהר ח״ב קנט, א. זע אויך במדבר רבה פי״ב, ח. וכנראה מדרשות חלוקות הן על הש״ס (מנחות כט, א). ומה שהקשה בעין יעקב (שם ובברכות נה, א) — בזהר שם מקשה לה ומפרק לה.

9) שמות לד, כח.

10) זע במדבר רבה פי״ב, ח: אש אדומה כו׳.

11) תורה אור ד״ה ואלה המשפטים.

הרצון פון דעם אויבערשטן און ווען איז מקוים געווארן זיין הבטחה פון ושכנתי בתוכם? — דוקא אין גשמיות'דיקן משכן פון ויקהל פקודי און ניט אין רוחניות'דיקן משכן פון דעם „הראת בהר", ווי ער זאגט אין מדרש דארט.

ווארום נתאוה הקדוש ברוך הוא להיות לו יתברך דירה בתחתונים דוקא, און ווי ער זאגט אין תניא[12], גייט דאס אויפן עולם הזה שאין תחתון למטה ממנו. כאטש ער איז א גשמי און א חומרי און דערצו נאך איז דארט א חושך כפול ומכופל, ווי ער רעכנט אויס בפרטיות אין תניא, פונדעסטוועגן, און מצד דעם גופא, פירט זיך אויס דער תכלית הכוונה אין עולם הזה דוקא.

— דערמיט איז בעסער פארשטאנדיק די קשיא וואס מען פרעגט אויף די אבנים טובות וואס די נשיאים האבן געבראכט פארן בית המקדש, וויבאלד עס איז געווען מעשה ניסים[13], ווי אזוי האט מען געקענט מאכן דערפון בגדי כהונה? דער גאנצער תכלית פון משכן און מקדש איז דאך, מען זאל זיי מאכן פון דברים גשמיים דוקא — דארף דאך דאס ניט זיין קיין מעשה ניסים, נאר ענינים וואס זיינען אנגעטאן אין טבע.

ו. דער מוסר השכל פאר אונז איז, אז מ'זאל ביי זיך ניט זיין אראפגעפאלן טראכטנדיק ווי קומט מען צו טאן א זאך פון רצון העליון און מכוון זיין צו דער כוונה עליונה, בשעת מען וויס אין וואס פאר א מצב מען שטייט, און בכלל געפינט מען זיך דאך אין חושך כפול ומכופל פון דעם ביטערן גלות, — דארף ער זיך בארעכענען אז ניט קוקנדיק אויף דעם, זאגט דער אויבערשטער צו, אז אויב מ'איז נאר א נדיב לב, דאס הייסט, אז מ'טוט א זאך מיט אידישעווארעמקייט און הארציקייט, איז דאן — ושכנתי בתוכם, דער אויבערשטער העלפט אויספירן און מכוון זיין צו דער כוונה עליונה.

ז. די צוויי משכנות זיינען מרומז אין אנהויב פון דער פרשה — אלה פקודי המשכן משכן העדות. וואס אין פלוג האט געדארפט שטיין אלה פקודי משכן העדות, פארוואס שטייט צוויי מאל משכן? נאר דאס זיינען די צוויי משכנות, דער משכן וואס דער אויבערשטער האט באוויזן צו משה'ן און דער משכן וואס די אידן האבן געבויט.

דער ווארט „עדות" שטייט ניט ביי דעם ערשטן משכן, וואס דער אויבערשטער האט באוויזן, נאר דוקא ביי דעם צווייטן משכן וואס אידן האבן געבויט.

דער ענין פון עדות איז דוקא אויף א פארבארגענער זאך. אויף אן אפענער זאך דארף מען קיין עדות ניט (דערפאר איז דאך דער דין אז אויף קדוש החודש כאטש עס דארף זיין עדות, אויב אבער בית דין האבן אליין געזען די לבנה, קענען זיי מקדש זיין דעם חודש אן קבלת עדות, דלא תהא שמיעה גדולה מראי׳)[14]. נאך מער — אויף מילתא דעבידא לאגלויי דארף מען אויך ניט

12) פרק ל"ו.

13) יומא עה, א.

14) ראש השנה כה, ב.

קיין עדות גמורה[15]), דער גאַנצער ענין פון עדות איז נאָר אויף אַ דבר הנעלם (אַ פאַרבאָרגענע זאַך).

לויט דעם וועט מען פאַרשטיין, וואָס דער וואָרט „עדות" שטייט דוקא ביי דעם צווייטן משכן, און דאָס איז צוליב צוויי טעמים:

א) דער משכן איז געווען מעשי ידי אדם, און פון דברים גשמיים, וואָס עס איז ניט אלקות בגלוי, דאַרף מען אויף דעם האָבן עדות. אָבער דער ערשטער משכן, איז אַ רוחני, בגלוי, דאַרף מען אויף אים קיין עדות ניט.

ב) דורך דעם משכן הגשמי דוקא איז מען ממשיך עצמות וואָס דאָס איז העכער פון אַלע גילויים — אַ זאַך וואָס איז אינגאַנצן פאַרבאָרגן[16]).

אין דעם משכן וואָס דער אויבערשטער האָט באַוויזן משה'ן זיינען געווען גילויים, המשכות, הארות והשפעות, אָבער ניט עצמות, דאַקעגן אין דעם משכן וואָס די אידן האָבן געבויט בגשמיות, דאָרטן דוקא איז געווען דער ושכנתי בתוכם, וואָס דאָס מיינט המשכת העצמות.

כאָטש אַז דער משכן וואָס די אידן האָבן געבויט איז געווען פון דברים גשמיים, מ'האָט גענומען זהב כסף ונחושת און פון זיי אויפגעבויט אַ משכן, גאָלד און זילבער און קופער כפשוטו;

אָבער היא הנותנת, ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות, אַז עיקר שכינה בתחתונים היתה, ניט גילויים, נאָר עיקר שכינה[17]).

ח. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין ירושלמי[18]), בכל יום אדם מתפלל שמונה עשרה... כנגד י"ח ציווין שכתוב בפרשת משכן שני. משכן ראשון רופט אָן דער ירושלמי דעם משכן וואָס אין פרשת תרומה־תצוה. משכן שני רופט ער אָן דעם משכן וואָס אין פרשת ויקהל ופקודי. און אַזוי ווי אין משכן שני שטייט אַכצן מאָל כאשר צוה, ווער־פאַר דאַוונט מען ח"י ברכות.

באַווארנט דער ירושלמי באַלד אויפן אָרט: אין פלוג איז דאָך פאַראַן נײַנצן מאָל כאשר צוה, ענטפערט ער דאָרט: ובלבד מן ואתו אהליאב בן אחיסמך עד סופי' דסיפרא. ד. ה. אַז מען רעכנט נאָר דעם לשון כאשר צוה וואָס שטייט ביי בצלאל און אהליאב צוזאַמען, אָבער דאָס וואָס ס'שטייט כאשר צוה ביי בצלאל'ן אַליין, גייט ניט אַריין אין חשבון. אין פלוג איז ניט פאַר־שטאַנדיק: א) וואָס איז די שייכות פון ח"י ברכות פון תפלה צו די ח"י מאָל כאשר צוה. ב) וואָס איז דער פאַרבונד פון תפלה מיט משכן שני דוקא. ג) פאַרוואָס רעכנט מען כאשר צוה אַנטקעגן די ח"י ברכות נאָר וואו עס ווערט דערמאָנט אויך אהליאב.

נאָך מער איז ניט פאַרשטאַנדיק, עס איז דאָך ידוע[19]) אַז תפלה איז מלשון חיבור (אַזוי ווי התופל כלי חרס, נפתולי נפתלתי), וואָס דער ענין פון תפלה איז דער חיבור און פאַרבונד פון דעם דאַוונער צו אלקות, האָט דאָך דאָס געדאַרפט האָבן אַ

15) ראש השנה כב, ב.

16) זע ספר המאמרים ת"ש עמוד 51.

17) זע ד"ה באתי לגני תשי"א (סה"מ באתי לגני ע' כט ואילך. סה"מ מלוקט ח"א ע' ג ואילך).

18) ברכות פ"ד ה"ג.

19) תורה אור עט, סע"ד.

שייכות צו בצלאל'ן אליין, וואס ער איז פון שבט יהודה, מערער ווי צו אהליאב, למטה דן, ווייל: א) שבט יהודה איז דער דערהויבנסטער צווישן שבטים, (ווי עס שטייט אין מדרש[20]) אז דערפאר האט מען אויסגעקליבן בצלאל ואהליאב דוקא, צוליב המעולה שבשבטים והירוד שבשבטים), ב) יהודה איז מלשון הודאה, און האט בפרט א שייכות צו שמונה עשרה[21], דער ענין הדבי־קות שבתפלה קען זיין נאר דורך הודאה וביטול, איז פארוואס האט עס א שייכות מיט דערמאנען אהליאב'ן דוקא?

ט. אויפן פסוק סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, זאגט דער זהר[22]: סולם דא צלותא — תפלה. אין מדרש[23]) שטייט: סולם זה סיני — תורה. אין חסידות ווערט דער־קלערט דער חילוק צווישן תורה און תפלה, תורה איז המשכה מלמעלה למטה (פון אויבן אראפ), און תפלה איז העלאה מלמטה למעלה (פון אונטן ארויף).

און דאס מיינט סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה (אין דעם ענין פון תפלה): דער סולם שטייט „ארצה". ניט סתם בארץ (בי"ת — מיט א שב"א), נאר ארצה מיט א צוגעגע־בענער ה"א, דאס מיינט אז עס ציט זיך לארץ[24]), נאך ארציות, נידערי־קער אין ארץ[25]), און די עבודה איז, נעמען די דברים התחתונים ביז וואס ליגט מתחת לארץ, און מעלה זיין זיי ניט נאר בשמים — מקיפים, נאר נאך א סך העכער — אין שמימה בתוספת ה"א — מקיפים למקיפים, און נאך א סך העכער — השמימה — עצמות, אהין דארף מען מעלה זיין די גשמיות'דיקע זאכן.

און ווי געזאגט פריער — דאס איז אן עבודה מלמטה למעלה, עבודה בדרך עבודת עבד. כאטש מצד דעם גופא איז דא א תענוג, אבער איר ענין איז עבודת עבד.

כאטש אז מען גיט אויף דעם א כח מלמעלה, וואס דאס איז דער ענין וישכם לבן בבוקר, אז בכל צפרא איז מאיר דער לובן העליון[26]), איז דאס אבער ניט מער ווי בלויז א נתינת כח, אבער די עבודה אליין איז מלמטה למעלה.

דערמיט איז פארשטאנדיק די שייכות פון תפלה צו משכן שני דוקא, ווייל בײדע זיינען איין ענין, נעמען דברים גשמיים און מאכן פון זיי א משכן ודירה פאר דעם אוי־בערשטן.

י. מצד דעם וואס תפלה איז העלאה מלמטה למעלה און מען דארף מעלה זיין אפילו די סאמע נידער־ריקסטע זאכן, און לויט דעם באַ־וואוסטן לשון אז מען דארף מיט־נעמען אפילו די פאנטאפל[27]), איז

20) שמות רבה פ"מ, ד.

21) תורה אור ד"ה יהודה אתה. ד"ה יהודה אתה, תרפ"ח.

22) ח"א רסו, ב. ח"ג שו, ב. תיקוני זהר תיקון מ"ה.

23) בראשית רבה פס"ח, יב.

24) זע כלי יקר על הפסוק.

25) זע בראשית רבה (ספס"ח): מוצב ארצה ויתיצבו בתחתית ההר כו', בבקעת דורא כו'.

26) תורה אור כה, ב.

27) זע שיחת שמחת תורה תש"א אות ח (סה"ש תש"א ע' 32).

אזוי ווי ביי זיך גופא דארף מען מיטנעמען אלע כוחות פון נפש, אויך די נידעריקע כוחות, און מעלה זיין זיי,

אזוי איז אויך ביי אידן בכלל, וואס קודם התפלה דארף מען מקבל זיין אויף זיך מצות ואהבת לרעך כמוך, אזוי ווי עס שטייט אין פרי עץ חיים [28]) און דער אלטער רבי ברענגט עס אין סידור, מען דארף זיך כולל זיין מיט אלעמען צוזאמען, אין אפילו די אידן וואס זיינען בבחינת אהליאב — אזוי ווי עס שטייט אין מדרש: דער געפאלנסטער צווישן די שבטים — דארף מען זיי אויך מעלה זיין.

וואס דאס איז דאך דער ענין פון ואהבת לרעך כמוך, לויט דעם מאמר פון בעל שם טוב, אז מצות אהבת ישראל איז אויך צו א אידן וואס געפינט זיך אין עק וועלט, וואס ער האט אים קיינמאל ניט געזען און האט מיט אים קיינמאל קיין שייכות ניט געהאט.

בשעת א איד שטעלט זיך דאווי־נען, ד. ה. אז ער האט שוין געטאן די הכנות וואס מען דארף טאן פארן דאווענען און ער איז שוין גרייט צו שטעלן זיך דאווענען, וואס מיט דעם עצם ענין פון שטעלן זיך דאווענען, ובפרט נאך די הכנות פון פארן דאווענען, ווערט ער דאך גאר שטארק דערהויבן, ווארום ער רייסט זיך דאך אפ פון אלע ענינים פון וועלט און שטעלט זיך פאר דעם אויבערשטן [29]);

קען ער דאך טראכטן, וואס האט ער דעמאלט פאר א שייכות מיט א אידן וואס האלט נאך ניט ביי דאווענען, אפילו ניט ביי הכנות צו דאווענען, א איד א ירוד. זאגט מען אים, אז מצות אהבת ישראל מיינט אפילו צו א אידן וואס אין אן אנ־דער עק וועלט, אין אן אנדער עק פון זיין וועלט ברוחניות.

נאך מערער זאגט מען אים, אז מצות אהבת ישראל איז אפילו צו אזא וואס ער האט אים קיינמאל ניט געזען — ד. ה. אפילו אידער ער האט זיך געשטעלט גרייטן צום דאווי־נען — און קיינמאל ניט געהאט קיין שייכות מיט אים, ווארום יענער איז באין ערוך צו אים אפילו ווי ער איז אידער ער שטעלט זיך דאווי־נען וואס זיין נשמה (איז דעמאלט מער ניט ווי) באפו [30]).

און דאס איז ניט נאר א מצוה פון אהבת ישראל וואס זי איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה, דאס איז אויך נוגע צו זיין דאווענען, און צו זיינע עליות, אהבת ישראל איז די הכנה און הקדמה צו זיין תפלה.

דער טעם אויף דעם איז, ווייל דער סדר העלי׳ איז, אז מען מוז אויפהויבן פון גאר דעם נידעריקסטן, ווי עס איז באוואוסט [31]) דער משל וואס א בנין הויבט מען אויף דורך א ליווער.

און עס איז פשוט, אז אויך אין זיין נפש דארף ער מיטנעמען ניט נאר דעם בצלאל שבנפשו נאר אויך דעם דן וירוד שבנפשו. ער דארף דאווענען מיט אלע כחות צוזאמען, פון אלעמען מאכן א משכן פאר דעם אויבערשטן.

28) שער ג, פ״ב.

29) זע לקו״ש ח״ב ע׳ 349 ואילך.

30) ברכות יד, א. ונתבאר בהקדמת לקוטי תורה לג׳ פרשיות (אוה״ת בראשית כרך ו׳ תתרכ, א ואילך).

31) תורה אור ד, א.

יא. און דאָס איז דער ענין פון די אַכצן ברכות פון שמונה עשרה אַנטקעגן די ח״י מאָל כאשר צוה וואָס שטייען במשכן שני וואו עס ווערט דערמאָנט אויך אהליאב, ווייל דער תכלית הכוונה איז צו מאַכן אויך פון די ענינים פון אהליאב אַ משכן, און אַזוי אויך אין תפלה דאַרף מען מעלה זיין אויך אהליאב׳ן.

יב. אַזוי ווי אין משכן איז דורך דערהויבונג פון אונטן אַרויף (און בפרטיות אין דעם ענין פון די קרבנות פון משכן, וואָס דאָס איז איינע פון די עיקר עבודות שבמשכן) געוואָרן שפּעטער די המשכה פון אויבן אַראָפּ — ושכנתי בתוכם (ריח ניחוח), און זיי — די העלאה והמשכה — האָבן געבראַכט דעם „כאשר צוה״, צוה מלשון צוותא — התקשרות והתחברות, דער פאַרבונד פון די דברים גשמיים מיט עצמות, חיבור נברא ובורא.

— און ווייל דער כוח אויף דער התקשרות איז פון משה רבינו, (אין דער בחינה פון משה רבינו וואָס איז פאַראַן ביי יעדן איינעם) דער־פאַר זאָגט ער כאשר צוה ה׳ את משה. —

אַזוי אויך אין דעם ענין פון תפלה (וואָס תפלות כנגד קרבנות תקנום). בשעת עס איז דאָ די העלאה, דער מתפלל ווייס אַז ער דאַרף זיך צו קיינעם ניט ווענדן נאָר צום אויי־בערשטן אַליין, — דורך דעם איז ער ממשיך מלמעלה אַלע המשכות וואָס ער דאַרף, רופא חולים ומברך השנים וכו׳ און די העלאה והמשכה פועל׳ן דעם חיבור און די פאַר־איינציקונג פון דעם מענטשן מיט אלקות, ביז צום העכסטן יחוד, וואָס דאָס איז סיום התפלה „בשלום״.

(משיחות פרשת ויקהל, פקודי, תשי״א, תשח״י)

יג. פון פרשת פקודי גייט מען אַריין אין פרשת ויקרא.

די שייכות פון ביידע פרשיות איז:

ביי דער ענדע פון פרשת פקודי רעדט זיך וועגן דעם ענן (וואָלקן) וואָס איז געווען אויף דעם משכן. ענן איז העלם, וואָס האָט ניט גע־לאָזן משה׳ן אַריינגיין אין אוהל מועד, ולא יכול משה גו׳, דערנאָך איז ויקרא אל משה, קריאה איז דער ענין פון גילוי (אַנטפּלעקונג). דער גילוי וואָס נאָך העלם.

דער גילוי וואָס נאָך דעם העלם איז העכער ווי גילוי אַליין, ווי באַ־וואוסט.

יד. דער ענין פון גילוי וואָס נאָך דעם העלם אין דער עבודה פון מענטשן איז עבודת התשובה. תשובה קומט דאָך נאָך דעם ווי דער מענטש האָט זיך דערווייטערט פון אלקות — העלם. און תשובה איז דאָך דער טייטש צוריקגעקערט — גילוי.

אויך ביי תשובה — אַזוי ווי ביים גילוי וואָס נאָכן העלם — איז כפלים לתושי׳ [32], ביז צו תכלית התשובה — זדונות נעשו לו כזכיות, אתהפכא חשוכא לנהורא (זדונות ווערן ווי זכיות און פינצטערניש ווערט אי־בערגעקערט אויף ליכטיקייט).

טו. דאָס איז אויך דער פשט וואָס במקום שבעלי תשובה עומדים צדיקים גמורים אין יכולים לעמוד שם [33].

---

32) זע אויבן עמוד 186.

33) ברכות לד, ב. רמב״ם הלכות תשובה פ״ז ה״ד. און זע בספר המאמרים תש״ט עמוד 183 בהערה.

ביי צדיקים זיינען פאַראַן זכיות. און אין דעם גופא זיינען דאָ צוויי מדריגות: א) די המשכה דורך מצוות עשה, וואָס דאָס איז דער קו פון ועשה טוב. ב) די המשכה דורך מצוות לא תעשה, דער קו פון סור מרע, אָבער דאָך מער ניט ווי אָפּ־שטופּן דעם רע, ניט איבערקערן דעם רע אַליין צו טוב. אין אַן ענין און עבודה פון גילויים זיינען דאָ הגבלות, רע בלייבט רע און מען מוז דאָס אָפּשטופּן. אָבער תשובה וואָס דאָס רירט אָן אין עצם הנפש און אַזוי אויך למעלה אין עצמות, דאָרטן זיי־נען ניטאָ קיין הגבלות. זדונות אַליין ווערן זכיות.

און דאָס איז דער ענין פון תכלית הקריאה וואָס קומט נאָך העלם, ניט אָפּשטופּן און אָראָפּנעמען דעם העלם, נאָר אַז „לילה כיום יאיר" (נאַכט וועט לייכטן ווי טאָג).

טז. און דאָס איז אַ הוראה צו יעדער איינעם אין זיין עבודה, אַז אין וועלכן מצב ער געפינט זיך, טאָר ער זיך ניט מיאש זיין חס ושלום, נאָר אדרבה דורכן העלם קען מען צוקומען צו אַ העכערן גילוי.

אַזוי אויך וועגן דורות בכלל. פרעגט מען דאָך די קשיא: עס זיי־נען געווען אַ סך שענערע דורות ווי היינט און פונדעסטוועגן איז מען געווען נאָך ווייט פון דער גאולה, היינט ווי זאָל מען עס פאַרשטיין, אַז דוקא אין דעם דור וואָס אכשור דרא בתמי' וועט זיין די גאולה?

איז דער ענטפער אויף דעם, אדרבה, היא הנותנת כנ"ל.

צו פאַרטאָג איז דער שלאָף אַ שטאַרקערער, און דעמאָלט דאַרף מען זען זייער שטאַרקן זיך ניט צו פאַרשלאָפן חס ושלום און אויפכאַפּן זיך צום אור הבוקר, ביז מען וועט זוכה זיין צו „לילה כיום יאיר".

(משיחות פרשת פקודי, תשי"ז)

# לקוטי שיחות

•

## ויקרא

# פרשת ויקרא

## פ' זכור

**א.** אין אָנהויב פרשת ויקרא (פ' הקרבנות) שטייט, אדם כי יקריב מכם קרבן להוי'. אין פלוג איז ניט פאַר־שטאַנדיק: אויב דער פירוש איז נאָר כפשוטו, אַז דער „מכם" גייט אויפן וואָרט „אדם", אַז אַ מענטש פון אייך וועט מקריב זיין, האָט ער גע־דאַרפט זאָגן אדם מכם כי יקריב, פאַרוואָס זאָגט ער אדם כי יקריב מכם?

איז דאָך באַוואוסט וואָס ס'שטייט אויף דעם אין חסידות, אַז דערמיט קומט ער אויך דערקלערן דעם ענין פון קרבנות ברוחניות — אין עבודה בנפש האדם.

עס איז דאָך באַוואוסט דער דיוק רז"ל [1]) אויפן פסוק ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוכו לא נאמר אלא בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. וואָס פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַלע עבודות וואָס זיינען געווען אין משכן ומקדש הגשמי, זיינען אויך דאָ אין רוחניות — אין דעם מקדש הרוחני וואָס איז פאַראַן אין יעדן אידן.

דאָס איז בנוגע אַלע עבודות. מכל שכן עבודת הקרבנות, וואָס אויך אין מקדש הגשמי גופא — וואָס כפשוטו איז דאָס געווען אַן עבודה גשמית און מען האָט מקריב געווען אַ בהמה גשמית — איז אין פנימיות דאָס אויך געווען אַן עבודה רוחנית.

דערפאַר האָט געדאַרפט זיין — בשעת הקרבת הקרבן — די באַ־טייליקונג פון די כהנים מיט זייער עבודה, און די לויים בשירים וזמרם, וואָס דאָס זיינען ענינים רוחניים. ווי עס שטייט אין זהר [2]) דכהני בחשאי וברעותא דלבא — המשכה, ולויים בשירה וזמרה — העלאה מלמטה למעלה.

איז דאָך עבודת הקרבנות אויך אין מקדש געווען אַן עבודה רוחנית, און מכל שכן עבודת הקרבנות ווי עס איז ביי יעדן אידן.

די דערקלערונג פון פסוק לויטן טייטש פון אַלטן רבי'ן [3]): „אדם כי יקריב", ווען אַ מענטש וויל נתקרב ווערן צו אלקות (וואָס דער ענין פון קרבן איז קירוב הכחות והחושים) [4]), איז „מכם קרבן להוי'", דאַרפט איר מקריב זיין פון אייך אַליין.

**ב.** אין דעם אַליין זיינען פאַראַן צוויי פרטים: א) „מכם", דער קרבן פון נפש האלקית. ב) „מן הבהמה", די בהמה וועלכע געפינט זיך אין דעם מענטשנס האַרץ, ד. ה. פון נפש הבהמית. וואָס אויף דעם רעכנט

---

1) זע אויבן עמוד 165.

2) חלק ג לט, א. זע אויך ביאורי הזהר ריש פרשת ויצא, לקוטי תורה ואתחנן ד"ה וידעת (השני) פרק ב. שם סוכות ד"ה ושאבתם (השני) פרק א.

3) ד"ה ושאבתם מים חג הסוכות תש"א (סה"מ קונט' ח"ב תנ, א־ב). קונטרס לימוד החסידות פרק יב. זע אויך לקוטי תורה ד"ה אדם כי יקריב.

4) ספר הבהיר סימן מו (קט). זע אויך זהר חלק ג ה, א. של"ה מסכת תענית (ריא, ב). זע אויך פרי עץ חיים שער התפלה פרק ה.

אויס דער פסוק ווייטער: „מן הבקר ומן הצאן" — די פּרטי המדריגות פון נפש הבהמית, ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות 5).

און דער תכלית איז ניט אין דער עבודה פון נפש האלקית מצד עצמה, נאָר אין בירור נפש הבהמית דוקא.

און אויך דאָס איז מרומז אין פסוק. ביי דעם וואָרט „מכם", זאָגט ער קרבן להוי', און נאָך דעם ווי ער זאָגט מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן, פּירט ער אויס לרצונו לפני הוי', פאַר הוי' 6), העכער פון הוי', ווייל דער בירור פון נפש הבהמית דערלאַנגט העכער, אַזוי ווי עס שטייט 7), ורב תבואות בכח שור.

דערפאַר דערלאַנגט דער קרבן פון „מכם" נאָר צום שם הוי'. אמת טאַקע אַז אויך דער קרבן פון „מכם" איז ניט צו „אלקים", בגימטריא הטבע (אלקות וואָס באַהאַלט זיך אין טבע), נאָר צו הוי' דוקא, ווי עס ווערט דערקלערט אין זהר 8) אויפן פסוק זובח לאלקים יחרם, און דאָך קומט עס ניט צו דער עלי' דורך דעם בירור הגוף ונפש הבהמית, וואָס דורך דעם דוקא דערלאַנגט מען נאָך העכער, לפני הוי', למעלה מהשתלשלות לגמרי, ווי עס שטייט 9), כד אתכפיא סטרא אחרא אסתלק יקרא דקודשא בריך הוא בכולהו עלמין, אור שבכל העולמות בשוה 10).

ג. אין סדר הקרבת הבהמה בגשמיות האָט מען די ערשטע זאַך געדאַרפט זען אַז די בהמה זאָל זיין אַ גאַנצע. מען האָט איר געדאַרפט בודק זיין זי זאָל ניט האָבן קיין מום, און ערשט דאַן „ירצה לקרבן".

דאָס זעלבע איז ביי קרבנות ברוחניות. ביי עבודת הקרבת בהמה הרוחנית, איז אידער מען גייט צו מקריב זיין דעם נפש הבהמית להוי', דאַרף מען צום ערשטן זען אַז די בהמה — דער נפש הבהמית, זאָל זיין בשלימות און ניט האָבן קיין מום 11).

דערפאַר איז בתחלת העבודה — בדיקה, בודק זיין בכל פינות נפשו, אין מוחין, אין מדות ובפרט אין די דריי לבושים מחשבה דבור ומעשה, צו וויסן די ענינים וועלכע טויגן ניט, און מתקן זיין זיי.

בכדי אַז די בדיקה זאָל זיין אדעתא דנפשי', ניט בדרך מצות אנשים מלומדה, דאַרף ער וויסן אַז דאָס איז אים נוגע בחיי נפשו ממש. דאַן וועט די בדיקה זיין ווי עס דאַרף זיין, און אויך די תיקונים וועלכע פאַדערן זיך, וועט ער דורכפירן בפועל, וואָרום ער וויס דאָך אַז דאָס איז אים נוגע בחיי נפשו.

ד. ווען ער וועט זיך עוסק זיין אין עבודת הבדיקה און זיך פאַר־

---

5) קונטרס התפלה פרק ח.

6) לקוטי תורה ד"ה לבאר כי אדם כי יקריב.

7) משלי יד, ד.

8) חלק ג ה, א. — ועל פי זה יומתק דיוק לשון רז"ל (מנחות קי, א): לבעל הדין לחלוק. — ומש"כ (מנחות שם) גם שם א־ל, יעויין זהר חלק ג לא, א. קלב, א.

9) זע תניא פרק כז. לקוטי תורה ריש פרשת פקודי, שם פרשת חוקת ד"ה על כן יאמרו פרק ב.

10) זע ד"ה באתי לגני תש"י פרק א. באתי לגני תשי"א (סה"מ באתי לגני ח"א ע' לד. סה"מ מלוקט ח"א ע' ח).

11) ביאור הענין מובן על פי מה שנתבאר בתו"א מקץ (לו, ג). הוספות לתו"א (יא, ד). ועוד.

טראַכטן אין זיין מעמד ומצב אדעתא דנפשי׳, וועט ער זיך אָפּט מאָל כאַפּן, אַז אויב אַפילו איצטער איז ער ניט קיין בעל עבירה, איז דאָך אָבער „וחטאתי נגדי תמיד״, אַז די חטאים וואָס ער האָט געטאָן במשך ימי חלדו (פון זיין פריסטער יוגנט אָן), אויך די וואָס ער האָט געטאָן פאַר בר מצוה [12]), זיינען דאָך פאַר־בליבן, וואָרום ער האָט זיי נאָך ניט אין גאַנצן מתקן געווען.

אַ ראי׳ אַז ער האָט נאָך די חטאים ניט מתקן געווען און ער האָט נאָך ניט געטאָן קיין תשובה ווי עס דאַרף זיין: אויב זיין תשובה וואָלט געווען ווי מען דאַרף, וואָלט זיין עבודה געווען שטאַרקער, ווייל דאָס וואָס ער איז געווען פריער בארץ צי׳ וצלמות, האָט געדאַרפט ביי אים דערוועקן אַ גרויסע תשוקה און אַן אהבה צו אלקות, אַן אהבה וואָס זדונות נעשו לו כזכיות [13]), און ער זעט אַז ביי אים איז ניט אַזוי;

אדרבה, ווען ער באַטראַכט זיך אין זיין מצב ווי ער איז באמת, ניט וועלן מאַכן זיך גרינג און ניט וועלן אָפּנאַרן זיך, פילט ער ביי זיך אַז ער שטייט אין אַ פאַרקערטן ציור, ניט נאָר אַז עס איז ניט „נעשו כזכיות״ — נאָר עס איז געבליבן אַן עבירה, וואָס דערפאַר ציט אים צו אַן עבירה — עבירה גוררת עבי־רה [14]), זעט ער דאָך אַז ער האָט נאָך קיין תשובה ווי עס דאַרף צו זיין ניט געטאָן.

דאָס הייסט, אַז דער „וחטאתי נגדי תמיד״ איז ביי אים ניט דערפאַר ווייל מצד זיין איצטיקן מעמד ומצב איז ניט געגוג די פריערדיקע תשובה און ער דאַרף האָבן אַ העכערע תשובה [15]), נאָר ער האָט לכתחילה ניט מתקן געווען זיינע ענינים, און זיי זיינען אַ מסך מבדיל בינו לבין אביו שבשמים [16]), מפסיק און מונע פון עבודת הוי׳.

איז בשעת ער איז זיך מתבונן אין דעם אַלעם און ווייסט אויך די גרויסקייט פון דעם ענין פון קרבנות, אַז קרבנות איז קירוב הכחות והח־חושים, ביז עס ווערט נכלל באש של מעלה, און רזא דקורבנא עולה עד רזא דאין סוף [17]), פרעגט ער ביי זיך: וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו קרבנות, און ווי אַזוי איז ירצה לקרבן להוי׳, אַז ער איז „אין בו מתום״?!

צו פאַרענטפערן די קשיא, איז מוסיף כ״ק מו״ח אדמו״ר [18]) אויפן פירוש פון אַלטן רבי׳ן אין דעם וואָרט „מכם״ — מכם ובכם הדבר תלוי, דאָס איז אָפּהענגיק פון אייך אַליין. ניט קוקנדיק אויף זיין מעמד ומצב און אויף דעם וואָס ער איז אַדורך ביז איצט, פונדעסטוועגן איז בכם הדבר תלוי, ביז אַז יעד־דער איד קען זאָגן [19]), מתי יגיעו מעשיי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב.

---

12) פוקח עורים פרק כא־כב. זע אויך שלחן ערוך אורח חיים סוף סימן שמ״ג. סנהדרין נה, ב.

13) זע תניא פרק ז.

14) אבות פרק ד, משנה ב.

15) זע תניא פרק כט. אגרת התשובה סוף פרק יא.

16) זע תניא פרק יז.

17) זע זהר חלק ב רלט, א. זהר חלק ג כו, ב.

18) ד״ה באתי לגני תש״י פרק ב.

19) תנא דבי אלי׳ רבה פרק כה.

ה. דער סדר אין הקרבת הקרבן בגשמיות איז, אַז נאָכדעם ווי מען געפינט אויס אַז די בהמה איז אַ תמימה אָן אַ מום, דאַרף מען זי שחט'ן. אויך נאָך דער שחיטה בלייבט איבער דער קערפּער פון דער בהמה גאַנץ, מען נעמט נאָר אַרויס איר חיות. דאַן איז מען איר מקריב אויפן מזבח, וואו עס ווערט פאַרברענט אויך איר גשמיות'דיקער קערפּער, — ביי אַלע קרבנות דעם חלב, און ביי קרבן עולה, התחלת הקרבנות, די גאַנצע בהמה, כליל למזבח — אין דעם ג־טלעכן פייער וואָס פלעגט אַראָפּ־קומען מלמעלה.

אַזוי אויך אין רוחניות. נאָך דעם וואָס מען איז מתקן די מומים, דאַרף זיין שחיטה, שחט'ן דעם גוף און נפש הבהמית, ד. ה. אַרויסנעמען דעם קאָך און חיות פון ענינים גשמיים. די דברים גשמיים אַליין בלייבן גאַנץ, אָבער זיי זיינען אָן אַ קאָך, ער באַנוצט זיך מיט זיי נאָר בכדי ער זאָל האָבן אַ תוספת כח אין עבודת הוי', כמאמר[20] חמרא וריחא פקחין, דלא[21] אכלי בישרא דתורא לא דקדקתי טעמו של דבר, וואָס דאָס איז דאָך דער ציווי בכל דרכיך דעהו[22], אַז אַלע ענינים זאָלן זיין לשם שמים. אָדער נאָך טיפער, ניט נאָר אויסנוצן די דברים הגשמיים צוליב קדושה נאָר מאַכן פון זיי אַליין מצוה וקדושה, — ווי אכילת שבת ויום טוב, אָדער ווי ציצית מצמר גשמי און תפילין מקלף גשמי.

און דאַן קען זיין די הקרבה, אַז דער גוף און נפש הבהמית זאָלן נכלל ווערן אין ג־טלעכן פייער וואָס אין דער נשמה, אַזוי ווי עס שטייט, רשפי' רשפי אש שלהבת י־ה, ואמרו רז"ל, כאש של מעלה[23], דאָס איז די אהבה פון דער נשמה צום אויבערשטן — און אין איר ווערן נכלל דער גוף ונפש הבהמית, אַז אויך דער נפש הבהמית באַקומט אָן אהבה צו דעם אויבערשטן, אַזוי ווי עס שטייט ואהבת את הוי' אלקיך בכל לבבך ואמרו רז"ל[24] בשני יצריך.

(פון מאמר ד"ה באתי לגני, תשי"ב)

## פ' זכור

ו. מלחמת עמלק מיט אידן, געפינען מיר, בכלל, אין פיר זמנים: א) באַלד ווי די אידן זיינען אַרויס פון מצרים. ב) אין די לעצטע יאָרן וואָס די אידן זיינען געווען אין מדבר, איידער זיי זיינען אַריין אין ארץ ישראל (נאָר דאַן האָט זיך עמלק פאַרשטעלט פאַר אַ כנעני)[25]. ג) אין די ערשטע יאָרן פון זייער זיין אין ארץ ישראל, נאָך דעם מינוי פון שאול המלך און פאַרן בנין בית המקדש (וואָס אַזוי איז דער סדר אין די ג' דברים שנצטוו בכניסתם לארץ: מינוי מלך, מלחמת עמלק ובנין בית המקדש). ד) בדרא דמלכא משיחא.

דברי ימי ישראל, זינט אידן זיי־

---

20) יומא עו, ב. על פי הגירסא שהובאה בתניא פרק ז ובכמה מקומות בדא"ח.

21) בבא קמא עב, א.

22) זע רמב"ם הלכות דיעות פרק ג. טור ושולחן ערוך אורח חיים סימן רל"א.

23) שיר השירים ח, ו. ילקוט שם. ביאור שייכות אהבת נפש האלקית לאש של מעלה ראה ד"ה באתי לגני תשי"ב פרק ג (סה"מ באתי לגני ח"א ע' מ. סה"מ מלוקט ח"א ע' כב־כג).

24) ברכות נד, א.

25) במדבר רבה יט, כ. תנחומא פרשת חוקת הובא בתוספות ראש השנה ג, א ד"ה וישמע הכנעני.

נען געוואָרן אַ פאָלק אַרויסגייענדיק פון מצרים מקבל זיין די תורה, טיילן זיך אין צוויי תקופות: א) ווען אידן זיינען געווען אין מדבר און ניט געהאַט צו טאָן מיט גשמיות עולם הזה, און זייערע באַדערפעניש וועלכע טיילן זיך אין מזון, לבוש ובית (שפייז, קליידונג און דירה), האָבן זיי געהאַט פון מן, בארה של מרים און ענני הכבוד. ב) ווען אידן זיינען אריין אין ארץ שבעת עממין בכדי צו מאַכן פון איר ארץ ישראל, וואָס אין דער תקופה גייט אויך אַריין דער זמן הגלות, ווען אידן זיינען בארצות האומות אויף צוגרייטן דאָרטן דעם „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות", צו מאַכן פון זיי אַ דירה לו יתברך.

די אויבנדערמאָנטע פיר זמנים פון מלחמות עמלק, זיינען די ערשטע צוויי געווען אין אָנהויב און סוף פון דער ערשטער תקופה, און די אַנדערע צוויי — אין אָנהויב און סוף פון דער צווייטער תקופה.

פון דעם וואָס מיר זעען אַז אין די צוויי מלחמות פון דער ערשטער תקופה, איז די ערשטע געווען מיט אַן אָפענעם עמלק און די צווייטע — מיט אַ פאַרשטעלטן (פאַר אַ כנעני), איז פון דעם אַ באַוויז, אַז אויך די צוויי מלחמות פון דער צווייטער תקופה, איז די ערשטע מלחמה בימי שאול געווען מיט אַן אָפענעם עמלק, און די צווייטע מלחמה, בדרא דמלכא משיחא, אונזער דור, דער דור צו וועמען משיח קומט במהרה בימינו, איז מיט אַ פאַרבאָרגענעם עמלק.

ז. אויף מלחמת עמלק אין אָנהויב פון דער ערשטער תקופה, שטייט

„אשר קרך". טייטשט דער מדרש[26], קרך מלשון קרירות. ער האָט ניט דער'הרג'עט חס ושלום, ער האָט נאָר אָפּגעקילט.

בשעת אידן זיינען געגאַנגען צו מתן תורה, און געוואָלט שרייען נעשה קודם לנשמע, צי מען וועט יאָ פאַרשטיין צי ניט פאַרשטיין וועט מען מקיים זיין וואָס מען וועט הערן, קומט צו גיין עמלק און קילט אָפּ.

ער טענה'ט ניט מען זאָל חס ושלום ניט גיין צו קבלת התורה, ער איז דאָך אויך אַן אייניקל פון אברהם ויצחק. ער טענה'ט נאָר: וואָס איז אַזוי די התפעלות וואָס דו שפּרינגסט פון די כלים און שרייסט נעשה קודם לנשמע, ביסט מקבל אויף זיך צו טאָן אײדער דו ווייסט וועגן וואָס עס רעדט זיך? דו ביסט דאָך אַ בעל שכל, והראי' אַז מען וויל דיר געבן אַ תורה וואָס היא חכמתכם ובינתכם לעיני כל העמים, איז פאַר אַ בעל שכל פאַסט ניט ער זאָל אַרויס פון די כלים און אַרויסשפּרינגען פון מדידה והגבלה, פון זיין טעם ודעת, ובפרט נאָך שרייען „נעשה", ער וועט טאָן אַלץ וואָס ער וועט הערן סיי ער וועט פאַרשטיין, סיי ער וועט ניט פאַרשטיין.

עמלק איז אויך אַן אייניקל פון אברהם ויצחק, און ער איז מסכים אויף לימוד התורה, אָבער ניט אויף הנהגת יעקב איש תם יושב אהלים. ער טענה'ט „יושב אהלים", לערנען תורה — מסכים, אָבער „איש תם", ניט פרעגן פריער וועגן וואָס עס רעדט זיך און וואָס מען וועט פון

---

26) תנחומא פ׳ תצא. זע אויך לקו״ש ח״ב ס״ע 387 ואילך.

אים פאַרלאַנגען, נאָר נעשה קודם לנשמע, אויף דעם איז ער ניט מסכים. ער האַלט מיט דעם סדר פון עשו'ן — איש יודע ציד, ער פאַרשטייט, ער רעכנט אויס וויפל ער קען פאַנ־גען און פאַרנעמען, ער שאַצט אָפּ זיינע כוחות מיט זיין שכל וויפל ער וועט לערנען און וויפל ער וועט מקיים זיין. ער גייט מיט אַ סדר פון נשמע ונעשה, צו ערשט הערן און פאַרשטיין — ערשט דאַן וועט מען קענען אָפּשאַצן צי מען קען דאָס טאָן צי ניט.

אדרבה, טענה'ט ער, וויבאַלד אַז תורה איז אמת, און עס איז דאָך אַן ענין של חכמה, איז למאי נפקא מינה צי מען וועט מקדים זיין נעשה לנשמע אָדער פאַרקערט, סיי ווי סיי, אָפילו ער וועט מקדים זיין נשמע לנעשה, וועט ער אויך זיכער קומען צום נעשה, וואָרום עס איז דאָך מחוייב על פי שכל.

אויף דעם האָט די תורה באַוואָרנט, מ'זאָל וויסן אַז דורך דעם סדר פון אשר קרך — קרירות, ווערט דער־נאָך דער צווייטער טייטש אין אשר קרך, מלשון קרי[27]. ועניננו, אַז פון די פנימיות החיות וואָס איז גע־געבן געוואָרן אויף פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה, איינגעמען די גאַנ־צע וועלט און מאַכן פון איר אַ דירה לו יתברך, איז פון דעם חיות ווערט הגדלת כוחות הקליפות רחמנא לצלן[28]. און דאָס הויבט זיך אָן פון דעם ערשטן טייטש אין אשר קרך — קרירות. פון יודע ציד קומט מען צו איש שדה, אַרויס און אַוועק פון די אהלים, אהלי שם ועבר, תורה שבכתב און תורה שבעל פה.

מען מוז זיך פירן מיט דעם וועג פון יעקב איש תם, וואָס דעמאָלט גייט מען אויפן ריכטיקן וועג, ווי די גמרא[29] זאָגט אויפן פסוק תומת ישרים תנחם — אויב מען גייט מיט אַ תמימות דעמאָלט איז — תנחם, מען גייט אויפן גלייכן וועג. אָבער די וואָס האַלטן ניט פון דעם סדר פון עמא פזיזא, זיי טענה'ן אַז תורה איז אַן ענין פון שכל, און בפרט בשעת עס האַנדלט זיך וועגן גאָר אַ הויכן און טיפן שכל, דאַרף מען ניט שפּרינגען פון דער הויט, מען דאַרף צו דעם צוגיין מיט אַ סדר, נשמע און דערנאָך נעשה, איז סוף כל סוף — וסלף בוגדים תשדם, עס ווערט דערפון דער צווייטער טייטש אין אשר קרך, כנ"ל.

ח. דאָס איז געווען מלחמת עמלק אין אָנהויב פון דער ערשטער תקופה. ביים סוף פון אָט־דער תקופה, אין די לעצטע יאָרן פון דור המדבר אידער אידן זיינען אַריין אין ארץ ישראל, דעמאָלט איז ווידער געקומען עמלק מלחמה האַלטן מיט די אידן, אָבער דאָ האָט ער אָפּגעטאָן נאָך אַן ערמה, אַ שפּיצל, ער האָט זיך אָנגעטאָן אין לבושים פון אַ כנעני בכדי מען זאָל ניט דערקענען אַז דאָס איז דער זעלבער וואָס האָט מלחמה געהאַלטן אין אָנהויב פון די פערציק יאָר.

אין דער צווייטער מלחמה איז ער ניט געקומען ווי אַ בן אברהם ויצחק, נאָר ווי אַ כנעני, אַ גוי. אין די

---

27) תנחומא דארס.

28) תניא פרק ז.

29) שבת פח, ריש ע"ב. זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 428 ואילך.

ענינים פון תורה און אידישקייט מישט ער זיך אינגאַנצן ניט. אין דער צייט וואָס דו לערנסט און ווילסט זיך פירן ווי אַ איד — טענה׳ט ער — מיש איך זיך ניט, טו וואָס דו ווילסט. איך פאַרלאַנג נאָר איין זאַך: די ענינים וואָס געהערן צו ארץ כנען, אין דעם לערן זיך פון מיר, אונטערוואַרף זיך אַ כנעני.

ער איז געקומען צום אידן און גע־טענה׳ט: אַזוי ווי איצטער פאַרענדיקסטו דיין בילדונג מיטן חינוך פון דור המדבר און דאַרפסט זיך גרייטן אַריינגיין אין ארץ כנען, זיך עוסק זיין אין אַלע ל״ט מלאכות עובדין דחול, מוזטו זיך אויסלערנען די ענינים און סדרים פון ארץ כנען, דו זאָלסט קענען האָבן אַן אחיזה אין דער לאַנד.

אויב דו וועסט זיך ניט אויסלערנען סדרי ארץ כנען און אונטערוואַרפן זיך צו זיי, קענסטו ניט דערוואַרטן אַז קומענדיק אין ארץ כנען וועסטו קענען דורכלעבן דאָרט, דורכגיין די וועלט און בלייבן אַ איד, ד. ה. אי האָבן אויף דער הוצאה, אי שמירת שבת ויום טוב, אי געבן צדקה, געבן די קינדער חינוך על פי תורה וכו׳ — ווי וועסטו דאָס קענען באַווייזן?

און דאָס איז וואָס דער מדרש 30) זאָגט אויפן פסוק וישב ממנו שבי, אַז דער כנעני מלך ערד האָט צוגענומען ביי אידן אַ שפחה כנענית. דער כנעני נעמט ניט ביי אידן אַ זאַך וואָס מצד עצמה איז דאָס זייערע, ער נעמט צו מער ניט ווי אַ שבי, אַן ענין וואָס אידן אַליין האָבן גענומען בשבי פון וועלט. אין לימוד התורה וקיום המצות מישט ער זיך ניט, ער וויל נאָר אַז אַרויסגייענדיק פון די ד׳ אמות של תורה, קומענדיק אין וועלט, זאָל מען זיך פירן ווי אַ כנעני, להבדיל.

האָט די תורה מגלה געווען, אַז אין די טענות פון כנעני מלך ערד איז פאַרבאַהאַלטן עמלק. וואָרום אַ גוי האָט אין אַ אידן גאָר קיין אחיזה ניט, אַ איד איז אינגאַנצן קדושה און אַ גוי איז אינגאַנצן דער היפך, קען ניט זיין קיין חיבור פון שני הפכים. אָבער ווען אַ כנעני קומט מלחמה האַלטן ווען אין אים איז אָנגעטאָן אַן עמלק, וואָס ער שטאַמט דאָך פון אברהם ויצחק, דאָ וואַקסן אויס פאַרשידענע טענות מיט די תוצאות פון טענות עמלק — ויזנב בך כל הנחשלים אחריך גו׳.

בשעת דער כנעני מלך ערד קומט צוגיין און זאָגט מען זאָל זיך לערנען די ענינים פון ארץ כנען וואָס דורך דעם דוקא וועט מען קענען אין איר אַריינגיין, דאַרף מען וויסן, אַז ניט נאָר וואָס דאָס איז ניט קיין וועג אויף מאַכן פון ארץ כנען — ארץ ישראל, ארץ אשר עיני הוי׳ אלקיך בה, נאָר אדרבה, דאָס איז אַן ענין וואָס האַלט מלחמה אַנטקעגן אידן און אַנטקעגן ארץ ישראל, אין דעם איז אָנגעטאָן דער זעלבער עמלק וואָס האָט ניט געוואָלט צולאָזן אידן מקבל זיין די תורה, און אָפּגעקילט זיי פון אַלע עניני קדושה.

נאָך מער האָט די תורה מגלה געווען: ניט נאָר וואָס אין דעם כנעני מלך ערד איז אָנגעטאָן אַן עמלק וואָס שטערט צו מתן תורה און שטערט צו רוחניות פון אידן, נאָר

30) ילקוט שמעוני רמז תשסד. פירש״י על התורה.

נאָך מערער, אין דעם איז אָנגע־טאָן אַן ענין וואָס שטערט און האַלט מלחמה אַנטקעגן אידישן גוף, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, בימי הפורים, די אמת׳ע פנימיות הכוונה פון די אַלע טענות, להשמיד להרוג ולאבד ח״ו את כל היהודים, אויך דעם גוף.

מען דאַרף וויסן אַז די וועג צו אַריינגיין אין ארץ ישראל, איז ניט צו גיין אין דער שיטה פון כנעני מלך ערד, נאָר אדרבה, ״ויחרם אתהם״.

ט. ווי געזעדט פריער, איז אויך ביים סוף פון דער צווייטער תקופה איידער מען דאַרף אַריינגיין אין ארץ ישראל, ארץ אשר עיני הוי׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה, וואָס דאָס איז אונזער דור, דאַרף מען פריער מנצח זיין די מלחמה פון כנעני מלך ערד.

וואָס איז זיין מלחמה? ער קומט צוגיין צו אַ אידן און זאָגט: ווי־באַלד אַז דו דאַרפסט זיין אַ סוחר, דאַרפסטו זיך אויפפירן אין דיין מסחר ווי רוב הסוחרים — ווי אַ גוי, להבדיל. אויב דו דאַרפסט האָבן אַ שטעלע, אַ דזשאָב, דאַרפסט זיך צו דעם גרייטן ווי אַ גוי גרייט זיך דערצו. צו דעם אַלעם דאַרפסטו זיך אויסלערנען די ענינים וואָס זיינען היפך התורה, ניט רעכענען זיך מיט השגת גבול, אבק לשון הרע, רבית וכו׳, און דו מוזט מבטל זיין פון לימוד התורה כדי צו מצליח זיין אין עניני העולם.

צום אַלעם ערשטן — טענה׳ט ער — דאַרפסטו פאַרגעסן אַז יעדער ענין איז בהשגחה פרטית פון דער השגחה העליונה און דער אדם התחתון למטה דאַרף ניט מער ווי מאַכן אַ כלי אויף מקבל זיין דעם אויבערשטנס ברכה[31]. אויף דעם אַלעמען דאַרפס־טו פאַרגעסן, דו דאַרפסט גיין מיטן צוגאַנג פון כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה.

און דעמאָלט בשעת דו וועסט האָבן די ״קנאת סופרים״ און טענה׳ן אַז דו דאַרפסט באַווייזן קונצן און אויפ־טאָן ענינים, וועסטו קענען מצליח זיין אויף דיין שטעלע און אין דיין מסחר, און דעמאָלט וועסטו קענען זיין אַ ״סוקסעספול ביזנעסמאַן״, האָבן הצלחה אין דיין מסחר אָדער אויף דיין שטעלע, ווייל דו וועסט האָבן די זעלבע הכנות וואָס עס האָט דער־צו להבדיל אַ גוי.

אויף דעם האָט די תורה באַ־וואָרנט, מען זאָל וויסן ווער עס איז באַהאַלטן אין די טענות. אין דעם איז באַהאַלטן עמלק וואָס שטערט אידן צו מתן תורה. און אויסער דעם וואָס ניט דאָס איז דער וועג צו מאַכן די וועלט פאַר אַ דירה לו יתברך, צו מאַכן פון ארץ כנען — ארץ ישראל, ווייזט זיך אַרויס שפּע־טער, אַז מען וויל להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, ר״ל, אויך זייער גוף.

וואָרום בכדי אַז אידן זאָלן בלייבן גאַנץ אין זייער גוף, איז דאָס נאָר דורך דעם וואָס זייער נשמה וועט בלייבן גאַנץ, וואָס דער וועג צו דעם איז דער תומת ישרים תנחם, און ניט צולאָזן ח״ו די וואָס ווילן אָפּקילן פון התלהבות אין תורה. דאָס איז דער איין און איינציקער וועג צו באַ־וואָרענען אַז אויך דער גוף זאָל

31) זע אויספירלעך אויבן ע׳ 188 און ווייטער.

בלייבן גאַנץ, כפשוטו, ברמ״ח אבריו ושס״ה גידיו.

ווארום דאָס וואָס תורה ווערט אָנ־גערופן תורת חיים און אויף מצות שטייט וחי בהם, איז דאָס ניט נאָר לאחר מאה ועשרים שנה אין עולם הבא. מען מיינט עס אויך כפשוטו: אויב מען וויל אַז אַ איד זאָל זיין לעבעדיק בגשמיות בגופו אין עולם הזה הגשמי, איז דער איינציקער וועג צו דעם — לימוד התורה תורת חיים, וואָס גיט אים חיי עולם אין עולם הזה הגשמי, און קיום המצות, וחי בהם, ער זאָל זיין אַ לעבעדיקער איד בכל רמ״ח אבריו (כנגד רמ״ח מצוות עשה) ושס״ה גידיו (כנגד שס״ה מצוות לא תעשה).

און דעמאָלט איז ער מקיים דעם פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה, ער מאַכט פון דער גאַנצער וועלט אַ דירה לו יתברך, ועתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות, אַז אומעטום וואו מען וועט זיך אַ קער טאָן, וועט מען זען אַז עיני הוי׳ אלקיך בה, ניט נאָר יום כיפור בשעת נעילה, בשבת ויום טוב אָדער בשעת׳ן דאַווענען און לערנען, נאָר מראשית השנה ועד אחרית שנה.

(משיחת פורים תשט״ז)

# פורים ופרשת צו

א. דער יום טוב פורים איז צו־ליב דעם נס און הצלה וואָס דער אויבערשטער האָט געראַטעוועט דעם אידישן פאָלק פון דער גזירת כלי׳ ר״ל.

יענע תקופה איז געווען, על פי טבע, די גליקלעכסטע פאַר אידן אין דער צייט פון גלות. די אידן האָבן דאַן פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דער רעגירונג, מרדכי ראש הסנהדרין איז געווען פון די שרי המלוכה היושבים בשער המלך, אסתר איז געווען די פרוי פון מלך, וואָס אשתו כגופו דמיא [1]. אין די גאַנצע דברי ימי ישראל בזמן הגלות געפינען מיר ניט — אויסער דעם פאַל פון אסתר המלכה — אַז אַ אידישע פרוי זאָל זיין די פרוי פון אַ קעניג וואָס האָט געהערשט איבער דער וועלט [2]. איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז עס איז ניט געווען קיין תקופה אין גלות אין וועלכער אידן זאָלן זיין, על פי טבע, מער זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, ווי בימי אחשורוש.

לפועל, אָבער, האָט פּאַסירט פאַר־קערט. גראַד דאַן ווען על פי טבע איז זייער מצב געווען אַזוי זיכער, איז געקומען אַ גזירה פון פאַרניכ־טונג ר״ל, להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים — היל״ת — מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד, וואָס דאָס איז געווען די שווערסטע פון אַלע גזירות וואָס זיינען געווען אויף אידן, קיין מאָל איז ניט געווען אַ גזירת כלי׳ ר״ל אויף אַלע אידן, ווי די גזירה בימי אחשורוש.

---

1) ברכות כד, א.

2) מגילה יא, א.

אין אַנדערע גלות'ן זיינען אידן ניט געווען אין איין אָרט. צדקה עשה הקב"ה בישראל שפיזרן לבין האומות [3]), אויב חס ושלום איין אומה וועט וועלן מאַכן אַ גזירת כלי' ר"ל אויף די אידן אונטער איר ממשלה, וועלן די אידן אין די איבעריקע מדי־נות בלייבן אומבאַשעדיקט, און אַפילו די אידן פון דער מדינה, קענען דאָך אַנטלויפן אין די אַנדערע מדינות.

אַפילו בימי פרעה, ווען אַלע אידן זיינען געווען אונטער זיין ממשלה, און עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון מצרים (כמאמר רז"ל [4]), שאפילו עבד אחד אינו יכול לברוח משם), איז אָבער דאָרט ניט געווען די גזירה אויף אַלע־מען, ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים [5]).

בימי אחשורוש, אָבער, זיינען אַלע אידן געווען אונטער זיין ממשלה, עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכ־קייט צו אַנטלויפן, ווייל: א) ער איז געווען אַ מולך בכיפה, אַ מלך איבער דער גאַנצער וועלט, במילא איז ניט געווען וואוהין צו לויפן. ב) ער האָט געוואָלט להשמיד גו' ביום אחד, איז ניט געווען קיין צייט צו לויפן. ג) די גזירה איז געווען להשמיד גו' את כל היהודים, אַלע אידן היל"ת.

ווי קומט עס טאַקע, אַז אין אַזאַ צייט אין וועלכער אידן זיינען געווען על פי טבע אַזוי זיכער, זאָל קומען אַזאַ שרעקלעכע גזירה? דערציילט אונז די גמרא [6]) די סיבה פון דער גזירה — מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע וכו', זיי האָבן הנאה געהאַט פון דער סעודה פון אחשורוש.

פון דעם זעען מיר באַשיינפּערלעך אַז אידן און טבע זיינען צוויי גאָר פאַרשידענע זאַכן, די הנהגה מיט אידן איז ניט אונטערגעוואָרפן צו נאַטור־געזעצן, נאָר עס איז אָפּ־העניגיק אין קיום התורה ומצות. און דערפאַר, איז ניט געקוקט, וואָס מצד הטבע איז קיין אָרט אויף אַ גזירה ניט געווען, אָבער ווען די אידן האָבן נהנה געווען מסעודתו של אותו רשע, און דורך דעם באַקומען אַ שייכות מיט ניט קיין כשר'ע זאַכן, איז אויף זיי געקומען אַ גזירת כלי' רחמנא לצלן.

ב. די זעלבע הוראה זעען מיר אויך קלאָר אין דעם אופן פון ישועה און הצלה. דער ביטול הגזירה איז ניט געווען על פי טבע, נאָר דורך תשובה און התקשרות צום אויבערשטן.

בשעת מרדכי ואסתר האָבן זיך דערוואוסט פון דער גזירה, האָבן זיי, אין פלוג, די ערשטע זאַך געדאַרפט גיין מיט אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע זיך משתדל זיין ביי אחשורוש'ן. דער־ציילט אונז אָבער די מגילה, אַז די ערשטע זאַך האָט אסתר געזאָגט צו מרדכי'ן: לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן וצומו עלי ואל תאכלו ואל תשתו שלשת ימים לילה ויום. דאָס איז געווען זייער ערשטער שריט אויף מבטל זיין די גזירה.

נאָך מער: אסתר האָט געזאָגט צו מרדכי, גם אני ונערותי אצום כן. ולכאורה, אסתר'ס חשיבות ביי אחש־ורוש'ן איז געווען, דער „ותשא חן וחסד לפניו מכל הבתולות", און

---

3) פסחים פז, ב.

4) מכילתא. געבראַכט בפירש"י עה"ת שמות יח, ט.

5) סוטה יב, א.

6) מגילה יב, א.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דורך פאַסטן דריי מעת לעת, וועט איר חן (על פי טבע) גרעסער ניט ווערן, און אדרבה, קלענער ווערן 7), היינט ווי איז ביי איר געווען רעכט צו פאַסטן 8)?

נאָר דער ענטפער אויף דעם איז: פונקט ווי די גזירה איז ניט געווען על פי טבע, אַזוי איז אויך די ישועה ניט געקומען מצד הטבע. די ישועה איז געקומען דורך תשובה, און איי־נער פון די עניני התשובה איז פאַסטן. און אויב כל היהודים וועלכע זיינען בשושן פאַסטן (איז דאָך אַן איסור אויף אַ יחיד צו זיין אַ פורש פון דעם. איז קלאָר אַז) גם אני ונערותי אצום כן. אַי דורך דעם ווערט דאָך קלענער דער חן און לא סמכינן אניסא 9) — מען פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיין נס, — און מען דאַרף טאָן אויך אין לבושי הטבע, דאָס איז אָבער ניט מער ווי אַ לבוש, און ניט די סיבה פון דער הצלה. דערפאַר איז ניט נוגע אויף אַזוי פיל דער לבוש. אויב די סיבה — שטאַרקן זיך אין קיום התורה והמצות — וועט זיין אַ גענוגענדיקע, וועט אַ שוואַכער לבוש אויך גוט זיין.

מער ניט וואָס מצד דעם העלם והסתר פון דער גלות־צייט, זיינען דערנאָך סיי די גזירה און סיי די הצלה אַנגעטאָן געוואָרן אין לבושי הטבע, אָבער די אמת'ע סיבות זיי־נען געווען תורה ומצוות. דער נהנו מסעודתו של אותו רשע, האָט גע־בראַכט די גזירה, און דער פאַסטן און תשובה טאָן, האָט די גזירה מבטל געווען.

ג. די אָנווייזונג פון דעם, און בפרט אין היינטיקע צייטן:

פאַראַן אַזעלכע וואָס טענה'ן אַז דער עיקר מיטל צום קיום פון אי־דישן פאָלק אין דער צייט פון גלות איז דיפּלאָמאַטישע און ענלעכע נאַ־טירלעכע וועגן, און זיי ברענגען אַ ראַי' פון אסתר'ס השתדלות ביי אחשורוש'ן. דאַרף מען וויסן, אַז אוי־סער דעם וואָס זיי זיינען מגלה פנים בתורה שלא כהלכה, זיי טייטשן אויס דעם סיפור פון מגילת אסתר היפך האמת, איז דאָס אויך אַ כפירה אין דעם גאַנצן ענין פון קיום עם ישראל.

עס שטייט אתם נצבים היום כולכם, זאָגן אויף דעם די רז״ל, שגם כאשר כל העולם מתמוטטים, אתם נצבים. דער קיום פון אידן איז אַנדערש. דער קיום פון אַלע פעלקער איז לויט נאַטור־געזעצן, אָבער אידן זיי־נען ניט פאַרבונדן מיט טבע, אונזער פאַרבונד איז נאָר מיט תורה ומצוות.

אַז עס קומט אַן עת צרה אָדער אַ גזירה רחמנא לצלן, דאַרפן מיר זיך ניט פאַרלאָזן אויף דיפּלאָמאַטיע און השתדלות ביי די אומות העולם. ניט דורך דעם איז אונזער קיום. עס דאַרף זיין יפשפש במעשיו, פאַר־ריכטן וואָס עס פעלט און שטאַרקן זיך אין קיום התורה ומצות, און דעמאָלט העלפט די השתדלות על פי טבע. און נאָך מער: אפילו אויב אַנדערע אין אַזאַ מצב וואָלטן בדרך הטבע פאַרלאָרן געגאַנגען, פונדעסט־וועגן, אתם נצבים וקיימים.

מען דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר

---

7) זע אבן עזרא (אסתר ד, טז).

8) ועי״ד הפסק דין בשלחן ערוך אורח חיים סימן תקע״א, ס״ג.

9) פסחים סד, ב.

דעם מצב פון אידן, ווי מיר זעען אים מיט די פלישיקע אויגן על פי חוקי הטבע. אונזער זאַך איז שטאַרקן זיך אין תורה ומצות, און דעמאָלט, איז ווערלכן לבוש אין גשמיות מען וועט מאַכן, וועט זיך אין אים אָנטאָן די הצלה הניסית וואָס העכער פון טבע.

ד. די הוראה אַז אידן זיינען ניט אונטערגעוואָרפן צו טבע, איז ניט נאָר בנוגע דעם כלל ישראל נאָר אויך בנוגע אַ יחיד.

אַ איד דאַרף געדענקען אַז אַלע ענינים וואָס ער פאַרמאָגט, זיינען אָפּהענגיק און קומען פון דעם אויבערשטן אַליין, וועלכער איז ניט באַגרענעצט חס ושלום אין חוקי הטבע.

אמת טאַקע, עס דאַרף זיין דער „בכל אשר תעשה״, וואָס אין דעם טוט זיך אָן דער „וברכך ה׳ אלקיך״, דאָס איז אָבער מער ניט ווי אַ לבוש. דער עיקר איז די ברכה פון דעם אויבערשטן, וועלכע קומט דורכן פאַרבונד מיט אים דורך לימוד התורה וקיום המצות [10]). און בשעת מען האָט דעם עיקר, וועט זיין די הצלחה אין וועלכן לבוש ס׳זאָל ניט זיין.

ה. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין ירושלמי [11]), „שמאמין בחי העולמים וזורע״ (ער זייט וויל ער גלויבט און פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטן אַז עס וועט וואַקסן).

אין פלוג איז ניט פאַרשטאַנדיק, וואו דריקט זיך דאָ אויס די אמונה? אַפילו כופרים, להבדיל, וועלכע גלויבן ניט אין ג־ט ברוך הוא, זייען אויך, עס איז דאָך אַ נאַטירלעכע זאַך אַז ווען מען זייט וואַקסט?

נאָר דער פשט דערפון איז, די אמונה פון אַ אידן באַשטייט אין דעם, אַז אַפילו בשעת עס רעדט זיך וועגן זריעה, אַ זאַך וואָס ער אַליין זעט באַשיינפּערלעך אַז דאָס האָט אין פלוג ניט צו טאָן מיט אמונה ובטחון אין דעם אויבערשטן, ער אַליין זעט אַז אויך ביי אַזוינע וואָס האָבן כלל ניט „צו טאָן״ מיטן אויבערשטן, וואַקסט זייער זריעה. פונדעסטוועגן ווייסט ער, אַז ער, אַלס איד, איז אַנדערש פון דער גאַנצער וועלט.

וואָרום פונקט ווי דער כלל ישראל, אַזוי אויך אַ יחיד איז ניט אונטערגעוואָרפן צו חוקי הטבע, און דערפאַר ווייסט ער, אַז אויך בשעת ביי דער גאַנצער וועלט וועט וואַקסן מצד חוקי הטבע, וועט ביי אים, אָבער, וואַקסן נאָר דורך זיין אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטן.

ו. ווי דאָס איז ביי בעלי עסק, אַזוי איז עס אויך ביי יושבי אהל. די הצלחה אמיתית אין תורה האָט ניט צו טאָן מיט גוטע כשרונות, א. ד. ג. נאָר מיט סייעתא דשמיא וועלכע קומט דורך יראת שמים, וואָס זי — די יראת שמים — ברענגט אויך אַז ער זאָל לערנען בעמל ויגיעה אמיתית און דעמאָלט איז ומצאת — פיל מער ווי בערך היגיעה, נאָר בדרך מציאה.

אויב עס פעלט דער עיקר, וועלן ניט העלפן קיין כשרונות און קיין יגיעה, וואָרום דאָס איז חכמתו של

10) זע אויך אויבן ע׳ 188 און ווייטער.

11) געבראַכט בתודי״ה אמונת, שבת לא, א.

הקדוש ברוך הוא. און בשעת עס איז דאָ דער עיקר, וועט אים דער אויבערשטער געבן הצלחה שלמעלה מהטבע.

(משיחת פורים תשי"ז)

ז. אויפן פסוק אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה, זאָגט דער ירושלמי [12]: „תמיד אפילו בשבת, תמיד אפילו בטומאה".

ווי גערעדט שוין פיל מאָל, זיינען אַלע ענינים און עבודות פון משכן ומקדש הגשמי, אויך דאָ אין דעם משכן ומקדש הרוחני וואָס געפינט זיך אין יעדן אידן.

מזבח איז די האַרץ פון מענטשן. אַזוי ווי אין מזבח הגשמי איז געווען דער מזבח החיצון ומזבח הפנימי, אַזוי איז אויך אין האַרץ פאַראַן חיצוניות הלב און פנימיות הלב [13]. דער מזבח אויף וועלכן עס איז דער ציווי אש תמיד תוקד על המזבח, איז דאָס דער מזבח החיצון. וברוחניות: עס דאַרף זיין אַ התלהבות בגלוי, אין חיצוניות הלב — די האַרץ זאָל ברענען צו אלקות.

שבת איז דער ענין השביתה, אָפּגעטראָגן פון וועלט. דערפאַר זיינען דאַך דעמאָלט אסור עובדין דחול. אין עבודה פון נפש האדם, מיינט דאָס השגה, וקראת לשבת עונג, וואָס מצד דעם גילוי אור וואָס ער איז משיג, איז ער אָפּגעטראָגן פון אַלע עניני העולם. קען ער דאַך מיינען, אַז וויבאַלד ער איז פאַרטאָן אין השגה, ער שטייט העכער פון התרגשות, דאַרף ער ניט האָבן דעם פייער. זאָגט מען אים, לא תכבה אפילו בשבת.

אין צווייטן קצה, דער וואָס שטייט וויט, ער מיינט אַז ער האָט שוין חס ושלום קיין שייכות ניט, זאָגט מען אים לא תכבה אַפילו בטומאה, קוק ניט אויף דיין מצב און — לא תכבה, זאָלסט זען עס זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן. זאָלסט האַלטן אין איין אויפבלאָזן דעם „אש תמיד", דעם אש אלקי וואָס געפינט זיך ביי דיר ער זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן. און דאָס וועט ברענגען דעם „לא תכבה" לויט ווי עס טייטשט דער מעזריטשער מגיד נ"ע [14], אַז דער „לא" — די אַלע ניט גוטע ענינים — „תכבה", וועלן פאַרלאָשן ווערן.

(משיחת פורים תשי"ד)

ח. דער דאָזיקער וואָרט פון מגיד לערנט אונז, אַז בכדי צו פאַרלעשן דעם „לא", מוז זיין אש תמיד, דער שטענדיקער קאָך אין תורה ומצות.

עס איז ניט גענוג וואָס אַמאָל, אָדער אַפילו מיט איין ווילע פריער, האָט ער געהאַט אַ קאָך אין תורה ומצות. דער קאָך דאַרף זיין שטענדיק, וואָרום אויב מען איז אין ווילע קאַלט, קען זיך אין דער ווילע אַריינכאַפּן דער „לא".

וואָס דאָס איז אויך דער טעם אויף מצות זכירה מעשה עמלק בכל יום ויום [15] — מען דאַרף שטענדיק געדענקען ניט צו צולאָזן, ח"ו, די קרירות פון עמלק'ן אַפילו אויף איין רגע, ווי עס שטייט אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה.

---

12) יומא פרק ד הלכה ו.

13) לקוטי תורה דברים עה, ד.

14) לוח היום יום (כ"א אדר ב).

15) שלחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן ס, ס"ד.

ט. נאך אן ענין איז דא אין דעם אש תמיד: ער איז א הכנה צום אש שלמעלה. ווי דער מאמר רז״ל [16], אף על פי שאש יורדת מן השמים מצוה להביא מן ההדיוט. ד. ה. אז דער אש שלמטה איז א הכנה ואתערותא דלתתא אויף צו אראפ־ברענגען דעם אש מן השמים.

ווען, אבער, ברענגט עס דעם אש מן השמים. ווען דער אש שלמטה איז בשלימות דוקא, דאן איז עס ממשיך דעם אש שלמעלה.

מיר זעען דאס אין די היינטיקע סדרות (צו און שמיני). אין די ימי המילואים, ווען דער גאנצער משכן מיט זיינע כלים און דער מזבח זיי־נען שוין געווען פארטיק, עס זיינען געווען משה ואהרן וכו׳ און מען האט שוין מקריב געווען קרבנות, פונדעסטוועגן איז נאך אלץ לא שרתה שכינה במעשה ידיהם, צוליב דעם וואס עס איז נאך איבערגעבליבן א רושם פון חטא העגל. נאר ביום השמיני דוקא, נאך דעם ווי עס איז פארטיק געווארן דער אש שלמטה, וואס האט פארלאשן דעם גאנצן „לאו״, און אינגאנצן מבטל געווען דעם חטא העגל, ערשט דאן ותצא אש מלפני ה׳ וגו׳, ושרתה שכינה במעשה ידיהם [17].

וואס איז אזוי די געוואלדיקע מעלה אין אש שלמעלה וואס אויף צו ממשיך זיין דאס, מוז מען האבן די שלימות העבודה פון אש שלמטה?

נבראים זיינען באגרענעצטע, און זייער עבודה מיט די ענינים צו וועל־כע זיי דערגרייכן זיינען באגרענעצ־טע, וואס מצד עצמם האבן זיי ניט קיין קיום נצחי. ובכדי עס זאל זיין א קיום נצחי מוז דערויף זיין א המשכה מלמעלה דוקא, וואס ער ית׳ איז דאך אינגאנצן ניט מוגבל.

דערפאר זעט מען אז בשבעת ימי המילואים הוקם המשכן ופרקו. מצד נבראים קען נאך קיין אמת׳ער קיום ניט זיין, ביום השמיני דוקא, ווען עס איז געווען השראת השכינה און ותצא אש מלפני ה׳, ערשט דאן איז הוקם המשכן ולא פרקו, עס איז געווען די אמת׳ע הקמה, קיום נצחי.

און מיט דעם ווערט אויך זיין פאר־שטאנדיק דער ענין פון שבעת ימי המילואים ויום השמיני, וואס דער אש שלמעלה איז געווען ביום השמיני דוקא, ווארום עס איז באוואוסט אז שבעה זיינען די ימי ההיקף, ד. ה. וואס געהערט צו עולמות, און שמיני איז למעלה מההיקף [18], אור שלמעלה מהעולמות, והוא ענין אש שלמעלה כנ״ל.

י. ניט קוקנדיק, אבער, אויף דעם וואס נבראים אליין קענען צו נצחיות ניט דערגרייכן, פונדעסטוועגן, ווי גע־זאגט פריער, איז המשכת האש של־מעלה קומט דורך שלימות העבודה פון אש שלמטה דוקא. דאס מיינט, אז בשעת א נברא טוט אלץ וואס ביכלתו, הגם דאס איז בהגבלה, גיט אים דער אויבערשטער דעם אש שלמעלה, בלי גבול.

און דאס איז אויך מרומז אין דעם ווארט „תמיד״ וואס אין פסוק, אש תמיד תוקד גו׳: תמיד מיינט בלי גבול, למעלה מהזמן. זמן מצד עצמו, וויבאלד

16) יומא כא, ב.
17) פירש״י על התורה ויקרא ט, כג.
18) זע שו״ת הרשב״א חלק א סימן ט. ד״ה ויהי ביום השמיני, תשי״ד.

ער איז צונויפגעשטעלט פון חלקים מוגבלים, מוז ער האָבן אַ הגבלה [19]. און פונדעסטוועגן דורך שלימות העבודה פון אש שלמטה, איז מען ממשיך דעם בלי גבול שלמעלה מהזמן, און נאָך מער, אַז דאָס ווערט נמשך אויך אין זמן, אַז דער זמן אַליין ווערט אַ נצחי, תמיד.

אין עולם איז דאָס, אַז אין טבע איז דאָ די הצלחה שלמעלה מהטבע.

יא. די נקודת ההוראה פון דעם אויבנגעזאָגטן:

יעדער איד איז דאָך אַ משכן ומקדש אליו יתברך, אַזוי ווי עס שטייט, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. דאַרף מען וויסן אַז כל זמן עס פעלט אין דעם „אש" — די חמימות וחיות, איז הגם ער לערנט תורה, ער איז מקיים מצות און האָט אַלע ענינים שהיו במשכן, וויבאַלד עס איז אָבער אָן חיות, פעלט ביי אים השראת השכינה, ביז עס איז רעכט, עס זאָל ביי אים זיין אַ רושם פון חטא העגל.

תורה ומצות דאַרפן זיין מיט אַ קאָך און אַ לעבעדיקייט, אין אַלע דריי קוין תורה, עבודה און גמילות חסדים.

תורה: מען דאַרף ניט יוצא זיין מיט פרק אחד שחרית ופרק אחד ערבית, און צום גאַנצן מעת לעת האָט עס קיין שייכות ניט. עס טאָר ניט זיין בלחישו און צו אים איג־גאַנצן האָט עס קיין שייכות ניט. עס מוז זיין לא ימוש גו' און עס מוז זיין ערוכה בכל רמ"ח אברים, כל עצמותי תאמרנה [20]. עס מוז זיך מיט אַ חיות.

עבודה: תפלה, וואָס דאָס איז קו העבודה, דאַרף זיין ניט קבע, נאָר רחמים ותחנונים לפני המקום [21], מיט אַ הרגש פון חיות.

גמילות חסדים: מצות, וואָס בכללות זיינען זיי אין קו הגמילת חסדים, דאַרפן ניט זיין נאָר פון יוצא וועגן. מצות דאַרף מען מקיים זיין בהידור, וואָס דער הידור קומט מצד החיות וואָס ער האָט אין קיום המצוה.

און דורך דער שלימות פון אש שלמטה, ווערט נמשך דער אש מל־מעלה, השכינה שורה בתורתו ועבודתו ביז אויך בכל מעשה ידיו, גם בעניניו הגשמיים.

און ווי געזאָגט פריער — עס ווערט אויפגעטאָן המשכת בלי גבול אין גבול, אַז אויך אין לבושי הטבע זעט מען ברכת הוי' והצלחה שלמעלה מהטבע.

(משיחת ש"פ צו תשי"ז)

יב. דער סדר פון די ד' פרשיות וואָס מען לייענט פאַר פסח איז: פ' שקלים, פ' זכור, פ' פרה און פ' החודש.

בפרטיות זיינען די צוויי פרשיות שקלים און זכור פאַרבונדן מיט גאולת פורים, וואָס עס איז נאָך ניט קיין גאולה שלימה, כמאמר [22] אכתי עבדי אחשורוש אנן, און די פרשיות פרה און החודש — מיט גאולת פסח, וואָס איז אַ גאולה שלימה. בכללות אָבער, זיינען אויך די פרשיות שקלים

---

19) דרך מצותיך, מצות האמנת אלקות פרק יא.

20) עירובין נד, א. תניא פרק לז בתחלתו.

21) אבות פרק ב משנה יג.

22) מגילה יד, א.

און זכור שייך צו גאולת פסח, ווייל אויך גאולת פורים איז פאַרבונדן מיט גאולת פסח, כמאמר[23]) סומכין גאולה לגאולה.

יג. פרשת שקלים לייענט מען פאַר ראש חודש אדר, ווייל באחד באדר משמיעין על השקלים[24]), וואָס מען דאַרף צוליב די קרבנות פון דעם נייעם יאָר.

פרשת זכור לייענט מען פאַר פורים, ווייל פורים איז דאָך געווען מפלת המן, וואָס ער איז מזרעו של עמלק, לייענט מען זכור את אשר עשה לך עמלק פאַר פורים, לקיים מה שנאמר נזכרים ונעשים, נזכרים קודם לנעשים[25]), — פ׳ זכור איז די זכירה און פורים איז די עשי׳.

יד. דער טעם אויף קדימת פ׳ שקלים לפ׳ זכור, איז ניט נאָר מצד זייערע זמנים, וואָס פ׳ שקלים איז פאַרבונדן מיט אחד באדר און פ׳ זכור מיט פורים, י״ד באדר, נאָר אויך מצד זייער ענין.

די גמרא[26]) זאָגט, אַז בזכות דעם וואָס אידן האָבן געגעבן דעם מחצית השקל, איז געווען מפלת המן, וואָס ער האָט געזאָגט עשרת אלפים ככר כסף אשקול וגו׳.

מיט דעם איז פאַרשטאַנדיק די שייכות פון די צוויי פרשיות און אויך דעם טעם אויף דער קדימה פון פ׳ שקלים פאַר פ׳ זכור: דאָס וואָס אידן האָבן מקדים געווען די שקלים, האָט געבראַכט דעם נס פון פורים וואָס הויבט זיך אָן, בזכירה, מיט דער קריאה פון פ׳ זכור.

טו. נאָך דער גאולה פון פורים, וואָס איז, ווי געזאָגט, נאָך ניט קיין גאולה שלימה, קומט מען צו דער גאולה פון פסח וואָס איז אַ גאולה שלימה. און די הכנה צו דעם איז פ׳ פרה און פ׳ החודש.

בנוגע די צוויי פרשיות, שטייט אין ירושלמי[27]), אַז באמת האָט מען געדאַרפט לייענען פ׳ החודש פאַר פ׳ פרה, וואָרום פ׳ החודש איז געזאָגט געוואָרן און ענינה איז אחד בניסן, און שריפת הפרה איז געווען בשני בניסן, ווייל באחד בניסן הוקם המשכן און שריפת הפרה איז געווען בשני בניסן, וואָרום שריפת הפרה האָט דאָך ניט געקענט זיין פאַר הקמת המשכן[28]). נאָר צוליב דעם וואָס פרשת פרה איז טהרתן של כל ישראל, לייענט מען פרשת פרה פריער.

דאַרף מען פאַרשטיין דעם תירוץ פון ירושלמי. אין פלוג וואָס פאַר אַ שייכות האָט טהרתן של ישראל מיט פ׳ החודש, אַז אַנדערש קען ניט זיין דער ענין פון פרשת החודש, נאָר לאחר טהרתן של ישראל. עס הייסט דאָך ניט פרשת הפסח, נאָר פרשת החודש — דער דין פון קידוש החודש וראש חודש — איז וואָס איז דאָ נוגע די הקדמה פון טהרה?

טז. די דערקלערונג אין דעם איז:

דער ענין פון ראש חודש איז מולד הלבנה. נאָכדעם ווי די לבנה איז געווען בהעלם והסתר, ווערט זי

---

23) מגילה ו, ב.
24) שקלים פרק א הלכה א. מגילה יג, ב.
25) ירושלמי מגילה פרק ג הלכה ד.
26) מגילה יג, ב.
27) מגילה פרק ג הלכה ה.
28) קרבן העדה דאָרט.

צוריק נולד ונתחדש. דאָס איז אויך מרמז אויף אידן, וועלכע זיינען געגליכן געוואָרן צו לבנה[29], אַז נאָך די אַלע העלמות והסתרים פון זמן הגלות, ווערן זיי נולד ונתחדש, וואָס דאָס איז דער ענין הגאולה.

דער זמן פון התחלת הגאולה איז ראש חודש ניסן, וואָס אויף דעם שטייט החודש הזה לכם ראש חדשים. די רז"ל[30]) דרש'נען אַ גזירה שוה, פון דעם הזה וואָס שטייט בפרשת החודש, מיט דעם הזה וואָס שטייט ביי מתן תורה, ביום הזה באו מדבר סיני. מתן תורה איז דאָך אויך דער ענין הגאולה, כמאמר רז"ל[31]) אל תקרי חרות אלא חירות (בציר"י), חירות מיצר הרע וממלאך המות ומשעבוד מלכיות. פון דעם וואָס די גמרא פאַרבינדט פרשת החודש מיט מתן תורה, איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך בראש חודש ניסן, החודש הזה, איז שוין דאָ דער ענין פון גאולה, אתחלתא דגאולה.

און לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דעם טעם אויף דער הקדמה פון טהרה צו פרשת החודש. וויבאַלד אַז פרשת החודש איז מולד הלבנה, אתחלתא דגאולה, דאַרף מען צו דעם האָבן הקדמת הטהרה, אַזוי ווי עס פאָדערט זיך צו גאולה, ווי עס שטייט[32]) וזרקתי עליכם מים טהורים גו', ואמרו רז"ל[33]) טהרה מביאה לידי.. אלי' הנביא כו'.

29) בברכת קידוש לבנה (סנהדרין מב, א).
30) שבת פו, ב.
31) עירובין נד, א.
32) יחזקאל לו, כה.
33) סוף סוטה.

יז. ראש חודש ניסן איז אָבער געווען די גאולה בלויז בהתחלה ובכוח, דער פועל הגאולה האָט זיך אָנגעהויבן בט"ו בניסן, דקיימא סיהרא באשלמותא, און די שלימות ותכלית הגאולה — בשעת מתן תורה.

איז אַזוי ווי צו דער גאולה בפועל דאַרף מען האָבן די טהרה בפועל, וזרקתי עליכם מים טהורים, אַזוי אויך צו דער גאולה בכוח דאַרף מען האָבן די טהרה בכוח.

קריאת התורה איז אַ נתינת כוח כידוע, לייענט מען פריער פרשת פרה, וואָס דאָס איז טהרה בכוח, און דערנאָך פרשת החודש, וראש חודש, וואָס דאָס איז גאולה בכוח.

און דאָס איז דער סדר פון טהרה וגאולה: פרשת פרה — טהרה בכוח, פרשת החודש וראש חודש ניסן — גאולה בכוח. שני בניסן — טהרה בפועל, ט"ו בניסן ביז מתן תורה — גאולה בפועל.

יח. די הוראה וואָס מען דאַרף דערפון אַרויסנעמען:

אַזוי ווי צוקומען צו דער אמת'ער טהרה לתכליתה וועט מען קענען נאָר בביאת המשיח דוקא, וואָס דעמאָלט וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ,

— וואָרום בביאת המשיח וועט נאָך זיין דער רוח הטומאה, ווי עס שטייט דער לשון אין רמב"ם[34]), אַז משיח יכוף כל ישראל, אַז זיי זאָלן לערנען תורה און מקיים זיין מצות. וויבאַלד ער זאָגט דעם לשון יכוף, איז אַ ראי', אַז ניט אַלע וועלן דאָס טאָן מיטן גוטן ווילן, ווייל עס וועט

34) הלכות מלכים פי"א ה"ד.

נאך דעמאלט זיין דער רוח הטומאה, און משיח'ס עבודה וועט זיין מעביר זיין דעם רוח הטומאה מן הארץ —

קען מען דאך מיינען, אז איצטער דארף מען גאר ניט טאן און פאר־לאזן זיך אינגאנצן אויף משיח'ן, אויף דעם איז די הוראה פון קריאת פרשת פרה:

בכדי צוקומען צו דער טהרה וגאולה בפועל ובשלימות, דארף מען האבן פריער א הכנה. מען דארף טאן דעם ענין הטהרה וויפל מען קען. מטהר זיין זיך פון אבי אבות הטומאה, און ווי דער מאמר רז"ל[35]) כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת, חטאת קרי' רחמנא[36]), די פרה אדומה, במילא ווערט מען פטור פון די אבות ותולדות הטומאה, און דאס וועט ברענגען די טהרה וגאולה בפועל, בביאת משיח צדקנו בב"א.

(משיחת פרשת החודש תשמ"ז)

# פרשת שמיני

א. אין היינטיקער סדרה רעדט זיך וועגן די בהמות טהורות וועלכע מען מעג עסן, און די בהמות טמאות וואס מען טאר ניט עסן. און די תורה גיט אן צוויי סימנים אויף א בהמה טהורה: מעלת גרה און מפרסת פרסה.

וועגן די סימנים איז פאראן א חקירה[1]), צי זיי זיינען סיבות אויף טהרה וטומאה, ד. ה. אז מצד דעם וואס די בהמה איז א מעלת גרה און א מפרסת פרסה איז זי א טהורה, און אזוי פארקערט, אדער זיי זיינען בלויז סימנים המבררים, דאס הייסט, אז די טהרת הבהמה איז מצד אנ־דערע סיבות, נאר בכדי מיר זאלן וויסן וועלכע בהמות זיינען טהורות, האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן אין זיי סימנים דורך וועלכע מיר וועלן וויסן אז זיי זיינען טהור.

דער חילוק פון די צוויי אופנים איז:

דער דין איז, אז היוצא מן הטהור טהור כו'[2]), כאטש ער האט ניט קיין סימני טהרה. ווי צום ביישפיל, היוצא מן הטהור ופרסותיו קלוטות, כאטש ער האט ניט קיין סימני טהרה, וויבאלד, אבער, ער קומט ארויס פון א טהור איז ער אויך טהור.

אויב מען וועט זאגן אז די סימני טהרה זיינען ניט מער ווי סימנים מבררים, איז דער דין פארשטאנדיק אויך מצד הסברא: וויבאלד ער איז יוצא מן הטהור, האט דארט דער ענין פון סימנים קיין ארט ניט. אויב, אבער, מען וועט זאגן אז די סימנים זיינען א סיבה אויף דער טהרה, דארף מצד הסברא אויסקומען אז אויב פרסותיו קלוטות דארף ער זיין

---

1) צפנת פענח (להרגצובי) על הרמב"ם ריש הלכות מאכלות אסורות — עיין שם כל זה בארוכה. ולהעיר ממורה נבוכים ח"ג פמ"ח. זע אויך לקו"ש ח"ב ע' 375 ואילך.

35) מנחות קי, א.

36) חולין יא, א.

2) בכורות ה, ב.

טמא. און דאָס וואָס דער דין איז אַז ער איז טהור איז דאָס מצד גזירת הכתוב.

אַ נפקא מינה לדינא, צי די טהרה איז מצד הסברא, צי מצד גזירת הכתוב איז:

מיט אַ דבר טהור טאָר מען זיך ניט שפּילן. ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? אויב ער איז פון אַ מין טהור, אויב, אָבער, זיין מין איז אַ טמא, נאָר ער איז טהור מצד אַ גזירת הכתוב, איז דער איסור ניטאָ.

די ראי׳ אויף דעם: לויתן זה יצרת לשחק בו, פרעגט דער ירושלמי[3], ווי מעג מען זיך שפּילן מיט אַ דבר טהור? און ער ענטפערט, אַז לויתן איז בעצם אַ דבר טמא והותר מכלל איסור. זעט מען פון דעם, אַז אויב די טהרה איז מצד אַ גזירת הכתוב, מעג מען זיך דערמיט שפּילן.

ב. עס זיינען פאַראַן כמה ראיות אַז די סימני טהרה זיינען אַ סיבה אויף דער טהרה. אַזוי איז אויך משמע פון לשון הפסוק, וואָס ער זאָגט, כי מעלה גרה הוא ופרסה איננו מפריס וגו׳.

עס איז אויך אַ ראי׳ פון דעם דין תרנגול דאגמא אסור. זאָגט תוספות[4] אַז דאָ גייט ניט אָן דער כלל היוצא מן הטהור טהור, ווייל דער אפרוח מעפרא קא גדיל (ער וואַקסט פון ערד), במילא ווערט ער טמא מצד די סימני טומאה. אויב מען וועט זאָגן אַז זיי זיינען נאָר סימנים המבררים, היינט וויבאַלד אַז מען וויס פון וואָס פאַר אַ מין דער תרנגול קומט, איז וועמען אַרט דאָס אַז ער האָט סימני טומאה? מוז מען זאָגן אַז די סימנים זיינען אַ סיבה צו דער טהרה, און דער כלל היוצא מן הטהור טהור איז אַ גזירת הכתוב, דערפאַר אויב מעפרא קא גדיל — איז דאָך ניט שייך דער כלל.

דאַרף מען פאַרשטיין די שייכות פון מעלת גרה ומפרסת פרסה צו טהרה. ובפרט אַז בפנימיות הענין, — אפילו מען וועט זאָגן אַז די סימנים זיינען ניט מער ווי מבררים, — איז ווי באַוואוסט אַז אַלץ אפילו ענינים פון וועלט זיינען בהשגחה פרטית, ועל אחת כמה וכמה עניני התורה ומצותי׳, איז דאָך פון דעם גופא וואָס די סימנים זיינען נקבע געוואָרן אויף טהרה, אַ ראי׳ אַז זיי זיינען שייך צו טהרה, על כל פנים בתור מסובב, ניט בתור סיבה ווי לויט דעם ערשטן אופן.

ג. איינער פון די טעמים[5] אויף מאכלות אסורות איז, ווייל פון יעדער מאכל וואָס מען עסט ווערט דאָך דם ובשר כבשרו, האָט די תורה גע׳אסר׳ט די מאכלות אסורות בכדי עס זאָלן ניט איינגעגלידערט ווערן אין דעם מענטש די אייגנשאַפטן פון דעם מאכל האסור, וואָס זיינען ניט קיין גוטע.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אויך אין דעם ענין פון סימני טהרה וטומאה. דער איסור פון עסן אַזעלכע בהמות וועלכע זיינען ניט מעלה גרה און מפריס פרסה בכדי די תכונות — אייגנשאַפטן — זאָלן ניט איבער־

---

3) שבת סוף פרק ט, זע אויך חולין סוף פרק ג ובחידושי אגדות שם.

4) ד״ה תרנגולתא, נדה נ, ב.

5) רמב״ן על התורה ויקרא יא, יב. ועוד. זע אויך שולחן ערוך יורה דעה סוף סימן פא.

גיין אין דעם מענטש — באַווייזט אַז דעם מענטשנס פירונג דאַרף זיין — מפריס פרסה און מעלה גרה.

ד. ווי געזאָגט אַז אין תורה איז יעדער ענין אַ הוראה, אַן אָנווייזונג צום מענטש, איז דאָס — וואָס די סימנים ביי אַ בהמה זיינען, על כל פנים, לברר טהרת הבהמה — אויך אַ הוראה אַז די תכונות מעלה גרה און מפריס פרסה ביי דעם מענטשן, זיינען מברר און מבחין זיינע הנהגות, צי זיי זיינען טהור, אָדער חס ושלום פאַרקערט.

נאָך אַ פרט אין דעם: די הבחנה ובירור אויף טהרה — זיינען בנוגע אַ בהמה. ודוגמת זה באדם — הבהמה שבלבו של אדם, די נפש הבהמית. די הבחנה און בירור זיינען ניט בנוגע די עניגים פון נפש האלקית, תורה ומצותי', צי זיי זיינען אינגאַנצן לשמה צי מיט אַ פני', ניט אויף דעם איז די הבחנה — וואָרום אַפילו בשעת ס'איז מיט אַ פני' דאַרף מען אויך לערנען תורה און מקיים זיין מצות, לעולם ילמוד ויקיים מצות אפילו שלא לשמה שמתוך כו' [6]. די הבחנה איז בנוגע ענינים הגשמיים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיטן נפש הבהמית, דאַרף מען מבחין זיין צי די „בהמה" איז אַ טהורה צי ניט.

ביידע בהמות שטייען אין דער תורה, אויך די בהמה טמאה. ד. ה. אַז אַפילו פירנדיק זיך על פי תורה, קען מען אויך זיין אַ בהמה טמאה. ווי דער רמב"ן זאָגט אַז מען קען זיין אַ נבל ברשות התורה (ד. ה. אַז עס דוכט זיך אויס אַז דאָס איז ברשות התורה, באמת איז ער דאָך עובר אויפן ציווי [7]) פון קדושים תהיו — אַ ציווי עיקרי ושרשי). איז אויף צו מבחין זיין וואָס איז אַ בהמה טהורה, גיט די תורה צוויי סימנים: א) מפרסת פרסה. ב) מעלת גרה.

ה. בכלל איז אויך ביי אַ בהמה פאַראַן אַן עיקר'דיקער חילוק צווישן ראש (קאָפּ) מיט רגל (פוס) — ווי פאַרשטאַנדיק אויך פון הלכות טריפות וכו'. איז אויסער דעם אפילו ביי אַ בהמה זיינען נאָענט צו דער ערד נאָר די פיס, ד. ה. אַז מיט די כחות נעלים אויך פון נפש הבהמית — דאַרף מען ניט ליגן אין גשמיות, ענינים ארציים, נאָר מיט די כחות פון מעשה [8]) וויפל מען מוז.

— מען דערציילט אַז דער רבי (מוהרש"ב) נ"ע האָט געזאָגט צו אַ חסיד, וועלכער איז געוועז אַ ציור און אַ בעל כשרונות וואָס האָט זיך אַריינגעטאָן אין מסחר פון קאַלאָשן: „פיס אין קאַלאָשן האָב איך געזען, אָבער אַ קאָפּ אין קאַלאָשן..." —

אויסער דעם דאַרף זיין אין רגל, צווישן דער פוס און דער ערד — אַ פרסא, אַ הפסק אפילו צווישן רגלים און ערדישקייט.

די פרסה וואָס איר ענין איז כנ"ל פרסא — באל"ף — הפסק והעלם, דאַרף אָבער זיין אַ צעשפּאָלטענע. דאָס הייסט אַז אויך אין די ענינים ארציים זאָל לייכטן ג-טלעכקייט, ער זאָל אין זיי זען אלקות.

---

6) הלכות תלמוד תורה לאדמו"ר הזקן פרק ד הלכה ג. תניא פרק לט.

7) רמב"ן ריש פרשת קדושים. זע אויך תניא פרק ל.

8) זע אויך אויבן עמוד 61 און ווייטער און 189 און ווייטער.

(ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות[9]) בענין השערות, אז ביי אן אשה איז שער באשה ערוה, אויך ביי די לויים איז והעבירו תער כו׳, אבער ביי א נזיר שטייט גדל פרע שער ראשו. רעדט זיך דער ביאור אין דעם, אז וואו דער חיות ואור איז במיעוט דארט זיינען שערות (צמצום, ועל ידי הפסק הגלגולת) א חסרון, מה שאין כן וואו דער חיות און אור איז בריבוי — דארף זיין שערות. דערפאר איז ביי א נזיר קדוש יהי׳ גדל פרע וכו׳. וכן הוא בענין הפרסה פון א בהמה אז די פרסה דארף זיין א צעשפאלטענע).

און ווי געזאגט אין תניא[10], שגם בעניני ארץ לא יפרדו מאחד האמת — אז אויך אין די ענינים פון וועלט זאל מען זיך ניט אפשיידן פון דעם אויבערשטן — אחד האמת. און דערפאר דארף די צעשפאלטנקייט זיין אויף דורך און דורך — עס זאל אנקומען אויך גאר אונטן.

וואס דעמאלט דוקא קען מען מאכן פון דער בהמה א בהמה טהורה, דאס הייסט אז זיין בהמה, די גשמיות וואס איז מוכרח מצד הגוף, זאל זיין א בהמה טהורה.

און ווי עס שטייט אין קהלת יעקב פון בעל המחבר ספר מלא הרועים אז בהמה איז ראשי תיבות: בשר היורד מן השמים, וואס דאן איז זי אוודאי א טהורה, כי אין דבר טמא יורד מן השמים[11]).

ז. נאך א פרט איז דא אין מפריס פרסה[12]), אז די פרסה איז צעשפאלטן אויף צווייען, ד. ה. אז דער הילוך על הארץ, דער האבן צו טאן מיט ענינים ארציים, דארף זיין אין צוויי תנועות, ימין מקרבת ושמאל דוחה[13]).

עס זיינען פאראן אזעלכע וואס ביי זיי איז נאר דער ימין מקרבת, אן קיין שום אפהאלט. זיי טענה׳ן אז בכדי צו מקרב זיין אידן צו תורה, איז כדאי צו פארבויגן ענינים פון תורה און אפילו איבערמאכן חס ושלום תורה לפי רוח הזמן.

דער ענין אז מען דארף מקרב זיין אלע אידן צו תורה, איז טאקע אמת, ווי מען האט שוין גערעדט מערערע מאל[14]) אין דעם פירוש המשנה[15]), אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, אז אפילו די וואס זיינען ניט מער ווי בריות בעלמא, ד. ה. וואס זיי האבן אין זיך ניט קיין מעלה מער ניט וואס זיי זיינען דעם אויבערשטנס באשעפענישן[16]), דארף מען אויך זיי מקרב זיין צו תורה.

אבער דאס וואס זיי טענה׳ן אז צוליב דעם זאל מען מאכן תיקונים — וואס באמת זיינען דאס קילקולים — אין תורה חס ושלום, דאס איז היפך דרך התורה, און ווי דער לשון אין דער משנה גופא: ומקרבן לתורה, צוברענגען זיי צו תורה, אבער ניט שלעפן די תורה חס ושלום און איבערמאכן זי לפי רוחם.

---

9) לקוטי תורה ד״ה ונקדשתי. דרך מצותיך מצות תגלחת מצורע.
10) אגרת הקדש סימן ט.
11) סנהדרין נט, ב.

12) הוראה נוספת בזה זע לקו״ש ח״ב ע׳ 378.
13) סוטה מז, א. סנהדרין קז, ב.
14) זע אויך אויבן עמוד 99 און ווייטער. לקו״ש ח״ב ע׳ 316 ואילך.
15) אבות פרק א משנה יב.
16) תניא פרק לב.

אפילו אויב זייער טענה וואלט געווען א גערעכטע טענה, אז דורך דעם וועט מען מקרב זיין אידן, דארף מען וויסן אז על פי דין התורה טאר מען ניט משנה זיין חס ושלום אפילו קיין דקדוק קל פון תורה, סיי א דאורייתא, סיי א דרבנן, און אפילו דאס וואס רבותינו האבן מתקן געווען אין די לעצטע דורות.

— סיידן א נביא אמת און ווען ער זאגט עס בדרך הוראת שעה בלבד, — וואס דאן איז דאס א דין פון תורה — ווי אלע מצות — אז מען דארף זיך צוהערן צו אים, און אזוי ווי אליהו בהר הכרמל, א נביא, און דאס אויך בלויז בדרך הוראת שעה[17], אבער ווען ניט דאס, טאר מען ניט אפקערן חס ושלום א זיז כל שהוא פון תורה, ניט קוקנדיק וואס דורך דעם וועט מען אויפטאן —

ובפרט אז דער אמת איז, אז ניט נאר וואס דורך דעם וועט מען גאר ניט מתקן זיין און מען וועט ניט מקרב זיין אידן צו תורה, נאר אדרבה, מען מאכט דורך דעם ערגער, מען ווערט אליין איינגעשלונגען אין זיי, ביז מען קערט אפ חס ושלום לגמרי פון תורה און אידישקייט.

ווי דער באוואוסטער משל פון כ״ק מו״ח אדמו״ר, אז בשעת א מענטש געפינט זיך פארבלאנדזשעט אין וואלד צווישן חיות הטורפות — מיינט דאך דאס ניט אז ער איז ארויס פון זיין הויז גלייך אין מיטן טיפן וואלד. נאר פריער איז ער געגאנגען בדרך המלך, מלכו של עולם, און דערנאך האט ער אפגעקערט פון דעם דרך המלך איין חוט השערה, און צו דער חוט השערה נאך א חוט השערה, און נאך א חוט השערה, ביז ער האט זיך געכאפט אז ער געפינט זיך אין טיפן וואלד צווישן חיות טורפות.

ח. דער סימן פון מפרסת פרסה אליין איז אבער ווייניק, מען דארף האבן אויך דעם סימן פון מעלת גרה.

יעדער דבר גשמי וואס מען גייט טאן, דארף מען גוט איבערקייען, מברר זיין איין מאל און נאך אמאל, צי ער זאל דאס טאן, און ווי ער זאל דאס טאן, און נאר דאן איז עס א בהמה טהורה.

על פי חסידות — הענין דכללות הבירורים — בירור ב״ן ואחר כך בירור מ״ה.

ט. נאך א הוראה קען מען ארויסנעמען פון סימני טהרה ביי אן עוף.

ביי אן עוף, טאר מען אויף סימנים אליין זיך ניט פארלאזן און מען דארף האבן אויך מסורה[18]. אין פלוג, צוליב וואס דארף מען האבן מסורה? מען קען דאך זען די סימנים און אליין וויסן. נאר דער ענין איז, אז אויפן אייגענעם שכל קען מען זיך ניט פארלאזן, מען קען לערנען שולחן ערוך, און אפילו פירן זיך, לויט זיין שכל, לפנים משורת הדין און זיין בשעת מעשה אין שאול תחתית רחמנא לצלן. עס דארף זיין מסורה, וואס מסורה איז אויך פון לשון מסירה והתקשרות, התקשרות צום רבי׳ן, ורבי צייד, א רבי וואס האט זיך עוסק

17) רמב״ם הלכות יסודי התורה פרק ט הלכה ג.

18) שולחן ערוך יורה דעה סימן פב, סעיף ג.

געוועָן אין מציל זיין נפשות ישראל, און איז בקי בהם ובשמותיהם, פון עצת היצר.

(מלוקט משיחות ש״פ ראה תש״י, ש״פ שמיני תשט״ז)

י. דער סדר פון היינטיקער סדרה איז: פריער רעדט ער וועגן דעם יום השמיני למילואים, דערנאָך וועגן מיתת שני בני אהרן, און צום סוף פון סדרה וועגן בהמות טהורות כו׳ ביז צו איסור אכילת שקצים ורמשים.

די מעלה פון יום השמיני למילו־אים אויף די פריערדיקע טעג איז, וואָס ביום השמיני הקים את המשכן ולא פרקו (מען האָט אויפגעשטעלט דעם משכן און אים ניט צענומען). הגם יעדער זאַך וואָס מען טוט על פי ציווי התורה איז דאָך אַן ענין אויף אייביק [19]),

— דערפאַר איז כאָטש אַז כל קשר שעתיד להתירו איז ניט קיין קשר של קיימא, פונדעסטוועגן אויב דער קשר איז געמאַכט על פי ציווי התורה, אַז די תורה האָט געהייסן מאַכן דעם קשר, דעמאָלט דאַרף מען זאָגן אַז דער קשר איז אַ קשר של קיימא. ציווי התורה מאַכט דעם ענין אַן ענין נצחי. למטה ווערט ער נמשך נאָר אין דעם זמן, אָבער דער ענין איז אַן ענין נצחי.

נאָך מער, אַפילו ווען דאָס וואָס עתיד להתירו איז אויך על פי ציווי התורה, די תורה הייסט אים אָפּ־בינדן, פונדעסטוועגן איז דער קשר בשעת ער איז פאַראַן, אַן ענין נצחי. אויך דער היתר — אין זיין זמן — איז אַ נצחי נאָר דאָס איז אין אַן אַנדער זמן. על דרך ווי עס שטייט אין תניא [20]) ויחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד וכו׳ אלא שלמטה הוא תחת הזמן.

דערמיט וועט זיין פאַרענטפערט וועגן דעם ענין פון קשר של תפילין, לויט די דעות [21]) וואָס האַלטן אַז יעדן טאָג דאַרף מען אויפבינדן דעם קשר און צוריק אים פאַרבינדן איבעראַנייס, אַז פונדעסטוועגן הייסט עס אַ קשר של קיימא. —

במילא איז דאָך אויך די הקמה פון שבעת ימי המילואים אַן ענין נצחי, פונדעסטוועגן איז דאָס ניט גלייך צו הקמת יום השמיני וואָס דאַן איז געווען הקימו ולא פרקו בפועל ממש. ובפרט אַז ביום השמיני איז ירדה אש מן השמים, וואָס דאָס איז אַ הויכער ענין וואָס אין די פריערדיקע טעג איז דאָס אינגאַנצן ניט געווען.

על כל פנים איז שמונת ימי המילו־אים אַן ענין נעלה.

ווייטער אין דער סדרה רעדט ער וועגן מיתת שני בני אהרן און זאָגט אַן אַז עס זאָל דערצו ניט קומען.

עס איז באַוואוסט [22]) אַז דער ענין פון מיתת שני בני אהרן איז רצוא אָן אַ שוב. דערפון איז פאַרשטאַנדיק אַז אידן זיינען געשטאַנען דעמאָלט אין זייער אַ הויכן מצב, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרהיטן פון כלות הנפש בפועל ממש.

פונדעסטוועגן איז נאָכדעם אין דער

---

19) זע אויבן עמוד 218 און ווייטער.

20) פרק כה.

21) זע תוספות ד״ה אביי (עירובין צז, א). תוד״ה משעת (מנחות לה, ב). תוד״ה ואידך (חולין ס, א). סדר הדורות ד״א תתקי״ל.

22) נתבאר בארוכה בד״ה אחרי מות דשנת תרמ״ט, ודשנת תרע״ה (בהמשך תער״ב ח״ב).

זעלבער סדרה זאגט ער אן, וועגן אכילת שקצים ורמשים שנפשו של אדם קצה בהם, וואס אויך מצד שכל אנושי איז עס זייער מאוס. אין פלוג — ווי פאסט עס אז דאס זאל שטיין בסמיכות צו אזוינע הויכע ענינים?

קען מען זאגן, אז הגם ער רעדט וועגן זייער הויכע מדריגות, פונדעסט־וועגן זאגט ער אן צום סוף וועגן קבלת עול דוקא: כי אני הוי׳ המעלה אתכם וגו׳ על מנת שתקבלו מצותי וכו׳. ווארום עס איז דאך דא דער גוף[23]) אויך, און פון דער צווייטער זייט — למעליותא: דער גוף נעמט זיך דאך פון אן ארט וואס איז העכער פון שכל, השגה והתבוננות. איז דער־פאר שייכותו בעצם צו ענינים שאינם השגה כו׳.

דערפון איז דער פועל יוצא, אז מען מוז אנקומען אין אלע זאכן צו קבלת עול אפילו אז מען שטייט אין א הויכן מצב. אן קבלת עול קען מען מיט דער צייט אראפפאלן ביז אכילת שקצים כו׳ חס ושלום.

(משיחת ש״פ שמיני תש״י)

יא. אין דער הפטרה פון היינטיקער סדרה דערציילט זיך ווי דוד המלך האט געפירט דעם ארון האלקים פון בית עובד אדום הגתי צו עיר דוד. אויפן וועג, ווערט דערציילט, אז ודוד מכרכר בכל עוז לפני ה׳ ודוד חגור אפוד בד. קומענדיק אין עיר דוד שטייט דער לשון: המלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה׳.

דארף מען פארשטיין דעם רמז אין די שינויים בלשון הכתוב צווישן חוץ לעיר מיט עיר דוד: א) פריער ווערט דערמאנט ודוד חגור אפוד בד און אין עיר דוד ווערט דאס ניט דער־מאנט. ב) פריער שטייט נאר מכרכר און אין עיר דוד — מפזז ומכרכר.

אויך דארף מען פארשטיין וואס עס ווערט דערציילט וויטער, אז בשעת מיכל בת שאול האט געזען ווי המלך דוד מפזז ומכרכר, האט זי אפגע־שפאט פון אים. האט איר דוד גע־ענטפערט, לפני ה׳ אשר בחר בי מאביך כו׳ ונקלותי עוד מזאת גו׳. צוליב וואס האט ער מקדים געווען אשר בחר בי מאביך? ער האט דאך נאר גענדארפט דערקלערן די סיבה פון זיין שמחה.

יב. וועגן אפוד בד זאגט דער רמב״ם[24]) אז ער איז ניט פון די שמונה בגדי כהונה. ווארום דער אפוד פון די בגדי כהונה איז געווען ניט נאר פון בד — פשתן — נאר אויך פון תכלת וארגמן גו׳, און ברענגט א ראי׳ פון שמואל הנביא[25]) וואס ער איז געווען א לוי און פונדעסט־וועגן שטייט אויף אים נער חגור אפוד בד.

און דער רמב״ם פירט אויס אז דעם אפוד בד פלעגן טראגן בני

---

23) יובן ביותר על פי ספורו של הרב המגיד לרבנו הזקן מה שראה במחזה, איך שמשה רבנו תירץ לתינוקות של בית רבן במש״נ: ויפול אברהם על פניו ויצחק גו׳ — דכל הפירושים אמת, ואין מקרא יוצא מידי פשוטו, ואם תאמרו איך אפשר הדבר אשר אברהם יהי׳ מסתפק במאמר השם, תדעו, אשר זהו מצד הגוף, ואשר גם גוף קדוש בשר הוא (התמים חלק ב ע׳ עא. קובץ מכתבים בדבר אמירת תהלים, ע׳ 197. אג״ק אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ תנד־ה).

24) סוף הלכות כלי המקדש.

25) הטעם שלא הביא הרמב״ם ראי׳ מדוד שלא הי׳ משבט לוי כלל, דלכאורה היא ראי׳ אלימתא יותר — נתבאר בהשיחה בארוכה, ואכ״מ.

הנביאים און דער וואָס איז ראוי שתשרה עליו רוח הקודש, אויף צו ווייזן אַז ער איז צוגעקומען „למעלת כהן גדול שמדבר על פי האפוד וה־חושן ברוח הקודש".

דאָס הייסט אַז אַזוי ווי נבואה איז זייער אַ הויכע מדריגה, וואָרום אין השכינה שורה אלא על חכם גבור ועשיר ובעל קומה [26]) און די איבע־ריקע מעלות וואָס מען רעכנט אויס, און אויך דעמאָלט איז נוגע דער ענין פון די לבושים און ווי אַזוי זיי זיינען, ביז אַז מען זאָגט ויפשט את בגדיו, איז אַלס אַ סימן אַז מען איז גרייט און ראוי שתשרה עליו רוח הקודש, פלעגט זיין חגירת אפוד בד.

דער ענין וואָס דער רמב"ם זאָגט, האָט אַ מקור אין ירושלמי [27]), אין נוב עיר הכהנים זיינען געווען 85 כהנים וואָס האָבן געטראָגן אפוד בד, פרעגט דער ירושלמי, אַ כהן גדול איז דאָך מער ניט ווי איינער? ענט־פערט ער, שכולם היו ראויים לכהונה גדולה, והן הם דברי הרמב"ם.

יג. איינע פון די הכנות צו נבו־אה איז התבודדות, וואָס בדרך כלל איז דאָס אויסער דער שטאָט. בשעת דוד איז געווען אויפן וועג, מחוץ לעיר, דאָרט איז דער עיקר אָרט וואָס ער האָט זיך מכין געווען צו נבואה, דערפאַר איז דאָרט דערמאָנט אַז ער האָט אויך געטראָגן אַן אפוד בד.

דערפאַר איז אויך מכרכר בכל עוז לפני ה׳, וואָרום אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה [28]). אויך איז מכרכר דער טייטש משבח, געזאָגט שירים ותשבחות צו דעם אויבערשטן, בכדי אַרויסרופן דעם גילוי הנבואה, וואָ־רום תשבחות והילולים רופן דאָך אַרויס כחות הנעלמים, ווי באַ־וואוסט [29]).

ביי דער שמחה פון עיר דוד דער־מאָנט זיך אויך מפזז, אַ באַווייז אויף ריבוי הריקוד [30]). מחוץ לעיר איז עס ניט געווען אַזוי, אָדער ס׳איז גאָר קיין ריקוד ניט געווען. ריקוד, ווערט דער־קלערט אין חסידות, קומט פון דעם וואָס די שמחה נעמט אים דורך, דורך און דורך, ביז עס דערלאַנגט אויך אין די פיס.

דערפאַר ווערט דער וואָרט מפזז דערמאָנט אין צווייטן פסוק דוקא: די שמחה מחוץ לעיר איז געווען מיט אַ מבוקש — נבואה והשראת השכינה, ובמילא — בהגבלה, עס איז ניט אין גאַנצן דורך און דורך. די שמחה פון עיר דוד דוקא, אַ שמחה אָן אַ מבוקש ובמילא — בלי גבול, דאָרטן איז אויך — מפזז.

יד. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס ביי מיכל בת שאול האָט זיך ניט אָפּגעלייגט דאָס וואָס דוד איז מפזז ומכרכר לפני ה׳ אין עיר דוד.

אויף אַ שמחה מיט אַ חשבון, איז הגם טאָקע אין רואים את המלך [31]) ווען ער איז אין אַזוינע ענינים וואָס מאַכן אַ חלישות אין דעם שום תשים

---

26) שבת צב, א.

27) סנהדרין פרק י הלכה ב.

28) שבת ל, ב.

29) הוספות לתורה אור ויחי. דרך מצו־תיך, מצות הלל.

30) זע רד"ק דאָרט (ש"ב ו, טז). און אין תרגום דאָרט.

31) סנהדרין כב, א.

עליך מלך שתהא אימתו עליך, פונ־דעסטוועגן, וויבאלד עס איז מיט א מבוקש, האט עס אן ארט אין טעם ודעת, על פי שכל. אבער מפזז ומכרכר אין עיר דוד, וואס איז געווען למעלה מהגבלה, למעלה מטעם ודעת, לייגט עס זיך ניט אפ.

טו. דערמיט וועט מען אויך פאר־שטיין, וואס דוד האט איר געענט־פערט: אשר בחר בי מאביך — ער האט דערמיט אנגעוויזן דעם חילוק אין סדר העבודה. שאול'ס עבודה איז געווען על פי טעם ודעת, וואס דער־פאר האט שאול ניט געוואלט מחרים זיין עמלק'ן אינגאנצן, ווייל על פי שכל איז אויסגעקומען אז מען דארף האבן דעם מיטב הצאן והבקר למען זבות לה' אלקיך, ווי ער האט גע־זאגט שמואל'ן.

און דאס האט דוד געזאגט, אשר בחר בי מאביך: שאול וואס הלך אחרי הטעם, האט מען פון אים צוגע־נומען די מלוכה, און אפגעגעבן אים, לצוות אותי נגיד, דוד'ן דוקא, וואס זיין עבודה איז קבלת עול, אזוי ווי עס שטייט ודוד עבדי. איז אויב מען וויל עס זאל זיין א מלוכה קיימת, דארף זיין קבלת עול, ונקלותי גו' והייתי שפל גו' — אן הגבלה פון שכל.

טז. דאס איז אויך א סיוע צו דעם וואס מען פירט זיך ביי חסידים, און אזוי האט מען געזען אויך ביי די רביים, אז שבת ויום טוב טאנצט מען, מען פאטשט מיט די הענט וכו', כאטש אז לויט דער משנה פארלאנגט דאס א ביאור מיוחד על פי נגלה[32], פונדעסטוועגן טוט מען עס בפשטות. דארף מען זאגן דעם טעם פנימי כנ"ל:

אזוי ווי עס ווערט דאך אלץ נענ־טער צו משיח'ן,

— באלד נאכן חורבן האט מען שוין אנגעהויבן צו גיין אנטקעגן משיח'ן, ווי דער מדרש דערציילט[33], אז מרגע החורבן האט געגומען נאר כגעיה של פרה ונולד מושיען של ישראל, און מרגע לרגע ווערט מען אלץ נענטער צו דעם זמן וואס ועבדי דוד מלך עליהם, על כל ישראל, נשיא להם לעולם[34] —

דערפאר פירט מען זיך — וכפסק הרמב"ם[35] — אין דעם סדר פון ודוד עבדי — „מפזז ומכרכר לפני ה'".

(משיחת ש"פ שמיני, תשט"ו)

---

32) ביצה לו, ב. שולחן ערוך אורח חיים סימן שלט ס"ג. שאלות ותשובות מנחת אלעזר ח"א סכ"ט.

33) ראה לקו"ש ח"ב ע' 359 ואילך.

34) יחזקאל לז, כד־כה.

35) סוף הלכות לולב: שהשמחה שישמח האדם בעשיית המצוה ובאהבת הא־ל כו' וכן דוד מלך ישראל אמר ונקלותי כו' והמלך דוד מפזז ומכרכר לפני ה' כו'.

# פרשת תזריע

א. אויפן פסוק אשה כי תזריע וילדה זכר זאָגן רז״ל [1], איש מזריע תחלה יולדת נקבה אשה מזרעת תחלה יולדת זכר.

אָבער נאָר איצטער איז עס אַזוי, לעתיד לבא וועט דער ולד זיין בבחינת זכר אויך ווען איש מזריע תחלה, ווי עס שטייט אין תורה אור [2] אויפן פסוק ולציון יאמר איש ואיש יולד בה, איש ואיש, אויך בשעת איש מזריע — יולדת בחינת זכר (איש).

ב. אַ דוגמא אויף דעם ענין, געפינען מיר אויך איצטער.

אין לקוטי תורה פון דער היינטיקער סדרה ווערט דערקלערט אַז דורך שמחה של מצוה טוט מען אויף שתלד זכר. וואָרום שמחה של מצוה למטה איז מעורר שמחה אויך למעלה, און שמחה איז פורץ גדר, גייען אַראָפּ אַלע הגבלות מצד סדר הבריאה ובכללם אויך די הגבלה פון איש מזריע תחלה יולדת נקבה.

על דרך משל, אַ מלך בשר ודם בשעת ער איז בשמחה גייט ער אַרויס פון זיינע גדרים און חוקים, און ער ווערט אַנטפּלעקט צו אַלעמען, צו קליין ווי צו גרויס. אַזוי אויך למעלה, מצד השמחה ווערט נתגלה אלקות וואָס איז העכער מהגבלה און עס גייען אַראָפּ אַלע גדרים.

ג. די פנימיות פון דעם ענין איז: שמחה של מצוה קומט דורך התבוננות אין מעלת המצות, אַז דורך זיי איז מען ממשיך אַן אור שלמעלה מערך העולמות, העכער אַפילו פון דעם גילוי אור פון גן־עדן. און ווי דער מאמר רז״ל [3], יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא. כל חיי עולם הבא איז אַלץ אַן ענין פון נבראים, וואָס נבראים זיינען בהגבלה. אָבער מצות זיינען רצונו יתברך, און ער איז בלי גבול כלל.

און די התבוננות פועל׳ט אַז די עבודה זאָל זיין בשמחה, און נאָך מער, ובטוב לבב.

אַזוי ווי עס שטייט [4], עבדת את הוי׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, מצד וואָס קומט דער „עבדת את הוי׳ אלקיך בשמחה ובטוב לבב״ — „מרוב כל״, פון דער התבוננות אַז מצות זיינען העכער ווי „רוב כל״, וואָס אין דעם גייען אַריין אַלע העכסטע עולמות.

און וויבאַלד אַז שמחה של מצוה איז מצד דעם וואָס מען פאַרבינדט זיך מיט עצמות, וואָס ער יתברך איז ניט מוגבל אין קיינע הגבלות, נעמט מען אַראָפּ אַלע הגבלות, און אויך ווען איש מזריע תחלה קען זיין — יולדת בחינת זכר.

ד. על דרך זה וועט מען פאַרשטיין דעם ענין אויך ווי ער איז לעתיד לבא: וויבאַלד לעתיד וועט זיין התגלות העצמות, וועלן אַראָפּגיין אַלע הגבלות, וועט אויך זיין,

1) ברכות ס, א.
2) תורה אור לז, ג.
3) אבות פרק ד, משנה יז.
4) דברים כח, מז.

ולציון יאמר איש ואיש יולד בה, איש מזריע תחלה — יולדת בחינת זכר.

ה. לויט דעם וועט מען אויך פאַר־שטיין די פלוגתא פון בבלי מיטן ירושלמי וועגן ולד זכר ונקבה. אין בבלי [5] שטייט אַז ביז פערציק טעג קען העלפן בקשת רחמים דער ולד זאָל זיין אַ זכר, אָבער נאָך פערציק טעג איז עס אַ תפלת שוא. אין ירושלמי [6] שטייט אַז אויך נאָך פער־ציק טעג, און לויט נאָך אַ דיעה, אפילו ווען די פרוי גייט שוין צו קינד, קען מען נאָך פועל'ן דורך תפלה אַז דער ולד זאָל זיין אַ זכר.

לויט דעם אויבן דערמאָנטן קען מען דאָס אַזוי דערקלערן: ווען דער ולד ווערט שוין אויסגעפורעמט, איז אַ תפלת שוא. אָבער לויט דעם ירושלמי אַז אַלע מאָל קען העלפן תפלה, איז דאָס ווייל אין ירושלמי — היפך פון במחשכים וקושיות פון תלמוד בבלי [7] — איז מעין הגילוי דלעתיד, און מצד יענער בחינה איז גאָר קיין הגבלות ניטאָ.

ו. ווי מען האָט עטלעכע מאָל גע־רעדט, איז יעדער דבר גשמי, און בפרט וואָס שטייט אין תורה, אויך דאָ ברוחניות, און פון רוחניות ווערט נשתלשל דער ענין בגשמיות.

אויך דער ענין פון זכר ונקבה, מיט די אויבנדערמאָנטע פרטים — א) חילוק צווישן איש מזריע תחלה און אשה מזרעת תחלה. ב) חילוק פון איצטער מיט לעתיד, — זיינען פאַראַן ברוחניות בעבודה בנפש האדם.

ז. אין לקוטי תורה (דאָרט) איז ער מבאר דעם מאמר רז"ל איש מז־ריע כו' ברוחניות. איש ואשה גייט עס אויף הקב"ה וכנסת ישראל. איש מזריע תחלה מיינט, אַז די התעוררות הויבט זיך אָן מלמעלה — אתערותא דלעילא. אשה מזרעת תחלה מיינט, אַז די התעוררות הויבט זיך אָן פון דעם אדם — אתערותא דלתתא.

איז אויב איש מזריע תחלה — יולדת נקבה, ווייבאַלד די התעוררות קומט מלמעלה, טוט עס אויף למטה אַן ענין פון „נקבה", ד. ה. אַ דבר שאינו של קיימא, כמאמר [8] נשים דעתן קלות. וואָרום ווייבאַלד אַז דער אדם האָט ניט צוגעגרייט קיין כלי צו דעם, די התעוררות איז נאָר מלמע־לה, האָט דאָס ביים מענטשן קיין אָנהאַלט ניט. בשעת, אָבער, אשה מזרעת תחלה, אַז עס איז דאָ אַ התעוררות מצד האדם, ווערט ער דאָך אַ כלי צו דעם, דאַן איז יולדת „זכר", עס איז אַ דבר של קיימא, וואָרום דער מענטש איז עס קולט — נעמט דאָס אַריין — אין אַ פנימיות.

ח. פונדעסטוועגן איז דאָ אַ מעלה אויך אין איש מזריע תחלה (אתערו־תא דלעילא). ווייל אתערותא דלתתא, קען ממשיך זיין ניט מער ווי אַן אור שבערך הנבראים. אָבער ווען איש מזריע, די המשכה קומט מלמע־לה, קאָן און ווערט נמשך אַן אור בלי גבול, שלמעלה מהעולמות.

קומט אויס, אַז אין יעדן אופן איז דאָ אַ מעלה. די מעלה אין איש

---

5) ברכות ס, א.

6) ברכות פרק ט, הלכה ג.

7) בארוכה — בשערי אורה שער החנוכה דרוש הא' פרק נד. ד"ה חייב אינש לבסומי תש"ח אות יא.

8) שבת לג, ב. קידושין פ, ב.

מזריע תחלה איז אין דעם אור, אז דער אור איז אַ העכערער, און די מעלה אין אשה מזרעת תחלה — אַז עס קומט אַראָפּ אין אַ פּנימיות.

לעתיד, אָבער, וועט זיין איש ואיש יולד בה — עס וועלן זיין בײדע מעלות: אור שלמעלה מערך העולמות און בפנימיות, להוי כדין וכדין [9].

ט. די צוויי ענינים פון המשכה מלמעלה למטה והעלאה מלמטה למעלה זיינען, בכללות, אויך דער חילוק פון די חדשים ניסן און תשרי.

וועגן די חדשים ניסן און תשרי, זאָגט דער מדרש [10], משבחר הקב״ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים ומשבחר ביעקב ובניו קבע בו ראש חודש של גאולה. דער ראש השנה משבחר הקב״ה בעולמו איז אין תשרי, און דער חודש של גאולה משבחר ביעקב ובניו איז ניסן.

אין עקידה און אין אַנדערע ספרים ווערט דערקלערט דער ענין פון די צוויי חדשים: אין דער הנהגה וואָס דער אויבערשטער פירט אַן מיט דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי אופנים: הנהגה טבעית און הנהגה נסית וואָס איז העכער פון טבע. תשרי איז ראש השנה אויף הנהגת הטבע, וואָרום בא׳ בתשרי איז געווען בריאת האדם — גמר הבריאה [11]) על פי סדר הטבע. ניסן איז דער ראש השנה אויף דער הנהגה למעלה מהטבע, וואָרום אין חודש ניסן איז געווען יציאת מצרים — נסים שלמעלה מהטבע.

עס איז אָבער נאָך ניט פאַרשטאַנדיק, פאַרוואָס דאַרף דער ראש השנה פון הנהגה נסית זיין אין אַן אַנדער זמן. אויב צוליב יציאת מצרים וואָס איז געווען אין חודש ניסן, דאַרף מען דאָס גופא פאַרשטיין, פאַרוואָס יציאת מצרים איז געווען אין ניסן און ניט אין תשרי, בפרט אַז התחלת הגאולה איז דאָך טאַקע געווען אין תשרי, ווי עס שטייט אין גמרא [12]): בתשרי בטלה עבודה מאבותינו במצרים, היינט פאַרוואָס איז אויך די גאולה שלימה ניט געווען בתשרי נאָר בניסן דוקא?

דער ענין אין דעם: דער חילוק פון תשרי מיט ניסן איז, תשרי איז גבורה, תשובה, העלאה מלמטה למעלה. און וויבאַלד אַז נבראים מצד זייער עבודה, ווי הויך זיי זאָלן ניט עולה זיין, איז דאָס אַלץ בהגבלה, דערפאַר איז תשרי ראש השנה אויף הנהגת הטבע. ניסן איז חסד, המשכה מלמעלה למטה, העכער פון עולמות, דערפאַר איז ניסן ראש השנה אויף הנהגה נסית שלמעלה מהטבע [13]).

---

9) בבא בתרא עה, א. זע אויך לקוטי תורה פ׳ ראה ד״ה ושמתי כדכד.

10) שמות רבה טו, יא.

11) ר״ן בראש השנה טז, א.

12) ראש השנה יא, א.

13) זע זהר חלק ב (קפו, א): החדש הזה לכם כו׳ כסדר דאתוון אביב כו׳ ירחא שביעאה דילי איהו מסופא דאתוון. ושם (נא, ב): אתוון כו׳ כסדרן כו׳ אשתכחו בחסד כו׳ למפרע כו׳ משתכחו בגבורה. — ולהעיר מלקוטי תורה להאריז״ל פ׳ ויצא ד״ה ענין הז׳ כוכבי לכת: מניסן ועד אלול כו׳ זכרים כו׳ חג״ת נה״י כו׳ ומתשרי כו׳ גבורות גשמים או״ח נוקבא (וצ״ע ממ״ש להיפך: בטעמי המצות פ׳ בא — הובא בעטרת ראש בתחלת הדרוש לעשי״ת, — בפרי עץ חיים שער ר״ה פ״ד, בשער הכוונות ענין ר״ה ד״א, בנהר שלום — בסוף ע״ח דפוס ורשא — בסופו). וראה קהלת יעקב מע׳ יב חדשים.

דערפאַר זעט מען אויך אַז אין תשרי איז מען מתפלל אויף גשם און אין ניסן אויף טל. דער חילוק פון גשם מיט טל איז דאָך ידוע, גשם קומט דורך אתערותא דלתתא, ואד יעלה מן הארץ; און טל קומט באתערותא דלעילא.

(דאָס איז אויך דער טעם וואָס מטר מיעצר — רעגן קען איינגעהאַלטן ווערן, וויבאַלד אַז המשכת המטר איז תלוי אין עבודת הנבראים איז אויב ס'פעלט די עבודה, פעלט דער רעגן. טל איז לא מיעצר[14], וואָרום דאָס איז אַ המשכה מלמעלה, וואו עבודת הנבראים רירט ניט אָן).

און דערפאַר בתשרי, העלאה, איז מען מתפלל אויף גשם, און בניסן, המשכה, אויף טל.

י. איז ווי קומט עס — לויט דער אויבנדערמאַנטער דערקלערונג — וואָס בתשרי בטלה העבודה מאבותינו, און התחלת הגאולה איז געווען בתשרי?

וועט מען עס פאַרשטיין דערקלערנדיק פריער דעם דיוק הלשון משבחר הקב"ה בעולמו. ניט משברא הקב"ה את עולמו נאָר משבחר דוקא. בחר איז העכער ווי ברא, וואָרום דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט בוחר געווען אין עולם איז דאָך אין עולם געוואָרן אַן עילוי, ער האָט באַקומען אַ שייכות צו אלקות.

און דאָס איז דער דיוק הלשון, משבחר הקב"ה בעולמו קבע בו ראשי חדשים ושנים, אַז אויך דער ראש השנה פון תשרי, וואָס איז דער ראש השנה אויף הנהגת הטבע, אויך דאָס איז שוין העכער ווי עולם מצד עצמו, דאָס איז שוין ווי עולם איז מצד בחירת הקב"ה.

בריאת העולם מצד עצמו איז בכ"ה באלול[15], און משבחר הקב"ה בעולמו איז באחד בתשרי (זמן בריאת האדם, וואָס דורך עבודת האדם איז דער עולם געוואָרן אַ כלי צו אלקות). וואָס אויף אחד בתשרי שטייט זה היום תחלת מעשיך. כ"ה באלול איז בחינת „כה" און א' בתשרי איז בחינת „זה". „זה" איז העכער ווי „כה", ווי דער מאמר[16]: כל הנביאים נתנבאו בכה ומשה נתנבא בזה. עולם מצד עצמו איז בחינת „כה", וואָרום מצד העלם והסתר שבעולם קען מען ניט אָנווייזן און זאָגן זה, נאָר בחינת „כה" בלבד, אָבער מצד בריאת האדם ועבודתו קען מען זאָגן „זה". מען זעט אלקות במוחש. ועל דרך שכל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר זה א־לי.

אָבער דאָס אַלץ איז נאָר די בחינה פון אלקות השייך ומתצמצם לפי ערך העולם, און פירט אָן די וועלט בהנהגת הטבע. מער ניט, וואָס די מדריגה גופא איז ניט בהעלם נאָר בגילוי. אָבער בחודש ניסן לייכט אלקות שלמעלה מהעולמות, וואָס אין אים איז ניטאָ קיין הגבלת הטבע חס ושלום, און מצד דעם קומט אַרויס די הנהגה נסית שלמעלה מהטבע.

לויט דעם וועט מען שוין פאַרשטיין דעם ענין וואָס בתשרי בטלה העבודה מאבותינו, ווייל אויך אין תשרי איז מאיר מהות אלקות, דער־

---

14) תענית ג, א.

15) ויקרא רבה ר"פ כט. פרקי דרבי אליעזר פרק ח. זע ר"ן ראש השנה טז, א.

16) ספרי. רש"י על התורה במדבר ל, ב.

פאַר איז דער שעבוד בטל געוואָרן און עס איז געווען אתחלתא דגאולה. מען איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין מצרים, מלשון מצרים וגבולים, וואָרום דאָס איז אַלץ דער אלקות וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט אין טבע. יציאת מצרים איז געווען בחודש ניסן דוקא, וואָס אין חודש ניסן לייכט דער אלקות ווי ער איז בלי גבול, דאַן איז געווען די יציאה מכל המצרים וההגבלות.

יא. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס דער אָנהויב פון עשרת הדברות איז אנכי הוי' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. איז דאָך באַוואוסט [17]) די קשיא, פאַרוואָס זאָגט ער אשר הוצאתיך מארץ מצרים און ניט אשר בראתי שמים וארץ, וואָס איז מער פלא [18]) ווי יציאת מצרים?

נאָר דער ענין איז: דער אויפטו פון מתן תורה איז אַז דורך תורה ומצות פאַרבינדט מען זיך מיט עצמות ומהות אלקות ווי ער איז העכער פון עולמות. דערפאַר איז בהתחלת מתן תורה דערמאָנט ער ניט בריאת שמים וארץ נאָר יציאת מצרים דוקא — ווייל דער אויפטו פון מתן תורה איז יציאה מכל המצרים וההגבלות פון עולם, און פאַרבינדן זיך מיט אלקות שלמעלה מהעולמות.

יב. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין די פלוגתא אין גמרא [19]), וועגן דעם זמן פון גאולה העתידה, רבי אליעזר האַלט, בניסן נגאלו בתשרי עתידין להגאל, און רבי יהושע האַלט, בניסן נגאלו בניסן עתידין להגאל.

איז אין פלוג ניט פאַרשטאַנדיק דעת רבי אליעזר, פאַרוואָס זאָל דער זמן הגאולה העתידה זיין אַן אַנדערער ווי זמן גאולת מצרים?

אָבער לויט דעם אויבנדערמאָנטן, אַז ניסן איז המשכה מלמעלה למטה און תשרי איז העלאה מלמטה למעלה, וועט מען דאָס פאַרשטיין. ר' אליעזר און ר' יהושע גייען דאָ לויט זייער שיטה אין אַ צווייטער פלוגתא [20]) וועגן דעם אופן פון דער גאולה העתידה. ר' אליעזר האַלט, אם ישראל עושין תשובה נגאלין כו', וואָרום ווי־באַלד אַז דער גלות איז געקומען בסיבת החטא, ומפני חטאינו גלינו מארצנו, דאַרף די גאולה אויך קומען דורך תיקון החטא, עבודת התשובה. תשובה איז דאָך עבודה מלמטה למעלה, דערפאַר וועט די גאולה זיין בתשרי, העלאה. אויך אין פשטות איז עיקר זמן התשובה בחודש תשרי, ווי עס שטייט דרשו הוי' בהמצאו, זאָגן די רז"ל [21]), אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכיפורים.

אָבער ר' יהושע האַלט אַז די גאולה וועט זיין באופן: ולא בכסף תגאלו לא בתשובה כו', נאָר זי וועט קומען מלמעלה למטה, דערפאַר האַלט ער אַז בניסן עתידין להגאל, און אַזוי איז אויך די הלכה, ווי ער איז סותם אין מדרש [22]).

יג. מען דאַרף נאָך אָבער פאַרשטיין די פנימיות פון זייער פלוגתא אין דער גאולה העתידה, צי זי וועט

---

17) אבן עזרא על התורה. ובכמה מקומות בדא"ח.

18) תניא חלק ב פרק ב. זע אויך ד"ה החודש ת"ש ס"ב.

19) ראש השנה יא, א.

20) סנהדרין צז, ב.

21) ראש השנה יח, א.

22) שמות רבה טו, יא.

זיין דורך עבודה צי על ידי גילוי מלמעלה.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין די סלקא דעתך פון דער גמרא דאָרטן, אַז אויך לדעת ר׳ יהושע האָט מען על פי סברא געדאַרפט זאָגן אַז בתשרי עתידין להגאל, און ווי די גמרא ברענגט דאָרטן כמה ראיות אַז די גאולה וועט זיין בתשרי, נאָר אין דער מסקנא איז די גמרא דוחה די ראיות און פירט אויס אַז די גאולה וועט זיין בניסן, וואָס פון דעם איז משמע אַז אין פשטות האָט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין אַז די גאולה העתידה זאָל קומען דורך עבודה מלמטה למעלה — בתשרי, און ערשט צום סוף איז מען מסיק, אַז די גאולה וועט זיין בדרך מלמעלה למטה — ניסן.

דאַרף מען פאַרשטיין ר׳ אליעזר׳ס סברא און די סלקא דעתך לדעת ר׳ יהושע. עס איז דאָך כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות[23], און יציאת מצרים איז געווען אין חודש ניסן, מלמעלה למטה, פאַרוואָס זאָל זיין אַפילו אַ סלקא דעתך אַז די גאולה העתידה וועט זיין אין תשרי, מלמטה למעלה?

יד. די דערקלערונג אין דעם איז: מען האָט דאָך געהערט פריער אַז עס איז דאָ אַ מעלה אויך אין העלאה מלמטה למעלה. אמת טאַקע אַז דער אור איז אַ נידעריקערער, אָבער עס קומט אין אַ פנימיות. דערפאַר איז דאָ אַן אָרט אין שכל אַז די גאולה וועט זיין בתשרי, מצד מעלת הפנימיות.

יציאת מצרים איז געווען פאַר מתן תורה, און די אידן זיינען געווען משוקע אין מ״ט שערי טומאה, האָט מען געדאַרפט אָנקומען צום נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו, דערפאַר איז די גאולה געווען בניסן.

די גאולה העתידה אָבער וועט קומען נאָך עבודת הנבראים שלאחרי מתן תורה, וואָס דורך עבודתינו בתורה ומצוות לייטערט מען אויס די וועלט און מען מאַכט איר פאַר אַ כלי צו אלקות. וואָס דאָס איז דאָך דער אויפטו פון מתן תורה אַז אויך די העכסטע ענינים דאַרפן זיין אין וועלט אין אַ פנימיות, ביז אַז ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער גילוי פון משיח׳ן איז העכער פון עולם, פונדעסטוועגן דאַרף ער אויך זיין דוקא אין אַ פנימיות, דערפאַר זאָגט רבי אליעזר אַז בתשרי נגאלין.

אָבער רבי יהושע האַלט, און אַזוי איז אויך די הלכה, אַז די גאולה העתידה וועט קומען מלמעלה, און פונדעסטוועגן וועט עס זיין אין אַ פנימיות, ווי עס שטייט: ולציון יאמר איש ואיש יולד בה, אַז כאָטש איש מזריע תחלה, אתערותא דלעילא, פונדעסטוועגן יולדת זכר — קיום און פנימיות.

(ממאמר ד״ה החודש הזה לכם, תשי״ז)

טו. אויפן פסוק אשה כי תזריע וילדה זכר, זאָגט דער אור החיים הקדוש: עוד ירמוז הכתוב אויף כנסת ישראל וואָס ווערט אָנגערופן אשה, דכתיב[24] כי בועליך עושיך. אַז אידן וועלן מזריע זיין מצות ומעשים טובים

23) מיכה ז, טו.

24) ישעי׳ נד, ה.

על דרך[25]) זרעו לכם לצדקה, זאָגט די תורה צו: וילדה זכר, זי וועט געבוירן אַ זכר, וואָס בחינת הזכר איז העכער פון בחינת הנקבה, וילדה ודאי (דערמיט פאַרענטפערט ער וואָס ער פרעגט פריער, פאַרוואָס שטייט וילדה און ניט אם תלד זכר ווי ער זאָגט ווייטער ואם נקבה תלד), דאָס גייט אויף גאולה העתידה וואָס וועט זיין בבחינת זכר.

און ער דערקלערט די מעלה פון דער גאולה העתידה אויף גאולת מצרים, אַז גאולת מצרים האָט ניט געהאַט קיין קיום, נאָך איר איז גע־ווען אַ גלות, אָבער די גאולה העתי־דה וועט זיין אַ גאולה שלימה שאין אחרי׳ גלות, ווייל די עבודה פון אידן, אשה כי תזריע, וועט ברענגען אַז די גאולה העתידה זאָל זיין בחינת זכר, אַ קיום ועמידה לנצח.

דאָס איז דער תוכן פון זיינע רייד[26]).

קען מען זאָגן, אַז דאָס איז על דרך ווי עס ווערט געבראַכט אין מכילתא[27]), ועד״ז אין מדרש תהלים: כל השירות לשון נקבה, חוץ משירה דלעתיד דלשון זכר, שירו לה׳ שיר חדש.

טז. דער טעם אויפן נאָמען אשה איז: כי מאיש לוקחה זאת[28]). אין איש אלא הקב״ה שנאמר ה׳ איש מלחמה[29]). כנסת ישראל וואָס נעמט זיך פון הוי׳ איש, הייסט דערפאַר אשה.

יעדער נאָמען פון אידן באַצייכנט אַ באַזונדערן ענין אין זיי. דער נאָ־מען אשה איז מורה אַז זייער גאַנצע מציאות איז נאָר וואָס מאיש לוקחה זאת. אַ אידן איז ניט נוגע קיין חומריות, אויך ניט קיין גשמיות, און בעצם נפשו איז אים אויך ניט נוגע דער פרס ושכר רוחני, אַפילו די העכסטע מדריגות אין שכר רוחני. אים איז נוגע נאָר דער אויבערשטער אליין[30]). און ווי גערעדט פריער אין מאמר[30*]) אַז אַפילו די העכסטע מדרי־גות אין גן עדן העליון זיינען ניט מער ווי הארה בלבד ובאין ערוך לגבי עצמות.

בשעת עס איז פאַראַן בחינת „אשה״, דאַרף מען ערשט טאָן דעם „תזריע״. זריעה איז בארץ דוקא. אַז מען וועט פאַרזייען אַ קערנדל ניט אין ארץ, נאָר למעלה מעשרה טפחים, אָדער אַפילו למטה מעשרה טפחים און אַפילו אין שלשה טפחים סמוך לארץ וואָס כלבוד דמי, וועט דערפון קיין צמיחה ניט זיין, די זריעה מוז זיין בארץ דוקא, און דאַן ווערט פון דעם אַ צמיחה.

אַזוי אויך די זריעת המצוות דאַרף זיין אין ארץ דוקא[31]), ונאמר[32]) וזרעתי׳ לי בארץ, כי תהיו אתם ארץ חפץ[33]). און דאָס איז למטה דוקא. ניט למעלה מעשרה טפחים

25) הושע י, יב.
26) בארוכה — ראה ד״ה אשה כי תזריע תרכ״ו.
27) געבראַכט אין תוספות פסחים קטז, ב. ד״ה ה״ג ונאמר.
28) בראשית ב, כג.
29) סוטה מב, ב. שמות טו, ג.
30) זע רמב״ם הלכות תשובה פרק י. שרש מצות התפלה — להצמח צדק — פרק מ על הפסוק ועמך לא חפצתי.
30*) זע אויבן עמוד 231.
31) זע תורה אור סוף פרשת שמות. אור התורה שם.
32) הושע ב, כה.
33) מלאכי ג, יב.

— כחות מקיפים, אויך ניט למטה מעשרה טפחים — כחות פנימיים שכל ומדות, נאר בפועל ממש בעשי׳ בפועל דוקא.

כל זמן עס פעלט די עשי׳ הגש־מית, איז ווייניק די כוונת המצוות אין מוח, ווייניק אויך דער געפיל פון הארצן, טענה׳נדיק: רחמנא ליבא בעי[34], אז עס איז געווען אז ער האט א ווארעמע הארץ און אן איי־דעלע קאפ, און דערמיט וועט ער יוצא זיין, זאגט מען אים: ניין, עס מוז זיין די עשי׳ בפועל ממש.

אין מצות הצדקה, כללות המצות, איז ניט גענוג וואס ער וועט רחמנות האבן אויף דעם ארעמאן, ער וועט פארגיסן טרערן אויף זיין מצב וכו׳ און דער דאלאר וועט בלייבן ביי אים אין קעשענע. מען דארף טאקע געבן דעם דאלאר צום ארעמאן פשוט אין גשמיות. און אזוי ווי עס איז אין צדקה, אזוי איז אין אלע מצוות. זיי דארפן זיין בפועל ממש, אין גשמיות דוקא, ציצית בצמר גשמי, תפילין בקלף גשמי וכו׳.

און דאס מיינט אשה כי תזריע. בשעת ער שטייט אין דער בחינה פון אשה, דארף און מוז נאך זיין "תזריע", בארץ למטה. עס קען דאך זיין, אז מצד ההרגש אין דעם יוקר פון "איש", וואס איז העכער פון אלע גילויים כנ"ל, וועט ער שטיין אין א כלות הנפש, על דרך ווי נדב ואביהו וואס זיינען געווען קדושים ביותר, ווי רש"י[35] ברענגט אז משה האט גע־זאגט צו אהרן׳ען אז זיי זיינען גדולים ממני וממך, און "בקרבתם לפני ה׳",

איז — "וימותו": זיי האבן געהאט כלות הנפש[36].

דארף מען פועל׳ן עס זאל זיין דער תזריע, בארץ דוקא.

און בשעת מען טוט דאס — איז וילדה זכר, וילדה ודאי. און סוף סוף ברענגט מען די גאולה העתידה, בחינת זכר כנ"ל.

יז. פונקט ווי עס איז דא דער ענין פון זכר בענין גאולה העתידה, איז עס אויך דא איצט בעבודת האדם. און דורך עבודת האדם בבחינת זכר, איז מען ממשיך די גאולה בבחינת זכר.

די עבודה איז — ווי די גמרא[37] זאגט, איש דרכו לכבוש, מען דארף איינגעמען די וועלט מיט אלע אירע ענינים. מען דארף עס טאן מיט שטארקייט, מיט א תוקף פון אן איש שדרכו לכבוש. ווי עס שטייט אין אנהויב טור שולחן ערוך: יתגבר כארי ולא יתבייש מפני המלעיגים. און דורך דער עבודה, איז מען ממשיך די גאולה.

יח. דאס איז אויך מרומז אין דעם וואס ער זאגט ווייטער אין דער סדרה, וביום השמיני ימול בשר ערלתו: דורך דער עבודה פון זכר קומט מען צום יום השמיני. עס ווערן בטל די ענינים פון יצר הרע מיט אלע שבע שמות מיט וועלכע ער ווערט אנגערופן[38] ובתוכם — ערל, און מען פועל׳ט דעם ענין פון מילה, מל י־ה[39]. מען נעמט

34) סנהדרין קו, ב. ברש"י שם.

35) ויקרא י, ג.

36) ראה גם לעיל ע׳ 227 ובהערה 22 שם.

37) יבמות סה, ב.

38) סוכה נב, א.

39) שער המצוות להאריז"ל פ׳ לך.

אראפ דעם העלם וואס איז מעלים אויף י״ה, וואס דאס איז קליפת עמלק, דאין השם שלם כו׳ עד שימחה זרעו של עמלק[40], און דער „ומלתם את ערלת לבבכם״ ברענגט[41] דעם „ומל הוי׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך״, בביאת משיח צדקנו.

(משיחות ש״פ שמיני, תשי״ס)

# פרשת מצורע

## ושבת הגדול

א. היינטיקער שבת, ווי אלע שבתות השנה, איז פארבונדן מיט א געוויסער פרשה פון תורה.

— כ״ק מו״ח אדמו״ר פלעגט זיך משתמט זיין צו דערמאנען דעם נאמען פון דער היינטיקער פרשה. אין פארשידענע ספרים ווערט די פרשה ניט גערופן מיט איר נאמען, נאר „פרשת טהרה״. אבער כ״ק מו״ח אדמו״ר פלעגט איר בכלל ניט וועלן רופן מיט וועלכן ס׳איז נאמען, און מערסטנס, שרייבן אדער זאגן נאר דעם טאג פון חודש, וכדומה. —

אויך איז איצט חודש ניסן, דער זמן פון יציאת מצרים.

און ווי אלע ענינים, איז אויך דאס וואס מען לייענט די היינטיקע פרשה בחודש ניסן בהשגחה פרטית, ווייל די צוויי ענינים האבן צווישן זיך א פארבונד.

ב. אויף יציאת מצרים זאגן רז״ל [1]: בזכות האמונה נגאלו אבותינו ממצרים. איז דער דיוק אין דעם — אמונה דוקא. ניט השגה נאר אמונה.

וואס איז דער אויפטו פון אמונה, און וואס איז איר שייכות מיט יציאת מצרים אז דוקא אין איר זכות נגאלו אבותינו ממצרים?

אויך חסידי אומות העולם זיינען מודה אין מציאות הבורא. ביי זיי איז דאס אבער ניט קיין אמונה, נאר אן ענין וואס איז מוכרח מצד השכל. ווען מען טראכט זיך אריין אין מציאות העולם, איז מצד דעם כלל אין דבר עושה את עצמו [2], קומט מען צו א הכרה, אז עס איז דא דער וואס האט איר באשאפן און פירט מיט איר אן.

וויבאלד אז בעצם לייגט זיך ביי זיי אלקות ניט אפ, נאר די מציאות פון וועלט ברענגט זיי צו הודאה אין אלקות, איז זייער הודאה אויך נאר אויף וויפל וועלט איז דאס מכריח, ד. ה. אויף וויפל אלקות איז שייך צו וועלט ומצומצם בלבושי הטבע. אויף העכער פון וועלט און טבע זיינען זיי ניט מודה.

אבער די אמונה פון אידן קומט ניט פון וועלט. אידן זיינען בעצם פארבונדן מיט אלקות, במילא לייגט זיך ביי זיי אפ ג־טלעכקייט. פונקט

---

40) תנחומא סוף פרשת תצא. רש״י על התורה שמות יז, טז.

41) זע אגרת הקדש סימן ד.

1) יל״ש הושע רמז תקיט (בשינוי לשון). זע אויך מכילתא בשלח יד, לא. און זע שיר השירים רבה פרשה ד אופן פסוק אתי מלבנון כלה, ב.

2) בארוכה בכ״ז ראה חובת הלבבות שער היחוד פרק ה.

ווי ביי אומות העולם איז זייער ענין — עולם, אזוי איז ביי אידן זייער ענין אלקות. במילא איז אין דעם ניטא קיין הגבלות הטבע, און עס לייגט זיך ביי זיי אפ בפשיטות אויך אלקות שלמעלה מהטבע.

אזוי ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות[3]) דער חילוק פון אמונת אומות העולם מיט אמונת ישראל, אז אמונת ישראל איז אין שם הוי׳, הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, למעלה מהטבע. און די אמונה פון אומות העולם איז אין שם אלקים, בגימטריא הטבע. ווי פרעה מיט זיינע חרטומים האבן געזאגט: לא ידעתי את הוי׳, אצבע אלקים הוא[4]).

ג. קלערער גערעדט:

אין יעדער ענין אין וועלט, זוכט דער ניט־איד די טבע פון דעם, סיידן ווען ער זעט א נס גלוי וואס האט ניט קיין ארט אין טבע, מוז ער מודה זיין אז דאס איז א ג־ט־לעכע זאך. און אויך דאן, אויף וויפל ער קען וויל ער עס אנטאן אין לבושי הטבע. אבער א איד, להבדיל, איז אין יעדער זאך וואס ער זעט, זוכט ער באלד די ג־טלעכקייט אין דעם.

און פונקט ווי אן אינו יהודי זוכט אפילו אין א נס גלוי, בכל המיני השתדלות, צו מסביר זיין אז דאס איז מצד הטבע, איז פארקערט ביי א אידן, אפילו אין אן ענין וואס אין פלוג איז ער איינגאנצן מצד הטבע, שטעלט ער זיך מיטן תוקף פון עם קשה עורף און טענה׳ט: דאס איז ניט מצד הטבע נאר מצד אלקות.

און ווי שוין גערעדט[5]) בפירוש דברי הירושלמי, מאמין בחי העולמים וזורע: כאטש אלע ווייסן אז על פי טבע, אויב מען פארזייט א קערנדל אין דער ערד, וואקסט, וועט אבער א איד זיך אויף דעם ניט פאר־לאזן, ער וועט ניט נעמען א קערנדל און אים אריינלייגן אין דער ערד, פטר׳ן א זאך בידים, צוליב דעם וואס מצד חוקי הטבע דארף וואקסן; חוקי הטבע זיינען ביי אים ניט גענוג פארלעסלעך אז צוליב זיי זאל ער פטר׳ן א זאך בידים. דער טעם פאר־וואס ער זייט, איז, ווייל ער איז מאמין בחי העולמים און בוטח אין אים אז זיין זריעה וועט מצמיח זיין און געבן פירות.

ד. פונקט ווי א נס, וואס האט גאר ניט קיין ארט אין טבע, איז דאך זיכער פון דעם אויבערשטן וואס האט געמאכט דעם שינוי הטבע, אזוי זיינען אויך די ענינים טבעיים.

אויב מען וויל זיך נארן, איז אפילו ביי א נס גדול ביותר, קען מען זיך אויך איינריידן אז עס איז ניט קיין נס. אפילו דער נס פון קריעת ים סוף, וואס איז איינער פון די גרעסטע ניסים, ביז אז חז״ל זאגן[6]) דערויף דעם לשון „קשה״, אויך דא איז געווען א נתינת מקום לטעות, צו זאגן אז עס איז ניט קיין נס.

עס שטייט אין מכילתא[7]) אז בשעת קריעת ים סוף, כל מים שבעולם נבקעו (חוץ מנהר פרת. ווי עס שטייט

3) זע סידור ד״ה ששת ימים (הא׳). שער האמונה פרק ד. ד״ה וקבל היהודים (בסה״מ תרפ״ז (געדרוקט (אויך) אין התמים חוברת ז. ספר המאמרים תשי״א).

4) שמות ה, ב. שם ח, טו.

5) זע אויבן עמוד 216 און ווייטער. וש״נ.

6) סוטה ב, א.

7) פ׳ בשלח יד. כא.

אין כ"ק אדמו"ר מהר"ש'ס א מאמר). און דאס איז וואס עס שטייט תפול עליהם אימתה ופחד, אז בשעת די אומות האבן געזען די בקיעת המימות, האבן זיי זיך נאכגעפרעגט אויף דער סיבה דערפון, און ווען זיי האבן זיך דערוואוסט אז דאס איז צוליב אידן, איז תפול עליהם אימתה ופחד.

פון דער צווייטער זייט, דאס וואס נבקעו כל מים בעולם האט אויך גע־געבן אן ארט אויף נארן זיך. ווען עס וואלט זיך שפאלטן נאר דער ים סוף, וואלטן אלע קלאר געוואוסט אז דאס איז א נס פון דעם אוי־בערשטן צוליב אידן. וויבאלד אבער אז נבקעו כל מים שבעולם, האט עס געגעבן א נתינת מקום לטעות בשכל, אז דאס איז מצד תהלוכות הטבע וכו', און ניט קיין נס צוליב אידן. והראי', אז נבקעו כל מים שבעולם.

בכדי עס זאל קענען זיין בחירה, איז דער אופן ההנהגה מלמעלה אז אפילו אין א נס גדול ביותר, איז דא א מקום לטעות, וכמאמר רז"ל [8]: כתוב והרוצה לטעות יטעה.

ה. און דאס מיינט אז בזכות האמו־נה נגאלו אבותינו ממצרים:

מצרים איז מלשון מצרים וגבולים. און זיי זיינען אין צוויי אופנים: א) מצרים דקדושה, ד. ה. עס הערט זיך אן ג־טלעכקייט אבער עס איז באגרענעצט אין טעם ודעת כו' — דוגמת האמונה בשם אלקים. דאס איז א שרש ונתינת מקום אז בירידה והשתלשלות וכו' זאל קענען זיין ב) מצרים דקליפה, וואס מען פארגעסט חס ושלום לגמרי אויף אלקות ביז בירידה למטה מטה — שיקוע אין מ"ט שערי טומאה.

ובזכות האמונה, וואס אידן האבן זיך כלל ניט גערעכנט מיט עניני עולם ותהלוכות הטבע: אז ניט נאר אין ענינים רוחניים נאר אויך אין עניגים גשמים, אין וועלכע אידן זיי־נען לכאורה גלייך צו אומות העולם, להבדיל, אויך אין זיי היו ישראל מצוינים שם,

האט עס געבראכט דעם גילוי פון שם הוי' שלמעלה מהטבע, ובמילא א יציאה ממצרים, און ניט נאר פון מצרים דקליפה נאר אויך פון מצרים דקדושה.

ו. און דאס איז אויך מרומז אין היינטיקער סדרה — בענין הנגעים.

דער רמב"ם שרייבט [9]) וועגן נג־עים — נגעי בגדים ונגעי בתים — אז זיי זיינען ניט ממנהגו של עולם, נאר אות ופלא הי' בישראל כדי להזהירן מלשון הרע. און ער איז מבאר באריכות דעם סדר וואס איז אין דעם געווען, אז די ערשטע זאך משתנות קירות ביתו, אויב דאס האט ניט געהאלפן איז משתנין כלי העור שבביתו, א. א. וו.

איז כשם ווי אין דעם ענין הנג־עים האט מען דאך געזען קלאר אז עס איז ניט מצד הטבע נאר קומט מלמעלה, אזוי האבן אידן געגלויבט אז אלץ קומט מלמעלה בהשגחה פרטית, און פונקט ווי ביי נגעים איז אין יעדער זאך פאראן א כוונה מיוחדת, ווי להזהירם מן החטא וכו' און באמת איז אויך דאס טוב — א פארבארגענער טוב, ביז אויך א

---

8) בראשית רבה ח, ח.

9) סוף הלכות טומאת צרעת. וראה לקוטי תורה פ' תזריע ד"ה אדם כי יהי'.

טוב בגלוי אַזוי ווי עס איז געווען ביי נגעים, ווי עס שטייט אין מד־רש[10], אַז דורך דעם ונתץ את הבית האָט מען געפונען די מטמוניות של זהב — אוצרות פון גאָלד — וואָס די כנענים האָבן באַהאַלטן.

(משיחות ש״פ טהרה, תשי״ז)

ז. לויט דעם אויבנגעזאָגטן וועט מען אויך פאַרשטיין דעם מאמר רז״ל[11]: רוח צפונית אינה מסובבת. שטייט[12] דער טעם דערויף, בכדי צו באַווייזן דעם פלא שבבריאת שמים וארץ. טאָמער וועט ווער קומען און זאָגן אַז אין בריאת שמים וארץ איז ניטאָ קיין פלא, וועט מען אים זאָגן, אדרבה, גיי פאַרענדיק דעם רוח צפונית, וועט ער מוזן מודה זיין אַז די בריאה איז נאָר בחיק הבורא ב״ה.

ולכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק, ווי איז גאָר שייך מען זאָל זיך איינריידן און טענה׳ן אַז בריאת העולם איז ניט קיין פלא?

אָבער לויט ווי מען האָט פריער גערעדט וועט עס זיין פאַרשטאַנדיק. בכדי עס זאָל קענען זיין בחירה גיט מען מלמעלה אַ רשות דעם יצר הרע לפתות ולהטעות, און ער, דער יצר הרע אַלס אַן אומן גדול בעבודתו, קען איינריידן דעם מענטשן די ווילדסטע זאַכן, ביז, אַז בריאת שמים וארץ איז ניט קיין פלא.

ח. פון דער צווייטער זייט, כאָטש מצד דעם העלם — פאַרשטעל — קען מען האָבן אַזאַ גרויסן טעות, איז פונדעסטוועגן פאַראַן אין יעדער ענין אויך דער גילוי אלקות. דער אויבערשטער לאָזט איבער אַ פּרט ניט קיין פאַרענדיקטן וואָס נבראים בכוח עצמם קענען ניט גומר זיין. פון דעם האָבן זיי אַ הוראה אויפן גאַנצן כלל אַז ער איז נאָר בחיק הבורא.

וכשם ווי דאָס איז אין בריאת העולם, אַזוי איז עס אויך אין הנהגת העולם, סיי באופן ניסי, סיי באופן טבעי. אפילו ווען אַ מענטש וויל זיך איינריידן אַז זיין הצלחה קומט מצד תהלוכות הטבע, אָדער אַז כחו ועוצם ידו עשה לו את החיל הזה — און דער העלם והסתר פון עולם גיט אויף דעם אַן אָרט — לאָזט אָבער דער אויבערשטער אי־בער אַין פּרט וועלכן אַ נברא קען בשום אופן ניט גומר זיין, וואָס דורך התבוננות אין דעם פּרט קומט מען צו צו דער הכרה אַז אויך דער גאַנצער כלל איז נאָר מצד ברכת הוי׳.

ט. דערפאַר, בשעת אַ מענטש זעט אַז אין אַ געוויסן פּרט פון זיינע ענינים איז ער בשום אופן ניט מצ־ליח, דאַרף ער שטאַרקן זיין אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטן, וועט דאַן שוין דער אויבערשטער גומר זיין אויך דעם פּרט.

אַזוי ווי דאָס איז בחיי הפרט, איז עס אויך בחיי הכלל. בשעת מען זעט אין אַן ענין כללי איין פּרט וואָס מען קען ניט גומר זיין, איז די עצה צו דעם ניט תחבולות, נאָר צו שטאַרקן די אמונה און בטחון אין דעם אויבערשטן.

און דאַן וועט דער אויבערשטער גומר זיין אויך דעם רוח צפונית,

---

10) זע ויקרא רבה יז, ו.

11) בבא בתרא כה, ב.

12) פרקי דרבי אליעזר פרק ג.

מצפון תפתח הרעה[13]), אז עס וועט ווערן א מ"ם סתומה מכל הצדדים, וואס דאס איז דער ענין פון דער גאולה העתידה[14]). מען וועט מער ניט דארפן אנקומען צו חסדי אומות העו־לם — וואס דער אמת איז דאך אז וחסד לאומים חטאת, און לגרמייהו עבדין[15]) — נאר דער אויבערשטער אליין וועט אונז ברענ־גען אל ארץ טובה ורחבה, ארץ אשר עיני הוי' אלקיך בה, דורך משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת אחרון ש"פ, תשי"ז)

י. אין חודש ניסן זיינען פאראן כמה סוגי ענינים: ענינים וואס זיי־נען מדאורייתא, מדרבנן און מנהגים. פון די עיקרי חודש ניסן איז — חג הפסח. ווי די גמרא טייטשט דאס וואס עס שטייט אין דער משנה: באחד בניסן ראש השנה לרגלים, אז דאס מיינט מען רגל שבו — פסח[16]), און בפסח ביחוד זיינען דא די סוגים הנ"ל: דאורייתא, דרבנן און מנהגים.

אמאל איז געווען א מנהג, אז פאר פסח פלעגן די רבנים אריינשיקן מצות שמורה צו זייערע בעלי־בתים: א גאנג מצות, ד. ה. זעקס מצות אויף ביידע סדרים, אדער לכל הפחות, צוויי מצות אויף דעם כזית מצה, ד. ה. פאר דער מיטלסטער מצה.

טעם המנהג בפשטות איז געווען — צוליב דעם רב'ס הכנסה. דערביי האט מען אבער באווארנט אן ענין עקרי: עס איז דאך פאראן א ריבוי דינים ודקדוקים אין מצות מצוה[17]), און ניט אלע זיינען בקי אין דעם אדער קענען דאס אויספירן, דער־פאר פלעגן די רבנים פארזארגן די בעלי־בתים דערמיט, כדי מען זאל זיכער יוצא זיין מיט מצוות מצה.

מצד פארשידענע טעמים, איז, אין א סך ערטער, דער מנהג בטל גע־ווארן. עס איז ניט נוגע איצט צו ריידן איבער די טעמים פארוואס דער מנהג איז בטל געווארן. וואס איך וויל זאגן איז, אז איך בעט — און, לו יישר חילי, וואלט איך הייסן — איינצופירן צוריק דעם מנהג, אז די רבנים זאלן אריינשיקן מצות שמורה צו זייערע בעלי־בתים.

און ניט דוקא א רב, נאר יעדער איינער וואס האט א השפעה: זאל דאס זיין א רב, א שוחט, א רעווערענד צי א שמש, איז אויב ער האט נאר עמעצן וואס אויב ער וועט אים אריינ־שיקן מצות — וועט יענער נוצן צום סדר די מצות וואס ער האט אים אריינגעשיקט, זאלן זיי דאס טאן: אריינשיקן מצות, און דוקא קיילעכ־

13) ירמי' א, יד. וראה פרקי דרבי אליעזר שם.

14) ישעי' ט, ו: למרבה המשרה גו' על פי מאמר רז"ל סנהדרין צד, א.

15) זע בבא בתרא י, ב. תניא פרק א.

16) ראה רש"י ד"ה רגל (ראש השנה ד, א), שנדחק לפרש לשון המשנה. אבל יובן על פי מה שנתבאר בדיוק הלשון ראש חודש ולא תחלת החודש — שיום זה כולל בתוכו כל ימות החודש וכמו הראש הכולל בתוכו חיות כל האברים (לקוטי תורה ריש פרשת תבוא. שפע טל ש"ח פ"ג) — ובכ"ז במשנה הלשון באחד בניסן ולא בר"ח ניסן, כדי לשלול יום א' דר"ח (כשהיו מקדשים על פי הראי'). ופשוט.

17) שולחן ערוך אורח חיים סימן תס. וראה מעדני שמואל על קיצור שולחן ערוך סימן קי ס"ק צג ואילך.

דיקע[18]), דוקא האנט־מצה[19]) און דוקא מצה שמורה[20]), וואס דורך דעם וועט ביי הונדערטער און אפשר טויזנטער אידן אפגעהיט ווערן מצות אכילת מצה ווי עס דארף צו זיין, ובהידור. אין די ערטער וואו עס פירט זיך צו מאכן אלגעמיינע סדרים (ווי האָ־טעלן וכדומה) איז זעלבסטפארשטענד־לעך דארפן דאס טאן די מסדרים פון די סדרים.

וגדולה מעלת וסגולת מצוות מצה, וואס איז, כלשון הזהר הקדוש, מיכלא דאסוותא און מיכלא דמהימנותא[21]), וואס אמונה איז דאך דער יסוד פון אלע מצוות, און פון אידישן לעבן בכלל[22]) — אז דאס מקיים זיין די מצוה ווי עס דארף זיין און מיט א הידור — וועט געבן א חיות אין קיום פון תורה ומצוות דעם גאנצן יאר, עס זאל זיין א געזונטער יאר ברוחניות, וועט בדרך ממילא זיין א געזונטער יאר בגשמיות.

(משיחת ש״פ החודש, תשי״ד)

# חג הפסח

א. מה נשתנה:

דער סדר פון די פיר קשיות לויט דעם מנהג חב״ד[1]) איז: מטבילין, מצה, מרור און מסובין.

אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק: עס איז דאך ניט צוגעפאסט ניט לויט דער וויכטיקייט פון די ענינים און ניט לויט דעם סדר וואס דאס קינד זעט פריער.

לויט דער וויכטיקייט פון די ענינים, האט געדארפט זיין: א) מצה — א חיוב מדאורייתא. ב) מרור — מדרבנן (בזמן הזה[2])). ג) מסובין — וואס עס דריקט אויס דעם ענין החרות, און ערשט צום סוף מטבילין — וואס איז בלויז א מנהג.

לויט דעם וואס דאס קינד זעט פריער, האט מטבילין געדארפט זיין אדער גאר צום סוף (ווייל דער עיקר איז דער טיבול שני), אדער על כל פנים נאך מסובין, ווייל מסובין איז

---

18) זע שמות (יב, לט): עוגות מצות. והאריך בזה בשו״ת מהר״י אסאד חלק אורח חיים סימן קנז.

19) זע אין די ספרים וואס זיינען גע־בראכט אין שדי חמד אסיפת דינים מע׳ חמץ ומצה סימן יג. שערים מצוינים בהלכה לקיצור שו״ע סימן קי. הגדת מבאר (פעט־ריקוב, תרע״ד).

20) זע פרי חדש לשולחן ערוך אורח חיים סימן תנג. שו״ע רבנו הזקן שם סעיף יט.

21) זהר חלק ב קפג, ב. זע אויך זהר חלק ב מא, א. לקוטי תורה צו יג, ד. ד״ה כימי צאתך, תש״ח לכ״ק מו״ח אד־מו״ר — סוף פרק יב.

22) זע מכות כד, א. שער האמונה לאדמו״ר האמצעי.

1) בסדר הזה הוא במשנה שבירושלמי רי״ף ורא״ש (אבל שתי קושיות האחרונות חסרות שם. והגהת הב״ח ברי״ף צ״ע). בסי׳ רע״ג (כת״י ב״מ) בסי׳ רס״ג, רמב״ם, טור אבודרהם (מדמקדימין פי׳ קושיית מטבילין לפי׳ שאר ירקות) זבח פסח למה־ר״י אברבנאל, פע״ח שער כא פ״ז, סידור האריז״ל, מ״ח ועוד. וכן הוא בהגדה הראשונה שבדפוס (שונצינו 1485).

2) שולחן ערוך אורח חיים לרבנו הזקן סימן תעה סעיף טו.

דאָך ביי קידוש, נאָך פאַר דעם ערשטן טיבול[3]).

ב. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן אַז מצוות דאורייתא דאַרף מען מקיים זיין מיט אַ תוקף ביז מסירת נפש. אויך מצות דרבנן דאַרפן זיין מיט שטאַרקייט, ווייל זיי גייען אַריין אין דער מצוה „לא תסור", (וכמו שהאריך הרמב"ם[4]) בענין הגדרים, הסייגים ובפרט המצוות דרבנן שהם בכלל לא תסור), אָבער מנהגים — איז אויב זיי קומען אָן גרינג, מהיכי תיתי, אָבער מוסר נפש זיין זיך אויף דעם איז מען ניט מחוייב.

נאָך מער טענה'ן זיי: בעת מען דאַרף מחנך זיין קינדער בדרך התורה, און אַלץ אויספירן איז דאָך זייער שווער, — איז אַמאָל כדאַי צו פאַר־קוקן אויף מנהגים, און אָפּגעבן זיך נאָר אויף אַריינגעבן אין זיי שטאַר־קייט אין ענינים עיקריים.

איז אויף דעם די אָנווייזונג פון דעם סדר הקושיות: די ערשטע זאַך וואָס אַ קינד פרעגט, די ערשטע זאַך וואָס ער באַמערקט און עס מאַכט אויף אים אַן איינדרוק, איז ניט קיין ענין פון דאורייתא אָדער אַ דרבנן, נאָר אַ מנהג ישראל, דאָס פאַרכאַפּט זיין אויג, און האָט אויף אים די גרעסטע ווירקונג.

אויב די הנהגה פון דעם קינד און אַרום אים וועט זיין ענלעך צו דער ניט־אידישער סביבה, איז אויב אַפילו ער וועט האָבן אַ קביעות צו לערנען תורה, ער וועט דאַווענען, מקיים זיין מצוות, א. א. וו. וויבאַלד אָבער אַז אין זיין אויפפירונג איז ער גליך צו דער סביבה, אויף אים איז ניט קענטיק אַז ער איז אַ איד און ביי אים הערט זיך ניט אָן דער המבדיל בין ישראל לעמים, דער אתה בחרתנו מכל העמים, ברענגט עס, אַז אויך אין די מצוות וועלכע ער איז מקיים און אין דער תורה וואָס ער לערנט הערט זיך ניט אָן די נויטיקע קדושה.

און ווען עס פעלט אין דעם יסוד — קדושת התורה וקדושת המצוות — איז מעגלעך אַז מיט דער צייט זאָל ביי אים פעלן, חס ושלום, אויך אין קיום המצוות בפועל.

ג. אויסער דעם וואָס מנהגי ישראל זיינען אַליין תורה, ווי דער מאמר: מנהג ישראל תורה היא (ואפילו מנהג נשים[5]), דאַרף מען ניט שוקל זיין וואָס איז וויכטיקער, אַזוי ווי עס שטייט, אורח חיים פן תפלס[6]), ובמילא טאָר מען דאָך ניט פאַרבויגן אויף קיין שום זאַך, — איז אויסער דעם דער ערשטער יסוד פון חינוך: דאָס קינד זאָל וויסן אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע, ער זאָל וויסן אַז ער איז אַ איד. און דאָס באַקומט ער בעיקר דורך מנהגי

3) ולכאורה הי' אפשר לומר הטעם על מה שקושיית מסובין באה לבסוף, כי נתוספה זמן רב אחרי קושיות הראשונות, היינו כשחדלו מלאכול בהסיבה כל השנה. ולכן לא נזכרת במשנה וגמרא, וכפירוש הגר"א. אך פירושו צע"ג, כי ברמב"ם הלכות חמץ ומצה פרק ח הלכה ב הביא קושי' מסובין וגם קושית כולו צלי, הרי דהיו שואלין מסובין גם בזמן ביהמ"ק. — ועיין בפע"ח שם אשר סדר זה מתאים לסדר העולמות מלמטה למעלה: עשי' יצירה בריאה אצילות.

4) הלכות ממרים בתחלתו, וראה ספר המצות מ"ע קעד. מל"ת שיב.

5) ירושלמי פסחים פרק ד הלכה א ופרקי דר' אליעזר פרק מה.

6) משלי ה, ו. ילקוט שמעוני שם.

ישראל. מנהגים ווערפן זיך אין די אויגן; זיי בעיקר קאָרבן איין אין אים דעם געפיל אַז אתה בחרתנו מכל העמים, וואָס דערפון איז גע־קומען וקרבתנו מלכנו לעבודתך — דער יסוד און קיום פון דער גאַנצער תורה.

אַזוי ווי די רז״ל זאָגן [7]: גדולה שימושה יותר מלימודה.

ד. בשעת מען איז מחנך קינדער ווי עס דאַרף זיין, און מען לערנט זיי אַז אויך מנהג ישראל תורה היא, און מען דאַרף זיך אויף דעם מוסר נפש זיין, דעמאָלט זאָגט מען: עב־דים היינו לפרעה במצרים, ויוציאנו ה׳ אלקינו משם ביד חזקה ובזרוע נטוי׳; אַזוי איז אויך איצטער, כימי צאתך מארץ מצרים, ניט קוקנדיק אויף דעם חושך כפול ומכופל פון גלות, איז יוציאנו מאפילה לאור גדול, און נודה לך שיר חדש, ניט שירה חדשה לשון נקבה נאָר שיר חדש לשון זכר [8], אַז עס וועט זיין די גאולה שלימה ואמיתית שאין אחרי׳ גלות, על ידי משיח צדקנו במהרה בימינו.

(משיחת חגה״פ תשמ״ז)

ה. הרי אני כבן שבעים שנה:

וועגן דעם לשון הרי אני כבן שב־עים שנה, בכ״ף הדמיון, זאָגט די גמרא [9] אַז באמת איז רבי אלעזר בן עזרי׳ געווען אַ סך אינגער, נאָר אהדרו לי׳ תמני סרי דרי חיוורתא — ער האָט באַקומען אַכצן שורות ווייסע האָר, — האָט ער אויסגעזען ווי אַ זקן. און דאָס איז דער דיוק כבן שבעים שנה, מיט אַ כ״ף הדמיון בלבד.

לויט דעם איז ניט פאַרשטאַנדיק וואָס ער זאָגט ווייטער ולא זכיתי כו׳. לויט דער פשטות הלשון איז דער וואונדער פון „ולא זכיתי" ניט נאָר מצד חכמה, נאָר אויך מצד דעם וואָס ער איז אַ זקן כבן שבעים שנה און האָט אַ סך צייט אָפּגעגעבן אויף דעם, דערפאַר האָט ער געדאַרפט מנצח זיין [10] עס זאָל זיין הלכה כמותו, אָבער וויבאַלד ער האָט בלויז אויס־געזען ווי אַ זקן פאַלט דאָך אָפּ די טענה עס זאָל זיין הלכה כמותו?

נאָר עס איז ידוע [11] אַז די משלים ודוגמאות שבתורה זיינען ניט סתם משלים, נאָר זיי ווערן נשתלשל פון זייער נמשל, איז דאָס גופא וואָס נראה כזקן — איז דאָס ווייל ברוח־ניות איז ער באמת געווען אַ זקן בן שבעים שנה, און אַזוי ווי עס שטייט אין סידור האריז״ל אַז בצירוף זיינע יאָרן פון ערשטן גלגול איז ער געוואָרן דעמאָלט בן שבעים שנה.

און דערפאַר איז ער מסיים בתמי׳ ולא זכיתי כו׳: מצד דעם וואָס ברוחניות איז ער געווען אַ זקן, האָט ער געדאַרפט זוכה זיין, די הלכה זאָל זיין ווי ער.

און דורך דעם וואָס די זקנה ברוחניות האָט זיך פאַרבונדן מיט אַן ענין פון תורה, הלכה כמותו, וואָס תורה געוועלטיקט אויף גשמיות, האָט זיך עס אויסגעדריקט אויך אַז ער האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ בן שבעים

---

7) ברכות ז, ב.

8) זע תוספות פסחים קטז, ב ד״ה ה״ג ונאמר.

9) ברכות כח, א.

10) זכיתי כפירוש הרע״ב שם.

11) זע אויך אויבן ע׳ 118 און ווייטער.

שנה, אפילו אין זיינע גאַנץ אויסערלעכע ענינים (שערות — האָר — הטפל לבשרו[12]), און לויט דעם מאמר הירושלמי[13]) אויף דעם פסוק לא־ל גומר עלי, אַז די מציאות פון וועלט ווערט לויט דעם פסק דין פון תורה.

ו. די אָנווייזונג פון דעם אין עבודה פאַר יעדן איינעם:

רוב נשמות אין אונזערע דורות זיינען ניט קיין נייע נשמות, נאָר זיי זיינען שוין געווען אַמאָל אין אַ גלגול. איז בשעת עס קומט צו אַן ענין אין עבודה וואָס מצד זיינע כחות און ענינים פון דעם איצטיקן גלגול זעט ער ניט אַז ער זאָל עס קענען דורכפירן, דאַרף ער וויסן, אַז עס קען ביי אים אויך נתגלה ווערן דער טוב פון פריערדיקן גלגול, און דאָס העלפט אַרויס אין זיין עבודה, ניט נאָר אין שכל און מדות — כחות פנימיים — נאָר אויך אין מחשבה דבור ומעשה — ענינים חיצונים (דוגמת השערות) — אין טאָגטעגלעכן לעבן[14]).

ז. אין פלוג קען מען פרעגן: אויב מען איז מצרף די ענינים פון פריערדיקן גלגול, ווערט דאָך אין פלוג דער רע אויך נצטרף, און ווער וויס ווי איז געווען זיין מצב אין פריערדיקן גלגול, איז פון וואַנען זאָל ער נעמען כחות אויף קעמפן מיטן רע און טאָן זיין עבודה?

איז דער ענטפער אויף דעם:

טוב איז אַ מציאות נצחי. בשעת אַ איד טוט אַ מצוה בלייבט עס אויף שטענדיק, ווי עס שטייט אין תניא[15]), "ויחוד זה למעלה הוא נצחי לעולם ועד". אָבער רע איז קיין מציאות ניט, עס איז מער ניט ווי אַ העלם והסתר, און אויב ער האָט שוין באַקומען אַן עונש הממרק (אַ שטראָף וואָס לייטערט אויס), בגשמיות צי ברוחניות, אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן, אָדער אַז ער האָט אָף דערויף תשובה געטאָן, איז דאָך אַ ודאי דער רע שוין בטל געוואָרן. ומכל שכן בתשובה מאהבה — וואָס זדונות נעשים כזכיות[16]).

ח. און דאָס איז אויך אַן ענטפער צו די וואָס פרעגן, ווי קען דאָס זיין אַז די פריערדיקע דורות האָבן ניט זוכה געווען צו גילוי המשיח, און איצטער וואָס אכשור דרא בתמי', וועט מען זוכה זיין צו גילוי המשיח — איז דער ענטפער אויף דעם, אַז אין איצטיקן דור איז דאָ אויך דער טוב פון די פריערדיקע דורות כנ"ל, דערפאַר וועט מען איצטער דוקא זוכה זיין לביאת המשיח במהרה בימינו.

(משיחת ליל ב' דחגה"פ תשח"י)

ט. כנגד ארבעה בנים דברה תורה אחד חכם ואחד רשע ואחד תם ואחד שאינו יודע לשאול:

אין דער פיסקא איז ניט פאַרשטאַנדיק:

א) דער סדר פון די ארבעה בנים, וואָס ער שטעלט אַוועק דעם רשע

---

12) עירובין ה, ב.

13) נדרים פרק ו הלכה ח.

14) זע שער הגלגולים הקדמה ג' וסוף הקדמה ד. ואכ"מ.

15) פרק כה.

16) יומא פו, ב.

לעבן חכם, לכאורה האָט ער זיי גע־דאַרפט שטעלן אָדער לויט סדר המק־ראות: רשע, תם, שאינו יודע לשאול, חכם. אָדער לויט זייער חשיבות: חכם, תם, שאינו יודע לשאול און רשע.

— וואָס אַזוי איז דאָך זייער חשי־בות אויך מצד סדר העולמות, ווי עס איז פאַראַן אין כתבי האריז״ל [17] אַז די ארבעה בנים זיינען כנגד די ד׳ עולמות, חכם — באצילות (דאבא — חכמה — עילאה מקננא באצילות), רשע — בעשי׳ שהקליפה קרובה שם [18]), תם — בבריאה, ושאינו יודע לשאול — ביצירה.

אין פשטות קען מען פאַרענטפערן, אַז ער רעכנט זיי כדרך חכמתם [19]); אויך קען מען זאָגן אַז פריער רעכנט ער דעם קצה היותר עליון, נאָכדעם, דעם קצה היותר תחתון, און צום סוף די וועלכע געפינען זיך צווישן [20]).

אין תורה איז דאָך אָבער יעדער ענין בדיוק, איז וויבאַלד אַז מען שטעלט פאַרט דעם רשע לעבן דעם חכם, מוז מען זאָגן אַז עס איז צווישן זיי דאָ אַ שייכות, ובפרט אַז ער זאָגט „ואחד רשע" מיט אַ וא״ו המו־סיף [21]). דאַרף מען פאַרשטיין, ווי־באַלד אַז חכם איז קצה היותר עליון און רשע קצה היותר תחתון, ווי קען מען זיי שטעלן איינער לעבן צווייטן און נאָך אין אַן אופן פון וא״ו המוסיף?

ב) דער ענטפער צום רשע איז, בעבור זה עשה ה׳ לי בצאתי ממצ־רים, לי ולא לו אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל. איז ניט פאַרשטאַנדיק: אויב ער האָט אינגאַנצן קיין שייכות ניט צו יציאת מצרים, איז ווי קומט ער אין דער הגדה, וואָס רעדט מען וועגן אים אין סדר, און מען הייסט נאָך פאַרנעמען זיך מיט אים, ווי דער לשון פון דער הגדה ואמור לו?

ג) עס שטייט אין כתבי האריז״ל [22]) אַז די ארבעה כוסות זיינען כנגד די ארבעה בנים. כוס ראשון — חכם, כוס שני — רשע, א. א. וו. דעב עיקר ההגדה זאָגט מען אויפן כוס שני. אין פלוג, וויבאַלד אַז אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל, ווי קומט עס וואָס דוקא מיט דער אמירה לרשע איז פאַרבונדן דער עיקר ההגדה?

ד) נאָך דער הקדמה פון והגדת צו די ארבעה בנים, מיטן קביעות זמן אויף דערויף (יכול מראש חודש כו׳), הויבט זיך אָן דער סיפור פון יציאת מצרים אַליין — מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו. זאָגט די גמרא [23]): מתחיל בגנות. איז ניט פאַרשטאַנדיק, בעת מען זעצט זיך אַוועק פסח צום סדר דערציילן וועגן שעבוד ויציאת מצרים, וואָס איז דאָ נוגע צו דערציילן די פאַסירונגען פון פאַר התחלת הגלות און פאַר דער צייט פון אברהם אבינו?

17) פע״ח שער כא פ״ז.

18) זע אויך תניא פ״ו.

19) כן פירש באבודרהם.

20) עד״ז ראה תוד״ה שומר חנם ב״ק ד, ב.

21) כיון דבלא וא״ו אין מקום לטעות — גם לר׳ יונתן הוא להוסיף (רש״י מנחות צא, רע״א). וכיון דתליא בסברא אין לחלק בין לשון תורה ללשון חכמים. ועיין בספ־רים שהובאו בשדי חמד כללים וא״ו ס״ק ח״יג.

22) פרי עץ חיים שער כא פרק ה. שם פרק ז.

23) פסחים קטז, א.

י. די גמרא זאָגט [24]): אף על פי שחטא ישראל הוא. יעדער איד אין וועלכן מצב ער זאָל ניט זיין, האָט ער אין זיך די נקודת היהדות, און לויט דעם וואָרט פון כ״ק מו״ח אדמו״ר [25]), אחד חכם ואחד רשע: אין יעדן איינעם איז דאָ דער „אחד״, אויך אין דעם רשע, נאָר ביי אים איז עס פאַרבאָרגן און מען דאַרף עס אַנטפּלעקן.

דער „אחד״ אין יעדער אידן איז פאַרבונדן מיט חכמה שבנפש [26]), דערפאַר שטעלט מען דעם רשע לעבן חכם, צו ווייזן אַז אויך דער רשע האָט דעם „אחד״, ווייל אויך ער האָט דאָך בחינת חכמה שבנפש.

יא. דער חוב אויף צו פאַרנעמען זיך מיטן רשע אויף אויפהויבן אים, איז ניט קיין קלענערער ווי דער חוב צו פאַרנעמען זיך מיטן תם ושאינו יודע לשאול, און אַפילו מיטן חכם.

עס איז דאָך כנגד ארבעה בנים דברה תורה, עס איז אַ דבור פון תורה צו פאַרנעמען זיך מיט זיי, ובמילא זיינען אַלע אויפן זעלבן וואָגשאָל, ווייל אין תורה איז יעדער דבור פרטי נוגע צו גאַנץ תורה.

בשעת עס פעלט איין אות [27]) אין אַ ספר תורה איז דאָס נוגע אין דער קדושה פון אַלע אותיות, ניט געקוקט וואָס פאַר אַ אות דאָס איז. עס איז ניט נוגע צי עס איז פאַר־

24) סנהדרין מד, א.

25) לקוטי דיבורים ח״ג ע׳ 844.

26) תניא פרק יח־יט.

27) זע זהר חלק ג עא, א. תיקוני זהר תיקון כה. שאלות ותשובות נודע ביהודא מהדורא תנינא אורח חיים סק״ט. אבני נזר יורה דעה ח״ב ששע״א.

בונדן מיט דעם אחד חכם, צי מיטן אב וואָס צו אים איז דער ציווי והגדת לבנך, דער אב — אבינו שבשמים, וואָס ער פאַרענטפערט און נעמט אַראָפּ אַלע קושיות — אָדער עס איז פאַרבונדן מיט דעם רשע. יעדער דבור טראָגט, ביי צו דער שלימות הקדושה אין כללות התורה.

יב. דאָס איז אויך מרומז אין דעם מאמר רז״ל אף על פי שחטא ישראל הוא.

לשון רז״ל איז דאָך מדויק. פאַרוואָס שטייט דער לשון ישראל הוא, לכאורה האָט געדאַרפט שטיין ניט דער שם המעלה ישראל, נאָר — יהודי א. ד. גל.

ישראל איז ראשי תיבות: יש ששים רבוא אותיות לתורה. דאָס מיינט: פונקט אַזוי ווי די גאַנצע תורה איז אָפּהענגיק אין יעדער אות, כנ״ל, אַזוי איז אויך כללות ישראל תלוי אין יעדער אידן. בנים אתם להוי׳ אלקיכם און אבינו שבשמים, זיינען אַלע כביכול תלוי אין יעדער אידן בפרט [28]).

דורך דעם וואָס מען וועט אַריינגעמען אויך דעם רשע אין סדר, וועט זיך אויספירן די כללות הכוונה פון אַלע ענינים.

יג. נאָך אַ טעם אויף שטעלן דעם רשע לעבן דעם חכם:

ווער קען מגלה זיין דעם „אחד״ וואָס געפינט זיך אין דעם רשע, — דער חכם דוקא. דער תם מיטן שאינו יודע לשאול האָבן קיין כוח ניט צו

28) זע סנהדרין פרק ו משנה ה: קלני מראשי כו׳.

מעלה זיין אים. דער חכם, דער קצה היותר עליון, ער דוקא האָט בכוח צו מגלה זיין דעם „אחד" וואָס אין רשע. ועל דרך כל הגבוה גבוה ביותר יורד למטה מטה ביותר.

און דערפאַר איז מען מסמיך דעם רשע צום חכם, ווייל זיין העלאה איז דורך דעם חכם דוקא [29].

יד. דאָס איז אויך דער דיוק כנגד ארבעה בנים דברה תורה. תורה איז הוראה, (אָנווייזונג). תורה איז אַ הו־ראה אין עבודה ווי אויספירן די כוונה אין יעדער זאַך. דערפאַר איז דער סדר מצד התורה, אחד חכם ואחד רשע.

אין דעם סדר מצד העולמות איז דער רשע צום סוף, וכנ"ל אַז עשי' איז דער נידעריקסטער און דער לעצטער עולם. דער ענין פון תורה אָבער איז דאָך, ניט דער עולם זאָל פאַר־בלייבן ווי ער איז במציאותו, נאָר מעלה זיין יעדער ענין, דערפאַר איז מצד התורה דער סדר, רשע לעבן דעם חכם, וואָס דורך אים איז זיין העלאה.

טו. דערמיט וועט מען אויך פאַר־שטיין וואָס כ"ק מו"ח אדמו"ר האָט געמאָנט ביי זיינע נאָנטע מקושרים, — וואָס די מקושרים ביותר זיינען דאָך מסתמא אויך יודעי תורה ביותר, עוסקים בעבודת התפלה, און מקיימי מצוות בהידור (קו פון גמילות חס־דים) —

אַז זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אנשים פשוטים, און לערנען מיט זיי אויך ענינים פשוטים ווי אל"ף בי"ת, צי כפשוטו, צי דעם אל"ף בי"ת פון עבודת התשובה וקיום המצוות.

אין פלוג, וואָס האָט מען גע־דאַרפט אויסנוצן אויף דעם די מקוש־רים ביותר, דאָס האָבן דאָך געקענט טאָן אויך אַנדערע, וואָרום ווי ווייניק זיי ווייסן, איז זייער ידיעה נאָך אַלץ גענוג אויף עוסק זיין זיך דערמיט, און די מקושרים ביותר זאָלן זיך אָפּגעבן נאָר מיט שטייגן אין לימוד התורה, עבודת התפלה וקיום המצות בהידור?

איז דער טעם אויף דעם: ווייל די העלאת הרשע והנמוך ביותר איז על ידי החכם והגבוה ביותר דוקא, (דורך דעם גרעסטן חכם און דעם העכסטן).

טז. בפרטיות איז אין דעם דאָ אַ צווייענדיקע הוראה:

א) דעם רשע זאָגט מען ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך, וואָרום אויך ער האָט אַ האָפענונג, דער אויבער־שטער שיקט אים צו אַ חכם וואָס זאָל משפיע זיין אויף אים און אַרויס־העלפן אים צו פאַרבעסערן זיינע דרכים. עס מאָנט זיך נאָר פון אים, ער זאָל ניתוסף ווערן (דער רמז אין וא"ו המוסיף) און ווערן אַ טפל צו דעם חכם.

ב) דעם חכם לערנט מען, ער זאָל ניט טענה'ן: מה לי ולרשע, יאבד ברשעו (וואָס האָב איך צו טאָן מיטן רשע? זאָל ער פאַרלאָרן ווערן אין זיין רשעות) — נאָר כל ישראל ערבין (ומעורבין) זה בזה [30], ליגט

29) ובפרי עץ חיים שם: ולמה אצילות סמוך לעשי' לפי שעשי' צריכה אור גדול.

30) סנהדרין כז, ב. שבועות לט, א.

דער חוב צו משתדל זיין זיך מחזיר למוטב זיין יעדן איינעם[31]) אויך דעם רשע. נאָר אין דעם איז דאָ אַ תנאי (דער רמז אין וא"ו המוסיף), ער זאָל זען דער רשע זאָל ניתוסף ווערן צו אים, ער זאָל זיין מושפע ומקבל פון חכם, און ניט פאַרקערט חס ושלום.

עס איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויב מען מאָנט צו פאַרנעמען זיך אַפילו מיט אַ רשע, איז מיט אַ תם (טפש[32])) ושאינו יודע לשאול, על אחת כמה וכמה.

יז. נאָך אַ הוראה אין דעם: דער חכם דאַרף שטענדיק געדענקען אַז דער רשע איז זיין שכן — לפתח חטאת רובץ[33]), כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו, און צופה רשע (שבקרבו) לצדיק ומבקש להמיתו, און דערפאַר דאַרף ער נאָך מער מדקדק זיין אויף זיך און בעטן רחמים, דער אויבערשטער זאָל אים העלפן, וואָס נאָר דאַן[34]) קען ער בייקומען דעם רשע שבקרבו. וכפתגם כ"ק מו"ח אדמו"ר[35]): דער חכם דאַרף האָבן אַ שטאַרקע שמירה פאַר זיין שכן דעם רשע.

און די צוויי הוראות צום חכם זיינען צווישן זיך פאַרבונדן: דורך דעם וואָס דער חכם וועט זיך פאַר־נעמען מיטן רשע שחוץ ממנו, צו מעלה זיין אים, דורך דעם וועט ער קענען בייקומען אויך דעם רשע שבקרבו.

יח. דורך דעם וואָס דער חכם פאַרנעמט זיך און הויבט אויף ד'עם רשע, תם ושאינו יודע לשאול — יעדער פון זיי מיט אַ וא"ו המוסיף בתחילתו, וא"ו דא אות אמת, המשכת תורת אמת, איז השם יתברך ממלא אונזער בקשה: ברכנו אבינו כולנו כאחד. ווען האָט מען דעם ברכנו אָבינו — אויב כולנו באחד.

אַזוי ווי עס איז געווען בשעת דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה צו אידן, ויחן שם ישראל, לשון יחיד, וואָס מתן תורה איז דאָך דער תכלית פון יציאת מצרים, ווי עס שטייט: בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה.

יט. און דאָס איז אויך וואָס אַלס אַן הקדמה צום ענין פון ארבעה בנים, זאָגט מען, ברוך המקום ברוך הוא ברוך שנתן תורה לעמו ישראל ברוך הוא.

עס זיינען פאַראַן דיעות אַז דער לשון איז נתקן געוואָרן מצד דעם סדר וואָס איז געווען אַמאָל אַז דער ראש המשפחה פלעגט זאָגן און אַלע פלעגן ענטפערן: ווען דער ראש המשפחה האָט געזאָגט ברוך המקום, האָבן אַלע געענטפערט ברוך הוא, ווען ער האָט געזאָגט ברוך שנתן תורה לעמו ישראל, האָבן אַלע נאָך אַמאָל געענטפערט ברוך הוא.

בכל אופן אָבער, זיינען די פיר מאָל ברוך כנגד די ארבעה בנים: אין יעדן איינעם פון זיי דאַרף מען פועל'ן ברוך מלשון המשכה, ממשיך זיין אין אים דעם „אחד". וואָס דאָס דאַרף מען ניט נאָר אין רשע נאָר אויך אין חכם, וכנ"ל אַז אויך דער חכם דאַרף האָבן אַ בקשת רחמים.

31) תניא פרק לב.
32) ירושלמי פסחים פרק י הלכה ד.
33) זע תניא פרק יג.
34) ראה בכ"ז סוכה נב.
35) לקוטי דיבורים ח"ג ע' תכג.

און כדי צו ממשיך זיין דעם אחד אין אַלע ארבעה בנים, איז דאָס דוקא דורך דעם סדר פון אחד חכם ואחד רשע, כנ״ל, דורך כולנו כאחד.

כ. לויט דעם קען מען דער־קלערן, אַז דאָס וואָס עס שטייט ואמור לו אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל, מיינט מען ניט מיט דעם מדחה זיין חס ושלום דעם בן רשע, אדרבה, מען מיינט אַז מען דאַרף אים מבאר זיין דעם נועם פון תורה, וואָרום פועל׳ן אויף יענעם קען מען בעיקר דורך קירוב.

בשעת דער אויבערשטער האָט גע־זאָגט אנכי הוי׳ אלקיך לשון יחיד, איז ביי יעדער אידן איינגעקריצט געוואָרן אַז אלקיך, זיין כח וחיות, איז אנכי הוי׳. ומצד תורה, איז יע־דער איד, ווער עס זאָל ניט זיין, מוז אויסגעלייזט ווערן, וואָרום ער איז נוגע אין כללות הכוונה כנ״ל.

און דאָס מיינט ואמור לו אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל, שם דוקא, אין מצרים פאַר מתן תורה, אָבער מצד תורה, וועט אויך ער נגאל ווערן.

און דורך דעם וואָס מען ווייזט אים דעם נועם פון תורה, פועל׳ט מען אין אים אַ קירוב לאבינו שב־שמים.

כא. לויט דעם קען מען אויך דער־קלערן דעם טעם אויף דעם, וואָס דעם עיקר ההגדה זאָגט מען אויפן כוס שני און אויף דעם וואָס מתחיל בגנות:

יציאת מצרים, כאָטש זי איז הע־כער פון אַנדערע גאולות, וואָרום אין אַלע גאולות איז נאָך געבליבן אַן ענין פון גלות, אָבער בגאולת מצרים שטייט וינצלו את מצרים, כמצודה שאין בה דגן וכמצולה שאין בה דגים[36]), איז דאָס נאָך פונדעסטוועגן ניט געווען קיין גאולה שלימה, וואָ־רום יש אחרי׳ גלות. דער תכלית פון יציאת מצרים איז אויף צוקומען צו דער גאולה העתידה, גאולה שלי־מה שאין אחרי׳ גלות, צו וועלכער מען גייט פון יציאת מצרים אָן[37]).

און אַזוי ווי צוקומען צו דער גאולה העתידה קען מען דורכן כולנו כאחד דוקא, כנ״ל, דערפאַר איז עיקר אמירת ההגדה, דער עיקר השתדלות — דאָרטן וואו עס איז אַמשווערסטן — אויפן כוס שני כנגד אחד רשע.

נאָך מער, מען הויבט אָן — מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, וואָס אין דעם איז מרומז דער פינפטער סאָרט בן[38]), וואָס פרעגט אַפילו ניט מה העבודה הזאת לכם, ווייל ער ווייסט אינגאַנצן ניט פון אידישקייט, ער איז זיך גאָר ניט מתייחס צו אברהם יצחק ויעקב, נאָר צו מתחלה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, צו תרח׳ן און צו נחור׳ן.

איז דורך דעם וואָס מען פאַר־נעמט זיך מיט אַלע ארבעה בנים און אויך מיטן פינפטן בן, וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה העתידה, ווי מען איז מסיים באמירת ההגדה אויפן כוס שני, ונודה לך שיר חדש לשון זכר, וואָס דאָס גייט אויף דער גאולה העתידה — וואָס צו איר וועלן זוכה זיין אַלע סוגים, אויך דער בן רשע, כאָטש מצד עצמו וואָלט ער ניט זוכה געווען אַפילו צו גאולת מצרים וועלכע איז נידעריקער פון

36) ברכות ט, ב.

37) ד״ה כימי צאתך (בסה״מ) תש״ח.

38) ראה במכתב לחג הפסח תשי״ז (נדפס בהגש״פ עם ביאורים — בהוצאת תשמ״ו ושלאח״ז — ע׳ תקעה ואילך).

גאולה העתידה, אבער מצד דעם ענין פון תורה וועט אויך ער, און אפילו דער פינפטער סוג בן וואס איז נאך נידעריקער, זוכה זיין צו דער גאולה העתידה וואס איז העכער פון גאולת מצרים, און דורך כולנו כאחד, וועלן מיר אלע זוכה זיין צו דער גאולה השלימה שאין אחרי' גלות דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו.

(מלוקט משיחות חגה״פ תשי״ב־ז)

# פרשת אחרי

א. אויפן פסוק ושמרתם את משמרתי, זאגט די גמרא[1]: עשו משמרת למשמרתי. דאס איז דער יסוד צו די גדרים וסייגים דרבנן, אזוי אויך צו די גדרים וסייגים וואס יעדער איד איז מחוייב צו מגדיר זיין זיך אפילו בדברים המותרים — בכדי ניט צוקומען חס ושלום צו אן איסור,

ווי עס שטייט אין ספרי מוסר, אז מען דארף זיך אפהיטן אין מאה שערים פון היתר, בכדי ניט צוקומען צו איין שער פון איסור.

ב. פאראן וואס זיינען בטעות און טענה'ן: צו וואס דארף מען זוכן נייע חומרות? מילא דאס וואס רבותינו אין יעדן דור האבן גע'אסר'ט, איז „לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך״[2], דארף מען אבער אויך ניט צופיל מדקדק זיין אין דעם, ווארום עס איז דאך מער ניט ווי א דרבנן, ומכל שכן נייע חומרות דארף מען געוויס ניט זוכן, דייך מה שאסרה לך התורה[3].

און זיי ברענגען נאך א ראי' לדעתם פון דעם וואס עס שטייט אין ירושלמי[4], אז א מענטש וועט דארפן אפגעבן א דין וחשבון אויף יעדער זאך וואס ער האט געזען און ניט געגעסן.

נאך מער — טענה'ן זיי — אזוי ווי אויספירן אלץ איז דאך זייער שווער, איז ניט כדאי צו מרבה זיין חומרות און הידורים, דורך דעם קען מען חס ושלום פארלירן דעם עיקר. צופיל חומרות קענען נאך ברענגען אז מען זאל אינגאנצן אוועק פון דרך התורה חס ושלום, און זיי ברענגען דערויף א ראי' פון חטא עץ הדעת, שרש כל החטאים, אז דורך דעם וואס מען האט צוגעלייגט אן איסור וואס דער אויבערשטער האט ניט געהייסן, מען האט צוגעלייגט צום „לא תאכלו ממנו״, דעם „לא תגעו בו״, איז ארויסגעקומען דער חטא.

ג. די טענה איז אבער א גרויסער טעות און דער ענטפער אויף דעם איז:

כולם מרועה אחד ניתנו. מצד דעם לאו פון לא תסור האבן אויך די גזירות דרבנן דעם תוקף און הארבקייט ווי דינים דאורייתא, און די חילוקי דינים צווישן דאורייתא און דרבנן, זיינען מצד דעם וואס אזוי

1) יבמות כא, א.

2) רש״י שבת כג, א. וראה רמב״ם ריש הלכות ממרים. בסהמ״צ שורש א׳ ומ״ע קעד.

3) ירושלמי ריש פרק ט דנדרים.

4) סוף קידושין.

האט די תורה געוואלט, אז אין א דאורייתא זאל זיין ספיקו לחומרא און אין א דרבנן ספיקו להקל 5) א. ד. גל.

אזוי איז אויך בנוגע דעם חיוב וואס יעדער איינער דארף זיך מגדיר זיין בדברים המותרים, ווארום אויך דאס איז א ציווי התורה — ושמרתם את משמרתי.

נוסף אויף דער עשה 6) פון קדושים תהיו וגו׳ והתקדשתם, קדש עצמך במותר לך, צו הייליקן זיך אפילו אין דברים המותרים, גייט עס אריין אויך אין ושמרתם את משמרתי — עשו משמרת למשמרתי.

ד. און דאס וואס זיי ברענגען א ראי׳ פון דעם ירושלמי און פון חטא עץ הדעת, איז דער ענטפער אויף דעם:

אדם הראשון זייענדיק אין גן עדן איז געווען א׳ מרכבה צו אלקות און ניט געהאט קיין שייכות צו רע. א ראי׳ אויף דעם איז, ווארום גן עדן איז דאך ניט סובל קיין מציאות הרע (וואס דערפאר איז נאך דעם חטא האט ער ניט געקאנט זיין אין גן עדן).

א מרכבה — אלץ וואס זי טוט איז דאס רצון הרוכב. במילא דארף מען דארטן קיין גדרים וסייגים ניט האבן, ווארום עס איז גיטא קיין חשש מען זאל נכשל ווערן, ואדרבה, ניט נאר וואס די גדרים וסייגים זיינען איבעריק, נאר זיי זיינען נאך א חסרון,

ווארום דער וואס איז א מרכבה צו אלקות, און כל עשיותיו זיינען קדושה, איז בשעת ער טוט אן ענין איז ער אים מעלה, און דורך דעם וואס ער איז זיך מונע פון אן ענין, איז ער מונע אן עלי׳, ובדוגמת אכילת קדשים, אכילת שבת וכו׳.

דארט אבער וואו מען דארף די גדרים וסייגים יא האבן, זיינען זיי א מעלה 7).

(משיחות ש״פ שלח, תשט״ז)

# פרשת קדושים

א. די ערשטע דריי ציווים פון אנהויב פרשה זיינען: א) קדושים תהיו 1). ב) איש אמו ואביו תיראו. ג) את שבתותי תשמרו.

אין תורה איז דאך אלץ בדיוק, מוז מען זאגן, אז דאס וואס די דריי ציווים קומען צוזאמען איז אויך בדיוק, און זיי זיינען צווישן זיך פארבונדן.

ב. קדושה מיינט דא הבדלה, אזוי ווי ביים סוף פון דער סדרה 2) שטייט: והייתם לי קדושים וגו׳ ואבדיל אתכם מן העמים, וואס מיינט, אז אידן דארפן זיין אפגעטיילט פון די אומות העולם,

5) דוגמת החילוקים שבאורייתא גופא, תניא פרק כד. וראה נושאי כלי הרמב״ם הלכה ה, וסהמ״צ שם.

6) תניא פרק ל. וראה ספר חרדים סוף חלק מ״ע מה״ת.

7) ראה לקוטי תורה במדבר מד, ב.

1) בספר חרדים (בשם גאון ורשב״ץ) שזהו מצות עשה. ובפירוש הרמב״ן שזהו — מצוה כללית. וראה גם כן ספר המצות להרמב״ם שרש ד.

2) כ, כו. זע תניא פרק מו.

ווי עס שטייט³): ונפלינו אני ועמך מכל העם אשר על פני האדמה.

דער ענין הבדלה איז נויטיק און שייך נאָר אין אַזוינע ענינים וואָס אויסערלעך זיינען זיי גלייך, און אַזוי אויך דער ציווי קדושים תהיו רעדט זיך ניט וועגן תורה ומצוות, וואָרום צו דעם האָבן דאָך די אומות העולם מלכתחילה קיין שייכות ניט, ווי עס שטייט: מגיד דבריו ליעקב גו׳ לא עשה כן לכל גוי גו׳⁴). עס רעדט זיך נאָר בנוגע דברי הרשות: עסן, טרינקען, מסחר א. א. וו. וואָס אין זיי זיינען אידן אין פלוג אויסערלעך גלייך צו אַנדערע פעלקער, אויף דעם רויף זאָגט אַן תורה: קדושים תהיו.

ווי אַזוי קען זיין אַז בשעת מען געפינט זיך אין עניני עולם הזה און בפרט בזמן הגלות, חושך כפול ומכופל, זאָל אין דעם זיין קדושה? זאָגט ער אויף דעם: „כי קדוש אני" — אידן וואו זיי געפינען זיך זיינען זיי פאַרבונדן מיט דעם אויבערשטן, מיט „אתה קדוש", דערפאַר זיינען אויך זיי אַ גוי קדוש, ביז — בדומה לקדושתו של הקב"ה. יכול כמוני — בניחותא⁵).

ג. דער תכלית פון אַ אידן איז דאָך ניט נאָר אַליין צו זיין קדוש, נאָר ווי עס שטייט אויפן ערשטן אידן, אברהם אבינו, אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך הוי׳⁶) — אויף דערויף קומט דער צווייטער ציווי: איש אמו ואביו תיראו, וואָס אין דעם איז מרומז חובת החינוך. די ערשטע מחנכים זיינען דאָך אמו ואביו. די מוטער און דער פאָטער דאַרפן אַריינברענגען אין די קינדער דעם געפיל אַז זיי זיינען אַנדערש פון דער גאַנצער וועלט, זיי זיינען מיטגלידער פון אַ גוי קדוש.

און דער סדר הכתוב איז: אמו ואביו — פריער די מוטער, ווייל זי איז די עקרת הבית און דער עיקר החינוך בפועל — ליגט ביי איר אין די הענט.

ד. ווי אַזוי באַאיינפלוסט מען קינדער, און אויך זיך אַליין, אַז עס זאָל זיין — ונפלינו אני ועמך? אויף דעם קומט דער דריטער ציווי: את שבתותי תשמרו.

שבת איז אַן אות — צייכן — צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן, עס באַצייכנט⁷) די אמונה אין חידוש העולם און שטאַרקט זי — די געוויסקייט, אַז דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פון דער וועלט און פירט מיט איר אַן שטענדיק.

וואָס אין דעם זיינען אידן אָפּגעטיילט פון אַנדערע פעלקער. די אומות העולם זאָגן, אַז דער אויבערשטער האָט איבערגעלאָזן די וועלט אין די הענט פון די שטערן און מזלות: עזב ה׳ את הארץ — ביד כוכבים ומזלות, אָבער אידן זיינען פאַרבונדן דורך זייער אמונה, מיט דעם אויבערשטן שלמעלה מהטבע, און מיט טבע דאַרפן זיי זיך ניט רעכענען, ווי עס שטייט⁸): מאותות השמים אל תחתו — (אָבער) יחתו הגוים מהמה. וואָס דאָס איז דער אויפטו פון שבת אויף די ששת ימי

---

3) שמות לג, טז.
4) תהלים קמז, יט־כ.
5) מאור עינים על התורה.
6) בראשית יח, יט.

7) חינוך מצוה לא־ב.
8) ירמי׳ י, ב.

החול. ביי דער בריאה שטייט ל״ב פעמים אלקים — בגימטריא הטבע [9]. אָבער שבת איז — שבת להוי׳, הוי׳ הוה ויהי׳ כאחד — למעלה מהטבע.

און געגעבן האָט מען דעם שבת צו אידן דוקא, און ניט צו אומות העולם, ועכו״ם ששבת חייב מיתה [10]. ווייל זייער שייכות איז נאָר צו אלקים, בגימטריא הטבע, און ניט צו שבת להוי׳.

וואָס דאָס איז אויך דער צוויטער רמז [11]) אין שבת — יציאת מצרים, אַרויס פון אַלע מצרים וגבולים פון טבע.

ה. און דורך דעם „ואת שבתותי תשמורו״, — אָפּהיטן דעם צייכן און פאַרבונד צווישן אידן מיטן אויבערשטן שלמעלה מהטבע, דורך שטאַרקן די אמונה, אַז אידן זיינען ניט אונטערגעוואָרפן צו טבע נאָר זיינען אָפּגעהיט דורך השגחה פרטית פון דעם אויבערשטן אַליין.

פועל׳ט מען ביי זיך, און אַזוי אויך ביי די קינדער, דעם קדושים תהיו, אַז אַפילו אין די ענינים גשמיים זאָל זיין קדושה, וואָרום מען האָט די פעסטע אמונה אַז אויך די גשמיות פון אידן איז פאַרבונדן מיטן קדוש אני.

און ווי ער זאָגט ווייטער אין פרשה, את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו, סמך שבת למקדש, אַז דורך דעם שבתותי תשמורו פועל׳ט אַ איד אַז אַלע ענינים זאָלן זיין אַ משכן ומקדש לו יתברך.

(משיחת אחש״פ, תשי״ז)

ו. ווי גערעדט פריער, מיינט דער ענין פון קדושה און הבדלה אַז אויך אין אַזוינע ענינים וואָס אויסערלעך זיינען זיי גלייך צו אומות העולם — דאַרף אין זיי זיין קדושה.

וואָס דאָס איז דאָך אויך וואָס ער זאָגט, ווייטער אין דער פרשה, דעם ציווי והתקדשתם והייתם קדו־שים — קדש עצמך במותר לך. אויך במותר לך, עניני הרשות, דאַרף זיין קדושה, ווי עס שטייט [12]): בכל דרכיך דעהו.

ז. דער ציווי פון קדש עצמך במו־תר לך, איז ניט ווי אַנדערע מיינען אַז עס איז אַן ענין פון אַ הידור והדומה, נאָר דאָס איז אַ מצות עשה של תורה [13]), וואָס אויף מצות שטייט: אל תהא יושב ושוקל כו׳ קלה שבקלות וחמורה שבחמורות שוין [14]), במילא איז פאַראַן ביי דער מצוה פון „קדש עצמך״ די זעלבע האַרבקייט און תוקף ווי ביי אַלע מצוות [15]).

נאָך מער: עס רעדט זיך אין חסידות, אַז די עבודה אין קדש עצמך במותר לך וועט ברענגען די גאולה העתידה. לימוד התורה, קיום המצות, און אָפּהיטן זיך פון דברים

---

9) פרד״ס שער יב, פרק ב. ובשל״ה שער האותיות אות קדושה בהגהה ד״ה והנה מוסיף על הראשונות (פס, א) משמע קצת שכן הוא בזהר.

10) סנהדרין נח, ב.

11) חינוך שם.

12) משלי ג, ו. זע אויך אויבן ע׳ 208.

13) זע אויבן עמוד 254 הערה 6.

14) ילקוט שמעוני יתרו רמז רחצ. יל״ש נ״ך רמז תתקלז. ירושלמי פאה א, א. דברים רבה פ״ו, ב. וראה ג״כ שיחה ב׳ דפורים ש״ת (ספר השיחות ה׳ש״ת עמוד 16).

15) זע אויבן ע׳ 253 ואילך.

האסורים, זיינען ניט געגוג אויף ממשיך זיין די גאולה העתידה, נאר עס פאדערט זיך אויך דער קדש עצמך במותר לך.

און דאס איז אויך וואס רז״ל זאגן[16]: עתידין צדיקים שאומרין לפניהן קדוש כדרך שאומרין לפני הקב״ה. אלע גילויים דלעתיד זיינען דאך אפהענגיק אין אונזערע איצ־טיקע מעשים און עבודה — תלוי במעשינו ועבודתינו עכשיו[17], — איז דאך פארשטאנדיק, אז דער גילוי דלעתיד, עתידין צדיקים כו׳ (וואס מיט דעם מיינט מען אלע אידן ווי עס שטייט[18]: ועמך כולם צדיקים), וועט זיין דורך דער עבודה פון קדושה — קדש עצמך במותר לך.

ח. די דערקלערונג אין דעם איז: וואס דער אור איז העכער, איז דארט מער נוגע דער פארשטעל אויך פון א הסתר היותר דק. ועל דרך מה שכתוב וסביביו נשערה מאד, אז מיט צדיקים איז מען מדקדק כחוט השע־רה[19]) — וואס דער צדיק איז גרע־סער, אלץ מער איז אים נוגע אפילו די סאמע קלענסטע זאך.

מיר געפינען ענלעך דערצו ביי דעם ענין פון מילה. בשעת אברהם אבינו האט געדארפט זוכה זיין צו דעם גילוי פון שם שד־י, האט געמוזט זיין הסרת הערלה הגסה, התהלך לפני והי׳ תמים. צו מתן תורה, וואס דאן האט זיך אויפגעטאן דער גילוי פון שם הוי׳ וואס איז העכער פון שם שד־י, כמו שכתוב וארא גו׳ בא־ל שד־י ושמי הוי׳ לא נודעתי להם, איז ניט געווען גענוג הסרת ערלה הגסה נאר עס האט געדארפט זיין אויך פריעה — הסרת ערלה הדקה, שוב מול את בני ישראל שנית, פריעה, שנתחדשה הלכה למשה מסיני[20]).

אזוי איז אויך בכדי עס זאל קע־נען זיין דער גילוי דלעתיד וואס איז נאך העכער פון דעם גילוי פון מתן תורה, דארף מען אראפנעמען אויך די ערלה (ערלת הלב) היותר דקה, ניט נאר אין דברים האסורים, נאר אפילו אין דברים המותרים — קדש עצמך במותר לך.

ט. דאס איז א ביאור אויפן כללות הענין וואס צום גילוי דלעתיד פא־דערט זיך מער עבודה ווי אויף די גילויים וואס ביז איצט.

די שייכות פון גילוי דלעתיד מיט דער עבודה פון קדש עצמך במותר לך בפרט, איז:

דער אויפטו פון גילוי דלעתיד איז, אז דעמאלט וועט זיין גילוי העצמות, וואס איז העכער פון אלקות השייך לעולמות. ווי עס איז ידוע אז לעתיד וועט זיך אויספירן תכלית שלימות כוונת הבריאה, שיהי׳ לו יתברך דירה בתחתונים, — וואס דירה לו מיינט — לעצמותו.

למשל: א דירה פון א מלך בשר ודם, וואוינט דאך דער גאנצער מענטש אין דער דירה, ניט נאר זיין התפשטות אין כחות פרטים, אזוי איז אויך דירה לו יתברך בתחתונים — א דירה לעצמותו.

בכדי צו פועל׳ן די דירה לעצמותו, איז סיי מצד דער עבודה סיי מצד דעם מענטש וואס טוט די עבודה, דארף עס זיין אין אזא אופן וואס

---

16) בבא בתרא עה, ב.
17) תניא פרק לז.
18) ישעי׳ ס, כא.
19) תהלים נ, ג. בבא קמא נ, א.

---

20) יבמות עא, ב. זע תוס׳ ד״ה לא ניתנה וכו׳.

איז שייך צו זייער עצמות, וואָס דאָס איז אין דער עבודה פון קדש עצמך במותר לך דוקא, ווי וויטער דער־קלערט.

י. דער אויפטו פון קדש עצמך במותר לך אויף קיום התורה ומצוות אין דעם אדם העובד איז:

אין קיום התורה ומצוות קען זיין, אַז ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, אָבער ער איז נאָך אַ מציאות פאַר זיך, מער ניט ווען עס קומט צו תורה ומצוות איז ער זיך כופה ומבטל צום רצון העליון. אין דעם אופן רירט עס אָן נאָר די התפשטות פון זיין נפש. אָבער ווען ער איז זיך מקדש אַפילו אין מותר לך — זיינע אייגענע ענינים און ער שיידט זיך אָפּ פון זיי — הייסט דאָך דאָס אַז ער זאָגט זיך אָפּ און האָט קיין אייגענע זאַכן ניט, ער איז בטל ממציאותו, רירט עס אָן אין זיין עצם הנשמה.

און דאָס מיינט אויך והייתם לי קדושים, על דרך ווי ער זאָגט אין מכילתא אויפן פסוק והייתם לי סגולה, שתהיו קנויים לי, עוסקים בתורה ולא תהיו עוסקים בדברים אחרים. דורך דעם וואָס מען האָט אינגאַנצן ניט צו טאָן מיט אייגענע ענינים, אויך די דברים המותרים זיינען ניט זיי־נע, נאָר קדושה, דורך דעם איז קנויים לי, זיין גאַנצע מציאות ווערט אלקות.

און דורך דעם וואָס ער איז עובד מיט זיין עצם, נעמט ער אויך למעלה עצם, אַז דער מציאות פון זיין עצם ווערט דער מציאות העצמות — עתי־דין צדיקים שאומרין לפניהן קדוש כדרך שאומרים לפני הקב״ה.

יא. דער אויפטו פון קדש עצמך במותר לך אויף קיום התורה ומצוות אין דער עבודה איז:

דער יתרון פון מתן תורה אויף קיום המצוות פון די אָבות איז [21], וואָס עבודת האבות איז געווען ברוח־ניות און לאחר מתן תורה איז די עבודה בגשמיות. איז באַוואוסט דער טעם אין דעם, ווילע עבודת האבות האָט דערלאַנגט נאָר אין שרש הנבר־אים — הגבלה, במילא איז רוחניות מער כלי ווי גשמיות, אָבער ביי מתן תורה שטייט „אנכי", ראשי תיבות: אנא נפשי כתבית יהבית, אַז עצמות אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן, מצד דעם איז ניטאָ קיין חילוק פון רוחניות מיט גשמיות, און אדרבה כל הגבוה גבוה ביותר יורד למטה מטה יותר.

פונדעסטוועגן, איז אויך נאָך מתן תורה דאָ די הגבלה וואָס תורה גיט, וואָס דער אויבערשטער האָט זיך אָפּגעגעבן אין מצוות דוקא און ניט אין אַנדערע ענינים.

דערפאַר איז דער דין, מצוה לקום מפני עושי מצוה, מפני ה׳ השוכן ומתלבש בנפשם בשעה זו [22]. איז דאָך דאָס אָבער מפני עושי מצוה דוקא און ניט מפני עושי דברי הרשות לשם שמים, ווייל אין וואָס האָט זיך דער אויבערשטער אָפּגעגעבן — אין מצוות דוקא.

לעתיד אָבער, וואָס דעמאָלט וועט זיין דער תכלית שלימות גילוי העצמות, דעמאָלט וועלן ניט זיין קיין שום הגבלות, עס וועט זיך אַנזען אלקות אומעטום און אין יעדער זאַך,

———

21) זע אויבן עמוד 66.

22) תניא פרק מו.

עס וועט זיין בגילוי, אַז לית אתר פנוי מיני', ואין עוד מלבדו.

יב. אויספירלעכער צו דערקלערן דעם ענין מיינט דאָס:

עס שטייט אין זהר [23]), תלת דרגין אינון, קודשא בריך הוא אורייתא וישראל, וכולהו סתים וגליא.

אין קודשא בריך הוא איז דער גליא — דער אלקות השייך לעולמות, וואָס פון אים נעמט זיך הנהגת הטבע, און דער סתים — דער אלקות שלמעלה מהעולמות, וואָס פון אים נעמט זיך הנהגה ניסית שלמעלה מהטבע.

טיפער גערעדט, גייט הנהגה ניסית אויך אַריין אין גליא דקוב"ה, ווייל הגם זי איז העכער פון עולמות, וואָס דערפאַר קומט עס אין אַן אופן פון שידוד הטבע, וועלט קען עס ניט מקבל זיין אין אַ פנימיות, פונדעסט־וועגן, בפרטיות, גייט עס אויך אַריין אין גליא דקוב"ה, וואָרום די ניסים זעט מען דאָך אַן אויך איצט בגלוי.

פון סתים דקודשא בריך הוא נעמען זיך די ניסים הנסתרים בלבושי הטבע, וואָס אין בעל הנס מכיר בניסו, מצד דער הויכקייט פון די ניסים קענען זיי ניט קומען בגלוי אפילו בבחינת מקיף, שידוד הטבע.

וואָס אויף דעם שטייט [24]): עושה נפלאות לבדו, אַז די נפלאות ווייס פון זיי קיינער ניט נאָר ער לבדו.

לעתיד וועלן אויך די נפלאות קו־מען בגילוי, ווי עס שטייט אַראנו נפלאות, אַראנו איז דער טייטש איך וועל ווייזן, ד. ה. גילוי העצמות. און ווי ס'איז באַוואוסט דער ענין פון צוויי מאָל זה [25]) וואָס שטייט אויף לעתיד — ביי קריעת ים סוף איז געווען נאָר איין מאָל זה, זה א־לי ואנוהו, גילוי הניסים פון שידוד הטבע, און לעתיד וועט זיין צוויי מאָל זה, עס וועלן נתגלה ווערן אויך די ניסים הנסתרים.

אַזוי אויך דאָ, אַז איצטער איז דער גילוי אלקות נאָר אין תורה ומצוות, ניט אין עולם אַליין, דער־פאַר איז דער גילוי נאָר אין שידוד הטבע, אָבער דער אלקות וואָס אין טבע אַליין איז בהסתר, אָבער לעתיד וואָס דעמאָלט וועט זיין גילוי העצמות, איז מצד העצמות וועט זיין דער גילוי אַפילו אין עולם גופא.

יג. עס איז דאָך תלת קשרין מתקשרין דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה, איז בכדי צו נע־מען סתים דקודשא בריך הוא, איז דאָס דורך דער עבודה פון סתים דנשמה דורך סתים דאורייתא.

פנימיות התורה, וואָס דערקלערט דעם ענין פון הוי' ואלקים כולא חד, אַז אלקים בגימטריא הטבע און הוי' שלמעלה מהטבע זיינען איין זאַך און אין עוד מלבדו [26]), רופט אַרויס ביי דעם מענטש וואָס לערנט און פאַרטיפט זיך אין דעם ענין, דעם גוי אחד בארץ, אַז אויך אין ענינים ארציים הערט ער דעם „אחד", ובמילא איז והתקדשתם והייתם קדושים, קדש עצמך במותר לך, וואָס דאָס רירט אָן אין זיין עצם, סתים דישראל, און דורך דעם ווערט ער אַ כלי אויף צו נעמען סתים דקודשא בריך הוא.

(מלוקט מד"ה ועתה אם שמוע ושיחות אחרון של פסח, תשי"ז)

---

23) חלק ג עג, א.

24) נדה לא, א.

25) שמות רבה ספכ"ג.

26) ראה בכ"ז דרך מצותיך מצות אחדות ה'.

יד. דער רבי דער שווער האָט דערציילט וועגן דריי תורות וואָס דער באַרדיטשעווער האָט געהערט פון בעל שם טוב. איינע פון די תורות איז:

כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטילה [27]. מלאכה מיינט התעסקות אין אהבת ישראל. בכדי די תורה זאָל האָבן אַ קיום, מוז צו איר זיין התעסקות אין אהבת ישראל.

און די תורה האָט גע׳פועל׳ט אויפן באַרדיטשעווער אַז זיין הנהגה כל ימיו זאָל זיין, התעסקות אין אהבת ישראל.

טו. פון דעם וואָס דער סיפור איז דערגאַנגען צו אונז, איז אַ ראי׳ אַז ער איז אונז נוגע. ווארום אַלץ איז דאָך בהשגחה פרטית — צו־ליב אַ הוראה אין עבודה.

פונקט ווי אויף דעם כללות ענין החסידות האָט דער אַלטער רבי גע־זאָגט, אַז עס איז ניט פאַר אַ כתה ומפלגה נאָר פאַר אַלע אידן,

— ווארום חסידות איז דאָך אַ הכנה צו דער גאולה העתידה [28], וואָס זי וועט זיין פאַר אַלע אידן; במילא איז אויך די הכנה צו דער גאולה העתידה, חסידות, פאַר אַלע אידן —

אַזוי איז אויך אהבת ישראל, כללות כל התורה [29] — און דער בעש״ט האָט עס קובע געווען אַלס אַ יסוד אין חסידות — נוגע לכל ישראל.

טז. יעדער איד דאַרף טאָן אין אהבת ישראל צו משפיע זיין אויף אַ צווייטן אידן, און דאָס איז אַ תועלת אויך פאַר אים אַליין, כמאמר רז״ל [30] על פסוק רש ואיש תככים נפגשו מאיר עיני שניהם ה׳ כו׳ עשיר ורש נפגשו עושה כולם ה׳, און אַזוי ווי אין רש ועשיר אין גשמיות איז אויך אין רש ועשיר אין רוחניות, אַז דורך השפעת העשיר לרש גיט דער אויבערשטער אויך דעם עשיר.

די משנה [31]) זאָגט: איזהו חכם הלומד מכל אדם. דאָס הייסט אַז יעדער האָט אַן ענין וואָס מען קען זיך פון אים אָפּלערנען, ממילא איז דאָך יעדער אַן עשיר אין זיין ענין. מאָנט מען ביי אים ער זאָל דאָס געבן צו אַ צווייטן ווען דאָס פעלט, און דורך דעם וועט אויך ער באַקומען מלמעלה וואָס אים פעלט.

יז. דאָס איז דאָך אַן ענין וואָס שטייט בפירוש אין גמרא, אַז דורך דעם וואָס עס פעלט די השפעה אויף דעם צווייטן פעלט דער מאיר עיני שניהם הוי׳, דער עזר שמלמעלה, און נאָך מער — ווי עס ווערט דאָרט אויסגעפירט — אַז פון דעם עשיר ווערט אַן עני. איז דאָך פאַרשטאַנדיק אַז תורה אָן אהבת ישראל סופה בטילה.

דער בעל שם טוב האָט נאָך מבאר געווען, אַז בכדי די תורה זאָל האָבן אַ קיום, איז ווייניק אהבת ישראל סתם, נאָר עס דאַרף זיין אין דעם מלאכה, וכלשון הבעש״ט, התעסקות אין אהבת ישראל.

דעם טייטש פון התעסקות דער־

---

27) אבות פרק ב משנה ב.

28) ראה להלן בהערה 40.

29) שבת לא, א. וראה תניא פל״ב.

30) משלי כט, יג. שם כב, ב. תמורה טז, א.

31) אבות פרק ד משנה א.

קלערט כ״ק מו״ח אדמו״ר [32]) אז דאָס איז געגליכן צו אַ געשעפט. אַ בעל עסק מיינט ניט אַז ער זיצט ביי זיך אין הויז מיט זיין סחורה און וואַרט ביז עמעצער וועט זיך דערוויסן אַז ביי אים איז דאָ סחורה און וועט וויסן איר מעלה, און וועט קומען צו אים קויפן — ניט דאָס איז דער סדר פון אַ סוחר. דער סוחר עפנט אַ קראָם (סטאָר) וואו עס גייען פאַר־ביי אַ סך מענטשן און ער הענגט אויף אַ שילד, אַז אַלע פאַרבייגייער זאָלן וויסן אַז ביי אים געפינט זיך סחורה. דערמיט באַנוגענט ער זיך נאָך ניט. ער גייט אום און איז מפרסם און דערציילט די מעלה פון זיין סחורה, און רעדט איין מען זאָל ביי אים קויפן; ער טוט כל מיני השתדלות, מען זאָל זיין סחורה קויפן.

דער רבי האָט גערעדט דעמאָלט בענין עסק התורה והמצוות. דאָס זעלבע איז אויך בהנוגע התעסקות אין אהבת ישראל. מען דאַרף לייגן כל המיני השתדלות אויף טאָן אַ אידן אַ טובה, משפיע זיין אים דאָס וואָס מען האָט, מסביר זיין אים די טייערקייט פון תורה ומצוות, פאַר־שטייט זיך, תורת החסידות אַריינגע־רעכנט, און טאָן אַלע מיני השתדלות אַז אַ איד זאָל הערן אַ וואָרט חסידות. און דערמיט זיך ניט באַנוגענען, נאָר מען דאַרף נאָך יענעם מאַכן פאַר אַ טופח על מנת להטפיח, וואָרום ערשט דאַן ווען זיינע מקבלים וועלן אויך ווערן משפיעים וועט מען וויסן אַז זיין השפעה איז אין זיי נקלט געוואָרן.

און ווי דער דיוק הלשון יפוצו מעינותיך חוצה. מעין (אַ קוואַל) גייט אויך ווייטער. ווי דער רמב״ם [33]) זאָגט וועגן בריכה, אַז בריכה האָט ניט קיין דין פון אַ מעין, אויב עס שטעלט זיך אָפּ און גייט ניט ווייטער.

יח. איינע פון די עניני ההשתדלות צו מקרב זיין אַ אידן איז טאָן יענעם אַ טובה אויך בגשמיות. אויסער דעם וואָס דאָס אַליין גייט אַריין אין אהבת ישראל, העלפט דאָס אויך צו מקרב זיין יענעם לרוחניות. מען דאַרף ניט וואַרטן און תולה זיין גשמיות אין רוחניות דוקא, בתנאי כו׳, נאָר מען דאַרף טאָן אויך בגשמיות, ניט שטעלנדיק קיינע תנאים, וואָס דאָס איז דאָך געווען דער אויפטו וואָס איז נתחדש געוואָרן פון בעל שם טוב אין דעם דרך העבודה פון די צדיקים הנסתרים בשנת תבוא עליו ברכה [34]).

יט. אויב ביי אַלעמען מאָנט מען התעסקות באהבת ישראל, איז מכל שכן ביי די וועמען די השגחה העליו־נה האָט געבראַכט אין אַן אָרט וואָס תורה ומצוות איז דאָרטן במיעוט. במקום שאין אנשים ליגט אויף זיי אַ חוב (און זכות) פון השתדל להיות איש [35]).

און דאָס וואָס ער טענה׳ט אַז ער וועט באַוואָרענען זיך אַליין, ער וועט פון דאָרט אַנטלויפן ואני את נפשי הצלתי, — זאָל ער וויסן אַז דאָס איז אַן ענין פון פיקוח נפשות, און בשעת עס האַנדלט זיך וועגן פיקוח נפשות טאָר מען אַזעלכע חשבונות

32) ד״ה הסכת ושמע תרצ״ג (ספה״מ קונטרסים — א׳ ע׳ 514 ואילך).

33) הלכות מקואות פרק ט הלכה ט.

34) זע לקוטי דיבורים חלק ג עמוד שפו.

35) אבות פרק ב משנה ה.

ניט מאַכן. וויבאַלד אַז די השגחה עליונה האָט אים אַהין געבראַכט, האָט זי אויף אים אַרויפגעלייגט אַ שליחות, און אים געגעבן כחות, צו מאַכן דעם אָרט פאַר אַ מקום תורה ומצות.

די גמרא[36]) דערציילט אַז רב ורב כהנא וכו' זיינען געקומען קיין בבל, ד. ה. דער אויבערשטער האָט מזמין געווען אַזוינע סיבות זיי זאָלן מוזן אַהין קומען. אין בבל זיינען דאָן געווען אַ צאָל ערטער וואו עס האָט געפעלט די אָפּגעהיטקייט אין פאַרשידענע ענינים, — שבת, בשר בחלב וכו', און ווי אַזאַ אָרט ווערט באַצייכנט בלשון רז"ל[37]) מיטן נאָמען בקעה — אַ טאָל אַ מקום פרוץ — אַן אָפענער אָרט, אַן אָרט וואָס איז נידעריקער פון דער גלייכער אויבערפלאַך. און קומנדיק אַהין האָט ער דאָרט אויפגעשטעלט אַ גדר.

ווי אַלע סיפורי רז"ל איז אויך דער סיפור ניט קיין ענין פון דברי הימים (היסטאָריע) והדומה, נאָר אַן אָנווייזונג אין לעבן. אַ איד דאַרף וויסן אַז ווען ער קומט אין אַ געוויסן אָרט איז דאָס בהשגחה פרטית, ער זאָל מאַכן דעם אָרט פאַר אַ מקום תורה ומצוה. און ער דאַרף וויסן אַז דאָס איז די כוונה פון זיין שליחות.

און דורך מעשה הצדקה בגשמיות אָדער ברוחניות, איז צדקה תרומם גוי, שנעשים מוחו ולבו זכים אלף פעמים ככה[38]), ווי דער מאמר רז"ל[39]):

36) עירובין ו, א. שם ק, ב. חולין קי, א. ירושלמי שקלים פרק ז הלכה ב.
37) שם.
38) תורה אור א, ב.
39) תנחומא משפטים על פסוק אם כסף תלוה.

אתה החיית נפשו של עני, למחר וועט דער אויבערשטער מחי' זיין דיר, דיין זון און דיין טאָכטער.

דאָס איז דאָך אַ טובה און אַ תועלת פרטית וואָס ער וועט דערפון האָבן. אויסער דעם, וועט דאָס מיט־העלפן ברענגען די גאולה הכללית, און ווי די הבטחה[40]) אַז דורך הפצת המעינות חוצה — קא אתי מר בעגלא דידן בקרוב ממש. אמן.

(משיחת ב' דחג השבועות, תשח"י)

כ. דער פריערדיקער ענין איז אויך מרומז אין דער משנה: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, וועלכע מען זאָגט אַלס אַן הקדמה צו פרקי אָבות, און אין דער ערשטער משנה, משה קבל תורה מסיני.

די מסכת אָבות לערנט מען דאָך אין די שבתים צווישן פסח און שבועות, ווי אַ הכנה צו קבלת התורה, איז דער אָנהויב פון דער הכנה — התעסקות אין אהבת ישראל, וואָס דאָס איז מרומז איז די צוויי דערמאָנטע משנות.

כא. מען קען דאָך טענה'ן, צו וואָס זאָל איך אָפּגעבן מיין צייט אויף יענעם, פאַר דער צייט קען איך דאָך בעסער זיצן און לערנען, — אויף דעם איז די אָנווייזונג, כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא — מען קען ניט וויסן ווער עס איז העכער, עס קען זיין אַז יענער איז העכער פון אים. עולם הזה איז דאָך אַן עולם הפוך[41]) — אַ פאַרקערטע וועלט, —

40) ראה בארוכה לקוטי דיבורים ח"ב שיחת שמח"ת תר"ץ.
41) ראה פסחים נ, א.

מיינט ער אז ער איז העכער פון יענעם און מאכט חשבונות אז עס איז ניט כדאי צו אפגעבן זיך מיט יענעם. עולם הבא איז אן עולם ברור — א קלארע וועלט — דארט קען זיך גאר ארויסווייזן פארקערט.

אלע אידן מיט וועלכע ער האט צו טאן, האבן זיכער א חלק אין עולם הבא. יענעם דארף מען דאך אלעמאל דן זיין לכף זכות. אויף אים אליין קען זיין א שאלה, עס איז דאך על כל פשעים תכסה אהבת עצמו, ואל תאמין בעצמך כו׳. איז אויב ער וועט אים איצטער טאן א טובה, וועט ער אים אפצאלן לעולם הבא, הוא בגן עדן ורבו שלמדו תורה והביאו לחיי עולם הבא בגיהנם — קען דאס פועל׳ן אז מען נעמט ארויס זיין רבי׳ן צוליב אים. אויב ער וועט מקרב זיין יענעם, וואס דורך דעם וועט ער ווערן יענעמס רבי, איז אין עולם הבא וועט יענער טענה׳ן: איך קען ניט זיין אן מיין רבי׳ן, און צוליב יענעם וועט מען אויך אים ארויסנעמען פון גיהנם און אוועקזעצן אין גן־עדן.

כב. אזוי איז געווען אלעמאל. איצטער דארף מען ניט ווארטן אויף לאחר מאה ועשרים שנה, נאר יענער קען אפצאלן אויף דער וועלט. עס איז דאך הנה זה עומד אחר כתלינו, משיח האלט אט־אט ביים קומען, אחכה לו בכל יום שיבא. און ניט נאר דער אינגסטער פון דער חבורה נאר אויך דער עלטסטער פון דער חבורה וועט בימיו קומען משיח, וועט דאך די טובה וואס יענער וועט אים צוריק־צאלן קענען זיין אויף דער וועלט.

כג. ווען מען טוט מיט יענעם, דארף מען אבער באווארענען מען זאל ניט מיינען אז כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה, מען דארף געדענקען — ווי עס איז פארשטאנדיק פון דער דערמאנטער משנה — אז דאס איז בכחו של משה וואס אוהב ישראל הי׳ ומסרה ליהושע[42] ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים א. א. וו. ביז רבותינו שבכל דור ודור — אתפשטותא דמשה שבכל דרא ודרא[43] כו׳.

(משיחות ש״פ שמיני, תשי״ב)

# פרשת אמור

א. חודש אייר האט א מעלה אויף אלע חדשי השנה, מיט דעם וואס יעדער טאג פון חודש איז פארבונדן מיט א מצוה — די מצוה פון ספירת העומר.

אין חודש ניסן, איז נאר די צווייטע העלפט פון חודש פארבונדן מיט ספירה; אין חודש סיון איז נאר דער אנהויב פארבונדן מיט ספירה. אבער אין חודש אייר זיינען כל ימי החודש פארבונדן מיט דעם.

הגם דעם רוב פון חודש תשרי און גאנץ חודש ניסן זאגט מען ניט קיין תחנון, און אויף חודש ניסן שטייט החודש הזה לכם ראש חדשים,

42) מנחות סה, א. עירובין כב, ב.
43) תיקוני זהר תיקון סט.

טייטשט דער של"ה[1]) אַז אַלע טעג פון ניסן זיינען בבחינת ראש חודש, זיינען אָבער די מעלות פון ימי תשרי וניסן ניט פאַרבונדן מיט עבודת האדם דעמאָלט. דאָס איז אַ מעלה מצד עצמה. אָבער די טעג פון חודש אייר האָבן אין זיך אַ מעלה וואָס איז פאַרבונדן מיט עבודת האדם — מצות ספירת העומר.

די שייכות פון ימי הספירה צו מצות הספירה איז מער ווי די שייכות פון אַנדערע זמנים צו די מצות וואָס אין זיי. אין אַנדערע זמנים האָט די מצוה ניט צו טאָן מיט דעם טאָג גופא, אַזוי ווי ביי מצות אכילת מצה בפסח, איז דאָך די מצוה אַ באַזונדער ענין פון דעם זמן גופא וואָס איז אין ט"ו בניסן, מער ניט וואָס דער חיוב פון דער מצוה איז אין דעם טאָג. אָבער ספירת העומר איז די מצוה צו ציילן דעם טאָג, דעם זמן. די מעלה פון חודש אייר איז וואָס אַלע זיינע טעג זיינען אַליין פאַרבונדן מיט אַ מצוה.

ב. די מצוה פון ספירת העומר איז נוגע יעדן טאָג. אויסער דעם, איז דער ציילן יעדן טאָג נוגע אויך צו כל ימי הספירה, צו די פריערדיקע טעג[2]) און צו די שפּעטערדיקע טעג, ביז דאָס איז נוגע אויך צו דער כללות ההכנה צו קבלת התורה.

און אָט די מעלה איז אין אַלע ספירה־טעג גלייך.

1) בתחלת מסכת פסחים. ס"פ בא.

2) עס זאָל זיין אין זיי די מעלה פון שבע שבתות תמימות, נוסף אויף דער מעלה פון תמימות אַליין (דלכן מברך אף אם יתבטל המנין אחר כך).

דאָס הייסט: אין חודש אייר איז דאָ אַן ענין וואָס מצד אים זיינען אַלע טעג פון חודש גלייך.

ג. בכלל, אין די חדשים פון יאָר זיינען דאָ חילוקים פון אָנהויב חודש מיט סוף החודש.

אין פרדס[3]) שטייט אַז די י"ב חדשי השנה זיינען כנגד י"ב צירופי הוי'. אין שם הוי' זיינען פאַראַן פיר אותיות, זיינען אויך אין יעדער חודש פאַראַן פיר וואָכן (און די ימים הנוספים ווערן נטפל צו די פיר וואָכן) וכו'.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז אַזוי ווי אין שם הוי' איז דאָ אַ מעלה פון איין אות אויפן צווייטן, ובכללות — פון י"ה אויף ו"ה[4]) אין צירוף הא' — השם כסדרו ועל דרך זה אין חצי הא' על חצי הב' בכל הצירופים, אַזוי איז אויך דאָ אַ מעלה פון איין וואָך אויף דער אַנדערער, ובכללות — די ערשטע צוויי וואָכן זיינען העכער פון די שפּעטערדיקע.

וואָס מצד דעם דערמאָנטן חילוק איז דאָ אַ הפרש אויך לענין נישואין וכו' פון ערשטן האַלבן חודש ביזן צווייטן[5]). אָבער אין חודש אייר זיינען אַלע טעג פון חודש גלייך אין דעם דערמאָנטן ענין פון עבודת האדם.

ד. דורך וואָס פועל'ט מען אַז אַלע טעג פון חודש זאָלן זיין גלייך? אויף דעם איז דער רמז אין נאָמען פון חודש: אייר, ראשי תיבות א'ברהם, י'צחק, י'עקב, ר'חל. וואָס זיי זיינען די ד' רגלי המרכבה, וואָס דער

3) שער יג פרק ג ועוד.

4) תניא חלק ג פרק ד. חלק א פרק כו.

5) רמ"א אה"ע סימן סד, סעיף ג.

רמז איז דאָך געבראַכט אויך בנגלה דתורה להלכה [6].

דער ענין פון אַ מרכבה איז ווי ער זאָגט אין תניא [7]: שכל אבריהם כולם היו קדושים ומובדלים מעניני עולם הזה. איז בשעת מען האָט כלל ניט קיין אייגענע ענינים, וואָרום אויך אין די ענינים הגשמיים, בכל דרכיך — איז דעהו, און מען איז איבער־געגעבן אינגאַנצן צו אלקות, פונקט ווי אַ מרכבה וואָס כל ענינה איז נאָר דורכצופירן דעם רצון הרוכב.

דעמאָלט זיינען כל הימים בשוה, וויבאַלד אַז כל ענינו איז נאָר אלקות.

און דורך דער עבודה פון מרכבה פון חודש אייר, ווערט דער חודש אַ ממוצע צווישן חודש ניסן — בהוציאך את העם ממצרים (איז דאָס על מנת ובאופן אַז) תעבדון את האל־קים על ההר הזה [8]. „תעבדון" מלשון עבודת עבד, בדרך קבלת עול — צו חודש השלישי, ירחא תליתאי (סיון), אין וועלכן מען האָט געגעבן אוריין תליתאי לעם תליתאי [9].

(משיחות ש"פ אחרי, תשי"ט)

ה. וועגן דער מצוה פון ספירת העומר, זאָגט ער אין פסוק, וספרתם לכם ממחרת השבת גו'. דערציילט די גמרא [10], אַז די ביתוסים האָבן אַ טעות געהאַט און געלערנט אַז ממחרת השבת מיינט ממחרת שבת בראשית (זונטיק), און מען האָט זיך געדאַרפט מיט זיי מתוכח זיין און אויפווייזן מיט כמה ראיות והוכחות אַז דער וואָרט שבת דאָ, מיינט יום־טוב.

איז דאָך אין פלוג ניט פאַרשטאַנדיק פאַרוואָס שטייט טאַקע ממחרת השבת, מען זאָל קענען אַ טעות האָבן, און מיינען אַז דאָס מיינט שבת בראשית, עס האָט דאָך געקענט שטיין בפירוש ממחרת הפסח?

ו. אויף יציאת מצרים שטייט, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, ד. ה. אַז דער אויספיר און תכלית פון יציאת מצרים איז מתן תורה. צווישן יציאת מצרים מיט מתן תורה איז ספירת העומר, ד. ה. בכדי דורכצופירן דעם גמר ותכלית פון יציאת מצרים, דאַרף זיין פריער ספירת העומר, וואָס דאָס איז דער ממוצע צווישן התחלת יציאת מצרים מיט גמר היציאה — מתן תורה.

דערפאַר געפינען מיר אַז ביי די דריי חדשים: ניסן — דער זמן פון יציאת מצרים, אייר — דער זמן פון ספירת העומר (וואָס אַלע טעג פון חודש זיינען פאַרבונדן מיט ספירה כנ"ל) און סיון — דער זמן פון מתן תורה.

(כאָטש די ערשטע טעג פון סיון זיינען נאָך אין ימי הספירה, איז דאָך אָבער באַוואוסט [11]) אַז בראש חודש סיון איז שוין נאָך דער ספירה פון די ג' ימים ראשונים, — חג"ת שהם כללות המדות — שבשבוע הש־ביעי. און דער עיקר ענין פון סיון איז ניט ספירת העומר נאָר מתן

6) בית שמואל (שולחן ערוך אבן העזר סימן קכו ס"ק כ). זע מאורי אור מע' א ס"ק סה.
7) פרק כג.
8) שמות ג, יב.
9) שבת פח, א.
10) מנחות סה, א.
11) תורה אור סז, ג.

תורה ווי עס שטייט [12]), בחודש השלישי גו׳ באו מדבר סיני וכמאמר רז״ל הנ״ל, אוריין תליתאי בירחא תליתאי), איז ביי די אַלע דריי חדשים ווערט דערמאָנט יציאת מצרים.

אויף חודש ניסן שטייט [13]), חודש האביב כי בו יצאת ממצרים. אויף חודש אייר [14]) — לחודש השני בשנה השנית לצאתם מארץ מצרים. (כאָטש אין פשטות גייט דער לצאתם מארץ מצרים אויף בשנה השנית, איז דאָך אָבער ידוע וואָס שטייט אין זהר [15]) אַז חודש השני און שנה השנית איז כולא חד, במילא גייט דאָך דער לצאתם מארץ מצרים אויך אויף בחו־דש השני). אויף חודש סיון שטייט [16]), בחודש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים.

הגם אַלע חדשים ציילן זיך צו חודש ניסן וואָס איז דער ראש חדשים, דער זמן פון יציאת מצרים, אָבער בפירוש ווערט דער ענין פון יציאת מצרים דערמאָנט נאָר ביי די דריי חדשים.

איז דער טעם אויף דעם, ווייל די דריי ענינים: יציאת מצרים, ספירת העומר און מתן תורה זיינען אַלץ אופנים און מדריגות אין יציאת מצ־רים, וואָרום דער גמר יציאת מצרים איז בשעת מתן תורה.

ז. אין די דריי זמנים, איז פסח פאַרבונדן מיט אכילת מצה. ספירת העומר איז פאַרבונדן מיט שעורים, כמאמר רז״ל [17]) כל המנחות באות מן החטין וזו (מנחת קנאות) כו׳ ומנחת העומר כו׳ מן השעורין. און שבועות — מיט שתי הלחם, חמץ תאפינה [18]).

איז ניט פאַרשטאַנדיק: א) פאַר־וואָס קומט דער עומר פון שעורים, אַנדערש פון אַלע מנחות. אויף מנחת קנאות זאָגט די משנה [19]) אַ טעם, כשם שמעשי׳ מעשה בהמה כך קרבנה מאכל בהמה, וואָס איז אָבער דער טעם אויף מנחת העומר? ב) ווי־באַלד אַז בפסח איז אסור חמץ, ווייל חמץ ווייזט אויף ישות און אויפן יצר הרע [20]), איז פאַרוואָס עפעס אַ גאַנץ יאָר איז דאָס מותר ביז אַז שבו־עות איז דאָס ניט נאָר מותר נאָר די מצוה איז דוקא פון חמץ?

ח. די דריי ענינים זיינען מרומז אויך אין פסוק משכני אחריך נרוצה הביאני המלך חדריו. משכני גייט אויפן זמן פון יציאת מצרים, אחריך נרוצה — אויפן זמן פון ספירת העומר, און הביאני המלך חדריו — אויף מתן תורה.

די דערקלערונג אין דעם איז:

דער חילוק פון „משכני״ מיט „נרוצה״ איז אין עטלעכע ענינים: א) משכני איז דער טייטש ציען: לשון משיכה, נרוצה — לויפן. ב) משכני איז דער טייטש דו צי מיך. כנסת ישראל זאָגט צום אויבערשטן, זיי מיר מושך — מלמעלה. אחריך נרוצה, מיר וועלן אליין לויפן — מלמטה למעלה. ג) משכני איז לשון יחיד און נרוצה — לשון רבים.

---

12) שמות יט, א.
13) שמות כג, טו.
14) במדבר א, א.
15) חלק ג קיז, ב.
16) שמות יט, א.
17) סוטה יד, א.
18) ויקרא כג, יז. מנחות נג, ב.
19) סוטה שם.
20) זע אויבן ע׳ 129 און ווייטער.

ט. בשעת יציאת מצרים, זיינען די אידן געווען משוקע במ״ט שערי טומאה, זיי זיינען קיין כלים ניט גע־ווען צו אלקות, ואת ערום ועריי. מער ניט וואס נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו און האט זיי ארויס־געשלעפט פון מצרים.

וויבאלד אז דאס איז געקומען ניט מצד זייער עבודה נאר מצד א גילוי אור מלמעלה, במילא האט זיי דער גילוי ניט איבערגעמאכט אין א פני־מיות, ווארום זיי זיינען דאך צו דעם קיין כלים ניט געווען, מער ניט וואס מצד דעם גילוי אור האבן זיי זיך געצויגן צו ג־טלעכקייט.

אויך איז פארשטענדלעך, אז דער גילוי אור האט אנגערירט נאר דעם נפש האלקית, וואס זי איז א כלי צו הערן ג־טלעכקייט, אבער ניט דעם נפש הבהמית. ד. ה. אז בשעת יציאת מצרים זיינען זיי נאך ניט פטור געווארן פון דעם רע שבקרבם, ווא־רום נפש הבהמית איז נאך געבליבן בתקפה.

דערמיט פארענטפערט דאך דער אלטער רבי[21], וואס עס שטייט, כי ברח העם. ווארום אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק, אויב מען וואלט זאגן פרעה׳ן ער זאל זיי ארויסלאזן פריי אויף שטענדיק וואלט ער דאך דאס מוזן טאן, היינט פארוואס האבן זיי געדארפט אנטלויפן? דערקלערט דער אלטער רבי, ווילע בשעת יציאת מצרים איז נאך דער רע ביי די אידן געווען בתקפו, האט מען דער־פאר געדארפט אנטלויפן.

21) תניא פרק לא.

י. לויט דעם איז פארשטאנדיק דער לשון משכני, אין אלע דער־מאנטע דיוקים:

א) לשון משיכה. קנין משיכה איז ניט גלייך צו קנין חזקה. אין משיכה טוט ער גאר ניט אין דער עצם זאך, די זאך בלייבט ווי פריער, עס גייט נאר איבער מרשות המוכר לרשות הקונה. אזוי אויך בשעת יציאת מצרים, איז קיין שינוי אין זייער פנימיות נאך ניט געווארן, מער ניט וואס זיי זיינען אריבער פון מצרים ערות הארץ אין רשות הקדושה.

ב) מלמעלה — ווילע עס איז נאך ניט געווען קיין עבודה.

ג) לשון יחיד — ווילע דער גילוי אור האט דערנומען נאר דעם נפש האלקית און ניט דעם נפש הבהמית.

יא. די כוונה איז דאך אבער אז דער נפש האלקית זאל מברר זיין אויך דעם נפש הבהמית. ווארום אויב צוליב דעם נפש האלקית אליין, האט די נשמה געקענט בלייבן למעלה, ווארום הנשמה עצמה אינה צריכה תיקון כלל, ותכלית ירידתה למטה איז בכדי צו מברר זיין דעם נפש הבהמית[22], ווי עס שטייט, בכל לבבך זאגן די רז״ל, בשני יצרך[23]. און דורך דעם וואס דער נפש האלקית איז מברר דעם נפש הבהמית, קומט צו אן עלי׳ אויך אין נפש האלקית, מצד דער מעלה פון נפש הבהמית, אזוי ווי עס שטייט, ורב תבואות בכוח שור[24].

דער חילוק פון א מענטשן מיט א בהמה איז: א מענטש, וויבאלד ער

22) תניא פרק לז.

23) דברים ו, ה. ברכות נד, א.

24) משלי יד, ד.

איז אַ בעל שכל, איז זיין רצון ומדות ניט מיט אַזאַ תוקף, ווייל זיי ווערן אָפּגעשוואַכט דורך דעם וואָס זיי ווערן קאָנטראָלירט פון שכל. דאַ־קעגן אַ בהמה, זיינען אַלע אירע רצונות מיט אַ גרויסן תוקף. אַזוי אויך אין אַ מענטשן גופא, איז דער רצון פון נפש האלקית האָט ניט אַזאַ שטאַרקן תוקף ווי דער רצון פון נפש הבהמית. און בשעת דער נפש האלקית פועל'ט אין דעם נפש הבהמית אַז זיין רצון — וואָס איז מיט אַ תוקף — זאָל זיין אין אלקות, דורך דעם ווערט אויך אין נפש האלקית אַ רצון תקיף צו אלקות.

לויט דעם וועט מען אויך פאַר־שטיין דעם טעם וואָס מנחת העומר קומט פון שעורים, מאכל בהמה, ווי־לע דער ענין פון עומר איז דער בירור פון נפש הבהמית.

יב. דער אופן פון בירור המדות קומט דורך התבוננות. בשעת ער איז זיך מתבונן אין אלקות, ווערט ער נתעורר באהבה וביראה.

בתחילת העבודה, ווען ער איז נאָך משוקע אין שערי טומאה, ד. ה. בשעת עס איז נאָך רעכט צו טאָן אַ דבר איסור רחמנא לצלן, איז ניט קיין צייט אויף התבוננות, דעמאָלט מוז זיין גלייך דער „ברח העם", כופה זיין זיך און אַנטלויפן פון רע. אָבער נאָך דעם ווי ער איז שוין אַרויס פון מצרים ערות הארץ, צו תאוות איסור איז ער שוין ניט שייך און ער דאַרף זיך כופה זיין נאָר אין תאוות היתר, דעמאָלט איז אַ צייט אויף התבוננות און אתהפכא, איבער־מאַכן די מדות אין אַ פנימיות.

יג. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דעם לשון נרוצה — אין די דער־מאָנטע דיוקים:

א) לויפן, ניט גיין. די רצונות פון נפש הבהמית זיינען דאָך בתוקף ומרוצה כנ"ל, איז ווען מען פועל'ט דורך עבודה אַז אויך דער נפש הבהמית זאָל וועלן אלקות, דאַן איז זיין רצון צו אלקות שטאַרקער פון דעם רצון פון נפש האלקית.

ב) מלמטה למעלה — ווײַלע עס איז געקומען דורך עבודה.

ג) נרוצה לשון רבים — די עבודה איז ניט נאָר מצד דעם נפש האלקית נאָר אויך מצד דעם נפש הבהמית.

און אויף ביידן זאָגט ער נרוצה לשון מרוצה — אַז אויך אין נפש האלקית ווערט אַ מרוצה, ווי גערעדט פריער אַז כאָטש דער נפש האלקית מצד עצמה איז במדידה והגבלה, דורך דעם אָבער וואָס ער פועל'ט אַ מרוצה צו אלקות אין נפש הבהמית, ווערט אויך אין אים אַ מרוצה, וואָס דאָס איז די עלי' וואָס ווערט אין נפש האלקית.

יד. נאָך דער עבודה פון ספירת העומר קומט מען צו צום גילוי פון מתן תורה, וואָס בעת מתן תורה איז געווען ביטול במציאות. דער ענין פון בירור המדות איז ניט קיין ביטול במציאות, עס קומט דאָך דורך שכל און התבוננות, שטייט ער דאָך אין זיין מציאות, אָבער בשעת מתן תורה איז על כל דיבור ודיבור פרחה נשמתם [25].

---

25) שבת פח, ב.

לויט דעם וועט מען פארשטיין דעם טעם וואס חמץ איז מותר א גאנץ יאר, ביז אז בשבועות מאכט מען דערפון א מצוה, כאטש בפסח איז עס אסור.

ביים אנהויב פון דער עבודה, ווען דער רע איז נאך בתקפו, מוז מען אוועקלייגן דעם שכל — חכמים המה להרע [26]. בשעת ספירת העומר, ווען ער האלט אין מיטן דער עבודה, קען ער פארטראגן שכל, עס מוז ניט זיין חכמים המה להרע [27]. דורך הקדמת ספירת העומר ווערט בירור כל הרע, ביז אז ער איז בביטול במציאות, אז זיין גאנצער מציאות איז אלקות, — דאן איז די מצוה בחמץ דוקא, ווארום זיין שכל און טעם ודעת דארפן זיין א כלי צו אלקות.

טו. רז״ל זאגן [28]: בכל דור ודור ובכל יום ויום חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא היום ממצרים, יעדער טאג דארף מען דורכלעבן יציאת מצרים, במילא זיינען די אלע דריי דערמאנטע פרטים פון יציאת מצרים פאראן אויך אין עבודת האדם יעדן טאג.

התחלת עבודת היום איז מודה אני כו׳ הודו להוי׳, בחינת הודאה. ער האט ניט קיין פארשטאנד און האט ניט קיין געפיל, עס איז נאר א הודאה און א כללות׳דיקער אוועק־געבן זיך צו אלקות. דוגמת העבודה פון אנהויב יציאת מצרים — חודש ניסן.

דערנאך איז די עבודה פון פסוקי דזמרה און ברכות קריאת שמע און קריאת שמע, וואס דאס איז די עבודה פון התבוננות (אפילו בפסוק ראשון דק״ש: שמע — הבנה והשגה), און איבערמאכן די מדות ביז מען קומט צו צו די העכסטע מדריגות אין אהבת הוי׳, בכל לבבך, בכל נפשך ביז צו ובכל מאדך. דוגמת העבודה דחודש אייר, דער גאנצער חודש — ספירת העומר.

דאס איז דאך אבער ווי ער איז נאך במציאותו. דערנאך קומט מען צו צו שמונה עשרה, כעבדא קמי׳ מארי׳ [29], ביטול במציאות, אז ער קען גאר ניט רײדן, נאר אד׳ שפתי תפתח, ער איז נאר כעונה אחרי הקורא. דוגמת העבודה דחודש סיון.

טז. לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט ממחרת השבת דוקא און ניט ממחרת הפסח.

בכדי מען זאל קענען מברר זיין אויך דעם נפש הבהמית, דארף מען אויף דעם האבן א כוח עליון ביותר. כמאמר [30], כל הגבוה גבוה ביותר יורד למטה מטה יותר.

און אזוי ווי ביי יציאת מצרים, מצד דעם וואס אידן זיינען געווען משוקע אין מ״ט שערי טומאה, האט געמוזט זיין דער גילוי פון בכבודו ובעצמו, וואס דוקא ער האט זיי גע־קענט ארויסשלעפן פון דארטן, און ווי עס ווערט דערקלערט אין כתבי האריז״ל [31]) אז א מלאך אדער שרף

---

26) ירמי׳ ד, כב.

27) זע זהר חלק ב קפג, ב.

28) פסחים קטז, ב. תניא פרק מז.

29) שבת י, א.

30) נתבאר בארוכה בשערי אורה ד״ה יביאו לבוש פרק יג ואילך. פרק לב ואילך. זע אויבן עמוד 249 און ווייטער.

31) סידור האריז״ל בהגדה, ועוד.

וכו׳ איז ניט נאָר וואָס זיי וואָלטן ניט געקענט קיינעם אַרויסשלעפּן פון דאָרטן, נאָר אדרבה אויך זיי וואָלטן דאָרטן איינגעשלונגען געוואָרן;

וואָס דאָס איז דאָך ניט מער ווי דער אַרויסגיין פון רע, היינט מכל שכן בענין ספירת העומר וואָס מען דאַרף איבערמאַכן דעם נפש הבהמית אַליין, איז אַ ודאי אַז מען דאַרף אויף דעם האָבן אַ כוח עליון ביותר, וואָס ער זאָל זיך קענען אַראָפּלאָזן למטה און פועל זיין אין דעם רע.

דערפאַר זאָגט ער ממחרת השבת: שבת איז די העכסטע מדריגה פון זמן, אָבער דאָס איז אויך בגדר הזמן, בגדר שבעת ימי ההיקף[33]), אין שבעת ימי ההיקף גופא — איז דאָס די העכסטע דרגא. וכמאמר רז״ל[33]) על פסוק ויכל אלקים ביום השביעי, מה הי׳ העולם חסר מנוחה בא שבת בא מנוחה, מנוחה פון שבת איז שייך און אַן ענין אין עולמות. ממחרת השבת אָבער איז העכער פון שבת, אור שלמעלה מהשתלשלות.

און דאָס מיינט וספרתם לכם ממחרת השבת — בכדי עס זאָל זיין דער וספרתם לכם, נעמען די מ״ט ימים, די מדות פון נפש הבהמית, און מברר ומזכך זיין זיי (וספרתם מלשון ספירות ובהירות[34])), מוז מען נעמען פון מחרת השבת, למעלה מהשתלשלות.

(מלוקט מד״ה וספרתם תשי״א, להבין ענין מתן תורה, תשי״ג)

יז. דער דין ביי ספירת העומר איז, אַז אויב מען פאַרפעלט ח״ו איין טאָג צו ציילן, ציילט מען די איבעריקע טעג אָן אַ ברכה[35]).

דער טעם אויף דעם[36]): עס איז דאָ אַ דעה אַז די ניין און פערציק ימי הספירה זיינען באַזונדערע מצוות, ובמילא, אפילו אויב מען פאַרפעלט אַ טאָג, האָט עס ניט צו טאָן מיט די איבעריקע טעג, וואָרום יעדער טאָג איז דאָך אַ באַזונדער מצוה.

נאָך אַ דעה איז, אַז ימי ספירה זיינען איין מצוה — צו ציילן ניין און פערציק טעג, תמימות. ובמילא, אויב מען פאַרפעלט אפילו איין טאָג, פעלט שוין אין תמימות, און מען קען שוין די מצוה מער ניט מקיים זיין. ולהלכה פירט מען זיך אַז מען ציילט די איבעריקע טעג אָבער אָן אַ ברכה.

איז ניט פאַרשטאַנדיק: אויב מען נעמט אָן אַז אַלע ניין און פערציק טעג זיינען איין מצוה, היינט ווי אַזוי מאַכט מען אַ ברכה אויף יעדער מאָל ציילן, ניין און פערציק ברכות, מען האָט דאָך געדאַרפט מאַכן ניט מער ווי איין ברכה, בתחילה אָדער בסוף?

אויך איז ניט פאַרשטאַנדיק: נאָך דער דעה, ווען מען פאַרפעלט איין מאָל ציילן, איז דאָך דאָס נוגע ניט נאָר צו די שפּעטערדיקע טעג נאָר אויך צו די פריערדיקע, עס איז דאָך איין מצוה, האָט געדאַרפט זיין דער דין אַז ביז צום לעצטן טאָג זאָל מען ניט קענען מאַכן קיין ברכה, מצד דעם חשש טאָמער וועט ער

32) שאלות ותשובות הרשב״א חלק א סימן ט. וראה ד״ה ויהי ביום השמיני תשי״ד.

33) בראשית רבה ספ״י (בשינוי לשון).

34) לקוטי תורה ויקרא לה, ב.

35) שולחן ערוך אורח חיים סימן תפט ס״ח.

36) בנושאי כלי השולחן ערוך שם. בשו״ע אדמו״ר הזקן סי׳ תפט סעיף כב־כד.

פאַרגעסן צו ציילן, וועלן די פריער־דיקע ברכות זיין לבטלה 37).

קען מען זאָגן: באמת זיינען דאָס טאָקע ניין און פערציק באַזונדערע מצוות. יעדע נאַכט איז אַ באַזונדער מצוה. די מצוה איז אָבער, אַז די ערשטע נאַכט זאָל מען ציילן די ערשטע ספירה, די צווייטע נאַכט די צווייטע ספירה, די דריטע נאַכט די דריטע, א. א. וו. במילא, אויב מען פאַרפעלט איין מאָל צו ציילן, קען מען שוין ניט ציילן ווייטער. ולדוגמא: אויב מען פאַרפעלט די צווייטע נאַכט, קען מען ניט זאָגן שפּעטער היום שלשה ימים, ארבעה ימים וכו׳, — עס קען דאָך ניט זיין קיין דריטע און פערטע אָן אַ צווייטע, ובמילא קומט אויס, אַז פאַרפעלן איין מאָל ציילן, איז אַ חסרון נאָר אין די ווייטער־דיקע טעג אָבער ניט אין די פריער־דיקע, וויבאַלד יעדער טאָג איז אַ באַזונדער מצוה.

יח. עס איז דאָ אַ חקירה בענין ספירה, צי דער עצם ענין ספירה, ציילן, איז אַ מציאות, און די תורה זאָגט אַז די מציאות בענין העומר שמיטה ויובל וכו׳ זאָל זיין אַ מצוה; אָדער אַז מצד עצמה, אָן דער מצוה, איז עס גאָר קיין מציאות ניט. וואָרום מספר לעצמו איז קיין מציאות ניט, נאָר מצד המצוה, איז מצותי׳ אחשבי׳, ווערט עס אַ מציאות.

די נפקא מינה פון דער חקירה לדינא איז: אַן עבד שנשתחרר באמצע ימי הספירה, ובעת ער איז געווען אַן עבד האָט ער געציילט ספירה, צי קען ער איצטער ציילן מיט אַ ברכה: אויב מען וועט זאָגן אַז דער עצם ענין פון ספירה איז אַ מציאות, איז וויבאַלד ער האָט אויך פריער געציילט, קען ער שפּעטער ציילן מיט אַ ברכה. אויב אָבער מען וועט זאָגן אַז די גאַנצע מציאות הספירה איז נאָר מצד המצוה, איז וויבאַלד אַז פריער איז עס ביי אים קיין מצוה ניט געוועזן, איז דאָך די מציאות ניט געוועזן, פונקט ווי ער וואָלט ניט געציילט, במילא קען ער איצטער קיין ברכה ניט מאַכן.

— גר שנתגייר באמצע ימי הספי־רה — איז קיין שאלה ניט, ווייל ער ווערט דאָך אַ נייער מענטש, כקטן שנולד. —

די שאלה קלערט אויך דער מנחת חינוך 38), ער קלערט דאָס אָבער ניט מצד וואָס עס פעלט במציאות הספירה, נאָר לויט דער סברא אַז די גאַנצע ניין און פערציק טעג זיינען איין מצוה. ובמילא איז זיין שאלה ניט נאָר בעבד שנשתחרר נאָר אויך בקטן שנתגדל באמצע ימי הספירה. ווי־באַלד אַז זיין שאלה איז מצד דעם וואָס אַלע טעג זיינען איין מצוה, איז די שאלה שייך אויך ביי קטן שנתגדל, כאָטש אַז ביי אַ קטן איז אויך פריער פאַראַן אַ מצוה מצד החינוך, וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז נאָר מדרבנן, קען מען זאָגן, אַז מצוה דרבנן העלפט ניט להשלים מצוה דאורייתא.

אָבער לויט ווי עס איז דערקלערט געוואָרן, אַז יעדער טאָג איז אַ באַ־זונדער מצוה, און דער טעם איז נאָר

37) ראה בח״י שם סק״ו, ובפרי מגדים שם משבצות סעיף קטן א.

38) מצוה שו.

וואָס עס קען ניט זיין קיין דריטער טאָג אָן אַ צווייטן וכו׳, במילא איז דאָך דאָס וואָס מען דאַרף אָנקומען צו די פריערדיקע טעג איז דאָס ניט צו דער מצוה שבהם, נאָר צו דער מציאות שבהם, איז דערפאַר די שאלה נאָר לגבי עבד שנשתחרר, וויבאַלד אַז פריער איז כלל קיין מצוה ניט געווען בספירתו, איז ניטאָ די מציאות, אָבער ביי קטן שנתגדל איז עס קיין שאלה ניט, וואָרום אויך אַ מצוה דרבנן, איז מצותי׳ אחשבי׳, מאַכט אַ מציאות.

יט. היוצא מזה: עס איז דאָך אחכה לו — למשיח — בכל יום שיבוא, היינט ביינאַכט, צי מאָרגן אינדערפרי, אין מיטן די ימי הספירה.

— דער צמח צדק האָט אַמאָל גערעדט וועגן ביאת המשיח אין אַזאַ זמן וואָס שטייט אַז ער קען ניט קומען. האָט איינער אַ פרעג געטאָן: היתכן? עס שטייט דאָך אַז אין דער צייט קען ער ניט קומען? האָט אים דער צמח צדק געענטפערט: זאָל ער קומען, און אַז ער וועט קומען וועט מען דאָך פאַרענטפערן אַלע קשיות, וועט מען פאַרענטפערן אויך די קשיא —

איז אַפילו לדעת הפוסקים אַז מצות ספירת העומר בזמן הזה איז נאָר מדרבנן[39], וועט מען דאַן אויך קענען ציילן מיט אַ ברכה, כנ״ל.

39) הובא בשו״ע אדה״ז אורח חיים סימן תפט.

כ. עס שטייט אין דברי רז״ל, און אין רמב״ן איז ער אין דעם מאריך, אַז די מצות וואָס מען איז מקיים איצטער זיינען ציונים צו די מצות דלעתיד, ווי מיר זאָגן, ושם נעשה לפניך כו׳ כמצות רצונך, אַז לעתיד דוקא וועט זיין כמצות רצונך, אָבער די מצות וועלכע מען איז מקיים איצטער זיינען זיי ניט בתכלית השלימות און זיי זיינען בדוגמת הכנה צו די מצוות פון לעתיד[40].

פונדעסטוועגן, דאַרף מען ניט ממעט זיין חס ושלום אין דער טייערקייט פון מצות דעכשיו, וואָרום דוקא דורך זיי קומט מען צו צו די מצות דלעתיד, וידוע[41] אַז הגורם לדבר איז העכער פון דער זאַך וועלכע ער איז גורם.

ובפרט זעט מען דאָס במצות הספירה — וואָס כללות ענין הספירה איז אַן הכנה צו מתן תורה — אַז דוקא דורך דעם וואָס מען ציילט איצטער ספירה, וועט מען קענען ציילן אויך לעתיד מיט אַ ברכה.

וואָס פון דעם זעט מען דאָך די מעלה פון דער עבודה פון איצטער בזמן הגלות, וכמאמר רז״ל[42]: יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא.

(משיחת אחש״פ, תשי״ג)

40) זע המשך וככה תרל״ז פרק יז ואילך.

41) זע דאָרט פרק טו.

42) אבות פרק ד משנה יז.

# פרשת בהר

א. אין אנהויב סדרה שטייט, וידבר הוי׳ אל משה בהר סיני גו׳ ושבתה הארץ שבת להוי׳. זאגט אויף דעם רש״י בשם תורת כהנים: מה ענין שמיטה אצל הר סיני והלא כל המצות נאמרו מסיני, אלא מה שמיטה נאמרו כללותי׳ ודקדוקי׳ מסיני אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני.

דארף מען פארשטיין, פארוואס איז דער לימוד „בהר סיני״ ביי מצות שמיטה דוקא, דער לימוד האט דאך געקענט שטיין ביי אן אנדער מצוה (ביי וועלכער עס ווערן אויסגערעכנט אירע פרטים) און פון יענער מצוה וואלט מען אפגעלערנט אויף אלע מצות שכל דקדוקיהן נאמרו מסיני?

אין פשטות קען מען ענטפערן, ווייל מצות שמיטה שטייט שוין בכללות אין פ׳ משפטים (נאך מתן תורה), ובשביעית תשמטנה ונטשתה, און אין פ׳ בהר חזר׳ט זי זיך איבער בדרך פרט. דאס איז אבער נאך ניט גענוגענד, ווייל עס זיינען דא נאך מצות וועלכע שטייען אין פ׳ משפטים.

און נאך שווערער איז: א מצוה פון וועלכער מען לערנט אפ אויף אלע מצות, האט זי דאך געדארפט זיין א מצוה כללית, פארוואס האט מען אויסגעקליבן מצות שמיטה וואס איז לכאורה א מצוה פרטית און האט כמה וכמה הגבלות: נוהג רק בזמן שהיובל נוהג; און אפילו לויט די דיעות אז עס איז נוהג אויך בזמן הזה, איז דאס אבער לדעת רוב הפוסקים נאר מדרבנן [1]. דאס איז א הגבלה בזמן. ס׳האט אויך א הגבלה במקום: אין ארץ ישראל דוקא און ניט אין חוץ לארץ [2].

מוז מען דערפאר זאגן אז מצות שמיטה איז אין א געוויסן זין א מצוה כללית, ווי מען וועט עס ווייטער דערקלערן.

ב. ווייטער אין פסוק זאגט ער, שש שנים תזרע שדך ושש שנים תזמר כרמך גו׳. אין פלוג, צו וואס דארף מען דאס זאגן, וויבאלד דאס איז דאך ניט קיין ציווי נאר אן ענין פון רשות, איז מהיכי תיתי אז מען טאר עס ניט, וואס מען דארף זאגן שש שנים גו׳?

מוז מען זאגן, אז אויך דער שש שנים תזרע שדך גו׳ גייט אריין אין דעם ענין פון מצות שמיטה. די מצוה איז ניט נאר ובשנה השביעית שבת שבתון, נאר אויך שש שנים תזרע גו׳ איז א טייל פון דער מצוה.

דאס איז אין צוויי אופנים:

א) ס׳איז א הכנה צו מצות שמיטה. בכדי צו קענען דורכפירן דעם ובשנה

---

1) ירושלמי בפרק השולח. הובא ברש״י ובתוספות גיטין לו, א. רמב״ם הלכות שמיטה ויובל פרק י הלכה ט (לפירוש הבית יוסף יורה דעה סימן שלא בתחלתו — וראה כסף משנה שם פרק ט הלכה ב). טור יורה דעה סימן שלא. חינוך מצוה פד.

2) קידושין לו, ב. רמב״ם הלכות שמיטה ויובל פרק ד הלכה כה. טור שם. חינוך שם.

השביעית שבת שבתון איז דאָס דורך דער הכנה פון שש שנים תזרע גו׳.

ב) דאָס איז דער תכלית פון מצות שמיטה. דער תכלית הכוונה פון שב־תון שבשנה השביעית איז בכדי אַז דערנאָך זאָל זיין שש שנים תזרע גו׳.

ג. דער ענין פון שמיטה כפשוטו איז, אַז בשנה השביעית דאַרף זיין שבתון לארץ, שדך לא תזרע וכרמך לא תזמור וגו׳. בשנה השביעית דאַרף זיין שבתון אין די אַלע ענינים פון מלאכות הארץ פון וואָס מען מאַכט לחם וכו׳ שעליו יחי׳ האדם.

וכי תאמרו מה נאכל? אויף דעם ענטפערט די תורה: וצויתי את בר־כתי גו׳ ועשת את התבואה לשלש השנים.

דער תוכן פון דעם ענין פון מצות שמיטה איז: מען מאָנט ביי אַ אידן אַז איין מאָל אין זיבן יאָר זאָל ער זיך געזעגענען פון אַלע ענינים אַר־ציים, ערדישע באַדערפעניש, ער זאָל ניט האָבן צו טאָן מיט מלאכות הארץ וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם לחם שעליו יחי׳ האדם, און ער זאָל זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטן, אַז ער וועט אים געבן זיין פרנסה למעלה מהטבע.

אַ סדר אויף אַלע מאָל איז עס ניט. רוב הזמן — בכמות — דאַרף אַ איד האָבן צו טאָן מיט עניני העולם, צוליב עבודת הבירורים. דאָס איז דאָך דער ענין וואָס התהוות העולם איז געווען דורכן שם אלקים בגימט־ריא הטבע, בכדי דער אדם זאָל זיך עוסק זיין על פי תורה אין די ענינים פון טבע, און דורך דעם מברר ומזכך זיין די עניני הטבע.

אָבער אין געוויסע ציַיטן, מאָנט מען ביים אידן, ער זאָל אַרויס פון וועלט. הגם מען דאַרף איר טאַקע מברר זיין, אָבער בזמן מן הזמנים דאַרף זיין די תנועה, צו שטעלן זיך העכער פון וועלט.

ד. די צוויי ענינים זיינען אָפּ־הענגיק איינער פון צווייטן.

בכדי עס זאָל זיין די תנועה פון שטעלן זיך העכער פון וועלט, ושבתה הארץ שבת להוי׳, הי׳ הוה ויהי׳ כאחד, וואָס העכער פון שם אלקים בגימטריא הטבע, איז דאָס דורך דעם וואָס האָבנדיק צו טאָן מיט עניני העו־לם איז עס על פי תורה.

וואָס דאָס איז דער ערשטער אופן, אַז דער שש שנים תזרע שדך גו׳ — וואָס דער טייטש תזרע שדך גו׳ איז, אַז אין שדה היט ער זיך אויס אין אַלע ענינים לויט דעם שולחן ערוך אַזוי ווי כלאים וכו׳ — איז אַ הכנה צום ובשנה השביעית.

דער צווייטער אופן: בכדי עס זאָל קענען זיין דער בירור פון עניני העולם, איז דאָס דוקא דורך דעם וואָס אַמאָל שטעלט ער זיך אין זיין עבודה העכער אין גאַנצן פון וועלט. וואָס דאַן, אויך קומענדיק אין וועלט, איז ניט נאָר וואָס ער ווערט ניט אַריינגעשלעפּט אין איר, נאָר אדרבה, ער מאַכט פון וועלט גופא אַ כלי צו אלקות.

אַזוי ווי עס שטייט אין קונטרס עץ החיים[3], אַז בכדי צו האַלטן ביי יחודא תתאה ווי מען דאַרף, מוז זיין דער הרגש, בכללות על כל פנים, פון יחודא עילאה.

---

3) פרק ז ואילך.

וואס דאס איז דער צווייטער אופן: דער תזרע שדך גו׳ איז דער תכלית. אָבער אַנדערש קען ניט זיין דער בירור פון וועלט, סיידן עס איז דאָ אויך די תנועה פון אויסטאָן זיך פון וועלט.

ה. אויף דעם זעלבן אופן געפינט מען אויך אין דעם ענין פון שבת מיט ששת ימי החול.

אין די זעקס טעג פון וואָך איז עבודת הבירורים, ששת ימים תעבוד [4]). אָבער שבת איז בורר אסור.

דעריבער שטייט ביי שבת ויכל אלקים, — עס ענדיקן זיך די העלמות פון שם אלקים און עס לייכט דער שם הוי׳ שלמעלה מהטבע [5]).

און די צוויי ענינים פון שבת וחול זיינען, ווי דערקלערט, אָפּהענגיק איינער פון צווייטן.

ו. באמת איז דאָ אַ מעלה אין שמיטה אויף שבת. שבת איז דאָך אסור בעובדין דחול, שטייט דאָך דער מענטש דאַן העכער פון וועלט און האָט מיט איר קיין פאַרבונד ניט. אָבער אין שמיטה מעג ער דאָך טאָן אַנדערע ענינים פון עובדין דחול, ער איז אין וועלט, און פונדעסטוועגן ושבתה הארץ שבת להוי׳; ניט קיין ענין פון עבודת הבירורים שבשם אלקים, נאָר שבת להוי׳ שלמעלה מהעולם, כאָטש אַז ער איז אין וועלט.

אין וועלט גופא איז ער ממשיך דעם שם הוי׳ שלמעלה מהעולם לגמרי.

און דאָס איז על דרך דעם פירוש על־פי תורת הבעל שם טוב: ושבתה הארץ — שביתה וביטול אין ארץ [6]); מען טראָגט אַריין שביתה אין די ענינים אַרציים גופא.

ז. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין רש״י אויפן פסוק שבת להוי׳: „לשם ה׳ כשם שנאמר בשבת בראשית״. אין פלוג, וואָס טוט רש״י דאָ אויף? אָבער לויט דעם וואָס מען האָט פריער גערעדט איז עס פאַרשטאַנדיק: וויבאַלד אַז שמיטה מעג ער טאָן עובדין דחול, מען האָט צוטאָן מיט וועלט, האָט מען דאָך געקענט מיינען, אַז דער איסור החרישה וזריעה אין שמיטה, איז ניט קיין ענין פון הוי׳ שלמעלה מהעולם, נאָר אַן ענין פון עבודת הבירורים, ועל דרך די מצות פון שש שנים תזרע גו׳, וואָס זייער ענין איז בירור אין וועלט גופא, ניט העכער פון וועלט;

באַוואָרנט עס רש״י און זאָגט, אַז דאָס איז אַן ענין פון „לשם הוי׳ כשם שנאמר בשבת בראשית״. עס איז אַן ענין פון שביתת הארץ שממנה תצא לחם, עיקר חיות האדם, איז עס אַ הפשטה פון וועלט כשם ווי ביי שבת בראשית. און דאָס וואָס מען מעג טאָן אַנדערע עובדין דחול, איז דאָס נאָך אַ ווייטערדיקע מעלה, אַז אין עובדין דחול גופא טראָגט מען אַריין דעם אור הוי׳ שלמעלה מהעולמות לגמרי [7]).

ח. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס מצות שמיטה איז אַ מצוה כללית: דאָס איז דער תוכן

---

4) זע אויבן עמוד 189 הערה 8.

5) זע אויבן עמוד 270.

6) זע „תולדות יעקב יוסף״ אָנפאַנג פ׳ בהר.

7) זע אויך אויבן עמוד 108.

פון אַלע מצות. נאָר אין מצות שמיטה איז דאָס בגילוי.

דער אַלטער רבי דערקלערט אין תניא[8] אַז דער עסק אין תורה ומצות און תפלה, איז אַן ענין פון מסירת נפש ממש כמו בצאתה מן הגוף כו׳ שאינה מהרהרת בצרכי הגוף אלא מחשבתה מיוחדת ומלובשת באותיות התורה והתפלה. ד. ה. אַז בשעת עסק התורה ומצות ותפלה דאַרף זיין דער הרגש פונקט ווי ער איז שוין נאָך יציאת הנפש מהגוף, אליך הוי׳ נפשי אשא.

פון דער צווייטער זייט, מאַנט מען ביי אים, אַז יעדער מצוה זאָל ער מקיים זיין כתיקונה, מיט אירע הגבלות אין זמן און מקום און מיט אַלע דקדוקים וואָס אין יעדער מצוה, וואָס דאָס זיינען דאָך הגבלות פון וועלט.

דאָס הייסט אַז דער ענין פון מצות איז: מען דאַרף נעמען די תנועה פון מסירת נפש, אויסגעטאָן פון גוף און גשמיות, און מיט דער תנועה גופא מקיים זיין די מצוה בכל פרטי׳ ודקדוקי׳: המשכת בלי־גבול (אומבאַגרענעצטקייט) בגבול (אין באַגרע־נעצטקייט).

נאָר אין סתם מצות איז דאָס פאַרבאָרגן, דאָס הערט זיך נאָר אַן אין דעם אופן קיום המצות. אָבער ביי שמיטה איז דאָס בגלוי און עס הערט זיך אַן אין דער מצוה אַליין.

ט. פון וואַנען נעמט מען דעם כח אויף דעם? — פון הר סיני.

רז״ל דערציילן[9] אַז בשעת מתן תורה, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע בערג, און יעדער באַרג האָט גע־טענה׳ט אַז מען זאָל געבן די תורה אויף אים. הר תבור האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט אַ מעלה אין זיך, ווילע ער איז דער העכסטער באַרג. הר כרמל האָט גע׳טענה׳ט אַז ער האָט געהאָלפן צו קריעת ים סוף. האָט זיי דער אויבערשטער געענטפערט, למה תרצדון, פאַרוואָס ווילט איר זיך משפט׳ן — תרצדון מלשון תרצו דין — הרים גבנונים, דערמיט וואָס איר זייט גרויס ביי זיך זייט איר בעלי מומים — גבנונים מלשון גבן או דק — ההר חמד אלקים לשבתו, איז דאָס הר סיני, דמכיך מכל טוריא, נידעריקער פון אַלע בערג.

ולכאורה איז ניט מובן, ממה נפשך, אויב די מעלה איז אין שפלות (ני־דעריקייט) האָט מען געדאַרפט געבן די תורה אין אַ טאָל, אדער על כל פנים אויף אַ גלייכן אָרט און ניט אויף אַ באַרג; אויב די מעלה איז אין הגבהה (הויכקייט), האָט מען געדאַרפט געבן אויף בערג וואָס זיינען העכער פון סיני?

נאָר דער ענין איז, אַז די כוונה פון מתן תורה איז פאַראייניקן די צוויי קעגנזאַצן, עס זאָל זיין גשמיות און מאַכן פון גשמיות גופא אלקות. און דאָס איז מרומז אין הר סיני, דמכיך מכל טוריא, שפלות און הגבהה צוזאַמען.

און פון דעם ענין „בהר סיני״ איז געגעבן געוואָרן אידן דער כוח אויף מצות שמיטה וואָס זי איז כללות כל המצות, אויף מאַכן פון גשמיות גופא אלקות און דורכפירן די כוונה פון דירה לו יתברך בתחתונים.

---

8) פרק מא.

9) מדרש תהלים סח, יז (הוצאת בובר). וראה גם כן מגילה כט, א.

י. דערמיט ווערט מען אויך פאַרשטיין וואָס אומעטום שטייט דער לשון „מסיני": משה קבל תורה מסיני, הלכה למשה מסיני, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש נאמר למשה מסיני, ועוד. אין פלוג — וואָס איז נוגע דער ענין פון סיני, דער עיקר איז דאָך אַז געזאָגט האָט עס דער אויבערשטער, וואָס ער יתברך איז דאָך דאָ אומעטום, לית אתר פנוי מיני', וואָס איז דער דיוק מסיני דוקא?

אָבער לויט דעם אויבן געזאָגטן וועט מען עס פאַרשטיין: דער תכלית פון תורה איז צו פאַרבינדן צוויי הפכים, הר און מכיך, מאַכן פון תחתונים אַ דירה לו יתברך.

וואָס דאָס איז דער אויפטו פון מתן תורה ניט נאָר אויף דעם וואָס די אָבות האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה איידער זי איז געגעבן געוואָרן, וואָס דאָס איז דאָך אַן ענין פון אינו מצווה ועושה, נאָר אויך אויף די שבע מצות בני נח און אַפילו אויף די מצות שנצטוו במרה. אַזוי ווי עס שטייט אין מדרש רבה [10], אַז פאַר מתן תורה איז געווען אַ גזירה אַז שמים מיט ארץ זאָלן ניט האָבן קיין חיבור, השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, ובמתן תורה ביטל הגזירה. איז וויבאַלד אַז דער גאַנצער ענין פון מתן תורה איז חיבור שמים וארץ, דערפאַר איז מתן תורה געווען בהר סיני, — די פאַרבינדונג פון צוויי הפכים.

דערפאַר ווערט כסדר באַטאָנט אַז תורה איז געגעבן געוואָרן מסיני. ווען איינער וועט טענה'ן, ווי אַזוי קען איך פאַרבינדן צוויי הפכים, וועט מען אים זאָגן: פון סיני האָסטו אויף דעם אַ כוח. מה דאָך אין אַ דומם, דער נידעריקסטער פון אַלע סוגים, האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן דעם ענין פון פאַראייניקן הפכים, היינט מכל שכן אַ מענטש, אַ מדבר, דער העכסטער פון אַלע סוגים, האָט אַוודאי אַ כוח צו מייחד זיין צוויי הפכים, און דורכפירן די כוונה פון דירה לו יתברך בתחתונים, אַז די תחתונים גופא זאָלן זיין אַ דירה לו יתברך.

יא. די פאַראייניקונג פון הפכים וואָס אין הר סיני כפשוטו איז דאָך אין דעם ענין פון התנשאות און ביטול. אַזוי ווי אין תורה איז דאָך יעדער ענין בדיוק, איז אויסער דעם אַלגעמיינעם רמז, יחוד מעלה ומטה, איז אין דעם מרומז אויך דער ענין פון פאַראייניקן די הפכים אין דעם ענין פון התנשאות און ביטול, ווי עס דאַרף זיין אין דעם מענטש וואָס לערנט תורה און איז מקיים מצות.

און אין דעם זיינען פאַראַן עטלעכע אָנווייזונגען:

**יב. א) צו קבלת התורה פאָדערן זיך צוויי תנאים:**

(א) תוקף והגבהה, ניט שעמען זיך פאַר די אָפּשפּעטערס. לא להתבייש מפני בני אדם המלעיגים, איז דער אָנהויב פון גאַנץ שולחן ערוך, ניט נתפעל ווערן פון קיינעם אין דער וועלט און האָבן אין זיך די ריכטיקע שטאַרקייט אויף לערנען תורה און מקיים זיין מצות. **(ב) ביטול וענוה, וואָרום אויף גאוה שטייט דאָך,**

---

10) שמות רבה פרשה יב, ג.

אין אני והוא יכולים לדור[11]). א כלי צו תורה ומצות — איז ביטול דוקא. ונפשי כעפר לכל תהי׳ (דער־מאַלט קומט) פתח לבי בתורתך וב־מצותיך כו׳.

און די צוויי ענינים, תוקף והגבהה און ביטול וענוה, זיינען ניט קיין סתירה איינער צום אַנדערן. ווארום דער תוקף וואס ער האט איז ניט מצד זיינע ישות, ד. ה. מצד זיין אייגענער מציאות. ער ווייסט גוט זיין מעמד ומצב, אַז יעדער איינער איז בעסער פון אים, — מכיך מכל טו־ריא, — און פונדעסטוועגן האט ער תוקף אין תורה ומצות, מצד דעם וואס ער גייט טאָן דעם אויבערשטנס רצון, און ער איז אויף אַזויפיל אי־בערגעגעבן און אַריינגעטאַן אויף צו מקיים זיין דעם אויבערשטנס רצון, אַז ער קריגט אין דעם דעם גרעסטן תוקף און עס פאַלן אָפּ אַלע מניעות ועכובים.

ער שטייט אין אַ ביטול בתכלית, און פונדעסטוועגן שטייט ער אין הג־בהה ותוקף מקבל צו זיין די תורה און איר מקיים זיין במסירת נפש.

יג. ב) נאָך טיפער — פון דעם וואס די אַנדערע בערג זיינען גע־קומען צום אויבערשטן טענה׳ן מען זאָל געבן די תורה אויף זיי מצד דעם וואס זיי זיינען הויכע בערג, איז פאַרשטאַנדיק אַז דער ענין פון הר איז אַ מעלה.

אויב הר וואָלט געמיינט ניט מער ווי סתם אויפגעבלאָזנקייט, וואָלט דאָך מלכתחילה ניט געווען קיין סברא ביי די הרים אַז דאָס זאָל זיין אַ טעם אויף געבן די תורה אויף זיי, אדר־בה, לא תמצא בגסי הרוח[12]), מוז מען דאָך זאָגן אַז דאָס איז אַזאַ הגבהה וואס איז אַ מעלה.

אַזוי שטייט אויך אין חסידות אַז דער ענין פון הר איז אויסלייטערונג און דערהויבונג פון דומם, צומח שב־דומם[13]). און פונדעסטוועגן זאָל מען דאַן גופא שטיין בתכלית הביטול וה־שפלות.

די זעלבע זאַך איז אויך אין רוח־ניות. עס איז דאָך אין עני אלא בדעת ואין עשיר אלא בדעת[14]), איז דער ביטול פון ונפשי כעפר לכל תהי׳ וואס עס מאָנט זיך אַלס אַ הכנה צום פתח לבי בתורתך ובמצותיך כו׳ — מאָנט מען עס אַפילו ביי אַן עשיר בדעת, אַז ווִיסנדיק אַז ער איז אַן אמת׳ער עשיר — זאָל ער באותה שעה זיין באמת, כעפר לכל.

אַזוי ווי עס איז באַוואוסט דער פירוש אין דעם ענין: והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה[15]), אַז הגם משה רבינו האָט געוואוסט זיינע מעלות, אַז די תורה איז געגעבן געוואָרן דורך אים, פונ־דעסטוועגן האָט ער זיך געהאַלטן קלענער מכל האדם אשר על פני האדמה, אַפילו פון דעם דור פון עקבתא דמשיחא, ווייל ער האָט גע־האַלטן אַז די מעלות זיינע האָבן זיך אָנגעהויבן דערפון וואס דער אויבער־שטער האָט אים געגעבן, און אויב אַן אַנדער אידן וואָלט מען געגעבן

11) סוטה ה, א.

12) עירובין נה, א.

13) זע אויך ספר המאמרים תש״ד ע׳ 214.

14) נדרים מא, א.

15) במדבר יב, ג.

אזעלכע מעלות, וואלט יענער אויפ־געטאן מער פון אים.

מצד דעם ביטול פון משה׳ן, וואס ער איז ביי זיך ניט געווען בהת־נשאות, אפילו צוליב די מעלות וועל־כע ער האט פארמאגט, איז ער געווען א כלי צו תורה און די תורה איז דורך אים געגעבן געווארן.

יד. לויט דעם וועט מען אויך פאר־שטיין דעם דיוק הלשון משה קבל תורה מסיני. ווארום אין פלוג, וואס איז נוגע ווער עס האט די תורה מקבל געווען, דער עיקר איז דאך אז די תורה קומט פון אויבערשטן?

אבער ווי מ׳האט גערעדט פריער איז עס פארשטאנדיק, די אנווייזונג פון דעם וואס משה קיבל איז אזוי ווי די הדגשה וואס תורה קומט מסיני. יעדער איד וואס גייט צו צו תורה, דארף אין זיך מגלה זיין [16] די תכונות פון משה׳ן, אין בידע ענינים:

א) תוקף און ביטול צוזאמען, ווי עס שטייט אויף משה׳ן, ויהי בישורון מלך [17], און צוזאמען דערמיט — ענו מאד מכל האדם. ב) ענוה — אויך וויסנדיק די אייגענע מעלות.

טו. דאס איז אויך דער ענין וואס אין די וואכן צווישן פסח און שבו־עות, נאך דעם בהוציאך את העם ממצרים און פאר דעם תעבדון את האלקים על ההר הזה, לערנט מען פרקי אבות, אלס א הכנה צו מתן תורה. (ווארום איז מסכת אבות רעדט זיך וועגן מדות ודרך ארץ, און דרך ארץ קדמה לתורה [18])). איז די הת־חלה פון מסכת אבות — משה קבל תורה מסיני, ד. ה. אז די התחלת ההכנה צו קבלת התורה איז, אז יעדער איד זאל שטיין אין די תכו־נות פון משה און סיני. וואס דאס איז די ערשטע הכנה צו קבלת התורה בשמחה ובפנימיות.

(מלוקט משיחות ש״פ בהר תשח״י.
שבת מברכים חודש אייר תשט״ז)

טז. לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין, וואס רב יוסף האט גע־זאגט [19]): לא תיתני ענוה דאיכא אנא. וואס אין פלוג איז דאך דאס גופא וואס ער האלט זיך פאר אן עניו דער היפך פון ענוה?

פאראן וואס דערקלערן, אז ר׳ יוסף, לפי דעתו, האט אים ניט געקומט קיין כבוד, און ווען ער האט געזען אז מען גיט אים אפ כבוד, האט ער געזאגט לא תיתני ענוה דאיכא אנא, וואס אים קומט ניט קיין כבוד (לדעתו), און פונדעסטוועגן גיט מען אים אפ כבוד רב, איז דאך עס א באווייז אויף דער ענוה פון די אנשי הדור.

רש״י באווארנט אבער אז ניט אזוי איז דער פשט, וזה לשונו: דאיכא אנא — שאני ענוותן. פון דעם איז פארשטאנדיק אז דאס וואס ר׳ יוסף וויס אז ער איז אן עניו איז ניט קיין סתירה צו מדת הענוה.

דאס איז אין איינקלאנג מיט דעם וואס איז אויבן דערקלערט געווארן, אז דער אמיתית ענין פון ענוה איז,

---

16) זע תניא פרק מב ריש פרק מד.
17) זע לקוטי תורה דברים מה, א.

18) ויקרא רבה פ״ט, ג. שם פל״ה, ו. (בשינוי לשון).
19) סוטה מט, ב.

אַז ער קען וויסן פון זיינע מעלות, אויך די מעלה וואָס ער איז אַן עניו, און פונדעסטוועגן איז ער בביטול גמור, ווייל ביי אים איז אָפּגעלייגט אַז אַלע זיינע מעלות, איינשליסנדיק די מעלה פון ענוה, זיינען ניט זיינע, נאָר וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן וכו׳, און ווי אויבן דער־קלערט איןביידע אופנים.

מען קען אויך זאָגן אַז דאָס איז אַ טעם פאַרוואָס רב יוסף הייסט בשם סיני — ווייל דער ביטול פון רב יוסף׳ן איז געווען בבחינת סיני, אַז כאָטש ער האָט די מעלה פון הר, פונדעסטוועגן איז ער בביטול.

יז. מיט דעם וועט מען אויך פאַר־שטיין, וואָס די גמרא זאָגט [20]), אמר רב יוסף לעולם ילמד אדם מדעת קונו שהרי הקב״ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני.

אין פלוג איז שווער: א) דאָס איז דאָך ניט קיין עצה טובה, נאָר אַ מוז און אַ פאַרהיטונג פון אַן איסור גמור. ב) וואָס דאַרף מען ברענגען אַ ראי׳ פון דעת קונו כו׳, עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק [21]), תועבת הוי׳ כל גבה לב?

לויטן אויבנגעזאָגטן וועט מען עס פאַרשטיין בפשיטות: דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַן ענין פון התנשאות און ישות פון קליפה, דאָס דאַרף מען ניט אָפּלערנען פון הר סיני. דאָ רעדט זיך וועגן אַ התנשאות פון קדושה, און פונדעסטוועגן, בשעת עס קומט צו מתן תורה, זאָגט מען אַז די כלי צו תורה איז ביטול דוקא.

(משיחת ש״פ במדבר, תשח״י)

יח. אין דעם ענין פון הר סיני איז דאָ נאָך אַ הוראה: אַ איד דאַרף מקיים זיין אַ מצוה ניט צוליב פניות — ניט צוליב גשמיות׳דיקן שכר ווי עס שטייט: אם בחקתי תלכו ונתתי גשמיכם בעתם וגו׳, ניט צוליב רוח־ניות׳דיקן שכר פון גן עדן והדומה, ניט אַפילו צוליב זיכוך הנפש, מצד די סגולות וואָס זיינען דאָ אין יע־דער מצוה אויסצולייטערן די נשמה — נאָר מען דאַרף מקיים זיין מצות ווייל אַזוי איז דער רצון העליון; און ווי דער אויסדרוק: „אילו נצטוינו לחטוב עצים״, אַז אַפילו אויב מען וואָלט אונז הייסן האַקן האָלץ, אַן ענין אין וועלכן עס איז ניטאָ קיין קבלת שכר און קיינע סגולות, וואָלט מען עס אויך מקיים געווען מיט אַ חיות.

מקיים זיין אַ מצוה צוליב סגולות און קבלת שכר איז דאָס — באמת גערעדט — אַ סדר פון אַ חיצון. אַ חיצון איז ניט איבערגעגעבן צום ענין אַליין. טוענדיק איין זאַך טראַכט ער בשעת מעשה וועגן אַ צווייטער זאַך. אַ פנימי איז (ווי דער מאמר [22]) פון כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע) דער וואָס טוענדיק אַן ענין איז ער אינ־גאַנצן אין דעם ענין, ניט טראַכטנדיק און ניט איבערלאָזנדיק בשעת מעשה אַן אָרט פאַר עפּעס אַנדערש.

און דאָס איז די הוראה פון געבן די תורה אויפן הר סיני דוקא. ווי גערעדט פריער, האָבן די אַנדערע בערג געהאַט אין זיך אמת׳ע מעלות, וויבאַלד אָבער אַז תורה מאָנט פני־מיות, איז זייער קומען צום אוי־בערשטן ווייזן זייערע מעלות און טע־נה׳ן אַז מצד דעם זאָל מען געבן

20) סוטה ה, א.
21) משלי טז, ה.
22) תורת שלום שיחת יט כסלו תרס״ה.

אויף זיי די תורה, איז ניט נאָר וואָס דאָס איז ניט קיין טעם אויף צו געבן אויף זיי תורה, נאָר אדרבה, עס איז אַ טעם אויף פאַרקערט, ווייל תורה גיט מען נאָר אין אַן אָרט וואו עס מישן זיך ניט אַריין קיין זייטיקע ענינים; תורה — צו־ליב תורה אַליין.

און דערפאַר האָט מען געגעבן די תורה אויף הר סיני דוקא. הגם אויך הר סיני האָט אין זיך די מעלה פון הר, — עליית הדומם, — ווי־באַלד אָבער די מעלה איז אין אים ניט קענטיק, דמכיך, אין אים הערן זיך ניט אָן קיין זייטיקע ענינים, איז ער אַ כלי צו תורה.

יט. דערמיט ווערט מען אויך פאַר־שטיין וואָס עס שטייט אין מדרש [23] אַז הר הכרמל איז געקומען פון אספמיא, הר תבור פון אלים, און הר סיני פון הר המורי'. דערפון פאַרשטייט מען אַז די מעלה פון הר סיני איז פאַרבונדן מיטן ענין פון הר המורי'.

הר המורי' איז זיין מעלה — עקידת יצחק, מסירת נפש צוליב מקיים זיין דעם אויבערשטנס רצון, אָן קיינע זייטיקע זאַכן. מצד חש־בונות ושכל איז דאָ אַ חקירה און אַ שקלא וטריא דעריך, וואָרום דעם ענין העקידה האָט ער געהערט מפי נביא, אברהם אבינו, און שופך דם האדם גו' ואך את דמכם לנפשותיכם גו' [24]) איז געוועזן אַ ציווי מקובל מפי הקב"ה אויף וועלכן עס זיינען נצטווה געוואָרן אַפילו בני נח. נאָר וויסנ־דיק אַז אַזוי איז דעם אויבערשטנס רצון, איז ער ניט אַריין אין קיין חשבונות. ער איז געוועזן איבערגעגעבן לגמרי צום רצון העליון אין אַ פּני־מיות ובמסירת נפש. אָט דאָס איז אַ כלי צו תורה.

(משיחת ב' דחה"ש, תשט"ו)

# פרשת בחקותי

## ול"ג בעומר

א. דער אָנהויב פון דער סדרה איז, אם בחקותי תלכו. זאָגט די גמרא [1]), אין אם אלא לשון תחנונים. ד. ה. אַז דער טייטש פון אם דאָ איז ניט אַ תנאי „אויב", ווי אין אַ סך ערטער און אויך אין דער פרשה גופא, ואם לא תשמעו לי, ואם בחקו־תי גו', נאָר — תחנונים, דער אויי־בערשטער כביכול בעט זיך ביי אידן אַז: בחקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה [2]).

און די בקשה און דער ציווי גיט אויך אַ כוח און איז אויך אַן הבטחה, צו יעדער אידן, אַז בחקותי תלכו, ווי עס שטייט [3]), לבלתי ידח ממנו נדח.

ב. די צוויי ענינים — ציווי און הבטחה — געפינען מיר אויך אין

---

23) מדרש תהלים שם.

1) עבודה זרה ה, א. זע אויך תורת כהנים אויף דער פרשה.

24) בבא קמא צא, ב.

2) פירש"י על התורה מתורת כהגים.

3) שמואל ב יד, יד.

דער מצוה פון אהבת ה'. אויפן פסוק ואהבת את ה' אלקיך, טייטשט דער אַלטער רבי 4) צוויי פירושים: א) דו זאָלסט ליב האָבן. ב) דו וועסט ליב האָבן. און אויך דאַרפן זיינען ביידע פירושים פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן. וואָרום דער ציווי מלמעלה איז אויך אַ נתינת כוח און הבטחה, אַזוי ווי אויבן דערקלערט.

אהבה איז אַ שרש אויף אַלע רמ"ח מצות עשה, אַריינגערעכנט אויך די מצוה פון יראת ה', וועלכע איז אַ שרש אויף אַלע שס"ה מצות לא תעשה 5). קומט דאָך אויס אַז אהבת ה' איז אַ שורש אויף אַלע תרי"ג מצות.

איז פונקט ווי אויף אהבה איז דאָ אַ ציווי און הבטחה, אַזוי אויך אויף אַלע תרי"ג מצות — וועלכע ווערן נכלל אין פסוק, אם (לשון תחנונים און אויך הבטחה) בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אתם.

ג. נאָך אַ טייטש איז דאָ 6) אויף בחקותי — אַז דאָס גייט אויף מצות. אין מצות זיינען דאָ דריי סוגים: משפטים, עדות און חוקים. משפטים זיינען די מצות וועלכע דער שכל וואָלט אַליין מחייב געווען, אַפילו אויב די תורה וואָלט עס ניט געהייסן; עדות זיינען די מצות וועלכע שכל אַליין וואָלט טאַקע ניט מחייב געווען, אָבער נאָכדעם ווי תורה האָט זיי געהייסן, האָבן זיי אַן אָרט אין שכל; חוקים זיינען די מצות וועלכע האָבן קיין אָרט ניט אין שכל, ווי מצות שעטנז, פרה אדומה, א. ד. גל.

דאָס וואָס דער פסוק זאָגט בחוקותי, כאָטש ער מיינט דאָך אַלע מצות, ווייל ער איז מרמז, אַז אויך עדות און משפטים, הגם זיי האָבן אַן אָרט אין שכל, דאַרף מען זיי אָבער מקיים זיין מצד קבלת עול, פונקט ווי דער קיום פון חוקים — חוקה חקקתי גזירה גזרתי.

און כאָטש דער קיום המצות איז ניט מצד השכל נאָר מצד קבלת עול, פונדעסטוועגן איז אין דעם דאָ אַ תענוג, און אדרבה, דער תענוג איז נאָך אַ גרעסערער, ווי עס איז באַוואוסט 7) וועגן דעם ענין פון עבודת עבד נאמן און עבד פשוט, אַז דער תענוג פון עבד איז דאָס דער תענוג האדון.

וואָס דאָס איז מרומז אין דעם וואָרט „תלכו", אַז כאָטש עס איז „בחוקותי", קבלת עול, פונדעסטוועגן איז — „תלכו". וואָס דער אמת'ער ענין פון גיין איז דאָך בלי גבול 8), קען עס ניט קומען מצד פנימיות'דיקע און באַגרענעצטע כוחות, נאָר מצד כוח מקיף, תענוג, חיות.

און דער וואָרט „אם", די תחנונים און הבטחה פון דעם אויבערשטן, גייט ניט נאָר אויף דעם גוף פון קיום המצות נאָר אויך אויפן אופן פון קיום המצות: „בחוקותי תלכו", אַז יעדער איד איז מובטח אַז ער וועט מקיים זיין מצות מיטן חיות פון קבלת עול.

ד. דער שכר אויף דעם איז, „ונתתי גשמיכם בעתם" וגו' — גשם ברוחניות, וואָס דאָס איז דער יערוף כמטר לקחי און נאָך העכער, דער אור

4) תורה אור פו, ג.

5) תניא פרק ד. וראה גם כן פירוש על הרמב"ם הלכות יסודי התורה ריש פרק ב.

6) זע ת"א ות"י. אוה"ת פ' כה. ועוד.

7) ד"ה אחרי ה"א תרס"ו. ד"ה וילך תש"ד.

8) זע לקו"ת אָנפאַנג בחקותי.

תורה, און נאך העכער, די תורה וואס משיח וועט לערנען, וואס די תורה פון איצטער איז הבל לגבי תורתו של משיח[9].

און דורך דעם אויך: גשמיכם בעתם, בגשמיות כפשוטו.

און די גשמיות וועט זיין אין אזא אופן, אז ניט נאר וואס זי וועט ניט אפהאלטן פון עבודת הוי', נאר אדרבה, זי וועט נאך צוהעלפן, ווי עס שטייט[10], עד דלא אכילנא בישרא דתורא כו' (אז ביז ער עסט ניט קיין פלייש איז ביי אים זיין געדאנק ניט גענוג לויטער), אז מיט די גשמיות וועט מען דינען דעם אויבערשטן מתוך מנוחת הנפש והרחבת הדעת.

ה. אין לקוטי תורה פון היינטיקער סדרה[11]) ווערט דערקלערט, אז אלע ענינים פון תוכחה זיינען באמת ברכות (לדוגמא: ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד, איז דער פשט אז אלע עשר כחות הנפש וועלן זיין אויסגעקאכט אין „אחד") — נאר אזוי ווי זיי זיינען גאר הויכע ברכות, קענען זיי ניט אראפקומען בגילוי, דערפאר זיינען זיי געזאגט געווארן אין אזא אופן.

דער צמח צדק ברענגט דארט אין א הגה"ה, אז דאס איז אויך דער פשט אין דער דערציילונג פון גמרא[12]), אז רבי שמעון בן יוחאי האט געשיקט זיין זון צו רבי יונתן בן עמסיי און רבי יודא בן גרים זיי זאלן אים בענטשן. ווען ער איז געקומען צו ר' שמעונ'ען, איבערגעגעבן וואס זיי האבן אים געזאגט, און באקלאגט זיך אז אין פלוג זיינען דאס ענינים וואס זיינען היפך פון ברכות, האט אים ר' שמעון געזאגט אז באמת זיינען דאס אלץ ברכות, און האט אים די אלע ברכות דערקלערט.

איז אין פלוג, פארוואס טאקע האבן זיי אים געבענטשט מיט אזא לשון וואס מען קען אויסטייטשן אנדערש? זאגט אויף דעם דער מהרש"א אז דאס איז געווען לחדודי. דער צמח צדק זאגט, אז יותר נראה כפשוטו, ווייל דאס זיינען געווען גאר הויכע ברכות האט עס געמוזט אראפקומען אין אזא אופן.

ו. אין פלוג, וויבאלד אז דאס זיינען הויכע ברכות וועלכע מוזן קומען פארשטעלט, ווי אזוי האט זיי ר' שמעון בן יוחאי געקענט אויסטייטשן בגילוי?

וועט מען עס פארשטיין לויט ווי עס ווערט דערקלערט אין תניא[13]), אז יסורים זיינען „טוב פון עלמא דאתכסיא, בחינת י־ה, דערפאר קומט עס איצטער אראפ „בבחינת צל ולא אורה וטובה נראית", און דורך דעם וואס מען איז מקבל די יסורים בשמחה, איז מען זוכה צום „כצאת השמש בגבורתו"[14]), וואס וועט זיין לעתיד, וואס דאן וועט עס אראפקומען בטוב הנראה והנגלה.

די נשמות וואס ענינם איז צו מגלה זיין פנימיות התורה, איז ביי זיי אויך איצטער מאיר דער גילוי פון לעתיד[15]). דערפאר איז רשב"י

9) קהלת רבה פרשה יא.
10) ב"ק עב, א.
11) ד"ה בשברי לכם מטה לחם.
12) מועד קטן ט, א.
13) פרק כו.
14) שופטים ה, לא. שבת פח, ב. יומא כג, א. גיטין לו, ב.
15) זע ווייטער עמוד 287 און ווייטער.

וואָס זיין ענין איז געווען צו אַנט־פלעקן פנימיות התורה, האָט ער גע־קענט אויסטייטשן די ברכות בגילוי, ווילע ביי אים האָט שוין מאיר גע־ווען דער כצאת השמש בגבורתו, האָט ער אויך איצטער שוין געזען אין דעם די ברכות.

דעריבער קומט די אויסטייטשונג פון דער תוכחה ווי ברכות — אין חסידות דוקא, וואָס ברענגט פנימיות התורה בגילוי.

ז. וויבאַלד אַז דער אויסטייטש פון די ברכות איז פאַרבונדן מיט פני־מיות התורה, איז אַזוי ווי פנימיות התורה האָט דאָך רשב״י מגלה גע־ווען צו אַלעמען, אַזוי אויך די ברכות, האָט ער אויסגעטייטשט אויך צו זיין זון, וואָס איז דאַן נאָך ניט געווען אויף אַזאַ הויכע מדריגה.

— וואָס דערפאַר זאָגט די גמרא אמר לי׳ לברי׳ און רופט אים ניט ביי זיין נאָמען[16]. אַ וויטערדיקע הוכחה איז פון דעם וואָס ער האָט אים געשיקט מקבל זיין אַ ברכה פון ר׳ יונתן בן עמסיי און ר׳ יהודא בן גרים —

און פונדעסטוועגן האָט ער אויך אים מגלה געווען די ברכות.

ח. אין דריי ערטער אין תניא ווערט דערקלערט די עצה צו יסו־רים. איין מאָל אין ערשטן חלק תניא און צוויי מאָל אין אגרת הקדש.

אין ערשטן חלק תניא[17]) שטייט, אַז די עצה צו יסורים איז לקבולי בשמחה, וואָס דורך דעם וועט ער זוכה זיין אַז לעתיד לבוא וועט עס אַראָפּקומען בטוב הנראה והנגלה.

דאָס איז דאָך אָבער אַן ענין וואָס מען דאַרף וואַרטן אויף לעתיד לבוא.

אין אגרת הקדש אין איין אָרט[18]), גיט ער די עצה, לפשפש במעשיו. ער זאָל זיך באַטראַכטן ווי המלך הגדול רוחץ צואת בנו יחידו, כמו שכתוב[19]) אם רחץ ה׳ את צואת בנות ציון גו׳, וואָס דאָס קומט דאָך מצד דער אהבה רבה שלמעלה, וואָס דורך דער התבוננות איז כמים הפ־נים אל פנים וועט ער מעורר זיין די אהבה ביי זיך צום אויבערשטן, וואָס דורך דעם וועט ער ממשיך זיין למעלה, אַז די אהבה וועט זיין אַן אהבה מגולה, וואָס במילא וועט עס אַראָפּקומען אויך למטה בטוב הנראה והנגלה.

די עצה, כאָטש אַז מען דאַרף טאַקע ניט וואַרטן אויף לעתיד, ער קען האָבן טוב הנראה והנגלה אויך איצטער, דאַרף מען אָבער צו איר האָבן התבוננות און התעוררות אהבת הוי׳ וכו׳.

אין צווייטן אָרט אין אגרת הק־דש[20]), גיט ער די עצה, מען זאָל וויסן אַז דאָס איז אַן ענין פון נס־יונות, מען פרוּווט אויס דעם מענטשן צי ער האָט אַ רצון אין עניני עולם הזה און חיי הגוף. און דורך דעם וואָס ער שטייט ביי דעם נסיון, קומט עס אַראָפּ אין טוב הנראה והנגלה.

16) זע סנהדרין מא, ע״ב אין אָנפאַנג.
17) פרק כו.
18) סימן כב.
19) ישעי׳ ד, ד.
20) סימן יא.

די מעלה אין דער עצה איז, אַז מען דאַרף ניט וואַרטן אויף התעוררות אהבה וכו', און ביז דעמאָלט ליידן יסורים חס ושלום, נאָר באַלד ווי מען שטייט ביי דעם נסיון, ווערט מען פטור פון יסורים. אויך איז די מעלה אין דעם, אַז עס איז גענוג אויך אַ ביסל יסורים, וואָרום אויך מיט אַ ביסל קען מען אים אויס־פּרואוון, און באַלד ווי מען זעט אַז ער ווערט ניט נתפעל פון דעם, נעמט מען דאָס צו פון אים.

אָבער פונדעסטוועגן, דאַרף מען דאָך דאָ ביישטיין דעם נסיון.

די מעלה פון רשב"י און פּנימיות התורה אָבער איז, אַז מען דאַרף ניט וואַרטן אויף לעתיד, ניט אויף התעוררות אהבה וכו', און ניט אויף ביישטיין נסיונות, נאָר מצד פּנימיות התורה טייטשט מען אויס, באַלד, און מען איז מגלה יעדער ענין, בטוב הנראה והנגלה[21].

ט. דער דאָזיקער ענין איז פאַר־בונדן אויך מיט דעם היינטיקן שבת — דער שבת וואָס נאָך ל"ג בעומר.

אויף שבת שטייט[22], מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת. ערב שבת דאָ — מיינט ניט פרייטיק דוקא, נאָר אַלע טעג פון פאַריקער וואָך, אָנהויבנדיק פון זונטיק אָן, דאַרף מען אָנהויבן גרייטן זיך צו שבת[23].

דערפאַר איז יעדן טאָג פון וואָך, פון זונטיק אָן, זאָגט מען היום יום ראשון בשבת, יום שני בשבת, א. וו. וואָס דאָס ציילט מען די טעג צום קומענדיקן שבת[24]. און ווי דער רמב"ן זאָגט אויפן פסוק זכור את יום השבת לקדשו[25], אַז מיט ציילן די טעג צום קומענדיקן שבת, איז מען מקיים די מצוה פון זכור את יום השבת לקדשו.

דערפאַר שטייט אויך[26] אַז די תפ־לות פון אַלע זעקס טעג פון וואָך זיינען עולה בשבת.

דאָס איז ניט קיין סתירה צו דעם וואָס די גמרא זאָגט אַז נאָר די לעצ־טע טעג פון וואָך, פון מיטוואָך אָן, האָבן אַ שייכות צום קומענדיקן שבת, אָבער די ערשטע טעג פון וואָך האָבן אַ שייכות צום פריערדיקן שבת — וואָס דערפאַר קען מען מאַכן הבדלה אויב ער האָט פאַרגעסן וכו' און מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד תרגום ביז דינסטיק פון דער קומענ־דיקער וואָך[27] — ווייל דאָס זיינען באַ־זונדערע ענינים, און ווי עס ווערט אין אַ צווייטן אָרט דערקלערט אַז עס זיינען דאָ המשכות השבת וואָס זיינען נאָר ביז דריי טעג (פאַר שבת און נאָך שבת)[28]. אָבער וואָס עס דאַרף עולה און נכלל ווערן אין שבת, זיינען אַלע ששת ימי החול פאַר שבת, אַ הכנה און זיינען עולה אין דעם שבת וואָס קומט נאָך זיי.

לויט דעם איז היינטיקן שבת די עלי' און התכללות פון ל"ג בעומר

---

21) בדוגמת רשב"יס ברענגען רעגן גלייך דורך זאָגן תורה, אָן תעניות, תפלות וכו' (זהר חלק ג נט, ב).

22) עבודה זרה ג, א.

23) זע ביצה טז, א. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן רמב ס"י.

24) זע אויך שולחן ערוך אבן העזר סימן קכו, ס"ג.

25) שמות כ, ח.

26) זע תורה אור י, א.

27) פסחים קו, א. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סימן רפה, ס"ה. שם סימן רצט ס"ח.

28) שבת מיני' מתברכין כולי יומי — הוא כל השבוע שלאחר זה כמובן. ואכ"מ.

— דער יום ההילולא און יום השמחה פון רשב"י.

י. וועגן דעם ענין פון הסתלקות שטייט[29]) אַז אין דעם טאָג פון דער הסתלקות ווערט נכלל זיך גאַנצע עבודה און האָרעוואַניע וואָס ער האָט געהאָרעוועט דעם גאַנצן לעבן. וואָרום בשעת הסתלקות איז דאָך דער גמר עבודת הנשמה וואָס זי האָט געדאַרפט אויפטאָן מיט דעם גוף.

— ד. ה. אַז אַפילו אויב זי דאַרף אַראָפּקומען נאָכאַמאָל אין גלגול, איז דאָך דאָס אָבער דער גמר העבודה וואָס זי האָט געדאַרפט אויפטאָן מיט דעם גוף —

און מצד דעם איז דאָ אַ מעלה אין דעם טאָג פון הסתלקות אויף דער עבודה פון דעם גאַנצן לעבן, ווייל בעת דער הסתלקות קלייבן זיך צונויף אַלע עבודות צוזאַמען.

נאָך מערער: בשעת עס קלייבן זיך צונויף אַלע עבודות צוזאַמען, קומט צו אויך אַן אור וואָס איז העכער פון זיי אַלע.

ווי למשל, בשעת עס קלייבן זיך צוזאַמען עטלעכע אותיות, וואָס יעדער אות האָט דאָך אַ באַזונדער פירוש און ענין[30]), און ווען מען שטעלט צונויף עטלעכע אותיות, ווערט אַ וואָרט. קומט דאָך צו אַ נייע זאַך, דער כוח וואָס איז מצרף די אותיות[31]), דער תוכן פון דעם וואָרט, דער אור העולה על כולנה.

און ווי ס'איז אויך ווען עס זיינען זיך מצטרף צען אידן אינאיינעם, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ נפש אלקית, קומט צו אַ נייער ענין, די השראת השכינה וואָס עס איז פאַראַן אויף עשרה מישראל.

יא. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין דעם ענין פון ל"ג בעומר, דער יום ההסתלקות פון רשב"י, אַז ווי גרויס עס איז געווען די מעלה פון עבודת הרשב"י ביים לעבן, וואָס ער האָט געזאָגט[32]): בחד קטירא אתקטרנא בי' אחידא בי' להיטא, איז נאָך גרעסער די מעלה וואָס האָט זיך אויפגעטאָן אין דעם טאָג פון זיין הסתלקות, מצד דער מעלה פון סך־הכל און דעם אור העולה על כולנה.

דאָס איז אויך וואָס שטייט[33]) ביי משה רבינו, חמשים שערי בינה נבראו בעולם וכולן ניתנו למשה חסר אחד, נאָר בשעת זיין הסתלקות האָט ער זוכה געווען אויך צום שער הנו"ן, הר נבו — נו"ן בו.

יב. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין מדרש[34]) אויפן פסוק[35]) כי לא יראני האדם וחי, שאפילו חיות הקדש אינן רואות, ווייל זיי זיינען תחת הרקיע. אויך זאָגט דאָרט דער מדרש אויף צדיקים — בחייהם אינם רואים אבל במיתתם רואים.

אין פלוג, וויבאַלד אַז אַפילו חיות הקדש, גאָר אַ הויכע מדריגה אין מלאכים, אינן רואות, היינט ווי קומט

---

29) דרושי ל"ג בעומר בסידור אדמו"ר הזקן, און זע אגרת הקדש סימן כז.

30) תניא חלק ב פרק יא.

31) דאָרט פרק יב. און זע ד"ה זאת חוקת התורה, תער"ב.

32) זע זהר חלק ג רפה, א. רצב, א.

33) ראש השנה כא, ב.

34) סוף פרשה נשא.

35) שמות לג, כ.

עס אַז צדיקים במיתתם רואים? אויב דאָס איז מצד מעלת הנשמות על המלאכים, האָבן דאָך נשמות געדאַרפט זען אויך בחייהם?

לויט דעם איז אָבער מובן, ווייַלע בשעת דער הסתלקות איז דאָ די מעלה פון דעם סך־הכל און דעם אור העולה על כולנה, אַ מעלה, צו וועלכער מען קען צוקומען ביי גמר העבודה.

יג. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס ווערט דערציילט אין כתבי האריז"ל [36]), אַז ר' אברהם הלוי פלעגט זאָגן אַלע טאָג תפלת נחם, ווײַלע ער האָט זייער שטאַרק געקלאָגט אויפן חורבן בית המקדש און געבענקט צום בנין הבית שיהי' לעתיד. איז ווען ער האָט געזאָגט נחם אויך ל"ג בעומר אין מירון, האָט רשב"י פאַראיבל געהאַט, און עס האָט אים פאַרשאַדט.

איז דער ענין אין דעם, ווי עס ברענגט זיך [37]) בשם דעם אַלטן רבי'ן נ"ע, אַז עס זיינען פאַראַן נשמות פון יחידי סגולה וואָס פאַר זיי איז ניט געווען דער גאַנצער ענין החורבן, און איינער פון זיי איז רשב"י.

במילא, בשעת עס איז געקומען ל"ג בעומר, האָבן זיך דעמאָלט צונויפגעקליבן אַלע עבודות פון רשב"י מיט דעם אור העולה על כולנה, איז אין אַזאַ טאָג האָט ער — ר' אברהם הלוי — ניט געדאַרפט פילן דעם גאַנצן ענין החורבן; זייענדיק דעם אריז"ל'ס אַ תלמיד, האָט ער דאָך געוואוסט אַז דער ענין ההסתלקות איז דער גמר העבודה כנ"ל, און האָט אויך געוואוסט דעם ענין און די מעלה פון דעם רשב"י, במילא האָט ער ל"ג בעומר דעם חורבן ניט געדאַרפט פילן.

יד. די דערקלערונג אין דעם איז:

עבודת הרשב"י איז געווען ממשיך זיין פנימיות התורה און סתים דאורייתא אין גליא דתורה און דורך דעם אויך אין גליא פון וועלט. עס זיינען געווען כמה תנאים וואָס האָבן זיך עוסק געווען אין פנימיות התורה, דער אויפטו פון רשב"י, אָבער, איז געווען אַז ער האָט עס ממשיך געווען בגילוי אין וועלט.

וויבאַלד ער האָט ממשיך געווען פנימיות התורה אילנא דחייא, בגילוי אין וועלט (אופן ההנהגה דלעתיד), איז דאָך במילא ניט שייך דער גאַנצער ענין הגלות.

טו. דערמיט וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין מדרש [38]) אַז איינער פון רשב"י'ס תלמידים איז אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער אָרט און איז געוואָרן אַ גביר. ווען דער תלמיד איז צוריקגעקומען האָבן די אַנדערע תלמידים געקראָגן אַ חלישות הדעת. האָט זיי דער רשב"י אַוועקגעפירט אין אַ בקעה — לויט דער גירסא אין תנחומא [39]) איז עס געווען אין בקעה שע"פ מירון, רשב"י'ס הר נבו — און האָט געזאָגט, בקעה בקעה התמלאי דינרי זהב. בשעת די בקעה איז פול געוואָרן מיט דינרי זהב, האָט ער געזאָגט צו די תלמידים, אַז יעדער איינער קען דער־

---

36) פרי עץ חיים שער ספירת העומר פרק ז.

37) פלח הרמון שמות ע' ז.

38) שמות רבה פנ"ב, ג. שוחר טוב פ' צב.

39) פקודי ס"ז (הוצאת בובר).

פון נעמען וויפל ער דארף, נאר זיי זאלן וויסן, אז דאס איז זייער חלק פון לעתיד לבוא. ותשחק ליום אחרון [40]), האבן די תלמידים ניט גענומען.

דערנאך דערציילט ער אין מדרש נאך א מעשה, אז ר' שמעון בן חלפתא — ער איז געווען שפעטער פון רשב"י, ער איז דאך געווען אן אמורא [41]) — איז געווען א גרויסער ארעמאן, און האט ניט געהאט אויף הוצאות שבת ויום טוב. האט ער אויף דערויף מתפלל געווען, האט מען אים געגעבן מלמעלה אן אבן טוב, האט ער עס פארקויפט און דאס געלט אויסגעגעבן אויף הוצאות שבת ויום טוב. ווען זיין ווייב האט עס געזען, האט זי אים וועגן דעם געפרעגט, און ער האט איר דערציילט די גאנצע מעשה. האט זי געזאגט אז זי איז אויף דעם ניט מסכים, ווייל לעתיד וועט זיין שלחנך חסר ושלחן חבירך מלא. איז ר' שמעון בן חלפתא אוועק אין פעלד און האט מתפלל געווען, האט מען עס ביי אים צוגענומען צוריק.

און דער מדרש פירט אויס: רבותינו אמרו, אז דער צווייטער נס איז גרעסער פון דעם ערשטן, ווייל משמיא מיהב יהבי משקל לא שקלי [42]).

דארף מען פארשטיין, פארוואס האט מען געזאגט גדול נס האחרון כו' אויף דער שפעטערדיקער מעשה פון ר"ש בן חלפתא, און ניט אויף דער פריערדיקער מעשה פון רשב"י, וואָרום אויך ביי דער מעשה מיטן רשב"י ווען די תלמידים האבן געזאגט אז זיי ווילן ניט נעמען, האט מען דאך זיכער די דינרי זהב מלמעלה צוריק צוגענומען.

— וויבאלד אז רשב"י'ס תלמידים האבן עס ניט גענומען און אין שפעטערדיקע דורות האט מען אויך ניט געפונען אין בקעת מירון קיין דינרי זהב, האט מען דאך דאס מסתמא צוריק צוגענומען —

אויך איז ניט פארשטאנדיק, וואס אין מדרש פ' נח וואו ער רעכנט אויס די מעלות פון רשב"י, זאגט ער דארטן אז בימיו לא נראתה הקשת, און ער דערציילט דארטן אויך די מעשה וואס ער האט געזאגט בקעה בקעה התמלאי דינרי זהב. איז אויב דאס וואס מען האט צוגענומען צוריק איז א גרעסערע מעלה, האט ער דאך געדארפט זאגן אין מדרש די מעלה פון רשב"י, וואס ער האט גע'פועל'ט מען זאל די דינרי זהב צונעמען צוריק?

נאר לויט ווי מען האט גערעדט, אז דער ענין פון רשב"י איז געווען צו ממשיך זיין פנימיות התורה בגלוי אין עולם, אז אויך איצטער בזמן הגלות זאל זיין דער סדר ווי בזמן הבית ובביאת המשיח, וועט מען עס פארשטיין בפשיטות:

טז. מצד תורה ווערן נמשך אלע המשכות אויך בגשמיות, ווי עס שטייט [43]), עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכי' מאושר גו', בשמאלה עושר וכבוד [44]), ומכל שכן בימינה כדרשת רז"ל [45]). אויך אין היינטיקער סדרה

---

40) משלי לא, כה.

41) רש"י (בעין יעקב) מועד קטן ט, ב. וראה מפרשי המשנה סוף עוקצין.

42) זע תענית כה, א.

43) משלי ג, יח.

44) שם ג, טז.

45) שבת סג, א.

שטייט אם בחוקותי תלכו גו׳ ונתתי גשמיכם בעתם גו׳ און ווי די גמרא [46] זאָגט, חטים ככליות, וואָס דאָס איז דער סדר ההנהגה ווי עס איז געווען בזמן הבית און ווי עס וועט זיין לעתיד.

דערפאַר איז רשב״י, וואָס ביי אים איז דער חורבן ניט געווען, האָט ער מיט תורה געקענט ממשיך זיין דינרי זהב בגשמיות. דער אויפטו איז נאָר געווען וואָס ער האָט עס ממשיך געווען ניט נאָר פאַר זיך וכ־יוצא בו, וואָס לגבי זיי איז דער חורבן ניט געווען, נאָר ער האָט גע׳פועל׳ט די המשכה אויך פאַר זיינע תלמידים, וואָס זיי זיינען נאָך געווען אין אַ מדריגה פון גלות.

— די ראי׳ איז פון דעם גופא וואָס זיי האָט אָנגערירט ענינים גש־מיים, וואָס לעתיד וועט דאָך דאָס לגמרי ניט זיין שייך, ווי עס שטייט אין רמב״ם [47]) אַז דאָס וואָס נתאוו לימות המשיח איז עס ניט מצד גשמיות, ווייל דעמאָלט וועט מען זיך מסתפק זיין במועט, ווי עס שטייט אין פסוק [48]), והי׳ ביום ההוא יחי׳ איש עגלת בקר ושתי צאן, —

און פונדעסטוועגן האָט רשב״י גע׳־פועל׳ט די המשכה אויך צו זיי, ווי־באַלד אַז די המשכה איז געקומען מצד גילוי פנימיות התורה, מעין דלע־תיד, איז אַזוי ווי פנימיות התורה האָט ער ממשיך געווען בגלוי אין עולם צו אַלעמען, האָט ער אויך אַזוי ממשיך געווען די המשכות וועל־כע קומען דורך איר.

און דאָס איז דער סיפור בדיוק הלשון — בקעה, אַז אויך אין בקעה, אַ נידעריק אָרט, „בקעה מצא״, האָט ער ממשיך געווען דעם אופן ההנהגה פון לעתיד לבוא.

יז. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין וואָס מען דערציילט אויף רשב״י די מעשה וואָס ער האָט ממשיך געווען דינרי זהב און ניט די מעשה וואָס מען האָט עס צוגענומען צוריק, ווייל ניט דאָס איז דער ענין פון רשב״י. דער פלא אין דעם וואָס מען האָט גענומען צוריק איז מצד דעם וואָס משמיא מיהב יהבי משקל לא שקלי, וואָס מען האָט משנה געווען דעם סדר אין הימל, אָבער ניט דאָס איז דער ענין פון רשב״י. זיין ענין איז ממשיך זיין דאָ למטה, דורך פנימיות התורה, דעם אופן ההנהגה פון לעתיד.

און דאָס איז אויך וואָס רשב״י האָט געזאָגט [49]) אַז ער וועט מגין זיין אויף אַלע דורות וואָס פון אים ביז ביאת המשיח, ווייל רשב״י און פנימיות התורה האָבן אַ שייכות צו משיח׳ן [50]), און דאָס איז זיין ענין, כנ״ל.

יח. עס איז דאָך באַוואוסט [51]) אַז יעדן יאָר חזר׳ן זיך איבער די ענינים וואָס זיינען געווען דעם ערשטן מאָל אין יענעם טאָג. אַזוי ווי יעדער ט״ו ניסן איז מאיר יציאת מצרים און

---

46) תענית כג, א.

47) הלכות תשובה פרק ט הלכה ב. והלכות מלכים פרק יב הלכה ד.

48) ישעי׳ ז, כא.

49) בראשית רבה ר״פ לה.

50) זע זהר חלק ג קכה, ב. ברעיא מהימנא: יפקון בי׳ מן גלותא.

51) זע ספר המאמרים ה׳תש״ד ע׳ יג.

יעדער שבועות — מתן תורה, איז אויך יעדער ל"ג בעומר מאיר דער ענין פון רשב"י און די הנהגה פון לעתיד לבוא.

וואס רשב"י האט עס איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים און צו די דורות נאך אים, און האט עס אריינגעגעבן אין פנימיות התורה וואס איז נתגלה געווארן אין הבנה והשגה דורך תורת חסידות חב"ד,

בפרט אין לעצטן דור, דרא דמשיחא, וואס דעמאלט ועט זיין אזוי ווי דרא דרשב"י [52],

וועלן דורך פנימיות התורה נמשך ווערן אלע המשכות אויך בגשמיות, בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש"פ בה"ב, תשט"ז)

---

52) זע זהר חלק ב קמז, א. חלק ג קנט, א.

לעילוי נשמת

**מרת שרה דבורה**

**בת ר' שמואל ע"ה**

נפטרה ביום וערש"ק פ' ויקהל

כ"ח אדר ראשון, ה'תשנ"ז

**ת.נ.צ.ב.ה.**

◆

ספר זה נדפס

ע"י

בנה הנדיב ר' **זאב שלום** הלוי

ומשפחתו שיחיו

**למשפחת הורביץ**

(פאלו, בראזיל)

הוצאת ספרים
קרני הוד תורה
קה״ת
ליובאוויטש